STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00835

ZAMLBIKHER

Permanent preservation of this book was made possible
by Robert M. Septon, M.D.
in honor of
dos beliebte mame loshn (my beloved Yiddish)

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאַמלביכער

8

רעדאַקטירט:
י. אָפּאַטאָשו
ה. לייוויק

ניו־יאָרק, 1952

"ZAMLBICHER"

COPYRIGHT 1952
BY "ZAMLBICHER"

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK

„זאַמלביכער" נומער אַכט

ווידמען מיר

אַלע ליקווידירטע —

שטום־געמאַכטע,

צי אומגעבראַכטע —

יידישע שרייבער

אין סאָוויעט־רוסלאַנד

אינהאַלט

זייט

פון דער רעדאַקציע 5

א. לעיעלעס—משה קולבאַק . . 8

משה קולבאַק—לידער . . . 21

ה. לייוויק—איזי כאַריק . . 27

איזי כאַריק—לידער 35

דר. י. שאַצקי—מאַקס עריק . 41

דר. י. שאַצקי—ישראל צינבערג 55

ש. ניגער—דער נסתר . . . 64

דער נסתר —
פון „משפחה מאַשבער" . . 76

בריוו פון דוד בערגעלסאָן, פרץ מאַרקיש, מאַקס עריק, צו ש. ניגער, י. אָפּאַטאָשו, מ. עלקין 85

י. גיל—דוד בערגעלסאָן. . . 120

דוד בערגעלסאָן—פון „פענעק" 129

מלך ראַוויטש—פרץ מאַרקיש . 138

פרץ מאַרקיש—לידער . . . 158

יעקב גלאַטשטיין—איציק פעפער 167

איציק פעפער—לידער . . . 175

חיים גינינגער—זלמן רייזען . 185

זייט

שלמה ביקל—י. שטערנבערג . 195

יעקב שטערנבערג—לידער . . 207

י. אָפּאַטאָשו—דריי העברעער . 210

גבריאל פרייל—חיים לענסקי . 217

חיים לענסקי—לידער . . . 222

ב. גראָבאַרד—א. קיפּניס . . . 226

ל. פיינבערג—ש. האַלקין . . 233

ש. האַלקין—לידער 241

א. גאָלאָמב—פון זייער אָנהייב . 249

דוד האָפּשטיין—לידער . . . 257

יעקב גלאַנץ—נסיון 267

בעריש ווײַנשטיין—געטיסבורג . 283

נחום באָמזע—לידער . . . 291

יוסף רובינשטיין—פּאַריז 1947 298

יעקב פרידמאַן—לידער . . . 305

פעסי הערשפעלד-פּאָמעראַנץ—
לידער 311

יצחק מאָרגענשטערן—לידער . 315

י. פריילינך—פייגל 320

יחיאל האָפער—מנחם באָרײַשאַ . 344

ערשטע אַלפֿאַרבאַנדישע באַראַטונג פֿון יידישע שרייבער, מאָסקווע, 5 אויגוסט, 1934

1טע ריי, רעכטס: (פֿון אונטן אַרויף)
1. י. בראָנשטיין, 2. ליפֿמאַן לעווין, 3. ד. קושנירעוו, 4. א. וועוויאָרקע, 6 נאָטע לוריע, 7. א. פֿעפֿער, 8. ל. קוויטקע, 9. פּ. מאַרקיש, 10. י. אָפּאַטאָשו, 11. ש. גאָדינער, 13. מ. דאַניעל

2טע ריי:
1. ל. רעזניק, 2. ש. האַלקין, 3. ש. ראָסין, 4. נ. ה. קאָן, 5. ש. בערגמאַן, 6. פּיאַטיגאָרסקאַ, 7. יודל יאָפֿע, 8. משה ליטוואַקאָוו, 9. מ. אַלבערטאָן, 10. איזי כאַריק, 11. חנה לעווין, 12. י. ראַבין, 16. משה טייטש

3טע ריי:
1. נ. אויסלענדער, 2. מערי בענקין, 3. נח לוריע, 4. א. אַבטשוק, 5. עלי גאָרדאָן

4טע ריי:
3. מ. באַשטשעווסקי, 4. ז. אַקסעלראָד, 5. ש. פּערסאָוו

ד רײַ פולע יאָר

זײַנען שוין אַריבער זינד איבערן גאַנצן ייִדישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ דיקער חושך. אַלע אונדזערע באַמיאונגען ביז הײַנט צו דערגײן גענוי וואָס מיט די קרוב צו צוויי מיליאָן ייִדן דאָרט, — צי אפשר מער, — קומט פאָר, האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

איין זאַך ווייסן מיר יאָ קלאָר:

נישטאָ דאָרטן מער אונדזער ייִדיש ווי אַ לעבעדיקע שפּעפּרישע שפּראַך; נישטאָ דאָרטן מער די ייִדישע ליטעראַטור; נישטאָ דאָרטן מער קיין ייִדיש טעאַטער, קיין ייִדישע צײַטונג, קיין מינדסטע ייִדישע קינדער־שול. אויף דער גאַנצער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור אין סאָוועט רוסלאַנד איז נגזר געוואָרן פאַרלענדונג.

און די ייִדישע שרײַבער און קינסטלער אַליין — וואָס אַזוינס איז געשען מיט זיי דאָרטן? — וואָס איז געשען מיט בערגעלסאָנען, מיט מאַרקישן, מיט פעפערן, מיט האַלקינען, מיט האָפשטיינען, מיט נסתרן און מיט אַיעדן פון דער ייִדישער ליטעראַטור — דאָרטן אין דער פאַרזיגלטער שטומעניש?

זײַנען זיי אויף דער פרײַ, צי זיי זײַנען פאַרשפאַרט הינטער גראַטעס אין טורמעס, אָדער פאַרשיקט אין ארעסטאַנטן־לאַגערן?

לעבן זיי ערגעץ, אָדער זיי זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן?

און די שרײַבער וואָס לעבן, נאָר זיי זײַנען געצוואונגען צו ווערן שטום — צי איז נישט פאַר זיי שטומקייט דורך גוואַלד דאָס זעלבע וואָס טויט? — בפרט נאָך ווען די האַנט, וואָס האָט פאַרחתמעט זייער גורל, איז די זעלבע האַנט וואָס די פאַרשטומטע האָבן אין משך פון לאַנגע יאָרן אַזוי געטרײַ באַזונגען, אַזוי צערטלעך געגלעט.

שוין איינמאָל אַ דאַנק פאַר געטרײַשאַפט! שוין איינמאָל אַ שכר! שטוינען מיר, פרעגן מיר און — אין קול ואין עונה.

די מערסטע פון די סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבער, אייניקע פון זיי די סאַמע וויכטיקסטע, ווי אַ דוד בערגעלסאָן למשל, האָבן אין אײַער פון צופּאַסן זיך צו דער „ליניע” און פון „אַוועקגעבן זיך אינגאַנצן”,

טאַקע אַוועקגעגעבן אַלץ פון זיך. נישט אָפּגעשטעלט זיך פאַר קיין זאַך — נישט פאַר דער פולסטער כפירה אין נאַציאָנאַל־יידישן מהות, נישט פאַר עקסטרעמסטן חלול פון טראַדיציאָנעלן יידישן לעבנס־שטייגער, נישט פאַר דער פאַרשוועכונג פון אייגענע טאַטע־מאַמע (זע בערגעלסאָנס חלול־שילדערונג פון יום־כפור אינעם פראַגמענט פון זיין ווערק „פּענעק״; זע מאַקס עריקס „ודוי״; זע איציק פעפערס „צום ווענטל״־לידער).

מיר דערמאָנען דעם פּרט נישט כדי אין איצטיקן מאָמענט צו משפטן בערגעלסאָנען און אַנדערע מיט אים; אין איצטיקן מאָמענט ווייסן מיר נישט ווי ווייט, אָדער ווי נישט ווייט יעדער פון זיי איז געווען געצוואונגען צו גיין אין זיין יידישער פאַרלייקענונג. מיר אָנען אָבער אָן ספק זייער אנוסימשאַפט. מיר ברענגען אינעם זאַמלבוך געוויסע מוסטערן פון זייערע ווערק, סיי פון די פּאָזיטיווע, סיי פון די נעגאַטיווע, כדי צו געבן שטריכן אי פון זייער אָרגאַנישער שעפערישקייט, אי פון זייערע ירידות, פון זייערע קרומקייטן, וואָס אין תוך איז זייער סיבה געווען: טראַגישקייט.

משפטן — משפטן מיר אָבער יאָ אין הארצן די האַנט, וואָס האָט אַריינגעוואָרפן אין פינצטערניש און אין אומעקזיסטירונג זייער לעבן און זייערע ווערק. מיר משפטן אין האַרצן אויך אַלע די מחוץ סאָוויעט רוסלאַנד, וואָס גיבן זייער הסכמה אויף אָט דעם כרת, אָדער פאַרשווייגן אים. אין דעם פאַל איז פאַרשווייגן — הסכמה.

מיר דאַרפן דאָ זאָגן קלאָר, אַז צווישן די יידישע שרייבער אין אַמעריקע און די יידישע שרייבער פון סאָוויעט רוסלאַנד איז אין משך פון לאַנגע יאָרן נישט געווען קיין שלום. די סיבה פאַרן אומשלום איז געקומען מצד זיי, ד. ה. מצד דער סאָוויעטישער דיקטאַטור־ליניע. אַלץ איז געטאָן געוואָרן פון זייער זייט כדי וואָס טיפער צו מאַכן דעם תהום צווישן זיי און אונדז. דער תהום איז טאַקע געוואָרן אַ שרעקלעכער.

און איצטער —

ווי אונדזערע באַציאונגען זאָלן נישט געווען זיין — דעם אומקום וואָס איז נגזר געוואָרן אויף זיי נעמען מיר נישט אָן. מיר אָנער־קענען נישט קיין שום מאַכט וואָס ליקווידירט שעפערישקייט, וואָס פאַרשטומט אַ פאָלקס לשון, וואָס פאַרשניידט אַ פאָלקס דיכטערס און קינסטלערס און געפינט אפילו נישט פאַר נייטיק צו דערקלערן די סיבה דערפון.

פאַר אונדז זיינען די ליקווידירטע — פאַרשטומטע, צי אומגעבראַכטע
יידישע שרייבער אין סאָוויעט רוסלאַנד נישט ליקווידירט, צי
מיר זיינען מסכים מיטן אינהאַלט פון אַ טייל פון זייערע ווערק צי
נישט. זיי געהערן צו אונדזער ליטעראַטור, צו אונדזער פאָלקס־שאַפונג
סיי מיט זייערע מעלות, סיי מיט זייערע חסרונות — מיט זייערע
דערגרייכונגען און מיט זייערע שטרויכלונגען.

צי זיי און די יידישע שרייבער פון דער גאָרער וועלט זיינען יע פאַראַן
אין דער לעצטער אויסגאַבע פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור־
ענציקלאָפּעדיע, אָדער נישט פאַראַן — דאָס איז נישט ווערט אפילו
קיין שמעק טאַבאַק. נישט אַ מאַכט־ענציקלאָפּעדיע איז די דעה־
זאָגערין איבער דער אמתער עקזיסטענץ פון אַ פאָלקס גייסטיקע
ווערטן. אויך אַ סאָוויעטישע ענציקלאָפּעדיע איז געמאַכט נישט פון
עפּעס אַנדערש ווי נאָר פון פּאַפּיר.

דעם חשבון מיט די יידישע שרייבער און קינסטלער פון סאָוויעט
רוסלאַנד וועט מאַכן נישט אַ מאָמענט־ענציקלאָפּעדיע, נאָר דאָס
פרייע פאָלקס לעבן אונדזערס. אַ חשבון אין און מיט און דורך דעם
פרייען וואָרט אונדזערן.

***

אינעם זאַמלבוך קומען אַריין אַרטיקלען — דערווייל נאָר וועגן אַ
באַגרענעצטער צאָל יידישע שרייבער פון סאָוויעט רוסלאַנד,
און אויך נאָר אַ באַגרענעצטע צאָל פראַגמענטן פון זייערע ווערק.
מיר האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אין דעם בוך צו געבן מער.
עס דאַרף, גלויבן מיר, אויפקומען אַ פּלאַן פאַר אַ גרויסער אויסשעפּנ־
דיקער אַנטאָלאָגיע וואו עס זאָל קאָנען אי אָפּגעשאַצט ווערן, אי אָפּ־
געשפּיגלט ווערן די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן
געוואָרן אין סאָוויעט רוסלאַנד פונעם אָנהייב פון דער רעוואָלוציע
אין 1917, ביז איר פאַרגוואַלטיקטן אונטערגאַנג מיט דריי יאָר צוריק,
אין 1948.

די לידער און די פראַגמענטן פּראָזע פון די סאָוויעטיש־יידישע שריי־
בער, וואָס מיר דרוקן אינעם זאַמלבוך ווי כאַראַקטעריסטישע
מוסטערן פון זייער קונסט, נעמען מיר אַרויס, אויף אונדזער אייגענעם
איינזען, פון זייערע ביכער, וואָס זיינען בשעתם אַרויסגעגאַנגען אין
סאָוויעטישע פאַרלאַגן.

ד י   ר ע ד אַ ק צ י ע

א. לעיעלעס

משה קולבאַק

1

עס איז, נאַטירליך, אַרויסגעוואָרפן צו ספּעקולירן, וואָס וואָלט געווען, ווען משה קולבאַק וואָלט נישט אַוועקגעפאָרן פון פוילן קיין סאָוועט־רוסלאַנד אין אָנהייב דרייסיקער יאָרן. אין דער היטלער־עפּאָכע איז דאָך קיינער נישט זיכער געווען מיטן לעבן אויף פוילישער ערד. דאָך איז דער וואַהרשיינלעכקייט...

משה קולבאַק איז קיין רוסלאַנד געפאָרן מיט זיין פרייען ווילן. ער איז געפאָרן האָפערדיק. ער האָט מיטגעפירט אויף זיין לפי ערך קורצער נסיעה פון ווילנע קיין מינסק גרויסע פעק מיט האָפענונגען און חלומות. ער האָט זיך געפילט צו־פיל איינגעקלעמט אין דער לופט פון דער האַלב־פאַשיסטישער פוילן. ער האָט אין דער קאָמוניסטישער רוסלאַנד געזען די מעגלעכקייט פונאַנדערצונעמען זיינע דיכטערישע, קינסטלערישע פליגל. עס האָבן אים געלאָקט די בשורות, וואָס זיינען געקומען פון יענער זייט פוילישער גרענעץ — עס גרינט דאָס יידישע וואָרט, עס בליט די יידישע קולטור, עס גאָלדיקט, ווי א רחבותדיק פעלד פון ווייץ און קאָרן, די צעשפרייטע יידישע ליטעראַטור. דער קאָמוניזם האָט די אַלע האָפענונגען אומגעבראַכט, און — נישט אַזוי לאַנג נאָך דעם, ווי משה קולבאַק איז פאַרנאַרט געוואָרן צו די סאָוועטישע גליקן. אָבער דער אומברענג איז נישט געווען בלויז א פיזישער. איידער משה קולבאַק איז גרויליק פאַרשניטן געוואָרן אין איינער פון די אומצאָליקע סאָוועטישע טורמעס אָדער משוגעים־הייזער, האָט דער קאָמוניזם פריער דערהרגעט זיינע חלומות. דער טרוימען־מערדער איז אפשר נאָך ערגער, ווי דער נפש־מערדער. יצחק קאַצענעלסאָן האָט געקאָנט איבערלאָזן זיין „ליד פון דעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק", וואו דער העברייאיש־יידישער דיכטער קריגט קעגן זיין גלויבן אין גאָט און קעמט זיך דאָס לייב פאַר זיין אמונה אין די הימלען. משה קולבאַק האָט גאָרנישט געקאָנט איבערלאָזן. אויף וויפל ער האָט זיך געריסן די האָר, איז עס פאַר זיין אייגענער גלייביקייט אין דעם מענטש, אין מענטשלעכע אידעאַלן; צוליב זיין געטרויען די מאַניענדיקע פייער־

לעך פון פאַלשע בשורות און פון רייד, וואָס זיינע פאַרפייניקער האָבן געהאַט די חוצפה נאָך ווייטער איבערצוחזרן — כדי נאָך ווייטער צו נאַרן נייע מיליאָנען אומעטום.

יצחק קאַצענעלסאָן איז אומגעקומען מיט אומבאַשעדיקטער מענטש־לעכער און יידישער ווערדע. משה קולבאַק איז פאַרמוטשעט געוואָרן מיט אַ באַשפּיגענער מענטשלעכקייט און מיט אַ צעטראָטענער יידישקייט. אָט דאָס מאַכט דעם נאָמען משה קולבאַק אייביק שרייען צו די הימלען אין דער יידישער געשיכטע — עד סוף כל הדורות. צוליב דעם וועט אונדזער האַרץ אייביק זיך איינקאָרטשן ביי אָט דעם נאָמען. מיט משה קולבאַק׳ן איז געשען וואָס האָט נישט געמוזט געשען. ער איז מיט אָפענע אויגן געגאַנגען צו זיין אייגענעם גורל, כאָטש מיט אַ בלינדער אמונה.

***

איך וועל אין די ווייטערדיקע שורות זיך אָפּשטעלן אויסשליסלעך אויף יענע לידער משה קולבאַקס, וואָס ער האָט געשריבן נאָך אויף דער זייט סאָוועטישע גרענעץ. איך טו עס צוליב דעם, וואָס נאָר אָט די לידער דריקן אויס דעם פריען דיכטער. דאָרטן האָט ער שוין געמוזט שרייבן נישט ווי ער האָט געוואָלט, נאָר ווי די אכזרדיקע, זיגזאַגישע ליניע האָט דיקטירט, און וואָס האָט זיכער נישט ווינציק געקאָסט דעמדאָזיקן לעבנס־לוסטיקן פּאָעט.

לעבנסלוסטיקייט איז דער קענטיקסטער שטריך פון משה קולבאַקס געמיט, אויף וויפל עס געפינט אויסדרוק אין זיינע לידער. אָט די לעבנס־לוסטיקייט האָט מיך, דעם אמת געזאָגט, צוגעצויגן צו אים נאָך זייער פרי. דאָס און — קולבאַקס מאָדערנער, גרויס־שטאָדטישער טאָן.

מיט קולבאַקס לידער בין איך באַקאַנט געוואָרן פון זיינע דיכטערישע אָנהייב־שריט. ער האָט מיר זייער אימפּאָנירט. צי ער האָט אַליין איבער־געשיקט צו מיר זיינע ערשטע לידער, צי אימעצער האָט מיר זיי געבראַכט פון אים — איך קאָן זיך איצט נישט דערמאָנען. איך געדענק אָבער גוט דעם איינדרוק. טאָמער וואָלט איך געצווייפלט אין מיין זכרון, ליגט ער, דערדאָזיקער איינדרוק, פאַר מיינע אויגן שוואַרץ אויף וויים. לאָמיך דאָ איבערדרוקן מיין באַציאונג צו דעם פּאָעט משה קולבאַק אין יענער גראָער, פרעהיסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט. איך ציטיר פון „אינזיך”, מערץ 1920, זז. 141—143:

„ער (משה קולבאַק) האָט נאָך וויניק לידער (אין זיין קליינער זאַמ־לונג) און פון די וויניקע פאַרדינט די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט די פּאָעמע ‚שטאָט‘. אָבער די פּאָעמע איז גענוג צו באַוויזן, אַז מען האָט פאַר זיך אַן אמתן, מאָדערנעם פּאָעט, וואָס נישט נאָר פאַרשפּרעכט ער אַ סך, נאָר וואָס האָט שוין אַ סך און פּאָזיטיווס געגעבן.

„איך שרייב וועגן משה קולבאַקס ‚שטאָט‘ מיט באַזונדערער ליבע דערפאַר, וואָס אין אים זעט מען די גרעסטע נאָענטקייט צו דער פּאָעזיע,

וואָס אַנטוויקלט זיך ביי אונדז אין אַמעריקע גופא. די מערסטע לידער פון יענער זייט ים זיינען פאַר אונדז געווען אַ גרוס, אַ גרוס פון נאָענטע, אָבער דאָך אַביסל פרעמדע. די דאָרטיקע זיינען נאָך אין פיל הינזיכטן געווען הינטערשטעליק, נאָך נישט דערגרייכט די אַנטוויקלונגס־שטופע, וואָס די היגע יידישע פּאָעזיע האָט פאַרן לעצטן צענדליק יאָר דעראָבערט.

„אין משה קולבאַקן פילט מען אַן אייגענעם דורכאַוס. זיין שטאָט־ליד האָט דאָ געקענט געשריבן ווערן. אין דער הינזיכט פון קראַפט, ריטעם און בילד האָט ער נאָך איבערגעשטיגן מאַנכע פון אונדז, וואָס האָבן אויך געפּרואווט די שטאָט און איר שטורמישן אָטעם אַריינצוגעבן אין פערזן. די פאָלגנדע אויסצוגן וועלן, האָף איך, איבערציינגן, אַז איך איבערטרייב נישט:

שווער־שווער האָב איך געפילט דעם שטיין, מעטאַל און אַרץ,
דאָס ביסל הימל־בלוי, ראָגן, שילדן, גאָלד־און־שוואַרץ,
די בריקן, ס'גראָ און טונקלקייט, דעם סעדער־הויך
די מענטשן, וויים און ברוין, אין דעם פאַבריקן־רויך.
די גאַסן פול מיט קלאַנג, פון טריט מיט קלאַנג פונעם גאַלאָפּ,
און אויגן־בלוים און פלאַם, און שטראָמיקייט פון קאָפּ אויף קאָפּ.
און פלוצלינג — כריזאַנטעמען, ציטריק־ווייסע כריזאַנטעמען
און אַ דאָרפיש קינד מיט פעלד־גרוך אין אירע ברעמען...
קינד מיינס, קינד! נאָר ס'לייכטן אין די פענצטער
פייער־שטיינער
ס'פינקלען שפּאָרן, שוואַרצע צעפּ, עס בלאַנקען ציינער,
ס'וויגט זיך אַ געלעכטער, קופּערדיק און וואָגיק־שווער
אָ, שווער...
און רו בין איך. פאַרשמידט זיך אין אַ קאַלטן רינג די ברוסט.
און וועקט אין שטאָט אַ טרוים, וואָס קיינער ניט געוואוסט —
אַזוי אַ יאָר, צי צוויי, צי אפשר מער.

„און ווייטער:

שווייגעניש שטיינערנע הענגט אויף די שטיבער. די מויערן
ריזיקע קניען
און שלאָפן ווי קעמלען צעלייגטע אויף אָפּרו, מיט אָפענע
מיילער און וויען.
עס גיסט זיך די שוואַרצמידע נאַכט אין די בוידימער, קוימענס
און טרויבן,
און ס'זינגט די לבנה אין איינזאַמער סביבה פון שטערן, —
די זילבערנע טויבן.
די שטאָט טוט אַ זיפץ.
און די שטילקייט פּאַסט איין אין איר גרוילעכן צאָפּ נאָך אַ
שוואַרצן רובין,

און פאַלט מיר אין איר זייד־העלן שטול, וועלכע וויגט זיך
אין רו אַזוי ציטערדיק־דין.
יאָ, וואָס זיפצט די שטאָט אין דער נאַכט?
אין איר פינצטערניש, טיף אין די קעלערן, שיילט זיך די שאָלעכץ
אַ שלאַנג,
און איז פייכט אויפגעהאָדעוועט, דרייט זיך אונטער די מויערן
גליטשעוודיק־לאַנג.
האַלב־נאַכט הייבט ער מידיק דעם גיפטיקן קאָפּ און עס קלינגען
די רינגען פון שפּאָט —
אום האַלב־נאַכט זיפצט אָפּ שווערער די שטאָט.
און יאָרן געפּילטע, מיט זונען, לבנות, אין רו־לאַנד
פאַרגייען.
קומט נאַכט און די אינזיכקייט ציילט די פאַרלאָשענע, גרויע
געשרייען.
דער פּחד געהיימער קוקט אויס פון די פּירהייזער, שויבן,
וואָס פעלן,
די אומרו, די בלינדע, קריכט אום, ווי אַן אַלט־שוואַרצער
הונט ביי די שוועלן.
און אויבן דער מילכוועג רינט זילבערדיק־לויטער, און בלוי
איז זיין וועלבונג, די קילע,
די רואיקייט פליסט פון אים ציטערדיק־העל, ווי אַ וואָרטלאָזע,
זינגענדע תּפילה.
„משה קולבאַק, האָב איך ווייטער געשריבן דעמאָלט (פאַרנאָטירנדיק,
אגב, די נאָענטקייט צו אונדז, וואָס האָט זיך אויך אָנטפּלעקט אין זיין
אויסדרוק „אינזיכקייט") איז — אורטיילנדיק פון אָט דער פּאָעמע אַליין,
זיכער דער פיינסטער, מאָדערנסטער יידישער פּאָעט פון אַלע די, וואָס זייערע
ווערק און נעמען האָבן אונדז ביז איצט דערגרייכט פון יענער זייט ים."

2

אחוץ דער שוין באַמערקטער לעבנס־לוסט און גרויס־שטאַטיקן אָטעם
האָט קולבאַק פון אָנהייב אָן צוגעצויגן אויפמערק מיט דער רייפקייט און
אויסגעהאַלטנקייט פון פאָרם. דאָס איז צו יענער צייט, ביי קולבאַקס אָנ־
הייב, נאָך אַלץ געווען עפּעס, וואָס האָט זיך געבעטן צו פאַרנאָטירן. משה
קולבאַק האָט נישט געשריבן גלאַט אין דער וועלט אריין, ווי ס'גיסט זיך
בלומרשט „אוממיטלבאַר" אַראָפּ פון דער פעדער. ער האָט אַליין פאַרמאָגט
קולטור און איז צו זיין דיכטעריש וואָרט צוגעגאַנגען מיט רעספּעקט, מיט
ליבשאַפט, וואָס האָט אים אַזוי גוט ווי געגעבן דאָס וואָרט צו כאָוון, אייג־
בייסן, שלייפן. עס איז דאָ אַ שלל נישט בלויז פון לעבנס־לוסט, נאָר אויך
פון פאָרם אין אַזוינע פערזן, ווי:

וואָס מיר שטאַרבן, ווען מיר שטאַרבן?
ס'איז אַ שפּריצעניש
פון פאַרבן.
ס'איז אַ בייט:
פרייד אויף קלעמעניש
פון לעבן;
ס'איז אַ נעמעניש
און געבן
אין דער צייט...

אין פּרט און פּאָרם, פון אַ באַוואוסטזיניק קולטיווירן פּערז און פון קאָנען ריטמיש אויסדרן נאָך ווינציק קולטיווירטע יידיש־קלאַנגען דער־מאָנט משה קולבאַק דעם אַזוי פרי־צייטיק פאַרשטאָרבענעם לייב ניידוס, וואָס זיין טויט קאָן אויך נישט דערמאָנט ווערן אָן אַ קלעם אין האַרץ, אָן אַ געפיל פון גרויסער אבדה פאַר דער יידישער פּאָעזיע. נאָר משה קולבאַק איז געווען קערנדיקער, וואָרצלדיקער, ערדישער. די ערדישקייט ספּעציעל איבעראַשט ממש. זי איז אויך נישט אַבסטראַקט, נאָר גרייליך קאָנקרעט — צוגעבונדן צו אַ באַשטימט אָרט. עס איז ליבשאַפט און פאַרקנעטנקייט מיט ליטע, ווייס־רוסלאַנד; מיט מינסק און ווילנע.

זיין לידער־ציקל אַרום ווילנע, אַ היפּש פּיאָנערישע אַרבעט צו דער צייט, וואָס ער האָט די סעריע געשריבן, פאַרכאַפּט מיט דעם ברייטן אָטעם, מיט דער פּאַרטיפונג און מיט דעם יידיש־פאַרגייסטיקטן געמיט, וואָס דער דיכטער האָט דאָ אַריינגעלייגט. קולבאַק איז אין אָט דעם פּרט אַ מין נאַטיר־לעכער און ווירדיקער פאָרגייער פון דער גרופּע „יונגע־ווילנע", וואָס די תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט געבראַכט דער יידישער ליטע־ראַטור. סוצקעווער, גראַדע, לייזער וואָלף, אלחנן וואָגלער, ש. קאַטשער־גינסקי און אַנדערע האָבן געהאַט פונוואַנען אָנצוהייבן, וועמען דירעקט ממשיך צו זיין. קולבאַקס ווילנע, אין פּערזן, איז די אמתע, עכטע ווילנע, ווי מיר זיינען שוין געוואוינט געוואָרן צו קוקן אויף דערדאָזיקער יידן־שטאָט.

אויף דיינע מויערן גייט ווער אַרומעט אין אַ טלית.
ביינאַכט איבער שטאָט איז ער אַליין אַ טרויעריקער אויף.
ער האָרכט: די אַלטע אָדערן פון שאַרע דורכהויפן און קלויזן
וואַכן, קלינגען ווי אַ הייזעריקע האַרף אַ שטויביקע.
דו ביזט אַ תהילים אויסגעלייגט פון ליים און אייזן;
אַ תפילה איז איעדער שטיין, אַ ניגון — יעדע וואַנט,
ווען די לבנה רינט אַראָפּ אין דיינע געסלעך פון קבלה
און ס'בלייכט אַרויס די נאַקעטע און מיאוס־קאַלטע פּראַכט.
דיין פרייד איז טרויער — די פרייד פון טיפע בעסער (באַסן)
אין קאַפּעליע. יום־טובים זיינען דיינע לוויות,
און טרייסט — די קלאָרע, לייכטנדיקע אָרעמקייט,
ווי שטילע זומער־נעפּלען אויף די ראָגן פון דער שטאָט.

די היימישע פּראָוואָרצלטקייט קולבאַקס זעט מען אויך אין זיין לעקסיק, אין דעם אויסקלייב פון זיינע ווערטער. ער פאַרשעמט נישט דעם סלאַווישן באַשטאַנד־טייל פון אונדזער אידיאָמאַטישער פאָלקס־שפּראַך. ער נעמט נישט אָן די צעטיילונג אויף יאָ־ און נישט־יחוסדיקע וואָרט־קלאַנגען. ער גייט דאָ מיט דעם גאַנג פון דער יידיש־טראַדיציע, לויט ווי זי האָט זיך געפעד־דימט און געוועבט ביי די בעסטע פאַרשטייערס און ליבהאָבערס פון אונדזער לשון. פון מענדל סאַטאַנאָווער (לעפין), דורך שלמה עטינגער ביז מענדעלי, שלום עליכם און י. ל. פּרץ, האָבן די בויער פון אונדזער ליטעראַרישן סטיל נישט געפּסלט קיין ווערטער — באשר זיי קומען פון סלאַוויש. זיי האָבן זיי חנעוודיק אַריינגעפלאָכטן אין זייער געוואַנט. האָט דער אוקראַאינער מענדעל סאַטאַנאָווער אויף אַ קורצן שטח פון זיין משלי־פאַריידישונג באַ־נוצט אַזוינע נאַטירלעכע יידישע ווערטער, ווי פּיאַלן, זשמעניע, האַרעוואַניע, וואַרפט משה קולבאַק, דער ליטוואַק, דורך זיינע פערזן מיט פּונקט אַזוינע נאַטירלעכע ווערטער, ווי ראַבינע, בידנע, וועסנע, סיווע, שאַרע, וויאַז, וכדומה. איך זאָג דער ליטוואַק, ווייל גראָד די אַמאָליקע ליטווישע משכילים האָבן געטריבן אָט די נאַטירלעכע, עכטע לשון־זאַפטיקייטן און זיי פאַר־ביטן מיט אומנאַטירלעכע, באמת אומיידישע דייטשמעריזמען און דערמיט דאָס לשון בלויז ווי אויסגעטריקנט, פאַרדאַרט.

קולבאַק איז נישט בלויז אַ פּראָוואָרצלטער אין יידיש, ער האַלט זיך אויך נישט אָפּ צו זיין עקספּערימענטאַטאָריש, האַלט זיך נישט אָפּ צו שאַפן דאָס, וואָס פעלט אים אויס. ער בויט פריי קערק פון קאַרק, קלענג פון קלאַנג. ער שאַפט אויך נייע ווערטער און זיי פּאַסן זיך גוט. איך האָב שוין געבראַכט זיין „אינזיכקייט". און אָט — נאָך עטלעכע: באַטשופרינעטער, מאַיקע (מאַיאָווע), געשטיין (שטיינער־מאַסע) און אַ סך אַנדערע.

און ליב געהאַט דאָס יידישע וואָרט האָט משה קולבאַק. ער האָט עס געצערטלט, זיך געשפּיגלט דערין, עס געפילט ווי מילדן טויבן־פלאַטער אין דער נשמה, ווי גליענישן אין חשבות:

> גענזען האָב איך יידישע ווערטער, ווי פּייערלעך קליינע
> ווי פּייערלעך קליינע
> ווי פונקען געצויגן פון פינצטערן אַרץ.
> געפילט האָב איך יידישע ווערטער, ווי טייבעלעך ריינע,
> ווי טייבעלעך ריינע.
> די טייבעלעך וואָרקן און וואָרקן אין האַרץ.

אגב, איז ער געווען איינער פון די ערשטע, אויב נישט דער ערשטער אין דער פּאָעזיע צו באַנוצן דאָס וואָרט אַרץ, ווי רוי־מינעראַל.

ווי עכט עס איז געווען זיין צערטלעכקייט צו יידיש לשון, אַזוי איז משה קולבאַק בכלל גרינטלעך נאַציאָנאַל, פאָלקיש פּאַרוועבט, יידיש אין גייסט פון קאָפּ ביז די פּיס.

וואָס האָט טאַקע געטאָן אין דעם לאַנד, וואו אַלע מאַנטיק און דאַר־
נערשטיק האָט, לויט דעם קאַפּריז פון אַן אומוויסנדן „פּאַרטייער", אָדער אַ
פאַרפּאַכטן ייד־קאָמיסאַר, זיך געביטן די ליניע בנוגע די „נאַצמינדערהייטן"?
וואָס האָט דאָרטן געטאָן אַ יידישער פּול־בלוטיקער פּאָעט, וואָס האָט
געשליפן אַזוינע שורות:

עס שלייכט צום עמוד ווער, געזאַלבט פון אַלטן טרויער:
ס'איז דער העלער מירמל־קאַלטער דיכטער.
דאָס קינד פון יבנה דאַרשט דאָס ליכט, וואָס גייט פאַרלאָרן...
אַ ווייטער בת־קול רופט און רופט פון אַלט־צעשטערטן מויער.
און גראָ און גראָער ווערט. ווייס שימערן די קיטלען און געזיכטער.
און ס'דאַכט — די ספרים גוסן אין טונקלקייט פון אָרון...

באמת: וואָס פאַר אַ פּיינען האָט קולבאַק געמוזט אויסלײַדן, וואָס
פאַר אַ שבעה מדורי גיהנום דורכגיין, איידער ער איז אומגעקומען אָדער
אַראָפּ פון זינען?

3

משה קולבאַק, ווי יעדער פּאָעט פון זיין קאַליבער, איז געווען אי אַ
ליריקער, אי עפּיקער; אי עמאָציאָנעל, אי אינטעלעקטועל. ווי ער האָט
נישט מורא געהאַט צו באַנוצען אין זיינע לידער אַזוינע ווערטער, ווי עקזאַל־
טאַציע, כאַאָס, אָדער עקסטאַז, האָט ער אויך גאַנץ ברייטלעך זיך באַנוצט
מיט באַגריפלעכע ווענדונגען. ווי ער האָט געקאָנט זיין דורך און דורך
פאָלקסטימלעך, האָט ער אויך געקאָנט זיין יחידיש ראַפינירט. יחידיש און
סוביעקטיוו פאַרווינקלט.

ער איז דער אויטאָר פון דעם באַקאַנטן ליד, וואָס ווערט אָפט געזונגען
און וואָס אַ סך מיינען, אַז עס קומט פון עפּעס אַ פאָלקישן אַנאָנים און
הייבט זיך אָן מיט די שורות:

איך בין אַ בחור אַ הולטיי,
האָב איך מיר אַ שטעקן,
טריי־ריי־ריי, טריי־ריי־ריי
כ'שפּאַן אין אַלדי עקן.

און ענדיקט זיך מיט דער סטראָפע:

פאָרט אַ פּויערל פאַרביי:
„צאָ טשואוואטש נאַ סוועטשיע?"
וויים איך נישט און טו אַ ברייי:
— סוועטשיע? — פּעטשע, מעטשע...

ער קאָן זיין אַזוי פאָלקסטימלעך און סלאַוויש היימיש, אַז ער פּרוּווט
אפילו שרייבן פערזן אין דעם טאָן פון רוסישע בילינעס. ער, דער פאָרם־
וואַכיקער, מאַכט עס, כ'לעבן, גאַנץ גוט. אָט ווי עס לייענט זיך זיין ליד
„רייסיש":

אָ, ניט ווי די ברוינע סאָזשעלקע איז זי שטיל,
און ניט דער בלויער שוואַלב איז איר פֿייגעלע,
איך זאָל שיקן אַ גערוס צו איר,
ליבער איז זי אַפֿילו פֿון דער גרויער קוקאַווקעלע.
אָ, ניט צו דער קוקאַווע איז זי גלייך,
איך זאָל זי הערן רופֿנדיק...

נאָר פּונקט אַזוי קאָן ער זיין סוביעקטיוו אינדיווידואַליסטיש, און דאָס פּאָרט זיך ביי אים מיט יידישן אומעט.

אפשר זינג איך. — ס'רירט זיך אַ זיידנס אין האַרצן,
ס'רינט אַ ציטערדיקס טיף אין דעם בלוט.
ניין. איך ווייס ניט. יאָ, אַ שכינה קומט אין שוואַרצן,
שלייכט אין צימער מיט דעם אָוונט־גלות —
כ'נעם דאָס תהילימל. אין זילבערן געבונדן —
דאַווענען, קערן בלעטלעך. די שעה פֿון רחמים קומט.
עס לעשט די נאַכט, וואָס ס'האָט דער טאָג געצונדן.
שטילער. עפּעס רירט זיך. — אָ־אָ־אָ...אַ ניגון ברומט.
אפשר זינג איך.

אַזוינע לידער משה קולבאַקס זיינען ווייניגער באַקאַנט. אַ סך פּאָפּולערער איז קולבאַק דער עפּישער דיכטער. איך האָב דערמאָנט נאָר וואָס זיין „רייסיש" דער דיכטער, דער פֿאַרליבטער אין דער אייגענער ערד, האָט אַ גאַנצע פּאָעמע, וואָס ער רופֿט אָן „רייסען". די פּאָעמע האָט מיט רעכט בשעתה געמאַכט אַ רושם. דאָרט שילדערט דער פּאָעט זיין זיידע, זיין באָבע, זיינע בערדיקע פֿעטערס, שילדערט מיט געניטער, זיכערער האַנט, מיט ערדישער פֿעסטקייט און מיט ליבשאַפֿט, וואָס איז געהעריק באַזאַלצן מיט איראָניע.

אָט די פּאָעמע ווייזט דעם פּילזייטיקן כח פֿון דעם דיכטער. מען האָט ביי אונדז הנאה געהאַט פֿון איר. אַבי נאָר דערציילט אַ מעשה, אַבי די „טעמע" איז קלאָר, אַבי דער זין לייגט זיך ממש פֿון זיך אַליין אין מויל, איז שוין גוט. דער אמת איז, אַז דאָס עכטע, יחידיש־אייגנאַרטיקע, דאָס ליריש־פּאַרטיפֿטע ליד האָט נאָך אַלץ נישט קיין פֿויגלדיקע מערכה אין אונדזער ליטעראַטור. מיר זיינען גרייט צו בוקן און צו בייגן זיך צו דעם „תהילימל" מיט פֿרומקייט און יראה. נאָר דאָס תהילימדיקע אין דער נייער פּאָעזיע ווערט זעלטן געהעריק אויפֿגענומען, זעלטן אַפֿילו פּשוט באַמערקט.

איך זאָג דאָס נישט קעגן משה קולבאַקס עפּישקייט. פֿאַרקערט.

דער כח צו זען און מאָלן, די פּייאיקייט איבערצוגעבן און, אַזוי צו זאָגן, פּרעזענטירן, געהערט דאָך צו די סאַמע גרונטאָווגע עלעמענטן פֿון יעדער קונסט. משה קולבאַק האָט דאָס אַלץ פֿאַרמאָגט אין אַ געבענטשטער מאָס. דערביי האָט ער דאָס אָביעקטיווע שילדערן שטענדיק דורכגעלויכטן מיט זיינס אַ סוביעקטיוון דריי אַזאַ, וואָס האָט דאָס געשילדערטע אַרויס־

געבראַכט מיט באַזונדער רעליעפקייט און איר צוגעגעבן נאָך עפּעס מער, ווי סתם־פּרעזענטאַציע.

פאַראַן ביי אים א ליד, וואָס הייסט „עשרה דבריא". דאָס איז אַ נאָמען פון זיין — ווי ער זאָגט — זיידעס אַ קרוב. דער פּאַרשוין איז געווען אַ בערן־טרייבער. קולבאַק שילדערט אים, ווי אַזוי אָפּט אין זיינע עפּישע זאַכן, מיט אַ סך מגושמדיקע איינצלהייטן. דער איד האָט סך הכל פאַרמאַר־דעוועט אַ טויג און מער ווייבער. נאָר אָט פאַרענדיגט דער דיכטער זיין געמעל מיט אַזאַ פיר־פּערז:

גענוען איז עשרה דבריאַ אַ טרייבער פון בערן,
אַ ייד, וואָס פלעג מאַכן קאָנצערט אויף די גרויסע ירידן.
דעם בער פלעג עשרה בייטאָג אויף די קייטן פאַרשמידן,
ביינאַכט פלעג ער טאַנצן מיט אים ביי דער שיין פון די שטערן.

פאַרוואַנדלט אָט די סטראָפע, אָט די „שיין פון די שטערן", דאָס גאַנצע ליד אין אַ מין שדישער פאַנטאַסטיק, און פון אַ מגושמדיקן ייד, אַ בערן־טרייבער, ווערט אַ סימבאָל פון זעלישן חושך, פון פאַרקנאָדערטען שלעכטס, אַ נאַכטיק־סאַטאַנישע געשטאַלט.

די פּאָעמע „בוניע און בערע אויפן שליאַך" אַנטפּלעקט אַן אַנדער מין כח פון קולבאַקס עפּישן טאַלאַנט. דאָ ווערן ווידער אַרויסגעפירט פּראָסטע פאָלקס־פאַרשוינען מיט אַלע זייערע גראָבע שטריכן און טועכצן. אָבער די פּאָעמע איז אויך דורכגעזאַפּט מיט דעם סאָציאַלן פּראָטעסט, וואָס האָט זיך שוין שטורמיש געטראָגן פון מזרח, מיט דעם אויפוואַך אין די סאַמע מאַסאָווע געדיכטענישן פון דעם חשק אויסצולייזן די וועלט, פאַרטרייבן די בורזשויען, „אַראָפּוואַרפן די קייטן און די אַנדערע שאַלאַמייזן".

איינגאַנצן צופעליק איז קולבאַקס פאָרן קיין רוסלאַנד געווים דאָך נישט געווען. אַחוץ יידיש־נאַציאָנאַלע פייערלעך האָבן אים אויך געצויגן זיינע אייגענע באַגערן נאָך סאָציאַלער גערעכטיקייט, נאָך פולער פעלקער־גאולה.

קלאָר — משה קולבאַק ווייזט אַרוים אין זיין עפּיק אַ סך מייסטעריש־קייט, אַ סך גבורה. יעדער דיכטער האָט — שוין פון זיין אייגענער הנאה וועגן — דעם חשק צו פּרוּוון, צו פאַרמעסטן זיך אויף מאָלן און צייכנען אויף דעם אָביעקטיוון לייוונט פון דער עפּיק. קולבאַק האָט פאַרמאָגט אי דעם נאַטירלעכן חשק, אי דאָס גוטע קאָנען צו רעאַליזירן דעם ווילן.

איך בין אויסן עפּעס אַנדערש. קולבאַקס יחידיש, סוביעקטיוו ליד איז ווינציקער באַקאַנט. זיין אינערלעך געפיל און געדאַנק דאַרפן נאָך געהעריק דעשיפרירט ווערן. און גראַד אין דעם זיינען מיר גאַנץ היפּש הינטערשטעליק. אָבער דאָס אינדיווידועלע, דאָס אייגנאַרטיקע, איז פאָרט — דאָס סאַמע קאַרדינאַלע אין דער פּאָעזיע. אין אונדזער עפּאָכע, ווען דער איינצלנער מענטש ווערט פון אַלע זייטן באַדרענגט און געשטויסן נישט בלויז צו די סאַמע ראַנדן, נאָר אַריינגעשטויסן אין דער מיל פון מאָלנדיקע,

רױשיקע כלל־אַפּאַראַטן, איז דער פּאָעט, מיט זײַן אײגנטימליך ליד, װאָס אין אים װיל ער געבן דאָס פּליסן פון זײַן געפיל און דאָס ריזלען פון זײַן געדאַנק, שיר נישט דאָס לעצטע פּאַריטומטע אינזעלע, װאו דאָס אײנצלנע מענטשלעכע לעבן איז נאָך דער צענטער פון אױפמערק — װי עס דאַרף זײַן.

אָט דאָס האָט געמײנט אַנדרעי זשיד, װען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון זײַן נסיעה קײן רוסלאַנד און אױסגעדריקט זײַן מורא, אַז דער מענטש װערט דאָרט צעריבן און אױסגעפּלאַטשיקט. ער האָט געזאָגט, אַז עס איז שװער זיך פאָרצושטעלן, אַז אונטער דער סאָװיעטישער דיקטאַטור זאָל קאָנען אױפקומען אַן אַרטור רעמבאָ, אַ פּאָל װערלען און נאָך אַזױנע אינ־דיװידואַליסטישע פּאָעטן. דער פראַנצױזישער קינסטלער־אינטעלעקטואַל האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָרטן, װאו דאָס יחידישע ליד װערט דערשטיקט, דאַרט קאָן דער מענטש קײן תקומה נישט האָבן. װי דען אַנדערש? דװקא דער דיכטערישער „פּערזענלעכער בולעטין", װאָס איז אַזױ װאָויל־יונגעריש אױסגעלאַכט געװאָרן פון די טעמפּע „סאָצבאַשטעלערס" איז אומגעהײער װיכטיק. עס איז דאָס ריטמישע, אינספּירירטע אױסגעשרײ אָדער שטילער שלוכץ פון דעם געפּלאָגטן צעטומלטן, געפּלעפּטן אײנס פונצװישן מיליאָנען צאַפּלדיקע לעבנס. װאו דאָס איז נישטאָ, װאו דאָס איז פּאָליצײאיש פאַר־באָטן, דאָרט איז ממילא דער מענטש בבחינת קנעכט אָדער קוים טאָלע־רירטער באַװאױנער אין אַ מוראַשקע־באַרג.

אין ליכט פון דעם װערט נאָך קלערער, גלײט אױף נאָך פײנלעכער די טראַגעדיע משה קולבאַק אין סאָװיעטישן מינסק, אונטער דער ממשלה פון זשאַנדאַרמסקען קאָלעקטיװיזם.

4

משה קולבאַק איז געװען אַ דורכאױס טראַכטנדיקער דיכטער, אַן אינטעלעקטועלער פּאָעט, װאָס האָט נישט געהאַט די מינדסטע ענלעכקײט צו דעם תמעװאַטן הימל־קוקער, מיט אַ שטענדיק פּאַפּיר אין זײַן האַנט, װאָס אַ נאַרישעװאַטע מױד, די מוזע הײסט עס, שלעפּט אים אַרום נאָך צװישן בײמער, קרײטעכער און גרײליך נאַרישעװאַטע קװײטן — װי מיר האָבן עס פאַראײביקט אױף דעם באַקאַנטן בילד פון דעם פראַנצױזישן פּרימיטיװיסט־מאָלער אַנרי רוסאָ „דער פּאָעט און זײַן מוזע".

קולבאַק האָט געלעבט מיט דעם ריטם פון זײַן צײַט, מיט־געװיברירט מיט אַלע געשעענישן, געקוקט מיט אָפענע אױגן און חושים און געהאַפּט מיט אַלע מענטשלעכע האָפענונגען, װען די רעװאָלוציע איז געקומען קײן רוסלאַנד. אָט װי זײַן געדאַנק באַקומט פורעם און צאַפּלט זיך ריטמיש צו דעם, װאָס טוט זיך אַרום אים אין דעם ליד מיט דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען „קולטור":

מיך האָבן עלעקטרישע זונען באַגאָסן מיט גלי־װײַסע שטראַלן.
כ'פאַרנעם, װי עס סודן זיך דאָרטן, אױף טױזנטער הילכיקע
מײלן

ס'רעדט פינצטער אַ לאַנד צו אַ לאַנד
ביי גרויזאַמע ווילדע וואָקזאַלן —
אכסניות פון פעלקער, וואָס טראָגן זיך ערגעץ און איילן זיך,
איילן.

און ווייטער:

העי, ס'לייכטן מיר זונען דורך פּריזמעס פון שאַרפע קרישטאָלן.
כ'בין דער מענטש. כ'בין דער קיניג פון לענדער, פון שטעט
און פון פינף אָקעאַנען,
איך בין דאָס מעטאַלענע ליד, וואָס עס זינגען די באַנען
ביינאַכט, צווישן וועלדער און טאָלן.

עס איז דער מוט, די האָפערדיקייט, דער מענטשלעכער אויפוואַך נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, נאָך דעם נייעם שפּרייז פאָראויס, וואָס די גרויסע רוסלענדישע רעוואָלוציע האָט געמאַכט.

דירעקט צו רוסלאַנד זינגט משה קולבאַק:

אַ ריז אַ פאַרבלוטיקטער טראָגט אונדז אַצינד זיינע גילדערנע
לוחות
איינאיינציקע רוסלאַנד, דו ליכטיקע וויג פאַר באַפרייאונג,
זאָל פאַלן אויף גרויע רואינען דיין שטראַלנדע זון פון
באַנייאונג!
אַ ריז אַ פאַרבלוטיקטער טראָגט אונדז אַצינד זיינע גילדערנע
לוחות!

ווער האָט נישט געהאַט אַזוינע האָפענונגען אויף דער רעוואָלוציע? וועלכער יידישער דיכטער האָט נישט אויסגעזונגען אָדער אויסגעשטומט אָט די פרייידיקע דערוואַרטונג?

ווער האָט נישט געגלייבט, ווי קולבאַק, אין די „אַרבייטס־פויסטן — די מלכים פון דערוואַכן"?

און — פאַרפאַלן. ווער שפּעטער, ווער פריער — מען האָט זיך גע־מוזט אויפכאַפּן נאָך דעם ווי חלום איז דערוואָרגן געוואָרן; מען האָט זיך געמוזט אויסטשוכן פון שלאָף און דערזען די פינצטערע רעאַליטעט. געווי ווען קולבאַקס דערשראָקענע אויגן זיינען אויפגעריסן געוואָרן, ווען ער האָט מיט אימה דערזען דעם קאָשמאַר פון דער רוסלענדישער ווירקלעכקייט — דאָס איז נישט פאַרצייכנט. נאָר זיכער זייער פרי. איז אָן ספק זיין ביסל רוסלענדישע יאָרן געווען איינגעוווייקט אין אומגליק און ביטערניש.

איך קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן נאָכאַמאָל צו באַטאָנען זיין לעבנס־לוסט, נאָכאַמאָל צו מאַכן דערשפּירן פול־פול, וועמען דער קאָמוניזם האָט פאַר־טיליקט, ווער עס איז פּריציייטיק אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזער דיכ־טערישן וואַלד. איך ברענג דאָס גאַנצע ליד, וואָס איז, אגב, איינס פון זיינע פריסטע, געשריבן אין יאַנואַר, 1920.

וועלט

וועלט!
אין טויזנט פנימער פארשטעלט
איך גיי צו דיר אויף טויזנט וועגן
וואוהין? איך ווייס נישט וואו.
איך וויל איינגאנצן דיך פאר מיינטוועגן,
איך בין דו!
דער פרישער רוף פון דיינע זאפטיק־פרישע פליינען
רינט טיף אין מיין געמיט;
איך וויל ארומנעמען דיין מעכטיק־ווילדן גוף
פון פלאנצן
און געשטיינען
און פאלנדיק צעקושן דיינע טריט,
און האבן דיך אינגאנצן.
וועלט!
איך גיי א שיכורער דיין גוטס אקעגן,
פון אלץ זיך אויסטאן,
און הפקרדיק, מיט זיך,
צעשטראלט, צעהעלט,
איך גיי אויף דיינע טויזנט וועגן —
דו ביזט איך!
דער שיין פון צייטן,
אין קערפערס שווערע א פארפרעסטער,
ווי אלטער וויין אין ליימענעם געשיר,
פלייצט קלינגעוודיק פון טיפן און פון ווייטן.
א לויטער־ברויזנדער ארקעסטער
האט אויפגעקוועלט
און ברויזט אין מיר.
וועלט!
איך וויל צעגאנגען זיין אין טיפן ניגון
פון הויט און ביינער
אויסגעטאן, זיך ציטערדיק צעוויגן —
א לויכטנדיקער טאן,
כאטש כ'מעג א שטיין פון דיינע שטיינער
אויף א בית־עולם ליגן...

ווי א צוגאב צו דעם הארכט זיך איין אין אט די לעצטע שורות פון דעם ליד „וועסנעדיקס":

העי, אהינטער די פיס, וואס צעטרעטן מיר (מיך)
א לויב צו דעם שיכורן לעבן —

איך שפּרייז און איך לאָך אין אַ יעטווידער טיר:
האָט איר גאָרניט געזען? האָט איר גאָרנישט געהערט?
ס'האָט די וועלט זיך מיר אונטערגעגעבן...

ווער לאַכט עס אויף די האָפּערדיקע רייד, אויף די אויסרופן פון וואַגעניש ביי אַ בידנעם, פאַרגעסענעם און פאַרפייניקטן יידיש־דיכטער? פון וועלכן קאַזעמאַט, קאָנצענטראַציע־לאַגער, מאַרטער־קאַמער צי משוגעים־הויז באַ־סעוועט עס אַ ציניקער חוזק, אַ געוויסנלאָזער שפּאָט און לעסטערונג?

נישט געאיילט זיך. עס איז נאָך נישט באַוואוסט ווען עס וועט געהערן דאָס לעצטע וואָרט, דער לעצטער שמייכל, דאָס לעצטע וויסיקע לאַכן. מען קאָן נאָך גאָרנישט וויסן, צי דער פאַרמוטשעטער יידישער פּאָעט משה קולבאַק וועט טאַקע נישט זיין דער בעל־נצחון אין אַ נייער פריידיקער און העל־באַפּענצטערטער וועלט.

❦

אין 1942 בין איך געווען אויף אַ באַזוך אין מיין לאָדזש. עס האָט מיך אַרומגערינגלט אַ פאַרצווייגטע משפּחה. טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועס־טער און זייערע זין און טעכטער האָבן מיך אַרומגענומען פון אַלע זייטן און איך האָב קוים־קוים געקאָנט באַווייזן צו זען עטלעכע יידישע שרייבער אין לאָדזש און פאָרן קיין וואַרשע זיך זען מיט דער „ליטעראַטור".

אינמיטן דערינען — אויפנעם, רעפּעראַטן, באַגריסונגען — האָב איך באַקומען אַ געדיכט אָנגעשריבן קאַרטל, אונטערגעשריבן פון זלמן רייזען און משה קולבאַק, אַז איך זאָל למען השם קומען קיין ווילנע. עס איז ביי מיר גאָר אַנדערש אין דער דעה נישט געווען. זיין אין פּוילן און נישט זיין אין ווילנע, וואו איך בין נאָך בכלל נישט געווען? זיין אין פּוילן און נישט באַקענען זיך פּערזענליך מיט די דאָרטיקע יידישע שרייבער און טוערס? ווי איז דאָס מעגלעך?

נאָר די פאַמיליע האָט מיך געוואָלט איינגאַנצן פאַר זיך. דער טאַטע, די מאַמע, די ברידער, די שוועסטער. זיי זיינען פון זייער זייט געווען גערעכט. איך האָב זיי מער קיינמאָל נישט געזען. און יאָ פאַרגעפּיל אָדער נישט פאַרגעפּיל — איך האָב נישט געקאָנט ביישטיין דעם טאַטעס אויגן, דער מאַמעס טרערן.

און אַזוי בין איך נישט געפאָרן קיין ווילנע. זלמן רייזענען האָב איך שפּעטער געטראָפן אין אַמעריקע. אָבער משה קולבאַקן, וואָס צו אים האָב איך דערשפּירט אַ דיכטערישע נאָענטקייט פון זיינע סאַמע ערשטע שורות, האָט איך טאַקע פאַרשפּילט אויף אייביק.

איך וועל מיר קיינמאָל נישט מוחל זיין וואָס איך האָב משה קולבאַקן נישט געזען.

משה קולבאַק

לידער

שיכורע פאַרטאָגן

ס׳האָט אויפגעשוימט אין מיר דער אַלטער ווײַן
פון גרונט ביז גרונט.
עס שפּריצט מײַן פרייד, פון טויזנט קוואַלן שטראָמט די שײַן
אַדורכן אויסגעפּראַלטן שפּונט . . .
איך שלינג די מידע וועלט, דעם מענטש מיט האַק און פּאַק,
און מיט זײַן גאַל און טויבן בליק
כ׳בין זון — כ׳בין טוי. כ׳גיי אום אַ דעמב אין פּראַק,
איך בין דאָס גליק.
דאָס שפּראָדלענדע געזאַנג פון ווערן, וועלן זײַן
פון מיר האָט אויסגעהעלט ;
ס׳האָט אויפגעיווירט איר מיר דער אַלטער ווײַן,
כ׳בין שיכור פון דער וועלט !
עס זויפט דאָס האַרץ דײַן שוואַרצע שײַן
און רײַסט זיך ווי אַ וואָלף פון שטייג,
נאָר ס׳איז מײַן צונג געליימט פון פּײַן
און כ׳שוויַיג.
איך שוויַיג . . . דער פלאַם פאַרשליסט דאָס מויל,
נאָר זיי מיר מוחל פאַר דער שעה,
ווען אין פייערדיקן קנויל
מיר וואַלגערן זיך דאָ.
זיי ווייסן, כ׳בין אַ זון פון די,
וואָס צינדן שטעט און בלענדן און פאַרסמען,
וואָס ליבן נאָר דעם אינדערפרי
און ליבן פלאַמען. . . .

**

איך בין אַרויס אין אַדר־פעלד מיט שוואַרצער ערד זיך נערן.
דאָס לעפּלעך גאָלד האָט זיך צעשפּריצט פון טיפן בלוי ווי לינדע טרערן.
דער שניי, ווי טיבער וואָלגנע, האָט קראַנק געעטעמט אין די קילע טאָלן,

און ס'האָט דאָס פעלד געמורמלט פון זיין שלאָף און טיפערהייד געקוואָלן...
איך האָב זיך צוגעהערט צום טראָפּן־פאַל מיט אַ פאַרבאָרגענעם ציטער:
עס טוט זיך וואָס אין פרייד. עס שעפּן זאַפט די נאַקעט־פּעטע ריטער;
בעריאָזקעס האָבן עפּעס טיפע גוטס פון זיך אַרויסצוזאָגן;
און שווערע דעמבעס קעכלען זיך, די אַלטע ביינער דאָך דערטראָגן!
רואיק שלעפערן די גרינע נעסט־שטיבלעך אויף הויכע ביימער,
מיט פייגל־מיסט פאַרפלעקטע . . . ס'בלוט. ס'ווערט גרינגער און גערוימער,
ס'קוועלט מיט קנאָספּן שיכורע, מיט פייכטער ערד און רויע צווייגן,
ס'פליעסקעט זיך דאָס פרילינג־גאָלד אין האַרץ, אַז ס'גלוסט זיך שווייגן....

**

באַגינען, אין וועג, צווישן פעלדער.
אַ ביס פון דעם ברייטל — דעם הונגער געזעטיקט.
און ווייטער געאײלט זיך אין וועג.
איך האָב קיינמאָל צו גאָרנישט פאַרשפּעטיקט.
גוט, אַזוי גוט צו זיין אונטערוועגס,
אָט גלאַט אין דער וועלט אַריין שפּאַנען און שפּאַנען,
סיי שבת, סיי וואָך צווישן פעלדער און וועגן,
דו ווייסט נישט וואוהין און דו ווייסט נישט פון וואַנען.
און טרעפסטו אַ פּויער אַן אַלטינקן ערגעץ,
באַקלאָגסטו זיך אים אויף דעם מזל פון מענטשן:
— טשי טשויעש, מאַנילע, זיי עסן כסדר,
און מיר — איך און דו — דאַרפן בענטשן....
נאָר ס'ענטפערט דער פּויער: „עך, דורען, טי דורען,
וואָס איז ער, דער מענטש? אַ צעבראָכענער שאַרבן!
זיי פּוצן די שטיוול און טראָגן די שניפּסלעך,
נאָר סוף כל סוף מוז מען דאָך שטאַרבן".
—העי, בייקעס, ברודער, בייקעס, —
ענטפער איך שוין מיט התלהבות,
שעם זיך, כ'לעבן, בראַט מאַנילע,
הער זיך איין אין דעם אַרומעט
אויף טשיקאַוועס; ס'טראַלאַלייקן באַלאַלייקעס
אין די דערפער אין די שטילע,
דאָך איז עפּעס אַזאַ אומעט!
עך! ס'איז עפּעס אַזאַ אומעט....
גייסט און גייסט,
פרעג דיך ווען און פרעג דיך וואו,
אַרום דערפער, אַרום שטעט,
און דו ווייסט נישט און דו ווייסט,
ווער ביסטו און וואָס ביסטו....

אויף דער גרויסער, רויער ערד
פיטערט מען זיך אַט אַזוי,
ווי בהמות און ווי פערד,
און מע וואַקסט מיט יעדן טוי.
ס'טרעפט מע נעכטיקט אין אַ שייער
סתם אַזוי אויף לייטס בארַאַט,
פּלוצלונג ווערט דיר עפּעס טייער,
ס'מאַכט נישט אויס,
צי דער טייוול אָדער גאָט.
גייסט אַרויס: —
ס'אַרא היילי קער באַגינען!
ראָז און ראָז און מער נישט ראָז
סיי די שוואַרצערד, סיי דאָס גראָז.
פּאַלסטער־צו צו רויער ערד,
ווערסט פאַרשיכּורט פונעם מיסט,
פונעם זאַפט, וואָס פליסט
און יערט,
און שרייסט אויס פון גאַנצער ברוסט:
ס'איז אַ וועלט אַזאַ פאַראַן!
און איך, דער נאַר, האָב ניט געוואוסט....

1920

מנחה

אין דיינע צימערן איז רואיק, שטיל אַזוי, מיין קינד,
דאָס בלוי רינט אויף דער ערד פון אַלע הימלען וואַרעם־לינד,
די זון איז היינט פאַרגאַנגען אָן געשרייען. און די טונקעלע געשטאַלטן —
אויף די גאַסן. האָט זיך איטלעכער אין הויז, זיין הויז, באַהאַלטן.
און איך איינער. און מיין וועג פירט תמיד דאָך, דו איינציקע, צו דיר.
כ'לייד מיד פון גיפטיק־שטילער פּראַכט, וואָס ווייט פון דיין געשטאַלט אויף מיר.
אויף מיר.
די אומרייפע חלומות צערן אויס דאָס ריינע ליכט פון זעלע,
און כ'וויל דאָך גאָלדיק גיין אויף שטרעקעס טוי־באַגאָסענע און העלע,
און כ'וויל דאָך גאָלדיק גיין.
אין די פיר איילן זיין, וואו ס'לייכט דיין טרויעריקער חן,
דאָס ריין געזאַנג פון דיין נעמיט־ליד, בעת עס וועבט זיך, קוים־קוים פילן.
ווען דאָס בלוי ווי איצט זאָל גיסן זיך אין הויז, זאָל זינגען שטיל און שטילן
שטיל דעם ווידוי־ווייַ, וואָס שטראָפט דאָס יונגע האַרץ פאַר זיינע זינד....
אַזוי מיין קינד.

איך האָב געשולדיקט פיל, ניט וויסנדיק, אָ, וואָס איך טו.
איצט וויל איך תשובה טאָן.
די מנחה־שעה איז נאָענט. עלנט ליגט די וועלט, פאַרלאָזן פון דער זון.
ס'איז בלוי און בלוי. עס שימערט נאָך אין דיינע צימערן אַ בלאַסע דינע שיין.
ווען ס'עפענען זיך די טויערן פון הימל, זאָל דיין ווייכע, ווייכע האַנט
אין מיינער זיין.
מיד פון אומקלאָרע געזאַנגען, לאָמיר שפּינען די אַנטפּלעקונגען פון אויבן,
איינדרעמלען און גלייבן, גלייבן, גלייבן.

1922

עשרה דבריא

געהאַט האָט דער זיידע אַ קרוב אַ טרייבער פון בערן, —
אַ ייִד, וואָס פלעגט מאַכן קאָנצערט אויף די גרויסע ירידן.
דער בער פלעגט דעם קרוב בייטאָג אויף די קייטן פאַרשמידן,
ביינאַכט פלעגט ער טאַנצן מיט אים ביי דער שיין פון די שטערן.
מען האָט אים געגעבן דעם נאָמען עשרה דבריא:
די קנאָביקע הענט ביז די קני, מיט אַ שאַרבן אַ גלאַטן,
אַן אַלטער פאַרשלומפּערטער קאָפּ אויף אַ גוף אַ האָרבאַטן,
און דאָס האָט געטראָגן מיט פעל און מיט שוויים, ווי אַ חיה.
איז ער געגאַנגען ביינאַכט מיט דעם בער אויף די וועגן, —
עשרה פאָראויס, און דער בער פלעגט פון הינטן באַגלייטן.
און טאָמער אַ באָרוועסער פּויער קומט זיי אַנטקעגן —
אַ בורטש האָט געגעבן דער בער און אַ קלונג מיט די קייטן.
עס זיינען געשטאָרבן פון פּיין ביי עשרה די ווייבער;
ביינאַכט פלעגט ער אויסטאָן זיי נאַקעט און אָנהייבן שלאָגן.
דאַן האָט זיך געהערט אויפן דאָרף אַ פאַרטייעטער קלאָגן,
און חברה קדישא פלעגט וואַשן דאָס בלוט פון די לייבער....
די דרייצנטע ווייב האָט געשמט פאַר אַ וועדמע אין ליטע,
זי האָט אים אַ טאָכטער אַ יאָר נאָך דער חופּה געבאָרן,
עשרה דבריא האָט אויסגעצאַפּט שטיל אירע יאָרן,
מען האָט פון דער וועדמע די ביינער געלייגט אויף דער מיטה.
געוועזן איז עשרה דבריא אַ טרייבער פון בערן,
אַ ייִד, וואָס פלעגט מאַכן קאָנצערט אויף די גרויסע ירידן.
דער בער פלעגט עשרה בייטאָג אויף די קייטן פאַרשמידן,
ביינאַכט פלעגט ער טאַנצן מיט אים ביי דער שיין פון די שטערן.

1929

דאָס ציגעלע

איך טרייב אַרויס אין פעלד דאָס ווייסע ציגעלע,
עס זאָל זיך פיטערן אַליין.
דאָס ווייסע ציגעלע, וואָס כ׳האָב עס אָפּגעקויפט
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין.

נאָר מיט לאָנקעס גייט אַוועק, אַוועק, דאָס ציגעלע,
און כ׳גיי עס נאָך,
אין אַלטע וועלדער, פּוסטע פעלדער בלאָנדזשען מיר
די גאַנצע וואָך,
די גאַנצע וואָך.

און פרייטיק האַלבן טאָג בלייבט שטיין דאָס ציגעלע
גאָר אומגעריכט,
און איך דערזע: העט ווייט איז אויסגעשפּרייט אַ לאַנד
אין בלויען ליכט,
אין בלויען ליכט.

אַ לאַנד — אַ לאַנד,
וואו אינדן לויערן אויף אַלע בערגעלעך,
וואו ס׳שלאָפט דער בופלאַקס לעם דעם ווילזלטיר,
אַ לאַנד — אַ לאַנד
אַ ציטערדיקס און אַ פאַרחלומטס,
וואָס קאָן פאַרלאָרן גיין פון יעדן ריר. . . .

דער טאָג פאַרגייט. דאָס ווייסע ציגעלע ליגט לעבן מיר.
און אויך דאָס ציגעלע וועט באַלד פאַרגיין,
און אויך דאָס ציגעלע, וואָס כ׳האָב עס אָפּגעקויפט
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין. . . .

1929

שטומקייט

וואָס וועט ריידן די שטומקייט, ווען כ'בלייב מיט איר איינער אַליין? —
איך שטרענג זיך אָן ציטריק אײנגאַנצן, און כ'וויל כאַטש איר דופק דערשפּירן.
זי עטעמט פּאַרטייעטערהייט פון דער טיף, ווי אַ מאָכיקער שטיין,
ווי אַ טונקעלער חלל, וואָס גליווערט אַהינטער באַשלאָגענע טירן;
עס לויערט אַ דריקנדיקע לאַסט פון דער ברוסט, ניט געלעבט און ניט טויט,
ווי אַ נאַכט, וואָס וואַרט אָפּעט די שיין פון פאַרנאַכטיקן רויט.
שטומקייט, — כ'זיץ פינצטער אַליין אין מיין צימער געליימט פון דיין יאָך,
עס דרימלט אין ווינקל אַן אַלטער ראַיאַל מיט אַ פּוסטקייט אַ קילער אין גוף,
די שיינענדע קלאַווישן פאַרן זיך קאַלט, ווי די טעג און די נעכט אין דער וואָך.

ניגונים געחלומטע קוים, און נאָך נישט געבוירענע, היטן זיי אויף.
אַ רואיקע בלאַסקייט שיינט אָפּ פון די שווערע און טונקעלע שטאָרן. —
כ'זיץ פינצטער אַליין. מיין אָנהייב איז לאַנג מיטן חושך צוזאַמענגעגאָסן,
מיין סוף האָט ביי מיר זיך אין ברוסט, ווי אַ לויטערער טאָג, אויסגעלאָשן,
און איך בין פון עפּעס אַ שטומקייט אַ גרויסער געבאָרן געוואָרן....

כ'וואָלט אויסהאַקן כאָטש פון דער שטומקייט אַן איינציקן פונק,
אַז אין האַרץ זאָל אַ גלי טאָן דער ניגון פאַרן געבאָרן,
ס'זאָל פּלוצלונג אַ לייכט טאָן פון טיפקייט אַ גליענדער וואונק
פון דעם אורגאַט, וואָס איז אויסגעלאָשן געוואָרן.
כ'זאָל זיין אויף אַ רגע אַזוי, ווי דער קנאַספּיקער בוים אינדערפרי,
וואָס טרייסלט אַראָפּ מיט אַ פרייד זיינע נעכט פון די צווייגן,
אַזוי ווי די הונגעריקע חיה אין וואַלד מיט אַ מויל אַ פאַרבלוטיקטן שווייגן, —
און קלאָגן ווי זי, און שטומען ווי זי.

1929

ה. לייוויק

איזי כאַריק

אין האַרבסט, 1925, ווען כ'בין אויף מיין רייזע קיין סאָוויעט רוסלאַנד אָנגעקומען פון וואַרשע קיין מינסק, — דער קרייז ראַיאָן וואו עס געפינט זיך מיין געבורט־שטעטל איהומען, — בין איך אויפן וואָגזאַל באַגעגנט געוואָרן פון די דעמאָלטדיקע מינסקער פאַרשטייער און פון אַ גרופּע יונגע יידישע שרייבער. געווען צווישן זיי דער קריטיקער בראָנשטיין, דער גאָר יונגינקער דיכטער אַקסעלראָד. געווען צווישן זיי, אויב איך מאַך קיין טעות נישט, נ. אויסלענדער. בראש פון די דיכטער איז געווען איזי כאַריק. — געבוירן אין מינסק, דיכטעריש אַריינגעבראַכט מינסק אין דער סאָוויעטיש יידישער פּאָעזיע דורך זיין פּאָעמע „מינסקער בלאָטעס" — איז אים צוגעטיילט געוואָרן צו זיין דער ליטעראַרישער ראש ביים באַגעגענען אַ גאַסט פון אַמעריקע, וועמענס וויג ס'איז אויך געשטאַנען גאָר נישט ווייט, אַט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, אַ פּאָר מייל פון מינסק.

איך האָב געזאָגט: אַ גרופּע יונגע ייידישע שרייבער, אונטערצייכענענדיק דאָס וואָרט יונגע, ווייל קיין אַנדערע, נישט קיין יונגע, ד.ה., עלטערע יידישע שרייבער, זיינען דעמאָלט אין אַ מינסק, צי אין אַ קיעוו, צי אין אַ כאַרקאָוו נים געווען בנמצא.

די סאָוויעטיש יידישע ליטעראַטור האָט געהאַלטן ערשט אין אויפקומען.

אַז איך דערמאָן זיך היינט אָן די דעמאָלט־שטראַלנדיקע פּנימער פון איזי כאַריק, פון דעם שיינעם, ליכטיקן אַקסעלראָד, פון דעם בראַוון, אימפּעטיקן בראָנשטיין, גיט זיך מיר אַ ריס אין האַרצן. אַלע זיינען זיי שוין פון לאַנג נישטאָ. אַלע זיינען זיי אַכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן. אויך דער גורל פון אויסלענדערן זעט אויס צו זיין אַ פאַרחתמטעטער. ער געהערט צו די לעצט־ליקווידירטע יידישע שרייבער אין סאָוויעט רוסלאַנד. וואָס איז דער גורל פון זיין לעבן ווייסן מיר נישט. אָבער דאָס יונגע לעבן פון כאַריקן, פון אַקסעלראָדן, ווייסן מיר אויף געוויס אַז ס'איז פאַרשניטן געוואָרן.

דורך וועמענס האַנט פאַרשניטן געוואָרן? טאַקע דורך דער זעלביקער האַנט, וואָס זיי האָבן אַזוי געטריי, אַזוי איבערגעגעבן געגלעט, מיט אַזויפיל ליבע געקושט ווי מען קושט אַ האַנט פון אַ מאַמע.

די מאַמע, אָבער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז קיין מאַמע נישט געווען פאַר זיי, נאָר אַ שטאָליק־האַרטע, אַכזריותדיקע שטיף־מאַמע.

אין יענע יאָרן אָבער, אין 1925, אין די יאָרן פון סאָוויעטישן אָנהייב, — ווער פון די ערשט אויפגעקומענע יונגע יידישע דיכטער, אין מינסק צי אין קיעוו, האָט זיך גאָר געקענט ריכטן אַז עס שטייט זיי פאָר אַזאַ מאַוימדיקער סוף? ווער פון זיי וואָלט גאָר געקאָנט איינפאַלן אַז זיי וועלן פאַרשניטן ווערן דורך די הענט פון זייער אייגענער רעוואָלוציע, אַז זייער נאָמען וועט פארשוועכט און פאַרהעצט ווערן, אַז זייערע ווערק, וואָס זיינען דורכגענומען מיט התפּעלות צו די פירער פון דער רעוואָלוציע, צום סאָוויע־טיזם און קאָמוניזם, וועלן פון די זעלביקע פירער געפּסולט ווערן, ארויס־געוואָרפן ווערן פון ליטעראַרישער גערעכעניש?

אין יענע יאָרן האָט גרויס יום־טוב געזונגען אין די הערצער פון די סאָוויעטיש־יידישע יונגע דיכטער, דערציילער און קריטיקער. און איינער פון די יום־טובדיקסטע, פון די אָרגאַניש ארויסגעקומענע פון דער רעוואָ־לוציעס טיפעניש אַליין, איז געווען איזי כאַריק, דער מינסקער וואוילער, האָפערדיקער פּאָעט, דער ארויסגעקומענער פון מינסקער אָרעמקייט, פון מינסקער בלאָטעס און דער האַרציק־לירישער באַזינגער זייערער.

אמת, אַ מער דערפאַרענער אויער האָט אין איזי כאַריקס לידער, ווי אין די לידער פון כמעט אַלע יידישע דיכטער אין סאָוויעט־רוסלאַנד דעמאָלט, געקאָנט אויפכאַפּן אַ געוויסע אַנגסט־נאָטע, וואָס איז פאַר זיי, פאַר די דיכטער, אַליין נישט געווען קלאָר ווי אַזוי זי קומט צו זיי. און ווען עמיצער האָט זיי אַמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, האָט עס ארויסגערופן אין זיי אַן אויפציטער, אַ כעס אויף דעם וואָס זאָגט עס. מיט לייב און לעבן פלעגן זיי נעמען אויפווייזן אַז חלילה וחלילה: נישטאָ אין זיי קיין סימן פון אומזיכערקייט אין זייער, און בכלל אין דער יידישער, צוקונפט אין סאָוויעט רוסלאַנד, קיין סימן פון מינדסטע טרויעריקע פאַרגעפילן. און אַז איר האָט פאַר זיי אין די אויגן, פון זייערע אייגענע לידער, ארויסגעלייענט אומרו און אפילו טראַגישע פאַרגעפילן, — האָט עס אין זיי אַרויסגערופן אַ גרויסע עקשנות אָפּצעלייקענען עס און נאָך אַ גרעסערע עקשנות צו טענהן וועגן זייער פּערזענליכער דיכטערישער גליקלעכקייט און וועגן די אומגע־וויינלעכע מעגלעכקייטן וואָס זיי זעען פאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור אין סאָוויעטנפאַרבאַנד.

איזי כאַריק איז גלייך, ווי כ'האָב זיך באַקענט מיט אים ביי דער ערשטער באַגעגעניש אויפן מינסקער וואָקזאַל, מיר נאָענט געוואָרן צום האַרצן. עס האָט געוויבט פון אים מיט ערלעכקייט, מיט פשטות, מיט וואָ־רעמקייט, און ער האָט אייך אַנטקעגנגעטראָגן זיין דיכטערישע פאַרליבט־קייט מיט אָפענע, מיט פולע אָרעמס. ער האָט ליב געהאַט מינסק, ער האָט ליב געהאַט דאָס פאָלק, ער האָט ליב געהאַט די רעוואָלוציע, און — ער האָט ליב געהאַט יידיש און אַלץ וואָס ס'האָט ארויסגעוואַקסן פון אונדזער יידיש. ער איז געווען אַ וואַרעמער ליריקער.

ער איז געווען יונג, מונטער, נאָך ווייט פון צו זיין אָנגעשטעקט מיט ליטעראַרישע קאַמ.־גאַוהדיקע קרענקלעכקייטן, מיט אויפגעבלאָזענע דעגע־נעראַציע־פּיינטשאַפטן צו אַלץ וואָס ס'איז דאָ אין יידישן לעבן מחוץ רוסלאַנד — דעגענעראַציע שטריכן, וואָס האָבן זיך שוין גענומען באַווייזן דאָ און דאָרט ביי איינזיקע סאָוויעטיש־יידישע שרייבער, און וואָס האָבן שפּעטער אונטער די האַרטע פּויסטן פון דער דיקטאַטור זיך צעוואַקסן אין ליטעראַרישע קאַנסערס.

ווי אַ קינד פון זיין צייט האָט ער מיטגעמאַכט דעם פּלאָנטער וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער דעמאָלטדיקער יידישער „אָנהייב"־ליטעראַטור אין סאָוויעט רוסלאַנד: — יע שטעטל — נישט שטעטל, יע ירושה — נישט ירושה, יע פּרץ — נישט פּרץ, די גאַנצע אומגעלומפּערטע ליטעראַרישע סכאָלאַסטיק, וואָס איר טרעגער איז געווען ליטוואַקאָוו. (די פאַרניכטנדיקע שטיף־מאַמע־האַנט האָט, אגב, נישט געוואַרט ביז דער באַגאַבטער ליטעראַטור קריטיקער און רעדאַקטאָר פון „עמעס" וועט פונאַנדערפּלאָנטערן דעם אומ־געלומפּערטן קנויל, וואָס דאָס סאָוויעטישע לעבן האָט אַליין אָנגעקנוילט אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט, און האָט אים, ליטוואַקאָוון, אין מיטן פּלפּול פאַרמאַכט דאָס מויל מיט אַ טורמע־שלאָס און דעם ויכוח — יע יידישע קולטור־ירושה — נישט יידישע קולטור־ירושה — געלייזט זייער פּשוט: פאַרניכטעט נישט נאָר די ירושה, נאָר אויך דעם יורש.)

יע, ווי אַ קינד פון זיין צייט האָט כאַריק מיטגעמאַכט די חולאת וואָס רעוואָלוציעס זיינען מסוגל צו ברענגען, — די חולאת פון אינפאַנ־טילער בראשיתדיקייט: אַלץ הייבט זיך אָן פון 1917, אָדער לפּחות פון די יאָרן נאָך 1920. אַלץ וואָס ס'איז געווען פריער געהערט צו תהו־ובהו. פאַר אים אַליין, האָט כאַריק געגלויבט, — וואָס ווייטער פון 1917 אָן, וואָס ווייטער אין דער צוקונפט אריין, אין די פּאַראַויסיקע יאָרן אריין, אַלץ גרעסער און העלער וועט זיך פונאַנדערלויכטן זיין פּערזענלעכער שטערן איבערן סאָוויעטישן הימל.

אין די טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין מינסק סוף 1925, איז איזי כאַריק כמעט יעדן טאָג געקומען צו מיר, אי אַליין, אי מיט נאָך דיכטער, און מיר האָבן שעה'ן לאַנג געפירט אויפריכטיקע שמועסן וועגן דעם גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוויעט רוסלאַנד און וועגן דעם גאַנצן ווייטערדיקן גורל פון יידישן פאָלקס לעבן. דעמאָלט האָט מען זיך עס געקענט דערלויבן. אַרום און אַרום האָט דאָס יידישע קולטור לעבן דעמאָלט, נישט געקוקט אויף דער גרויסער טראַגיק אין די יידישע שטעטלעך, אויפן איינבראָך פונעם גאַנצן פריערדיקן יידישן שטייגער, געזען פאַר זיך אַ סך נייע מעגלעכקייטן. עס האָט געקאָכט מיט יידישע לערער־צוזאַמענ־פאָרן, מיט עפענונגען פון הונדערטער קינדער־שולן, מיט גרינדונגען פון וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, פון יידישע צייטונגען, פאַרלאַגן און טעאַטער־סטודיעס.

איך געדענק: איינמאָל איז ער געקומען צו מיר אין האָטעל אַ ביסל בגילופנדיק. זיין פיינער קאָפּ האָר — צעשויבערט, זיינע גוטע לאַכנדיקע אויגן אָנגעפילט מיט אַ מאָדנער אַרויסרופערישקייט. ער האָט געבראַכט מיט זיך נייע לידער און גענומען זיי לייענען פאַר מיר. דאָס זיינען געווען לידער קעגן דעם יידישן שטעטל. שורות שאַרפע, כמעט שילטנדיקע. אמת, זיין שילטן דאָס שטעטל איז געווען באַגלייט מיט זיין כאַראַקטעריסטישער לירישקייט און מיט דעם צווישן שורותדיקן טרויער וואָס גנבעט זיך אַריין אין אַ סך פון זיינע לידער.

די לידער האָבן אַרויסגערופן אין מיר אַ ווייטיקדיקע אויפרעגונג. ער האָט עס דערפילט. צווישן אונדז האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אַ הייסער ויכוח. איך האָב אים געטאַדלט פאַר דער רציחה זיינער צום שטעטל, — אַ רציחה, וואָס איז אין תוך — האָב איך געטענהט צו אים — געווענדט נעגן אונדזערע ערלעכע, אומשולדיקע, אָרעמע פאָלקס מענטשן, מער נאָך — קעגן אונדזערע אייגענע אָרעמע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן געלעבט אין דלות און שווערער האַרעוואַניע, אָבער גייסטיק זיינען זיי געווען דער־הויבענע מענטשן.

כאַריק האָט זיך געעקשנט. מיט אַמאָל איז ער צוגעפאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ צום טישל, ביי וועלכן מיר זיינען געזעסן, און זיך אויפן קול פונאַנ־דערגעוויינט. איך בין ניט געווען געפּלעפט דערפון, — כ׳האָב אינסטינקטיוו דאָס דערוואַרט. כ׳בין געווען צופרידן פון זיין פונאַנדערוויינען זיך. כ׳האָב דערפילט צו אים אַ באַזונדערע וואַרעמקייט, מחמת כ׳האָב דערפילט אין דער זעלבער צייט אַן אָנונג פון אַ טראַגישקייט וואָס לויערט איבער אים. אין אַ פּאָר רגעס אַרום איז ער אויפגעשפּרונגען פון איבערן טישל און האָפערדיק אַ זאָג געטאָן:

— איר׳ט נאָך זען וואָס פאַרא גרויס יידיש לעבן עס וועט קומען אונדז אַנטקעגן, און וואָס פאַרא וואונדערלעכע יידישע ליטעראַטור מיר וועלן נאָך באַשאַפן אין אונדזער ראַטנלאַנד, אַ יידישע ליטעראַטור פאַר אונדזער גאַנצן פאָלק. איר׳ט נאָך זען. איר׳ט אַלע, אַלע קומען צו אונדז. מיר זיינען אַ גרויסער אָנהייב. איר׳ט נאָך זען וואוהין מיר וועלן פאַרגיין!

כ׳האָב אים געגלויבט. געגלויבט אַז זיין האָפערדיקייט איז אַן אמתדיקע.

זיין פונאַנדערוויינען זיך, אָבער, האָב איך ניט פאַרגעסן.

אין איינדרוקן־נאָטיצן, וואָס כ׳האָב אין עטלעכע טעג אַרום אָפּגע־דרוקט אין דער דאָרטיקער פּרעסע, און נאָכדעם אין אַ ביכל „אויפן ראַנד פון אָנהייב״, קולטור־ליגע, קיעוו, 1925, האָב איך פאַרצייכנט וועגן כאַריקן אַ נאָטיץ, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן ענטפער פון כאַריקן דורך אַ ניי ליד, און אויך אַ רעאַגירונג פון ליטוואַקאָוון . . .

אינעם נאָטיץ האָב איך ניט דערציילט וועגן כאַריקס פונאַנדערוויינען זיך. כ׳האָב גראָד דערציילט וועגן כאַריקס פאַרמעסטן זיך, אָבער כ׳האָב

ניט פאַרפעלט איבערצוגעבן מיין טרויער־אָנונג וועגן זיין פאַרמעסטן זיך. ליטוואַקאָוו האָט, פאַרשטייט זיך, גענומען אינגאַנצן כאַריקס צד אויך בנוגע דעם פּאָעטס שטעלונג צום שטעטל, שטאַרק געריסן אים פאַר זיין אַרויסרוף־ליד געגן דעם אַמעריקאַנער.

איך ברענג דאָ מיין נאָטיץ, אַ ביסל אין פאַרקירצונג. ס'איז ווערט אָפּצעפרישן דעם ענין גראָד היינט:

. . . גוטער וואוילער איזי כאַריק. ליבער פּאָעט פון „מינסקער בלאָטעס". אויף דיינע נאַאיווע, נאָך יונגלשדיקע פליוצעס נעמט מען און מע לייגט אַרויף אַזאַ גרויסע, אַזאַ שרעקלעכע משא: אַן אָנהייב פון אַ ליטעראַטור.

פּרצן דאַרף מען נישט. שלום-עליכמען אויך נישט. אַשן אודאי נישט.

די וואַרשעווער — אָפּגעמעקט.

די ניו יאָרקער — אָפּגעשניטן.

די יידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד דאַרף זיך אָנהייבן פון 1923 אָן ערך.

דעם פריערדיקן „כלאַם" דאַרף מען מער נישט האָבן. אָפּטרייסלען זיך פון אים.

ירושה — שימל.

אַ ווייסע זילבערנע לבנה הענגט איבערן הימל פון דער נייער יידישער פּאָעזיע אין ראַטן-רוסלאַנד.

אַ ווינטערדיקער הימל. קאַלט.

שטייט דער ליבער איזי כאַריק אונטערן ווייסן הימל און האָט מורא אומצוקוקן זיך אויף הינטער.

ער — דער אָנהייב.

זיינע אָקסלען נעמען צוקן. זיינע קני פיבערן. זיינע אויגן בעטן זיך: גזלנים, ווער האָט עס אויף מיר אַרויפגעלייגט אָט די שרעקלעכע משא?

ער וויל אַ קוק טאָן אויף הינטער און וואַגט נישט. מע טאָר נישט. אָפּגרונט.

זיינע ליפּן חלשן אַרויסצופליסטערן:

עלטערע ברידער מיינע, פּאָעטן פון ניו יאָרק און פון וואַרשע, העלפט מיר!

אָבער מע טאָר נישט. אָפּגרונט.

די יידישע פּאָעזיע אין נייעם רוסלאַנד דאַרף זיך אָנהייבן פון 1923 אָן ערך.

ירושה — שימל...

רירנדיקער גורל פון איזי כאַריק... פון איציק פעפער . . .

אויף דעם דאָזיקן נאָטיץ מיינעם האָט כאַריק מיר אָפּגעענטפערט מיט פאָלגענדיקן ליד (דאָס ליד געפינט זיך אין איזי כאַריקס בוך „אַף דער ערד", אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „שול און בוך", מאָסקווע, 1926):

שליידערט, וואַרפט וואָס מערער לאַסטן אויף מיין קאַרק,
כ'וועל אפשר פעסטער נאָר צונויפדריקן די ציינער.
און וויפל איר וועט וואַרפן — וועל איך אַלץ זאָגן: קאַרג!

און ווי עס זאָל נישט שווער זיין — וועל איך אַלץ שרייען: ווייניק!
וואָס זאָל איך טאָן, אַז ס'איז מיר איצטער גרינג,
און וואָס איך זאָל נישט טאָן נאָר, טוט זיך הויך און הילכיק. —
באַדאַרף איך זינגען — שטיי איך און איך זינג,
און ס'ענטפערט מיר אַ טויאיקער דער מילך-וועג.
אַ לעבן וואָלט איך, דאַכט זיך, אומגיין אויף דער ערד
מיט ערשטן טוי און יוגנט אויף די ליפּן,
און ווען ס'וועט ווערן שווער... און ווי קאָן ווערן שווער?
ווען יונגע קרעפטן טריפן נאָך און טריפן.
ס'איז יעדערן געגעבן פול און פיל,
און יעדערן נאָך קראַפט פון אייגן גלויבן.
ווער עס קען — זאָל וויינען אין דער שטיל.
ווער עס האָט אַ שווייגנדיקן דיל,
און איך — אַ האַרץ מיט זומערדיקע שויבן.
זאָל קיינער איצט נישט וואַגן אויסלעשן מיין פרייד,
ווען ס'האָט אַ פרייד באַזעצט זיך אין מיין האַרצן;
זאָל קיינער איצט ניט וואַגן אויסלעשן מיין פרייד
מיט ווערטער האַרבסטיקע און שוואַרצע.
ניין. — איך וויל ניט. ניין, — איך וויל ניט. ניין און ניין!
בעסער נעמט צעזעצט מיך אָן אַ שטיין,
איידער אויסזעצן די שויבן פון מיין האַרצן...
אַז ערד, — דו הערסט? איך וועל אויף דיר אַרומשפּאַנען אַ יונגער,
ווען ס'וועט אין קאָפּ אַפילו ווייסן זיך דער שניי.
אַז ערד, — דו הערסט? איך וועל אויף דיר אַרומשפּאַנען אַ יונגער,
ביז מיין לעצט-פאַרבלוטיקטן און האַרציקן געשריי...

וואָס קאָנען מיר זאָגן היינט אויף דעם דאָזיקן רירנדיקן, ממש ודוי־דיקן דאָקומענט פונעם ליבן כּאַריקן?

היינט — ווען דער ליבער פּאָעט, וואָס האָט אַזוי טראַגיק אונטערגע־שטעלט זיין קאַרק פאַר די שווערסטע לאַסטן, אַלץ אין נאָמען פון זיין עכטער ליבשאַפט צו זיין ערד — צו זיין ראַטנלאַנד, ווען אָט די ערד זיינע, זיין ראַטנלאַנד, איז גלייך, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעזונגען די פאַרליבטע ודוי־שורות, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קבר־ערד פאַר אים. אַ קבר־ערד וואָס האָט אים איינגעשלונגען אַ פאַרמשפּטן, אַן אויסגעמעקטן. ווער האָט אים אויסגעמעקט? — די זעלביקע האַנט צו וועלכער ער האָט געטראָגן זיין יונג האַרץ און זיינע פאַרליבטע שורות.

געמיינט האָט ער אַז ער טענהט זיך אוים אינעם ליד מיט אַ קאָלעגע פון אַמעריקע, און אַז אים, דעם קאָלעגע פון אַמעריקע, ענטפערט ער עס מיט יוגנטלעכער טראַציקייט. ער האָט גאָרנישט חושד געווען אַז דאָס ענט־פערט עמיצן אַנדערש — עמיצן אויף זיין אייגענער סאָוויעטישער ערד וואָס האָט אים, אין זיין אייגענעם לאַנד, דורך סאָוויעטישער מאַכט־הער־שאַפט, געגרייט אַ טויט־פּינצטערניש פאַר זיין „האַרץ מיט זומערדיקע שויבן".

נאָאיוועער איזי כּאַריק, — דער אַמעריקאַנער קאָלעגע איז געווען גליק־לעך צו זען דיך „מיט ערשטן טוי און יוגנט אויף די ליפּן", און ס'איז אים

קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, גאָט באַהיט, צו וועלן אויסלעשן דיין פרייד מיט ווערטער הארבסטיקע. פאַרקערט, ער האָט געוואָלט דיך שטענדיק זען ארומשפּאַנען אין יונגשאַפט און מיט אַ ליכטיקן האַרץ; ער האָט אָבער געוואָלט אויך אַריינגעמען אין חשבון — פון דיין טובה וועגן, און אויך פון אונדזער אַלעמענס טובה וועגן — יענע מינוטן ווען דו האָסט באַדאַרפט, ווען דו האָסט געמוזט „ווייגען אין דער שטיל".

יע, עמיצער אַנדערש, ניט דער אַמעריקאַנער גאַסט־קאָלעגע, — עמיצער אַנדערש אויף דיין אייגענער ערד, עמיצער מיט אַ קאַלטער דיקטאַטאָרישער האַנט האָט איבערגעהאַקט דיינע „יונגע קרעפטן וואָס טריפן נאָך און טריפן", האָט דיך אַרויפגעשליידערט אויף „אַ שווינדליקן דיל", „אויסגעלאָשן אויף אייביק דיין פרייד", איידער נאָך ס'האָט זיך באַוויזן אפילו איין ווייסע האָר אויף דיין יונגן קאָפּ.

ס'האָט דיר נישט געהאָלפן וואָס דו האָסט געהאַלטן אין איין נאַאיווון טענהן אַז „ניין, — כ'וויל נישט. ניין, כ'וויל נישט. ניין און ניין". — ס'האָט דיר נישט געהאָלפן. דיין „לעצט פאַרבלוטיקטער און האַרציקער געשריי" איז געקומען אין דער סאַמע אומגעריכטסטער מינוט דיינער, ווען דיר איז גאָר אוממעגלעך געווען פאַרצושטעלן זיך „ווי קאָן עס ווערן שווער? — — — יאָ, ער איז געקומען דיין לעצטער געשריי. געבראַכט האָט אים דיר — דו ווייסט ווער, נאָר דו קאָנסט, לײדער, מער שוין נישט דערציילן ווער ער איז. ניט דו, ניט דיינע קאָלעגן פון דעמאָלטדיקן מינסק קאָנען נישט דערציילן היינט. ניט אַקסעלראָד, ניט בראָנשטיין, ניט ליט־וואַקאָוו, ניט פעפער, ניט האַלקין, ניט קושניראָוו. — קיינער, קיינער קאָן שוין היינט נישט דערציילן ווי אַזוי עס זיינען צעטראַסקעט געוואָרן די זומערדיקע שויבן פון דיין האַרץ. וואָרעם אויך זייערע הערצער זיינען פאַר דער צייט צעטראַסקעט געוואָרן.

אין זיין בוך „אין אומרו", וואָס איז אַרויס אין מאָסקווע אין 1926, שרייבט מ. ליטוואַקאָוו, אין שייכות טאַקע מיט מיין נאָטיץ וועגן כאַריקן, צווישן אַנדערש:

„. . . וואו איז דאָס געזאָגט געוואָרן אַז די יידישע ליטעראַטור פון אַמעריקע און פוילן דאַרף זיך נישט אָראָפּנעמען אַ מוסטער פון דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד? עפּעס איז דאָך ווערט דער שווערער ליידן־וועג פון דער סאָוויעטישער אידישער ליטעראַטור, און מען דאַרף זיך ביי איר לערנען און לערנען. . . ."

לייענסטו איצט די דאָזיקע ווערטער וואָס ליטוואַקאָוו האָט געשריבן וועגן יידישער קולטור־ירושה און העגעמאָניע, כדי צו שטאַרקן כאַריקס יונגע פּלייצעס פאַר די שווערע לאַסטן וואָס אַ ליטעראַטור־בראשית ברענגט, און כדי צו אויספירן אַז מען דאַרף זיך ביי איר, ביי דער סאָוויעטישער יידישער ליטעראַטור, לערנען און לערנען, — לייענסטו און פרעגסט:

לערנען זיך — וואָס? לערנען זיך אונטערגיין? לערנען זיך ווי אַזוי ליקווידירט צו ווערן? לערנען זיך ווי אַזוי פאַרשטומט און פאַרשניטן צו ווערן? — לערנט זיך — וואָס?

און ווייטער זאָגט ליטוואַקאָוו:

„. . . אָט דאָס הייסט מאָסקווער העגעמאָניע. ווייל די פראַגע באַשטייט נישט אין דער צאָל ווערק, און אפילו נישט אין זייער פּאָרמעלער קוואַליטעט, וואָס נאָר זיי דאַרפן כלומרשט באַשטימען דאָס רעכט אויף העגעמאָניע, — דאָ האַנדלט זיך פון אַ נייעם שניט, אַ נייעם נוסח, אַ נייער אָריענטאַציע. . . .”

יע, מ. ליטוואַקאָוו האָט געטראָפן. אַ נייער נוסח, אַ נייער שניט. אַ נייער שניט פאַרשניטן צו ווערן.

ער האָט געטראָפן סיי בנוגע זיך אַליין, סיי בנוגע איזי כאַריקן.

ווען איזי כאַריק האָט מיר צוגעשיקט קיין ניו יאָרק, פון מאָסקווע, זיין בוך לידער „אויף דער ערד”, וואָס איז אַרויס אין מאָסקווע, 1926, האָט ער אויפן שער בלאַט מיר אָנגעשריבן:

„אַן ערדישער גרוס אייך פון ‘אויף דער ערד’. עס איז אַזוי פריידיק און גוט, וואָס איך האָב אייך שוין איינמאָל געזען, און וואָס איך וועל אייך ווידער דאָ זען.”

יע, ס׳איז מיר אויך פריידיק און גוט געווען צו זען דעם גוטן, ערלעכן, יונגן דיכטער איזי כאַריק. אָבער, לײדער, וועל איך אים אויף דער ערד שוין מער קיינמאָל נישט זען.

לײדער האָבן מיינע פּאָר ווערטער פון דעם נאָטיץ אין 1925 וועגן כאַריקן אַרויסגעוויזן זיך צו זיין מער טרעפנדיק ווי איך אַליין האָב געקאָנט ווען אָנען און פאָראויספילן.

יע, אַ זייער ווינטערדיקער קאַלטער הימל איז, ווייזט אויס, שוין דעמאָלט, סוף 1925, געהאַנגען איבער כאַריקן. ער האָט אַליין נישט געוואוסט, און איך האָב אודאי נישט געוואוסט, ווי עס גרייט זיך פאַר אים אַן אמתע אַקסל־צוקעניש, אַן אמתער קני־פיבער, אַז וואו זיינע אויגן זאָלן נישט אַ קוק טאָן — נישטאָ קיין הילף. אָפּגרונט.

אַז —

קיינער קומט נישט צו הילף. קיינער. ניט פון ניו יאָרק. ניט פון וואַרשע. אָפּגרונט.

אַז —

קיינער קומט נישט ראַטעווען. נישט פּרץ. נישט שלום עליכם. נישט אַש. נישט די דיכטער פון אַמעריקע. נישט די דיכטער פון פּוילן. קיינער. אָפּגרונט.

קיינער קומט נישט ראַטעווען. אַפילו נישט די אייגענע דיכטער פון אייגענעם רוסלאַנד. נישט פעפער, נישט קושניראָוו, נישט מאַרקיש, נישט האַלקין. קיינער. אַפּגרונט.

יע, נישט ער, נישט איך, נישט קיינער האָט געקאָנט זיך ריכטן אַז עס רוקט זיך אויף אים אויף אַן אמת אַזאַ קאַלטער, טויט־ווינטערדיקער הימל. אַזאַ אַפּגרונט.

אויף אים, אויף אַלע זיינע צייט־קאָלעגן און אויף דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור אין סאָוויעט רוסלאַנד. — שטומקייט, פאַרניכטונג. — — אַפּגרונט.

.

איזי כאַריק

לידער

פון בוך „אַף דער ערד" (פאַרלאַג „שול און בוך", מאָסקווע, 1926)

מיין יוגנט האָט קיינער אין זייד נישט געוויקלט,
אַ צאַרטע האַנט האָט מיינע האָר נישט געקרייזלט....
איך בין געוואַקסן אַ קרעפּטיק יינגל
אין ענגע און הילצערנע הייזלעך.

און אין וויג נאָך, אין שטרענגער און האַרטער,
מיט אויגן — צוויי שטיקעלעך טאָג...
פלעג איך הערן: מיין נאָענטער טאַטע
זינגט שוין אין פרישן פאַרטאָג.

אַ פלינקער פויגל, — פליט און פאַלט טאַטנס האַמער,
פאַלט און צאַפּלט צווישן די קני, —
און מיר ווערט דעמאָלט נאָענט און וואַרים
יעדער ריר פון זיין זאַפטיקער שטים.

בלויער ווינט, — אַזוי שטיל, אַזוי בלוי נאָך,
קוקט מיט טויאיקע שטערן אין שויב....
און אַף מיין וואַרעם־פאַרשלאָפענעם אויער
רוישט, ווי אַ קוש, יעדער הויב.

ווערט אנטשוויגן שטילער טאַטע ביי דער אַרבעט,
אַ שטיקל זילבער בלייבט הענגען זיין ליד,
און איך זע: אין פאַרפּעכיקטע אַרבל
קוקט דער טאַטע פאַרקלערט אַף מיין וויג....

איצט וואַקס איך אַ פּראָסטער און פעסטער
מיט טאַטנס צוויי קרעפּטיקע הענט,
און אין היינטיקן אויסרוף אין העכסטן
כ׳האָב דאָס ליד פון מיין טאַטן דערקענט....

פעברואַר, 1924

**

אין וועלדער געדיכטע, אין וועלדער וויסרוסישע
ווער ווערט היינט האַלטן די וואַך?
— ס׳וועלן היינט הערצער מיט אַ פייער צעקושן זיך, —
היינט אין אַ בלוילעכער נאַכט....

שטילער, פאַרמאַטערטע, רואיקער, טייערע,
ווער וועט פאַרהיטן די רו?
ס׳וועלן היינט ווינטן און רואיקע פייערן
שטיל מיט איך ריידן אַף דו....

און ווער ס׳וועט היינט פאַלן, — וועט מוזן פאַרגעסן
אַ פאַרלאָשענעם קאָפּ אַף דער ביקס....
— זאַמדיקע, שטילע, פאַרוואָרפענע געסלעך,
היים, אונדזער בלוטיקער מינסק....

אָקטאָבער־דעצעמבער, 1924

**

איך פיל די שטאָט ביז טרערן און ביז בלוט
ביז הייסן און ביז צאַפּלדיקן אָטעם
און כ׳בענטש אַצינד די גליקלעכע מינוט,
ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל איר ערד באַטראָטן.
איך קען זיך שוין נישט פילן, ווי אַ גאַסט
און בין אַצינד צופרידן מיט מיין וואוינונג.
פאַרווילט זיך זינגען, — זינג איך אַף דער גאַס,
און וויל איך רוען, — רו איך אַף די שטיינער....
נאָר כ׳קען נאָך אַלץ נישט אויפהויבן מיין קול
און זינגען, ווי ס׳צעזינגען זיך סירענען.
ווען ס׳זינגט די שטאָט מיט שטיקער שטאָל,
וויים איך, — אז ס׳איז טויזנט מאָל נאָך שענער.

***

די שטאָט האָט איצט באַרואיקט און פאַרוויגט זיך,
און וואָס זאָל איך איצט טאָן מיט אַזאַ נאַכט ?
איך קען דאָך זיך נישט נעמען און דערשטיקן,
מיטן קני אָן ברוסט אַ בראָך טאָן זיך: און — נאַ!
מיט וואָס זאָל איך באַרואיקן דעם זינען,
ווען ס׳רוישט און ס׳כּלינעט זיך אין לייב ?
ווילט זיך איצט אַ נאָענטן געפינען,
אים אָנעמען ביים אָרעם: בלייב!
לאָז איך זיך נאָך טיפער אין די גאַסן,
און ווער ס׳וועט זיין, און ווי ס׳וועט זיין — איז גוט!
קילע שטערן מילי־מיליאַסן
וויגן זיך און זינקען אין מיין בלוט.

***

פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס,
מיט בערד צעשראָקענע, פאַרלאָפענע מיט שניי!...
אין לעצטן בראָך, אין לעצטן ווייַ
זייט איר פאַרבליבן לעצטע עדות, —
פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס!

אַז ווינד, אַז ווייַ צו אייער גאַנצן שטעטל
צעטראָטענעם אין ווייטיק און אין נויט...
צו יעדן הונגעריקן ביסן ברויט
האָט איר פון לאַנג געשמייכלט און געבעטלט, —
אַז ווינד, אַז ווייַ צו אייער גאַנצן שטעטל.

און קוקט איר איצט צעשראָקענע און מידע,
און ס׳ציטערן און ס׳טרייסלען אייך די קני.
— ווער ווייס, ווער ווייס, אויב ס׳וועלן די,
אויב ס׳וועלן אָט די זין שוין בלייבן יידן ? —
און ס׳ציטערן און ס׳טרייסלען אייך די קני.

און מיר, אָט די, וואָס רופן אייך נאָך זיידעס, —
און וויסן, אַז דאָס דאַרף מען שוין נישט לאַנג. —
מיר גייען אויף, ווי ערשטער קלאַנג,
ווי ערשטער קלאַנג פון קומענדיקע פריידן,
מיר, אָט די, וואָס רופן אייך נאָך זיידעס.

איז גוט אַריינקוקן אין אומעטיקע אויגן,
ווען פרעמד איז אייער ווייטיק פון די בערד....
מיר, — אָט די און די — ס'איז אונדז באַשערט,
ס'איז אונדז באַשערט שוין קיינמאָל זיך נישט בויגן.
פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע אויגן!

***

אַ נאַכט, ווי אַלע נעכט אין בלויען,
ווי אַלע נעכט איז אומרואיק און שטיל....
איך קען היינט נישט מיין רויען ווי צעווייען, —
איך הייב זיך אויף אַ לופטיקער און — שווים.
אַ הימל. אַ משוגענע לבנה
ציטערט אויף און רייסט זיך שטרענג און שאַרף,
עס רייסט דאָס האַרץ און רעדט, ווי טויזנט פאָנען,
ווי טויזנט פאָנען רייסט זיך מיין באַדאַרף....
איך קען זיך נישט אין אַזאַ נאַכט באַרואיקן,
אַז ס'ציט אַוועק און ס'טראָגט אויף ווי און ווינד,
מאַמע, מאַמע, ס'איז דיין זון משוגע
און פליט אַרום אַ בלויער אויפן ווינט....

איך קוק זיך איין דורך דאַרשט פון מיינע אויגן
און לענגער־לענגער צי איך אויס מיין האַלדז:
געוועזן זיינען שטעטעלעך פאַרלייגט דאָ
אין שטילער רו מיט שטילן ברויט און זאַלץ.
האָב איך אַליין געהאָלפן זיי צעשטערן
און אָפּגעשיקט זיי אַלעמען אין רויך....
איצטער הער איך שוין, ווי ס'ציטערן די שטערן
ווי ס'ציט אַוועק און ס'טראָגט מיך אין דער הויך.

יוני, 1924

***

העי, צעשריי, צעשפּיל זיך, קאַטערינקע
דו האָסט ביז איצט געליטן אין דער פרעמד!
אַ דאַרשטיקע, אַ פריילעכע און פלינקע
האָסטו זיך אומגעשלעפּט אין אָרעמינקן העמד.
אונדזער שטים האָט קיינער נישט געפּיעסטעט,
אונדזער בלוט האָט קיינער נישט געשטילט,
פון יעדער שויב און יעדן זאַטן פענצטער
מע האָט אין אונדז געשליידערט און געצילט....

אין געסעלעך צעקרימטע און פאַרדרייטע
פאַרזונקענע אין בלוט און אין געוויין
האָסטו געוואָלט פאַרהוליען יעדנס ווייטיק
און נישט געקענט צעהוליען זיך אַליין....
אין האַרטע טעג, אין האַרטן לויף פון יאָרן
מיר האָבן זיך אַ ריס געטאָן אין קאָן
און שווער געשריען און געוואָרנט
אין אונדזער שטעכיקן און האַרציקן זשאַרגאָן.
העי, צעהוליע און צעשפּיל זיך, קאַטערינקע,
אין שאַלן, אין געשרייען און אין קלעפּ,
ווער עס דאַרף און ווער עס מוז פאַרזינקען,
זאָלסטו שלאָגן, ווי אַ דונער אויף די קעפּ.
מיר ווילן און מיר קענען צאַרט זיין,
נאָר מיר ווילן נישט און קאָנען נישט אַצינד,
אויב געזונגען — איז פון פולן האַרצן,
אויב געהוליעט, — איז געהוליעט, ווי דער ווינט.
פון שטויב, פון גאַס, — און ביז די העכסטע פענצטער
אונדזער ליד זאָל זינגען, ווי אַ פאָן.
מיר זיינען איצט די שטאַרקסטע און די שענסטע:
איך, און דו, און האַרציקער זשאַרגאָן.

*****

מיך אַרט נישט, אויב די אייביקייט וועט מיך נישט קענען,
אויב קיינער וועט נישט כאָוועןמיינע טריט.
אָט איצט, — אַצינד, ווען הערצער ברענען,
קום איך אָן מיט פויסטן אין מיין ליד.
אודאי וואָלט איך וועלן זיך פאַרזינגען,
דאָס גאַנצע האַרץ צעווייען מיטן ווינט, —
נאָר איך קען דאָך נישט, אַז מיר זאָל גרינג זיין,
ווען ס'איז נאָך אַלעמען נישט גרינג!
איך האָב נאָך אַלץ ביז איצט נישט פיינט די שטערן,
מיט ווינטן איז מיר אַלע מאָל נאָך גרינג,
נאָך איך וויל אַצינד נישט הערן,
ווי ס'רוישט אויף מיר אַ שטיפערל אַ ווינט.
אַרט מיך נישט, אויב אייביקייט וועט מיך נישט קענען,
אויב קיינער וועט נישט כאָוועןמיינע טריט, —
אָט איצט, — אַצינד, ווען הערצער ברענען,
דאַרף איך קומען מיט מיין ליד!

***

איך האָב פּלוצלונג היינט דעם טויט דערפילט
און אָפּגעשפּרונגען צען טריט אויף הינטער. —
איך קען דאָך נאָך נישט בלייבן שטיל,
ווי דערפעלע פאַרשאָטענעם מיט ווינטער....

איך האָב קיינמאָל נישט געפרייט זיך און געקוויקט
מיט לעצטער רו פון צוגעמאַכטע אויגן,
און כ'האָב זיך קיינמאָל נישט געצווינגן צו אַ שטריק,
ווי ס'ציט זיך הונגעריק אַן עופהלע צום זויגן.

זינט איך האָב אַ ביסל זיך דערקענט,
רוישט אין מיר, ווי פרילינג אויף די הרעבליעס,
און ס'דאַכט זיך מיר — איך טראָג אין מיינע הענט
דעם אָנהייב און די ענדע פון מיין לעבן.

אָי, לעבן מיינס, מיין אומרואיקער פריינט,
איך וועל מיט דיר נאָך לאַנג זיך נישט צעשיידן, —
און כ'וועל געווים נאָך לעבן זייער לאַנג
און אפשר לענגער נאָך אפילו פון מיין זיידן.

און וועט אַ קויל מיך טרעפן שטילערהייט,
וועט מיך די קויל געווים נישט קענען נעמען.
איך האָב עפּעס היינט דערפילט דעם טויט,
און הייב זיך אָן פאַר זיך אַליין צו שעמען....

פעברואַר, 1926

דר. יעקב שאַצקי

מאַקס עריק

(1937—1898)

ווי אַ פייערפויגל האָט זיך מאַקס עריק באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור פון פוילן, און ווי אַ פייערפויגל איז ער שנעל פאַרברענט געוואָרן אין דער פּאָליטישער שריפה פון סאָוויעטן־לאַנד. מאַקס עריק, ריכטיקער זלמן מערקין, איז געבאָרן געוואָרן אין סאָסנאָוועץ (פּוילן), דעם 17טן נאָוועמבער, 1898. זיין טאַטע איז געווען אַ שקלאָווער ייד, איינער פון יענע „ליטוואַקעס"־משכילים, וואָס האָבן אין פּוילן זיך שנעל איינגעבירגערט עקאָנאָמיש און געזעלשאַפטלעך און געפירט אַ בעל־הביתיש הויף, וואָס האָט פאַראייניגט פּרנסה, תורה און אויך מעשים טובים. זיין מאַמע איז געווען פּסחזאָן פון דער היים, אַ שוועסטער פון יצחק פּסחזאָן, איינעם פון די גרינדער פון „בונד", אַ קדוש, וואָס איז אומגעקומען בימי היטלער.

זלמן מערקין האָט געהאַט פּריוואַטע לערער פאַר יידישע לימודים, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען חיים נחמן ביאַליק. אין דער זעלבער צייט איז ער געגאַנגען אין אַ פּוילישער גימנאַזיע, וואָס ער האָט פאַרענדיקט אין יאָר 1918. דעם זעלבן יאָר האָט ער דעביוטירט אונטערן נאָמען מאַקס עריק אין די „יודישע זאַמלביכער" פון איטשע־מאיר וויסנבערג מיט אַן אַרטיקל וועגן דעם עסטרייכיש־יידישן פּאָעט הוגאָ צוקערמאַן, אַגב דעם דייטשן איבערזעצער פון פּרצעס דראַמען.

פּאָליטיש האָט עריק זיך פאַרבונדן מיט די לינקע פּועלי־ציון און האָט אין דער דאָזיקער באַוועגונג געשפּילט אַ חשובע ראָלע ניט אַזוי ווי אַ טעאָרעטיקער, נאָר ווי אַ לעקטאָר און טוער. ער האָט שטודירט אין קראָקעווער אוניווערסיטעט, אָבער פאַקטיש איז ער געווען אַ ענטוזיאַסטישער סטודענט פון דעם גרויסן אוניווערסיטעט, וואָס הייסט וועלט־קולטור. ער האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין די דאַמאָלסדיקע בלעטער און זשורנאַלן, ווי דער ווילנער „טאָג", „רינגען", „ביכער־וועלט", „ליטעראַרישע בלעטער" א. א.

אין די יאָרן 23־1922 און 26־1925 און 1928 איז עריק געווען לערער אין די ווילנער יידישע מיטלשולן; סעקרעטאַר פון יידישן פּען־קלוב און האָט שוין אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

אָנגעהויבן האָט עריק מיט קריטישע אַרבעטן וועגן וועלט־שרייבער, ווי קנוט האַמסון, למשל, מיט טעאָרעטישע אַרטיקלען וועגן פּראָבלעמען פון

ליטעראַטור בכלל און דער יידישער בפרט. זיין ערשט ביכל, וואָס איז דער־שינען אין 1924 א. נ. „קאָנסטרוקטיווע שטודיען", אנטהאַלט אַ גאָר אינ־טערעסאַנטע ארבעט וועגן דער קאָנסטרוקציע פון פּרצעס „גאָלדענע קייט", און „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". אַזעלכע מינים אַרבעטן זיינען אין דער יידישער ליטעראַטור געווען אַ נייעס. באַאיינפלוסט פון דער גוטער פּוילישער שולע פון קאָנסטרוקטיווער ליטעראַטור־קריטיק, האָט עריק גע־וואָלט אַריינפירן דעם דאָזיקן מעטאָד כדי געבן אַ גענעטישע אַנטוויקלונג פון פּרצעס דראַמעס דורך אַן אַנאַליז פון די פאַרשיידענע וואַריאַנטן און זייערע כראָנאָלאָגישע אַנטוויקלונגען. דער גאַנצער צוגאַנג איז געווען, ווי געזאָגט, ניי, אַקאַדעמיש, אָן שום מאַמריסטיק און מליצה. ממילא איז דער דאָזיקער דעביוט נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי עס האָט פאַרדינט.

שוין אין יאָר 1922 האָט עריק אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. גלייכצייטיק האָט ער געשריבן קריטישע אַרטיקלען און אויך מקיים געווען די „מצווה פון קעמפערישן פּאַמפלעטיזם", ווי ער דריקט זיך אויס אין אַ בריוו. ער איז געווען דינאַמיש און שעפעריש.

דער רעזולטאַט פון זיינע ערשטע פאָרשונגען איז געווען דאָס בוך „וועגן אַלט יידישן ראָמאַן און נאָוועלע", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע, אין יאָר 1926. דאָס בוך נעמט אַרום די תקופות פון 14טן ביזן 16טן יאָר־הונדערט און ברענגט אַ שלל חידושים וואָס שייך דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. נחום שטיף האָט ריכטיק אָנגעוויזן אויף דער מעטאָדע, וואָס איז ביז אים אפילו נישט געווען באַקאַנט ביי אונדז, אויף זיין בקיאות און קודם אויף זיין פיינער אינטואיציע. אין דעם דאָזיקן בוך — שרייבט שטיף („מאָרגען זשורנאַל", 4 אַפּריל, 1926) — מאַכט עריק פון אַלטע „שמות" לעבעדיקע זאַכן און פאַרבינדט זיי אַלע צוזאַמען אין איין ליטעראַ־טור און קולטור־היסטאָרישער ראַם.

צינבערג לויבט שטאַרק עריקס בקיאות אין דער אַלטער וועלט־ליטע־ראַטור און באַצייכנט דאָס בוך ווי אַ קולטור־געשעעניש פון ערשטן ראַנג.

דעם זעלבן יאָר (1926) האָט עריק אָפּגעדרוקט אין דעם מינסקער „צייטשריפט" זיינע „קאָלירפולע" בלעטלעך צו דער געשיכטע פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור און קולטור, וואָס באַשטייט פון אַן אַרבעט וועגן „בראַנטשפּיגל", אַן ענציקלאָפּעדיע פון דער יידישער פרוי אין 17טן יאָרהונדערט און וועגן אליהו בחורם ליד וועגן דער שריפה אין ווענעציע (באַנד 1, 173־178).

די אַרבעט וועגן „בראַנטשפּיגל" איז אַ פּערל פון פאָרשערישער פּרע־ציזקייט, קלאָרקייט און קודם כל טעמפּעראַמענטפולער אינטערפּרעטאַציע. אַזוי האָט מען ביי אונדז נישט געשריבן. עס איז דערפאַר קיין וואונדער נישט, אַז די דאָזיקע ערשטע שוואַלבן פון ליטעראַטור־היסטאָרישע אַרבעטן האָבן אָנגעזאָגט אַז דער פרילינג פון יידישער ליטעראַטור פאָרשונג איז

נאָענט. צוויי יאָר שפּעטער האָט עריק, וואָס האָט אין 1926 געאַרבעט אין פּאַריזער ביבליאָטעקן, אָפּגעדרוקט אין דער זעלבער אויסגאַבע (באַנד 2-3, 581-545), זיין אַרבעט א. נ. „אינווענטאַר פון דער יידישער שפּילמאַן-דיכטונג".

די טעאָריע אַז די יידישע פּאָעטן פון 14טן ביזן 16טן יאָרהונדערט זיינען די זעלבע זינגער אויף יידיש, ווי עס זיינען געווען באַקאַנט אין דער וועלט-ליטעראַטור, ד. ה., אַז די פּאָעזיע איז געווען פאַר „זינגען און זאָגן", און אַז די פּאָעטן האָבן זייערע ווערק אַליין פאָרגעזונגען, איז אין תוך געווען אַ ריכטיקע. אליהו בחור באַטראַכט עריק ווי דעם לעצטן יידישן שפּילמאַן. הגם די טעאָריע גופא האָט שוין אַרויסגעזאָגט אליעזר שולמאַן אין זיין ביבליאָגראַפיש-טרוקענער געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז אַרויס אויף העברעאיש אין 1913 — איז עריק געווען דער ערשטער פונדאַמענטאַל צו באַפעסטיקן די דאָזיקע טעאָריע. מען קען דאָ און דאָרטן אפשר אַריינטראָגן געוויסע קאָרעקטיוון, אָבער דער יסוד בלייבט. אין דעם שטעקט טאַקע דער גרויסער פאַרדינסט פון עריקס אַרבעט.

אין 1928 איז דערשינען זיין „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פון די עלטסטע צייטן ביז דער השכלה תקופה". דאָס דאָזיקע ווערק האָט אַ יאָר שפּעטער געהאַט אַ צווייטע אויסגאַבע, אַ געשעעניש, אגב, וואָס האָט נישט קיין פּרעצעדענט אין דער געשיכטע פון אונדזער יונגער, וויסנשאַפט-לעכער ליטעראַטור.

דאָס דערשיינען פון דעם דאָזיקן בוך איז געווען אַ געשעעניש פון ערשטן ראַנג.

„אין אונדזער קליין געלערנטן-וועלט — האָט שיפּער געשריבן (ליטע-ראַרישע בלעטער, 19, 1928) — איז עריק אַן ערשט-ראַנגיקער, ערנסטער, אומגעהויער פלייסיקער פאָרשער."

אַרום דעם דאָזיקן ווערק האָט זיך אַנטוויקלט אַ וואָגיקע אַקאַדעמישע דיסקוסיע, די ערשטע דיסקוסיע פון דעם מין, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט בכלל ווען עס איז געהאַט.

אין דעם דאָזיקן בוך האָט אַלץ אימפּאָנירט, אפילו די פעלערן. אַ גרויס ווערק קען זיך נישט דערלויבן צו האָבן קליינע טעותים. ממילא האָט זיי אויך עריקס בוך. אָבער ווי דער ערשטער געוואַגטער פּרוּוו צו געבן אַ סינטעטיש-סאָציאָלאָגישע געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור (ביז דער השכלה), איז דאָס בוך אַ סך מער, ווי סתם אַ פּרוּוו. ביי לייטן, ווען אַ היסטאָריקער נעמט זיך אונטער צו שרייבן אַ געשיכטע פון דער ליטעראַטור, האָט ער צוקאָפּנס פאַרטיקע מאָנאָגראַפיעס, לכל הפחות פון געוויסע תקופות, אָדער וועגן איינצלנע מחברים. עריק האָט דאָס נישט געהאַט. ממילא האָט ער געמוזט אַלץ אַליין דורכאַקערן. אויב עס זיינען געווען פאַרטיקע הילף-מכשירים, האָבן זיי על פי רוב געהאַט צו טאָן מיט דער היסטאָרישער ראַם פון די תקופות, וואָס ער האָט באַהאַנדלט און נישט

מיטן ליטעראַרישן שטאָף. איז טאָקע עריק געווען דער זאַמלער, דער ביב־ליאָגראַף, דער ביאָגראַף, דער אַנאַליטיקער און אויך דער סינטעטיקער.

עריק כאַראַקטעריזירט די יידישע ליטעראַטור ווי א „פאָלקסטימלעכע ליטעראַטור פאַרן שבתדיקן נאָכמיטאָג, מיט נאָר א שוואַכן חוש פאַר ראָמאַנ־טיק, פאַר די רעאַלע דאגות און פאָדערונגען פון דעם טאָגטעגלעכן לעבן".

דאָס גאַנצע ווערק איז געשריבן מיט א ברייטן פאַרנעם, מיט פיין געמאָלענע היסטאָרישע הינטערגרונטן און מיט א בליציקן אָפּמעסטן און אָפּוועגן דעם ליטעראַרישן, סאָציאַלן און קונסט־עסטעטישן ווערט פון די ווערק און מחברים, וואָס ווערן באַהאַנדלט. די ביבליאָגראַפישע פרטים זיינען דערפירט געוואָרן צו א מינימום, דער אַנטיקוואַריזם איז ממש פאַרשטופּט געוואָרן אין א ווינקל, דער דעסקריפּטיווער נוסח, וואָס איז בעצם א מין אַנטי־אינטעלעקטועלער זשורנאַליסטישער רעפּאָרטאַזש, איז אויסגעמיטן געוואָרן. עריק זאָגט אַרויס מיינונגען וועגן דעם יידישן ליטעראַרישן עבר און האָט דעם אינטעלעקטועלן כח די דאָזיקע מיינונגען צו פאַרטיידיקן און מאָטיווירן. דאָס איז נישט סתם קיין בוך מיט בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר די יידישע ליטעראַטור אין פרעכטיקע בילדער.

לאָמיר ברענגען לדוגמה עריקס כאַראַקטעריסטיק פון דעם יידישן מוסר.

„דער יידישער מוסר — שרייבט ער (זייט 254) — איז א פּרואוו צו שטילן די אומצופרידנקייט פון די פאָראָרעמסטע יידישע מאַסן, לענקנדיק זייערע מחשבות פון דעם שווערן לעבן צו הימלישע, רעליגיעזע ענינים. ער איז אויך די אָנשטרענגונג צו צעמענטירן, דיסציפּלינירן און פעסטער מאַכן די אָפּגעשוואַכטע רעליגיעזע נאָרמען, וועלכע ס'רייסט די איצט שוין ברוטאַנדיקע כוואַליע פון דעם יידישן לעבן."

ווייטער זאָגט עריק, אַז די יידישע מוסר־ליטעראַטור איז „שיר נישט דער ערשטער פאַל פון א יידישער מאַסן־ליטעראַטור. זי רעדט צו אַלעמען, דיפערענצירט זיך און פאַסט זיך צו צו יעדערנס געשמאַק, און ס'גיט א סך צו טראַכטן דער פאַקט, אַז לעבן דער טראַדיציאָנעלער מוסר־ליטעראַטור פאַר פרויען באַווייזט זיך א היפשע צאָל מוסר־שריפטן אויף יידיש, וואָס אָריענטירט זיך בפירוש אויפן מאַנסביל, בפרט אויפן ישובניק, וואָס לעבט אָפּגעריסן פון יידן און יידישקייט."

מען וואָלט געקענט ברענגען זייער א סך מוסטערן פון סינטעטישן שאַרפזין און גוט דאָקומענטירטער אַנאַליטישער אינטערפּרעטאַציע וואָס מען געפינט אין עריקס מאָנומענטאַלן ווערק.

איך ווייס נישט אויב עס וועט ווען עס איז אויפקומען א נייער פאָרשער פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. איך גלויב קוים. עס איז משמעות באַשערט אַז דער דאָזיקער ערשטלינג זאָל בלייבן, מיט אַלע חסרונות, וואָס איז סוף כל סוף די פּריווילעגיע פון אַן ערשטלינג, ווי די געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור.

מען דאַרף איינשטימען מיט שיפּער אַז צו אַ סך מיניאַטור־אַרבעטן, וואָס מען געפינט אין דעם דאַזיקן ווערק, ווערט די פאָרשונג נישט האָבן מער וואָס צוצוגעבן.

„דאָס זיינען — זאָגט שיפּער — אמתע קאַבינעט־שטיק פון פלייסיקער און שאַרפזיניקער פאָרשונג, אמתע פּערל" („ליטעראַרישע בלעטער", 1928, נומער 11).

אין פּראָצעס פון שרייבן און דרוקן דעם דאָזיקן ווערק איז קלאָר געוואָרן אַז פאַר אַזאַ אַמביציעזן, דינאַמישן פאָרשער איז ענג אין אַ סביבה וואָס איז ליידער נישט געשטאַנען אויף יענער אינטעלעקטועלער מדרגה, וואָס האָלט פון טאָלעראַנץ, קען אָנוואַרעמען און איז גרייט צוצולאָזן צום בשותפותדיקן פאָרשערישן טיש אַזאַ זעלבסטשטענדיקן פאָרשער, ווי מאַקס עריק איז געווען.

עס האָט געמאַניעט דאָס שכנותדיקע לאַנד, וואָס האָט אָנגעהייבן וואַרימען מיט צוזאָגן פון אַ פרייער, פאָרשערישער מעגלעכקייט, באַשיצט פון „פאָטערלעכע" מלוכה־הענט און געלטער. אַהין האָט אַ סך שרייבער פון פוילן געצויגן. אויך עריקן האָט סאָוויעטנלאַנד צוגעצויגן. אין 1928 האָט עריק געוואָלט אַהין פאָרן. פון דעם איז אָבער גאָרנישט נישט געוואָרן, ווייל פוילן האָט אים ניט געוואָלט אַרויסלאָזן. אינגאַנצן פאַרברענען די בריקן אונטער זיך, האָט ער משמעות נאָך ניט געוואָלט, אָדער ניט געקענט. ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט אַז אין פוילן וועט מען קענען טאָן פאָרשערישע אַרבעט און אַז זיין פּלאַץ איז אין ווילנע, ביים ייוואָ. אָבער „צעריסן מיט דער גאַנצער וועלט", ווי ער דריקט זיך אויס אין אַ בריוו צו אָפּאַטאָשון („טינט און פעדער", 1950, 3), איז אים געוואָרן אין פוילן ענג. אָנהייב 1929 האָט עריק געהאַט אין וואַרשע אַן אינטערוויו מיטן דיכטער איציק פעפער. דער רעזולטאַט איז געווען אַז דער וואַרשעווער פּען־קלוב האָט געפאָדערט זיין רעזיגנאַציע. די ווילנער חברים האָבן אים אָבער פּאַרטיי־דיקט. עריק האָט געפילט אַז קיין אַנדער וועג איז נישטאָ, ווי רעזיגנירען פון פּען־קלוב. די דאָזיקע רעזיגנאַציע איז, אין תוך גענומען, געווען אַ רעזיגנאַציע פון פוילן גופא. סעפּטעמבער 1929 איז עריק אַוועק קיין סאָוויעטן־רוסלאַנד.

„אַ שווערע אויפגאַבע איז פאַר מיר געשטעלט געוואָרן — שרייבט ער אין זיין ׳וידוי׳ — זיך איבערוואַרפן אין גאַנג, זיך לערנען און גלייך לערנען אַנדערע, שטודירן די מאַרקס־לעניניסטישע טעאָריע, א. אַ. וו."

זיין סאָציאָלאָגיע פון ליטעראַטור, וואָס ער האָט אָנגעווענדט אין פוילן, איז געווען, לויט זיין שפּעטערדיקן קוק, אַ מין אויבערפלעכלעכע סאָציאַלע אָפּאָזיציע. ווי אַלע פּראָזעליטן איז אויך עריק געווען איבערגעשפּיצט אין זיין פלינקייט און געשיקטקייט און האָט אָנגעהויבן אָנווענדן ריין מעכאַניס־טיש דעם דאָזיקן מישמאַש פון „מעטאָדן", וואָס מען רופט אָן אין סאָוויעטנ־

לאַנד היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, און וואָס האָט מיטן אמתן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם קיין שום שייכות נישט.

נאָך פון פּוילן האָט עריק געשיקט און געדרוקט אַרבעטן אין סאָוויעטיש־יידישע אויסגאַבעס, וואָס זיינען געווען געשריבן אין דעם זעלבן גייסט און נוסח, ווי ער האָט געשריבן אין די פּויליש־יידישע אויסגאַבעס. זיין צוגאַנג איז געווען אַ סאָציאָלאָגישער, אין תוך אַ ריכטיקער; זיין אינטערעס איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער, אין תוך אויך אַ ריכטיקער.

אין 1928 האָט עריק געשריבן (יידישע וועלט, ווילנע, 2, 295־309), אַז די יידישע וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור וואַקסט. ער האָט באַגריסט די אַרבעטן וואָס זיינען אַרויס אין ווילנע, ניו יאָרק, מינסק און קיעוו. ער האָט אָנגעוויזן אַז עס איז שוין שווער אַ באַהאַוונטן פאַרשער צו באַהערשן דעם רייכן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל. ער האָט היים באַגריסט דעם „פּנקס" פון די „אַמעריקאַנער קאָלעגן", וואָס האָבן געשאַפן אַ נייעם טיפּ פון אַ זשורנאַל. זיין רעצענזיע אין קיעווער „אַפן שפּראַכפראָנט", איז געווען אַ מוסטער פון אָביעקטיווקייט און זאַכלעכקייט. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן זיינע אַרבעטן אין די „פילאָלאָגישע שריפטן" פון ייוואָ. זיין אַרבעט וועגן דער ערשטער יידישער קאָמעדיע (איציק אייכלס „ר' הענאָך"), געדרוקט אין דריטן באַנד „פילאָלאָגישע שריפטן" פון ייוואָ (1929), איז אַ מוסטער פון אַ פיינער, אַנאַליטישער, סאָציאָלאָגישער אויפגענומענער אַרבעט. דאָס זיינען געווען קערנדיקע, עיקרדיקע און יסודיקע אַרבעטן מיט אַ ריכטיקן צוגאַנג, אָן זשורנאַליסטישער פיין־שמעקעריי.

די אידעאָלאָגישע עוואָלוציע פון מאַקס עריק איז געווען אַ צו לאַנג־זאַמע לויט דעם טעמפּאָ און דער פּערשפּעקטיוו פון דעם לאַנד פון דער „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע". ממילא זיינען די אידעאָלאָגישע דערגרייכונגען פון 1930 געווען שוין ליקווידירט פּאַרטייאיש אַ יאָר שפּעטער, און דער קרבן פון די אידעאָלאָגישע מילן האָט ניט געקענט אַזוי פלינק און שנעל אָניאָגן, בעת מען האָט שוין לאַנג באַדאַרפט איבעריאָגן. אין דעם קאָנפליקט צווישן אינטעלעקטועלער גרייטקייט אויפנעמען די תמיד זיך בייטנדיקע פּאַרטיי־תורה און דער פאָדערונג פון מאָמענט, וואָס עס איז נישט געווען אַזוי לייכט צופרידנשטעלן — אין דעם שטעקט די טראַגעדיע פון מאַקס עריק. זי האָט אים גייסטיק צעמאָלן, נאָך איידער ער איז אומגעקומען. מיט אַזאַ גייסטיקן באַגאַזש ווי עריק האָט פאַרמאָגט, איז ניט לייכט געווען אויפכאַפּן שנעל און פלינק די לאַזונגען פון טאָג, וואָס מען האָט אינטעלעקטועל נישט געקענט פאַרדייען, אַ פּשוטא אקצעפּטירן.

דאָך וואָלט געווען אַ גרויסער און פאַרדריסלעכער טעות, אויב מען וואָלט צוליב דעם אַרויפגעצוואונגענעם פּאָליטישן פּרצוף געוואָלט מבטל מאַכן אינגאַנצן דאָס וואָס איז פאַראַן וואָגיקס און וויסנשאַפטלעך ריכטיק פאָרמולירט אין זיינע אַרבעטן פון דעם סאָוויעטישן פּעריאָד. מען דאַרף קענען אָפּטיילן דעם קאָזיאַנעם טראַפּאַרעט פון דעם פּאָליטישן זשאַרגאָן,

מיט וועלכן די אַרבעטן זיינען באַפּוצט און באַשירעמט, פון דעם עיקרדיק וואַגיקן צושטייער וואָס מען געפינט אין זיי, אויך אַזוי בנוגע אַנדערע סאָוויעטיש־יידישע פאַרשער פון יענער צייט. אין דער לייִדנשאַפטלעכער, נעגאַטיווער באַציאונג צו די סאָוויעטישע אַרבעטן בכלל, האָט מען צוזאַמען מיטן פּאָליטישן וואַסער געוואָלט אַרויסוואַרפן דאָס קינד, וואָס האָט זיך געמוזט באָדן אין דעם דאָזיקן זומפּ.

לאָמיר נעמען, למשל, זיין פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אָנגעשריבן בשותפות מיט א. ראָזענצווייג (אומגעקומען דעם 12טן יאַנואַר, 1934): די יידישע ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט (1935, אַרויס 2 אויפלאַגעס). עריק האָט אָנגעשריבן די קאַפּיטלען וועגן לעווינזאָן, אַקסענפעלד, עטינגער און גאָטלאָבער. אין די דאָזיקע קאַפּיטלען זיינען דאָ אַ סך חידושים, וואָס אַ פאָרשער קען בכלל ניט איגנאָרירן. קודם כל זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן צום ערשטן מאָל די דאַטעס ווען עס זיינען אויפגעקומען לעווינזאָנס יידישע כתבים. עס ווערט ריכטיק פאָרמולירט די גענעאַלאָגיע פון די הויפּט־געשטאַלטן פון עטינגערס פּיעסע „סערקעלע". עס ווערט ריכטיק אָנגע־צייכנט די השפּעה פון דער אוקראַינישער פאָלקס־קאָמעדיע אויף גאָט־לאָבערס „דער דעקטוך". אַזעלכע געפינסן קען מען נישט סתם אָפּפטרן.

אין זיין בוך „עטיודן צו דער געשיכטע פון האַסקאָלע 1789-1881" (מינסק, 1934) האָט ער אויפגעטאָן גאָר אַ סך, וואָס מען האָט לייִדער נישט אָפּגעשאַצט. אַז די השכלה איז די „אידעאָלאָגיע פון באַשטימטע שיכטן פון דער אויפשטייענדיקער יידישער בורזשואַזיע", איז אַ היסטאָריש פעסטגע־שטעלטער פאַקט, וואָס אַפילו די נאַציאָנאַליסטישע יידישע היסטאָריקער פאַר־לייקענען נישט.

עריק האָט אָבער ריכטיק באַמערקט, אַז בעת די אַלגעמיינע השכלה (די אויפקלערונג) האָט אַ סך יידן געבראַכט ממש צום אַטעאיזם, האָט דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער יידישער רעליגיע אַפילו קיין איין משכיל נישט געבראַכט צום פולשטענדיקן אַטעאיזם.

עריק רעהאַביליטירט די השכלה — פון זיינע פּאָזיציעס, נישט ווייניקער איבערצייגנדיק ווי דאָס טוען קלויזנער און משה קליינמאַן — פון זייערע פּאָזיציעס.

אַ פּערל פון אַנאַליז איז די כאַראַקטעריסטיק פון דער מענדעלזאָן־לעגענדע. עריק האָט ריכטיק אָנגעוויזן אַז דער משכיל משה מענדעלזאָן שטעקט טיף אין מיטל־עלטער און איז ווייט פון יענעם מיליטאַנטיזם, וואָס זיינע קענגער האָבן אים פאַרגעוואָרפן. זיין פּאָרטרעט פון משה מענדעלזאָן איז דער סאַמע רעאַליסטישער, וואָס מיר איז בכלל אויסגעקומען צו לייענען.

נישט אַלץ איז כשר אין די עטיודן וועגן השכלה אין גאַליציע. אָבער דער עטיוד וועגן מענדל לעפין איז פינאַל אין זיינע אויספירן און קיינער קען די דאָזיקע געשטאַלט בעסער נישט אויסמאָלן (אַפילו פון שטאַנדפּונקט פון פאַקטן).

זיין נחמן קראָכמאַל איז גאָר אַנדערש ווי מען איז געוואוינט צו לייענען. ער איז מער מענטש וואָס בלאָנדזשעט, הגם ער האָט אָנגעשריבן דעם „מורה נבוכי הזמן”, און אין זיין קריטיק פון אַנדערע פאָרשער, וואָס האָבן באַפוצט קראָכמאַלן און געמאַכט פון אים מי יודע וואָס פאַר אַ פילאָזאָף, איז עריק גערעכט.

בפרט אין קליין־אַנאַליז, אין פּרטים און צווישנשייכות צווישן צייט און ווערק, זיינען אין דעם בוך וועגן השכלה פאַראַן פּאָזיטיווע זאַכן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ סך ענינים זיינען פאַלש אַוועקגעשטעלט געוואָרן (למשל, די דריי פליגלען פון דער השכלה אין גאַליציע). עריקס בוך וועגן השכלה אין פּויסן און גאַליציע האָט אַ סך נייע עלעמענטן און דאָס טאָר מען נישט פאַרגעסן.

פּאַמפלעטיסטיש און בייזוויליק אין טאָן איז עריקס בוך וועגן שלום אַש (מינסק, 1931). דאָס איז אָבער שייך דעם פּאָליטישן טאָן און פּאַרטייאישער פּערשפּעקטיוו. גייט ער אַוועק פון דעם און ער פאַרגעסט זיך, גיט ער גאָר אינטערעסאַנטע זייטלעך, וואָס זיינען ריכטיק און גוט. דאָרטן וואו עריק אָפּערירט מיט דער פאָרמאַליסטישער מעטאָדע פון קריטיק, איז ער פריש און אינטערעסאַנט און האָט תמיד וואָס צו זאָגן. דאָרטן, אָבער, וואו עריק דאַרף די דאָזיקע עסטעטישע פאָרמאַליסטיק אַרומפּוצן מיט אַבסטראַקציעס גענומען פון פּאָליטישן ווערטערבוך, דאָרטן זאָגט ער גאָרנישט, ווי למשל אין דעם ווייטערדיקן זאַץ:

„דער פּייזאַזש אין ’שטעטל‘ איז געווען פּלאַסטיש — שרייבט עריק (ז. 105) — ענג צוגעפּאַסט צו דער פּאָרקאַפּיטאַליסטישער, באַלעבאַטישער פאָרשטעלונג וועלט.”

אין סאָוויעטנלאַנד איז עריק געווען זייער פּראָדוקטיוו. אין 1930 האָט ער, צוזאַמען מיט נאָך צוויי (ק. בעזנאַסקי און י. רובין), אַרויסגעגעבן דעם „אַנטירעליגיעזער ליטעראַרישער זאַמלבוך”, וואָס האָט אויך אַ ווערט צוליב דעם אָנגעזאַמלטן פּאָלקלאָר־מאַטעריאַל, וואָס איז אין תוך אויטענטיש. אין 1933 האָט ער אַרויסגעגעבן אין אַ מאָדערנער איבערזעצונג פון דוד האָפּשטיין די צוויי קאָמעדיעס פון וואָלפזאָן און אייכל. זיין אויספירלעכער היסטאָרישער אַריינפיר פון קנאַפּע 70 זייטן איז אַ מוסטער פון פאָרשערישער רייפקייט, וואָס וועט בלייבן אין דער ליטעראַטור.

אין 1936 האָט ער אַרויסגעגעבן אין קיעוו געקליבענע ווערק פון עטינגער. אויב אין דער אַרבעט איז דאָ ווייניק זיינס, וואָס שייך נייע מאַטעריאַלן און אפילו אויסטייטשונג, איז אָבער די הוספה וואָס באַרירט די יידישע פּאַראַפּראַזן פון שילערס ליד פון דעם גלאָק (זז. 370־374) אַ קליינער אָבער אַ וויכטיקער אויפטו, הגם די טעמע איז ווייט נישט אויסגעשעפּט געוואָרן.

צווישן די אַרבעטן וואָס זיינען נוגע דער נייער יידישער ליטעראַטור איז חוץ זיינע אַרטיקלען וועגן אַקסענפעלדן (אין צייטשריפט, 5), כדאי צו

דערמאָנען די אויספירלעכע הקדמות געשריבן צו אייניקע בענד פון שלום עליכמס ווערק ווי „כתבים פון א קאמיוואָיאזשער" (געדרוקט אין „וויסנ־שאפט און רעוואָלוציע", 1935, 4-3), וועגן די רוסישע איבערזעצונגען פון שלום עליכם („צייטשריפט", 1935, באנד 5), וועגן פרץ אויף דער טשער־נאָוויצער קאָנפערענץ (א שוואכע ארבעט), געדרוקט אין „וויסנשאפט און רעוואָלוציע (1936, 8).

וועגן מענדעלע האָט עריק געשריבן א סך און זיך באמיט צו געבן א תשובה אויף א פראגע, וואָס איז עד היום שווער צו געבן:

וואָס מיינט פאר אונדז מענדעלע? („פאָרמעסט", 1936, נומער 1). דאָרטן שרייבט עריק רואיק און נישט פּאָליטיש. ער גייט־צו צו דעם ענין ריין סאָציאָלאָגיש און גיט טרעפיקע באמערקונגען וועגן סטיל און זשאנר. ער טרעט־צו צו מענדעלען מיט דער מעטאָדע פון פאָרמאַליסטישן אנאליז פון פאָרמען און קונסט מיטלען.

אין דעם זעלבן „פאָרמעסט" (1933, נומער 1), שרייבט עריק וועגן מאָרים ראָזענפעלד און זאָגט אז:

„מאָרים ראָזענפעלד האָט געזוכט אן אויסוועג פון דעם שאפ־גיהנום, דעם וועג זיך ארויפצוארבעטן און ווערן אוים ארבעטער."

ער צעשלאָגט די לעגענדע פון ראָזענפעלדס פּראָלעטארישער פּאָעזיע מיט גוטע ראיות און א רואיקן טאָן.

בכלל האָט מען פארקוקט עריקס קריטישע ארבעטן. ער האָט געהאַט אינטואיציע, קולטור, אָפּעריִרט מיט אנאלאָגיעס אין א פארנעם, וואָס זייער ווייניק ביי אונדז האָבן דאָס געקענט טאָן. בעת ער שרייבט וועגן אָפּאַטאָשוס טרילאָגיע („יידישע וועלט", 1928, אויגוסט), שטעלט ער שארף און ריכטיק די דיאגנאָזע אז אָפּאַטאָשוס שרייבן איז א פּערמאַנענטער קאָנפליקט צווישן רעאליזם און ראָמאַנטיזם.

עס איז אויך כדאי אָנצואווייזן אז עריק האָט אָפּגעדרוקט לויט אן אלטן כתב־יד די מעמוארן פון דעם תוספות יום טוב (ארכיוו פאר יידישער שפּראכפאָרשונג פון נח פּרילוצקי, ווארשע, 1926-1933, 179-219). ער האַלט אז דער מחבר האָט די דאָזיקע זכרונות געשריבן אויף העברעאיש, בעת צינבערג האַלט — אז יידיש איז געווען דער אָריגינעלער לשון זייערער. דערביי ווארפט עריק ארײַן א באמערקונג וואָס איז שארפזיניק און היס־טאָריש ריכטיק:

מיט יידיש — שרייבט ער — האָט מען זיך אין דייטשלאנד אָנגעהייבן שעמען אין 18טן יאָרהונדערט מיטן וואוקס פון אסימילאציע פון די יידיש־גבירישע קרייזן. ווען מען פאָרשט די געשיכטע פון די „הויף־יידן" אין פּרייסן, אָט די זעלבע יידן וואָס זיינען ביז אן ערך 1725 געווען מעצענאַטן פון דער יידישער ליטעראטור און יידיש טעאטער — איבערצייגט מען זיך וויפל אמת עס שטעקט אין א זאַץ, וואָס אן אנדערער וואָלט פון דעם מסתמא געמאכט אן ארטיקל.

עריק איז בכלל געווען א גרויסער בקי און דאָס זעט מען אין זיינע וויסנשאַפטלעכע רעצענזיעס, וואָס וויניק פון דעם מין איז ביי אונדז בכלל געשריבן געוואָרן.

עס איז כדאי צו לייענען וואָס ער האָט געשריבן, תמיד תוכיק און צו דער זאַך, וועגן די שריפטן פון ייוואָ, וועגן אַרבעטן צו דער געשיכטע פון יידיש (געדרוקט אין „די יידישע שפּראַך", קיעוו, 1927־1929). זיינע מלואים, קאָרעקטיוון, ווידעראַנאַנדן זיינען תמיד געווען אינטערעסאַנט. עריק האָט אַריינגעבראַכט א טאָן, וואָס האָט געפאָדערט א שטעלונג. עס איז געגוג צו לייענען דעם לאַנגען, ערנסטן און ממש מיט לייטן גלייך וויכוח אַרום דעם „מעשה בוך", וואָס עס האָבן געפירט עריק, שיפּער, צינבערג און פערעפערקאָוויטש (ליטעראַרישע בלעטער 1926־1927 און אין ריגער „פרי־מאָרגן" אין 1927), כדי זיך פאַרבענקן נאָך יענע ברויזנדיקע יאָרן. אין פּראָצעס פון דער דאָזיקער דינאַמישער אַרבעט האָט עריק דער רעוואָלטירער זיך איבערצייגט, אַז מען רעוואָלטירט נישט ווי מען וויל, נאָר ווי מען הייסט. אין דער ליידנשאַפט דיסקוסיע אין קיעוו אין 1932, בשעת מען האָט באַהאַנדלט די „אַנטי־מאַרקסיסטישע" טעאָריעס אין דער ליטעראַטור פאָר־שונג, האָט עריק זיך „מודה" געווען אַז ער איז נאָך אַלץ שוואַך באַוואָפנט מיט דער מאַרקס־לענינישער טעאָריע. זיין זעלבסטקריטיק איז נישט געגוג אַנטוויקלט — האָט עריק דערקלערט אויף יענער סעסיע פון פּאַרטייאישע אינקוויזיטאָרן.

אין דעם זיגזאַגישן ווידעראַנאַנד, ווען מען האָט באַדאַרפט געבן מער פאַר דער פּאַרטיי פּראָפּאַגאַנדע, ווי די טעמע גופא האָט געפאָדערט — האָט עריק געטאָן אַלץ וואָס די דאָזיקע ראַפינירטע גייסטיקע אינקוויזיציע, פאַרמאַסקירט ווי מאַרקסיזם, האָט געפאָדערט.

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. ער איז געפאַלן א קרבן פון א בלבול און איז געשטאָרבן אין תפיסה אין יאָר 1937, כדי שפּעטער רעהאַביליטירט ווערן. ער איז אָבער געשטאָרבן גייסטיק א סך פריער. די דאָזיקע טראַגעדיע האָט פון אים געמאַכט א גייסטיקן זעלבסטמערדער. ער האָט מער נישט געוואָלט לעבן אין דעם דאָזיקן גייסטיקן גיהנום. מען זאָגט אַז אין תפיסה האָט אים אינטערעסירט נאָר מאַטעמאַטיק, ווייל דאָרטן איז נאָך סטאַלינס ממשלה נישט דערגאַנגען.

אַזוי איז דער פּייערפויגל עריק פאַרברענט געוואָרן.

אויב מען גייט צו צו זיינע אַרבעטן מיט אַן אינטעלעקטועלן געוויסן — וועט מען געפינען, אפילו אין די סאַמע פּאָליטיש־באַפּאַרבטע אַרבעטן פון דער סאָוויעטישער תקופה, געשריבן אונטער דער דיקטאַטור פון דער פּאַרטייאישער מאַכט, וואָגיקע אַרבעטן, סאָלידע דערגרייכונגען, וואָס וועלן זיך אין אַש נישט פאַרוואַנדלען.

עריק איז אין תוך געווען אַן עקלעקטיקער. ליטעראַטור קען מען נישט אויפנעמען נאָר עסטעטיש, פּונקט ווי מען קען זי אויך נישט אויפנעמען

נאָר סאָציאַל. ערגעץ אין דעם גאָלדענעם מיטן שטעקט דער אמת. אָבער אין צייטן פון עקסטרעמע מאַניפעסטאַציעס ווערט מען פאַרמשפּט פאַרברענט צו ווערן, טאַקע צוליב דעם גאָלדענעם מיטן.

און זלמן מערקין, דער זון פון שקלאַווער משכיל, דער מאַקס עריק פון דער יידישער ליטעראַטור, איז פאַרברענט געוואָרן אויף דעם שייטערהויפן פון דער סאַמע ראַפינירסטער אינקוויזיציע, וואָס הייסט: סאָוויעטנלאַנד.

דער ודוי, וואָס ווערט דאָ ווייטער איבערגעדרוקט, דאַרף נישט אויפגענומען ווערן ווי אַ דאָקומענט פון עריקס דענקען, נאָר דאַרף געלייענט ווערן ווי מען לייענט אַ ווידוי פון אַ מאַראַן אין דער צייט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. דער דאָזיקער דאָקומענט רעדט נישט קעגן מאַקס עריק, נאָר קעגן דעם סיסטעם אין וועלכן עס איז אים אויסגעקומען צו לעבן די לעצטע יאָרן פון זיין יונג פאַרשניטענעם לעבן.

עריקס „ווידוי"

„מיין וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט פאַלט צונויף מיטן אָפּגיין פון דער נאַצמענשעוויסטישער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין פּוילן. איך בין אַוועק פון דער דאָזיקער פּאַרטיי פון סאָציאַל־פּאַשיזם אין דער יידישער סביבה אַן אַנטווישטער, מיט אַן עקל צו פּאַרטיי־לעבן, צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, און אין מיין אַוועקגיין צו „ריינער וויסנשאַפט" און ניט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פּוילן, וואָס גייט אַן אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמפּאַרטיי, האָט זיך בלי ספק בולט אויסגעדריקט יענע רעאַקציע, וואָס האָט גענומען באַהערשן גרויסע טיילן פון קליינבירגערטום אין פּוילן נאָך דעם רעוואָלוציאָנערן שטורעם פון די יאָרן 1919-1921. און אויב אין מיין ערשטן ביכל „קאָנסטרוקציע־שטודיען" (געשריבן 1923, דערשינען אין 1924) האָב איך נאָך געשריבן וועגן פּרצן, האָט זיך אין מיינע ווייטערדיקע אַרבעטן אַלץ מער געפילט דער דראַנג אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט, און איך בין אַלץ גרינטלעכער אַנטלאָפן — ביז אין די טיפענישן פון 14טן יאָרהונדערט. איך האָב זיך פאַרגראָבן אין שטויב פון אַלטע מאַנוסקריפּטן און ביכער — אָבער נאַטירלעך, אַז אויך דאָ האָט מיך דעריאָגט דאָס לעבן, דער קלאַסנקאַמף אַרום. נישטאָ קיין פּאָליטישע „ריינע" וויסנשאַפט, און אויך מיינע ווערק האָבן געדינט אַ באַשטימטן קלאַס, אויסגעדריקט אַ באַשטימטע פּאָליטיק.

די „קאָנסטרוקציע־שטודיען" זיינען אַ יידישיסטיש ביכל, מיט אַ פאָרמאַליסטישער מעטאָדאָלאָגיע, מיטן טעזיס פון אימאַנענטער באַוועגונג פון זשאַנרען. בלויז אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק" פילט זיך אַ לייכטער אָנלויף פון קליינבירגערלעכן ראַדיקאַליזם — אין דער קריטיק פון דעם יידישן אימפּרעסיאָניזם פון דעם רעאַקציע־פּעריאָד צווישן צוויי רעוואָלוציעס. אַ רעגרעס אין אידעאָלאָגישן זינען איז דער בוך „וועגן

אַלטיידישן ראָמאַן" (דערשינען 1926). די ציל־איינשטעלונג איז דאָ אַ יידישיסטישע — דערוויזן דעם „אַלטן יחוס" פון יידיש, דער מעטאָד, אַ קולטור־היסטאָרישער, אין דער פאָרם פון דער דייטשישער פילאָלאָגיש־היסטאָרישער שערער־שול. אַ געוויסן ווערט קען איצט בלויז האָבן דער מאַטעריאַל, וואָס ווערט דאָרט געבראַכט, און זיין סיסטעמאַטיזירונג אין מיין אַזוי־גערופענער „שפּילמאַן־טעאָריע". אָבער די אויסטייטשונג, וואָס איך ברענג פאַר דער שפּילמאַן־ליטעראַטור, איז אַ קולטור־היסטאָרישע און ממילא נישט ריכטיק. זי טייטשט גאָרנישט, זי דערקלערט גאָרנישט. אַזאַ מעטאָד קאָן העכסטנס בלויז רעגיסטרירן, און דאָס אויך לויט אויסערלעכע סימנים, ממילא פלאַנטערנדיק און פאַרקריפּלט.

עטוואָס ראַדיקאַלער, — קליינבירגערלעך־ראַדיקאַלער — איז מיין „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פון די עלטסטע צייטן ביז דער השכלה־תקופה" (געשריבן 1922־1927, דערשינען אין וואַרשע, 1928). דער מעטאָד — אַן אויסגעשפּראָכן קולטור־היסטאָרישער, מיט אַלע יענע „מעלות" (פון דעם מעטאָד). ווייטער פונעם „סטיל פון דער עפּאָכע" בין איך נישט דערגאַנגען. עס פעלט לחלוטין דער קלאַסן־אַנאַליז. דער היסטאָרישער פּראָצעס אין דער יידישער סביבה איז איזאָלירט פונעם אַלגעמיינעם לעבן אין לאַנד. פאַראַן אַ געוויסער אָנלויף פון קליינבירגערלעכן ראַדיקאַליזם, אַפּאָטעאָזירט די שפּילמאַן־דיכטונג, קריטיקירט משכיליש די מוסר־ליטעראַטור. עס בלייבט אָבער ביי קליינבירגערלעכער פראַנדע אין די גרענעצן פון יידישיזם. אַזאַ מין פראָנדע באַדייטן אויך מיינע דעמאָלטיקע אַרויסטרעטונגען קעגן אָפּאַטאָשוס טרילאָגיע, עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען קעגן אשן, ראַוויטשן און זיין טעאָריע וועגן דער מיסיע פון דער יידישער ליטעראַטור, קעגן ווילנער וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, א. אַ. וו. ס'איז קליינבירגערלעכע פראָנדע, היימישער ראַדיקאַליזם, נאָך אַלץ ניט אַרויסגייענדיק פון תחום פון יידישיזם.

אַ שריט פאָראויס, מיין איך, איז מיין אַרבעט וועגן אייכלען. איך זוך אַ וועג פון דעם פאַרכישופטן קרייז פון דער קולטור־היסטאָרישער שול, פונעם בלאָנדזשען „צווישן די אומצאָליקע פאַקטאָרן". שאַרף באַטאָנט די ראָליע פון דער קאָמעדיע אינעם קאַמף פאַר דער פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציע פון דער יידישער בורזשואַזיע אין פּרייסן סוף 18טן יאָרהונדערט, און דאָך איז עס נאָך ניט קיין איבערברוך. אין לעצטן סך־הכל איז עס ווייטער אַ קולטור־היסטאָרישע אַרבעט, אַן עקלעקטישע אַרבעט.

...איך האָב נאָך דערווייל נישט קיין איין גרעסערע אַרבעט, וועגן וועלכער כ'זאָל קענען זאָגן מיט אַ רואיקן געוויסן, אַז זי איז אַ מאַרקסיסטישע אַרבעט, אַז כ'ווענד אָן אין איר ריכטיק דעם דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישן מעטאָד.

איך בין געקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד סענטיאַבר 1929, אין אַ וויכטיקן היסטאָרישן מאָמענט, ביים אָנהייב פון רעקאָנסטרוקטיוון פּעריאָד, צום אָנהייב פון סאָץ־געוועט און שלאָגלעריי, צום אָנהייב פון דער ליקווי־

דאַציע פון לעצטן עקספּלואַטאַרישן קלאַס — דעם בעלגופּטום — אין אַ פּעריאָד פון גרויסע קלאַסן שלאַכטן אויך אויפן אידעאָלאָגישן געביט . . .

אַ שווערע אויפגאַבע איז פאַר מיר געשטעלט געוואָרן: זיך איבערבאַוואָפּענען אין גאַנג, זיך לערנען און גלייך לערנען אַנדערע, שטודירן די מאַרקס־לענינישע טעאָריע און גלייך זי אָנווענדן אין לעקציעס פאַר סטודענטן, אין עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, אין אַרטיקלען און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. אַנדערש האָט ניט געקאָנט זיין. עס איז אָבער געווען — און ס'איז — זייער שווער. מיינע אַרבעטן פון סאָוויעטישן פּעריאָד ווימלען פון אַ סך פעלערן, וואָס נעמען זיך דערהויפּט פון אַ ניט גענוגנדיקער באַוואָפענונג מיט דער טעאָריע פון מאַרקסיזם־לעניניזם. מיין אָקסענפעלד־אַרבעט, די ערשטע גרעסערע אַרבעט, וואָס כ'האָב געשריבן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, איז נאָך היפּש מעכאַניסטיש, „עקאָנאָמיסטיש", — אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פאַר אַן אָנפאַנגער אויפן געביט פון מאַרקסיסטישן אַנאַליז פון ליטעראַטור־ווערק. . . . די רעצענזיע אויף שטיפס ברעסטאָמאַטיע שטעלט ריכטיק די פראַגע וועגן בורזשואַזן כאַראַקטער פון דער השכלה, קעגן שטיפס טעאָריע וועגן די משכילים, ווי „אָנזאָגער פון אַ קליינבירגערלעכער דעמאָקראַטיע", אָבער מעכאַניסטיש־עמפּיריש, נישט פון די לענינישע פּאָזיציעס. אַ ריי יידישיסטישע איינשטעלונגען פונעם ח' שטיף ווערן פאַרשמירט. דעם זעלביקן פעלער האָט אויך די אַרבעט „נייע מאַטעריאַלן וועגן אייכלען". איך קוואַליפיציר נישט אָפן שטיפס אַרבעט וועגן אייכלען ווי אַ יידישיסטישע, גרענעץ זיך אויך נישט אָפּ פון מיין אייגענער אייכל־אַרבעט פון יאָר 1928. אַ שווערער פּאָליטישער פעלער איז אויך געווען, וואָס אין מיין רעצענזיע אויף וויינרייכס בוך וועגן דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, האָב איך זיך נישט אָפּגעגרענעצט פון מיין אייגענער יידישיסטישער „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור", פאַרקערט, קעגנגעשטעלט וויינרייכס בוך מיין אייגענעם, כאָטש אין סך־הכל זיינען ביידע ווערק אַ פּראָדוקט פונעם זעלביקן קלאַס: אַנדערש געזאָגט, איך האָב וויינרייכן אַטאַקירט פון זיינע אייגענע פּאָזיציעס, מיט זיין אייגענעם וואָפן, נישט מיטן מאַרקסיסטישן וואָפן. אין דעמזעלביקן 1930 יאָר האָב איך מיט נאָך צוויי חברים בעזשאַסקי און רובין צונויפגעשטעלט אַן אַנטירעליגיעזן ליטעראַרישן לייענבוך. אין תוך איז עס אַן אויפקלערערישער בוך, אַן „עקלעקטיש־אַקאַדעמישער", נישט אַ קעמפערישער פּראָלעטאַריש־אַטעאיסטישער לייענבוך.

מיין אַרבעט וועגן שלום אַשן איז, ווי איך מיין, אַ שריט פאָראויס אין פאַרגלייך מיט דער שטאַרק מעכאַניסטישער אָקסענפעלד־אָפּהאַנדלונג. עס איז נייטיק מיר קומען צו הילף מיט אַ דעטאַלער קריטיק פונעם דאָזיקן ביכל. איינציקע פעלערן וויל איך גלייך דאָ פאַרצייכענען: וועגן ערשטן פּעריאָד פון „בונד" — ביז 1903 — רעד איך ווי וועגן אַ פאַרקליינבירגערלעכטן, נאַציאָנאַליסטיש־געוואָרענעם „בונד", בשעת דער „בונד" איז לכתחילה געווען אַ קליינבירגערלעך־נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. אַ פאַרדריסלעכער ליאַפּסוס איז, ווען דער אַנאַליז פון טאָלסטאָיס השפּעה אויף אַשן ווערט

געפירט אין דער פאָרם פון א פאַרגלייך פון דעם גרויסן רוסישן קינסטלער מיטן דעגראַדירטן, כאַלטורעמדיקן טרובאַדור פון פאַשיזם אין דער יידישער סביבה.

אין משך פון צוויי יאָר האָב איך אַלזאָ שוין צו פאַרצייכענען א היפּש ביסל פעלערן. איך דערקלער עס מיט א נאָך אַלץ שוואַכער באַוואָפענונג מיט דער מאַרקס־לעניניסטישער טעאָריע, מיט א נאָך אַלץ שוואַכער פאַרבינדונג מיט דער פּראַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג, ענדלעך — מיט א נאָך נישט גענוג־אַנטוויקלטער זעלבסטקריטיק."

(קעגן אַנטימאַרקסיסטישע טעאָריעס אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג, קיעוו, 1932, זז. 49־52)

ד״ר י. שאַצקי

ישראל צינבערג

(1938 — 1873)

אין יאָר 1938 איז ישראל צינבערגס קול פאַרשטומט געוואָרן. זינט דאַן האָט מען פון אים נישט געהערט. עס קאָן געמאָלט זיין אַ קליינער צייט־אָפּשניט צווישן דעם פיזישן פאַרשוואונדן ווערן און אַנטשוויגן ווערן — אָבער דאָס ענדערט נישט די לאַגע. פאַקטיש האָט זיך צינבערגס שעפעריש לעבן געענקט אין 1938.

אין 1898 האָט זיך ישראל צינבערג באַזעצט אין פּעטערבורג. ער האָט איבערגעלעבט פּעטראָגראַד, איז אונטערגעגאַנגען אין לענינגראַד.

זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט תמיד געהאַט צוויי אַספּעקטן, אַ רוסיש־יידישן און אַ יידישן. בעת צינבערג שרייבט אויך רוסישע אַרטיקלען וועגן יידישע ליטעראַרישע ענינים, פאַרגעסט ער נישט אַז ערגעץ אין דעם ענגן תחום המושב פּייניקט זיך אַ פאָלק אָן ברויט און אָן וויסן און מען דאַרף אויך עפּעס טאָן פאַר אים. ער גיט אַרויס אַ פּאָפּולערע בראָשור וועגן בעמיע. ער וויל שאַפן אַ פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק אויף יידיש, אָבער די „חברת מפיצי השכלה" האַלט נישט פון „זשאַרגאָן" און צינבערג מוז זוכן אַנדערע וועגן, כדי דינען דער יידישער פאָלקס מאַסע. אין 1903 שרייבט ער אין „דער פריינט" וועגן דער נויטווענדיקייט אַרויסצוגעבן אויף יידיש אַ פאָלקס־ענציקלאָפּעדיע. צוויי יאָר שפּעטער (1905) דערשיינען די ערשטע צוויי העפטן פון דער דאָזיקער ערשטער יידישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין מזל ביים לייענער, אָבער איז געווען מזלדיק וואָס שייך רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער, להיפּוך צו אַ סך אַנדערע שפּעטער אַרויסגעגעבענע יידישע ענציקלאָפּעדיעס.

פּאַראַלעל מיט דער דאָזיקער ריין־אוטיליטאַרער אַרבעט אין יידיש, וואַקסט צינבערגס אַקאַדעמישער אינטערעס פאַר דער יידישער ליטעראַטור. דאָס האָט זיך קודם כל אויסגעדריקט אין די פאַר יענער צייט גאָר וואָגיקע אַרטיקלען געדרוקט אין „וואָסכאָד" (1903) וועגן דער עלטערער יידישער ליטעראַטור און דער השכלה אין רוסלאַנד. די סיסטעמאַטישע קריטישע באַריכטן וועגן די נייע ווערק אויף העברעאיש און יידיש האָבן מיט דער צייט אָנגעהויבן דינען ווי אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר אַ בולדיקער געשיכטע פון ליטעראַטורן ביי יידן. עס האָט זיך בּיסלעכווייז אָנגעהויבן אויספּיקעווען

דער גראַנדיעזער געדאַנק פון אַזאַ געשיכטע טאַקע אין זכות פון די דאָזיקע סיסטעמאַטיש געזאַמלטע פּרטים.

אין אַ בריוו צו שמואל ניגערן, געשריבן אין 1914 („זאַמלביכער" 5, 261) האָט צינבערג געשריבן אַז אין זיינע יונגטלעכע יאָרן איז ער געווען אַ מאַרקסיסט, און האָט אַפילו „געדאַוונט פון אַ מאַרקסיסטישן סידור". ער האָט אָבער באַמערקט אַז אין „יענעם סידור פעלן זייער וויכטיקע תפילות", און דעריבער האָט ער אויפגעהערט פון אים צו דאַווענען. אויב צינבערג האָט געהאַט אין זינען זיין אַרבעט וועגן „צוויי שיטות אין יידישן לעבן", וואָס איז אַרויס אויף רוסיש אין 1906 און אויף יידיש אין מיין איבער־זעצונג אין 1949, זיינען דאָרטן אמת פאַראַן רמזים פון מאַרקסיסטישן דאַווענען, אָבער נאָך ווייט נישט קיין פולער מאַרקסיסטישער סידור. עס איז אָבער ביז גאָר אינטערעסאַנט און אַפילו באַלערנדיק, אַז דווקא דאָרטן וואו צינבערג אינטערפּרעטירט געוויסע היסטאָרישע פּראָצעסן מיטן לייכטן באַריר פון היסטאָרישן דעטערמיניזם — איז ער פריש און בפירוש גערעכט. אַזוי למשל זיינען די שייכותן צווישן קבלה און די עקאָנאָמישע תנאים פון יענער תקופה אַרויסגעבראַכט געוואָרן זייער גוט און באַקומט אַ לאָגישע גאַנצקייט.

אין 1915 דערשיינט צינבערגס בוך וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין רוסלאַנד. די יידישע, העברעאישע און רוסישע פּרעסע ווערט אַנאַליזירט אין פאַרבינדונג מיט די אידעאישע שטרעמונגען פון דער צייט. דערפירט ביזן יאָר 1881, גיט די דאָזיקע מאָנאָגראַפיע, וואָס טיילן פון איר זיינען אַרויס אויף יידיש אין 1949, אַ גוטן אַנאַליז פון דעם מאַטע־ריאַל און האָט כשר פאַרדינט די פּרעמיע, וואָס די יידישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט האָט צינבערגן געגעבן.

אין 1907 הויבט אָן אַרויסצוגיין די רוסיש־יידישע ענציקלאָפּעדיע. צום גליק האָט די רעדאַקציע באַשלאָסן אַלע אַרטיקלען וועגן ליטעראַטורן ביי יידן נישט צו איבערזעצן פון דעם ענגליש־יידישן מאָדעל, נאָר צו שרייבן ספּעציעל. די דאָזיקע אַרבעט האָט מען אָנפאַרטרויט טאַקע צינבערגן, וואָס האָט אַזוי אַרום באַקומען אַן אידעאַלע וויסנשאַפטלעכע פּלאַטפאָרמע פאַר זיינע אַרבעטן, וואָס ער האָט זיין גאַנץ לעבן געגרייט, כדי צו קאָנען אַמאָל אָנשרייבן אַ געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן. די עפּנטלעכע לעקציעס, וואָס צינבערג האָט אין די יאָרן 1910, 1914 געהאַלטן אין פּעטערבורג זיינען על פּי רוב געווען געבויט אויף די דאָזיקע מאַטעריאַלן. זיי זיינען אָבער נישט געווען סתם רעפעראַטן, נאָר אָפטמאָל שטאַרקע און טעמפּעראַ־מענטפולע פּאָלעמישע אַרויסטרעטונגען קעגן די אָנערקענטע שאַבלאָנען, באַגריפן און מיינונגען.

אין דעם פּרט איז אינטערעסאַנט די לעקציע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף יידיש אין דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט אין פּעטערבורג דעם 20טן אָקטאָבער, 1913. ער האָט גערעדט וועגן דער אייביקער שפּראַכן

פראגע. צינבערג האָט פאָראויסגעזאָגט די שקיעה פון דער רוסיש־יידישער ליטעראַטור און געהאַלטן אַז יידיש באַזיגט רוסיש און אַז שמעון פרוג איז דער לעצטער רוסיש־יידישער פּאָעט.

„אויב עס איז אייך טייער די נאַציאָנאַלע קולטור — האָט צינבערג געזאָגט — דאַרף אייך אויך זיין טייער דער לשון פון דער נאַציע, אומאָפּהענגיק פון תנאים אין וועלכע ער איז געשאַפן געוואָרן, ממילא דאַרף אייך זיין טייער דער דאָזיקער לשון ווי אַ נאַציאָנאַלער אוצר.״ („נאָווי־וואָסכאָד״, 1913, 39).

אין די דאָזיקע לעקציעס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן געדאַנקען, וואָס בכתב געפינט מען זיי כמעט נישט אין צינבערגס שריפטן. זיין שטעלונג צו אַ ריי יידישע פּראָבלעמען ווערן בולט אַרויסגעבראַכט אין די דיסקוסיעס און רעפעראַטן, געהאַלטן אין פּעטערבורג. דער דאָזיקער מאַטעריאַל שטעלט מיט זיך פאָר אַ וואָגיקן צושטייער צו אַן אויספירלעכער ביאָגראַפיע פון ישראל צינבערג.

דעם 26טן יאַנואַר, 1914, האָט דובנאָוו געהאַלטן זיין רעפעראַט וועגן דעם פּראָבלעם פון דער ליטעראַטור־שפּראַך אין דער יידישער געשיכטע און אַרויסגעבראַכט זיין גוט באַקאַנטן טעזיס וועגן דריישפּראַכיקייט, וואָס האָט אין אַמעריקע אין די לעצטע יאָרן געפונען אַ פּאָר אומקריטישע חסידים.

צינבערג האָט לחלוטין פאַרלייקנט די ריכטיקייט פון דובנאָווס טעאָריע. ער האָט געהאַלטן אַז רוסיש וועט פירן צו אַ טאָטאַלער אַסימילאַציע. אַ רוסיש־יידישע ליטעראַטור איז נאָך געווען מעגלעך צו שאַפן אין די 80'ער יאָרן, אָבער נאָכן אידעאישן איבערבראָך איז דאָס שוין אויסגעשלאָסן. אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור קאָן זיין נאָר אין העברעאיש און יידיש („ראַזסוועט״, 5, 1914).

זייער אינטערעסאַנט איז געווען צינבערגס שטעלונג צום פּראָבלעם פון יידישן נאַציאָנאַליזם. דער דאָזיקער ענין איז געווען דיסקוטירט אין שייכות מיט אַ לעקציע פון דניאל פּאַסמאַניק. צינבערג האָט געהאַלטן אַז אַן אמתער נאַציאָנאַליסט איז נישט קעגן ארץ ישראל אָדער העברעאיש. אַן אמתער נאַציאָנאַליסט טאָר אָבער נישט פאַרלייקענען דעם גלות, און אויב ציוניזם איז אַ סינאָנים פון שלילת־הגלות — דערקלערט ער זיך פאַר אַן אַנטי־ציוניסט.

אויך בנוגע אַנדערע פּראָבלעמען אין יידישן לעבן האָט צינבערג געהאַט תמיד וואָס צו זאָגן. כידוע האָבן די סאָוועטיש־יידישע שרייבער געהאַלטן אַז די השכלה ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ רעאַל דאָס יידישע לעבן. דער ערשטער, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט איז געווען יעקב לעשטשינסקי. דעם 20טן אַפּריל, 1914, האָט לעשטשינסקי געהאַט אַ לעקציע וועגן דער אָפּשפּיגלונג פון דעם יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין די ווערק פון די יידישע שרייבער און אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז די משכילים האָבן ריכטיק באַשריבן דאָס יידישע לעבן. צינבערג האָט אין דער דיס־

קוסיע אָפּגעלייקנט די דאָזיקע טעזע. ער האָט געהאַלטן אַז ליטעראַטור בכלל שפּיגלט ניט אָפּ דיווירקלעכקייט, און די השכּלה ליטעראַטור אוודאי און אוודאי נישט, — ווייל זי האָט דעמאַסקירט דאָס דאָזיקע יידישע לעבן. די משכּילים זיינען, לויט צינבערגן, געווען איינזייטיקע מאָלער, ווייל זייער כּונה איז געווען צו באַווירקן, און ממילא האָבן זיי געמוזט אפילו דאָס עקאָנאָמישע לעבן באַלייכטן איינזייטיק. לויט צינבערגן האָבן זיך אָקסענפעלד און מענדעלע נישט געשטעלט קיין שום קינסטלערישע צילן, נאָר ריין מאָראַליזאַטאָרישע און דערפאַר מוז מען זיין פאָרזיכטיק בעת מען באַנוצט זיך מיט זייער ווערק, ווי מיט היסטאָרישע מקורים.

די דאָזיקע צינבערגישע תורה שבעל־פּה איז אין ערגעץ נישט פאַרצייכנט, חוץ אין די קאַרגע באַריכטן פון די עפנטלעכע לעקציעס און דיסקוסיעס, אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט. הגם נישט מיט אַלע אויספירן זיינע קאָן מען היינט צו־טאָג מסכּים זיין, זיינען אָבער אַ סך פון זיי גאָר ריכטיק און זיי איבעראַשן מיט זייער פרישקייט און אינטעלעקטועלער זעלבסטשטענדיקייט, וואָס היינט ווען מען הערט די באַנאַל געוואָרענע נאַציאָנאַליסטישע פראַזן — איז אַ חיות צו לייענען אַזעלכע מיינונגען.

צינבערגס גלענצנדיקע ארבעט וועגן שיילאָקן, געדרוקט אין „וואָסכאָד" (1900) געהערט צו די וואָגיקסטע און געוואָגטסטע אַרבעטן. ער האַלט אַז אין די ראַמען פון דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט פון יענער צייט איז שיילאָק מער ווירקלעכקייט ווי לעסינגס „נתן החכם" אין זיין כּלומרשטער היסטאָרישער סביבה. אין דער דאָזיקער אַרבעט זיינען אויך פאַראַן רמזים פון דעם אויבן דערמאָנטן „מאַרקסיסטישן סידור", הגם קיין „אמתער מאַרקסיסט" וואָלט מסתמא קיין אמן נישט זאָגן.

אין דער איינזאַמקייט פון סאָוועטישן רעזשים, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן אַ וויסנשאַפט אין דער יידישער שפּראַך, האָט צינבערג דערפילט אַז ער געהערט נישט אַהין, הגם מען איז געווען גרייט זיינע אַרבעטן צו דרוקן. פּעטערבורג איז געוואָרן אוים גייסטיקער יידישער צענטער. עס איז כּמעט קיינער נישט געבליבן, נאָר ער אַליין.

„איך, איינער פון די אַמאָליקע 'יונגע' — שרייבט אין 1934 צינבערג אין אַ בריוו צו אָפּאַטאָשו (זאַמלביכער, 5, 286) — פון די אַמאָליקע 'ראַדיקאַלע', בין איצט איינער פון די לעצטע מאָהיקאַנער! דעמאָלט, אין דעם זעלביקן פּעטערבורג, האָב איך שטענדיק אַ טריבונע געהאַט. דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל. היינט, היינט שרייב איך בלויז וועגן אונדזער עבר, וועגן דער קולטור, וואָס אונדזערע אבות אבותינו האָבן אונדז געלאָזט בירושה."

אין דעם דאָזיקן וידוי־בריוו איז פאַראַן דער זעלבער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט צוליב וועלכן צינבערג האָט געפּסלט די יידישע השכּלה־ליטעראַטור ווי אַ היסטאָרישן מקור. די טענדענץ פון דער השכּלה־ליטעראַטור איז אַנטי־היסטאָריש. די טענדענץ פון דעם דור, וואָס באַוויינט דעם בלוטיקן עבר איז אויך אַנטי־היסטאָריש, ווייל ווען מען באַוויינט איז מען נישט אָביעקטיוו.

מיט דער דאָזיקער רעזערוואַציע דאַרף מען צוגיין צו אַ סך ווערק וואָס ווערן איצט געשריבן. מיט דערזעלבער רעזערוואַציע דאַרף מען אויך צוגיין צו געוויסע טיילן פון צינבערגס מאָנומענטאַלער „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן".

דאָס דאָזיקע ווערק איז לכתחילה פאַרטראַכט געוואָרן אויף רוסיש. די יידישע ווערסיע איז אָבער בשום אופן נישט קיין איבערזעצונג, נאָר אַ נייע אַרבעט, ווי דאָס איז לייכט פעסטצושטעלן ביים פאַרגלייכן דעם ערשטן רוסישן חלק, וואָס איז דערשינען אין דרוק (קיעוו, 1918) און דעם יידישן טעקסט.

צינבערגס ווערק איז געשריבן אין אַן אַטמאָספער פון שעפערישער איינזאַמקייט, וואָס האָט געצויגן איר יניקה פון די גייסטיקע אוצרות, וואָס האָבן געפוילט אין די יידישע זאַמלונגען פון לענינגראַד, און וואָס ער, צינבערג, איז געווען זייער ערשטער, אמתער גואל.

בייטאָג אַ כעמיקער, ביינאַכט אַ זאַמלער און אָפּשאַצער פון דער יידישער קולטור־ירושה — האָט צינבערג געאַרבעט אין אַן אינטעלעקטועלן חלל. די התלהבות פון פאַרשערישער אַרבעט האָט געדינט ווי אַן עפעקטיוו סובלי־מאַציע פאַר דעם פיינלעכן געפיל פון יידישער איינזאַמקייט. זיין יידישע סביבה איז באַשטאַנען פון ליטעראַרישע געשטאַלטן. ער האָט זיך צו זיי געטוליעט. נישט זיי זיינען געווען אים דאַנקבאַר, וואָס ער „דעקט" זיי אויף, נאָר ער, דער איינזאַמער היסטאָריקער, האָט זיי געדאַנקט, וואָס זיי עקזיסטירן. די באַגייסטערונג פאַרן עבר איז טיילווייז געווען די דאַנקבאַר־קייט פון אַן איינזאַמען וואָס האָט אַ געלעגנהייט זיך צו געפינען אין אַ געזעלשאַפט. ביי אַזאַ געמיט־צושטאַנד איז מען נישט תמיד איבערקלייַ־בעריש. מען פאַרגעסט זיך אין עבר, ווייל דער איצט איז כמעט ווי נישט בנמצא, און וועגן דעם עתיד איז נישטאָ קיין מוט צו טראַכטן.

אַזוי אַרום האָט דער ראַציאָנאַליסט צינבערג זיך פאַרבענקט נאָך אַ רמ"א, ווי אַ מין געשיכטע־סובלימאַציע, מחמת דעם וואָס אַרום איז מסתמא נישט געווען שוין מער קיין רמז פון אַ היסטאָריש־באַוואוסטזיניקן יידן.

צינבערגס צוגאַנג צו ליטעראַטור־געשיכטע איז בדרך כלל אַן עקלעק־טישער. ביי אים געפינט מען פאַרשיידענע מעטאָדן און צוגאַנגען: פון אַלטמאָדיש־אַנטיקוואַרישן פון שטיינשניידערס שיטה ביז אַן אימפּרעסיאָ־ניסטיש־עסטעטישן. מען שטויסט זיך אפילו אָן אויף שפּורן פון אַמאָליקן דאַוועגען פון דעם „מאַרקסיסטישן סידור".

שטעלט זיך אַ פראַגע: איז דאָס אַלץ באמת ליטעראַטור? ביי נאָר־מאַלע פעלקער און נאָרמאַלע תנאים בפירוש נישט. ליטעראַטור איז קודם כל די קינסטלערישע מאַניפעסטאַציע פון אַ פאָלק. אַן עכט פאָלקס־ליד איז ליטעראַטור, אַ טיפער קבלה־טראַקטאַט — נישט. רמב"ם איז געשיכטע פון טעאָלאָגיע, רעליגיעזע פילאָסאָפיע, אָבער נישט ליטעראַטור. דאָס זעלבע איז קראָכמאַל. אין אַ געשיכטע פון דער דייטשער ליטעראַטור געפינט מען נישט קאַנטס נאָמען.

ביי יידן איז אָבער אַנדערש, וואָס מיינט אָבער נישט אַז ס'איז ריכטיק. דידאַקטיק האָט פאַרטעמפּט דעם חוש פאַר ריין ליטעראַרישע ווערטן. ווען מען וואָלט געשריבן ליטעראַטור־געשיכטע ביי יידן טאַקע לויטן אַלגעמיינעם נוסח, וואָלט געוועז וויניקער צו שרייבן און וואָגיקער צו לייענען. צינבערגס ווערק איז מער ליטעראַטור געשיכטע, ווי געשיכטע פון ליטעראַטור. ער ווייס עס, אָבער ער מוז זיין לומדיש־ענציקלאָפּעדיש, דער היפּוך פון שעפע־רישער ליטעראַטור. דאָרטן וואו צינבערג קאָן זיין עסטעטיש־עמאָציאָנעל ווי למשל ביי אבן גבירול, איז ער לעבעדיק און אינטערעסאַנט.

צינבערגן איז פרעמד מיסטיציזם, כאָטש ער מאַכט אָן אָנשטעל אַז ער איז דאָרטן אַ בן־בית. ער קאָן דאָס נישט באַנעמען, ווייל ער האָט גוואַלדיק יראת הכבוד פאַר קבלה און באַגרייפט זי נישט ווי אַ מאַניפעסטאַציע פון אַ געוויסער פאָרמע פון שעפערישער פאַנטאַזיע. מען קאָן עפּעס פאַרשטיין און דאָך נישט פאַלן כורעים און באַגייסטערן זיך אָן שום סיבות.

דאָרטן וואו עס לאָזט זיך רעדן טאַקע וועגן ליטעראַטור אָן שום פסעוודאָ־מיסטישע חכמות — דאָרטן פילט זיך צינבערג גוט און דאָס פילט אויך דער לייענער ביים לייענען. עמנואל הרומי איז צינבערגן נעענטער צום האַרצן ווי דער פינצטערער ספר החסידים און זיין תקופה. דאָס לאָזט זיך אַנגב פילן אין אַ סך טיילן פון זיין גרויס ווערק. צינבערג האָט הנאה פון ריין פּלאַסטישע באַשרייבונגען, וואָס ווערן ליטעראַטור אין זכות פון דער סטיליסטישער פאַרשפיצטקייט.

ער פאַרגלייכט, למשל, דעם רמב"מ'ס „מורה נבוכים" מיט רמ"א'ס „תורת העולה" און גיט אַזאַ אימפּרעסיאָניסטישע כאַראַקטעריסטיק:

„דער 'מורה נבוכים' איז אַן האַרמאָניש גאַנצער בנין. יעדער חלק, יעדער פּרט, איז שכלדיק צוגעפּאַסט צום צוויטן. קלאָר און ליכטיק איז דער דאָזיקער בנין. פונקט דעם היפּוך זעען מיר אין דעם 'תורת העולה'. אַלץ איז מטושטש און צעשוואומען. נישט קיין בנין איז דאָס, נאָר אַ לאַבירינט, וואו אַלץ איז פאַרפּלאָנטערט אין ווילדן תוהו־ובוהו. דער אָרעמער לעזער ווערט נעפּירט איבער שמאָלע, פאַרדרייטע הינטער־וועגן, וואו עס בלאָנדזשען אין דער פינצטער גרויע, נעפּלהאַפטע שאָטנס. אָט באַווייזן זיך געזיכטער, וואָס ס'קאָן זיך דאַכטן — דאָס זיינען שליחים פון דער מלוכה, וואו עס געוועלטיקט בלויז דער קאַלטער שכל; זיי פאַרשווינדען אָבער גלייך, און עס שווימען אַרום משונהדיקע פאַנטאַסטישע געשטאַלטן, וואָס דרייען זיך אין ווילדן כישוף־טאַנץ."

אַזעלכע שיינע, ריין עסטעטיש אויפגענומענע כאַראַקטעריסטיקעס זיינען פאַראַן אין צינבערגס געשיכטע גאָר אַ סך. עס פעלן אויך נישט קיין פיינע היסטאָריש־אַנאַליטישע עלעמענטן, וואָס מען געפינט אין קיין שום געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן.

דאָס וואָס צינבערג שרייבט וועגן מהר"ל איז שיין, ווייל עס איז מער פּלאַסטיש ווי לומדיש. צינבערג זאַמלט נישט נאָר נייע פאַקטן און פּרטים,

נאָר ער לעבט זיך אַזוי איין אין אַ היסטאָרישער סביבה אָדער פּערזענלעכ־קייט, אַז דאָס וואָס ער גיט איז נישט סתם דרויסנדיק און צופעליק דערציילט, ווי דאָס טוט וואַקסמאַן אין זיין מער קאָנטעמפּלאַטיווער ווי שעפערישער געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן. צינבערג פאַרשטייט ליטעראַטור, אפילו ווען ער איז נישט תמיד גערעכט אין זיין אָפּשאַצונג. אָפּטמאָל געלינגט אים צו געבן אַזאַ קינסטלעריש שאַרפע און פיין פּאָרטראַכטע כאַראַקטעריסטיק פון פּערזענלעכקייטן, אַז עס איז ממש אַ שאָד וואָס זיי ווערן פאַרשלונגען אין דעם ים פון ריין פאָרמעלע ביאָ־ביבליאָגראַפישע פּרטים, וואָס איז לײדער דער אומפאַרמיידלעכער באַגאַזש פון אַזעלכע מינים ווערק. מיר זיינען נאָך נישט דערגאַנגען צו יענער קולטור מדרגה ווען אַ בוך וועגן די קינסטלערישע דערגרייכונגען פון אַ ליטעראַטור זאָל אויך זיין אַ קונסטווערק.

די כאַראַקטעריסטיק, וואָס צינבערג גיט פון דעם ווילנער גאון, למשל, איז דאָס בעסטע, וואָס מען קאָן געפינען אין דער ליטעראַטור בכלל, ווייל זי איז אָריגינעל און פריש און קאָן מיט אַ באַלאַסט מראה־מקומות נישט באַשטעטיקט ווערן — ווייל זי איז כולל אינטואיטיווע אינטראָספּעקציע. אַזוי אויך וועגן דעם וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן דעם דובנער מגיד.

גראָד ווייניק חידושים געפינט מען אין דעם זעקסטן באַנד, וואָס האָט צו טאָן מיט דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. צו ווייט איז ער געוועזן פון די מקורים פון נייער אינפאָרמאַציע און אַ סך אַלטע ווערק זיינען געבליבן מער רעפערירט, ווי זעלבסטשטענדיק אַנאַליזירט. די לעצטע צוויי בענד, וואָס זיינען דערשינען, דער זיבעטער און אַכטער באַנד, זיינען שוין אין אַ גרויסן טייל יודאַיקאַ, אָט יענע מגפה, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף אונדזערע נשמות און באַשטויבט דאָס קינסטלערישע אין אונדז, און פאַרבייט דאָס מיט אַנטיקוואַרישער־אתה־בחרתנו אַפּאָלאָגיע, וואָס איז געוואָרן דאָס ברויט און פּוטער פון ראַבינישע אַרמייען, ממילא איז יודאַאיסטישער אַנטיקוואַ־ריאַט געווען אומפאַרמיידלעך. די שאָטנס פון משה שטיינשניידער שוועבן איבער די דאָזיקע צוויי סאָלידע אָבער נישט גייסטרייכע, קאָמפּעטענטע, אָבער נישט שעפערישע בענד.

די עפּיגאָנען פון חכמי ישראל־שיטה וועלן אפשר פון די דאָזיקע בענד הנאה האָבן.

דאָס וואָגיקסטע, וואָס מען געפינט אין די דאָזיקע בענד, איז די פּאָזיטיווע איינשטעלונג צו דער השכלה אין אַ תקופה, ווען אויך צווישן יידן האָט מען פאַרלאָרן דעם שכל. צינבערג האַלט מיט טויזנט פּראָצענט רעכט, אַז די השכלה איז געווען די סאַמע וויכטיקסטע און בויענדיקע קראַפט אין דער יידישער קולטור־געשיכטע פון דער נייער תקופה, אַ סך אַ גרעסערע ווי חסידות איז געווען. וועגן שמואל דוד לוצאַטאָ שרייבט צינבערג מיט דער קאָ־סימפּאַטעטישער איינשטעלונג פון אַ גייסטיקן קרוב. ער פילט בפירוש די דאָזיקע התקרבות. ער, דער נזיר פון לענינגראַד, און לוצאַטאָ, דער לעצטער גרויסער און איינזאַמער ייד אין איטאַליע. אפשר זיינען לעצטע און איינזאַמע תמיד גרויס?

צינבערג האַלט, אַז ער האָט רעהאַביליטירט שד״לן און אויך אדם הכהן לעבנזאָן, ווייל די העברעאישע קריטיקער האָבן זיך באַצויגן צו זיי מיט בטול. ער האָט משמעות נישט געזען קלויזנערס „תולדות הספרות העברית החדשה״, וואָס טראָגט אַריין נייע און וואָגיקע קאָרעקטיוון.

אין 1937 איז שוין געווען פאַרטיק די ערשטע העלפט פון נײַנטן באַנד, וואָס האָט געזאָלט באַשטיין פון צוויי חלקים און אַרומנעמען די תקופה ביז די 70־ער יאָרן.

„דער מאַטעריאַל איז אַ קאָלאָריט פולער — האָט צינבערג געשריבן אין אַ בריוו צו אַפּאַטאָשו, וואָס איז אַ פּנים דער לעצטער בריוו (דאַטירט 21טער יאַנואַר, 1938) — שוואַנגער מיט נייע אָנזאָגן, מיט נייע פֿאָדע־רונגען און ספקות, וואָס טוען אונדז פיל לאָזן לערנען. צי וועט מיר נאָר געלינגען אַרויסצוגעפינען די נייטיקע צייט און פּאַסיקע שטימונג, דאָס אַלץ צו באַוועלטיקן און שעפעריש באַלעבן? אויף ווי ווייט מען קאָן, טוט מען איבער די כוחות, און ווייטער, ווי דאָס מזל וועט טראָגן״ (ייוואָ־בלעטער, 23, 292).

עס האָט געזאָלט זיין נאָך אַ צענטער באַנד, וואָס האָט געזאָלט אַרומ־נעמען די יידישע ליטעראַטור ביז דער ערשטער וועלט מלחמה.

פון דעם אַלעמען זיינען אָבער געבליבן חורבות פון נישט־דערפילטע האָפענונגען און פיינלעכע זכרונות פון אַ צעשטערט לעבן און לעבנסווערק.

צינבערגס געשיכטע איז, נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער בנין איז נישט פאַרענדיקט, פאָרט אַ ריזיקער און אימפּאָזאַנטער בנין, אפילו מיט טירן און פענצטער, וואָס פעלן דאָ און דאָרט טאַקע אין די פאַרטיקע שטאָקן. געשריבן אין אַ גייסטיקן קלימאַט, ווייט נישט צוגעפּאַסט צו אַזאַ אַרבעט, אין אַ כמעט טאָטאַלער איזאָלאַציע פון דער גרויסער, יידישער וועלט — איז דער עצם פאַקט פון אַ גרויסן היסטאָרישן באַטייט. אונדז פעלט ממש אָטעם און פּערספּעקטיוו ריכטיק אָפּצושאַצן דאָס וואָס צינבערג האָט אויפ־געטאָן. פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט זיך אין די דאָזיקע אַכט בענד אין צען חלקים אַ פילפאַרביקע פּאַנאָראַמע פון ווערק און ווערטן פון פאַרשיידענע דורות, תקופות, לענדער, לשונות און געמיטער אויסגעמאָלן פון איין מענטשן, וואָס האָט זיך מכין געווען אַ גאַנץ לעבן צו דער דאָזיקער עבודה. אין די דאָזיקע בענד פילט מען אַ וואַרעמע נשמה פון אַ מענטשן, וואָס באַנוצט זיך מיט די מעטאָדן פון פאָרש־אַרבעט, ווייל אַזוי דאַרף מען, אָבער נישט דערפאַר ווייל ער וויל רק פאָרשן. צינבערג ברענגט אַרויס אָן אינטימע, פּערזענלעכע און דירעקטע באַקאַנטשאַפט אין קאָנטאַקט מיט די עיקר ווערק, וואָס זיינען ליטעראַטור, און מיטן באַלאַסט פון אַלערליי געדרוקטע חבורים, וואָס מען מוז ליידער אויך אַריינרעכענען, הגם עס האָט קיין שייכות נישט מיט ליטעראַטור. זוכט צינבערג אין די דאָזיקע ווערק דאָס וואָס זיי פאַר־מאָגן קערנדיקס און וואָגיקס. געפינט ער ביי איין מחבר חכמה, ביי אַ צווייטן פּאָעזיע, ביי אַ דריטן עטאָס, טיפע רעיונות און אַזוי כסדר, כדי צו קאָנען אויסמאָלן אַ פּאַנאָראַמע לויט אַ געוויסער מאָס פון ליטעראַטור־

קריטישן צוגאנג און נישט סתם מוסר ספרים מיט אנטיקן. די קריטיקער האָבן צינבערגס ווערק בדרך כלל נישט תופס געווען. קיין קאָמפּעטענטע אָפּשאַצונגען זיינען כמעט ווי נישט געווען. איינער האָט געפונען אַז עס פעלט אַ טשוואָק אין אַ טיר, און אַ צווייטער האָט נישט באַמערקט די חידושים לגבי די אַנדערע, זיינע פאָרלויפער.

צינבערג איז אין זיין אופן שרייבן אַ יידישער הומאַניסט און אַ הומאַניסטישער ייד. ער, דער בעמיקער פון פּוטילאָווער זאַוואָד, האָט אָנגעווענדט זיין „בעמישע" מעטאָדע בעת אַנאַליזירן די עיקר־עלעמענטן פון דעם יידישן פילאָסאָפישן, רעליגיעזן און דיכטערישן געדאַנק. צינבערג גייט נאָך דעם געדאַנק פון לאַנד צו לאַנד, פון דור צו דור.

די שאָטנס פון דעם יידישן ליטעראַרישן עבר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דעם קאַלטן לענינגראַד, אין דער איינזאַמער דירה אויף דעם אוסאַטשעוו פּערעאולאָק. אין דער בענקשאַפט נאָך אַ לעבעדיקער, יידישער וועלט האָט צינבערג געפונען אַ גרויסע נחמה דווקא אין דער דאָזיקער היסטאָרישער רעטראָספּעקציע. עס איז פאַראַן אַזוי פיל סוביעקטיוו־מענטשלעכס, ממש אויטאָביאָגראַפישעס אין פּסיכאָגראַפישן זין — אין דעם דאָזיקן ווערק, אַז מען קאָן פון די צען בענד פון זיין געשיכטע אויסשיילן מאָמענטן פון שטימונגען, שטימען פון יאוש, רמזים פון אייגענער איינזאַמקייט.

מיט אים פאַרענדיקט זיך אַ תקופה. ער איז לעת־עתה דער לעצטער היסטאָריקער פון ליטעראַטור ביי יידן. ער איז אויך געווען דער לעצטער רינג פון דער פּעטערבורגער גאָלדענער קייט, וואָס האָט געזאָלט סימבאָליזירן די גייסטיקע העגעמאָניע פון דער יידישער קולטור אין מזרח אייראָפּע און איז געוואָרן אַ מצבה פון אונדזער אַלעמענס האָפענונגען.

די געשיכטע איז אויך די מצבה פון ישראל צינבערגס האָפענונגען.

וואו און ווי איז געווען דער סוף פון זיין לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד? אויף דעם דאַרפן ענטפערן די וואָס האָבן גורם געווען דעם סוף פון זיין לעבן.

ש. ניגער

דער נסתר

א

דער נסתר האָט דעביוטירט אין 1907 („געדאַנקען און מאָטיוון").
אין אַ יאָר אַרום ווייזן זיך זיינע זאַכן אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן"
און פון דאַן אָן געהערט ער צו דער יידיש־ליטעראַרישער משפּחה. זיין
אמתן נאָמען (פּ. קאַגאַנאָוויטש) האָט ער מורא געהאַט צו באַנוצן מחמת
טעכניש־פּאָליציייאישע אורזאַכן: ער איז אַ לאַנגע צייט געווען, וואָס מען
האָט גערופן, אַ נעלם. אָבער ניט נאָר דערפאַר אַליין האָט ער אויסגעקליבן
פאַר זיין פּסעוודאָנים — „דער נסתר". ער האָט געהאַט אַ וויכטיקן טעם:
ער האָט צום נגלה פון דער יידישער ליטעראַטור געוואָלט צוגעבן נסתר.
ער האָט געוואָלט גיין ווייטער און גראָבן נאָך טיפער אין די ירושה־אוצרות,
ווי פּרץ, בערדיטשעווסקי, יהודה שטיינבערג און אַנדערע. זיי האָבן געעפנט
פאַרן יידישן וואָרט די קוואַלן פון חסידות; ער האָט עס געכישופט און
פאַרכישופט מיט די סודות און רמזים פון קבלה. ער האָט אָנגעזעטיקט זיינע
„מאָטיוון", בילדער און מעשהלעך מיט דער סימבאָליק און דער דורותדיקער
שפּראַך פון זוהר און ענלעכע ספרים.

ער איז אינעם עצם תוך, נישט נאָר אינעם נוסח, פון זיין שרייבן,
געווען סימבאָליסטיש, סודותדיק, נסתרדיק.

די תמימות פון פאָלקס־שאַפונג האָט ער געזוכט צו פאַראייניקן מיט
דער חכמה פון מקובלים, און מיט זיין אייגענער חכמה.

ער האָט נישט איבערדערציילט קיין פאָלקס־מעשיות, ער האָט געבאָרגט
ביי זיי טענער, מאָטיוון, געשטאַלטן פאַר זיינע אייגענע מעשהלעך. ער האָט
נישט איבערגעזונגען ניגונים פון קבלה; אין איר גוסט האָט ער זיינע
אייגענע ניגונים געזונגען.

ער האָט נישט געמאַכט, ווי י. ל. פּרץ, פון חסידישע אָדער סתם אַזוי
פאָלקס־מעשהלעך — מעשיות, נאָר פאַרקערט, האַלב־רעאַליסטישע מעשיות
האָט ער דערציילט אַזוי, אַז זיי זיינען געוואָרן מעשהלעך, לעגענדעס,
וואונדער־געשיכטן.

זיין ציל איז, ווי עס ווייזט, געווען נישט צו נעמען קבלה און מאַכן
פון איר ליטעראַטור, נאָר פאַרקערט, צו נעמען ליטעראַטור און אַרויסשלאָגן
פון איר פאַנטאַסטישע קבלה־פונקען. זיין ציל איז, מיט אַנדערע ווערטער,

געוועז צו זיין עפּעס אַ מין נאָע־מיסטיקער, נישט אומצוקערן זיך צוריק צום נסתר. זיין אַמביציע איז געוועז צו זיין אונדזער דורס ר׳ נחמן בראַסלאָווער.

זיין שרייבן, זיין יידיש, ווי אויך דער ריטם פון זיין יידיש האָבן געקלונגען ניט אַלט, נאָר אויסטערליש ניי. אויף גאָר אַלטע אינסטרומענטן האָט ער געשפּילט גאָר נייע און שיר נישט מאָדערנע מוזיק....

די רעדאַקציע פון די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן" האָט, ווי די גאַנצע יידיש־ליטעראַרישע יוגנט פון יענער צייט, געזוכט צו פאַראייניקן יידיש־גייסטיקע טראַדיציעס מיט רוסיש־ אָדער פּויליש־קינסטלערישן מאָדערניזם.... איז זיך לייכט פאַרצושטעלן די פרייד, וואָס זי האָט זיך געפרייט מיט נסתרן.... עפּעס אַ קלייניקייט — אַ מאָדערניסטיש־ראַפינירטער דיכטער וואָס איז אַזוי איינגעטונקט אין יידישע קולטור־טראַדיציעס!

נסתרס פּראָזע איז דערצו נאָך געווען נישט־אַלטעגליך ריטמיש: ס׳איז געווען אַ פּראָזע, וואָס איז געשטאַנען אויפן גרענעץ פון פּערזן, — אַ פּראָזע וואָס פּרץ איז געווען דער ערשטער זי איינצופירן ביי אונדז און וואָס יעדער איינער, וועלכער האָט אַזוי ווי פּרץ, געוואָלט דערהויבן יידיש, האָט צו איר געשטרעבט.... האָט אויך אָט די פּאָעטישקייט פון דער פּראָזע, וואָס נסתרן איז אַזוי לייכט געווען איבערצוגיין פון איר צו פּערזן, פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן אַלע יונגע ליבהאָבער פון יונג־יידיש.

מיר זיינען אַלע געווען אַזוי ראָמאַנטיש, — און ס׳איז גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס נסתרס פאַרנאַרן און פאַרכישופן אונדז מיט דער שילדערונג פון עפּעס אַ פאַרחלשטן מיסטיש־עראָטישן טאַנץ איז געווען אונדז ליבער, ווי דער קרעפטיקער נאַטוראַליזם פון איטשע מאיר ווייסנבערגס „דער טאַטע מיט די בנים", וואָס מיר האָבן געדרוקט אין די זעלביקע „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן".

ב

איז דערפאַר נישט איינער פון אונדז געווען גאָר באַזונדערס אומרואיק פאַר נסתרן, ווען עס איז געקומען די צייט פון אָקטאָבער, — און די ליטעראַטור פון ראַטן־פאַרבאַנד האָט אינאיינעם מיטן לעבן פון לאַנד אָנגעהויבן זיך איבערצוברעכן און איבערגעקערט צו ווערן אויף דער לינקער זייט.... וואָס וועט ווערן פון אַזאַ שרייבער, ווי נסתר? האָט נישט איינער פון אונדז געפרעגט.

דער נסתר האָט פון אָנהייב אָן געשוועבט איבער דער ערד, ווי איינס פון זיינע ביכער האָט געהייסן; ווי וועט ער זיך אַראָפּלאָזן? און וואָס וועט זיין מיט די פליגלען, אויף וועלכע ער איז — שטיל און פּאַמעלעך — געפלויגן? וואָס וועט ער טאָן מיט זיי?

אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור איז דאָס פּראָבלעם „נסתר" נישט געווען נאָך אַזוי הארב. סאָוויעטישע שרייבער

זיינען אַליין געווען פאַרכאַפּט פון עפּעס אַ ראָמאַנטיק, פון עפּעס אַ נייעם סאָרט ראָמאַנטיק און אַ נייעם סאָרט מליצה, — דער ראָמאַנטיק און דער שיין־ און הויך־ריידעריי פונעם קעמפעריש־רעוואָלוציאָנערן העראָאיזם: האָט זיך געקאָנט געפינען דאָ אַן אָרט אויך פאַר דעם „משל ומליצה" פון נסתרס קאַבאַליסטיק. בפרט נאָך, אַז ער האָט אָנגעהייבן צו דערציילן מעשהלעך, אין וועלכע מען האָט געקאָנט, אויב מען האָט געוואָלט, אַריינטייטשן און אַריינפאַנטאַזירן סאָוויעטישע רעוואָלוציאָנערישקייט. אָבער וואָס ווייטער, אַלץ ווינציקער איז געבליבן ראָמאַנטישקייט אין דער סאָוויעטישער ליטעראַטור; אַלץ מער און מער האָט זי זיך אינדענטיפיצירט מיט די שטרענגע, כאָטש אומבאַשטימטע, לאָזונגען פון פּראָלעט־קולט, ביז זי האָט זיך, ענדלעך, דעררעדט צום אַזוי־אָנגערופענעם „סאָציאַליסטישן רעאַליזם...." וואָס פאַר אַ געצייג וואָלט אַזאַ שרייבער, ווי דער נסתר, וועלכער האָט זיך, אגב, אומגעקערט צוריק קיין סאָוויעט־רוסלאַנד נאָך עטלעכע יאָר „עמיגראַציע" — וואָס פאַר אַ געצייג וואָלט אַזאַ שרייבער ווי ער געקאָנט געפינען פאַר זיך אין דער וואָרט־פאַבריק פון „פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור" און „סאָציאַליסטישן רעאַליזם"? ער איז פון יענעם סאָרט דיכטער, וואָס זיינען אָדער אָריגינעל, אָדער גאָרנישט. אַזעלכע שרייבערס קאָנען נישט נאָכמאַכן אַנדערע, אַזוי ווי נאָכמאַכערס קאָנען נישט זיין אָריגינעל. זיי וואָלטן געקאָנט אפשר צופּאַסן זיך אין אַ נויט צו נייע צילן, אָבער ניט צו נייע מיטלען.

איז דער נסתר טאַקע עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געווען אַ נסתר, אַ נעלם. מען האָט אים נישט געזען, און עס האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז אויס נסתר.

אַלע דיכטער פון פאַר אָקטאָבער — סיי די, וואָס זיינען געבליבן אין ראַטן־פאַרבאַנד, סיי די, וואָס זיינען אַוועק און צוריקגעקומען — האָבן זיך געלאָזט „איבערבויען" אינעם סטיל פון „פּראָלעטאַרישקייט" — אַלע, אַ חוץ נסתרן. ער איז געבליבן פאַרשפּאַרט אין זיין אייגענעם וועלטל — געבליבן איינגעשפּאַרט.

אָבער „אויב זיין איינגעשפּאַרט" זאָגט די דיקטאַטור פון סאָוויעטישן וואָרט, „לאָזט, זאָגט זי, מיך! איך קען", זאָגט זי, „בעסער די קונסט (און די מלאכה) פון זיין פאַרעקשנט, און ביי מיר פירט זיך, אַז אויב מען שרייבט ניט 'ווי עס דאַרף צו זיין', שרייבט מען בכלל נישט".

האָט זיך געדוכט, אַז נסתר איז געוואָרן איינער פון די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער, וואָס שרייבן בכלל נישט.

איז אָבער געשען אַ נס — און אין 1929 איז אינעם מלוכה־פאַרלאַג פון אוקראַינע אַרויס אַ בוך: „נסתר — פון מיינע גיטער". דאָס איז געווען אַ נס, ווייל אין רעכטן מיטן סאָוויעטישן רעאַליזם איז געשטאַנען פאַר אונדז דער אַמאָליקער פאַנטאַסט, דער אַלטער „מעשהלעך־דערציילער", אַ נייער גלגול פונעם אַלטן ר' נחמנען!

דער דיבוק איז פון נסתרן נישט אַרויסגעטריבן געוואָרן.

זיינע רמזים זיינען איצט שוין, אמת, געווען רמזים אויף דער נייער צייט מיט אירע נייע פייגלען און נייע לידער, זיינע סודות זיינען שוין געווען סודות פונעם רעוואָלוציע־חדר — כשרע, נישט קיין פאַרבאָטענע, סודות. ער איז נאָך אַלץ אָבער געווען פול מיט רמזים און מיט סודות; ער האָט נאָך אַלץ געשריבן אויפן „פּרדס"־שטייגער, און דער עיקר איז ביי אים געווען נאָך אַלץ נישט פּ' (פּשט) נאָר ר' (רמז), ד' (דרש), ס' (סוד).

וואָס פאַר אַ שייכות האָט רמז, דרש אָדער סוד צום אָפענעם און איינפאַכן „סאָציאַליסטישן רעאַליזם"?

שוין אויפן ערשטן זייטל פונעם מעשהלע אינעם בוך „פון מיינע גיטער" ווערט דערציילט, אַז דער העלד פון דער מעשה האָט אין אַן אָרט, וואו מען האָט געפּלעט ביכער, בעת אַ בוך־וואָך, געוואונען אַ קליין ביכעלע און — „דער אויטאָר — דער נסתר. דער נאָמען — שריפטן פון אַ דולען, און אויפן שער־בלאַט איז אויך אַ געמעל געווען: אַ בלאַס־משוגענער איז אין אַ לאַנגען משוגעים־העמד אַנגעטאָן געשטאַנען" (ז. 7). אַזוי האָט זיך דער נסתר אַליין אויסגעמאָלן! און דאָך האָט אַ סאָוויעטישער מלוכה־פאַרלאַג אים געגעבן אַן הסכמה אויף זיינע „גיטער", אויף אָט די „שריפטן פון אַ דולען", און די סאָוויעטישע הסכמה־געבער האָט גאָר נישט געאַרט, וואָס נסתרס שריפטן זיינען נאָך אַלץ געווען פול מיט סודות און רמזים.... איז דאָס גופא נישט געווען עפּעס אַ סוד און אַ וואונדער?

ג

אָבער . . . דאָס איז געווען דער לעצטער סוד. מער זיינען קיין וואונדער נישט געשען. נסתרס מעשהלעך־זאַמלונג „פון מיינע גיטער" איז געווען זיין לעצט געדרוקט בוך פון אָט דעם מין. גאַנצע צען יאָר זיינען אַריבער — און קיין נייע „שריפטן פון אַ דולען" זיינען נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. נסתר דער דיכטער איז ווי אין וואַסער אַריין.

ער האָט נישט געקאָנט שרייבן ווי אַלע, האָט ער גאָרנישט געשריבן.

ער איז געווען, הייסט עס, און געבליבן איינער פון יענע דיכטער, וואָס קאָנען נישט זיין קיין מיטלויפערס און קיין נאָכלויפערס. אָדער זיי גייען אַליין אויף זייער אייגענעם וועג, אָדער זיי בלייבן זיצן אין דער היים.

אַזוי האָט זיך געדוכט.

ערשט אין 1939, פונקט צום צענטן יאָרצייט נאָך דעם נסתרס לעצטע „שריפטן פון אַ דולען" („פון מיינע גיטער"), האָט זיך געוויזן זיינס אַ בוך, דער ערשטער טייל פון אַ היסטאָרישן ראָמאַן — „די משפחה מאַשבער" (מלוכה־פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1939, זז. 412).

בין איך, פאַרשטייט זיך, געווען נייגעריק צו וויסן, וואָס איז עס פאַר אַ נייער נסתר.

פאַרלאַג „עמעס״ האָט זיך נישט געענדערט: מסתמא האָט זיך דער נסתר ענדלעך אויסגעלערנט צו שרייבן אַזוי, אַז דער מאָסקווער פאַרלאַג „עמעס״ זאָל וועלן דרוקן, וואָס ער שרייבט. . . . בין איך געווען גאָר באַזונדערס נייגעריק צו זעען וואָס איז געוואָרן פון דעם טיף־אָריגינעלן נסתרן נאָכדעם ווי ער האָט „זיך אויסגעלערנט״. . . .

אין דעם נסתר איז מיר פון אָנהייב געפעלן געווען זיין טאַלאַנט צו זיין אַנדערש ווי אַנדערע; מיך האָט שפּעטער געפרייט צו זען די פעסטקייט און די איינגעשפּאַרטקייט פון זיין טאַלאַנט: עס איז געווען אַ פרייד צו ווייסן, אַז עס איז דאָ נאָך אויף דער וועלט אַ שרייבער, וואָס מען קאָן וועגן אים זאָגן, שטאַרק פאַראַפראַזירנדיק היינען: „ער איז אַ טאַלאַנט, אָבער אויך אַ כאַראַקטער״. . . .

איז ער נאָך אַלץ אַ כאַראַקטער? איז ער געבליבן טריי צו זיך אַליין?

מיט אָט די ספקות און מיט אָט דער אומרואיקייט האָב איך גענומען לייענען דעם היסטאָרישן ראָמאַן („צייט — די 70ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט״), וואָס דער נסתר האָט אָנגעשריבן און וואָס דעם מאָסקווער מלוכה־פאַרלאַג „עמעס״ איז געווען ניחא צו פאַרעפנטלעכן.

כ׳האָב אָנגעהויבן לייענען דעם נסתרס פּראָוואַרט — און די אומרואיקייט אין מיר איז געוואַקסן: דער שרייבער, איז מיר קלאָר געוואָרן, פילט זיך עפּעס שולדיק, און ער פאַרענטפערט זיך — פאַר אַנדערע אָדער פאַר זיך אַליין!

ער זוכט אַ זכות אויף זיין אַרבעט — און נישט קיין קינסטלערישן זכות: „איך האָב דאָס . . . געטאָן צוליב געשיכטלעכער דערקענטעניש״.

„נישט גוט״, זאָג איך צו זיך אַליין, און מיין שרעק, אי פאַר נסתרס טאַלאַנט, אי פאַר זיין כאַראַקטער, ווערט גרעסער: „אַ היסטאָרישן ראָמאַן שרייבט מען ווי יעדן ראָמאַן, כדי צו ׳דערקענען׳ מענטשן, נישט צוליב ׳היסטאָרישער דערקענטעניש׳.״

און עפּעס איז מיר גאָר באַזונדערס מאָדנע געווען צו זען ווי דער נסתר, דער זעער, זוכט נישט מער ווי „היסטאָרישע דערקענטעניש״ — און צוליב וואָס? „כדי צו באַקענען דעם יונגען דור מיט דעם גוואַלדיקן מהלך, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט פאַר אַזאַ קורצן צייט־אָפּשניט, וואָס טיילט אָפּ אונדזער ווירקלעכקייט פון יענער״ (ז. 3). דאָס גאָר? האָב איך געטראַכט. אַזוי ווינציק פאָדערט שוין אפילו דער נסתר פון אַ היסטאָרישן ראָמאַן — און פון זיך אַליין?

מיר האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן. און מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אפשר באַנוגנט זיך טאַקע נישט דער נסתר מיט „באַקענען דעם יונגען דור״ א. אַ. וו. אי, פאַרוואָס זאָגט ער עס? כדי לשבר את האזן — כדי צו באַרואיקן זיך גופא, אַז ער איז, חלילה, נישט אַראָפּ פון גלייכן וועג...

דער דאָזיקער געדאַנק איז ביי מיר שטאַרקער געוואָרן, ווען איך בין איבערגעגאַנגען צום ווייטערדיקן פּאַראַגראַף, וואָס איז נאָך מער אַפּאָלאָגעטיש.

ער לייענט זיך אַזוי: „שילדערנדיק אָט די פאַרשוינען, שוין פיזיש און גייסטיק פאַרענדיקטע, האָב איך זיך באַמיט נישט גלאַט צו 'קעמפן' קעגן זיי, נישט אויסצושרייען פאָראויס אויף (?) זייער פאַראורטיילטקייט, נאָר זיי געלאָזט אַליין שטיל און פּאַמעלעך גיין צו זייער אָנגעצייכנטער באַשערט־קייט, צו זייער געשיכטלעך־נויטווענדיקן לעצטן גאַנג — צום אָפּגרונט". א. אַז. ו., א. אַז. וו. עס האָט זיך פאַרשטאַרקט אין מיר די השערה, אַז דאָס פאַרענטפערן זיך קומט דערפון וואָס נסתר איז געבליבן נסתר, דערפון, וואָס נגלה, ד. ה., וואָס אַלע ווייסן און אַלע פאַרשטייען אינטערעסירט אים נישט. וואָלט ער די פאַרשוינען פון זיין ראָמאַן, די פאָרשטייערס פון דער אַלטער יידישער וועלט, „באַקעמפט", ד. ה. געמאָלן מיט דיזעלביקע טונקעלע פאַרבן מיט וועלכע אַ מ. ווינער האָט געמאָלן זיין „כלב אשכנזי" און אַ דוד בערגעלסאָן דאָס נגידישע הויז פון פענעקס פאָטער — וואָלט ער נישט געדאַרפט זוכן קיין תירוצים פאַרוואָס ער „באַמיט זיך נישט גלאַט צו 'קעמפן' קעגן זיינע נישט־פּראָלעטאַרישע העלדן"; וואָלט ער נישט געפונען פאַר נייטיק צו דערציילן מעשיות, אַז „עס האָט שוין געהאַלטן ביים אָנקומען פון יענע מענטשן, וואָס האָבן איבערגענומען דעם רודער און האָבן פאַר־קירעוועט די גזעלשאַפטלעכע שיף, א. אַז. וו.", אַז „עס זיינען שוין דאָן געוואַקסן יענע קינדער, וועלכע האָבן שפּעטער געריסן מיט (?) גאָר דעם אַלטן, טראָגנדיק פייער אין די פאָלעס פאַר אַלעם דרויסנדיקן שימעל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביי זיי" (ז. 4). ווען ער זאָל אינעם עצם ראָמאַן זיך אָפּגעגעבן מיטן „שימל", וואָלט ער נישט געדאַרפט זיך אָפּגעבן מיט אים אינעם פאָרוואָרט. ווען זיין ראָמאַן זאָל זיך באמת אינטערעסירן נאָר מיט „יענע קינדער, וועלכע האָבן שפּעטער, לויט דעם סאָוויעטישן רוסיציזם, „געריסן מיט גאָר דעם אַלטן, טראָגנדיק פייער אין די פאָלעס", וואָלט ער זיך נישט געדאַרפט באַהאַלטן הינטער זייערע פייער־טראָגנדיקע פאָלעס אין דער פאָררעדע. מסתמא, האָב איך געטראַכט, פילט דער נסתר, אַז זיין בוך איז עפּעס, וואָס געהערט פאָרט צו זיינע אייגענע גיטער.... מעג מען אים מוחל זיין די ניט־נסתרשע הקדמה און לייענען דעם ראָמאַן.

נאָכן ערשטן קאַפּיטל האָט זיך מיר אָנגעהויבן דוכטן, אַז — ניין, אומזיסט האָב איך זיך געטרייסט. דער נסתר איז ניט געבליבן טריי דעם גייסט פון זיין שאַפן: זיין ניי בוך איז געשריבן געוואָרן — אַזוי האָט זיך מיר תחילת געדוכט — אין דעם זעלבן סקאַרבאָוון נוסח, אין וועלכן עס איז געשריבן געוואָרן די פאָררעדע.... איר ווילט ביישפּילן? אָט זיינען זיי:

דערציילנדיק אונדז וועגן דעם מאַרק אין דער שטאָט „ען", וואָס איז, ווי עס וויזט, בערדיטשעוו, האַלט דער נסתר פאַר נייטיק אונדז צו זאָגן אַז ווען עמיצער אַ פרעמדער וואָלט (אין די 70ער יאָרן פון פאָריקן יאָר־הונדערט!) אַראָפּגעקומען אַהין ביינאַכט, איז אויב נאָר ער זאָל זיין „אַ מענטש מיט עטוואָס פיינערע חושים, וואָלט זיך אים גלייך עפּעס אַ טרויער אויפן האַרצן געלייגט, און ער וואָלט דערפילט, אַז די שוועלן, אויף וועלכע

די שומרים זיצן, זיינען שוין שבעה־שוועלן, אז די פּאַרחתמעטע טירן, קייטן, שלעסער וועלן שוין קיינמאָל מיט קיין נייע נישט פאַרביטן ווערן, און אַז צום אמתן רעמל און כדי דאָס בילד צו דערגענצן וואָלט מען דאָ אין מיטען מאַרק באַדאַרפט אוועקשטעלן אַ מתים־ליכט, אַ שטיל ברענענדיקע און אָן דעם מאַרק שוין דערמאָנענדיקע" (ז. 13).

פרעגט זיך: פאַרוואָס וואָלט אַ מענטש מיט פיינערע חושים געדאַרפט שוין מיט אַ זיבעציק יאָר צוריק דערפילן, אַז דער מאַרק אין בערדיטשעוו איז טויט? סיידן מען זאָל רעכענען, אַז דער „פיינפיליקער" מענטש וואָלט דאַן שוין געמוזט שפּירן די ריחות, אָדער די רוחות, פון דעם קומענדיקן „אָקטאָבער"? וואָלט ער זיי באמת טאַקע געדאַרפט שוין אַזוי פרי שפּירן?

אויף זייט 18 דערציילט אונדז דער נסתר וועגן דער אַלטער שול: „אַז איר גייט צו איר צו, זעט איר, אַז דער וועג צו איר אַריינגאַנג איז פון דורות אומגליקלעכע און פאַרפינצטערטע אויסגעטראָטן". דאָס איז ווידעראַמאָל לויט דעם סאָוויעטישן נוסח, נישט נוסח נסתר.

נסתר האָט אין די, וואָס זיינען דאַוונען און לערנען געגאַנגען אין דער אַלטער שול, געזען אַמאָל מער ווי „דורות אומגליקלעכע און פאַרפינצטערטע". און וואָס איז שייך דער גאַנצער יידישער עדה, וואָלט דער נסתר, ווען ער זאָל שרייבן וואָס ער אַליין האָט אַלעמאָל געפילט און געטראַכט און נישט נאָכריידן עמיצן — קיינמאָל נישט פאַרגונען זיך צו זאָגן, „אַז דער מאַרק איז איר (דער יידישער עדהס) לעבנס־צענטער, און אַז איר גאָט היט איר קעשענע" (ז. 19). דער נסתר וואָלט זיך אויך נישט פאַרגונען — ווייל ער וואָלט עס פּשוט געהאַלטן פאַר פאַלש, נאַריש און געשמאַקלאָז — אַריינצושטעלן אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן, אַז „יענע שול־בנינים, וואָס כלומרשט זיינען זיי די היטערס, כלומרשט — די וואַך און באַזאָרגער פון דער עדה — אָבער אין דער אמתן איז אַ רחמנות שוין הייַנט אויף זיי צו קוקן, און אויף מאָרגן — ווער ווייסט, מעגלעך אַז עס וועלן אויף זיי פאַר־זשאַווערטע געדעכעניש־שלעסער הענגען; מעגלעך, זיי וועלן אויף אַן אָוקציאָן פאַרקויפט ווערן, מעגלעך (ווען קיינער וועט זיי נישט קויפן) זיי וועלן פון אַלטקייט צעשאָטן ווערן און — אין בעסטן פאַל — מעגלעך, אַז אַז אַנדערע צייטן וועלן קומען און וועלן זיי צוליב אַנדערע, גאָר אַנדערע צוועקן באַנייען..." (ז. 20).

אַזוינע און ענלעכע זאַצן האָבן מיר אויסגעזען צו זיין דעם נסתרס בלויז לויט זייער קאָנסטרוקציע, נישט לויט זייער גייסט און גוסט; האָב איך שיר נישט אָנגעוואָרן דעם חשק צו לייענען די ווייטערדיקע קאַפּיטלען. איך האָב מורא געהאַט, אַז דער אַמאָליקער מיסטיקער איז אַוועק פון זיך אַליין, נישט נאָר פון זיין וויזיאָנערישקייט. איך האָב זיך געשראָקן, אַז ער האָט נישט געקאָנט מער ביישטיין קיין נסיון, און אַז אין זיין שרייבן וועט, ממילא, שוין פעלן איצט גלה אויך, נישט נאָר נסתר.

ווי ווייט איך האָב אים געקענט, האָט ער איינפאַך נישט געהאַט די פּייאיקייט צו קוקן אויף דער וועלט מיט פרעמדע אויגן און צו ריידן רייד וואָס שטאַמען נישט פון אים אַליין. היינט צו וואָס, האָב איך געטראַכט, לייענען — און זיין אַן עדות פון אַ שרייבערס מאַטערנישן? צו וואָס עובר זיין אויפן לאו „לא תעמוד על דם רעך"?

אָבער אַ וואָרט דאָ און אַ וואָרט דאָרט האָט אפילו אין דעם ערשטן קאַפּיטל דערמאָנט, אָן דעם אַמאָליקן, דעם עכטן, נסתרן, און אַזוי ווי ביז דאָ נישט לאַנג נאָך („פון מיינע גיטער", 1929) האָט ער באַוויזן אויפצור־היטן אַ גרויסן טייל פון זיין קינסטלערישן פאַרמעגן און קינסטלערישן שטאָלץ, — האָט ערגעץ וואו ביי מיר געטליעט אַ פונק פון האָפענונג, אַז אויך אָט די פאַמיליע־כראָניק — „די משפחה מאַשבער" — איז מער ווי אַ דאָקומענט פון נאָך אַ יידישן שרייבערס ירידה. האָב איך געלייענט ווייטער, און וואָס מער איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן אין די לעבנס־געשיכטעס און לעבנס־דראַמעס פון די דריי ברידער מאַשבער און די מענטשן, מיט וועלכע זיי באַגעגענען זיך אָדער שטויסן זיך צונויף — אַלץ קלערער איז מיר גע־וואָרן, אַז כאָטש דער נסתר האָט אַ סך געלערנט פאַר דעם פּערטל יאָרהונדערט באָלשעוויזם, האָט ער ווינציק פאַרגעסן, און דער „סאָציאַליסטישער רעאַ־ליזם" פון זיין איצטיקער פּראָזע איז נישט אינגאַנצן אויסגעליידיקט געוואָרן פון זיין אַמאָליקער חסידישער און פאָלקיסטישער ראָמאַנטיק. עס שמעקט נאָך אַלץ פון זיינע בילדער און געשטאַלטן מיט ר' נחמן בראַסלאַווערס מעשיות, אַזוי ווי פון אַן אויסגעליידיקטער אתרוג־פּושקע הערט זיך — אתרוג. דער אונטערשייד צווישן דעם נסתרס אַמאָליקע מעשיות און „דער משפחה מאַשבער" באַשטייט דערהויפּט אין דעם, וואָס יענע זיינען געווען אַ המשך פון ר' נחמנס פאַנטאַסטיק, בעת פון זיין משפחה־כראָניק רעדט צו אונדז אָפּט אַ גלגול פון דעם זעלביקן ר' נחמנס האַלב־רעאַליסטישע דערציילונגען.

נישט אומזיסט פאַרנעמען אינעם בוך די בראַסלאַווער חסידים אַזאַ גרויסן אָרט. נישט אומזיסט פילן זיי עס אָן מיט זייער מאַטעריעלער דחקות און נשמהדיקער רהבות, מיט זייערע צעריסענע קליידער און גאַנצע הערצער. נישט זיי אַליין זיינען דאָ אין „דער משפחה מאַשבער", אויך זייער רבי, ר' נחמן, איז דאָרט פאַראַן. יע, ער איז אויך דאָ. ער לעבט אין דעם נסתר אַליין. ער העלפט אים צו זיין דער איינציקער סאָוועטישער שרייבער, וואָס האָט פּאַרצייטיקע (בראַסלאַווער) יידישקייט געבענטשט, כאָטש ער איז (אין דעם פאָרוואָרט און אין דעם ערשטן קאַפּיטל) געקומען שעלטן.

דער סאָוועטישער נסתר האָט, פאַרשטייט זיך, אַנדערש נישט געקאָנט בענטשן די חסידישע אָרעמלייט, וואו ער זאָל נישט האָבן געשאָלטן די חסידישע און אַנדערע גבירים. ער האָט אונדז אַנדערש נישט געקאָנט ווייזן די מאָראַלישע רייכקייט פון די פריילעכע קבצנים, וואו ער זאָל נישט האָבן אויסגעמאָלן, ווי אַ קאָנטראַסט, די גייסטיקע אָרעמקייט פון גראָע און

פּאַראומערטע גבירים. ער האָט געמוזט שאַפן אַ הינטערגרונט פון אָרעם און רייך. אָן אָט דעם ביסל „קלאַסנקאַמף" וואָלט אים שווער געווען צו מאַכן זיין היסטאָרישן ראָמאַן פאַר אַן אויסדרוק אָדער אַן אָנשטעל פון „סאָציאַליסטישן רעאַליזם". אָבער הינטער דעם מאַטעריעלן „אָרעם און רייך" באַהאַלט זיך ביי נסתרן, ווי אַלעמאָל, אַ גייסטיק „אָרעם און רייך", און ער אידעאַליזירט נישט אָרעם בכלל, ער מאָלט מיט שטילער סימפּאַטיע נאָר יענע, אָפּט פּריוויליקע, אָרעמעליט, וואָס זיינען רייך אין גייסט, אין שכל, אָדער אין פאַנטאַזיע.

העכער פון אַלע אַנדערע בערדיטשעווער שטעלט ער די בראַסלאַווער חסידים — אָט די „אָנדערטהאַלבן צוויי מנינים בעלי־מלאכות און דער עיקר אביונים" נישט דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען בעלי־מלאכות און אביונים (עס זיינען דאָ ביי אים גענוג קבצנים, וואָס געהערן צו דער בערדיטשעווער אונטערוועלט), נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען באַשטאַנען, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, „פון אַזוינע, וואָס צו זיי איז גאָר קיין גלייכן נישט געווען" (ז. 87) און קיין גלייכן איז נישט געווען צו זיי — נישט ווי דער דורכשניטלעכער „פּראָלעטאַרישער שרייבער" וואָלט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו זאָגן — ווייל זיי זיינען געווען פאַרנארישט און פאַרפינצטערט און פאַרשקלאַפּט מער ווי אַלע אַנדערע — נאָר דערפאַר, ווייל סיי די רייכע, סיי די אָרעמע, וואָס האָבן געהערט צו זייער סביבה, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אַ שיעור מענטשלעכקייט, איידלקייט און חברשאַפט.

אַז אַן אָרעם ייִנגל פלעגט קומען צו זיי „זייער תורה, (זייערע) מידות און אויפפירונג זיך לערנען", פלעגן זיי, „די ערשטע צייט ביז ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרדינען, אים אונטערגעהאַלטן און פון אַלגעמיינעם בייטל — פון נישט מיינס נישט דיינס, נאָר פון גאָטס, ווי עס האָט ביי זיי געהייסן —אים שפּייזן. דערנאָך האָט ער שוין אויף אייגענעם געלעבט און מיטן פאַרדינסט זיך געטיילט און אָרעמערע פון זיך אונטערגעהאַלטן" (ז. 78). אַזוי פלעגט זיין, ווען אַן אָרעמאַן איז געוואָרן אַ בראַסלאַווער חסיד. אַז אַ רייכער איז געוואָרן זייעריקער, האָט ער זיי געגעבן אַ חלק אין זיין עשירות — „און וואונדערלעך, ווי עס איז קיינמאָל נישט געווען צו מערקן — דער געבער זאָל שטאָלצירן און דער נעמער זאָל ביי זיך אַראָפּפאַלן" (ז. 79).

אָבער ניט נאָר אָט די שטרעבונג צו סאָציאַלער גלייכהייט געפעלט דעם נסתר ביי ר' נחמנס חסידים. אויך זייער דאַוונען — יע, זייער תפילה טאָן צו גאָט — באַשרייבט ער ניט באָרגנדיק קיין איין וואָרט ביים „בעזבאָזש־ניק": „. . . אייניקע אויף זייערע ערטער שטייענדיק, אַנדערע פון אָרט אויף אָרט לויפנדיק, האָבן זיך ווי אינדערלופטן געריסן, ווי פון אייגענעם קערפּער זיך געוואָלט אָפּטיילן. . . . אייניגע האָבן פאַר זיך ווי לייטערס געזען, און מיט הענט און פיס ציטערנדיק אויף זיי זיך געדראַפּעט, אַנדערע — ווי ווייטע שטרעקעס פאַר זיך האָבנדיק, האָבן זיך אַהין געריסן, און צו זייער רייסן זיך אַהין האָבן מיר די שול־ווענט געשטערט. . ." (ז. 88). ווען

„געניטע" סאָוויעטיש־יידישע לעזער אפשר פילן אַ באַהאַלטענעם חוזק אין אָט דער באַשרייבונג. זיי זיינען געוואוינט דערצו, אַז סאָוויעטיש־יידישע שרייבער זאָלן זיך איבער פרומע יידן איזדיעקעווען. זיי האָבן עס געזען ביי דוד בערגעלסאָנען, ביי פּרץ מארקישן, ביי מ. ווינערן — ביי וועמען נישט? וועלן זיי עס זוכן און געפינען אויך ביי נסתרן. דער אמת אָבער איז, אַז זיין „חוב" צו אפּיקורסות האָט ער שוין באַצאָלט אין דעם ערשטן קאַפּיטל. האָט ער אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען געקאָנט זיין גאַנץ אָביעקטיוו, ווען ער האָט געשריבן וועגן פּאַרצייטיקע רעליגיעזע פּירונגען פון די בראַסלאַווער חסידים:

„גוט־שבת, גוט־שבת — האָט ער (לוזי מאַשבער) אַלעמען אָפּגעענטפערט. דערנאָך האָט מען, ווי עס איז ביי זיי דער מנהג איינגעפירט געווען, געטאַנצט — לאַנג און ביז פאַרגעסן זיך — אויפן ניכטערן האַרצן, מיט הוילער פרייד נאָר, וואָס איז זיי פונעם דאַווענען געבליבן; געטאַנצט מיט היץ, מיט ברען. די גאַנצע עדה — קיילעכדיק אַרום באַלעמער, האַנט אין האַנט, קאָפּ ביי אַקסל, און איינער פון אַנדערן האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן, איינער אָן דעם אַנדערן, ווי די וועלט ניט געזען..." (ז. 89).

„און לוזי האָט זיין עדה, וואָס האָט זיך, אַ צונויפגעדריקטע, אין שבת־פאַרנאַכטיקן פינצטער געפונען, פון איר פינצטערער ווירקלעכקייט געוואָלט אַרויסנעמען, פאַר איר אויגן באַלייכטן און אויף ווייטער גלויבן און אין איר דעם בטחון צו שטאַרקן. און דער שמש, וואָס איז ביי אַ זייט געשטאַנען, האָט געהערט, ווי נאָכדעם ווי לוזי האָט פיל גערעדט וועגן אמתע און פוסטע רייכקייטן — וועגן אמתע, וואָס מען דאַרף זיי ווייט נישט זוכן, מען געפינט זיי אין זיך, און וואָס אַז מען דערוועבט זיי, האָט מען זיי און מען איז מיט זיי זיכער אויף דער־וועלט און אויף יענער־וועלט; און וועגן פוסטע (רייכקייטן), וואָס פוסט, וואָס מען יאָגט זיך נאָך זיי, ווי נאָך אַ שאָטן און (וואָס ווי אַ שאָטן פאַרשווינדן זיי און נישט בלייבן..." (ז. 94).

דער נסתר שעמט זיך נישט אויסצומאָלן פאַר אונדז לוזי מאַשבערס ליכטיקן גלויבן. אָפּט דוכט זיך, אַז ער אידעאַליזירט לוזין. ער שילדערט אים ווי אַ שיינעם מענטשן נישט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז נישט אַריינגעטאָן אין געלט־געשעפטן, ווי זיין ברודער משה, נאָר אויך טאַקע דערפאַר, וואָס ער ווערט אַ פירער ביי די בראַסלאַווער חסידים, די בעלי־מלאכות און אביונים, זוכנדיק זיי צו טרייסטן און אַרויסצונעמען פון זייער פינצטערער ווירקלעכקייט....

לוזי מאַשבער איז אַזוי ווי אַ געשטאַלט פון פּרצעס חסידישע אָדער פאָלקסטימלעכע געשיכטן — אפשר די איינציקע ליכטיקע געשטאַלט פון דער פאַרצייטיק־יידישער וועלט, וואָס די סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור פאַרמאָגט!

לוזי, אָדער דער פעטער לוזי, ווי מען האָט אים גערופן אין משה מאַשבערס הויז, האָט נישט געגעסן קיין פיש און קיין פלייש, איז געווען

כמעט אַ נזיר. ער איז געפֿאָרן פֿון „הויף" צו „הויף", פֿון רבין צו רבין, זוכנדיק דעם אמתן וועג צו חסידות. ביי די בראַסלאַווער האָט ער אים געפֿונען. ער האָט געפֿונען ביי זיי די אמתע שמחה. פֿאַראַן, האָט ער געזאָגט זיין ברודער, „אַ שמחה וואָס דערגייט מיר ביז דער סטעליע", פֿאַראַן אָבער אויך אַזאַ שמחה, „וועלכע הייבט אַרויף, דערהייבט און לייטערט, שאַפֿט וואונדער, מאַכט פֿון אַלט יונג און פֿון דער גרעבסטער זאַך — אַזאַ, וואָס קאָן ביז דער העכסטער הייך אַרויפֿדערלאַנגען" (ז. 73). אויף משה מאַשבערס טענה, אַז ר' נחמן, דער רבי פֿון די בראַסלאַווער חסידים, איז שוין לאַנג טויט, ענטפֿערט לוזי: „איז וואָס, אַז טויט? איז דאָך משה רבינו אויך טויט, איז דאָך אויך רבי יוחנן בן זכאי, דער רמב"ם, דער בעל־שם הקדוש טויט — נו, איז וואָס? איז דען די תורה זייערע, חלילה, טויט?" (ז. 75).

לוזי איז אַ האַלב־הייליקע און דערפֿאַר אַ שטילע, אַ ביסל אַ בלאַסע און נישט קיין דראַמאַטישע געשטאַלט. דראַמאַטישער און פֿולבלוטיקער איז סרולי גאַל. ער איז אויך אַ חסיד פֿון „טויטן" רבין, אָבער ער אַליין איז פֿול מיט לעבן, מיט באַוועגונג און — מיט סתירות. ער איז שיר נישט אַ דאָסטאָיעווסקי־כאַראַקטער. צוויי נשמות, אַ טייוולישע און אַ מלאכישע, ראַנגלען זיך אין זיין ברוסט, און ער אָטעמט אי מיט שנאה אי מיט גוטס־קייט. זיין כעס לאָזט ער אויס אויף די גבירים, צו אָרעמעלייט איז ער גוט. „פֿון כעס, זאָגט מען, איז ער אויך אומגלייביק, סרולי. אויסער פֿאַר גאָט, זאָגט מען, האָט ער פֿאַר קיין צדיקים, גוטע־יידן און אַנדערע גאָטס־פֿאַר־שטייער אויף דער ערד קיין מורא נישט" (ז. 116). אָבער „קיין אָרעמע גלייביקע וועט ער קיינמאָל נישט טשעפּן, גלייבן זיי — זאָלן זיי" (דאָרט גופא).

גלייבן — דאָס איז די איינציקע זאַך, אין וועלכער ער גלייבט, נישט זייענדיק קיין גלויביקער.

דערפֿאַר האָט ער ליב די בראַסלאַווער און פֿיינט די דעסויער, די משכילים. מען זעט עס אין אַ סצענע, וואָס האָט צו טאָן מיט מיכל בוקיער. מיכל בוקיער, אַ האַלבער משכיל, איז אַ צייט לאַנג געווען דער ראש פֿון די בראַסלאַווער חסידים, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן ליידן פֿון ספיקות, און געבעטן אין אַ בריוו: „זייט מתפלל (אויף מיר), אנשי שלמנו". לייענענדיק אָט דעם בריוו איז לוזי טרויעריק געוואָרן, אָבער סרולי האָט זיך צעלאַכט: „מען זאָל פֿאַר אים בעטן? וואָס? ער איז קליין אַליין? אַ מענטש האָט פֿיס — און בעט זיך אויף קוליעס! וואָס? ער וויל צו די דעסויער — צו יענע, וואָס מיט די קאַלטע קעפּ, קאַלטע קאָפּעליושן און קאַלטן יושר? אדרבה, זאָל ער! וואוהין רוקט ער זיך עס, דער שלים־מזל?..." (ז. 349).

סרולי גאַל איז די רייכסטע, פֿאַרוויקלטסטע און אינטערעסאַנטסטע געשטאַלט אין דעם ערשטן טייל פֿון „משפּחה מאַשבער". עס זיינען אָבער דאָ אויך אַנדערע אינטערעסאַנטע און לעבעדיקע פֿאַרשוינען. אַ שטייגער:

אַלטער, דער ייִנגסטער פֿון די ברידער מאַשבער, וועלכער ווערט משוגע און ווידער קלאָר; דער דערמאָנטער מיכל, אַ געמיש פֿון אַ חסיד און אַ משכיל; קעצעלע דער פּראָצענטניק, ברוך יעקב דער גבירישער גמרא־מלמד.

זיי אַלע ווייזן, אַז דער נסתר האָט אויגן וואָס זעען, און אויערן וואָס הערן, נישט נאָר אַ פֿאַנטאַזיע אויסצוטראַכטן אַלערליי מאָדנע באַשעפֿענישן. און כאָטש ער נוצט אין זיין נייעם בוך מער די „רעאַליסטישע" אויגן און אויערן, ווי די „ראָמאַנטישע" פֿאַנטאַזיע, וואָס ער האָט פֿרייגעלאָזן אין זיינע פֿריערדיקע מעשהלעך, איז ער נישט שטאַרק אַנדערש ווי פֿריער. צו זיין עצם רעאַליזם מישט ער צו עפּעס, אַ גראָטעסקע פֿאַנטאַסטישקייט, אַזוי ווי זיין אַמאָליקע מיסטיש־ראָמאַנטישע פֿאַנטאַסטיק איז געווען פֿול מיט רעאַ־ליסטישע איינצלהייטן. עס איז נאָך אַלץ דאָ אין אים עפּעס פֿון ר' נחמן בראַסלאַווער און — פֿון מאַרק שאַגאַל. איר קאָנט נאָך אַלץ ביי אים געפֿינען אַזעלכע מאַרק־שאַגאַלישע בילדלעך, ווי אַ שטייגער:

„לויז אינמיטן הויף און מיט אַ פֿאַררייסענעם קאָפּ און באָרד צום הימל און צו דער לבנה" (ז. 76).

אָדער:

„ער (סרולי גאָל) האָט אויסגעזען אין וועג, ווען דער ווינט איז אים געווען אין פּנים, צעפֿלאָכטן — די פּאות צעפֿלויגן, און מיט די פּאָלעס פֿון דער קאַפּאָטע אויף הינטער, אַריבערגעבלאָזן ווי אַ טייוול פֿון דער קייט זיך אָפּגעריסן"... (ז. 124).

אין דער מאָנאָטאָנער סאָוויעטיש־ייִדישער ליטעראַטור האָט דער נסתר אויסגעזען צו זיין אפֿשר נאָך מער אייגנאַרטיק, נאָך מער אָריגינעל, ווי ער איז עס געווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון פֿאַר „אָקטאָבער"....

יע, דער נסתר איז געווען און געבליבן — דער נ ס ת ר.

דער נסתר

אַ קלײן ביסל שטײַגער

אַ קאַפּיטל פֿון בוך „די משפּחה מאַשבער“

ס'איז שוין געווען די לעצטע טעג פֿון אלול.

אויפֿן „גראָבן“ מאַרק, אויף געוויסע שטעלעכלעך, וואָס האַנדלען אַ גאַנץ יאָר מיט פֿאַרשיידענע קלײנע וויכטיקייטן, ווי מיט לאַחדימדיקע שום־טערוואַרג, פֿלעקלעך און פּעקלעך, פֿלעקלעך צעשיט, פֿאָדעם, שוסטערשע סמאָלע און אַנד., האָבן זיך איצט, צווישן אַנדערע, באַוויזן קרײַזשיקעס וואַקס אין דער פֿאָרם פֿון גרויסע, קלײנע און מיטעלע טעלער און טעלערלעך.

אָט דעם וואַקס וועט באַלד די שטאָט, די פֿרימסטע ווײַבער אירע, באַדאַרפֿן געברויכן אויף נשמה־ליכט צום גרויסן, פֿאַרכטיקן יום־טוב, צו יום כּיפּור, צום טאָג פֿון גרויסן געריכט, וואָס דערנענטט זיך.

יענע ווײַבער וועלן זיך, אין די טעג צווישן ראש־השנה און יום־כּיפּור, זאַמלען משפּחותווײַז, יעדע משפּחה בײַ אײנער אַ מערסט־פֿרימסטער. מע וועט זיך אָפּזונדערן אין אַלקערס, וואו קײן מאַנסבילן און קינדער וועלן נישט אַרײַנגעלאָזט ווערן; מע וועט דאָרט אויף יעדער פֿאָדעם פֿון קנויט עפּעס ווי כּישופֿן, יאָמערן און שטאַרק װײנען, דערמאָנענדיק דערבײַ די נשמות פֿון די געשטאָרבענע, וועמען יענע פֿאָדעם פֿון יענע קנויטן זײַנען געווידמעט.

גרויסע, לאַנגע ליכט וועלן, ווי געזאָגט, אין יענע אַלקערס אויסגעפּאַר־טיקט ווערן פֿאַרן פֿאַרכטיקן גאָט און זײַן פֿאַרכטיקן געריכט־טאָג, וואָס דעמאָלט איז ער באַזונדערס שטרענג און פֿאָדערט בײַ די, וואָס בעטן בײַ אים און ווילן עפּעס פּועלן, באַזונדערע ליכט פֿון אַ באַזונדערער מין הייליַ־קייט און פֿײַערלעכקייט, געמאַכט פֿון רײנסטן מין און סאָרט, פֿון וועלכן מענטשן אין דער נאַטור אָרום פֿאַרמאָגן — פֿון בין־מלאכה און בלומען — פֿון וואַקס.

אין שטאָט האָט מען זיך שוין פֿאַרשיידן געגרייט צו יענע טעג. דעם גאַנצן לעצטן חודש האָט מען שוין אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק געקאָנט זען גאַנצע שיירות ווײַבער, אינדערפֿרי אויפֿן „פֿעלד“ זיך לאָזן און בײַטאָג צוריק פֿון „פֿעלד“ — פֿאַרווײנטע, האַלב־הייזעריקע, אָבער דערלײַכטערטע פֿון די גרויסע קולות, וואָס זײ האָבן פֿריער, אויף די קברים זיך רײַסנדיק, פֿון זיך אַרויסגעגעבן, איצט געשטילטע, אויסגעלאָדענע, ווי פֿון אַ גרויסער היץ אין דער קיל אַרויסגעקומען.

באַזונדערס האָבן זיך געמערט און פֿאַרגרעסערט די שיירות די לעצטע מאָנטיקן, די לעצטע דאָנערשטיקן, ווען דאָס גרויסע אָרעמע ווײַבער־פֿאָלק

האָט גענומען זיך אַהין לאָזן מיט צעריסענע שיך און שאַלן, מיט אַזויפיל נויט פאַר אַ גאַנץ יאָר אָנגעקליבן, און איצט — געקומען פאַר די נאָענטסטע זייערע, פאַר די געשטאָרבענע עלטערן, קרובים, קינדער דאָס אויסגיסן.

ליבער־מאיר אויפן מויערל אין „פעלד" האָט דעמאָלט גרויס אַרבעט און פיל פאַרדינסטן געהאַט — פאַר צינדן לאָמפּן און לעשן לאָמפּן, זיינע הענט — פול מלאכה: ער האָט זיך אין איילעניש פון זייט אויף זייט, פון איין קליענט צום אַנדערן געוואָרפן; און כדי זיך צו פאַרגרינגערן, האָט ער איצט מיטגעבראַכט אַ העלפער צו די קוויטלעך, און אויך יענעם איז זיך שווער געווען צו אופּאָרן פון די פיל פרויען, מיידלעך, וואָס זיינען אים איבערן קאָפּ געשטאַנען: ווער ס'האָט געשריבן צום צדיק, צו זיינע זין און איידעמס, וואָס רוען אין מענער־שטיבל, און ווער אויך צום צדיקס ווייב, צו אירע שניר און טעכטער, וואָס, אָפּגעטיילט מיט אַ וואַנט, זיינען אונטער איין דאַך מיטן צדיק געלעגן.

אויך פיל שלעפּער, קאַליקעס, פאַרשיידענע כלי־קודש, וואָס צו זיי האָט קיינער נישט געדאַרפט, נאָר זיי — צו יעדערן; וואָס אַליין האָבן זיי גאָר־נישט נישט געהאַט, אויסער נאָר — ווער אַ פּעלער, און ווער אַ קללה אָדער ברכה אין מויל, — אויך זיי, אָט די שלעפּער, קאַליקעס, כלי־קודש, האָבן דאָס הייליקע אָרט דעמאָלט באַלאַגערט, ביים אַריינגאַנג, ביים אַרויסגאַנג, אומעטום, אויף די ווייטסטע פאַרוואָרפענע קברים געטראָפן, און ווער ס'האָט געגעבן, איז פון זיי געבענטשט געוואָרן, ווער נישט — נישט — און ווער וויל אין אַזאַ צייט, אויף אַזאַ אָרט, נישט געבענטשט ווערן? — און אָרעמע ווייבער האָבן לעצטע גראָשנס פון אָרעמע קניפּלעך און קעשענעס געשלעפּט, כדי צו באַגיטיקן און אַרויסקריגן אַ גוט וואָרט פון יענע, וואָס האָבן זיך אַ גאַנץ לייזיקגייעריש יאָר אויף אָט דעם שטיקל צייט, אויפן געוויסן חודש פון פאַר די פאָרכטיקע טעג, געגרייט.

אַזוי די ווייבער אין יענע טעג. ס'האָבן זיך שוין אָבער אויך געגרייט מאַנסבילן. די פאַרשיידענע חסידים־סעקטעס פון שטאָט האָבן זיך שוין יעדערע ביי זיך אין איר דאַוון־אָרט — אין שול, אין קלויז — געזאַמלט, און אין די פאַרנאַכטן פון די לעצטע טעג פון חודש שוין צווישן זיך געשמועסט און אָפּגערעדט, ווער ווען „ס'פאָרט"; זיך גרופּירט, געלט געזאַמלט, כדי בשותפות באַלעגאָלעס צו באַשטעלן, און וועלכער סעקטע ס'איז צו איר רבין געווען ווייטער צו פאָרן, האָט זיך צוגעאײַלט מיט אייניקע טעג פריער אין וועג זיך לאָזן, כדי צו דער צייט, צו ערב־יום־טוב, וואוהין זיי דאַרפן, אין זייער ווייטן רבין־שטעטל אָנצוקומען.

אויף פאַרשיידענע באַלעגאָלישע סטאַנציעס האָט זיך שוין שטאַרק געטומלט: פון באַלעגאָלישן הו־האַ, פון זייער צוזאָגן, זיך פאַרדינגען און דערנאָך חרטה האָבן, ווייל זיי זיינען פון אַנדערע, וואָס האָבן מער געגעבן, אויסגעדונגען געוואָרן.

אזוי אַלע חסידים־סעקטעס, וואָס האָבן מיט דער אַקס געהאַט צו פֿאָרן. מע האָט זיך געאײַלט, פֿאַר אַלעמען, זיך אַליין פֿאָרן רבין יום־טובֿ צו ברענגען, און אויך פֿאַרצושטעלן פֿאַרן רבין די, וועלכע האָבן נישט געקאָנט פֿאָרן, דורכן אַלגעמיינעם נאָמען־צעטל (כוללות־צעטל), וואָס מען האָט צונויפֿגעשטעלט פֿון אַלע אין דער היים פֿאַרבליבענע, כדי אין לעצטן טאָג פֿון יאָר פֿאַרן רבין דאָס צו דערלאַנגען, אַז אַלע, אַז אויך די ניט־געקומענע, זאָלן צו גוטן, אויף אַ גוט יאָר אויסבעטן, דערמאָנט ווערן.

אזוי אַלע, נאָר אויסער איינע אַ סעקטע, וועלכע האָט ניט געאײַלט, ווײַל איר וועג צו איר רבין איז כאָטש אַ ווײַטלעכער געווען, נאָר דערפֿאַר האָט זי אָבער צו קיין באַלעגאָלעס נישט באַדאַרפֿט אָנקומען, ווײַל געפֿירט אַהין האָט די באַן. דאָס זײַנען די בראַסלאַווער, וועלכע האָבן שוין טראַדיציע געהאַט, אַרויספֿאָרן אַהין ערשט אַ טאָג פֿאַר ערבֿ־ראש־השנה. זיי האָבן זיך אַפֿילו אויף דער באַן דעם זעלביקן טאָג פֿון אָפּפֿאָרן נישט געאײַלט, ווײַל פֿון יאָר צו יאָר האָבן זיי געהאַט זייערן אַן אייגענעם, אַ פֿאַרמעגלעכן פּאַסעסאָר פֿון דער געגנט, וועלכער פֿלעגט אַלע פֿאָרער, וועלכע האָבן זיך פֿון דער געגנט צונויפֿגעזאַמלט, מיט אַ גאַנצן, אַפֿילו באַזונדערן וואַגאָן באַזאָרגן. אַ באַזונדערן דערפֿאַר, ווײַל פֿון פֿיל יאָרן פּראַקטיק האָבן זיי געדענקט און געוואוסט, אַז ווען מע פֿאָרט מיט פֿרעמדע, קומט עס אָפֿט אויפֿן וועג צו חוזק, זידלערײַ און געלעכטער, און אַמאָל אויך, באַהיט גאָט, צו געשלעג מיטאַנאַנדער....

ס'איז זיין, דעם פּאַסעסאָרס מצווה געווען און זײַן אויפֿגאַבע — צו באַשטעלן מיט אַ פּאָר טעג פֿריער דעם וואַגאָן אויף דער סטאַנציע, ביי וועמען מע דאַרף פֿון די באַן־באַאַמטע, און געלט פֿאַר אים באַצאָלן, און דערנאָך, ווער ס'וועט האָבן זײַן חלק אַרײַנצוטראָגן, וועט טראָגן, און ווער נישט, וועט אַזוי פֿאָרן, אָן זײַן רייזע־געלט־חלק.

*
* *

און אָט איז דער טאָג פֿון ערבֿ־ראש־השנה. אויפֿן סטאַטישן וואָקזאַל, וואָס פֿאַר קיין גרויסן קאָן מען אים נישט רעכענען, אָבער אַ שטאַרק באַלעבאַטער, באַזונדערס אין דער צײַט פֿון אָנקומען און אַוועקגיין פֿון די צוגן, ווײַל אַהין פֿלעגן זיך צונויפֿקלײַבן די רייזנדע פֿון גאַנצן ראַיאָן, ווער ס'האָט צו דער באַן באַדאַרפֿט, — אויפֿן סטאַטישן וואָקזאַל האָט מען דעמאָלט דערזען צווישן גרויסן עולם זיך שטופּנדיקע, אומלויפֿנדיקע און אײַלנדיקע, עפּעס איינעם אַ באַזונדער מענטשן־שטראָם, וואָס האָט זיך אינאייגעם געהאַלטן, ווי אַ טשערעדע שאָף, געשטאַנען אינאייגעם, געגאַנגען אינאייגעם, און אַלע צוזאַמען האָבן שטיל, פֿאַרפֿרעמדטע און מיט מורא פֿאַרן אָרט, וואו זיי קומען אַהין זעלטן, אויפֿן צוג געוואַרט.

און אָט איז דער צוג אָנגעקומען. יענער שטראָם, געפֿירט פֿון איינעם, אַ זייעריקן, פֿון דעם, וואָס מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, פֿון זייער באַן־

באַזאָרגער, דעם פּאָסעסאָר, האָט זיך ווידער, ווי די שאָף צוזאַמען, צו דער פּלאַטפאָרמע און צו זייער באַשטימטן וואַגאָן געלאָזט.

די צוויי זשאַנדאַרמען, וואָס זיינען שטענדיק ביים באַן־אָנקומען און אַוועקגיין בייגעווען, אַלס די איינציקע וואַך־האַלטער און אָרדענונג־היטער, זיינען אויך דאָס מאָל אויף דער פּלאַטפאָרמע אין זייער גאַנצן זשאַנדאַרמישן פּוץ און גלאַנץ — מיט די קובאַנישע באַראַשקע־היטלען, מיט די ווייסע בערשטלעך האָר פון פאָרנט, מיט די אָרדענס און זילבער־בלאַנקענדיקע רובלס אויף די ברוסטן באַהאַנגען — באַלוינונגען, וואָס זיי האָבן פון דער העכערער מאַכט באַקומען פאַר זיך אויסצייכענען און פאַר מוסטער־האַפטער זשאַנדאַרמישער דינסט.

זשוק, וואָס האָלט אָנדערהאַלבן מענטשן אין דער הייך, שטייף, ווי פון שטאָל — אַזוי די ברוסט, אַזוי די פּלייצע, און אינגאַנצן זעט ער אויס, ווי אַן אומגייענדיקע פאַרקערפּערונג פון אַ מעכטיקן מאַכט־גולם, — ער, זשוק, די באַקן געגאָלט, נאָר מיט לאַנגע, שוואַרצע וואָנצעס, האָט קיינמאָל קיין שמייכל נישט געטאָן, ווייל ער איז פון דער נאַטור מיט אַזאַ פייאיקייט, ווי קענען לאַכן, נישט געווען באַשאָנקן. דערצו נאָך האָט אים געדאַכט, אַז דער זשאַנדאַרמישער שטאַט דערלויבט אים נישט דעם מין.

דער צווייטער, מאַטווייעוו, — שוין פיל נידעריקער פון יענעם, אָבער מער ברייטער, דער עיקר אין דער ברוסט, און אַלע זיינע אָרדנס האָט אים די געלע רוסישע, צעלייגטע באָרד באַדעקט.

ביידע זיי, אַז זיי האָבן איצט דערזען יענעם מענטשן־שטראָם, האָבן זיי זיך, נישט ווי זייער געוואוינשאַפט, ספּעציעל אויף זיי זיך אָפּגעשטעלט קוקן און דעם גאַנצן איבעריקן וואָקזאַל מיט אַלע איבעריקע וואַגאָנס, ווי פון אויג אויסגעלאָזט. זיי זיינען מיט יענעם בילד, וואָס ביי יענעם וואַגאָן, אַזוי פאַרכאַפּט געווען, אַז ס'איז זיי פאַר אַלעמען און פאַר קיינעם שוין קיין אַכט און קיין אויפמערקזאַמקייט נישט געבליבן. נישט געקוקט דערויף, וואָס באַשטענדיק היגע, נישט געקוקט, וואָס די היגע שטאָטישע און אויך אויסער־שטאָטישע באַפעלקערונג מיט זייערע מנהגים, גענג, האַלטונג און הלבשה זיינען זיי זייער גוט באַקאַנט געווען און פאַר זייער לאַנגער דינסט־צייט האָבן זיי זיך דאָ גענוג מיט זיי אָנגעזען, האָבן זיי דאָך איצט פון אָט דעם עולם די אויגן נישט געקאָנט אַוועקנעמען.

זיי האָבן אויסגעזען, יענע, פאַרן וואַגאָן זיך צונויפקלייבנדיק, ווי עפּעס חיות, וואָס ווערן אויף אַן אויסשטעלונג געפירט. צווישן זיי אַזאַ, ווי יאַנקעלע דער הויכער, פּיראַרשיניקער שניידער מיטן אַראָפּגעבויגענעם האַלדז פאַר מורא; שלום דער טרעגער, דער האַלבער העלפאַנט, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געשרומפּן און זיין וואוקס געוואָלט פאַרקלענערן; מנחם פאַרבער, איבערגעשראָקן פון נישט געוואוינט זיין צו פרעמדע אויגן, וואָס קאָנען אויף אים אַ קוק טאָן, און פון דער נישט־היימישער וואָקזאַל־לופט, וואָס האָט געדאַכט, אַז זי דראָעט אים פון אַלע זייטן, האָט ער דעם קאָפּ

הארט ביי זיין פּאַראַויסגייער געהאַלטן און מיטן מויל עפּעס אַ תּפילה גע־שעפּטשעט, אַז באַהיט און באַוואָרנט זאָל ער ווערן פון אַלעם דעם, וואָס קאָן אַ מענטשן אין וועג און אויך דאָ, אויפן וואָקזאַל, חלילה, טרעפן; דאָן דאָס „פּערל״, וואָס האָבן זיך אויך דאָ, ווי אין שול באַשטענדיק, צוזאַמען געהאַלטן, ווי צוויי חיהלעך, קורצזיכטיקע, אַליין שוין פון דער דרויסן־שיין צעמישטע, מיט די אָרעמע קאַפּאַטקעס אויף די דאַרע פּלייצעס, ווי ברעטלעך, — און אויך איצט, שטייענדיק אין דער ריי, אין דער לאַנגער שורה צום וואַגאָן גייענדיק, האָבן יעדערער אין מויל צו שטיקלעך ציגייערס געהאַלטן און דאָס לעצטע, וואָס מען קאָן פון זיי אַרויסבאַקומען, אייַלנדיק געצויגן.

דאָס — די היגע, וואָס האָבן נאָך ווי־נישט־ווי דאָך געהאַט אַ שטיקל מענטשלעך אויסזען. דאָן אַנדערע, פון דער פּראָווינץ אָנגעקומענע, אָנגע־פּאַקענע, וועלכע זיינען אַלע יאָרן ערגעץ אין פּאַררוקטע, ווייט־פּאַרוואָרפענע ישובים אָפּגעלעגן, — יענע — שוין גאָר ווילד, מיט אַזאַ הילוך, וואָס אפילו ביי מער צוגעוואוינטע צו אַזוינע האָט געקאָנט אַ געלעכטער אַרויסרופן, בפרט ביי נישט געוואוינטע, ביי נישט קיין אייגענע, ביי זשאַנדאַרמען אויף אַ וואָקזאַל... אַזוי, אַז ווען זשוק האָט דערזען אָט דעם עולם, וועלכער האָט זיך אייַלנדיק איבערגעשראָקן און וועלנדיק וואָס גיכער אין וואַגאָן אַריין, געשטופּט און גערוקט אַהין, האָט ער צו מאַטווייעוון, צום צווייטן זשאַנדאַרם, וואָס האָט זיך לעבן אים געטראָפן, אַ וואונק געטאָן: זאָל ער, הייסט עס, נאָר אַ קוק טאָן.

אין דער מינוט אָבער, ווי די זשאַנדאַרמען זיינען אַזוי לאַכנדיק אַנט־קעגן וואַגאָן געשטאַנען, אַזוי האָבן זיי דערזען, ווי צום עק פון דער ריי זיינען די לעצטע דריי פּאַרשוינען אונטערגעקומען: דאָס זיינען געווען מיכל בוקיער, סרולי און לוזי, לוזי — הויך און שטאַלטנע אין זיין זומערדיקן מאַנטל אָנגעטאָן... און גלייך ווי זיי, די זשאַנדאַרמען, האָבן אים דערזען, אַזוי האָט זיך פון זייערע פּנימער דאָס געלעכטער אָפּגעטאָן. זיי האָבן אין אים דערקענט אַ מין עלטסטן, אַ מין אָנפירער, אַ מער רייכערן און אין כבוד געהאַלטענעם, און פאַר אַזוינע, פאַר מער רייכע, פאַר מער בכבודע, האָבן זיי — צו וועמען יענע זאָלן נישט געהערן, צום סוחרים־שטאַנד, צו קלער־לייט, און פון וואָסער פאָלק און רעליגיע זיי זאָלן נישט זיין, אַבי נאָר אַן עלטסטער, אַבי אַן אויסגעטיילטער — שוין רעספּעקט און אַכטונג געקראָגן.

די זשאַנדאַרמען האָבן ווייטער, דאָרט פאַרן וואַגאָן שטייענדיק, געזען, ווי מיכל בוקיער און לוזי זיינען אין וואַגאָן אַריין, און נאָר איינער פונעם גאַנצן עולם איז אויף דער פּלאַטפאָרמע געבליבן — סרולי, אַ משונה פּאַרשוין.

דער פּאַרשוין האָט, איידער דער עלטסטער, לוזי, איז אין וואַגאָן אַריין, זיך מיט אים פאַר די אַרויפגאַנג־טרעפּלעך געזעגנט. ער האָט אים עפּעס געווינטשעוועט, און יענער אים אויך, און אַז לוזי איז שוין אַריין, איז יענער פאַר די וואַגאָן־פענצטער שטיין געבליבן, אַזוי לאַנג, ביז דער צוג האָט גע־רירט, ביז ער האָט שוין געזאָלט פון דער פּלאַטפאָרמע פאַרשווינדן. דעמאָלט

האָט זיך יענער עפּעס געכאַפּט, זיך דערמאָנט, גלייך ער האָט עפּעס אין וואַגאָן פאַרגעסן, ער האָט זיך פון זיין אָרט אַ לאָז געטאָן, נאָכן צוג אַוועק, און אין לעצטן מאָמענט נאָך באַוויזן מיט דער רעכטער האַנט זיך פאַרן פּלאַטפאָרמע־גאַנעקל אָנכאַפּן. ער איז געבליבן שטיין מעשה־קאָנדוקטאָר, מיט ביידע הענט פאַר ביידע הענטלעך אָנגענומען, און די פּאָלעס זיינען זיך אים פון ווינט צעפלויגן. ער האָט צוריק געקוקט אויפן אָפּגייענדיקן וואָקזאַל און אויך אויף די פאַרבליבענע זשאַנדאַרמען, וואָס אַן אַנדערשמאָל, ווען מען ריכט זיך דערויף, וואָלטן זיי זיכער אַזאַ זאַך נישט דערלאָזט, אָבער איצט — פאַרפאַלן, ווייל סרולי שוין ווייט, און די באַן שוין אָפּגעגאַנגען.

**

און אָט איז ערב־ראש־השנה.

משה מאַשבער האָט, יענעם פרימאָרגן אויפשטייענדיק, געטאָן, וואָס אַלע זיין גלייכן טוען אין יענעם טאָג: צוערשט אויפן הייליק אָרט אַוועק, וואו ער איז פון ליבער־מאירן גלייך באַמערקט געוואָרן, נישט געקוקט אויפן גרויסן געדראַנג און אויף דער גרויסער מאַסע עולם, וואָס האָט זיך אין מויערל דעמאָלט אָנגעשטופּט. ליבער־מאיר האָט אים פון אַלעמען אויסגע־טיילט און תיכּף צו זיין דינסט זיך געשטעלט, און דערפאַר, נאַטירלעך, ווי ס'געהער צו זיין באַלוינט געוואָרן.

נאָכדעם, אַז משה איז צוריק אַהיים אַוועק, האָט ער זיך, ווי דער מנהג איז, היינט מיט קיין געשעפטן נישט פאַרנומען: ער האָט אין שול צווישן דאַוונער, דערנאָך אין דער היים צווישן אייגענע, ווי־נישט־איז די צייט צעריבן.

ער האָט אַזוי ווייט געזען יענעם טאָג זיך אויסטאָן פון אַלעם, וואָס דערמאָנט אין וואָך און אין יערלעך־געוויינלעכן, אַז אינמיטן העלן טאָג, נאָכן ערב־יום־טובדיקן מיטיק, נאָך דעם, ווי אין שטוב האָט שוין גענומען שמעקן מיט די יום־טובדיקע קליידער, וואָס די שטוב־לייט האָבן אויף זיך גענומען; נאָך דעם, ווי ס'האָט שוין גענומען שמעקן מיט פאַרגרייטן טיש, וואָס באַלד וועלן זיך אויף אים די לייכטער באַווייזן צום פייערלעכן ליכט־בענטשן פונעם לעצטן מאָל אין יאָר — האָט משה, ווי ער טוט זעלטן, דאָס מאָל יאָ געטאָן: ער האָט זיך געהייסן די פאָרטקע פון סאָד אויפשליסן, איז אַהין אַריין און אויף די אויסגעטראָטענע זאַמדיקע סטעזשקעס אַ נישט קיין בשותפותדיקן שפּאַציר גענומען מאַכן.

ער האָט אויף די ביימער מיט די שוין האַלב־פאַרגעלטע בלעטער גע־קוקט, וועלכע האָבן אים אויפן טרויעריקן געדאַנק אַרויפגעבראַכט, דעם אַנטשפּרעכיקן אַי דער צייט פון יאָר — דעם האַרבסט פון דער נאַטור, אַי דעם דערוואַרטן יום־טוב, וואָס קומט דערמאָנען אינעם האַרבסט פון מענטשן. ער האָט שפּאַצירט, און זיין אויג האָט וואו־נישט־וואו אויף די שוין אָפּגע־

שאָקלטע, סיי פּריאיקע, סיי שפּעט־צייטיקע ביימער, ווען אַמאָל נאָך איינע אַ פאַרלאָזענע פרוכט הענגען דערזען.

שפּאַצירט, ביז די זון האָט זיך שוין צום פאַרנאַכט גענייגט. און דאָ האָט ער אויף איינער אַ סטעזשקע, אַ נאָענטער צום פּאַרקן, — ארויפקור־מענדיק, אין הויף אַרויסגעקוקט. ער האָט דערזען, ווי אין די געעפענטע פענצטער פון זיין עס־שטוב (געעפנט, מחמת דער וועטער איז געווען אַ געשטילטער, אַ לינדער און כמעט אַ זומערדיקער), האָט זיך אין אייניקע פון זיי אָן אָפּגלאַנץ פון אָנגעצונדענע ליכט אין שטוב באַוויזן, — געוויס שוין אויפן עס־טיש שטייענדיקע. ער האָט זיך דערמאָנט: ס׳איז צייט פון ליכט־בענטשן, וואָס גיטעלע אין אַזוינע יום־טובים פאַרנעמט אַ ביסל פאַרפריער. און ער האָט דעם גאָרטן פאַרלאָזט און אין שטוב אַריינגעקומען.

ווירקלעך: אויפן ניי־פאַרשפּרייטן טיש איז אין איינעם אָן עק אַ ריי לייכטער אויסגעשטעלט געשטאַנען — גרויסע, זילבערנע, געשייערטע און בלאַנקענדיקע, און אינמיטן צווישן זיי — איינער אַ ירושה־לייכטער, ספּעציעל נאָר אין גרויסע יום־טובים געברויכט: אַ האַלבע מנורה מיט דריי רערן אין דער לענג, און פון דער מיטלסטער בייגט זיך אַרויס אַ פערטע פון פאָרנט.

אין אַלע לייכטער ווייסע ליכט, און אין דער מנורה — וואַקסענע, און אַזוי ווי די לייכטער־ריי אַ גרויסע, און באַזונדערס די האַלבע מנורה דערצו נאָך אַ שטאַרק הויכע, וואָס אַז גיטעלע וועט זי ביים ליכט־בענטשן באַדאַרפן אַרומנעמען און מיט די הענט איבער אירע ליכט אַריבערדערלאַנגען, וועט איר שווער זיין, ווייל זי איז נישט מער, ווי מיטעלן וואוקס, און אפשר אויך אַ ביסעלע נידעריקער, און אירע הענט וועלן נישט דערגרייכן, — האָט מען איר שוין, ווי ס׳פירט זיך כסדר, אַ פוסבענקעלע אונטערגעשטעלט, איר וואוקס צו פאַרגרעסערן און צו פאַרמערן אירע מעגלעכקייטן ביי די הענט צו צעפירן.

און טאַקע: גיטעלע האָט זיך שוין געהאַט געגרייט אויפן בענקעלע אויפגיין, און איידער נאָך זי האָט אַ פּוס אַהין געשטעלט, האָט זיך איר שוין טרערן געקייקלט, קוקנדיק אויף איר מאַן און אירע קינדער, וועלכע האָבן זי איצט ביים טיש אַרומגעשטעלט, און פאַר וועלכע זי וועט באַלד, ביים ליכט־בענטשן, פאַר אַלע אינאיינעם און פאַר יעדערן באַזונדער באַ־דאַרפן בעטן, צוערשט און באַזונדערס — פאַר איר מאַן.

אויך משה האָט דעמאָלט אויף איר, אויף די קינדער, אויף אַלע בני־בית אַ קוק געטאָן, און פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז איינער נאָר אַ שטוביקער פעלט דאָ — אַלטער. ער האָט דערום באַשלאָסן, פאַרן ליכט־בענטשן און איידער ער וועט אין שול אַוועקגיין, אַרויפגיין צו אים געוואויר ווערן, זען, וואָס ער מאַכט, און וואָס איז מיט אים די לעצטע טעג נאָך יענער געוויסער נאַכט געשען: בעסער — ערגער. — אויב בעסער — אַ גוט יאָר זאָגן, אויב נישט — איז כאָטש אויף אים אַ קוק טאָן, כדי שפּעטער אים

כאַטש אין שול דערמאָנען. משה האָט דערום באַלד די עס־שטוב פאַרלאָזט און אין אַלטערס אייבערשטיבל אַרויפגעקומען, און, אַרויפגייענדיק, האָט ער באַמערקט: איבערן לינדן, האַלב־זומערדיקן וועטער איז אויך אַלטערס פענצטער, וואָס קוקט אין סאָד אַרויס, געעפנט געשטאַנען. די האַלב־פאַר־גייענדיקע זון האָט דורך דיביימער אַ געלינדערטע, אַ געדעמפּטע אין זיין צימער אַריינגעקוקט. אַלטער איז אַן איבערגעטאָנענער צום יום־טוב אין ווייסן וועש אויף זיין בעטל געלעגן, מיטן פּנים צו דער באַשיינטער פענצ־טער־זייט. אַ שטאַרק מאַטער, מיט בלאַסע אַריבערגעליגטע הענט איבער דער קאָלדרע, פון דער שווערער קרענק, וואָס איז אויף אים איבערגעגאַנגען, אָבער די אויגן קלאָרע, באַזיניקט, ווי ביי אַ חיהשער קימפּעטאָרין נאָכן האָבן, וואָס דער צער פון די נאָר־וואָס איבערגעטראָגענע ליידן איז איר נאָך אין בליק אָנצוזען, אָבער קיין ווערטער האָט זי נישט אויף מיט דעם צופרי־דענעם און מיט דעם איבערגעקומענעם זיך צו טיילן.

אַז אַלטער האָט פריער דערהערט, דערנאָך דערזען זיין ברודער משה אויף דער שוועל אַרויפקומען, אַזוי האָט ער זיך באַלד צו אים אַ לייכטן דריי־אויס געטאָן, אויף אים אַ קוק געגעבן, און אַ האַלב־קראַנקער, האַלב־באַגליקטער אים צו זיך מיט די אויגן איינגעלאַדן.

— וואָס מאַכסטו, אַלטער? — האָט משה, צו אים איבערן בעטל זיך איבערבייגנדיק, געפרעגט.

— כ'ווער, דאַכט זיך, געזונט, משה, — האָט משה אַלטערס שוואַכע ווערטער, פון זיין שוואַכער ברוסט קומענדיק, דערהערט.

ווירקלעך: משה האָט אין זיין טאָן, אין בליק און אין זיין גאַנצן איצטיקן באַנעם טאַקע דערקענט, אַז אַ נייס, אַן ענדערונג איז אויף אים געקומען. ער האָט זיך דערמאָנט אין יאַנאָווסקי דעם דאָקטאָרס ווערטער, אין יענעם געוויסן ביינאַכט, ווען מיט אַלטערן האָט זיך אין שטוב אונטן, בעת לוזים אַוועקגיין, דער פאַל געטראָפן. ער האָט אים איצט דערזען באמת אַ ניי־געבוירענעם, כאָטש בלאַס און אָנמעכטיק. ער האָט זיך ווילד פאַר־חידושט. אָבער איילנדיק זיך וואָס גיכער אַראָפּצוגיין און אין שטוב אַראָפּ־צוקומען, האָט ער זיך צו אים נאָכאַמאָל אַ בייג געטאָן און ווי אין אויער אים אַריינגעשריגן:

— האָב אַ גוט יאָר, ס'היינט ערב־ראש־השנה. דו ווייסט?

— ערב־ראש־השנה? ניין. כ'געדענק נישט...

משה איז אַראָפּ. גיטעלע האָט שוין, שטייענדיק אויפן פוס־בענקעלע, מיטן ווייסן זיידענעם קאָפּטיכל אויף איבער די אויערן פאַרנומען, די הענט ביי די אויגן צוגעהאַלטן און איבער איר פּנים, דורך די פינגער, האָבן זיך איר טרערן געגאָסן. משה און זיינע איידעמס זיינען שוין אין אויבערמאַנטלען געשטאַנען, גרייט אין שול זיך לאָזן, און טעכטער האָבן נאָך אויף גיטעלען געוואַרט.

און אַט האָבן זיך אַלע פון שטוב אַרויסגעלאָזט און, אויסער די דינסטן אונטן, איז אַליין נאָר אַלטער אויפן אייבערשטיבל געבליבן. די פאַרגייענדיקע זון האָט דורכן באַשיינטן פענצטער זיין עלנטן בחורישן צימער באַלויכטן, אויך אים אַליין אין זיין ליגנדיקער לאַגע. אַלטער האָט דעמאָלט, ליגנדיק, שטיל געוויינט — שטיל אויף זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן, וואָס זיינען אים פאַרגאַנגען אָן זיין וויסן, און אויף זיינע קומענדיקע, וואָס ער ווייסט נישט, וואָס וועט אים אין זיי געשען. ער האָט פּאַמעלעך די קאָלדרע פון איבער זיך אַראָפּגענומען און פון אונטער איר אַרויס, איז פון בעט אַראָפּ, און אַ שוואַך־זיך־שלעפּנדיקער, אַ האַלב־נאַקעטער צום פענצטער זיך צוגעשטעלט. ער האָט אין גאָרטן אַרויסגעקוקט און מיט האַלב־געשלאָסענע אויגן פון שוואַכקייט די פאַרגייענדיקע זון פון צווישן דיביימער באַגלייט.

ש. ניגער

בריוו פון דוד בערגעלסאָן

מיט דוד בערגעלסאָנען האָב איך אָנגעהייבן זיך דורכשרייבן נאָכדעם, ווי אים איז געלונגען אָפּצודרוקן (כמעט אויף זיין אייגענעם חשבון) זיין ערשטן קורצן ראָמאַן — „אַרום וואָקזאַל", וואַרשע, 1909.

אין אַ בריוו צו מיר (און אויך אין אַ רעצענזיע)* האָט א. וויטער געשריבן וועגן דעם יונגן דערציילער און זיין ערשטער שאַפונג — „אַרום וואָקזאַל" — מיט גרויס באַגייסטערונג, און אַז איך האָב די דערציילונג איבערגעלייענט, האָב איך אויך דערפילט איר פרישקייט און אייגנאַרטיקייט, — און אין פּעטערבורגער „פריינד" (27סטן אויגוסט, 1909) האָב איך פאַרעפנטלעכט וועגן איר אַן אַרטיקל. נאָך אָט דער רעצענזיע האָט זיך צווישן בערגעלסאָנען און מיר אָנגעהייבן — נוצנדיק שלום עליכמס אַ וואָרט — אַן „איבערשאַצונג". מיר האָבן זיך פערזענלעך דעמאָלט נאָך נישט געקאָנט, אפילו זיין נאָמען איז מיר נישט באַקאַנט געווען. אויך א. וויטערן איז ער נישט באַוואוסט געווען. און אויב עס זאָל דאָך זיין ריכטיק וואָס נחמן מייזיל האָט אַמאָל דערציילט,** אַז נאָך אין 1908 זאָל דוד בערגעלסאָן האָבן צוגעשיקט אַ מאַנוסקריפּט קיין ווילנע פאַר די „ליטעראַרישע מאָנאַט־שריפטן", האָט ער אָדער ש. גאָרעליק, דער דריטער פון דער רעדאַקטיר־קאָלעגיע, געלייענט (און געפּסלט), אָדער קיינער פון אונדז האָט עס נישט באַוויזן צו לייענען, — און דער זשורנאַל האָט דערווייל אויפגעהערט אַרויסצוגיין.

די אַכט בריוו, וואָס ווערן דאָ פאַרעפנטלעכט, האָט דוד בערגעלסאָן אַדרעסירט צו מיר — פריער קיין בערלין, וואו איך האָב זיך באַזעצט אָנהייב 1910, און דערנאָך קיין בערן, שווייץ, וואוהין איך האָב זיך איבערגעקליבן, ווי אַ סטודענט, מיט אַ קנאַפּ יאָר שפּעטער.

נישט אַלע בריוו זיינען דאַטירט, אָבער פון זייער אינהאַלט איז צו זען אַז זיי שטאַמען אַלע פון די יאָרן 1910—1913.

בערגעלסאָנס פריערדיקע און שפּעטערדיקע בריוו איז מיר ביז איצט, צום באַדויערן, נישט געלונגען אויפצוזוכן.

אין דער סעריע בריוו, וואָס איך גיב איצט איבער י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויקס „זאַמלביכער", איז, דוכט זיך מיר, פאַראַן ווערטפולער מאַטע־

---

* „דער פריינד", 19טן יולי, 1909.
** "ביכער וועלט", קיעוו, 1919, נומער 2—3.

ריאַל פאַר דעם יונגן בערגעלסאָנס לעבנסגעשיכטע, און דער עיקר פאַר די ערשטע — די פּרוכטבאַרסטע — יאָרן פון זיין ליטעראַרישן שאַפן.

אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אונדז קלאָר פון די בריוו, אַז דער יונגער בערגעלסאָן איז אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אירער אַן ענטוזיאַס־טישער מיטבויער, און אַז איר וואוקס האָט אים אינטערעסירט נישט ווינ־ציקער ווי זיין אייגענער.

ער האָט מיט זיך רעפּרעזענטירט אַ נייעם דור — אַ נייעם דור שרייבערס און לעזערס. דאָס זיינען געווען די, וואָס האָבן געוואָלט אויפהייבן יידיש ביז צו דעם ניוואָ פון דער רוסישער און דער אַלגעמיין אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

דער נייער ליטעראַרישער זשורנאַל, נאָך וועלכן עס האָבן געבענקט די, וואָס האָבן זיך געהאַט גרופּירט אַרום די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", און אויך דוד בערגעלסאָן, — האָט געזאָלט זיין דער אָרגאַן פון אָט דעם נייעם שרייבער און נייעם, מער אינטעליגענטן, מער „באַוואוסטזיניקן" (נאַציאָנאַל־ און קינסטלעריש־מער באַוואוסטזיניקן) לעזער.

בערגעלסאָנס אינטערעסן זיינען פון אָנהייב אָן געווען אי קינסטלערישע, אי אַלגעמיין־קולטורעלע.

דאָך איז ער, ווי יעדער דיכטער, געווען אַריינגעטאָן דערהויפּט אין זיין אייגענער שאַפונגס וועלט, און ווי, געוויינטלעך, יעדער שריפטשטעלער, האָט ער געהאַט צו זיך צוטרוי, געגלויבט אין זיינע אייגענע כחות.
ווי מיר זעען עס אין די בריוו, איז ער געווען פול מיט פּלענער און פּראָיעקטן פון נייע דערציילונגען, נייע ראָמאַנען, און ער איז, פאַרשטייט זיך, זיכער, אַז יעדע נייע זאַך, ווען ער וועט מיט איר פאַרטיק ווערן, וועט זיין „אַ ליטעראַרישע דערשיינונג", וועט ברענגען נייע לעזער א.א.וו.

ער האָט שטענדיק כמעט געשריבן עטלעכע זאַכן מיט אַמאָל, — און דעם, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין דאַמאָלסדיקן אימפּרעסיאָניסטישן רעאַליזם און מיט דער לירישקייט פון זיין פּראָזע, קען דאָס, וואָס ער דערציילט (אין בריוו נומער דריי) וועגן דעם פּראָצעס פון זיין שאַפן, אויסקומען מאָדנע און פּאַראַדאָקסאַל. ער שרייבט: „יעדע דערציילונג האָט אַ באַזונדער שטימונג. און דערמאָן איך זיך נאָר אין איינער פון זיי, אַזוי באַהערשט מיך באַלד איר אָפּגעזונדערטע שטימונג און גיט מיר צו פילן דאָס לעבן, די וועלט אַנדערש, גאָר אַנדערש, ווי ס'גיט מיר דאָס צו פילן די שטימונג פון דער צווייטער דערציילונג . . ." אַזוי, ווי ווען די שטימונג זאָל קומען נישט פון אים דער דערציילער, נאָר פון דעם אָביעקט פון זיין געשיכטע. אָבער דאָס איז גאָרנישט אַזוי מאָדנע, ווי עס זעט אויס פון אויבן אויף. די געשטאַלטן, אָדער די לעבנס־בילדער, וואָס ער האָט געזוכט אַרויסצו־ברענגען, זיינען, אפשר אַזוי קלאָר און בולט געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, אַז אים האָט זיך געדוכט, אַז זיי און זייער אַטמאָספערע באַהערשן אים און אַז נישט, פאַרקערט, ער איז דער וואָס באַשאַפט זיי.

אין יעדער זאַך, וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער, ווי מיר זעען פון זיין קאָרעספּאָנדענץ, אַריינגעלייגט אַן אַ שיעור אַרבייט. און ער האָט אַ ווערק, איידער ער האָט עס אַרויסגעלאָזט פון האַנט, נישט איינמאָל איבער־געשריבן און איבערגעאַרבעט.

ער האָט, אַגב, גוט געוואוסט, אַז „אַרבעטן אויף זיך אַליין" איז פּונקט אַזוי נייטיק, ווי אַרבעטן איבער אַ ווערק. אים איז געווען קלאָר, וואָס אים האָט געפעלט, נישט וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

זיין אייגענע קורצע כאַראַקטעריסטיק פון „נאָך אַלעמען" (בריוו נומער פינף) און אייניקע אַנדערע שטעלן אין זיינע בריוו זיינען מוסטערן פון שעפערישער זעלבסטקריטיק און זעלבסטבאַוואוסטזיין.

פון די בריוו קען מען אויך זעען, אַז זיינע מער אָדער ווייניקער, פּאָל־קיסטישע, קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע מיינונגען און שטרעבונגען האָבן אים נישט געשטערט צו זיין ביז צו אַ היבשער מאָס איבערפּאַרטייאיש, (בלויז בנוגע דער „פּעטערבורגער גרופּע" איז אים שווער געווען צו זיין אומפּאַרטייאיש).

זייענדיק אָביעקטיוו־קינסטלעריש און ווייט נישט איינזייטיק, ווי אַ קולטור־טוער, איז אים, מיט אַ צען יאָר שפּעטער, נישט לייכט אָנגעקומען צו לאָזן זיך גיין, „אין שפּאַן" און זעגענען זיך סיי מיט זיין קינסטלערישן אָביעקטיוויזם, סיי מיט דער פילזייטיקייט פון זיינע קולטורעלע אינטערעסן.

זיין איינשפּאַנען זיך אינעם פרעמדן וואָגן איז געווען נאָר דער פּראָלאָג צו דער טראַגעדיע. איר עפּילאָג איז געווען — זיין פאַלן אין די האלאבליעס.

ער איז, ווי מיר ווייסן, געפאַלן אינאיינעם מיט דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור אין סאָוויעטנלאַנד. דאָס איז שוין געווען נישט זיין באַזונדערער גורל, נאָר דער גורל פון אַלע די, וואָס האָבן זיך געלאָזט איינריידן, אַז שעפערישע כחות קאָנען און מעגן זיך איינשפּאַנען אין אַ וואָגן, וואָס נישט זיי, נאָר אַנדערע קערעווען.

נ.ב.: דער אויסלייג פון די בריוו איז נישט אָפּגעהיט געוואָרן. אחוץ דעם, האָב איך צוגעשטעלט אותיות און געמאַכט אַנדערע טעכנישע קאָרעק־ציעס, וואו זיי זיינען נייטיק געווען, אויך דורכגעלאָזן עטלעכע שטעלן.

(דאַטע פעלט)

געערטער ש. ניגער,

כ'האָב איך שוין לאַנג געוואָלט און באַדאַרפט שרייבן, נאָר כ'האָב אייער אַדרעס קיין בערלין נישט געוואוסט און געמוזט אַלץ אויף שפּעטער אָפּ־לייגן. איצט בין איך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אייער פּלאַן,* און וועל

---

* דאָס איז געווען אַ פּלאַן וועגן אַ יאָרבוך פאַר ליטעראַטור און קריטיק.

אַלע טאָג וואַרטן אויף אייערע בריוו. איך מיט נ. מייזיל טראַגן זיך שוין כמעט אַ יאָר צייט אַרום מיט אַ געדאַנק וועגן קאָנצענטרירן אונדזערע בעסטע טאַלאַנטן אַרום דעם ניי־געגרינדעטן „קונסט־פאַרלאַג“, וועלכן ס׳איז פרעמד דער סוחרישער מיש־מאַש פון וואַרשעווער ליטעראַרישן מאַרק. געוויס האָט אייער פּלאַן אַ גרויסן ווערט פאַר אונדזער ליטעראַטור, און דערפאַר באַדאַרף ער טאַקע פאַרווירקלעכט ווערן דאָ, אין דרום־מערבדיקן קאַנט, וואו דער נייער יידישער לעזער איז דער אינטעליגענט און וואו די באַציאונג צו אונדזער ליטעראַטור איז אַ באַציאונג פון אַ תלמיד־חכם.

פונעם פאַרלעגער (ה׳ ציטראָנען) קען מען פיל נישט האָפן, נאָר אין קיעוו אַליין קען מען בכלל פיל אויפטאָן. נ. מייזיל גרינדעט איצט אַ פאָנד פאַר ליטעראַרישע אויסגאַבן, און דער פאַרלעגער איז מסכים אַריינלייגן אין יעדער אויסגאַבע נישט ווייניקער ווי 50% בתנאי, אַז דער רוח זאָל גיין אויף די ווייטערדיקע אויסגאַבן. מייזלען וועט זיך געוויס איינגעבן צו גרינדן דעם פאָנד און צו באַקומען פאַר אים אַ יערלעכע הכנסה פון 12—15 הונדערט רובל.

שרייבט זשע באַלד, געערטער ניגער, וועגן אייער פּלאַן. געוויס וועלן מיר געפינען די מעגלעכקייט אים צו פאַרווירקלעכן.

כ׳האָף ביז סינטיאַב־אָקטיאַב פאַרענדיקן און איבערגעבן אין דרוק נאָך צוויי באַנדן: „רב־רבי“ (אַ ראָמאַן) און דאָס צווייטע: דערציילונגען, אין וועלכע עס וועלן אַריינקומען — „אָן אַ זייט“, „חיהלע בענדער“ און אַנדערע אָנגעהייבענע און נישט פאַרענדיקטע. וועט מיר גאָט העלפן, און איך וועל עס אײנגאַנצן צו דער צייט ענדיקן, וועל איך אין נאָיאַב אויף אַ היפּשער צייט קומען קיין בערלין און וועל דאָרט אַ ביסל אַרבעטן אויף זיך. איך האָב פאַרקלערט אַ צווייטע גרויסע זאַך (דוכט זיך אַ ראָמאַן ממש), וועלכע ס׳שאַדט נישט צו באַאַרבעטן אין דער פרעמד (כ׳מיין ווייט פון רוסלאַנד), און אפשר דאַרף מען עס באַאַרבעטן טאַקע דווקא אין דער פרעמד וואו די זאַך קען דערפון פיל אויסשפּילן.

מיט דרך־ארץ,

ד ו ד ב ע ר ג ע ל ס אָ ן

(נישט דאַטירט)

געערטער ש. ניגער,

די גאַנצע צייט האָב איך זיך געקליבן צו שיקן אייך עפּעס פון מיינע געשריבענע זאַכן. אַרבעט איך אָבער די לעצטע צייט געשמאַק און האָב קיין צייט נישט איבערצושרייבן אין אַ צווייטן עקזעמפּלאַר. דערצו איז נאָך ביי מיר קיין פאַרענדיקטע זאַך נישטאָ. אַלע דערציילונגען, וועלכע איך שרייב איצט, זיינען מער אָדער ווייניקער גרויסע, און פאַרטיק וועלן זיי,

דוכט מיר, אַלע אין איין צייט ווערן. דער ראָמאַן „רב־רבי" וועט אַנטהאַלטן נישט ווייניקער פון 20־30 דרוק־בויגנס; „אָן אַ זייט" ביי 3־4 און „חיהלע בענדער" ביי 4־5 דרוק־בויגנס. צושיקן וועל איך אייך, אויב איך וועל די מעגלעכקייט האָבן 5־6 קאַפּיטלען פון „רב־רבי".

איר פרעגט וואָס איך מאַך?

איך לעב איצט דורך איינעם פון מיינע גליקלעכסטע מאָמענטן, און אויב דאָס לעבן פון אַ מענטשן קען מען מיט אַ מספר אויסמעסטן, לעב איך איצט דורך איינע פון די בעסטע דריטלען אָדער פערטלען. איך שרייב עס אייך ווייל כ'פיל עס, און פילן פיל איך עס דערפאַר, וואָס איך פאַרשטיי, אַז אַזעלכע זאַכן, ווי „רב־רבי" קען מען נישט מער 2־3 אין משך פון אַ גאַנץ לעבן אָנשרייבן. איך געפין זיך איצט אין אַ קליין שטעטל (פּאָדאָלער גובערניע), ווייל איך נייטיק זיך אין שטילקייט און באַדאַרף אַרבעטן פיל, פיל. דאָ איז אַזוי שטיל ווי אויף אַן אומבאַוואוינטן אָאַזיס, וואָס ערגעץ אין סאַהאַרער מדבר. האָנען, וואָס בראָטן זיך אויף דער זון, וואָגן נישט צו קרייען. די זאַך פאָדערט פיל מוח און נשמה, און אויב כ'וועל דאָ קענען אַרבעטן אין משך פון 2־3 חדשים, וועל איך עס געוויס ענדיקן אַרום תשרי. איך האָף אַז דאָס בוך וועט מיט גאָטס הילף זיין אַ ליטעראַרישע דערשיינונג, און וועט נייע לעזער אונדז מיטברענגען. מיר האָט אין קיעוו איינער דעם קאָפּ געדולדט מיט דעם, אַז ביי אונדז איז נישטאָ קיין לעזערינס אין די שיין געמעבלטע בודוארן. מיך באַרירט עס כּלל נישט, און בענקען בענק איך נישט נאָך אָט די לעזערינס. נאָר מיר וועט זייער הנאה טאָן, אויב מיין דערציילונג „חיהלע בענדער" וועט זיך מיר איינגעבן, און זיי, די נפשות, וועלכע שמעקן דאָך אָן אין קונסט דאָס, וואָס האָט אַ שייכות צו זייער זינדיק זנות־נשמהלע, וועלן זיך מוזן באַהאַלטן מיטן יידישן ביכל אין האַנט, אָדער בעטן די דינסט, אַז זי זאָל עס פאַר זיי דורכלייענען; זיך שעמען, ליידן און בעטן.

מייזיל שרייבט מיר פון קיעוו אַז אים האָט זיך שוין איינגעגעבן באַגרינדן די יוריסטישע זייט פונעם פאַרלאַג אויף פייען אַז ער האָפט אין גיכן צו באַקומען דעם נייטיקן קאַפּיטאַל.

אויב אייער יאַרבוך וועט דערשיינען נישט פריער פון כסלו, וועל איך אייך קענען געבן צוליב דעם „חיהלע בענדער".

שרייבט וואָס הערט זיך ביי אייך. אין דעם שטילן מקום, וואו איך געפין זיך איצט, בין איך אַזוי אָפּגעריסן פון דער וועלט. יעדער בריוו, וואָס איך וועל פון אייך אָהער באַקומען, וועט מיר אַ שטיק יום־טוב אַריינברענגען.

מיט דרך־ארץ,

ד ו ד ב ע ר ג ע ל ס אָ ן

(אויף אַ בלאַנק פון
„קונסט - פאַרלאַג)

18 יולי, 1910

געערטער ש. ניגער,

היינטיקע וואָך הייבט מען אָן איבערצושרייבן „רב־רבי" און קינפטיקע — וועל איך אייך געווים צושיקן 7־8 קאַפּיטלען. שרייבט מיר נאָר אַ ריכטיקן אַדרעס, איך זאָל זיכער זיין, אַז ס'זאָל נישט פאַרפאַלן ווערן. כ'וועל אייך דאָס שיקן רעקאָמענדירט.

איר פרעגט, צי איך שרייב די אַלע זאַכן אין איין און דער זעלבער צייט און צי ס'שטערט מיר נישט.

די לעצטע צייט אַרבעט איך ווירקלעך אויסשליסלעך ביי „רב־רבי". נאָר דאָס איז נאָר דערפאַר וואָס איך וויל, אַז דאָס דערמאָנטע בוך זאָל פאַרטיק ווערן. און אַרבעט איז ביי דעם פאַראַן זייער פיל. ווינטער האָב איך אין איין צייט ביי עטלעכע דערציילונגען געאַרבעט, און דאָס האָט מיר לחלוטין נישט געשטערט. יעדער דערציילונג האָט אַ באַזונדער שטימונג און דערמאָן איך זיך נאָר אין איינער פון זיי, אַזוי באַהערשט מיך באַלד איר אָפּגעזונדערטע שטימונג און גיט מיר צו פילן דאָס לעבן, די וועלט אַנדערש, גאָר אַנדערש, ווי ס'גיט מיר דאָס צו פילן די שטימונג פון דער צווייטער דערציילונג. איך שרייב איצט „רב־רבי", נאָר איך ליג אַוועק די פען און דערמאָן זיך אָן „חיהלע בענדער" באַקומט באַלד אפילו די שיין פונעם טאָג אַן אַנדער פּנים, אַן אַנדער פאַרב. יעדע געשטאַלט ווערט גע־דרוקט קרענקלעך און אומנאַרמאַל, ווי קרענקלעך געדרוקט און אומנאַרמאַל ס'איז אירס, חיהלע בענדערס, לעבן. איך אַליין פיל שוין און זע שוין בשעת מעשה אַנדערש: נישט, ווי רב־רבי, נאָר ווי חיהלע בענדער. דערמאָן איך זיך איצט אין „אָן אַ זייט", טאַ באַהערשט מיך ווידער שוין אַ דריטע שטי־מונג און גיט צו פילן מיר דאָס לעבן גאָר אַנדערש, ווי ס'גיבן מיר עס צו פילן די שטימונגען פון ביידע ערשטע דערציילונגען. יעדע געשטאַלט זעט שוין אויס ווי אַ פאַרעקשנטער אומגליק. ווי אַ צולהכעיסדיקער בזיון, ווי אַ קללה; נישט מיינע אויגן קוקן שוין אויף דער וועלט, נאָר די בייזע אויגן פונעם אומגליקלעכן פאַרעקשנטן, ברוגזדיק־לײדנדיקן פרא־אדם — דעם פאַרוואָקסענעם גרוילעכן און שטאַרק האַריקן משה לייב יאַנאַשאָוו. יעדע אַרומיקע באַוועגונג דערמאָנט מיך גלייך ווי אים אָן דער עלטערער טאָכטער דער משמדת, וואָס וואוינט אין נאָענטן דאָרף מיטן מאַן אירן — דעם „מיראָוואוי סודיא", אָן דער צווייטער יינגערער טאָכטער, וואָס לעבט ערגעץ אָן חופה וקדושין מיט אַ סטודענט, און אָן אַ גאַנצער אויסגעלאַסענער משפחה פונעם געשטאָרבענעם ווייבס צד, וואָס לעבט דאָ אין שטאָט (די שטוב זיינע שטייט אין עק, אָן אַ זייט), אָן שיינע אויסגעלאַסענע ווייבלעך פון אָט דער משפחה, וועלכע שניידער־יונגען נעמען מיט אַ באַזונדער פאַר־געניגען אַ מאָס אויף קליידער אַראָפּ.

שרייבן שרייב איך אזוי:

צום אָנהייב ווערט געבוירן די שטימונג פון דער דערציילונג מיטן הויפּט־טיפּ (דער לעצטער כמעט אַלע מאָל נישט אין גאַנצן קלאָר), און ווירקן אזוי אויף דער נשמה, אז ס׳איז פּשוט אוממעגלעך איבערצוטראָגן. אזא מאָדנע בענקשאַפט ווערט מיט אַט דער שטימונג געבוירן צו יענעם אייגנ־אַרטיקן קאָלאָריט פון דער וועלט, וועלכע טראָגט זיך אַרום דעם הויפּט־טיפּ און אין דער שטימונג. מיין גאַנצער ציל איז שוין נאָך דעם נאָר אויף אַרויסצוגעבן אַט די שטימונג צוזאַמענגעבונדן מיטן לעבן און מיט די געשעענישן, וועלכע קומען פאָר אַרום אים און (אויב ס׳איז אזוי מעגלעך צו זאָגן) אין אים. איך גיב נאָך דעם אַרויס די שטימונג מיט בילדער פון זיין לעבן. אויב איך האָב נישט דאָס אָדער יענעם בילד, וועלכע כ׳פיל אז עס גייט מיר אָפּ, לייג איך די דערציילונג אָן א זייט און כ׳וואַרט ביז וואַנען ס׳וועלן מיר קלאָר ווערן די סיבות איבער וועלכע איך פיל אז די בילד גייט מיר אָפּ. ווי באַלד ס׳ווערן מיר קלאָר די סיבות ווערט מיר אויך גרינג דאָס בילד צו באַשאַפן.

איצט איז ביי מיר פאַראַן זייער א ליבער גאַסט. מיר פאַרברענגען דאָ צוזאַמען עטלעכע טעג. ריידן איז דווקא פאַראַן פון וואָס. דער פאַרלאַג וועט געוויס אין גיכן פאַרטיק ווערן און ס׳וועט זיך פרייעלעכע אַרבייט אין גיכן אָנהייבן. וועגן פרישמאַנען* וכת דיליה אַן אַנדער מאָל. כ׳האָב גראָד דעם „היינט” נישט געלייענט, נאָר מייזיל האָט מיר איבערגעגעבן.

איך פון מיין זייט וויל אייך בעטן, געערטער ניגער, איר זאָלט אויף דעם נישט רעאַגירן אין דער פּרעסע. זאָל אייך גאָט אָפּהיטן פון אזא טריט. מייזיל בעט אייך אויך וועגן דעם. מיר האָפן, אז איר וועט אונדזער בקשה דערפילן.

פרישמאַן איז א קליינשטעטלדיקער ליץ, נישט מער. א שטאַרק — — — — משכיל ביי וועלכן ס׳איז פאַר שנאה צו מענטשן אַיין אויג קלענער פונעם צווייטן געוואָרן. לאַכט זיך אויס פון זיין וואָלוועלן געזידלערייַ, ווי ס׳טועָן דאָס אַלע לעזער וועלכע באַציען זיך מיט דער אַכטונג וועלכע איר האָט פאַרדינט.

מיט דרך־ארץ און ליבע,

דוד בערגעלסאָן

---

* דוד פרישמאַן האָט אין אייגעם פון זיינע וועכנטלעכע פעליטאָנען אין „היינט” שאַרף אַטאַקירט די נייע יידישע ליטעראַטור בכלל און מיך פערזענלעך בפרט.

(אַן אַ דאַטע)

געערטער ה' ניגער,

ס'בלייבט איבער דער „ערגסטער פאַל": געבן אייך אַ צוויי־דריי פּרקים פון דער טרילאָגיע „נאָך אַלעמען", וועלכע מוז אין גיכן דערשיינען אין קלעצקינס פאַרלאַג. מאַנוסקריפּטן איז ביי מיר פאַראַנען אַ טייל נישט פאַר־ענדיקטע, אַ טייל נישט באַאַרבעטע. דעם ראָמאַן האָב איך כמעט געענדיקט, נאָר געפונען פאַר נייטיק אים אָנהייבן נאָך אַ מאָל פון „בראשית". די לעצטע צייט האָב איך אויסשליסלעך געאַרבעט ביי דער טרילאָגיע, וועלכע ענטהאַלט אַן ערך 12—18 דרוק־בויגנס („וואָווע קורנעס" איז מער נישט ווי אַ מין פּרעליודיע).

איצט האַלט איך ביים אָוועקפאָרן אויף אַ חודש פון קיעוו, כדי צו פאַרענדיקן די לעצטע פּרקים פון דעם דריטן טייל — „דער אָנהייב פונעם סוף". (די צווייטע טייל הייסט „מירעלע".) איז הייסט עס — אַ צוויי־דריי פּרקים פון אָט דער „מירעלע". די זאַך געפינט זיך שוין ביי וויטערן. טוט מיט איר, ווי איר ווילט.

נאָר דעם אמת זאָגנדיק, וואָלט איך אייך זייער דאַנקבאַר זיין, ווען איר לייגט מיך אָפּ אויפן 4טן אָדער אויפן 5טן נומער. ס'איז ביי מיר פאַראַן אַ דערציילונג, אַ היפּשע, און דוכט זיך, אַ וויכטיקע. זאָג איך אייך צו: ווי באַלד נאָר איך פאַרענדיק די טרילאָגיע נעם איך זיך צו איר, באַאַרבעט זי און שיק זי אייך צו. דוכט זיך, אַז איר וועט פון יענער דערציילונג אויך צופרידן זיין.

הכלל, די ברירה איז ביי אייך. טוט ווי איר פאַרשטייט.

איך קען אייך נאָך מיטטיילן איין זאַך: נסתר — ער איז איצט גראָד אין קיעוו — האָט אָנגעשריבן גאָר, גאָר שיינע צוויי פּאָעמען. ער איז אַ ביסל אַראָפּ פון זיין אַבסטראַקטער וועלט, נאָר ער האָט זיך, דוכט זיך, געפונען.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכער חן און טיפ־קייט איז אויף די צוויי פּאָעמען אויסגעגאָסן. פאַר אַ זשורנאַל (אין אייראָ־פּעאישן זין פון וואָרט) איז דאָס אַן אוצר. ער איז אפילו אַן איינגעשפּאַרטער יונג און וויל דווקא, אַז ביידע זיינע נייע זאַכן זאָלן דערשיינען חו"מ אין אַ באַזונדער אויסגאַבע. אָבער ער איז דאָך אויך אַ ליבער ייד און וועט געוויס נאָך איינעם אייערן אַ בריוו מסכים זיין צו געבן זיי אייך אין „לעבן און וויסנשאַפט".

איז, הייסט עס, איבערגעשמועסט וועגן מיין זאַך, און איצט וועגן עיקר. (כ'האָב זיך די לעצטע טעג געקליבן אייך אָנשרייבן.)

פאַראַן אַ האָפענונג צו גרינדן אין קיעוו אַ פעסטן זשורנאַל, אַ „זרע של קימא", ד.ה. האָבן יערלעך די שטיצע פון 5 ביז 6 טויזנט רובל אויף צולייגן.

באדאַרף איך ראשית כל וויסן:

אויב די האָפענונג פאַרווירקלעכט זיך, צי קענט איר אויף זיך נעמען די אַרבעט פון פאַקטישן רעדאַקטאָר, און אויב די זאַך וועט פאָדערן, צי קענט איר צוליב דעם פאַרלאָזן די שווייץ און זיך באַזעצן אין קיעוו.

און נאָך איין זאַך:

אויב די זאַך וועט פאָדערן, צי קענט איר אַראָפּקומען אין קיעוו, כדי איבערצורעדן אין אַן ענגן קרייז אַ רעפעראַט וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ זשורנאַל בכלל און וועגן דער פיזיאָנאָמיע פון אַזאַ זשורנאַל בפרט. (פאַר הוצאות וועט אייך, פאַרשטייט מען, ווערן אומגעקערט.)

איך פּערזענלעך בעט אייך מיר באַלד אָנשרייבן אייער מיינונג וועגן דער פיזיאָנאָמיע וואָס אַזאַ זשורנאַל באַדאַרף איצט טראָגן.

איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף אייער תשובה.

מיט דרך־ארץ און ברכה,

אייער,

ד ו ד ב ע ר ג ע ל ס אָ ן

מיטוואָך, הושענא רבה

תרע״ג (1912)

געערטער ש. ניגער,

כ׳בין די לעצטע צייט אַ ביסל אויפגערעגט און האָב ערשט היינט געפונען ביי מיר דעם בריוו, וואָס איך האָב אייך נאָך ערב ר״ה אָנגעשריבן. נעמט עס חלילה נישט אָן פאַר שלעכט און זייט מיר מוחל.

מיין בקשה איז צו אייך איר זאָלט דורכלאָזן דעם לעקסיקאָן* אָן די איינצלהייטן פון מיין ביאָגראַפיע. לע״ע זיינען די איינצלהייטן, דוכט מיר, נישט נייטיק. ס׳איז מער נישט: כ׳וועל האָבן דעם געפיל, ווי מיין שלאָף־צימער געפינט זיך אין מיטן דער גאַס און יעדער דורכגייער קען אַריינרוקן אינעווייניק דעם קאָפּ.

וועגן מיר קען איך אייך מעלדן:

כ׳האָב געענדיקט דעם ראָמאַן „נאָך־אַלעמען״. ער באַשטייט פון 4 טיילן, אַן ערך 20—22 דרוק־בויגנס.

איך האָב אייך ביז היינט פון דעם גאָרנישט צוגעשיקט נאָר דערפאַר, וואָס כ׳האָב געוואָלט איר זאָלט עס לעזן אין גאַנצן. דאָס בוך איז אַ

---

* ז. רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע״. די ערשטע אויסגאַבע פונעם לעקסיקאָן איז אַרויס אונטער מיין רעדאַקציע. ז. רייזען ע״ה פלעגט מיר צושיקן יעדן אַרטיקל אין מאַנוסקריפּט און איך פלעג אים, ערשטנס, רעדאַגירן און צווייטנס צושרייבן דעם לעצטן, מער אַלגעמיינעם טייל.

יידישעס. כ'האָב עס ליב און מיר דוכט זיך אַז סיהאָט אַ נשמה. ענדיקן עס קאָן מען בלייבן אַ ביסל פאַרטראַכט, נאָר מען קאָן אויך אויסשטרעקן די האַנט צום תהילימל און זיך אַוועקזעצן זאָגן נאָך ר' גדליהם און מירלס נשמות.

כ'נעם זיך איצט ווידער פאַר מיין ראָמאַן „רב־רבי". ער איז אָבער אויסגעוואַקסן אין אַלע אופנים, און ער וועט, דוכט זיך, מוזן הייסן „אין גלות" אָדער עטוואָס אַנדערש אין דעם זין.

כ'האָב אויך שוין מער ווי אַ האַלב יאָר פאַרטראַכט אַ נייעם היסטאָרישן ראָמאַן צוליב וועלכן כ'מוז קומען אויף אַ 2-3 יאָר קיין אויסלאַנד. איך באַדאַרף צוליב אָט דעם ראָמאַן צולערנען: די אַלט־גריכישע און אַלט־רוימישע קולטורן; קריסטנטום; די אַלטמאָליקע עטיק.

פאַרענדיקן מיינע ידיעות: אין יידנטום; אין דער עפּאָכע פון חורבן בית שני; זיין אין פּאַלעסטינע און אין רוים.*

איך האָף אַז דאָס אַלעס קאָן מען געפינען אין דער דייטשער ליטעראַטור. איך רעכן קומען נישט שפּעטער ווי ענדע נאָיאַבער.

שרייבט מיר, געערטער ניגער, וואו איר וועט זיך געפינען צו יענער צייט.

מיט אַכטונג און גרוס,

ד ו ד ב ע ר ג ע ל ס אָ ן

כ'האָב איצט די קאָרעקטור פון מיין ראָמאַן.** איצט פאָר איך אָפּ קיין ווילנע וואו דאָס בוך דרוקט זיך און ס'וועט דערשיינען נישט שפּעטער ווי אין 2-3 וואָכן אַרום. ווי באַלד ס'וועט זיך אָפּדרוקן שיק איך עס אייך צו.

(אויף אַ בלאַנק פון ווילנער
פאַרלאַג פון ב. קלעצקין)

ווילנע, 17 דעצעמבער, 1912

ליבער ש. ניגער,

פון קיעוו האָב איך אייך געענטפערט אויף אייער דעמאָלטיקן אַדרעס (נישט פּאָסט־רעסטאַנט); מיט מיינע הענט אַריינגעוואָרפן דעם בריוו. איך האָב אייך געשריבן, אַז מיינע ביאָגראַפישע איינצלהייטן זיינען נישט וויכטיק פאַר דער אַנטאָלאָגיע,*** און גלאַט אַזוי ברענגען מיין פערזענלעך לעבן, צי אַפילו אַ טייל פון דעם, צי אַ וואָסער נישט איז פּרטים, איז מיר נישט אָנגענעם, ווייל קיינעם איז, דוכט זיך, נישט אָנגענעם אַרויסצוטראָגן זיין שלאָף־צימער אין רשות הרבים.

---

* דעם דאָזיקן ראָמאַן האָט בערגעלסאָן נאָר געפּלאַנט אָבער נישט אָנגעשריבן.
** „נאָך־אַלעמען".
*** געמיינט דעם „לעקסיקאָן" (זע פריערדיקן בריוו).

איצט, ליבער ניגער, לאָזט אַ ביסל אויסריידן זיך פאַר אייך און דערציילן אייך וואָס ס'טוט זיך דאָ אין ווילנע, וואוהין ה' קלעצקין האָט מיך כמעט מיט גוואלד צוגעצויגן. כ'וויל איר זאָלט זיך אַ ביסל אָריענטירן אין דעם מיש־מאַש, אין וועלכן ס'געפינט זיך איצט די לאַגע פון דער „יידישער וועלט"; ס'זאָל אייך קלאָר ווערן וואָס איך טו דאָ און ווי שטאַרק איך וואָלט וועלן פון דאַנען אַנטלויפן.

מיר איז אין אַ שיינעם טאָג אָנגעקומען קיין קיעוו אַ דעפּעש פון ה' קלעצקין מיט אַן אויספירלעכן בריוו איך זאָל קומען אַמשנעלסטן אין ווילנע. אין בריוו איז געשטאַנען, אַז דער זשורנאַל די „י. וו." גייט איבער צו קלעצקינען,* אַז עס פּראָיעקטירן זיך פאַר רעדאַקטאָרן: איר — ש. ניגער און בן אדיר (איינער פון ביידן), אַז ש. ניגער קען איצט נישט קומען פון אויסלאַנד, און אַז בן־אדיר פאָדערט צו אַ גרויסן געהאַלט און אַ פאַרבאַדינג אויף אַ לענגערער צייט; אַז קלעצקין וויל זיך אויף אַ לענגערע צייט נישט פאַרבינדן ווייל ער וואַרט אויף דער באַפרייאונג פון א. וויטער.**

ווי אייך איז באַוואוסט (כ'האָב אייך פאַר אַ יאָרן וועגן דעם געשריבן) האָבן מיך זיך (איך, וויטער און מייזיל) לאַנג אַרומגעטראָגן מיט דער אידעע וועגן אַ זשורנאַל. און אַלע זיינען מיר, ווי דער אמת איז, געקומען צום באַשלוס, אַז דער איינציקער פּאַסנדער מענטש פאַרן געוואונטשענעם זשורנאַל זייט איר. פאָרנדיק קיין ווילנע איז מיין ציל ראשית כל געווען פאָלגענדער: זיך באַמיען, ווי ווייט ס'איז נאָר מעגלעך, אַז בן־אדיר זאָל נישט צוגעלאָזט ווערן צום זשורנאַל און זאָל דאָרט קיין דריסת רגל נישט האָבן. איך קען

---

* „די יידישע וועלט" האָט סוף 1912 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין פּעטערבורג (לענינגראַד) אַ גרופּע אָנגעזעענע יידישע שריפטשטעלערס און כלל־טוערס. צו דער גרופּע האָבן געהערט: ש. דובנאָוו, ש. גינזבורג, י. צינבערג, י. יעפּרויקין, ד"ר ח. ד. הורוויץ, א"אַנד. אַרויסגעגעבן די ערשטע דריי נומערן האָבן זיי, מחמת פאַרשיידענע אורזאַכן, באַשלאָסן אַריבערצוטראָגן דעם זשורנאַל קיין ווילנע. לויט זייער פּלאַן האָט דער אַרויסגעבער געזאָלט זיין דער ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין (בשותפות מיט דער פּעטערבורגער גרופּע) און די רעדאַקציע האָט געזאָלט באַשטיין פון בן־אדירן ע"ה (פּובליציסטיק) און מיר (בעלעטריסטיק און קריטיק). ב. קלעצקין האָט גלייך איינגעשטימט צו ווערן דער הויפּט־אַרויסגעבער; מיט די פּראָספּעקטיווע רעדאַקטאָרן האָט מען סוף 1912 ערשט אָנגעהויבן זיך דורכשרייבן.

** א. וויטער, קלעצקינס אַ נאָענטער פריינט, איז געווען דער איניציאַטאָר און דער ערשטער רעדאַקטאָר און פאַרוואַלטער פון „ווילנער פאַרלאַג", אָבער אַזוי ווי עס איז אים שווער געוואָרן צו לעבן „אומלעגאַל" (אויף אַ פרעמדן פּאַספּאָרט), האָט ער זיך אַליין איבערגעגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי, — און עס איז נישט קלאָר געווען וואָס עס וועט זיין זיין גורל. אַזוי ווי אָבער אין יאַנואַר 1914 האָט „די יידישע וועלט" געמוזט שוין אָנהייבן אַרויסגיין אין „ווילנער פאַרלאַג", האָט ב. קלעצקין אַרויסגערופן בערגעלסאָנען פון קיעוו ער זאָל אין איינעם מיט ז. קאַלמאַנאָוויטשן ע"ה, וואָס איז געווען דער סעקרעטאַר פון פאַרלאַג, רעדאַקטירן דעם זשורנאַל ביז עס וועט איינגעשטעלט ווערן אַ פּערמאַנענטע רעדאַקציע. בערגעלסאָן האָט זיך אָבער נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף זיך אַליין, האָט ער, אַזוי ווי ז. קאַלמאַנאָוויטש, קאָרעספּאָנדירט מיט מיר וועגן יעדער וויכטיקערער איינצלהייט.

דעם מענטשן מיט זיין פּאַרטייאיש־טרוקענעם אַרט דענקען. כ׳האָב זיך מיט אים באַגעגנט אין משך פון די לעצטע 3 יאָר און געפילט: אים אַליין איז לאַנגווייליק און ער גענעצט, בענקנדיק נאָך „יענע טעג" און גלייבנדיק אַז זיי וועלן באַלד צוריקקומען. וועט ער, הייסט עס, זיין דער טאָן־געבער פון זשורנאַל!

און איצט איז נאָך ביי אונדז אַזאַ מין צייט, ווען ס׳ווערט געבוירן דער נייער ייד, וואָס באַדאַרף קומען און אויפרייסן. ווייס איך, וואָס עס איז געווען אַט דער פייער פון דער אויסערלעכער רעוואָלוציע. דער פייער איז איצט אַן אינערלעכער, ס׳קומט פאַר אינעווייניק מעשה מרכבה. ס׳טראָגט זיך עפּעס אין דער לופט און ס׳טוט פון צייט צו צייט אַ בליץ אַט דאָ, אַט דאָרט. וועט דאָס, הייסט עס, קומען בן־אדיר און וועט געבן דעם סינטעז פון אַט דעם אַלעם, און וועט זאָגן ווען „רוף און צוריק אין שול אַריין": נאָט אייך אַ שמעק טאַבאַק — ביי די פּראָנצויזן איז נאָך דער רעוואָלוציע פונקט דאָס זעלבע געווען. און ווען דעם גלויבן אין דער מסיע פון יידישן פאָלק ביים אַמאָליקן און איצטיקן יידן — „יעדעס געדריקט פאָלק חלומט וועגן אַ מסיע". איך בין אייך נישט אויסן אַט די פראַגן זעלבסט. מעגלעך אַז די אינערלעכע אינדיווידואַליטעט פונעם אייביקן ייד איז שוין אויף אַזוי פיל בולט און שטאַרק, דאָס ער באַדאַרף שוין נישט האָבן די אויסער־לעכע פאָרמען, וועלכע זאָלן זי אונטערשטרייכן און אויפהאַלטן. מעגלעך אַז דער ייד באַשאַפט איצט אַ גלויבן אָן אַ קאַטעכיזים, און דער איצטיקער מאָמענט איז אַזאַ וויכטיקער ווי יענער, בשעת דער נביא האָט געזאָגט אַז מ׳קען „וויסן" גאָט ביי זיך אין הארצן, און דער גרעק האָט עס נישט פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט באַדאַרפט טאַפּן זיין גאָט ביי די הענט און ביי די פיס. מעגלעך אַז ס׳איז נישט אין גאַנצן קלאָר דאָס וואָס אַ מין יידישער בירגמיסטער פון רוים האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויפן פויפּסט ווי אויף עפּעס אַ שייגעצל, און אַ מין בערדיאַעוו* האָט אויפגעהערט צו קוקן אויפן יידן ווי אויף אַ „מאָשקאַ שענקער" און דערפילט פאַר זיין גלויבן אַ סכנה אינעם יידנס „מלוך על כל הארץ בכבודך". יעדנפאַלס טוט זיך עפּעס. — אין יידישע הייזער איז איצט אַ טעמע פאַר הייסע דיספּיוטן: „יידן און יידנטום". — ביז די לעצטע עטלעכע יאָר איז דאָס נישט געווען. און יעדנפאַלס קען דאָס נישט באַלויכטן בן־אדיר, ביי וועמען קונסט איז אַ נאַרישקייט, און די יידישע שפּראַך — אַ מיטל נישט צו פאַרטונקלען דאָס באַוואוסטזיין פונעם פּראָלעטאַריאַט, און יידישע ליטעראַטור — אַ צייט־זאַך, מיט וועלכער מען קען זיך פאַרנעמען דערווייל אין שטילשטאַנד, בשעת מ׳גענעצט און מ׳וואַרט: „אַט וועט זיך נאָך אַמאָל אָנהייבן".**

---

* דער באַוואוסטער רוסישער שריפטשטעלער, וואָס איז פון מאַרקסיזם אַריבער צו רעליגיעזע זוכענישן.

** בערגעלסאָנס כאַראַקטעריסטיק פון בן-אדירן איז, פאַרשטייט זיך, אַ טיף סוביעקטיווע, אַן אייגנזייטיקע און אַ ביז גאָר טענדענציעזע.

(כ'האָב דאָ אין בריוו געבראַכט מיינע מאָטיוון קעגן בן־אדירן ווייל איר אַליין, ליבער ניגער, האָט אין אייער פריערדיקן בריוו מסכים געווען צו אַרבעטן מיט אים צוזאַמען ביים זשורנאַל.)

אָט מיט וואָס פאַר אַ צוועק איך בין געקומען קיין ווילנע.

דאָ אָבער בין איך געוואָויר געוואָרן פאָלגנדעס:

די פּעטערבורגער גרופּע גיט איבער דעם זשורנאַל צו ה' קלעצקינען מיט אַ תנאי, אַז די פּראָגראַם אירע זאָל בלייבן און זאָל שטרענג אָפּגעהיט ווערן; אַז דער רעדאַקטאָר פון דער פּובליציסטישער אָפּטיילונג זאָל בלייבן זי, די פּעטערבורגער גרופּע. דער טאָן־געבער אויך זי. ביים איבערגעבן דעם זשורנאַל האָט דובנאָוו זיי גאָר אַוועקגעשטעלט אַזאַ פראַגע: מיט וואָס קען זיי קלעצקין באַוואָרענען, אַז אין דריי־פיר יאָר אַרום וועט ער נאָך אַלץ אָפּהיטן די איצטיקע פיזיאָנאָמיע פון זשורנאַל?

די כאַראַקטעריסטיקייט פון אָט דער פּעטערבורגער גרופּע איז, ווי איר זעט, אַן און פאַר זיך אַ שטרענגער כאַראַקטער, אַ פּרינציפּ מיט אַ נויט־ווענדיקייט.

הערט ווייטער:

קלעצקין האָט איבערגענומען דעם זשורנאַל מיט זייערע תנאים. פאַראַן אַ גאַנצער „דאַגאַוואָר" מיט פּונקטן. זיי גיבן אים דערפאַר אין משך פון 2 יאָר 3,000 רובל. קלעצקין קען אויספירן נישט פאַרדינען ביים זשורנאַל. ער קען אפילו דערלייגן צו אים 1,000 רובל, אָבער מער דערלייגן איז ער נישט אימשטאַנד. חוץ דעם, ווי באַלד דער זשורנאַל וועט עקזיסטירן 3־4 מאָנאַטן און וועט קיין געלט נישט דערלייגן, איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו שאַפן פאַר אים פייען (אַקציעס) אויף אַ קאַפּיטאַל פון 20־25 טויזנט רובל און אים פאַרגרעסערן. זאָגט קלעצקין אַזוי: זאָל דער זשורנאַל עקזיסטירן אין די 3־4 מאָנאַטן און נישט דערלייגן אָדער ווינציק דערלייגן, גיט ער דער פּעטערבורגער גרופּע אַ גט פּטורין און שאַפט פאַר אים דעם קאַפּיטאַל אָדער ער גיט אים אַליין. און דענסטמאָל — אַז ער איז דער בעל הבית פון זשורנאַל — פאַרשטייט איר אַליין אַז איר זייט דער פאַסנדער — איר אייגער אַליין און קיינער קען אייך נישט פאַרבייטן. (בן־אדירן האָבן פאָרגעגעבן די פּעטערבורגער אָפּנים פאַר רעדאַקטאָר פון בעלעטריס־טיק, קריטיק און גלאַט אַזוי אַ זייטיק אַרטיקל.) אַרויסרופן אייך פון בערן אויף אַ זאַך, די עקזיסטענץ פון וועלכער איז נישט געזיכערט, רעכנט ער פאַר אוממעגלעך און איז, דוכט זיך, גערעכט. איר באַדאַרפט קומען (רעדאַ־גירן פון ווייטנס איז אוממעגלעך) אויף אַ זיכערער זאַך און באַדאַרפט נישט האָבן קיין דירעקטיוון פון פּעטערבורגער גרופּע.

אַלזאָ איז וויכטיק אַז דער זשורנאַל זאָל אין משך פון דריי מאָנאַטן נישט דערלייגן. דערצו זיינען פאַראַן פאָלגנדע מיטלען: מאַקסימום אַבאָ־נענטן און מינימום הוצאות, און אין דער זעלבער (צייט) צו געבן דעם זשורנאַל כאָטש אַ וואָסער ס'ניט איז פיזיאָנאָמיע, געבן אין דער אָפּטיילונג

פון בעלעטריסטיק און קריטיק דאָס בעסטע און דאָס וויכטיקסטע וואָס ביי אונדז ווערט געשאַפן. די לעצטע צוויי מיטלען נעמט אָן ה' קלעצקין, דאָס לעצטע פאָדערט ער פון מיר און פון קאַלמאַנאָוויטשן, נאָר דערפאַר, וואָס ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע, פון וועמען ער זאָל דאָס פאָדערן. זאָגן זיך דערפון אָפּ איך מיט קאַלמאַנאָוויטשן, — מוז ער זיך אָפּזאָגן פונעם זשורנאַל, און דער גאַנצער פּלאַן זאָל דורכפאַלן. — אָט אין וואָס די זאַך באַשטייט איצט בזה הרגע.

מיר אַליין איז שווער צו נעמען אויף זיך די אַרבעט. עס שטערט מיר מיין אַרבעט. בזה הרגע באַדאַרף איך און וויל זיין מיט 1,000 וויאָרסט ווייטער פון ווילנע. און פון דער צווייטער זייט וויל איך זען דעם זשורנאַל ביי אייך אין די הענט. איך האָף שוין אויף דעם אַזאַ לאַנגע צייט און בין זיכער, אַז ס'וועט געשען אין 3-4 מאָנאַטן אַרום. איר באַדאַרפט קענען קלעצקינען — אַז ער נעמט זיך פאַר אַ זאַך מאַכט ער זי, שלעפּט זי אַרויף צום געוואונטשענעם פּונקט. ער באַדאַרף זיך נאָר באַקענען מיט דער זאַך כדי צו קענען זאָגן צו די וואָס מ'באַדאַרף: גיט מיר 20 טויזנט רובל פּייען: איך בין אייך ערב פאַר אייער געלט און אפשר נאָך פאַר אַ קליינעם דיווי־דענד און גיב אייך צוריק אייערס אין יעדער צייט, וואָס איר וועט דאָס פאָדערן. ער קען שאַפן אין עטלעכע טעג דאָס, וואָס מיר וועלן נישט שאַפן אין משך פון יאָרן. אַלזאָ, וואָס בלייבט צו טאָן? איך קען זיך נעמען פאַר דער זאַך, נאָר אין דעם פאַל ווען איר, ליבער ניגער, וועט מיר העלפן מיט אייער עצה און מיטווירקונג און וועט זיך באַציען מער ווי ברודערלעך וואַרעם. איר באַדאַרפט געדענקען: דער זשורנאַל קען זיין אין דריי מאָנאַטן אַרום דער געוואונטשטער, אייערער. גלייבט מיר: פּערזענלעך באַדאַרף איך עס נישט האָבן. כ'האָב פיל מער הנאה בשעת איך שרייב מיינע אַ זאַך, ווי בשעת איך צעשיק בריוו צו ליטעראַטן און ווי איר ווילט אייך: ס'איז דאָך נישט שטאַרק אָנגענעם זאָגן קאַפּלאַנאָוויטשן: אייער זאַך טויג נישט פאַרן זשורנאַל. מיין איינציקער וואונטש דערביי — האָבן אין דריי מאָנאַטן אַרום דעם געוואונטשטן זשורנאַל אונטער אייער רעדאַקציע. דאָס איז אויך דער וואונטש פון קלעצקין און קאַלמאַנאָוויטשן. אייער ענטפער אויף מיין בריוו באַדאַרף זיין אויספירלעך און פול מיט עצות, ווי אַזוי צו טאָן, ביי וועמען און וועלכע אַרטיקלען צו באַשטעלן. (מ'קען ביסלעכווייז פאַר־בייגן די פּונקטן פון פּעטערבורגער גרופּע, געפינען תריצים, זאָגן אַז זייער מאַטעריאַל האָט פּאַרשפּעטיקט און געבן נאָר אַ טייל פון אים.)

איך וואַרט אויף אייער בריוו און זאָג זיך אָפּ פון זשורנאַל צוגלייך מיט דעם, ווי איר זאָגט זיך אָפּ.

מיט אַכטונג און גרוס,

ד ו ד ב ע ר ג ע ל ס אָ ן

(אויף אַ בלאַנק פון זשורנאַל „די
יידישע וועלט" און „דער פנקס")

דעם 30טן דעצעמבער, 1912

ליבער ניגער,

אייער בריוו (פּאָסט־רעסטאַנט ווילנע) האָב איך נאָך אַלץ נישט באַקומען. פריער האָב איך נישט געוואוסט אַז איר האָט מיר אַ בריוו אַהער געשריבן, און איצט איז פשוט נישטאָ קיין צייט זיך אין פּאָסט אַראָפּכאַפּן.

איר זייט געוויס גערעכט, ליבער ניגער, אַז אונדזער פּרינציפּ באַדאַרף זיין נישט אָפּצוזונדערן זיך פון קיינעם, חוץ קעגנער און פיינט. קאַלמאַנאָוויטש און איך האָבן דאָס שוין אפילו טיילוויז רעאַליזירט, דערמיט וואָס מיר האָבן זיך געווענדט און פאָרגעלייגט מיטאַרבעטן ביאַליקן, ברענערן, בערדיטשעווסקין, סאָלאָווייטשיקן, מאַרטין בובערן און אַנדערע. אַן אַרטיקל וועגן די פּויליש־יידישע באַציאונגען איז באַשטעלט געוואָרן ביי י. גרינבוים. אונדזער טעמע, וואָס מיר האָבן אים פאָרגעלייגט, האָט אָבער נישט אויסגעשעפּט דעם גאַנצן אינטערעס פון דער זאַך. דאָס איז נאָר אַ צייטווייליק אַרטיקל, וועגן איצטיקן מאָמענט. אַ ריי היסטאָריש־פּובליציסטישע אַרטיקלען, וואָס זאָלן אין דעם זין אויסשעפּן די גאַנצע טעמע און אָפּשאַצן די עקאָנאָמיש־קולטורעלע באַציאונגען פון אַמאָל און היינט, וועט י. גרינבוים, דוכט זיך, נישט זיין אימשטאַנד צו געבן, און מיר קלערן אָט די אַרטיקלען באַשטעלן ביי מאיר באַלאַבאַן אין לוואָוו (לעמבערג) אָדער ביי (פ.) מאַרעק פון מאָסקווע. (דובנאָוו, עפּעס גיט נדבות, און טוט טובות דערמיט וואָס ער שרייבט. און דערפאַר אַליין וואָלט זיך שוין וועלן אים, ווי ווייט מעגלעך, אויסמיידן.)

בנוגע דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אָפּטיילונג האָט י. קאַלמאַנאָוויטש באַשטעלט אַרטיקלען ביי ד"ר סאָלאָווייטשיק: 1) „וועגן דער ביבל קריטיק", 2) „וועגן דער ביבל ביי יידן און ביי גויים". די צווייטע טעמע איז זייער אַן אינטערעסאַנטע און זייער אַ שווערע, און איך ווייס נישט אויף וויפל איר באַלויכטונג קען זיך איינגעבן דעם ה' סאָלאָווייטשיק.

וועגן דער אַלטער העברעאישער פּאָעזיע האָב איך באַשטעלט אַן אַרטיקל ביי ח. נ. ביאַליק און נעכטן האָב איך באַקומען פון אים אַ בריוו, וואו ער זאָגט צו (כמעט ער פאַרזיכערט) אַז ער וועט דאָס אַרטיקל געבן צום פעברואַלבוך. וועט ער צושיקן דאָס אַרטיקל, וועל איך אים מן הסתם ווייטער נישט לאָזן רוען, ער זאָל אָנשרייבן וועגן די תלמודישע אגדות. ביי ציטלינען איז באַשטעלט געוואָרן דאָס אַרטיקל, וואָס ער האָט אַליין פאָרגעלייגט דער פּעטערבורגער „יוד. וועלט" וועגן בראַמאַ און אין־סוף". איך וועל אים פאָרלייגן אָנשרייבן אויך וועגן חסידות.

וועגן „וויסנשאַפט דעם יודענטומס" איז קאַלמאַנאָוויטשעס מיינונג און אויך מיינע, אַז די טעמע טאָר נישט באַהאַנדלט ווערן אַפּאָלאָגעטיש, ווי זי

איז באַהאַנדלט געוואָרן ביז איצט. דער איינציקער וועלכער וואָלט עס געקאָנט טאָן איז אפשר (ברוך) סטאָלפּנער.

וועגן טעאַטער איז פאַרגעלייגט געוואָרן שרייבן בעל־מחשבותן. (ער האָט איצט וועגן דעם אַ קלאָרע מיינונג.) און וועגן דער „יודישער געמיינדע" — באַזינען (ד"ר משה זילבערפאַרבן).

בנוגע דער יידישער שול איז אַן אומגליק. ס'פעלט דער אויטאָריטעט. הי איז פאַראַן איינער האָכבערג, וועט ער אפשר קענען וועגן דעם שרייבן.

בנוגע צו דער טעמע „וועגן תלמוד" געפינט קאַלמאַנאָוויטש, אַז רב־צעיר איז צו פרום. ער שטייט נאָך אַליין מיט ביידע פיס „דאָרט", און אים וועט דערפאַר שווער זיין צו געבן אַ פרייע קריטיק. קאַלמאַנאָוויטש אַליין וואָלט געקענט וועגן דעם שרייבן. שטערט אים ראשית כל לע"ע דער מאַנגל אין צייט. וואָס געהערט צו די „נייע וויזיעס אין דער יידישער אינטעליגענץ", איז מיין מיינונג אַז איר, ליבער ניגער, זייט דער איינציקער, וואָס קען וועגן דעם שרייבן. יעדנפאַלס זע איך נישט קיין אַנדערן. און אָט איז, למשל, טאַקע די טעמע וועגן „צוריק אין שול", וואָס דאַרף יעדנפאַלס באַלויכטן ווערן, — ס'איז נישטאָ צו וועמען זיך וועגן איר צו ווענדן.

נאָך אייער בריוו, ליבער ניגער, איז מיר געוואָרן אַזוי וואַרעם און ליב דער זשורנאַל און איך האָב אָנגעהויבן שטאַרקער צו גלייבן, אַז ס'ווערט געבוירן דאָס לאַנג דערוואַרטעטע ליבע קינד. וואַרעמע בריוו באַקומען זיך אויך כמעט אַלע טאָג פון אונדזער קליינער משפחה, וואָס איז צעזייט איבער דער וועלט. און באמת זאָגנדיק: פילנדיק פון איין זייט דעם גרויסן גאָט, וואָס אין אונדז, און זעענדיק פון דער צווייטער זייט די רעאַלע אַרבעט פון ווילנער פאַרלאַג — אַ דערשיינונג וואָס איז אַזוי מערקווירדיק פאַר אַ וואַנדער־פאָלק — דערצו: די שטראַלנדע סודות וואָס טראָגן זיך איצט צווישן דער יידישער מחנה — ס'איז עפּעס מער ווי גוט, און שענער ווי שיין איז ווייניק, אין דער נשמה; ס'שטראַלט דאָרט אין דער נשמה, און ס'ווילט זיך אַרבעטן, אַרבעטן, און ס'איז פשוט אַ שאָדן וואָס מ'באַדאַרף שלאָפן ביינאַכט.

דאָ שיק איך אייך דעם אינהאַלט פון יאַנוואַר־בוך — ס'זעצט זיך שוין — נאָמבערגס דראַמע איז זייער געוואונטשן — ס'איז אַ ווערק פון אַ טאַלאַנטפולן פקח, און איז אינטערעסאַנט הן מיט איר טעמע, הן מיט איר קינסטלערישן חן, הן מיט איר דראַמע, אויף וועלכער מ'קען בשום אופן נישט זאָגן: „ס'איז אַ ליגן".

נסתרס „זיבן פאַסטוכער" (געשריבן אין ווייסע פערזן) אַ חוץ די קאַפּריזן פון דער שפּראַך (דער יונג איז עתיד ליתן את הדין מיט דעם וואָס ער מאַכט די שפּראַך פאַר אַ גויישע) איז זי שטאַרק אָריגינעל; ס'איז באמת אַ שיינקייט וואָס טרעפט זיך זעלטן, זעלטן.

אויב דער איבעריקער מאַטעריאַל איז נישט אין גאַנצן דער געוואונטשענער, זיינען אין דעם אַ ביסל שולדיק די פּעטערבורגער. זיי האָבן איבערגעגעבן דעם זשורנאַל זייער שפּעט, און ס׳איז נישט געבליבן קיין צייט זיך רעכט צוצוגרייטן.

בנוגע צום פּעטערבורגער קאָנטראָל, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז נישט אַזוי מוראַדיק. די גאַנצע גרופּע האָט לע״ע איבערגעגעבן די זאַך צו (ישראל) יעפּרויקינען און דער לעצטער — בסוד — צו קאַלמאַנאָוויטשן. אַזוי אַז די זאַך איז שוין איצט כמעט אין גאַנצן ביי אונדז אין די הענט.

ס׳בלייבט נאָך איבער איין זאַך: דער זשורנאַל זאָל זיך אין זיין פינאַנציעלער זייט אוועקשטעלן אויף אַ פעסטן יסוד אין משך פון אָט די 3-2 מאָנאַטן, און איר, ליבער ניגער, זאָלט קענען קומען אַהער און אים צוגעבן אין גאַנצן די שטרענגקייט פון זיין נייטיקער פיזיאָנאָמיע. מיין גאַנצע האָפענונג איז אויף דעם. כ׳בין זיכער אַז ס׳וועט געשען און טאָקע נישט שפּעטער ווי אין 2-3 מאָנאַטן אַרום. איך חזר איבער: די שטרענגקייט פונעם זשורנאַלס פיזיאָנאָמיע, דאָס איז אייער זאַך, ליבער ניגער. שיקט ביסלעכווייז אָט די שטרענגקייט דורך אייערע עצות. און פון מיין זייט וואָלט איך געוואָלט טאָן מער ווי איך קען. און בנוגע דער בעלעטריסטיק האָב איך לע״ע, דוכט זיך, שוין אַראָפּגענומען פון זשורנאַל דעם פריערדיקן העסלעכן כאַראַקטער: „אַ נדבה דעם פאָלק״.

איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף אייערע בריוו און עצות.

אייער,

ד ו ד ב ע ר ג ע ל ס אָ ן

ע.ש.:

מיט נסתרן האָב איך נאָך אַ ביסל צו זינגען און צו זאָגן. די „זיבן פאַסטוכער״ זיינען דאָס דריטע אומאָפּהענגיקע קאַפּיטל פון דער גאַנצער זאַך „אין פרילינג״, וואָס ער האָט צוגעשיקט. די ערשטע צוויי קאַפּיטלען זיינען, אַ הוץ זייערע ווילדע קאַפּריזן, ווי אַ פּירוש אויפן „פרילינג״ פון יידישן אַלמאַנאַך. איך קען, פאַרשטייט זיך, די ערשטע צוויי קאַפּיטלען בשום אופן נישט געבן און ער איז אַ גרויסער עקשן. פיר איך מיט אים געווייינלעך די אונטערהאַנדלונגען דיפּלאָמאַטיש, נאָר די ערשטע צוויי קאַפּיטלען איז פּשוט סיי טעכניש סיי איבערן אייבן־אַרויסגעזאָגטן טעם אוממעגלעך צו געבן.

אייער,

ב ע ר ג ע ל ס אָ ן

(אויף אַ בלאַנק פון דעם מאַנאַטלעכן
זשורנאַל — „די יידישע וועלט")

ווילנע, דעם 19טן יאַנואַר, 1913
קליין־סטעפּאַן גאַס 23

ליבער ש. ניגער,

איך בין אויף אַ טאָג 12 געהאַט אָפּגעפאָרן פון ווילנע, און דערפאַר נישט געענטפערט אייך אין דער צייט.

אָן מיר האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן זייער אַ קרומע זאַך: אויפן אָרט פון נאָמבערגס 2 אַקטן, האָט מען געגעבן אין יאַנוואַר־בוך נאָר איין אַקט, פאַרשטייט זיך מחמת מאַנגל אין אָרט. איך וואָלט עס בשום אופן נישט געוועזן דערלאָזט, ווייל די צוויי אַקטן זיינען געווען דאָס הארץ פון דער בעלעטריסטיק. דאָס בוך האָט איצט אין מיינע אויגן פיל אָנגעוואוירן.

וואָס איז נוגע צום אַרטיקל וועגן תלמוד איז מיין מיינונג, אַז מ'וואָלט עס געקענט באַשטעלן ביי ד"ר בערנפעלד. ער איז זייער אַ טיכטיקער מענטש און פאַרשטייט דרך רמז וואָס פאַר אַן אָרט אַרטיקל ס'מיינט.

אין אָדעס (ביי די חכמי־אָדעס) האָט אויסגענומען דער אינהאַלט פון ערשטן בוך. מ'אינטערעסירט זיך דאָרט זייער מיטן „פּנקס".

אַגב:

ביי דוד כהנא אין אָדעס געפינט זיך אַ כתב־יד געשריבן אין יידיש וועגן שבתי־צבי דורך איינעם, וואָס האָט געלעבט אין שבתי־צבים צייטן. דוד כהנא, ווי מיר האָט דערציילט רבניצקי, וואַרט נאָר אויף אַ בריוו פון אייך, כדי צו שיקן אייך דעם כתב־יד פאַרן „פּנקס".

בזה הרגע האָבן מיר גרויסע צרות פון פּעטערבורגער גרופּע. און מען גלעק אַז מיר רייסן היינט איבער מיט זיי אַלע באַציאונגען און שיקן זיי טעלעגראַפיש אַ גט־פּטורין.

גענומען האָט זיך עס פון האָכבערגס אַרטיקל וועגן חדר. האָכבערג, איז פאַרשטייט זיך, ווי מיר אַלע, קעגן אַלטן חדר און גלייבט ווי מיר אינעם כוח פון פאָלק, וואָס וועט אינסטינקטיוו שאַפן פאַר זיינע קינדער אַ נייעם חדר מיט אַ נייער חדר־שטימונג לויט זיין איצטיקן נאַציאָנאַל־קולטורעלן דפק. די פּעטערבורגער „חבריה־קדישה" ווילן אָבער דורכאויס „ראַטעווען" דאָס פאָלק. און ווילן עס באַזאָרגן (נישט זיך חלילה — זיי זיינען באַזאָרגט — נאָר דאָס פאָלק) און דעם געבן זייערע „גאונישע" דירעקטיוון.

ה. ד. הורוויץ האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל פאַרן אַלטן חדר (אין דער פּראָגראַם פון זיין „יוד. וועלט" האָט ער אַליין געשריבן: „אויפבויען די פאַרלאָזטע פאָלקס־שול אויף וועלטלעך־נאַציאָנאַלע יסודות"). פּאָדערט די פּעטערבורגער גרופּע, אַז האָכבערגס אַרטיקל זאָל בשום אופן נישט געדרוקט ווערן און ס'זאָל געגעבן ווערן הורוויצעס אַרטיקל.

קלעצקינען, ווי אונדז אַלע דאָ, עקלט שוין ממש פון אַט די פּעטער־בורגער, און מיר איז דאָס נישט גאָר אָנגענעם. נאָר פון אַ צווייטער זייט בין איך צופרידן: ביים ערשטן בוך איז שוין אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער תהום וואָס ליגט צווישן זיי און אונדז. אַלס מענטש פון פאָלק, האָב איך זיי פיינט מיט אַלע מיינע רמ״ח אברים, און האָב אין זיי קיין מאָל נישט געגלייבט. אין זייערע בעסטע צייטן זיינען זיי געווען בעלי־תשובה, נישט מער, — ביימער, וואָס האָבן לאַנג געפוילט און הייבן פּלוצים אָן צו באַווייזן אַ גרין בלעטל. דער אויסגאַנגס־פּונקט פון זייער אידעאָלאָגיע, נישט קוקנדיק אויף די גוטע כוונות פון זיין אָנהייב, האָט זיך דאָך סוף כל סוף צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם אַסימילאַטאָרישן און מיטן אָרטאָדאָקסישן. ווער נאָך האָט דען געקענט שטיין פאַרן אַלטן חדר, חוץ די דריי — דעם אָרטאָדאָקס, דעם אַסימילאַטאָר און דעם ציוניסט, וואָס גלייבן נישט אין פאָלק, וואָס וויל און קען שאַפן? די לעצטע 50 יאָר האָבן אונדז באַוויזן אַט דעם סך־הכל. דער אָרטאָדאָקס גלייבט נישט, ווייל ער האָט בקבלה: „הידים ידי עשיו". אויף אַ יידישער מוסטער־שול וועט ער שטענדיק זאָגן: זאָל עס מאַכן אַ גוי; ס'איז עולם הזה און אויף עולם הזה איז אַ מזיק עשיו. מיר יידן זיינען מזיקים אויף נישט מער ווי אויף עולם הבא.

דער אַסימילאַטאָר גלייבט נישט, ווייל ער פילט זיך שטענדיק, ווי דאָס קליינע גרעזעלע, וואָס וואַקסט אונטערן גרויסן בוים, — זון מיט רעגן קאָנען צו אים אָנקומען נאָר אַלס דעם גרויסן בוימס שיריים.

דער ציוניסט איז בכלל מער קליינלעכער קרעמער איידער אידעאַליסט, און פאַרשפּרייט אויף אַ מייל ווייט דעם ריח פון זיין אינערלעכער אָרעמקייט און קליינקייט. ער איז בטבע אַ „טרוס", האָט ליב צו פאַרשליסן צען טויזנט רובל ביי זיך אין שופלאָד, באַהאַלטן דעם שליסל טיף, טיף ביי זיך אין טאַש און געבן אַ זעלבסטצופרידענעם הייב מיט די אַקסלען:

—איצט האָב איך קיין מורא נישט אַז איך וועל מאָרגן נישט האָבן אויף קיין ברויט. ער וועט זיין זיכער מיט דער יידישער עקזיסטענץ נאָר דענסטמאָל ווען ער וועט אין זיין פּאַלעסטין־שטייגל איינזעצן לפּחות עטלעכע הונדערט טויזנט נענדז וואָס גאַרגערן העברעאיש. דער אמתער ציוניסטישער — — — האָט געזאָגט אין אָדעס אויף אַ פאַרזאַמלונג:

— וואָס קער זיך אָן מיט אונדז דער חדר. זאָל ער פוילן. אונדזער אַרבעט איז דאָרט אין פּאַלעסטינע.

און אַט האָט איר אַ הנחה:

די נאַציאָנאַל־שול, די געוואונטשטע, איז געשאַפן. דאָס קינד קומט פון איר אַהיים און זעט דאָרט פּונקט דעם הפך פון דעם, וואָס מ'האָט דאָס געלערנט אין שול.

וואָס קען אַרויסקומען פון אַזאַ קינד?

איך קען גוט די יידישע פאַמיליע פון די מאַסן, וואָס טראָגט אין זיך אַן אוצר פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער ענערגיע. ווי נאָר די מאַטעריעלע לאַגע

פון אַט דער פאַמיליע ווערט אויף אַזוי פיל גוט, דאָס זי ווערט עטוואָס פאַרשיכורט, הייבט זי באַלד אָן נאָכצומאַכן דעם אַסימילאַטאָר און אין בעסטן פאַל דעם ציוניסט. ביידע מוסטערן זיינען שעדלעך. און איך זאָג אייך באמת: די שטאָט באַברויסק, למשל, האָט זיך אַ היפּש שטיקל צייט געשפּיגלט אין „אַ וואָכנבלאַט". מיר דוכט זיך אָבער אַז קיינער פון אונדזערע ליבע באַגייסטערטע ברידער קלערט נישט שפּילן זיך אין אַ שפּיל וואָס הייסט „זשורנאַל". לייגט מען אַוועק אויפן זשורנאַל כוחות, מיינט מען און מ'האָפט אַז ער זאָל אַריינדרינגען אין דער יידישער פאַמיליע און זאָל אַהין נישט דערלאָזן די השפּעה סיי פון דר דריי אייבן־דערמאָנטע, סיי פון זיי, די בעלי־תשובה אַליין, וואָס שטערן שוין און וועלן שטערן.

איצט, ליבער ניגער, וועגן זשורנאַל גופא. איר ווייסט דאָך שוין דעם אינהאַלט פון ערשטן ביכל. מיר דוכט זיך, אַז ס'איז אין דעם פאַראַן ווייניק פון דעם, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען „זשורנאַל". געפינט איר נישט אַז דאָס בוך איז דריי־פערטל זאַמלבוך און נישט מער ווי איין פערטל שוואַכער זשורנאַל? און וואָס באַדאַרף מען טאָן, כדי ס'זאָל דאָס זעלבע נישט פאָרקומען מיטן צווייטן בוך.

ס'זייער נייטיק אייער מיינונג און אייער עצה. מיר איז די אַרבעט באמת ליב און איך וועל זען טאָן וואָס ס'איז מעגלעך, נאָר, באמת זאָגנדיק, איז מיר יעדער טאָג אַ יאָר און איך וואָלט שוין וועלן דערלעבן די שעה, ווען איר וועט קומען און וועט דעם זשורנאַל אין גאַנצען אין אייערע הענט אַריינגעמען.

פון מיין ראָמאַן („נאָך אַלעמען") איז לע"ע אָפּגעדרוקט נישט מער ווי די ערשטע 2 טיילן — 12 דרוק־בויגנס. איך האָב זיך ביז אַהער איינגע־האַלטן פון צושיקן אייך שטיקלעכווייז, וועלנדיק איר זאָלט אים לעזן מיט אַמאָל. ס'געווענדט זיך איצט אָן אייך: ווילט איר איך זאָל אייך איצט אָט די צוויי טיילן צושיקן, צי אפשר איז שוין כדאי צו וואַרטן נאָך אַ 2-3 וואָכן, ביז איך וועל אייך קענען שיקן דעם ראָמאַן מיט אַמאָל? שרייבט מיר וועגן דעם.

מיט אַכטונג און גרוס,

אייער,

ד ו ד ב ע ר ג ע ל ס אָ ן

איך גריס הערצלעך איינהאָרנען און בעט אים אַרויסשיקן שירים פאַרן צווייטן ביכל.

איך וואָלט אים אַליין וועגן דעם געשריבן, פאָדערט ער אָבער צו זיך אַ באַציאונג נישט ווי צו אַ נאָענטן פריינט און צו אַן אינטימען באַליבטן משורר, נאָר ווי צו עפּעס אַ קאַפּריז, אַ שיין מיידל — אַ בת־יחידה. ביים

איצטיקן מאָמענט בין איך נישט געשטימט נאָך אַזעלכע מיידלעך צו „אוכאַזשעווען", און דערפאַר איז מיר איצט שווער דעם נייטיקן בריוו אים אָנצושרייבן.

ע.ש.:

ליבער ניגער, כ'האָב דאָ נאָך אַלץ צו טאָן מיט נסתרן. ער פאָדערט, שטאָל און אייזן, אַז די ערשטע צוויי קאַפּיטלען פון זיין זאַך, (כ'האָב אייך וועגן דעם געשריבן אין פאָריקן בריוו) זאָלן קומען אין צווייטן בוך. איך מוז אייך נאָך אַמאָל מודה זיין, אַז איך האָב דערצו קיין חשק נישט. היינט וועלן מיר אָט די צוויי קאַפּיטלעך אייך אַרויסשיקן און איך וועל טאָן, ווי איר וועט זאָגן.

אייער,

דוד בערגעלסאָן

בריוו צו י. אפּאַטאָשו

פון דוד בערגעלסאָנען

בערלין, דעם 25טן יאַנואַר, 1926

ליבער אָפּאַטאָשו!

איך קאָן אייך אָפּגעבן מזל־טוב: פון מערץ־חודש הייבט אָן אַרויס־צוגיין אַ גרויסער יידישער זשורנאַל (10 ד.ב.). זיין נאָמען איז, ווי איר זעט, „אין שפּאַן". מיר איז אויסגעפאַלן דאָס גליק אָדער דאָס אומגליק צו זיין דער נאָמינאַלער רעדאַקטאָר (אין אמתן בין איך בלויז מיטרעדאַקטאָר) פון די ערשטע זשורנאַל־ביכער. אַזוי איז אויך געווען, ווען עס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין „די אידישע וועלט". דאַמאָלט איז אַוועק מיט הצלחה, איז לאָמיר האָפן, אַז איצט וועט אויך אַזוי זיין. איך וועל זיין צופרידן, אַז עס וועט זיין ווען די רעדאַקציע איבערצוגעבן, ווי איך בין דאַן געווען צופרידן, בעת איך האָב די רעדאַקציע איבערגעגעבן ש. ניגערן. קיין שכירות נעם איך נישט. צו כבוד האָב איך נישט קיין לוסט (אָן אָרגאַנישער פעלער). אויסער דעם איז אַז אַסאָרט אַרבייט שוין גיכער געבונדן מיט אומכבוד. איז מילא, פאַרפאַלן . . . איך האָף דאָך, אַז דאָס וועט זיין ניט „אַ זשורנאַל" נאָר „דער זשורנאַל", אויף וועלכן מיר אַלע וואַרטן. עס זעט זיך אַרויס אַ מעג־לעכקייט, אַז דער זשורנאַל זאָל אויך אַריינגעלאָזט ווערן קיין רוסלאַנד. עס געוועגדט זיך אָן אונדזער אַלעמענס איבערגעגעבנקייט צו דער איד. קולטור, אָן אונדזער עקשנות און אָן אונדזער גרייטקייט מהנה צו זיין דעם זשורנאַל מיטן בעסטן, אויסגעשטאַנענסטן און פאַרטיקסטן, וואָס מיר פאַרמאָגן.

און צו אייך, ליבער אָפּאַטאָשו, קער איך זיך, ווי צו איינעם פון יענע געציילטע, וועלכע וועלן מוזן געבן „אקסל". קיין שיינע דרשות פאַר אייך אוועקצולייגן דאַרף איך נישט. אויב מיר אַלע וועלן זיין געאייניקט, וועט זיך דעם זשורנאַל, אַזוי האָף איך, איינגעבן צו סטאַבילזירן די אמת־קינסטלערישע ווערטן אין דער איד. ליטעראַטור. שיקט צו, ווי מעגלעך שנעלער אַליין, וואָס איר קאָנט פאַרן זשורנאַל צושיקן (שעמט זיך נישט אויך מיט אייערן אַן אַרטיקל אויף ליט.־קולטורעלע פראַגן) און בכלל נוצט אויס אונדזערע אַמעריקאַנער קאָלעגן פאַרן זשורנאַל לויט אייער געשמאַק און פאַרשטאַנד.

איך גרים האַרציק אייער פרוי און אייער זון.

אייער,

ד ו ד ב ע ר ג ע ל ס אָ ן

דער אַדרעס פאַר מאַנוסקריפּטן:
D. Bergelson, Berlin, Zehlendorf-Mitte, Riemeister str. 38.

ע. ש.: האָנאָראַר האָט דער פאַרלאַג צוגעזאָגט פּאָרלױפּיק צו צאָלן פאַר בעלעט. 25 דאָלער א.ד.ב. און פאַר אַרטיקלען 20 דאָלער.

פאַרשטייט זיך, אַזוי נאָר ווי דער זשורנאַל וועט גוט אָוועקגיין, וועט דער האָנאָראַר געהעכערט ווערן.

בערלין, 2טן נאָוועמבער, 1928

טייערער אַפּאַטאָשו!

ובכן. דעם 30טן נאָוועמבער, דריי אַזייגער בייטאָג, קום איך מיט דער שיף „אַקוועטאַניע" קיין ניו יאָרק.

איך האָף שטאַרק, אַז ביי מיין אַראָפּקומען פון שיף, וועל איך דערזעען אייך, לייוויקן, לעיעלעסן און נאָך אַנדערע גוטע קאָלעגן.

איך גריס הארציק אייער פרוי.

איך גריס די גאַנצע שרייבערשע משפּחה.

אייער,

ד. בערגעלסאָן

וואַרשע, 7טן יוני, 1930.

טייערער אַפּאַטאָשו!

כ'האָב באַקומען אייער לעצטן בריוו גראָד ערב מיין אָפּפאָרן קיין וואַרשע, און, ווי איר ווייסט מן הסתם פון אייגענער פּראַקטיק, איז מען אין אַזאַ צייט נישט ביי זיך אין די הענט, און גראָד אויף אייער לעצטן בריוו האָט זיך מיר געוואָלט ענטפערן מיט ישוב-הדעת. איך האָב דערפילט אייערע לעצטע איבערלעבונג מיט אַלע מיינע רמ"ח אברים, ווייל אין אַ געוויסער מאָס טייל איך מיט אייך די יסורים — זאָל זיין פּריוואַליק אָבער דאָך — ווען מיר וועלן זיך זען, וועלן מיר ריידן פון פאַקטן, וואָס דערווייז, אַז איך טייל פּריוואַליק מיט אייך אייער עגמת נפש.

איך האָב פאַרשטאַנען אַלע טעמים, וואָס האָבן דערפירט דערצו, אַז איר זאָלט אָפּלייגן אייער געפּלאַנטע נסיעה און איך קאָן אייך טרייסטן בלויז מיט דעם, וואָס „עמך אנכי" — איך האָב אויך מיין נסיעה אָפּגעלייגט. וועגן דעם וועלן מיר זיך נאָך דורכשרייבן און אפשר אויך פּערזענלעך פיל ריידן.

דערווייל בין איך אין וואַרשע און פאָר שוין היינט צוריק אַהיים. געווען דאָ 15 טעג. איבער מיין געזונט-צושטאַנד האָב איך נישט געקאָנט פאָרן אין דער פּוילישער פּראָווינץ. און זיין אין וואַרשע 15 טעג איז איבערגענוג. ווען נישט נחמן מייזל, וואָלט מען דאָ געקאָנט דערשטיקט ווערן. פון וואַנען

נעמט זיך צו אונדז אַזאַ שטיקנדיקע לופט? אפשר זיינען מיר אַליין אויך דערין שולדיק. נאָר אויך וועגן דעם וועל איך אייך שרייבן באריכות פון דער היים.

מיין הייסן האַרציקן גרוס ליוויקן. איך בענק נאָך אים און ווען איך זע אים — אַזוי דאַכט מיר, וואָלט איך געהאַט מיט אים צו ריידן עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד, כאָטש איך בין ביי דער איבערצייגונג, אַז ער האָט באַדאַרפט טאָן אַנדערש ווי ער האָט געטאָן.

גריסט אַדעלען און רב דודן. איך קוש אייך.

אייער,

ד. בערגעלסאָן

Berlin, Zehlendorf, Riemeister str. 38

14טן מערץ, 1930.

טייערער אַפּאַטאָשו!

אַ האַרציקן דאַנק אייך פאַר אייער בריוו. איך זאָג אייך דעם אמת: דער טאָג, ווען איך האָב אייער בריוו באַקומען, איז פאַרבליבן ביי מיר אין זכרון, ווי עס פאַרבלייבט אין זכרון אַ טאָג — אַ יום־טוב. תמיד האָב איך געהאַט דאָס געפיל, ווי עמיצער וואָלט האָבן אויפגעהאַנגען צווישן אונדז אַ שטיק אייז און זיך דערביי האָבן זייער „געסטאַרעט". איצט האָב איך דערפילט, אַז דער אייז איז אינגאַנצן צעגאַנגען — ס'איז ליכטיק, וואַרעם, זוניק און גוט — — — אייער בריוו האָט דערפרייט נישט בלויז מיך אַליין, נאָר אויך מיין פרוי און מיין זון — ער פאַרשטייט שוין אַביסל.

די „וואָך" לייען איך כסדר. אַז ליוויק מאַטערט זיך פיל איך די גאַנצע צייט. כ'האָב שוין פיל מאָל אים געוואָלט שרייבן, אָבער ביי איצטיקער צייט איז די לאַגע אַזאַ, אַז אפילו זיך אַליין איז אָפטמאָל זייער שווער צו געבן אַן עצה. און ווער שמועסט נאָך אַן עצה געבן ליוויקן מיט זיין פאַרעקשנטער גראַד־ליניעקייט. איך ווייס פריער, אַז ער וועט מיך נישט פאָלגן. ער האָט זיך ווי בכיון אַוועקגעשטעלט אויף אַזאַ פּלאַץ, וואו צוג־ווינטן קאָנען אויף אים בלאָזן פון אַלע זייטן. אַן אַנדערן וואָלט עס זייער גיך אומגעוואָלגערט פון די פיס, נאָר ליוויק מיט זיין אויפריכטיקייט און ריינקייט קען זיך איינעקשנען און אָפּשטייען אויף אָט דעם פּלאַץ זיין גאַנץ לעבן — אַ בלאַסער מיט פאַרביסענע ליפּן, אַ צו להכעיס־דענקמאָל, וואָס דאַרף שטעכן די אויגן אַלע מענטשן, וואָס זיינען זיך מתיר — זאָל זיין אפילו צוליב אַן אידעע — גיין מיט זייער אינערלעכן אמת אויף קאָמפּראָמיסן.

דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען די „וואָך" זאָל ביסלעכווייז ווערן אַ ריין־ליטעראַרישער אָרגאַן. דערווייל אָבער איז זי אַ שאַרפע פּאָליטישע קאַמפּס־צייטונג, וואָס קעמפט מיט אַלע, אַלע — אפילו מיט אירע אייגענע לעזער.... (איר זענט אַ מבין אויף דער „פריינטלעכער" קריטיק, וואָס זיי דרוקן?) עס

מאכט דעם איינדרוק, אַז יעדערער פון די לעזער איז אַליין פאַר זיך אַ באַזונדערע „פּראָ־אַדמדיקע פּאַרטיי" — אַזעלכע, וואָס איז נישט מסכים מיט קיין שום אַנדערע פּאַרטייען און האָט זיך זיינע „אייגענע" וועגן אויף מציל צו זיין די וועלט, די מענטשהייט און — דאָס יידישע פאָלק.

ליוויק איז ממש אַ מלאך אויב אָפּשטייענדיק עטלעכע חדשים צווישן אָט דעם געווירבל, האָט ער פאַרמאָגט קראַפט אָנצושרייבן אַזאַ ליכטיקן געזאַנג, ווי „וואָלקנס הינטערן וואַלד".

שרייבט אָן, טייערער אָפּאַטאָשו, ווען קלערט איר אַהער קומען. עס וואָלט גוט געווען, איך זאָל זיין צו יענער צייט אין דער היים און מיר זאָלן קענען כאָטש עטלעכע טעג פאַרברענגען. איך בין זיכער, דער ראָמאַן, וואָס איר שרייבט לעצטנס, וועט אייך געבן פיל באַפרידיקונג. דורך אים וועט איר ווידער אויספילן אַ ליידיק ווינקל אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט. אָט דאָס דאַרף מען איצט טאָן — שרייבן קאַפּיטאַלע ווערק. הלואי וואָלט מען לייוויקן געקענט אַוועקזעצן אויף אַ שטיקל צייט אין אַזאַ שטיל ווינקל ווי דאָ אין בערלין און אים געבן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן.

איך גריס הארציק אַדעלען און דודלען. מיין פרוי און בחור גריסן אייך וואַרעם און ווינטשן אייך אַל דאָס גוטס.

אייער,

ד. בערגעלסאָן

מאָסקווע, בריאַנסקאַיאַ גאַסטיניצאַ נאָמ. 157

8טן יאַנואַר, 1935.

טייערער אָפּאַטאָשו !*

כ'האָב צו דער צייט באַקומען אייער ברכה און קאָן מיר נישט מוחל זיין, וואָס איך האָב ביז היינט נישט געענטפערט.

ס'איז בכלל אַ שטיקל עולה, וואָס מיר שרייבן איינער דעם אַנדערן נאָר אונטער אַ יום־טוב. ס'איז באמת צייט פאַר אונדזערער אַ פריינטלעכערער דערנענטערונג. וואָס שייך מיר, מאַרקישן און נאָך אַזוינע, ווייסט איר געוויס, אַז מיר וואָלטן אייך געוואָלט האָבן פאַר אַ נאָענטן שכן אין אַלע אופנים. מיר דאַכט זיך, אַז מיר מיט אייך האָבן דערגרייכט צו דער מדרגה פון פריינטשאַפט, ווען איינער גלויבט דעם אַנדערן און הערט זיך־צו צו דעם, וואָס דער אַנדערער זאָגט. אויב אַזוי, וואָלט אוודאי נישט געשאַדט, מיר זאָלן זיך אָפטער דורכשרייבן.

איך קריך נישט אַרויס פון מיין אַרבעט. כ'האָב געהאַט צרות־איבערזעצער. עס האַנדלט זיך וועגן ערשטן טייל „באַם־דניעפּער" (פּענעק). ער גייט איצט פון יאַנואַר אין „קראַסנאַיאַ נאָווי", און דערשיינט חוץ דעם אין

---

* די אָרטאָגראַפיע געענדערט.

א געוויינלעכער רוסישער אויסגאַבע און אויך אין אַ ביליקער אויסגאַבע (דאָס ערשטע מאָל, אַז אַ בוך פון די נאַציאָנאַליטעטן דערשיינט אין „ראָמאַן־גאַזעטאַ") אין אַן אויפלאַגע פון הונדערט־טויזנט עקזעמפלאַרן.

חוץ דעם דערשיינט ער אין אַ פאַרקירצטער אויסגאַבע פאַר רוסישע קינדער. און אָט די אַלע פאַרלאַגן האָבן מיך פאַרפליכטעט צו באַשטימטע טערמינען. און דאָס רויבט ביי מיר אַוועק די טעג מיט די נעכט. (כ'מוז אַרבעטן אינאיינעם מיטן איבערזעצער). און עס בלייבט מיר כמעט קיין צייט נישט אויף צו שרייבן דעם צווייטן „באָם דניעפער".

מאַרקיש דאַרף די טעג קומען פון ביראָבידזשאַן. עס האַלט דערביי, אַז ביראָבידזשאַן זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין איינע פון די וויכטיקסטע בליאונגען אין פאַרבאַנד. דער אויפנעם פון איבערוואַנדערער וועט, משמעות, אויף אַ קורצער צייט באַשרענקט ווערן, כדי די דאָזיקע צייט אויסנוצן אויף צוגרייטן דאָס לאַנד פאַר נייע גאָר־גרויסע מאַסן איבערוואַנדערער, שוין ביי זיין ערשטן אָנקומען קיין ביראָבידזשאַן זאָל דאָרט זיך דערפילן באַקוועם, פאַרזאָרגט מיט אַלע נויטיקע שטייגער זאַכן, ד.ה. — שאַפן מעגלעכקייטן פאַר אַן איבערוואַנדערונג, וואָס זאָל נישט געבן קיין אָפּפלוס. איך רעכן צו פאָרן קיין ביראָבידזשאַן אין אַפּריל.

ביי אונדז ווערט וואָס אַ חודש אַלץ בעסער, באַקוועמער, אינהאַלטס־פולער און וואַוילער. קיין אויסלאַנד הייב איך דערווייל אפילו נישט אָן צו בענקען, הלוואי אויף ווייטער.

איך קוש אייך, וואַרט אויף אייער בריוו. אַז איר דרוקט עפּעס אָפּ, שיקט צו, איך וועל פון מיין זייט אויך טאָן דאָס אייגענע.

א האַרציקן גרוס אייער פרוי און זון.

אייער,

ד. בערגעלסאָן

גאַגרי, קאַווקאַז, 6טן אויגוסט, 1935.

טייערער אָפּאַטאָשו!

אויף קאַווקאַז געפינען זיך איצט אינאיינעם מאַרקיש, דאַברושין און איך. קאַווקאַז, אַז ער איז נאָך דערצו סאָוויעטיש, האָט ער דעם זיבעטן חן און שאַפט אַ שטימונג פון מחותנים בשעת חתונה, און ס'ווילט זיך זייער אַלע קרובים אַרום זיך, און, אַפּנים, דערפאַר רעדן מיר דאָ אָפט וועגן אונדזער ליבן קרוב — אָפּאַטאָשו. אונדז — מאַרקישן און מיר — גלייבט זיך (נימנו וגמרו), אַז פאַר אָפּאַטאָשון דעם שרייבער וואָלט איר געראַטעוועט אַ סך ווען איר קומט צו אונדז. יעדנפאַלס וואָלטן מיר ביז גאָר וועלן, אַז אייער נאָענטסטער יובילייַ זאָל געפּראַוועט ווערן דאָ אויף אונדזער ברייט־ברייטן פּרוכטבאַרן באָדן — דאָס איז דער קיצור פון אונדזער אַלזייטיקער באַציאונג צו אייך. איך פיל זיך דאָ גליקלעך און פריי און יונג און נייטיק

און געאכטעט, פול מיט אימפעט אין דער ארבעט, גליקלעך פאַר זיך, פאַר מאַרקישעס שטייגן די לעצטע פּאָר יאָר און פאַרן שטייגן פון אונדזער גאַנצער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור. ענדע אַווגוסט פאָר איך קיין בירָאָבי־דזשאַן. פון דאָרט וועל איך אייך אָנשרייבן. איך גלייב, אַז דעם זומער וועלן מיר אייך באַשטימט זען ביי אונדז.

איך קוש אייך שטאַרק, גריסט הארציק אדעלען און דודן.

אייער,

ד. בערגעלסאָן

אַפּאַטאָשו הארציקער!

ווי דו זעסט, פאַרגעסן מיר נישט אין דיר אפילו אין די ליכטיקסטע מינוטן פון אונדזער אמת־גליקלעך לעבן דאָ אין פאַרבאַנד. און „ליכטיקסטע מינוטן" רוף איך עס אָן נישט נאָר דערפאַר וואָס מיר ווייסן נישט וואָס איז דאָ פאַראַן מער, צי ים, צי זון, צי בערג, נאָר דערפאַר, וואָס בערגעלסאָן האָט אונדז געלייענט נייע קאַפּיטלען פון זיין צווייטן באַנד „באַם דניעפּער". און עס ווילט זיך זייער דיין נאָענטקייט און דיין אָטעם ס'זאָל זיך אינאיינעם דאָ אַזא לעב טאָן, אַז ס'זאָל אַ רוח אין דער וועלט אריין.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך אינאיינעם מיט נוסינאָווען דיר אָנגעשריבן אַ בריוו. ער פילט זיך פאַר דיר אין אייניקע פּרטים שולדיק. ער האָט זיך מיר מודה געווען אין דעם. אָבער דאָס וועט פאַרריכט ווערן.

דאָס אייינציקע וואָס מיר פילן זיך נישט גוט איז דאָס וואָס אַזאַ שרייבער ווי דו — קענסט נאָך נישט לעבן אין אַ סביבה פון אַזאַ גרויסער ליבע און שעפערישע מעגלעכקייטן ווי מיר. איז ווייס, טייערער אַפּאַטאָשו, אַז אַלץ וואָס מיר האָבן דאָ דערוואָרבן פאַר אכצן יאָר שטייט גרייט פאַר דיר, ווי פאַר אַ לייבליכן ברודער!

קום צו אונדז מיט אדעלען און מיט דודן. ס'וועט ביי אונדז קלעקן ליבע און גוט־לעבן פאַר אַלע אמתע קינסטלער.

זיי. געזונט. דיין מיטן גאַנצן הארצן,

פרץ מאַרקיש

וגם אני בחלומי, איך קום אויך מיט אונדזער וואָר . . . איר זייט אונדז ליב און אייער מזל רעגט אונדז און אייער שאַפן דאַרף זיך צוזאַמענגיסן מיט די גרעסטע ימען פון אונדזער ווירקלעכקייט. אויסער בערגעלסאָנס נייע קאַפּיטלען, וויל איך אייך אָנזאָגן, אַז מיר האָבן מאַרקישעס אַ נייע פּיעסע — די ביידע געפינסן און געווינסן פון אונדזער ליטעראַטור וועלן שאַפן דעם סאָציאַליסטישן פונדאַמענט פון אונדזער דריטן בוך „סאָוויעטיש", אינעם לאַנד פון וועלכן איר דאַרפט און מוזט קומען.

מיט פריינטשאַפט,

י. דאָברושין

פון פּרץ מאַרקישן*

מאָסקווע, דעם 20טן אויגוסט, 1945

ליבער אָפּאַטאָשו!

ס'האָט מיך זייער געפרייט דיין בריוו. כ'האָב אפילו געהאַט „טרעמאָ" אָפּקלעפּנדיק דעם קאָנווערט. אַ קליינקייט — 6 יאָר. און אַזעלכע! אָבער פון זינט דו האָסט מיר געשריבן דיין בריוו ביז מיין איצטיקן ענטפער איז געשען דאָס סאַמע ווינטיקסטע אין דער וועלט — די צעשמעטערונג פון פאַשיזם — סיי אויף מערב, סיי אויף מזרח!

איצטער דאַרף קומען אַ וואָרט פון אונדזער ליטעראַטור, נישט נאָר אַ באַשרייבנדיקס, נאָר אַ באַזינגנדיקס. און אויף דעם וועט געפּרואווט ווערן דער גייסט פון אונדזער אומגליקלעכן פאָלק. דאָס בלוט פון זעקס מיליאָן קדושים דאַרף אַ געשריי טאָן נישט דורכן מויל פון יוליאַן טואווים, וואָס האָט זיך געשפּייזט מיט אַנעקדאָטן וועגן יידן און וואָס אַ זעקס מיליאָניקער קבר האָט אים דערמאָנט, אַז ער האָט אַ שייכות צום יידישן פאָלק.

זיין יידיש־קאַטוילישע מיסטיק איז אַ פאַרשפּעטיקטער „אתה־בחרתנו"־איזם, און נישט קיין דערקענטעניש.

אונדזער ליטעראַטור וועט דאַרפן איצטער אונטערפירן אַ סך־הכל אויף דאָס ניי, איבערשאַצן דעם באַגריף „קידוש־השם", ווי אַן אייביקע, נאַציאָ־נאַלע קאַטעגאָריע, וואָס האָט פאַקטיש געהאָלפן און פאַרלייכטערט דעם פאַשיזם אומצוברענגען ס'פאָלק.

אין דער איצטיקער מלחמה איז געבוירן געוואָרן דער יידישער שלאַכט־מאַן, דער יידישער פּאַרטיזאַן, וואָס האָט אויסגעבלוטיקט דאָס רעכט אויף איבערצושאַצן „פּרצעס מתנות".

איך גאַר צו זען אַ וואָרט פון אונדזער אַמעריקאַנער. ס'וואָלט געווען זייער גוט, ווען שיקסט מיר דאָס ווינטיקסטע, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן פאַר דער לעצטער צייט. אויף דיין „ווען פּוילן איז געפאַלן" וואַרט איך מיט אומגעדולד.

---

* פון פּרץ מאַרקישעס צענדליקער בריוו, געשריבן פון 1922 ביז 1948, וואָס געפינען זיך אין מיין אַרכיוו, דרוק איך בלויז איבער צוויי. דעם ערשטן בריוו נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, דאַטירט מאָסקווע, דעם 20טן אויגוסט, 1945 און דעם לעצטן בריוו, דאַטירט ריגע, דעם 20טן אויגוסט, 1948.

איך פֿאַרענדיק איצט אַ גרויסע פּאָעמע וועגן דער מלחמה און וועגן אונדזער ייִדישער קאַטאַסטראָפֿע. ווי נאָר זי וועט דערשײַנען, וועל איך דיך זי אַרויסשיקן.

זײַ געזונט און שטאַרק און גריס האַרציק אַדעלען.

דײַן,

פּרץ מאַרקיש

ПЕРЕЦ МАРКИШ, МОСКВА,
ул. Горького № 64, кв. 67

פּרץ מאַרקיש, מאָסקווע,
גאָרקי גאַס 64, וו. 67

ריגע, 20טן אויגוסט, 1948

אָפּאַטאָשו טײַערער !*

צוויי מאָל אַ דאַנק און איינמאָל — מזל־טוב ! אויב דו שטויסט זיך אָן אַז דער מזל־טוב איז פֿאַר דודס ערשט בוך, איז דיר שוין אויך נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז דער צוויי־מאָל־דאַנק איז דיר, פֿאַר ר׳ עקיבאַן. אי דערפֿאַר וואָס האָסט אים אָנגעשריבן, אי דערפֿאַר וואָס האָסט אים צוגעשיקט.

אַ פּראַכטפֿול בוך !

ערטערווייז פֿילט זיך זייער דינער געשניץ פֿון עלפֿאַנט־ביין. און נאָך : — זייער אַ יונגע אַלטקייט. דער לייענער שפּאַנט אַרום איבער דעם אוראַלטן יהודה מיט אַזאַ לײַכטקייט, מיט אַזאַ היימישקייט, און גוטן געמיט, ווי ער וואָלט עס טאַקע ווירקלעך געדענקט און ס׳וואָלטן קיין צוויי טויזנט יאָר נישט פֿאַריבער.

די הויפּט אידעע איז אויך נישט פֿאַרעלטערט — אפֿשר — נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט און וואַרפֿט אַריבער אַ בריק אין דער היינטצײַטיקייט.

בכלל האָט זיך דיר אײַנגעגעבן מיט זייער אַ רואיק־עפּישער געמיט־לעכקייט קינסטלעריש־פֿאַראָטשינען דעם אויפֿשטאַנד. און דאָס וואָס דער אויפֿשטאַנד פֿילט זיך מער אין גייסט, ווי אין כּוח מאַכט עס דאָס בוך נאָך מער רײַף, נאָך מער אויסגעטראָגן און — דאָס וויכטיקסטע — נאָך מער דויערהאַפֿט.

און אין דער דאָזיקער געמיטלעכקייט איז פֿאַראַן קינסטלערישע חכמה, הויכע און זייער אויסגעשטאַנענע.

אויך איז אין בוך פֿאַראַן זייער אַ הויכער, סאָציאַלער עקוויוואַלענט. דאָס וואָס האָסט געגעבן צו זען די וועלט פֿון די פּאַסטוכער, און דאָס וואָס סע גייט אַ רעוויזיע פֿונעם באַגריף „עם־האַרץ״, דערהייבט עס דאָס ווערק, חוץ דער נאַציאָנאַלער הייך, אויך צו עכטן סאָציאַלן פּאַטאָס.

---

* מײַן ענטפֿער אויף דעם בריוו איז צוריקגעקומען מיט אַ באַמערקונג פֿון דער מאָסקווער פּאָטשט, אַז דער אַדרעסאַנט געפֿינט זיך מער נישט אויף דער אָנגע־געבענער דירה.

סטיליסטיש זעצסטו פאַר אין דעם דאָזיקן בוך די פּרציאַנישע טראַדיציע נישט איבערשטרייכנדיק דיין קרעפטיקן עולם־הזהדיקן רעאַליזם.

אַלע געשטאַלטן זענען רעלעף, גוט אויסגעקנאַטן, אייניקע אויסגעהאַקט אין שטיין. און אַלע טראָגן זיי אין זיך ר׳ עקיבאַן אַ סך מער ווי ר׳ עקיבא אַליין. אָבער דאָס זענען פּרטים. און אפשר, אויב נעמען אין אַכט דעם מעטאַר, וואָס דו האָסט אַנגעווענדט אינעם בוך, איז מעגלעך דאָס נישט קיין מוז.

אַזוי אָדער אַנדערש בלייבט דער בוך אַ צירונג אין אונדזער ליטעראַטור. איך וואַרט שוין מיט גרויס אומגעדולד אויף בר־כוכבאַן.

וועגן דודס בוך — אין אַ צווייטן בריוו. גיב אים איבער אַ דאַנק פאַר זיין שפּאַרזאַמקייט און געוואויגנקייט אינעם וואָרט.

ווי דו זעסט, זיץ איך איצטער אין ריגע. די טעג פאַר איך צוריק אהיים קיין מאָסקווע. דער עלטערער זון מיינער, שמשון, האָט היינטיקס יאָר געענדיקט אַ מיטל־שול און איז אַנגעקומען אין מלוכה־אוניווערזיטעט אויפן פילאָלאָגישן פאַקולטעט. דער יונגער זון — דוד — איז שוין אַריבער אין פערטן קלאַס און די טאַכטער שטודירט מאַלעריי.

און ביי מיר איז באַזונדערע נייעס נישטאָ. ס׳איז ערשט אַרויס מיין גרויסע פּאָעמע: „מלחמה״. קאַפּיטלען פון איר האָבן זיך געדרוקט אין „צום זיג״. איצט פאַרענדיק איך אַ נייעם ראָמאַן וועגן די יאָרן 1939—1945, הויפּטזעכליך די פּוילישע יידן.

אַ גוטן פּושקין זוך איך פאַר אדעלעס וועגן. לאָז זי האַרציק גריסן. מיינע נייע ביכער וועל איך דיר אויך אַרויסשיקן, ווי נאָר איך וועל זיך אומקערן קיין מאָסקווע.

זיי געזונט און שטאַרק מיט דיינע בני־בית.

דיין, מיט ליבשאַפט,

פּרץ מאַרקיש

מיין פרוי און די קינדער גריסן דיך, אדעלען און דודן האַרציק.

פון מאַקס עריק

ווילנע, 19 סעפּטעמבער, 1928

ליבער און טייערער פריינט אַפּאַטאָשו,

באַקומען אייער בריוו. ליידער וועלן מיר זיך שוין נישט קענען זען פאַר אייער אָפּפאָר אין אַמעריקע. כ׳האָב דאָך, אַז ס׳וועט נישט אויסקומען לאַנג וואַרטן און מיר וועלן זיך ווידער טרעפן. עס וועט מיך פרייען, אויב

איר וועט אמאָל פון אַמעריקע צושיקן אַ פּאָר ווערטער. איך בין אַ פּינקט־לעכער קאָרעספּאָנדענט.

איך בין זיך משער, אַז איר זייט ווייט נישט צופרידן פון מיין אַרטיקל וועגן אייער טרילאָגיע.* ס'איז אָבער געשריבן מיט אַ סך ליבע צו אייער שאַפן און מיט אַ סך דרך־ארץ פאַר אַ טיטאַנישן גראַנדל צווישן אַ כמעט אומענדלעכן שטאָף. פון דאַנען איז די מורא, אַז איר זאָלט נישט פאַר־בלאָנדזשען און נישט פאַרלירן די פּערספּעקטיוו. איך לייג גאָר שטאַרקע האָפענונגען אויף אייך.

איך ווינטש אייך כוח און מזל און שאַפונג־שטימונג. אין קורצן וועל איך מן־הסתם שרייבן וועגן אייערע רעאַליסטישע זאַכן. אַ שאָד וואָס ס'וועט נישט אַרויסקומען מינדלעך מיט אייך זיך אַרומקריגן און „אַרומזוכן". סוף־כל־סוף ווילן מיר ביידע, אַז דער דערפאָלג זאָל זיין וואָס גרעסער, אַז ס'זאָל ענדלעך אַרויסקומען אַ בוך סיי פון אונדזער דור, סיי פאַר דורות און דורות. און איר זייט ראוי צו אַזאַ בוך.

איך האָב מיט אַ סך נחת געלייענט וועגן אייערע דערפאָלגן אין רוס־לאַנד, אויך אייערע אויסגעצייכנטע קאָרעספּאָנדענצן. וועגן פּראָיעקטירטן **זאַמלבוך וועט איר** דאָך מער אויספירלעך איבערגעבן קולבאַקן.** וואָס איז מיר נוגע — קלאָר, איך וועל אַקטיוו אונטערשטיצן יעדע זאַך, וואָס שטאַמט פון אייער איניציאַטיוו.

דערווייל בעסטע גרוסן און וואונטשן. פּאַרט געזונט און קומט גיך ווידער, וואָרעם ס'וועט פּוסטעווען ביי אונדז אין פּוילן נאָך אייער אָפּפאָרן. איר האָט פאַר דער קורצער צייט אַ סך פרישקייט אַריינגעבראַכט אין אונדזער לעבן.

אייער,

מאַקס עריק

ווילנע, דעם 28טן נאָוועמבער, 1928

טייערער פריינט אָפּאַטאָשו —

אייער בריוו איז אָנגעקומען מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג. אויך איך קען זיך נישט מוחל זיין, וואָס כ'האָב אייך נישט געזען פאַר אייער אָפּפאָר. בפרט וואָס ווער ווייס ווען מיר וועלן זיך ווידער זען. וועט איר אַזוי גיך ווידער קומען אין אייראָפּע? פון מיין רוסלאַנד־רייזע איז גאָר נישט געוואָרן. די היגע מאַכט לאָזט מיך נישט אַרויס. אפשר וועל איך זיך קומענדיקן יאָר אַ לאָז טאָן אויף אַ פּאָר חדשים אין אַמעריקע. אַזוי בין איך פאַרטאָן אין

* „ייִדישע וועלט", וואַרשע, נומער 9, 1928.

** דאָ רעדט זיך וועגן אַ זאַמלבוך „מאָסקווע־ניו־יאָרק", וואָס האָט געדאַרפט אַרויס אין 1929 און איז קיינמאָל נישט דערשינען.

א סך אַרבעטן. כ'שרייב אַ נייעם גרויסן בוך. דאָסמאָל דעם צווייטן באַנד פון מיין געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. כ'בין שוין פאַרטיק מיט דער בערלינער און גאַליצישער השכלה, פאַרלאָזן שוין דעם חלומדיק־שפּאַצירנדיקן רנ"ק, דעם צעטראָגענעם שי"ר, דעם תקיפותדיקן יוסף פּערל, כ'האַלט שוין ביי ריבל. אָבער דאָס בוך דעקט זיך זייער לאַנגזאַם. מאַטעריאַלן אָן אַ שיעור, הלוואי כ'זאָל פאַרטיק ווערן אין אַ צוויי יאָר אַרום. גלייכצייטיק ווילט זיך מיר אַרויסגעבן אַ בוך וועגן דריי ראָמאַניסטן: אַש, בערגעלסאָן און איר. אז ס'וועט האַלטן נאָענט וועל איך אייך בעטן וועגן אַ גרעסערער צאָל ביאָגראַפישע פאַקטן, אויך אייניקע דאַטן פון אייער שאַפן. איך וועל אייך באַצייטנס שרייבן, וואָס כ'וועל דאַרפן האָבן.

מיט די „זייטיקע וועגן"* זייט איר גערעכט: ס'איז זייער אַ גרויסע דערגרייכונג, אויפגעשטעלט אַ נייעם, זייער הויכן ניוואָ פאַר דער יידישער פּראָזע. און נישט נאָר פאַר דער יידישער. נישטאָ אַ סך אַזעלכע נאָוועלן אין דער וועלט־ליטעראַטור. זעט עס לאָזן איבערזעצן אין דייטש און אין אַנדערע שפּראַכן. אויך דער פּען־קלוב קען עס אַרויסגעבן. מיר האָבן איצט זייער אַ וויכטיקן פאַרשלאַג וועגן אַ ביבליאָטעק פון יידישן פּען־קלוב אין צוויי סעריעס: אין יידיש און פון יידיש. מיר וועלן אָפיציעל אין קורצן וועגן דעם שרייבן. בכלל עפענען זיך איצט גרויסע פּערספּעקטיוון פאַר דער יידישער פּען־אַרבעט. אַ שאָד בלויז, וואָס קולבאַק איז איצט נישטאָ. ער שרייבט פון מינסק גוטע בריוו. אברהם רייזען וועט די טעג אָנקומען אין ווילנע. כ'בין אויף אים זייער טשיקאַווע. וואָס איז געוואָרן מיט יענעם זשורנאַל, וואָס מען האָט מיט אייך גענלאַנט? אגב קען מען דאָ לייכט אַרויסגעבן אַ נייעם גרויסן זשורנאַל, לאָמיר זאָגן מיט אַזאַ רעדאַקציע: איר, לייוויק, איך און זלמן רייזען.

איך וואָלט זייער וועלן מיר זאָלן זיך רעגולער דורכשרייבן. אַזוי איז דאָ ווייניק נייעס. איך לערן אין דער היגער יידישער גימנאַזיע, פיר דעם סעקרעטאַריאַט פון פּען־קלוב — און כ'וואַנדער צווישן משכילים. מיין מיידעלע וואַקסט און פּלאַפּלט און איך ווער עלטער פון טאָג צו טאָג. נישט לאַנג געענדיקט דרייסיק יאָר — זקנה קפצה עלי.

האַרציקע גרוסן פאַר אייך, אייער פאַמיליע, פאַר לייוויקן און באַקאַנטע — אומבאַקאַנטערהייט פאַר לעיעלעסן.

מיט האַרציקן גרוס,

אייער,

מ אַ ק ס ע ר י ק

ווי איר זעט, פאַרשאַפט זיך אַ יידישע שרייב־מאַשין און אויפגעהערט פּלאָגן די וועלט מיט מיין טייערן כתב.

---

* „אויף זייטיקע וועגן", באַנד 9, 1926.

ווילנע, פּיוונע 6, וו. 8, 29 מערץ, 1929

ליבער פריינט אָפּאַטאָשו,

באַקומען אייער בריוו און ווי כ'זע איז פאַרלאָרן געגאַנגען מיין בריוו צו אייך פונעם 28טן נאָוועמבער. אַ קאָפּיע פון אים ליגט אין מיינע פּאַפּירן. איך בין בטבע אַ פּינקטלעכער קאָרעספּאָנדענט.

פון דעם איציק־אינטערוויו (איציק פעפער) האָב איך געהאַט גענוג צרות. וואַרשע האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ העליש פייער און געפאָדערט איך זאָל רעזיגנירן פון מיין אַמט ווי אַ סעקרעטאַר פון דעם גאַנצן יידישן פּען־קלוב. די ווילנער חברים האָבן אפילו נישט געוואָלט מסכים זיין, נאָר כ'בין אַליין אַוועק, נישט וועלנדיק שאַדן דער זאַך. נאָר מילא, דאָס זענען נאַריש־קייטן. ערגער איז, וואָס וואַרשע קעמפט איצט שטאַרק קעגן דעם ווילנער צענטער, כאָטש מיר אַנטוויקלען אַ שיינע אַרבעט און זיי טוען גאָרנישט. אין דער פאַרוואַלטונג גיבן איצט דעם טאָן — — — הלל צייטלין, דער ציוניסט שיפּער און סעגאַלאָוויטש. איך האָף, אַז ניו־יאָרק וועט איצט מער לאָזן וויסן וועגן זיך און שטרעבן האָבן אַ גרעסערע דעה, אַז נישט איז ביטער. וואַרשע — דאָס איז די אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט גופא.

מיר זענען דאָ שטאַרק אומרואיק צוליב דער ידיעה וועגן שלעכטן געזונט־צושטאַנד פון לייוויקן. ס'האָט אַ זין ער זאָל איצט קומען אין פּוילן אויף אַ לענגערער צייט. ער וועט באַשטימט דאָ קענען אויפבויען אַ צענ־טראַלן און רעפּרעזענטאַטיוון זשורנאַל.

פון קולבאַקן נישט קיין קלאָרע ידיעות. מיט קיין גרויסער באַגייסטערונג האָט מען אים נישט אויפגענומען. נאָר נישקשה. ער אָרדנט זיך איין און לעבט זיך איין.

איך פאַרענדיק דעם צווייטן באַנד פון מיין געשיכטע, וואָס נעמט אַרום די השכלה ביז שלום עליכמען. אַ סך אַרבעט, סיי אַרום דעם בוך, סיי געזעל־שאַפטלעכע ענינים. דערצו שטאַרק איזאָלירט, צעריסן מיט דער גאַנצער וועלט, מיט מייזלען און מיט דער „ביכער־וועלט", מיט וואַרשע, און מיט סעגאַלאָוויטשן און ווי זיי הייסן דאָרט אַלע. נאָר גאָרנישט, מען לעבט, מען טוט, מען טראַכט.

אגב, צי קענט איר מיר צושיקן די וויכטיקסטע ביאָ־ביבליאָגראַפישע דאַטעס אייערע? איך וועל אפשר נאָך היי־יאָר אַרויסגעבן אַ בוך וועגן אייך, אַשן און בערגעלסאָנען. כ'האָף, איר וועט נישט אָפּזאָגן — בפרט וועגן אייער אַמעריקאַנער פּעריאָד.

דערוויל בעסטע גרוסן פאַר אייך, פאַר לייוויקן און פאַר אַלע אומ־באַקאַנטע פריינט.

אייער,

מאַקס עריק

ד. בערגעלסאָן צו מ. עלקין

אַלוטשאַ, 1912

ליבער מענדל,

. . . ווי אַרום איך בין נתגלגל געוואָרן קיין אַלוטשאַ האָט אייך שוין געוויס געצאַוו דערציילט. בדעבד איז דאָס ביי מיר אָנגעלייגט, זיץ איך און טו מיר דאָ מיין אַרבעט. אַ גליקלעכע שעה האָב איך איבערגעלעבט פאָרנדיק אַהער מיט אַ לאַנדאַ פון סימפעראָפּעל. אַזאַ שיינקייט ליגט דאָ אויסגעגאָסן אויף די בערג און צווישן זיי, און דו רוקסט זיך צווישן זיי אַלץ ווייטער, און די שטילקייט באַהערשט דיך, און ס'ווילט זיך פּשוט אַ קלאַפּ טאָן דעם רבונו של עולם אין די פּלייצעס און אים זאָגן: — מאָלאָדיעץ!

אַרום דריי־פיר אַזייגער בייטאָג דערגרייכסטו, פאָרנדיק אַהער, אָקאָרשט די אמתע שיינקייט. די פור לויפט 20 וויאָרסט אַראָפּ און דו קוקסט אויפן לינקן פרוכטבאַרן באַרג וואָס איז באַזעצט מיט וויינגערטנער און מיט איינזאַמע שטיבלעך און זעט אויס געגריבל ווי אַ שטאַרק אויפגערעגטער ים. טיף אין טאָל פּאַשן זיך פּי. אַלעס איז באַגאָסן מיט דער שיין פון דער פאַרגייענדיקער זון און דו רוקסט זיך אַלץ ווייטער און חלומסט בהקיף:

— אָט איז דאָס, אָט דאָס פרוכטבאַרע גליל מיט זיין אומגעוויינלעך גרויסן האָריזאָנט. אָט דאָס קליינע ישוב, דאָס נאָענטסטע, איז נישט בית־לחם, און דאָס גרויסע, דאָס ווייטערע — ירושלים? און דו אַליין — זון פון ישראל — ווער ווייס דיך? אפשר פאָרסטו איצט קיין ירושלים „עולה רגל" זיין צו מעשר שני. וועסטו אָנקומען אין די חוצות ירושלים, ווען כהנים וועלן שוין אין בית־המקדש מקטיר קטורת זיין, און באַגעגענען וועסטו אין די טונקעלע גאַסן די בני הנביאים מיט אַ פּאָר שלוחים, וואָס גייען אָנזאָגן אַז דער חודש איז מקודש. און אַ שר פון יהודה וועסטו, אַרומדרייענדיק זיך איינער אַליין, דערזען, מ'וועט דיר אויף אים אָנווייזן פון אַלע זייטן:

— אָט יענער, וואָס איז נאָר וואָס, געוואָפנט אין זיין רייטוואָגן, אַדורכגעלאָפן, — ס'קוקן אים נאָך פון די דעכער נאָך די איידעלע בנות־ירושלים.

כ'דערמאָן זיך, ליבער מענדל, אַווידיעס מעשה וועגן דעדאַל און יעקאַר.

צוגענומען איז ביי אונדז געוואָרן די ווירקלעכקייט און געבליבן איז אונדז נאָר די פאַנטאַזיע. ביזטו אַ ייד, טאָ אַנטוויקל אין זיך די פאַנטאַזיע

אזוי ברייט, ביז זי וועט ביי דיר אַרויסרופן טרערן פון פרייד. די ווירקלעכ־קייט וועט דאָס דיר געוויס נישט געבן. קיין הוה האָסטו נישט, נאָר געבליבן איז דיר אַ רייכער עבר, טיף זיך אין אים אַריין און שטופּ אזוי אָפּ דיין שטיקל וועלט. זיי געגליכן צו אַן אַלטיטשקן זקן, וואָס וואַרעמט זיך נעבן זיין נישטיק שטיבעלע אַקעגן דער זון, און זיין פּנים שמייכלט פון דערינע־רונגען, און ער דערציילט גוטינקערהייט:

— אַמאָל איז געווען . . .

כ׳האָב אייך, מענדל, אזוי פיל צו דערציילן און קלער, אַז אונדזערעביידע נשמות זיינען נאָענטע. אַרומגעשוועבט אפשר אַמאָל ביידע אַרום דעם כסא הכבוד, און בענקען איצט ביידע נאָך יענער שיינקייט וואָס גע־דענקט זיך ווי אַ חלום. גוט וואָלט געווען ווען איר זייט איצט דאָ ביים ים.

איך האָלדז אייך.

ד ו ד ב ע ר ג ע ל ס אָ ן

י. גיל

דוד בערגעלסאָן

אין זיין סאָוועטישן פעריאָד

אין דעם מאָמענט ווען דוד בערגעלסאָן האָט אָנגענומען די גרויזאַמע גערעכטיקייט, וואָס דער נאַטשאַלניק פיליפּאָוו, דער העלד פון זיין נאָוועלע „מידת הדין", טיילט אויס יעדן „בורזשוי", וואָס פאַלט אריין צו אים אין די הענט, אין דעם דאָזיקן גורלדיקן מאָמענט האָט דוד בערגעלסאָן אויפ־געהערט צו זיין דער קינסטלער, וואָס שאַפט לויט זיין אייגענעם פרייען ווילן, לויט דעם ווי זיין קינסטלערישער געוויסן דיקטירט אים. בערגעלסאָן האָט איבערגעריסן די באַציאונגען מיט זיין קינסטלערישער פאַרגאַנגענהייט ווען ער האָט זיך אונטערגעוואָרפן אונטערן „מידת הדין" פון קאַלטן, פון שטאָלענעם פיליפּאָוו, וואָס האָט אויף אַלע רייד, וואָס זיינע קרבנות האָבן אויסגעגאָסן פאַר אים, געהאַט בלויז איין מוראדיקן, שניידנדיקן ענטפער, וואָס איז אויך אַ פראַגע : „טשטאָ ווי? שוטיטיע?" (וואָס איז מיט אייך? איר שפּאַסט?). ווען דער קינסטלערישער חוש אין בערגעלסאָנען האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז דער ציל הייליקט די מיטלען, ווען ער איז גע־שטאַנען נאָענט לעבן פיליפּאָווס תפיסה און האָט געזען, אַז „אָט באַווייזן זיך דאָרט זייער הויך די ערשטע אָנגעצונדענע פייערלעך, און אויך זיי זיינען נישט קיין פּשוטע; זיי זיינען קאַלטע פייערן פון מידת הדין, פייערלעך איבער וועלכע עס איז באַלעבאָס „ער", פיליפּאָוו, אַן ארבעטער פון שאַכטעס, זיי זיינען פייערן פון עפּעס אַ מאָדנער, שטרענגער וועלט" („מידת הדין") — ווען ער האָט געזען די דאָזיקע קאַלטע, מאָדנע, שטרענגע פייערן און ער האָט זיי אָנגענומען, באַלד דעמאָלט האָט בערגעלסאָן זיך געשטעלט אין דינסט פון דעם דאָזיקן מידת הדין, איז אַליין געוואָרן אַ ווערקצייג אין די הענט פון דער רעוואָלוציע און אירע פירערס. ער האָט דעמאָלט אויפגע־הערט צו זיין דער בערגעלסאָן פון „ארום וואָקזאַל", פון „נאָך אַלעמען", פון „יורדים" און פון אַלע זיינע פריערדיקע ווערק, וואָס זיינען געווען געשריבן פון בערגעלסאָנען דעם אומגעצוימטן, דעם אמתן קינסטלער.

ביז „מידת הדין" איז בערגעלסאָן געווען געטריי זיין קינסטלערישן „איך". ער האָט געמאָלן בילדער, האָט געגעבן גרעסערע אָדער קלענערע לייוונטן אויף וועלכע ער האָט אָפּגעשפּיגלט די סביבה, וואָס איז אים געווען נאָענט און אייגן, די סביבה וואו ער האָט געוואָרצלט, די סביבה פון וועלכער ער האָט געצויגן זיין גייסטיקע יניקה. זיינע ווערק ביז „מידת הדין" זיינען

געוועזן אייגן־דורכגעלעבטע, טיף דורכגעוויייטיקטע דערפארונגען. די מענטשן וואס ער האט געמאָלן אויף זיין ספעציפישן, אימפּרעסיאָניסטישן אופן, מיט זיין צמצומדיקער שפּראך, מיט דער גרויסער צאָל פינטעלעך אַנשטאָט ווערטער, די מענטשן האט בערגעלסאָן גוט געקענט. ער האט געקענט זייערע תנועות, זייער האלב־שטומע שפּראך. זיינען די מענטשן ביי אים אַרויסגע־קומען איבערצייגנדיק און אמת. פּיניע ליסאַק פון „ארום וואָקזאַל” ווערט נישט געמאָלן אזוי, מיט אזעלכע פארבן, אז מיר זאָלן פאר זיך זען א בילד פון א ספּעציפישן כאראקטער, אָבער אין זיין שטומקייט דעררעדט ער זיך דאָך צו דער מדרגה אז ער זאָל דערשיינען פאר אונדז ווי א טיפּ, וואס מיר האבן פריער ערגעץ וואו געזען, וואס מיר קענען. „כ'בין פּיניע סילאַק”, שטעלט ער זיך אליין פאָר פאר אונדז און ער דערציילט דערביי, אז „כ'האָב שוין אמאָל געלט געהאט און איצט א מעקלער געוואָרן”. און באלד גיט ער צו: „אפשר וועט איר עפּעס קויפן?” זיין נוצן כסדר האלבע ווערטער, אָפּגעהאַקטע קלאַנגען ווי: „נו?”, „דהיינו”, „טאַקע?”, „א?”, די ווער־טער העלפן אונדז געגנוי זיך צו באַקענען מיט פּיניען און מיר וויסן שוין וואָסער סאָרט טיפּ מענטש ער איז. בערגעלסאָן האט גוט געקענט די דאָזיקע פּיניעס און מיט א פּאָר אזעלכע נישט פארענדיקטע פראַגעס און ענטפערס, ווי פּיניע גיט, זעען מיר שוין א פּאַרטיקן יידן א מעקלער, וואס האט שוין באלד נישט וואס צו מעקלען.

ווען ר' קלמן פּוזים אין „ירודים” שמועסט זיך דורך מיט ר' יקותיאלן, איז זייער געשפּרעך אונדז נאָענט, מיר פארשטייען זיי ביידע, כאָטש זיי ריידן אין רמזים: „געוועזן אמאָל יאָרן, א, יקותיאל?” זאָגט דער פריער־דיקער גרויסער האָלץ־סוחר ר' קלמן, וואס איז היינט א ייד א יורד און האט נאָך צוויי פארזעסענע, אַלטע מוידן דערצו, און יקותיאל ענטפערט: „געוועזן, ר' קלמן!” און אין דעם „געוועזן, ר' קלמן” ליגט דער גאַנצער טראַגיזם פון דער ירידה פון יידישן סוחר אין קליין שטעטל.

מיר דארפן נישט, אז יקותיאל און קלמן זאָלן אונדז דערציילן באריכות, וואס מיט זיי איז פאָרגעקומען פריער און וואס ס'איז זייער הייַנטיקער געמיט צושטאַנד, זייער עקאָנאָמישער מצב. גענוג איז, אז ר' קלמן גיט צו צום „געוועזן” זיין קורץ־אָטעמדיקן זאָג: „און אוועק, ר' יקותיאל”, אז מיר זאָלן באַנעמען די גאַנצע סיטואַציע. ר' קלמן איז דאָ בלויז א מין עכאָ, וואס באַשטעטיקט ווי טיף געפאלן ר' יקותיאל איז. פון ביידנס שטום־לשון וואַקסן אויס פאר אונדז צוויי לעבעדיקע און עכטע געשטאַלטן. „אוועק, ר' קלמן!” וויינט דער אומעט ארויס פון יעדן וואָרט: „אוועק ווי א שאָטן”, „נעכטיקע טעג, ר' קלמן”; מיר זעען ווי די וויזערס רירן זיך. דער שיקזאַל איז דאָ פאַרזיגלט. די געשיכטע פון א קלאַס, וואס גייט אונטער, איז דאָ געוואָרן דערציילט אין א פּאָר קורצע זאַצן. די זאַצן בייסן זיך איין אין אונדז ווי מיט שאַרפע ציין.

בערגעלסאָן פּרובירט זיין אָביעקטיוו, ער וויל אפילו שמייכלען, איראָ־ניזירן, אָפּלאַכן פון יידישן מעקלער, פון יידישן סוחר, אָבער דער קינסט־

לערישער אמת קומט דאָ צום אויבערפלאַך, און אין די רייד פון די העלדן הערט זיך בערגעלסאָנס אייגענער וויטיק. ער ליידט־מיט מיט די, וואָס ער מאָלט, זייער טראַגיזם איז דער טראַגיזם, וואָס דרינגט אַריין אין געמיט פון שרייבער, און דאָרט וואו ער האָט געהאַט בדעה צו זיין אָביעקטיוו, רייסט זיך אַרויס זיין סוביעקטיווער אָך און וויי אויפן חורבן פון אַ גרויסן סעקטאָר פון יידישן לעבן. „אַרום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען", „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט", „יורדים", די אַלע נאָוועלן זיינען ווערק, וואָס מאָלן דעם אונטער־גאַנג פון יידישן סוחר, ווערק וואָס דערציילן וועגן יידיש־געזעלשאַפטלעכער דעקאַדענץ. בערגעלסאָן איז ביז זיין „מידת הדין" געווען דער שרייבער, וואָס האָט אין זיין יידישער סביבה געזען בלויז דעקאַדענץ, אָפּגאַנג, אונטער־גאַנג. זיינע העלדן און פאַרשוינען זיינען ביז „מידת הדין" מענטשן, וואָס האָבן נישט מיט זיך וואָס צו טאָן. אַלץ „נודיעט" זיי און אין אַלץ זעען זיי דעם אָנהייב פון סוף.

ווען מ'האָט בערגעלסאָנען אַמאָל געפרעגט פאַרוואָס זיינע העלדען פון יענער צייטריידן אויפן וואונק, באַנוצן זיך מיט רמזים און האַלב־שטום לשון, האָט ער אויף דעם געענטפערט, אַז זיינע פאַרשוינען זיינען שטיקלעך יידישע אינטעליגענטן און סוחרים, וואָס ווילן ריידן רוסיש און קענען נישט, קיין יידיש פּאַסט זיי נישט צו ריידן, ריידן זיי אויף שטום־לשון. אַרט אונדז נישט, וואָס בערגעלסאָן האָט אַרום זיך געזען, האָט געוואָלט זען בלויז דעקאַדענץ און חוץ דעקאַדענץ און אונטערגאַנג האָט ער אין יידישן לעבן נישט געוואָלט זען. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז דעמאָלט, ווען בערגעלסאָן האָט געזען דעם דאָזיקן אונטערגאַנג, האָט אַש געזען אין יידישן שטעטל אַ שבת, אַ יום טוב, אַ דערהויבנקייט, אַז פרץ האָט דעמאָלט געזוכט און האָט געפונען די גרויסקייט פון דער יידישער גייסטיקער גבורה אינעם אַמאָל, אַז אברהם רייזען האָט אפילו אין דער יידישער אָרעמקייט געזען יידישן בטחון און גלויבן, אַז אָפּאַטאָשו האָט שוין דעמאָלט אויך געלאָזט זיינע אונטערוועלט פאַרשוינען הינטער זיך און האָט זיין בליק פאַרוואָרפן צו אונדזער גייסטרייכן אַמאָל. האָבן דאָך אַזעלכע וועלט־באַרימטע שרייבערס ווי טהאָמאַס מאַן און גאַלסוואָרטהי געשריבן וועגן דער דעקאַדענץ פון דער דייטשישער און ענגלישער סוחרים־געזעלשאַפט, און זייערע ווערק, ווי „די באַדענברוקס" אי „די פאָרסייט סאַגאַ" זיינען קינסטלערישע עפּאָפּייען, וואָס זיינען ערלעך געמאָלן, וואָס זיינען אמתע אָפּשפּיגלונגען פונעם לעבן פון אַ געוויסן קלאַס, וואָס האָט געלעבט און געווירקט אין אַ געוויסן צייט אָפּשניט. ווי די דאָזיקע שרייבערס אַזוי איז אויך בערגעלסאָן דעמאָלט געווען דער גרויסער יידישער קינסטלער, וואָס האָט קאָמבינירט זיין אייגנאַרטיקן סטיל מיט זיין טיפער אָבזערווירונג־קראַפט און האָט געשאַפן ווערק, וואָס האָבן אים אוועקגעשטעלט אין דער רייע פון אונדזערע קלאַסיקערס. זיין פּיקחות און זיין סטיל, זיין שאַרף אויג און אָפּן אויער זיינען געווען די קינסטלערישע אינסטרומענטן, וואָס האָבן אים געגעבן זיין, בערגעלסאָנישע, אייגנאַרטי־קייט, וואָס איז געוואָרן זיין סימן מובהק אין דער יידישער ליטעראַטור.

אמת, בערגעלסאָנס סביבה איז דעמאָלט געווען אַ באַגרענעצטע, און ענגע, אָבער ער האָט גוט געקענט זיין סביבה און די מענטשן וואָס אין איר. און כאָטש די סביבה איז געווען אַ קראַנקע האָט ער זי אָבער געמאָלן אי מיט אמת, מיט עכטקייט, אי מיט איבערצייגונג און מיט מיטגעפיל. דער מיטגעפיל איז אַרויסגעוואַקסן פון זיך אַליין, אַפּט קעגן בערגעלסאָנס ווילן, אָבער מיטגעפיל איז געווען, ווייל בערגעלסאָן איז געווען געטריי זיך אַליין, זיין איינגענעם איך. אַזוי שנעל אָבער ווי זיין קינסטלערישער איך האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם מאַנטל פון אויסגעשפּראָכענער סאָוויעטישער טענדענציעזקייט, דעמאָלט האָט בערגעלסאָן פאַרלוירן זיין עכטקייט. זיין סביבה איז געוואָרן ברייטער, זיין פּאַרנעם גרעסער, אָבער אי זיינע העלדן, אי זיין סביבה האָבן פאַרלוירן דעם באָדן אונטער זייערע פיס. ער האָט זיינע פּאַרשוינען אָנגעהייבן צו מאָלן מיט אַזעלכע פאַרבן, וואָס זיינען זיי פרעמד, וואָס פּאַסן זיך נישט פאַר זיי. אי „מידת הדין”, אי „ביים דניעפּער”, אי „בירָאָבידזשאַנער” און אודאי זיינע לעצטע אַרבעטן, אפילו די צאָל דערציילונגען, וואָס ער האָט געשריבן בעת און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיינען שוין מער נישט יענע עכטע, אויפריכטיקע ווערק, וואָס בער־געלסאָן האָט אַמאָל געשריבן. דאָס זיינען שוין ווערק, וואָס גייען אין שפּאַן, וואָס האָבן אַ פּראָגראַמאַטישע פונקציע צו באַווייזן, אַז אַלץ וואָס איז געווען נעכטן טויג נישט, און אַז אַלץ, וואָס דער היינט און דער מאָרגן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע שטעלן מיט זיך פאָר, איז גוט.

ער כשרט פאַר זיך אַלע מיטלען כדי צו באַווייזן, אַז דער אונטערגייענ־דיקער, דער באַזיגטער קלאַס איז נידעריקער ווי גראָז און נישטיקער ווי שטויב. און באַלד טאַקע אין „מידת הדין” נעמט זיך בערגעלסאָן צום פאַרווירקלעכן זיין פּראָגראַמאַטישע אויפגאַבע, שוואַרץ און ווייס — צוויי פאַרבן. מער נישט. פיליפּאָוו אין זיין גרויזאַמקייט און חברטע סאַשאַ, זיין רעכטע האַנט, זיי ווערן געמאָלן מיט סימפּאַטישע שטריכן, מיט ליבע, אָבער שמואל וואַלצים און ר' אהרן, פאַר זיי האָט בערגעלסאָן בלויז שוואַרצע פאַרבן.

שמואל וואַלצים באַהאַלט ביי זיך אַ קאַסטן זאַכן פאַר דער בלאָנדער קאָנטררעוואָלוציאָנערקע, און ר' אהרן, אַ מוראַדיקער שפּעקולאַנט, פּראַוועט שבת און יום טוב אין טורמע, אָבער זיינע תפילות זיינען געבעטן, אַז גאָט זאָל אים העלפן אָפּשטעקן דאָס געלט, וואָס ער האָט מיט זיך, צו זיין ווייב איידער ער שטאַרבט. די מענטשן און די סביבה זיינען דאָ פלאַך געמאָלן, בלויז קאָנטורן, אָבער זיין מיסיע דערפילט בערגעלסאָן. ער דינט בשלימות זיין צוועק, דעם נייעם אָפּגאָט, פיליפּאָווס מידת הדין. און אַז בערגעלסאָן האָט שוין איינגעשפּאַנט זיין שאַפונג־כח אין דינסט פון דער רעוואָלוציע גייט ער אַ טריט וויטער, ער קערט זיך אום צוריק צו זיך אין שטעטל, ערגעץ ביים דניעפּער, און ער מאָלט דאָס גרויסע לייוונט פון זיין לעבן. ער מאָלט זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַ ווערק, וואָס וואָלט זיכער געווען אַ מייסטער־ווערק, ווען בערגעלסאָן וואָלט געווען אמתדיק צו זיך אַליין, ווען ער וואָלט

די סביבה וואָס ער שילדערט נישט פאַרלייקנט אַזוי אָפן ! בערגעלסאָן האָט זיך דאָ פאַרנומען צו שרייבן זיין הויפּט־ווערק „ביים דניעפּער", אָבער ער האָט דאָס ווערק קיינמאָל נישט פאַרענדיקט. און ווען עס האָט אונדז גע־מאַטערט דער געדאַנק פאַרוואָס בערגעלסאָן האָט זיין הויפּט־העלד, פּענעקן, נישט געפירט ווייטער פון דעם ווען פּענעק איז אַ בחורל פון אַ יאָר זיבעצן, ווען מיר האָבן געוואָלט דערגיין דעם סוד, פאַרוואָס „ביים דניעפּער" איז געבליבן נישט פאַרענדיקט, ווערט דער ענין פאַר אונדז אַ סך קלאָרער איצט, ווען מיר לייענען בערגעלסאָנס לעצטע סאָוויעטישע דערציילונגען.. די דער־ציילונגען לאָזן אונדז וויסן, אַז בערגעלסאָן האָט די לעצטע יאָרן פון זיין שאַפן געשריבן לויט אַ באַשטימטער פאָרמולע, וואָס האָט זיין אויסדרוק־פרייהייט אײַנגעצאַנצן צוגענומען פון אים.

ליטוואַקאָוו האָט געשריבן אין 1934, אַז בערגעלסאָן „האָט קינסטלעריש מיט זיין קונסט קעגן דער רעוואָלוציע באַוואוסטזיניק נישט געזינדיקט". נישט נאָר האָט בערגעלסאָן באַוואוסטזיניק נישט געזינדיקט קעגן דער אָק־טאָבער רעוואָלוציע, נאָר ער האָט באַוואוסטזיניק איינגעשפּאַנט זיינע שאַ־פונגען אין דירעקטער דינסט פון דער רעוואָלוציע. אפילו ווען בערגעלסאָן איז צוריקגעקומען נאָך „מידת הדין", נאָך „בירָאָבידזשאַנער" צו זיך אין שטעטל אַריין, צו זיין אַמאָליקער היימישער סביבה, איז ער געקומען ווי אַ מרגל, כדי פון דאָרט אַרויסצוקריגן אַזעלכע ווערק, וואָס זאָלן דינען דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. בערגעלסאָן האָט די סביבה פון זיין פאָטערס הויז פאַרוואַנדלט אין אַ קליין וועלטל, וואו עס האָט זיך אַמאָל נאָך אָפּגעשפּיגלט אַ מין קלאַסן־קאַמף, אין וועלכן בערגעלסאָן־פּענעק איז דער פּראָטאַגאָניסט פון אונטערדריקטן קלאַס, און זיין פאָטער, ר' מיכל לעווין, און זיין שוועס־טער, שיינדל די לאַנגע, זיינען דער קלאַס פון אונטערדריקערס, וואָס איז פאַרמשפּט צו אונטערגאַנג. בערגעלסאָן האָט אין „פּענעק", אין „ביים דניעפּער" באַוואוסטזיניק גענוצט אַלע שוואַרצע פאַרבן צו מאָלן מיט זיי זיין אייגענעם פאָטער און זיין שוועסטער. ער האָט מיטן זעלביקן אָנגעשטעלטן צוגאַנג צוגעשריבן פּענעקן אַזעלכע שיר נישט קלאַסן־באַוואוסטזיניקע גע־דאַנקען און מעשים, וואָס זיינען פרעמד דעם קליינעם פּענעק — אַ ייִנגל וואָס האָט געלעבט מיט צענדליקער יאָרן פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

פּענעק איז נישט נאָר צו רעוואָלוציאָנער, ער איז אויך צו פילאָסאָפיש, צו פיל באַאָבאַכטער און טיפער זעער. זיין רעאַגירן אויף זיין אַרום איז בכיונדיק צוגעשניטן כדי ער, פּענעק, זאָל זיין אַ געטרייער פאָרלויפער פון שפּעטערדיקן בערגעלסאָן, וואָס האָט זיך „באַוואוסטזיניק" געשטעלט אין דינסט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אפילו פּענעקס חברן זיך מיט די מענטשן פון הויז, פון קיך, פון שטאַל, מיט די צוקונפטיקע בויער פון סאָציאַליזם, זיין טראַכטן נאָכן טאַטנס לויה, אַז אים וואָלט זיך איצט געגלוסט „נעמען די הינטערגעסלעך אויף זיינע פּלייצעס און זיך אַוועקלאָזן מיט זיי איבער דער וועלט", דאָס זיינען מעשים און טראַכטענישן פון אַ שפּעטער־דיקן בערגעלסאָן, וואָס האָט אַרויפגעצוואונגען אויף זיך פּיליפּאָווס מידת

הדין און האָט דעם מידת הדין געפירט אומנויטיקערהייט צום טאַטן דעם יורד אין הויז אַריין.

ס'איז נויטיק צו זאָגן, אַז „ביים דניעפּער" איז מיט דער גאַנצער טענ־דענציעזקייט, זייער אַ וויכטיק ווערק, דאָס וויכטיקסטע ווערק אפשר אין בערגעלסאָנס שאַפונג־קאַריערע. די גרויסקייט פון דעם ווערק ליגט נישט נאָר אין דער ברייטער קאַנווע, אין דעם פאַרבנרייכן געמאָל פון דער סביבה, נאָר אפילו אין אופן פון מאָלן כאַראַקטערן האָט בערגעלסאָן דאָ דערגרייכט שלימות. נישט קוקנדיק אויף בערגעלסאָנס באַוואוסטזיניק ווען צושרייבן צו זיינע העלדן אַזעלכע רייד און מעשים, וואָס זיינען נישט זייערע, זיינען אי שיינדל די לאַנגע, אי ר' מיכאל לעווין, אי פּענעק אַליין אַרויסגעקומען מענטשן מיט בלוט און פלייש, מיט אייגענע פּנימער. מען דאַרף בלויז אַרויסשיילן די מענטשן פון די דיקע שיכטן „קלאַסן־באַוואוסטזיניקן" שאַ־לעכץ, וואָס בערגעלסאָן האָט אויף זיי בכיונדיק אַרויפגעצויגן ווי אַ צינז צו דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, מיר זאָלן די מענטשן דערזען אין זייער פול־בלוטיקער צאַפּלדיקייט, גאַנצקייט און מענטשלעכקייט. „ס'איז דיין טאַטע דיר אַ שונא", האָט מען אַרום בערגעלסאָנען דעמאָלט געזונגען, — האָט בערגעלסאָן אויך געלאָזט מיטזינגען דאָס געזאַנג און האָט פּרובירט באַווייזן, אַז זיין טאַטע, פּענעקס טאַטע, איז אויך אַ מיטגליד פון יענעם קלאַס פון שונאים. דאָך נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס בערגעלסאָן האָט געוואָלט אָפּלאַכן, סאַטיריזירן, שפּאָטן פון זיין טאַטן, שרייט פונדעסטוועגן אַרויס מיכאל לעווינס טראַגיזם פון יעדן טייל פון בוך און מ'פילט, ווי עס שניידט בערגעלסאָנען, דעם אמתן דיכטער, דאָס האַרץ אויפן טאַטנס אונטערגאַנג. שפּראַכלעך און סטיליסטיש האָט בערגעלסאָן אין „ביים דניעפּער" דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון זיין שאַפן. זיין אימפּרעסיאָניסטישער סטיל איז דאָ געשטאַרקט און געזאַפּטיקט און עס וואַקסן אויס בילדער מיט בלויז אַ פּאָר שאַרפע פּענדזל־שטריכן.

ווען בערגעלסאָן וואָלט אינגאַנצן געקענט פאַרלייקענען זיין קינסטלע־רישן פּרצוף פּנים, ווען ער וואָלט געקענט אינגאַנצן פאַרלייקענען און פעלשן זיין אייגענעם „איך", וואָלט ער זיך נישט געווען אָפּגעשטעלט נאָכן אָנ־שרייבן דעם צווייטן טייל פון פּענעקס לעבן, און וואָלט נאָכדעם נישט געווען געבליבן שטיל. פּענעק הייבט ערשט אָן זיך צו אַנטוויקלען, זיך באַוואוסט־זיניק צו געשטאַלטיקן, צו ווערן אַ רייפער רעוואָלוציאָנער, ווען בערגעלסאָן פאַרענדיקט דעם צווייטן טייל פון „ביים דניעפּער". לויטן גאַנג פון פּענעקס אַנטוויקלונג האָבן מיר געמעגט דערוואַרטן, אַז ס'וועט קומען אַ דריטער, אַ פערטער טייל פון בוך, וואו בערגעלסאָן וועט פאַר אונדז אַרויספירן דעם דערוואַקסענעם פּענעק, וואָס וועט אודאי זיין אַ מיטגליד פון די העכסטע סאָוויעטישע ראַטן, וועט זיין אַ פירער צווישן די זיגרייכע פּראָלעטאַרישע מאַסן. אָבער יאָרן זיינען שוין דורך און פּענעק איז ערגעץ וואו פאַר־שוואונדן געוואָרן. אויך זיין מייסטער איז, צום אומגליק, פאַרשוואונדן. וואו? ווען? — בערגעלסאָן דערציילט נישט מער. וועט שוין אפשר,

חלילה, קיינמאָל נישט דערציילן וואָס מיט פּענעקן איז געוואָרן, וואָס מיט אים אַליין איז געוואָרן.

פאַרוואָס האָט בערגעלסאָן איבערגעריסן זיין פּענעק־עפּאָפּייע? פאַר־וואָס האָט ער נישט פאַרענדיקט זיין קרוין־ווערק? אויף דעם, ווי ס'איז פריער באַמערקט געוואָרן, קענען מיר געפינען אַן ענטפער אין באַנד דער־ציילונגען, די לעצטע דערציילונגען, וואָס בערגעלסאָן האָט געשריבן אַ סך יאָרן שפּעטער נאָך זיין פאַרענדיקן דעם צווייטן טייל „ביים דניעפּער". אין די דערציילונגען זעען מיר, אַז די אָקטאָבער רעוואָלוציע, וואָס האָט אין אָנהייב געפּאָדערט, אַז בערגעלסאָן זאָל איר דינען באַוואוסטזיניק־געטריי, האָט שפּעטער, בעת אירע פינף יאָר פּלענער, פאַר און בעת דער צווייטער מלחמה, געפּאָדערט נאָך מער פון בערגעלסאָנען ער זאָל זיך אַליין אינגאַנצן פאַרלייקענען. אין די דערציילונגען דערוויסן מיר זיך, אַז בערגעלסאָן האָט פּענעקן געדאַרפט דערפירן דערצו, אַז נישט בלויז זאָל ער זיין אַ פאַנאַטישער, בלינדער נאָכלויפער נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, נאָר ער האָט געדאַרפט פאַרלייקענען אין זיך זיין טיפע אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, צו דער קולטור און צו די טראַדיציעס פון זיין פאָלק. פּענעק האָט געמוזט בלייבן בלויז אַ נאָמען, זיין אינהאַלט האָט נישט געטאָרט האָבן קיין שום שייכות צו זיין נאַציאָנאַלן נעכטן. אַזוי ווייט האָט בערגעלסאָן זיין פּענעקן, זיך אַליין, נישט געקענט פירן. באַוואוסטזיניק דינען דער רעוואָלוציע, דאָס יאָ, אָבער זיך אַליין אינגאַנצן פאַרלייקענען, אָפּווישן פון זיין אויטאָביאָגראַפיע יעדן שפּור פון יידישקייט, דאָס, זיינען מיר זיך משער, האָט בערגעלסאָן באין אופן נישט געקענט. ווייל וואָס, וואָס, „ביים דניעפּער" איז אַ ווערק, וואָס איז דורכאויס יידיש, פול מיט שטייגער. אויסגעוואַקסן פון פּענעקן זיין סביבה בלייבט ער פּוסט, אַ „זניידאַק", אַן וואָרצלען, אַן ירושה. און בער־געלסאָן, זיינען מיר זיך משער, האָט פּענעקן ווייטער אויף אַזאַ דרך נישט געקענט, נישט געוואָלט געשטאַלטיקן.

די יונגע, די וואָס זיינען לכתחילה געקומען מיט זייער פּען דינען דער רעוואָלוציע, זיי האָבן געקענט פאַרגעסן זייער נעכטן און שרייבן אפילו וועגן זיך אַליין, ווי מ'האָט פון אויבן באַפוילן; אָבער בערגעלסאָן, דער ניסתר — זיי זיינען שוין געווען קינסטלער מיט אַ ברייטן פאַרנעם ווען זיי זיינען געקומען צו דער אָקטאָבער רעוואָלוציע.

האָבן אַזעלכע שרייבערס ווי אָרלאַנד געקענט שרייבן ווערק ווי, למשל, „הרעבלעס"; האָט לוריע געקענט שרייבן „אונטערן ראָד", און הנאה האָבן צו זען ווי אַזוי דער יידישער „בורזשוי" ווערט צעמאָלן אונטער די רעדער פון סאָציאַליסטישן בוי; האָט אַלבערטאָן געקענט שרייבן זיינע „שאַכטעס", וואו אי די טעמע, אי דער טיפּאַזש איז אינגאַנצן נישט קיין יידישער. האָט אפילו אבטשוק געמעגט מאָלן זיין „הערשל שמאי", וואָס איז אַ ייד, וואָס האַלט ביי אָט, אָט ווערן אַ שרייפל אין דער סאָוועטישער אינדוסטריעלער מאשין; זיי האָט די יידישע וואָרצלדיקייט נישט געהאַלטן געפּענטעט. בערגעלסאָן אָבער איז געווען צופיל פאַרוואָרצלט אין יידישן נעכטן ער זאָל

זיך קענען דערלויבן זיין אייגענעם איך אויסצוטאָן אינגאַנצן נאַקעט. ניין, ער האָט נישט געקענט אויסמעקן זיין נעכטן, אפילו ווען ער האָט עס אפשר געוואָלט. האָט ער זיין אויטאָביאָגראַפיע איבערגעריסן. פּענעק איז געבליבן שטעקן מיט זיינע זיבעצן יאָר ערגעץ וואו אויף יענער זייט ערב־רעוואָלוציע, און בערגעלסאָן האָט זיך גענומען די מיסיע אויסצולייזיקן צוגעטראַכטע יידן, זיי אויסצוטאָן פון זייער יידישקייט. ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן דערציילונגען ווי אויף באַשטעלונג. זיינע לעצטע דערציילונגען זיינען אַן עדות אויף ווי ווייט בערגעלסאָן איז געוואָרן, אפשר געצוווּנגען געוואָרן, צו זיין אַ שרייפּל, וואָס דרייט זיך מיט דער ראָד פון דער סאָוויעטישער געזעל־שאַפטלעכער מאַשין, — די מאַשין וואָס פאַרלייקנט וועלכע עס איז נאַציאָ־נאַלע שייכות־אָנגעהעריקייט פון אירע יידישע בירגער צום יידישן פאָלק.

אין דער זאַמלונג פון בערגעלסאָנס לעצטע דערציילונגען איז נישטאָ קיין איין גאַנצער ייד, כאָטש כמעט אין יעדער דערציילונג פון דער זאַמלונג זיינען די העלדן מענטשן, וואָס טראָגן יידישע נעמען. די דאָזיקע מענטשן מיט יידישע נעמען זיינען אַזוי אויסגעטאָן פון יעדן שמץ יידישקייט, אַז מיר וואונדערן זיך וואָסער שייכות זיי האָבן בכלל מיט זייערע נעמען און צו וואָס בערגעלסאָן האָט זיי געגעבן די יידישע נעמען. זיי האָבן געקענט דאָס זעלבע הייסן איוואַן, פּעטראָוו, וולאַדימיר. דערציילן דערציילט גראָד בער־געלסאָן מיט גרויס טאַלאַנט, מיט שטאַרקייט און זאַפטיקייט. זיין שפּראַך איז רייך און בילדלעך און זיין סטיל איז קרעפטיק. יעדע דערציילונג איז געבויט מיט פאַכקענטעניש. נאָר דער וויטיק און פאַרדראָס איז, וואָס גראָד האָט בערגעלסאָן אויסגעקליבן פאַר זיינע העלדן יידן מיט פאָלקסטימלעכע יידישע נעמען, אָבער קיין יידן זיינען זיי נישט. און דאָ קומט אריין בערגעל־סאָנס טראַגעדיע. זיין האַרץ איז שטום געוואָרן, זיינע געפילן זיינען פאַר־טונקלט געוואָרן; ער האָט זיך אָפּגעריסן, מ'האָט אים אָפּגעריסן פון זיין שטאַם; יידישע נעמען אין די דערציילונגען שרייען גוואַלד: „מיר קערן זיך גאָרנישט אָן מיטן סיפּור המעשה!"

איז דאָ אַ דאָקטאָר סופר, אַ ייד, וואָס טראָגט זיין באָרד ווייל ער האָט אַמאָל געגעבן אַ תקיעת כּף זיין מאַמען, אַז ער וועט די באָרד נישט אָפּשערן; אַ ייד, וואָס טראַכט וועגן זיין מוטער, וועמען די היטלער באַנדעס האָבן אומגעבראַכט; אַ ייד, וואָס דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף שטעלן יאָרצייט נאָך זיין מוטער. איז דאָך גוט, — נעמט בערגעלסאָן און לאָזט אים מאַכן אַן אויגן אָפּעראַציע אויף איינעם אַ יעראָפּי סעמיאָנאָוויטש טראָפימאָוו, און ווען דער יעראָפּיי ווערט זעעוודיק, איז זיין זעען ביים דאָקטאָר סופר דאָס יאָרצייט ליכט נאָך זיין מוטער!

וואָלט ער כאָטש געמאַכט די אָפּעראַציע אויף איינעם, וואָס איז געראַ־טעוועט געוואָרן פון די היטלער שחיטות, וואָלט ער כאָטש זעעוודיק געמאַכט אַ יידיש קינד, דעמאָלט וואָלטן מיר פאַרשטאַנען דעם יאָרצייט סימבאָל. אָבער עפענען די אויגן פון אַ יעראָפּיי, וואָס אַ סך אַזעלכע יעראָפּיים האָבן אין אוקראַינע אַליין געשחטן יידן, און אפשר האָט טאַקע אַזאַ יעראָפּיי

אַליין אומגעבראַכט דאָקטאָר סופרס מוטער אויך, — אַט די יאָרצייט־ליכט איז ווייט פון אמת, ווייט פון אויפריכטיקייט, ווייט פון די געפילן פון דעם דאָזיקן דאָקטאָר סופר. ניין, נישט דאָקטאָר סופר און נישט בערגעלסאָן האָבן אַזוי געטראַכט, אַזוי געפילט. נישט אַזאַ יאָרצייט־ליכט וויל בערגעלסאָן באמת שטעלן אונדזערע קדושים. דאָקטאָר סופר, וואָס טראַכט, אַז „ער איז געבליבן אַ יתום אָן אַ גאַנצער שטאָט, אָן אַ דריטחלק פון אַ פאָלק", אַזאַ ייִד וועט נישט פאַרבייטן זיין מוטערס יאָרצייט־ליכט און דאָס יאָרצייט־ליכט פאַר אַ דריטחלק פון זיין פאָלק, אויף אַ פּאָר אויגן פון אַ יעראָפּיי.

אין דער דערציילונג „דער סקולפּטאָר", דערציילט בערגעלסאָן ווי דער סקולפּטאָר קומט דער ערשטער צוריק אין אַ חרוב געוואָרענער יידישער שטאָט. ער דערוויסט זיך ווי אַזוי זיין טויבער טאַטע איז אומגעקומען. ער איז דער לעצטער ייד אַרויס פון שטאָט מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס. אין זעקל האָט דער פאָטער אַריבערגעטראָגן באַהאַלטענע געווער „אין דאָרף אַריין צום אַלטן סטעפּענקאָן". דער טאַטע ווערט דעם זון איצט טויזנטער מאָל טייערער ווי ער איז אים געווען און דער זון זוכט עפּעס אַן איבערבלייב פון טאַטן, וואָס זאָל אים בלייבן ווי אַ זכר, און געפינען אין די חורבות געפינט דער זון אַן אַלטן „שפּיגל אין אַ שוואַרץ, ערטערווייז אָפּגעקראָכן רעמל".

ווילט זיך אויסשרייען גוואַלד אויף אַזאַ מין אָנדענק! האָט טאַקע בערגעלסאָן גאָרנישט געפונען קיין מער יידישן אָנדענק, קיין ספר, קיין ביכל, קיין שום יידישע זאַך, וואָס איז געבליבן נאָכן טאַטן, חוץ אַן אַלטן שפּיגל?

וואו בערגעלסאָן קען, און וואו ער קען נישט אפילו, פּירט ער צוזאַמען דעם אומשטיינסגעזאָגטן, נאַקעטן ייד מיט זיין שכן דעם גוי און אומעטום מאַכט ער זיי פאַר גלייכע שותּפים צום חורבן פון די „מיליאָנען מענטשן", נישט יידן, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן. „מיליאָנען מענטשן", שרייבט בערגעלסאָן וועגן אונדזערע קדושים! דאָס וואָרט יידן דערמאָנט ער נישט.

בערגעלסאָן רעדט אין די דערציילונגען מיט אַ פרעמדער שפּראַך, מיט פרעמדע געפילן. דער גרויסער חורבן פון אונדזער פאָלק האָט אַ פאַלשן עכאָ אין זיינע דערציילונגען. מיר האָבן אַ געפיל בעת מיר לייענען די דערציילונגען, אַז מיר דאַרפן וועגן בערגעלסאָנען טראַכטן, ווי דער סקולפּטאָר האָט געטראַכט וועגן מאַניען, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אין איר פאָטערס קאַבינעט און האָט זיך געקלאָגט אויף דעם, וואָס די ווענט פון איר אומגעבראַכטן פאָטערס קאַבינעט זיינען צעבראָכן און זי האָט נישט וואו אויפצוהענגען זיין בילד. „מיט וואונדער האָט דער סקולפּטאָר נאָכגעקוקט יעדער תנועה אירער. ס'איז אויסגעקומען, ווי איינער, וועמען מ'האָט אָפּגעהאַקט די פיס, וואָלט זיך געקלאָגט, הלמאי מע האָט אים קאַליע געמאַכט אַ פּאָר הויזן". מיר האָבן פאַרלוירן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק און בערגעלסאָן קלאָגט און שרייבט וועגן אַ פּאָר הויזן!

בערגעלסאָן האָט אין זיינע לעצטע דערציילונגען צוגעטראַכט זיינע יידישע העלדן, ער האָט זיי אויסגעטאָן פון יעדן סימן יידישקייט. ער האָט זיין טאַלאַנט געשטעלט אין דינסט פון דער סאָוויעטישער מאַכט, וואָס

פאַרלאַנגט פאַרלייקענונג פון די מינדסטע נאַציאָנאַלע געפילן ביי זיינע ייִדישע מענטשן. אָבער וועגן זיך אַליין, זיך אַליין אויסטאָן פון יעדן ייִדישן געפיל, פּענעקן פירן ווייטער און מאַכן אים פאַר אַן אַנטבלויזטן, נשמהלאָזן ייִד, — דאָס האָט בערגעלסאָן, משמעות, נישט געוואָלט, נישט געקענט טאָן. איז „ביים דניעפּער" געבליבן נישט פאַרענדיקט.

בערגעלסאָן האָט אַוועקגעגעבן אַלץ פון זיך דער סאָוויעטישער מאַכט. געגעבן אַלץ מער קרבנות אין צופּאַסן זיך, אין שרייבן לויטן סאָוויעטישן סידור, אָבער אפילו דאָס האָט אים נישט געהאָלפן.

ערגעץ וואו, צווישן די שורות פון זיינע לעצטע זאַכן, האָט זיך ביי בערגעלסאָנען דאָך אַרויסגעוויזן זיין בענקשאַפט צום ייִדישן המשך, צו ייִדישקייט און ייִדן; האָבן די רעדער פון דער רעוואָלוציע, נאָכן אַריינ־קריגן זיין גרויסן טאַלאַנט, אויך אים אַליין פאַרכאַפּט אין זייער אַכזריותדיקן געדריי, און ווער ווייס וואו זיין געביין איז, און ווער ווייס צי מיר וועלן נאָך אַמאָל הערן זיין שטימע.

יאָ, ווער ווייס צי מיר וועלן נאָך הערן ווען בערגעלסאָנס אמתע שטימע. ווער ווייס צי זיינע ייִדן פון די לעצטע דערציילונגען וועלן שוין אויף אייביק נישט פאַרבלייבן אַזוי אויסגעלייזדיקט פון ייִדישקייט, ווי מען זעט זיי אין אַלטן שפּיגל, וואָס דער סקולפּטאָר האָט געפונען אויף די חורבות פון זיין טאַטנס היים, פון די היימען פון די מיליאָנען קדושים אונדזערע.

דוד בערגעלסאָן

פון „פּענעק"

קאַפּיטל איינס*

„אדם, שית, אנוש".**

אַזוי האָט אַ טייל פון זיי געוואָלט, זאָל מען אָנהייבן וועגן זיי דערציילן: ווי וועגן אבות.

דאָך . . .

פון ליבע צו קורצקייט קומט אויס אָנהייבן אָט אַזוי:

---

*אויסצוגן פונעם ראָמאַן: „באַם דניעפּער", וואָס איז אַרויס אין פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1932.

**נעמען פון מיטאָלאָגישע דורות, מיט וועלכע די ביבל הייבט אָן די ייִדישע געשיכטע.

אַ דור אַ יאָר דרייסיק פאַר דער רעוואָלוציע; שטעט אויפן רעכטן ברעג דניעפּער, ווייט פונעם ירדן און פון אבות, ווייט אפילו פון דניעפּער, טיף אין דער שוואַרצערדיקער, גרינבלעטערדיקער אוקראַינע.

2

דער עלטסטער אין „הויז" — מיכאל לעווין (מיכאל גבריאלס) — איז אַלט פיר,־פינף־און־זעכציק.

דער יינגסטער — פּענעק (מיכאל לעווינס מעזיניק) — איז אַלט אַ יאָר זיבן.

דעם עלטסטן אין „הויז" רופט מען אונטער די אויגן — אין דער היים, אין נאָענטע גרעסערע און קלענערע שטעט — רעב מיכאל; דעם „רעב" צאָלט מען אים צו צו זיין גבירישקייט, צו זיין למדנות, צו זיין חכמה, צו זיין לייטישן „קאַרג־זיין אויף אַ קאָפּיקע" און „מילד־זיין אויף אַ הונדערטער", איבערהויפּט: צו דעם, וואָס נחמן בראַסלעווער האָט פאַרן טויט געזאָגט צו זיין פאָטער:

— לאָזט אַריין צו מיר רעב גבריאלן.

כאָטש גבריאל האָט אין גוטע־יידן נישט געגלויבט און אַלע יאָרן גאָר געהאַלטן פון רפאל בערשעדער.

דער עלטסטער אין „הויז" האָט אַ וואָכעדיקע באָרד, אַ היפּשע, אַ טונקל־גראָע — כמעט אַ קבצנישע באָרד — און אַ פּנים איז ביי אים אַ יום־טובדיקס, די צאַרטע הויט — רויטלעך־צוגעדעמפּט, ווי אָפּגעברענט מיט צעגליטער זון און פול מיט מיקראָסקאָפּיש־קליינע אָפּגעבראָכענע קנייטשעלעך. די קנייטשעלעך דערגרייכן ערטערווייז ביז דער פעסטער קרומלעכער נאָז, וואָס איז נאָך מער אָפּגעברענט איידער דאָס פּנים, זיי צעשטראַלן זיך אַרום די אויגן — טונקל־גראָע און תמיד־באַגייסטערטע, גלאַנציק־הונגעריקע. די קנייטשעלעך קריכן זיך פאַנאַנדער, קומען זיך צונויף און אַלע אינאיינעם קנייטשן זיי אויס אַ מינע פון ביטערקייט אויף די באַקן און אויפן הויכן ווינקל־שטערן, וואָס מיינט צו זאָגן:

— איך ווייס נישט . . . דאַכט זיך, תמיד געטאָן אַלצדינג, וואָס די הייליקע ספרים הייסן . . . אין לעבן, דאַכט זיך, ס'האָט מיר אויך אָפּגעגליקט . . . און ס'איז דאָך עפּעס נישט דאָס . . . און געבליבן בין איך נישט צופרידן.

אַזוי זעט אויס זיין פּנים אַ גאַנץ יאָר (אין דער וואָכן — האַלב־יום־טובדיק, אום יום־טוב — האַלב־וואָכעדיק), איבערהויפּט אין זומערדיק־הייסע בייטאָגן, ווען אַרומשפּאַנענדיק ביי זיך אין שרייב־צימער קוקט ער אַריבער איבער די ביליקע ברילן און דיקטירט משה דעם קאַסיר סוחרישע און למדניש־גוטפּריינטישע בריוו, דיקטירט פּאַמעלעך, געהיט, מיט אַ שווערער העברעאישער שפּראַך פון „חובות הלבבות" און פונעם רמב"מס „מורה

נבוכים" און מיט לאנגע הפסקות, ווי אויסרייסנדיק אַלטע ווערטער פון די קברים.

אַזוי זעט אויס זיין פּנים, בעת ער, דער פינף־און־זעכציק־יאָריקער הערט פּלוצלונג אויף צו דיקטירן, קומט אַריין אין נאָענטן גרויסן צימער — אין „סטאָלאָווע" — און זאָגט דאָרט צו זיין זיבן־יאָריקן מעזיניק, פּענעקן:

— איך בעט דיך: דערציי́ל מיר, וואָס איז מיט דיר אַזוינס די גדולה ... וואָס איז דיר אַזוי פריילעך? וואָס טופּעסטו אַזוי? וואָס טאַנצסטו אַזוי ... אדרבה, זאָג מיר אויס דעם שכל — איך וויל אויך זיין פריילעך!

פּענעק — פאַרצויגן פון פּנחס — הייסט נאָך גאָר אַ צאַצקעדיקן, זייער אַ וואזשנעם און זייער אַ געהויבענעם זיידן, נאָר אַליין איז ער אַן אויסוואורף, אַ „וואָס אין דער קאָרט", אַ פאַרשייטע ווילדע זאַך מיט אומרואיקע הענט, מיט מיאוסע תנועות און מיט אַ חזיריש מויל — אַזוי האָט נישט איינמאָל געזאָגט אויף אים זיין אייגענע פרומע מאַמע, וואָס דערציילט אַלעמען, אַז זי האָט אים פיינט ערגער, ווי אַ שטיף־קינד (איצט איז זי שוין עטלעכע חדשים נישטאָ אין דער היים): „זעט נאָר", האָט זי אויף אים געזאָגט, „חזירישע ליפּן האָט ער . . . אַ ווייטיק איז מיר — איך האָב אין טראָגן זיך פאַרקוקט אויף לייזער דעם משרת, ווי איז צו מיר . . . קוקט: לייזער דעם משרתעס ליפּן . . ."

פּענעקס צונעמענישן:

— ווערעדעק.

— ווערקראַב.

— עליע־מרדכי (דער שטאָט־משוגענער).

פּענעק, אַז ער דערזעט לעבן זיך דעם טאַטן, מיט די פאַרבראָכן־אויסגעצויגענע פרעגנדיקע הענט, בלייבט ער שטיין צעטומלט צווישן די פיל איבערגעקערטע שטולן און פוס־בענקלעך, אויף וועלכע ער איז נאָרוואָס דאָ, אין זומערדיק־קילן, אַביסל טונקעלן עס־צימער, אַרומגעפאָרן רייטנדיק — מיט פילדערדיקן ניאָקען און וויאָקען, מיט שטורמישע געשרייען געדרוקט זיין געזעם פון איין שטול אויפן אַנדערן. אין דער ערשטער רגע כאַפּט אים אָן אַ גרויס רחמנות צום טאַטנס פאַרקרימטן האַלב־יום־טובדיקן, האַלב־וואָכעדיקן פּנים, צו זיינע טרוקן־וויינענדיקע אויגן, וואָס ווייסן נישט, ווי גוט איז צו טופּן, טאַנצן און איבערקערן וועלטן פון גרויס פרייד. ער איז גרייט אַ כאַפּ געבן דעם אַלטן טאַטן פאַר די הענט און מיט ווילדע שפּרונגען, מיט פריילעכע גוואַלדן אים דאָס געבן צו פילן. אַ ווײַלע האַלט ער אַראָפּ־געלאָזט די אויגן און קאָן זיך דערווײַל נישט באַשליסן, ווייל אינעם עס־צימער איז שוין דאָ, חוץ אים מיטן טאַטן, נאָך אַ מענטש — אין עס־צימער איז מיט גרינגע שיך־און זאָקן, מיט איבערגעפּלאָכטענע הענט אויף דער אַרויס־געדרוקטער ברוסט, אַריינגעקומען יהושע־פריידעס.

יהושע:

אַ געעלטערט רעסאָרנדיק מענטשל, באַוואָקסן מיט ווייס־גראָע צרות — עס שטאַרבן ביי אים די עלטערע קינדער, די ווייבער, ער איז זיך אַליין

מתעסק מיט זייער קבורה, לאָזט זיי אַראָפּ אין קבר אַריין לעבעדיק, כמעט פריילעך, אָן איין טרער אין די אויגן. ער האָט שוין עטלעכע מאָל אָפּגעברענט, און דאָך . . . מיט באַזונדערע שמייכלען שמייכלט אין זיין פּנים יעדער טייל: עס שמייכלען באַזונדער די ווייס־גראָע באָרד, וואָנצעס און ברעמען, עס שמייכלט באַזונדער די קלוגע טאַבעקע־נאָז, באַזונדער — דאָס געשלאָסענע מויל אונטער די וואָנצעס, באַזונדער — די האַלב־צוגעמאַכטע אויגן אונטער די ברעמען; עס שמייכלען זיינע אויערן און אפילו היטל־און־יאַרמעלקע אויף זיין ווייס־גראָען פּאַטלאַטן קאָפּ. תמיד, אַז ער כאַפּט ביי מיכאל לעווין אַ „דרייערל", פאַרגעסט ער נישט אַ זאָג צו געבן:

— אַ נפקא מינה מיר, דורך וועמען גאָט גיט מיר אויף שבת, — דורך דיר, צי דורך אַ גוי? ...וואָס ביסטו ביי מיר ערגער פון אַ גוי?

איצט, פאַרבייגייענדיק דאָס עס־צימער, טוט ער עטלעכע מאָל אַ פּאַך מיט די לאַנגע שמייכלדיקע וויעס, און עס דאַכט זיך: די וויעס זיינען אַזוי קלוג, אַז פון חכמה פאַרהיקן זיי זיך אַזש:

— מיכאל — טוט ער אַ שמאָרע, — וואָס ווילסטו פון דיין מעזיניק? ... וואָס האָסטו צו אים? ער איז אַלט זיבן יאָר, דו ביסט אַלט פינף־און־זעכציק. ...זאָל ער דיר געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מע דאַרף זיין פריילעך? ... אַ בעלנות פון אַ מרה שחורהניק! ...

און ווי נישט האָבנדיק געזאָגט גאָרנישט, פאַרשווינדט ער אין טיר פון שרייב־צימער.

ווי נישט האָבנדיק געהערט גאָרנישט, בעט זיך דער עלטסטער אין „הויז" און מוסרט דעם יינגסטן:

—פּענעק, די מאַמע האָט דיך פיינט....

פּענעק געדענקט די מאַמע בלויז, ווי דורך אַ זיפּ, בלויז ווי זי איז מיט אַלע פיר געזעסן דאָ אין עס־צימער אויף דער קאַנאַפּע און איז געווען אומצופרידן, וואָס זי האָט אים, פּענעקן, אויף דער וועלט געבראַכט: „קוקט — חזירשע ליפּן האָט ער..." אַזוי האָט זי געזאָגט.

— פּענעק, — מוסרט דער פאָטער — לאה און צירל האָבן דיך פיינט...

פאַר פּענעקן איז דאָס אַ נייעס; לאה און צירל, ווייס ער, זיינען עלטערע, אויסגעגעבענע שוועסטער, זיי וואוינען דאָ אין שטאָט, ווי האַלב־דערווייטערטע קרובים.

— שיינדל האָט דיך פיינט....

דאָס איז די באַליבסטע טאָכטער, די ערשטע, וואָס איז מיט פּענעקן פון איין טאַטן און פון איין מאַמען; זי וואוינט מיט איר מאַן אַ ווייאָרסט 12 פון דאַנען לעבן אַ גוראַלניע.

— יונה און שלום האָבן דיך פיינט....

פּענעק געדענקט נישט ס'אַראַ פּנימער זיי האָבן — זיי וואוינען ביידע לעבן זייערע שווער־און־שוויגער אין צוויי ווייטע שטעט.

— פּענעק, — רעכנט ווייטער אויס דער פֿאָטער, — פֿאַליעק און בליומע האָבן דיך פּיינט....

פּענעקן פּאַרדריסט: פֿאַליעקן און בליומען רופֿט מען אין שטוב — „די קינדער", זיי האָט מען היינטיקן זומער, ווי אַלע יאָר, אַוועקגעשיקט אויפֿן לימאַן, אים — נישט. פּענעק געדענקט, ווי פֿאַרן אַוועקפֿאָרן האָבן זיי זיך מיט אים געריצט, וואָס ער בלייבט אין דער היים.

— פּענעק, — קרימט זיך דער פֿאָטער, — עלעהיי איך האָב דיך שוין אויך פּיינט... עלעהיי איך בין שוין געשטאָרבן... באַטראַכט זיך: וואָס וועט דענסטמאָל זיין?...

דאָ קוקט ער זיך אַרום אויפֿן וואַנט־זייגער — אַ גרויסער כראָנאָמעטער מיט אַ גרויסן פּאַמעלעך־פֿוילן אומרו, ווי אויף די וואָקזאַלן — און ווערט באַנייס אויסער זיך:

— ערשט האַלב פֿיר!...

ער זיפֿצט:

— איי, איי, איי...

— ווייבל! — שרייט ער דורך די ווייטערדיקע חדרים צו דער קיך, — ווי רופֿט מען דיך דאָרטן?... ווי קומט פּענעק איצט אַהיים? ער דאַרף דאָך איצט גאָר זיין אין חדר... וואָלסט אַכטונג געבן, האָט מען דיר דאָך געזאָגט!

דאָס ווייבל, וועמען ער רופֿט אַהער פֿון קיך, הייסט ביי זיך אין דער היים שיינדל, און דאָ אין הויז הייסט זי שיינדלדעלאַנגע (שיינדל די לאַנגע), כדי אין דער צייט, ווען די קינדער קומען זיך אַהער צונויף, זאָל זי דאָ נישט פֿאַרביטן ווערן מיט דער באַליבסטער טאָכטער, וואָס הייסט שיינדלדעגרויסע (שיינדל די גרויסע) און מיט איינער פֿון די שנורן, וואָס הייסט שיינדלדעקליינע (שיינדל די קליינע). זינט פּענעקס מאַמע איז אַוועקגעפֿאָרן היילן די קראַנקע לעבער, קלינגט דאָ, אין גרויסן ווייסן הויז, שיינדלדעלאַנגע מיט די שליסעלעך, טיילט אויס אַלע פֿאַרציעס רוי־פֿלייש צו מיטאָג, רעכנט זיך מיטן קרעמער, מיטן קצב, מיטן מעל־קרעמער, גיט אַרום אַלע פּריטיק ווייס־צייג אויף די בעטן, געפֿרעסטע סערוועטן אויף די טישן, גיט אַכטונג אין קיך אויף בוני דער קעכן, אויף פֿאַראַסינע דער שיקסע, אויף יאַנקל דעם פֿורמאַן, אויף יאַן דעם סטרוזש און אויפֿן קליינעם פּענעקן, וואָס איז אויך פֿאַררעכנט גיכער פֿאַר אַ קיך־מענטשן, איידער פֿאַר אַ שטוב־מענטשן. זי איז דעם אָרטיקן איינבינדערס אַ טאָכטער, אַ יונגע גרושה, אַן עקשן, — זי האָט די ערשטע שעה נאָך דער חופּה נישט געוואָלט דעם מאַן. זי לייענט מיט אַ פֿרום פּנים מעשה־ביכלעך (נעמט זיי אַלע שבת ביי צודק דעם פּאַקן־טרעגער אויף פֿראָקאַט) און איז פֿאַרליבט אין זוסע־דודן, דעם יונגן געוועזענעם מלמד, וואָס האָט פּונקט אַזאַ צעפּלעטשטע געקנייטשטע נאָז, ווי זי, און איז אויך געגט מיט זיין ווייב פֿון דער ערשטער שעה נאָך דער חופּה, און האָט זיך אויסגעלערנט באַקן בייגל — אַרבעט ביי ביילע דער בעקערקעס פֿלאַקער־דיקן אויוון און זינגט דאָרט גאַנצע טעג:

אין דער סאָבע
ליגט מזל און ברכה

און

איך גיי אַרויס אויפֿן גאַנעקל
דאָס שטעטל צו באַקוקן...

און

אַ האַלבע נאַכט,
די לבֿנה האָט צוגעשיינט...

שיינדלדעלאַנגע, אַז זי דערהערט, ווי דער בעל הבית אַליין רופֿט זי, קומט זי אַריין מיט העליש־רויטע צעצונדענע באַקן און מיט אַן איבערגע־שראָקן־בלאַסער נאָז, עס דאַכט זיך: בלויז די צעפּלעטשטע געקנייטשטע נאָז האָט אין דער ערשטער שעה נאָך דער חופּה נישט געוואָלט דעם מאַן — אויסער דער נאָז איז קיין איינער פֿון אירע אבֿרים אין דעם נישט שולדיק. אירע אויגן — ביז גאָר קיילעכליקע, ביז גאָר שוואַרצע — זיינען ווייט נישט אַזעלכע עקשנים, ווי די נאָז, נאָר פֿאַרקערט, אדרבה... זיי טוען אַ קוק אויפֿן בעל הבית און לאָזן זיך באַלד אַראָפּ, ווי מיט אַ שבֿועה, אַז די מעשה מיט פֿענעקן קאָסט זי געזונט. איר קול איז, ווי תּמיד, האַלב־הייזעריק:

— פֿענעק?... צי ער איז היינט געווען אין חדר?... פֿענעק האָט היינט ביים לערנען געוויזן די קינדער אַ קאָמעדיע מיט קערלעך און קאַרשן: איין קערל, ווען קיינער זעט נישט, אַריינגעלייגט אין אויער, דאָס צווייטע קערל — באַוויזן די קינדער: „אָט שלינג איך עס איין דורכן מויל, און אָט נעם איך עס אַרויס דורכן אויער". געמאַכט די קונצן אַזוי לאַנג, ביז איין קערל איז געבליבן ביי אים שטעקן טיף אין אויער. דער רבי האָט זיך דערוואוסט, זיך געפּאָרקעט און געפּאָרקעט מיט אַ האָר־נאָדל און האָט פֿאַר־שטופּט דאָס קערל נאָך טיפֿער. אַ ייִנגעלע איז געקומען מיך רופֿן, האָב איך געכאַפּט דאָס קינד און בין אַוועקגעלאָפֿן צום פֿעלדשער. דער פֿעלדשער האָט געמוטשעט דאָס קינד אפֿשר אַ שעה, אפֿשר מער, זיך געבעריעט אַהין, זיך געבעריעט אַהער...

— וואָס געבעריעט?... ווען געבעריעט?...

דעם בעל הביתס פֿאַרקרימט פּנים איז אַן עדות, אַז מער צו הערן איז ער שוין נישט בכּח, ער טרייסלט מיט די הענט:

— נו, און דאָס קערל, פֿרעג איך... דאָס קערל האָט מען אַרויסגע־נומען?... נו, גיכער! גיכער!... נו, איז אַזוי־זשע רייד, אַבי מע האָט עס אַרויסגענומען... איז צו וואָס דערציילן וועגן דעם? בהמות — צו וואָס דאַרף איך עס דען וויסן?

און ווי פֿון מורא, אַז מ'וועט אים פֿאַרנעמען דעם מוח מיט נאָך אַנדערע פּוסטע זאַכן, טרעט ער אָפּ געשווינד צוריק אין זיין צימער, וואו עס וואַרטן משה דער קאַסיר און יהושע פֿריידעס.

— אַ? — פֿרעגט ער ביים קאַסיר, — איז וואו האַלטן מיר אין בריוו?

אין עס־צימער שאָקלט דער וואַנט־כראָנאָמעטער זייער פּאַמעלעך זיין שווערן מעשענעם אומרו, און עס דאַכט זיך: מיט יעדן שאָקל גיט ער אָפּ גערעכט דעם בעל הבית, וואָס האָט זיך דאָ נאַרוואָס געבייזערט.

פּענעק זיצט אויף אַן איבערגעקערטן שטול און הערט פון שרייב־צימער אַרויס, ווי משה דעם קאַסירס קול — אַ קול פון אַ חלוש, וואָס קען פּלוצלונג אויסגיין — זאָגט איבער די לעצטע דיקטירטע שורות פון בריוו:

— איז ווען איז גערעדט געוואָרן, אַז מעשים־טובים זיינען עפּעס ווערט, נאָר אין פאַל, ווען זיי קומען פונעם שכל, דהיינו: ווען דאָס האַרץ הייסט דיר גאָר שלעכטס טאָן, נאָר דו ביסט מיטן שכל גובר דאָס האַרץ און טוסט גוטס.

— גובר דאָס האַרץ... און טוסט גוטס — חזרט שווערלעך מיכאל לעווין.

דאָס שרייבט ער זיך אַזוי דורך שוין דעם דריטן חודש מיטן אַרענדאַטער פון דער ווערכנאָפּאָלקער צוקער־פאַבריק, יונתן, וואָס איז אויך אַ גרויסער למדן און אַ מסוכנער חקרן. בלויז אין סוף בריוו ווערט זיין צוגעשריבן אַ פּאָר ווערטער וועגן די אַכט טויזנט קלאַפּטער האָלץ, וואָס ער מוז וואָס גיכער פאַרקויפן, כדי אָפּצורייניקן דעם אויסגעהאַקטן וואַלד צום טערמין (אויב ער רייניקט נישט אָפּ דעם וואַלד צו דער רעכטער צייט, אַזוי שטייט אין קאָנטראַקט, קער אַלץ, וואָס אין וואַלד בלייבט, צום וואַלד־פאַרקויפער).

— ומה שעניניא לשמונה אלפים קלאַפּטער — ווערט צוגעשריבן ווערן צום סוף בריוו מיט דער העברעאישער שפּראַך פון „מורה נבוכים" און מיט גאָר־גאָר דריבנע אותיותלעך, — וואָס איז נוגע די אַכט טויזנט קלאַפּטער, איז פאַראַן ביי מיר אַ ווילן צו האַלטן זיי און נישט צו פאַרקויפן. דאָך, ווען מע גיט מיר פאַר זיי דעם און דעם מקח, וואָלט איך זיך אפשר מישב געווען...

דערויף ווערט אים דער אַלטער יונתן ענטפערן נאָך מיט אַ לענגערן חקירה־בריוו און מיט אַזאַ רואיקייט, גלייך ער צילט זיך גאַרנישט פון אָנהייב זומער אָן צו אָט־די אַכט טויזנט קלאַפּטער, גלייך ער ווייסט נישט, אַז אָן זיי ווערט ער אין סעזאָן נישט האָבן מיט וואָס דורכצולאָזן די צוקער־פאַבריק:

— און וואָס איז נוגע די אַכט טויזנט קלאַפּטער — ווערט יונתן צושרייבן נאָך מיט מער קלענערע אותיותלעך אין עק לאַנגן חקירה־בריוו, — האָב איך בזה הרגע נישט קיין חשק צו פאַרגרייטן זיך מיט האָלץ, דאָך ווען עמיצער זאָל ביי היינטיקן טאָג זיין געצוואונגען האָלץ צו פאַרקויפן און זאָל וועלן אַ ביליקן פּרייז, וואָלט איך זיך אפשר מישב געווען....

— וואָרעם אויב איינער טוט גוטס נאָר פון האַרץ און נישט פונעם שכל — דיקטירט ווייטער מיכאל לעווין — איז וואָס איז דער מער מיטן מענטשן אַנטקעגן דער בהמה? — אַ בהמה טוט דאָך אויך נאָר דאָס, וואָס איר האַרץ גלוסט....

— איי, מיכאל!...איי, מיכאל!

דאָס האָט יהושע פריידעס זיך אויפגעכאַפּט אין שרייב־צימער, ווי פון אַ דרעמל. אים הייבט נישט אָן אָנצוגיין, וואָס אין עק בריוו וועלן זיין צוגעשריבן דריבנע שורהלעך וועגן אַכט טויזנט קלאַפּטער — מסחר איז אַ זאַך, וואָס איז נישט זיין וועלט: מסחר האָט ער אין דער ערד. דער עיקר איז ביי אים, וואָס מע לערנט שלעכט דעם פּשט און נאָך מיט אַ כיוון:

— באַוואָרנסט אַלץ — שרייט ער — זיך אַליין... אַ? מיכאל פאַרגעסט גאָר, אַז ס'איז דאָ נאָך אַ צד, אַ?

און ער צעפּשעטלט זיך מיט אַ קול פון אַ לערנער:

— וואָרעם, למשל, אויב דו — מיכאל טוסט מיר — יהושען גוטס, ביסטו איין צד, און איך בין אַ צווייטער צד, און מיר, יהושען, וואָס דאַרף דיין גוטס־טאָן, איז אַלצאיינס, צי דו טוסט עס פונעם מוח אָדער פון האַרצן... וואַרט, וואַרט, ביסט נאָך נישט פאַרטיק... דאָס האָסטו איינמאָל אַוועק, והשנית — איכ'ל דיר עס באַלד ווייזן שוואַרץ אויף וויים — דו, וואָס דו ביסט רייך און טוסט גוטס, צי דו ווילסט גוטס־טאָן צי ניין? — ווער האָט דיך דען אינזינען? וועמען גייסטו אָן?... וואַרט... וואַרט. ווייסטו גאָר וואָס? גיב אַהער דעם מדרש תנחומא... גיב אַהער דעם תניא....

איצט וועט מען זיך קריגן. איצט וועט מען אַרויסשלעפּן אַ סך ספרים פון דער שאַפע, מע וועט זיי אָנוואַרפן גערעפנטערהייט אויפן שרייב־טיש און מע וועט איבערשרייען איינער דעם אַנדערן ביז עס וועט ווערן נאַכט, ביז מע וועט מיד ווערן און ביז יהושע וועט זאָגן מיט חוזק:

— דו ביסט גערעכט?... נו, יאָ... אַלע גבירים גליבן, אַז זיי זיינען גערעכט....

און נאָכדעם וועט פענעק הערן, ווי משה דער קאַסיר סודעט זיך וועגן זיין טאַטן מיט יהושען, ווי ער זאָגט וועגן זיין טאַטן מיט אַ קול פון אַ חלוש:

— ער האָט זייער אַ טיפן קאָפּ, נאָר אַביסל אַ קרומען און איז אַן עקשן ... יעדער גביר איז אַן עקשן....

פענעק מיינט אויך, אַז זיין טאַטע האָט אַ טיפן קאָפּ, ווייל אום ראש השנה און יום כפור, ווען אַלע יידן אין בית מדרש קוקן אַריין אין די מחזורים, שטייט ער, דער טאַטע, גאַנצע טעג מיטן פּנים צו דער וואַנט, מיטן טלית איבערן קאָפּ, און זאָגט אויסווייניק אַלע לאַנגע שמונה עשרהס מיט אַלע לאַנגע זאָגעכצן. איבערהויפּט אָבער איז ער מסכים, אַז דעם טאַטנס קאָפּ איז אַביסל אַ קרומער, וואָרעם כסדר לערנט דער טאַטע אים און די אַנדערע קינדער: „אַ מענטש טאָר נישט זיצן ליידיק, אַ מענטש דאַרף תמיד עפּעס טאָן, נאָר... חלילה נישט מיט די הענט. די הענט ביי אַ מענטשן דאַרפן תמיד זיין רואיק". היינט ווי קאָן אַ מענטש עפּעס טאָן, אויב ער וועט קיין ריר נישט טאָן מיט די הענט?

נאָר איצט האָט מען די קריגעריי אין שרייב־צימער נאָרוואָס אָנגעהויבן, זי וועט געדויערן לאַנגע שעהן. פענעקן איז לאַנגווייליק, ער געדענקט נישט

קיין איין מוסר־וואָרט, וואָס זיין טאַטע האָט אים דאָ אין עס־צימער געזאָגט, ער געדענקט נישט, אַז אַלע האָבן אים פיינט. ער דערמאָנט זיך פּלוצלונג, אַז ס'איז זומער אין דרויסן און ווערט מיטאַמאָל אויפגעטרייסלט פון אַן אַ שיער געפילן. אַ געמיש פון פרייד, פון גליקלעכער ליבע צום זומערדיקן דרויסן, פון ציענדיקער בענקשאַפט צו צוויי שטעטלדיקע הויפּט־גאַסן מיט אַ מאַרק אינמיטן, מיט אַ באַרג אין איין עק, מיט אַ טייך אין צווייטן עק, מיט פיל שטיבלעך אין הינטערגעסלעך וואָס זיינען פאַרגאָסן מיט טשמעליענדיק־הייסער זון, — דאָס אַלץ טוט אים אַ טראָג פון אָרט. ער ווייס נישט דורך וואַנען ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון הויז — דורך דער טיר, צי דורך אַ פענצטער. ער איז שוין אַריבערגעשפּרונגען איבער די שטאַכעטן. די אַלטע הויכע אַקאַציע־ביימער שאָקלען זיך פאַרן ווייסן הויז, וואָס מיטן פּלאַטשיקן גרינעם דאַך און מיט די פאַרטראַכטע ברוין־געפאַרבטע פענצטער; עס דאַכט זיך: די ביימער האַלטן מיטן טאַטן, זיי שעפּטשען:

— באַטראַכט זיך, פענעק, וואָס וועט פון דיר אויסוואַקסן?

נאָר ער הערט נישט, יאָגט, יאָגט — וואָס ווייטער פון זייער שעפּטשען, אַלץ מער שמחה אין ברוסט. פּלוצלונג בלייבט ער שטיין אַנטוישט. ער דערקענט נישט די גאַס:

— וואָס איז געשען?...

ער קוקט זיך אַרום.

סע גאַרנישט.

היינט איז די קליינע שטאָט בלויז געראָטן אין זיין טאַטן, קוקט אויס אַלט, ווי זיין טאַטע; היינט איז זיבעצן טעג אין תמוז און ביי אַלע גאַסן פילט זיך דער תענית פונעם מויל....

פון קאַפּיטל זעכצן

אין בית מדרש — אַן אַ שיער פלעמלעך פון וואַקסענע ליכט — האָט מען אין נעפּלדיקן טשאַד געזאָלט אָנהייבן „כל נדרי". פון ערגעץ אַ זייטיקן ווינקל האָט אַלטער מייטעס — נישט מיט זיין קול — הייזעריק און ווילד אויסגעקרייעט אַ פּלוצים־פּוסט־געוואָרענעם פּסוק. מע האָט צעפּראַלט די טירן פון אַ שראַנק, וואָס מע רופט „ארון קודש", אין טלית און קיטל האָט יהושע פריידעס — דער גרייז־גראָער, מיט צרות באַוואָקסענער — ווי אומיסטן צו שטאַרק אַ צי געטאָן צו זיך דאָס שנירל פונעם צווייטן פּרוכת, פאַרצויגן און אַ קוק געגעבן אַרום זיך מיט חוצפּה, ווי נאָך פאַרהייבן ביי אַ יידענע דאָס קליידל.

די געקלאַנגען פון כל נדרי האָבן אים פייניקלעך געגרוילט, זיך געפּלאָנ־טערט מיט די מעשיות פון דער אינקוויזיציע, וואָס ער האָט געלייענט ביי זיין שוועסטער צירלען אינעם שיין־איינגעבונדענעם ביכעלע — מיט דער שיין פון וואַקסענע ליכט, ווי מע באַלויכט טויטע, האָבן די געזאַנגען באַ־

לויכטן יענע אינקוויזיציע־מעשיות — מעשיות־מעשים, ער האָט ווי מורא געהאַט: אָט־אָט הייבט ער ווידער אָן צו האָבן אינעם יום כפּור אַ שטיקל חלק. ער האָט ווי געזוכט אַרום זיך דעם אוועקגעלאָפענעם „גוי", געוואָלט אַ קוק געבן אויף דעם אַלעם מיט יענעמס אויג.

נאָר באַלד נאָך „כל נדרי", ווען דער גאַנצער עולם האָט מיט מסוכן־הויכע קולות אָפּגעגוואַלדעוועט זיבן מאָל אַ נייעם פּסוק — ווי נאָר אַלע זיינען געבליבן אָן אָטעם — האָט אָן עלטערע יידענע זיך גרויזאַם באַוויזן אויף דער שוועל פון די צעעפנטע בית־מדרש־טירן און מיט אַ צעבראָכן מויל, מיט אַ וואָכעדיק־צעבראָכן קול — לענג־אויס דער גרויסער בית־מדרש שטילקייט — אַ געשריי געגעבן צו איר מאַן אין מזרח־וואַנט:

— אבר־הם!... אבר־הם, מע האָט אונדז באַגנבעט....

אַ דערשראָקענע שטילקייט — אַזאַ, וואָס בלייבט הענגען בלויז אויף איין רגע — איז אַריבער אין אַ ירידעווודיק־וואָכעדיקן געמורמל, זיך געענדיקט מיט גראַגעריי, מיט אַ געוואַלגער פון שטענדערס, מיט אַ טרעטעניש פון מענטשן אויף מענטשן. אין טלית און אין קיטלען זיינען עלטערע מענטשן יינגליש־גרינג געשפּרונגען איבער פּלייצעס און איבער קעפּ, אומגעוואָרפן איינער דעם אַנדערן, געיאָגט צו די טירן, אַרויסגעשפּרונגען דורך די פענצטער, געלאָפן יעדערער אַ קוק געבן, צי זיין פאַרמעגן אין דער היים איז גאַנץ.

אין גרויס וואונדער האָט פענעק אויפגעהערט זיך אַרומצוקוקן, נישט געגלויבט זיינע אויגן, וואָס זעען, ווי אין גרויסן בית מדרש ווערט פּוסט. דאָס האָט פענעק געהאַט אויף לאַנג צו געדענקען. פון דעם האָט ער געלערנט ערשט אין זיינע יונגע בחור־יאָרן.

— דער פאַרמעגן איז ביי יידן־בעלי־בתים טייערער פון גאָט, פונעם גאַנצן יום כפּור.

אין די אויערן האָט נאָך אַלץ געקלונגען דער יידענעס קול — „אבר־הם! מע האָט אונדז באַגנבעט!" — אַ קול, וואָס איז שטאַרקער פון אַלע „כל נדרי"־געזאַנגען. פענעק האָט שוין ווידער נישט געפילט קיין מינדסטע חרטה, הלמאַי ער האָט קיין כפּרות נישט געשלאָגן. הלמאַי ער האָט געוואָרפן שטיינער דעם „ראש השנה" און מער נישט באַדאַרפט אָנקומען צו דער הילף פונעם פרעמדן „גוי". ער האָט מער נישט געפילט קיין מינדסטן דרך ארץ צום יום כפּור.

איצט איז פענעק אַרויסגעלאָפן אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך אין שטאָט און דערהויפּט — אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך ביי דער יידענע אין שטוב. אַז פענעק וועט אַלט זיין אַ יאָר אַכצן־ניינצן, וועט זיך אים נאָך אַלץ דאַכטן: אַזאַ יידענע איז גאָר נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. זי האָט מיט איר קול עפּעס ווי אויסגעטאָן נאַקעט דעם גאַנצן יום כפּור....ער איז איר דער בעסטער גוטער־פריינט, און אַז ער דערמאָנט זיך אָן איר, וויל ער כאָטש נאָך איינמאָל אויף איר אַ קוק טאָן — ממש ער בענקט נאָך איר:

— עפּעס אַ טייערע יידענע...אַ גאָלד...אַ געזונט אויף איר!...

מלך ראַוויטש

פּרץ מאַרקיש

דער מענטש — דער ייד — זיין ווערק

א

טיפער גורל האָט אי צוגעצויגן און אי אָפּגעשטויסן דריי יידישע פּאָעטן אין די יאָרן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָבן זיך באַגעגנט — אין יענע צעשטורעמטע פרילינגדיקע צייטן, אויף אַ ווילד־שווימענדיקער קריע, וואָס האָט זיך גערופן „כאַליאַסטרע". די דריי פּאָעטן: אורי צבי גרינבערג, פּרץ מאַרקיש און — דער שרייבער פון די שורות.

איז עפּעס שותפותדיקס געווען ביי די דריי? עפּעס, וואָס האָט מאַג־נעטיש צוגעצויגן? יאָ!

דאָס איז געווען און געבליבן אַ גליענדיקע אהבת ישראל, אַ גורלדיקע אהבת ישראל. אוודאי מוז יעדער דיכטער פון אַ פאָלק פאַרמאָגן ליבע צו זיין פאָלק. אָבער אין דער ליבע זיינען דאָ מדרגות און ליבע ממש פון דער העכסטער מדרגה צו זיין פאָלק האָט פאַראייניקט אַלע די דריי.

גרינבערג איז געקומען פון לעמבערג, מאַרקיש פון וואָלין, דער דריטער פון ווין. אַלע דריי האָט געצויגן די גלאָריע פון וואַרשע, וואו עס איז נאָר וואָס — מיט דריי, פיר יאָר צוריק, אונטערגעגאַנגען די זון, וואָס איר נאָמען איז פּרץ. לאַנג, לאַנג אין דער נאַכט אריין, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, איז נאָך געשטאַנען איבער וואַרשע דאָס רויטלעכע ליכט פון דער שקיעה . . . און דאָס ליכט האָט געצויגן, געוועקט גרויסע האָפענונגען, ווייל ליכט פון שקיעת השמש און זריחת השמש זיינען ענלעך צו זיך.

גרינבערג, וואָס איז גלייכצייטיק געווען אַ העברעאישער דיכטער, האָט, קאָנסעקווענט, דערזען זיין היים אין ארץ ישראל; מאַרקיש, וואָס איז געווען פאַרבלינעט און פאַרגלויבט אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט אין די יאָרן 1917 און 1918, האָט אין אָט דער רעוואָלוציע געזען אויך די יידישע ישועה. דער דריטער האָט געזען די

ישועה אין וואַרשעווער המשך, ער איז געווען דער קאָנסערוואַטיווסטער פון די דריי. און אַלע דריי האָבן געצווינגן די קאָנסעקווענצן פון זייערע איינ־שטעלונגען, אַראָפּ פון דער קריע „כאַליאַסטרע", צוויי זיינען אַוועק אין צוויי באַזונדערע שיפלעך, אין באַזונדערע ריכטונגען, קיין ירושלים, קיין מאָסקווע; דער דריטער האָט געדאַרפט בלויז צושלאָגן מיט דער קריע צום ברעג — וואַרשע.

ב

אַז פּרץ מאַרקיש איז אין יאָר 1921 געפאָרן פון יונגען ראַטן־פאַרבאַנד איינצוגעמען וואַרשע פאַר זיינע ליטעראַרישע אידעען, האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט אַ שטיקל צייט אין ווילנע. דאָ האָט אים דער גרויסער ענטוזיאַסט פון דער יידישער ליטעראַטור זלמן רייזען געקרוינט מיט דעם טיטל „יונגער נביא". מאַרקיש, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ מענטש מיט אַ ממש גליענדיקער אַמביציע, אָבער נישט קיין באַרימער, האָט אָט דאָס הויכע, העכסטע וואָרט וועגן אים, קיינמאָל נישט דערמאָנט צווישן פריינט. טיף אין זיין נשמה האָט עס אייביק פערמענטירט און געטריבן כסדר פאָראויס און פאָראויס און כסדר אויך אין דער טיף אין זיך, און כסדר אין דער הויך, אויף געזען און געהערט צו ווערן אין דער יידישער וועלט. דער „יונגער נביא", געבוירן אין פּאָלאָנאָיע, וואָלין, דעם 7טן דעצעמבער, 1895, איז דעמאָלט אַלט געווען פינף און צוואַנציק יאָר.

מאַרקיש האָט היפּשלעך אַ סך געלערנט אין חדר, נישט ווייניק ביי זיין אייגענעם פאָטער, דערצו איז ער אַ רייע יאָרן געווען אַ משורר ביי אַ חזן און ער האָט פאַרמאָגט אַ סאָלידע, טראַדיציאָנעלע יידישע באַזע. אין די יאָרן 1918־1920 זיינען צוגעקומען אַ סך בלוטיקע לעקציעס פון דורכגע־מאַכטע פּאָגראָמען. אין יאָר 1921 האָט זיך אפילו פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער איז אַליין געווען אַ קרבן פון אַ פּאָגראָם. אהבת־ישראל האָט אויס־געפילט זיין נשמה ביז אין לעצטן ווינקל. גלייכצייטיק אָבער אַ פלאַמענדיקע ליבע, נישט נאָר איבערצייגונג, נאָר ממש ליבע, צום ראַטן־פאַרבאַנד, אין וועלכן ער האָט געזען די רעטונג פון דער מענטשהייט און די פולשטענדיקע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייאונג פון זיין אייגן פאָלק, דעם יידישן. ער האָט נישט נעגירט די עקזיסטענץ און די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון יידישע צענטערן חוץ דעם ראַטן־פאַרבאַנד, ער האָט אָבער אין מאָסקווע געזען דעם צענטער פון די צענטערן. אין יאָר 1925, אפשר 1926, זיינען אונטער מאַרקישעס אָנפירונג פאַרגעקומען אין וואַרשע און אין אַ רייע שטעט אין פּוילן סימפּאָזיומס מיט דעם נאָמען „וואַרשע, ניו יאָרק, מאָס־קווע, ירושלים", אין וועלכע מאַרקיש האָט געמאַכט זיינע אויספירן. נישט גלויבנדיק, אַז ירושלים קען ווערן אַ פּאָליטישער צענטער פאַר יידן, האָט ער אויך נישט געגלויבט — דעמאָלט אין יאָר 1925, אפשר האָט ער

שפּעטער זיינע מיינונגען געענדערט — אין אַ צוקונפט פאַר דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור. העברעאיש האָט ער געקענט און ליב געהאַט בלב ונפש און אין זיינע ווערק זיך נישט נאָר באַנוצט מיט אַ מאַקסימום העברעאיזמען, נייערט אויך מיט פסוקים.

דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט מאַרקישן, ווען ער איז אין יאָר 1928 אויף שטענדיק אַהין צוריקגעקומען, פערזענלעך און געזעלשאַפטלעך געגעבן אַלע מעגלעכקייטן צו אַרבעטן אין דער ברייט און אין דער טיף. ער האָט זיך ממש פול אויסגעלעבט סיי אַלס ייד און סיי אַלס בירגער פון לאַנד. רוסיש האָט ער גוט געקענט. אין דער ערשטער צייט פלעגט ער רופן יידישע שרייבער צו באַזעצן זיך אין פאַרבאַנד און אויך דער שרייבער פון די שורות האָט נישט איין בריוו־רוף אַזאַ פון זיין יוגנט־חבר באַקומען. אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי איז מאַרקיש, אויף וויפל איך ווייס, קיינמאָל נישט געוואָרן. דאָס האָט אָבער נישט געמינערט זיין לאָיאַליטעט צום פאַרבאַנד. אָרדנס האָט ער געהאַט אַ סך און פון די העכסטע. באַקומען זיי פאַר זיינע פּאַטריאָטישע ווערק.

די יידישע שרייבער פון דער וועלט, אפשר אויך די העברעאישע שרייבער, די פון עלטערן דור אוודאי, זיינען מאַרקישן אַלעמאָל אַנגעגאַנגען. פּאָזיטיוו, צי נעגאַטיוו, מאַרקיש האָט כסדר אַרויסגעוויזן אויך אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג מיט דעם יידישן וועלט־פאָלק, געוואָלט עס זען גליקלעך און זיך אַנטוויקלען אין זין פון זיינע אידעאישע איינשטעלונגען.

דעם גרעסטן טייל פון זיינע סאָוויעטישע יאָרן האָט מאַרקיש געוואוינט אין מאָסקווע, וואו עס איז קאָנצענטרירט געוועזן דער גרעסטער יידישער ישוב אין ראַטן־פאַרבאַנד — אַרום אַ דריטל ביז אַ האַלבער מיליאָן. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ טראַגישע סתירה אין זיין לעבן. די זעלבע סתירה, וואָס האָט באַגלייט מאַרים ראָזענפעלדן אין זיין צייט, אין איר פאָרם. אַז מאָרים ראָזענפעלדס געליבטער זון, וואָס איז אַזוי טראַגיש־יונג געשטאָרבן, האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער אין ענגליש, האָט דער פאַרליבטער פאָטער זיך נאָר געפרייט מיט דעם פאַקט פון די לידער, ער האָט אפילו עטלעכע פון זיי איבערגעזעצט אין יידיש. אַז דער זון פון איינעם פון די גרעסטע דיכטער ביי יידן, אין דער שוין דאַן גרעסטער יידישער שטאָט, וואָס האָט דערצו דעמאָלט כמעט דורכאויס גערעדט יידיש, שרייבט אין ענגליש — דאָס האָט דער פאָטער אפילו נישט באַמערקט. אויך אין מאַרקישעס שטוב אין מאָסקווע איז געוועזן די זעלבע סתירה, די זעלבע טראַגישע סתירה. מיר איז עס אויסגעקומען צו זיין אין יאָר 1935 ביי מאַרקישן אין שטוב אין מאָסקווע. דער איינציקער מענטש, וואָס האָט דאָרט גערעדט יידיש איז געוועזן זיין סעקרעטאַר, אַן עלטערער ייד. איך דערמאָן דאָ דעם פאַקט אין אָט דעם עסיי, ווייל איך וויל, אַז דאָס דראַמאַטישע בילד פון מיין טייערן יוגנט־חבר און גרויסן־גרויסן דיכטער זאָל אַרויסקומען אַזוי עכט און אומפאַרפעלשט ווי לעבן אַליין.

זאָל מיר דערלויבט זיין דעם אָפּשניט פון אָט דער ארבעט צו פאַרענדיקן מיט א ציטאַט פון מיינס א ליד, געשריבן אין יאָר 1936, „פאַרטאָג־תפילה אויפן ים פאַר יידישע פּאָעטן":

אוןן פאַר פּרץ מאַרקישן בעט איך דיך, גאָט,
פאַר מאַרקישן מיט זיין שיינעם קאָפּ,
ווי דו אַליין, שיין,
ווי דו אַליין, אין דיינע יונגע יאָרן,
זיינע ווילדע בילדער, זיינע ווילדע לידער, זענען
פייגל, וואָס זענען איבער אַלע וועלטן געפלויגן —
און איצט זענען זיי מיט צעבראָכענע פליגל
צוגעפאַלן צו די מויערן פון קרעמל, צו די קאַלטע ציגל,
און עס דאַכט זיך זיי און זייער זינגער,
אַז זיי האָבן געפונען די פייערדיקע רוט,
וואָס נעמט נקמה פאַר יידישע טאַטעס און מאַמעס
און שוועסטערס און ברידערס פאַרגאָסן בלוט.
און ווייל עס ברענט אים, ווייל ער האָט זיך אין דעם בלוט, אין זיין „קופּע" געוואַלגערט,
קושט ער איצט מיט זיינע געטלעכע ליפּן די פייערדיקע נקמה-רוט.
טו, גאָט, אַז זיין גלויבן זאָל איביק געדויערן. —
רייס אים נישט מער אַוועק פון די קרעמעל-מויערן,
פון זיין טרוים פון לעצטן גליק
אין אונדזער אייבזאַמער וועלט פון פאַרצווייפלונג צוריק.

איך ווייס נישט צי מאַרקיש האָט ווען עס איז דאָס ליד געלעזן און, אויב ער האָט עס געלעזן, צי האָט ער כאָטש טיילווייז מסכים געווען מיט מיין קאָנצעפּציע. די געשיכטע, אַזוי ווייזט עס אויס, לערנט אונדז, אַז זי איז נישט ווייט אַוועק פון דעם אמת. מאַרקיש האָט זיך מיט זיין גאַנצן התלהבות אָנגעהאַלטן אָן די קרעמעל־מויערן ביז צו יענעם נאָוועמבער אין יאָר 1948, ווען א פאַרניכטנדיקע האַנט האָט אים פון די מויערן יאָ אַוועקגעריסן. וואו איז ער היינט? וואו? — איך פרעג, און — קיין ענטפער איז נישטאָ.

ג

מאַרקישעס פיזישע שיינקייט איז יאָרן־לאַנג געווען אין פּוילן ממש א שם דבר. ער איז אַזוי שיין געווען, אַז ער האָט אַזש . . . נישט געהאַט קיין דערפאָלג ביי פרויען. ער איז געווען צו שיין, און זיי האָבן מורא געהאַט צוצוגיין נעענטער, כּדי זיך נישט אָפּצובריען אויף א לעבן־לאַנג. און מאַרקיש אַליין האָט זיך נישט צופיל אָפּגעגעבן מיט זיינע ראָמאַנטישע איבערלעבונגען. קיין נזיר איז ער נישט געווען. ער האָט אפילו נישט אינגאַנצן פיינט געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. ער איז לייכט שיכור געוואָרן און האָט דערפון זייער געליטן. אויך פיזיש. אָבער עפּעס א געהיימע קראַפט

האָט אים גאָר באַלד אויסגעניכטערט און אין עטלעכע שעה אַרום, אָפּט נאָך אַ דורכגעוואַכטער נאַכט, פֿלעגט ער זיצן מיט דער געדולד פֿון אַ מוראַשקע ביי זיינע געדיכט־געשריבענע מאַנוסקריפּטן. אַ שריפֿט האָט ער מיט נידעריקע, ברייטלעכע אותיות — און ער שרייבט און שרייבט און שרייבט איבער און איבער און פֿאַרריכט אָן אַן אויפֿהער. ער פֿלעגט שרייבן זייער שווער און זייער לאַנגזאַם זיינע שטראָמיקע לידער, זיין געדיכט פּראָזע, זיינע באַרדעוודיקע דראַמעס. פּאַרטיקעלהייט האָט עס אויסגעזען, ווי אַז דער פּאָעטישער שטאָף וואָלט עקספּלאָדירט פֿון זיין פֿעדער, ער האָט אים אָבער מיט שווערער פֿאַראַנטוואָרטלעכער מי אַרויסגעריסן פֿון דער טיף פֿון זיין נשמה, וואָס האָט די אַלע עקסטראַוואַגאַנצן גענומען זייער ערנסט. ענלעך זיינען אויך געווען זיינע רעדעס און ער איז אין יענע פּוילישע יאָרן (מיט איבעררייסן) פֿון 1921 ביז 1928 געווען באַטראַכט פֿאַר אַן ערשט־קלאַסיקן אָראַטאָר. האָט עמיץ פֿון דער ווייטן געהערט זיין רעדע — האָט זיך געדאַכט, אַז אַ באַרג־שטראָם מיט רייד גיסט זיך דאָרט ערגעץ. פֿון דער נאָענט האָט מען געזען די ספּאַזמען פֿון זיין גאַנצן ליידנדיקן וועזן, האָט מען געזען ווי ער רייסט ממש מיט שטיקער לייב זיין רעדע אַרויס פֿון זיך, ווי ער קנייפּט זי פֿון זיין נשמה אַרויס. זיין אַנצוג פֿלעגט נאָס ווערן אויף אים ווי דאָס העמד פֿון אַ ריקשאַ, ווען ער פֿאָרט מייל־ווייט באַרג־אַרויף.

אוודאי האָט מאַרקיש געהאַט אַ פּערזענלעך לעבן און אפֿילו אַ גאַנץ אינטענסיוו, אָבער אַלץ איז ביי אים געווען זיין דיכטערישע שליחות, זיין יידישע דיכטערישע שליחות. ער האָט ערנסט געזוכט צו פֿאַרבינדן פֿעדים פֿון דער נבֿואה פֿון עמוס, פֿון זכריה, פֿון ישעיה מיט די פֿעדים פֿון דעם ברענענדיקן קנויט פֿון זיין אייגענער דיכטונג. און עס איז קיין צופֿאַל נישט וואָס זיין דיכטונג איז כמעט דורכאויס סאָציאַל. סאָציאַל און נאַ־ציאָנאַל. אין בעסטן פֿאַל דיכטערישע עפּיק, וואָס איז אויך פֿול מיט סאָציאַלע שייכותן. קליינע אויסנאַמען זיינען אין דעם גרויסן פֿילבענדיקן — כאָטש נישט צוזאַמען אַרויסגעגעבענעם ספֿר פֿון זיינע לידער — די נאַטורשילדע־רונגען. אין זיי האָט ער זיך פּשוט נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן זיין ליבע צו בילדערישקייט. אין זיינע לידער הויפּן זיך בילד אויף בילד אָפּט, אַרויף און אַרויף, איינס אויפֿן אַנדערן, ווי די עלף דעכער פֿון דער בודיסטישער פּאַגאָדע, אַרויף, אַרויף ביז דעם הימל ממש.

ער איז איינער פֿון די ווינציקע, און אפֿשר דער איינציקער גרויסער דיכטער ביי יידן אין דער מאָדערנער צייט, וואָס האָט קיינמאָל קיין ליבעס־לידער נישט געשריבן. יעדנפֿאַלס נישט געדרוקט. אין דעם זינען באַגעגנט ער זיך מיט די דיכטער פֿון דער השכלה פֿון פֿאַר הונדערט יאָר. אויך זיי האָבן נישט געקענט פֿאַרשטיין, ווי מען קען אין אַזאַ ביטערער וועלט, פֿול מיט ליידן און מיט פּראָבלעמען, זיך אַוועקזעצן בענקען צו אַ געליבטער. אַזוי אויך מאַרקיש, דער אולטראַמאָדערנער דיכטער.

געוועזן אַ סך געזאַמלטע אויסגאַבעס פון די ווערק פון פרץ מאַרקיש. נישטאָ אָבער — און ווער ווייסט ווען עס וועט זיין — אַ פולע אויסגאַבע. זיין בוך „פאָטערלעכע ערד", אַרויסגעגעבן דורך דעם „אוקרמעלוכנאַצמינד־פאַרלאַג" אין קיעוו, אין יאָר 1938, אַנטהאַלט 392 זייטן און איז דערשינען אין 1,500 עקזעמפלאַרן. עס איז, ווייזט אויס, אַ מין זעלבסט־אַנטאָלאָגיע. אין אָט דעם בוך זיינען דאָ — אין אַ קווערשניט — אַלע סאָרטן לידער און פּאָעמעס, וואָס מאַרקיש האָט ביז דעמאָלט געשריבן, אפילו דאָס באַרימטע ליד זיינס, „קומט צו מיר פאַרנאַכט אַ שאָף", געשריבן אין יאָר 1917, צו זיינע 22 יאָר. עס איז אָבער נישטאָ קיין סימן פון די לידער פון דער „קופּע", דעם טראַגישן קדיש פון דעם דיכטער אויף די אוקראַינישע פּאָגראָמען פון 1918־1919. די אידיליע „וואָלין", נאָענט צו 40 זייטן, געשריבן אין יאָר 1918, איז אָבער יאָ דאָ אין דער אַנטאָלאָגיע. אַזוי איז אין יענער צייט געוועזן די ליניע: לעבנס־לוסטיקער אויפבוי פון לעבן, אין ערגסטן פאַל אַ ביסל אומעט, אָבער גלייכצייטיק ווילן צו באַפרייען זיך פון אים. און דאָס גאַנצע בוך הייבט זיך אָן מיט אַ ליד־הקדמה פון דעם דיכטער, וואו עס קומט צום אויסדרוק זיין ליידן צוליב דער נויטווענדיקייט זיך אַריינצופאַסן, זיין מוזן זיך אָפּזאָגן פון זיינע יידיש־טראַגישע לידער. אָט אַזוי פאַרזינגט־פאַרוויגט ער אין זיך אַליין אָט דעם יידישן טרויער זייגעם, אָט דאָס מוזן ברענגען ליד־קרבנות צוליב העכערע סאָציאַל־פּאָליטישע נויטווענדיקייטן:

ס'טוט אפשר ווי דעם שטיין,
ווען שטייפע פייל אים פיילט און פורעמט, —
אויף יעדן קנאַל פון אָפּגעהאַקטן טייל
קריצט אפשר אויף אין פיין דער אָנמעכטיקער אוראַלט...
נאָר אונדז, נאָר אונדז אַליין, —
פאַרשוואוירענע באַצווינגער פונעם שטורעם, —
געגעבן איז באַזייטיקן דעם וויי
און דאָס געשריי פון קרעאַטורן!
ס'טוט אפשר ווי דעם בוים,
ווען צווייגן, וואַקסנדיק, זיין קאָרע־לייב צעזעצן, —
און אפשר שרייט די ליים,
ווען האַנט, ווען פורעמדיקע קנאָדערט דאָרט און קנעט זי,
ווען צו געשטאַלט און צו געביין
פאַרקלאַמערן זיך נעצן...
נאָר אונדז, נאָר אונדז אַליין
באַוואוסט זענען געזעצן,
געזעצן קלוגע פון פאַרוואַנדלונג, —
נאָר אונדז געגעבן איז באַנעמען און פאַרשטיין
דעם זין פון איבערגאַנג א. א. וו.

איך וויל קיין ווייטערדיקע אויספירן פון דעם ציטאַט נישט מאַכן. ער שרייט דיכטעריש זיין אייגענעם צער געגוג דייטלעך אַרויס.

מאַרקישן זיינען אָפּטמאָל געגעבן געוואָרן מעגלעכקייטן אַרויסצוגעבן אַלערליי קאָמבינירטע זאַמל־אויסגאַבעס פון זיינע ווערק, יעדע איז אָבער דערשינען אין אַן אַנדערער צייט, אַן אַנדערער היסטאָרישער קאָנסטעלאַציע און ווייזט אויף אַן אַנדערן צוגאַנג. דער גאַנצער מאַרקיש, דער מענטש, דער ייִד, דער אויפריכטיקער סאָוויעטישער בירגער, איז געבליבן באַהאַלטן אין זיין גרויס דיכטעריש האַרץ. אין דעם גאַנץ־בילד פון זיינע ווערק — און דער גרעסטער טייל זייערער איז געקומען צו דער עפנטלעכקייט — אַנהייבנדיק מיט דער זאַמלונג „שוועלן", דערשינען אין יאָר 1919 און — דערוויל — ענדיקנדיק מיט זיין גרויסן צערפולן עפּאָס „מלחמה", דערשינען אין יאָר 1948, איז אויך דאָ דאָס גאַנץ־בילד פון אַ טראַגיש־גרויסן ייִדישן דיכטער אין זיין גאַנג דורך 29 יאָרן פון דעם דריטן חורבן פון זיין געליבט פאָלק.

ה

געבן אַ פולע ביבליאָגראַפיע פון פּרץ מאַרקיש הייסט פאַרנעמען מיט איר פיל צענדליקער זייטן, אפילו געבנדיק בלויז די טיטולן און דאַטעס פון די בוכאויסגאַבעס און גרעסערע ווערק, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין צייט־שריפטן; אַ רשימה פון אויסגאַבעס, וואָס ער האָט רעדאַגירט און אַ רשימה פון גרעסערע אַרבעטן וועגן אים, איז עס דאָ נישט מעגלעך אויסצופירן. זאָלזשע כאָטש דערלויבט זיין צו וואַרפן אַ בליק איבער אַ רייע ווערק. דאָס וועט אונדז כאָטש געבן אַ באַגריף פון דעם פאַרנעם פון דער אַרבעט פון אָט דעם דיכטער, פּראָזאיקער, דראַמאַטורג, עסייאיסט; וואָרעם אויף אַלע די געביטן איז ער טעטיק געוועזן. אין דער ערשטער רייע איז ער אָבער אַ דיכטער.

אין ראַמען־פאַרבאַנד פירט זיך עס נישט, אַז מען זאָל אויף ביכער געבן ביבליאָגראַפיעס פון די מחברים. די סיבה איז אַ פשוטע: נישט די מלוכה, דער אַרויסגעבער, און נישט דער מחבר זיינען אַלעמאָל פאַראינטערעסירט, אַז דער נעכטן זאָל גאָר געדענקט ווערן. אַלץ איז היינט! און איך מוז מיך דעריבער פאַרוואָרענען קעגן וויכטיקע דורכלאָזן.

„שוועלן", איז געווען מאַרקישעס אָנקלאַפּ אין טיר פון דער ייִדישער ליטעראַטור — קיעווער פאַרלאַג, 1919, 160 זייטן. 24 יאָר איז דער דיכטער אַלט. און שוין דאָ זיינען צו געפינען אַלע זיינע קומענדיקע דיכ־טערישע מעלות, און אויך חסרונות. אָט אַזוי הויבט ער בילד אויף בילד, באַשרייבנדיק הויכע בערג:

> אין דר'הויך, ביי די צעלאָזטע פעלזן־בערג צוקאָפּן
> שלעפּט אום אַ ווינד אַ שוואַרצן פליגל פון אַ קראָ,

דאָרט קלייבט אַ כמאַרע שטיל אַ טראָפּן צו אַ טראָפּן, —
געפינען האָט זיך דאָרט איר שטילע היים די רו.
ווי מחנות פערד געשוואָלענע, געשפּאַנט ביי דר׳ערד,
רייסן זיך הויך די קעפּ, די פּיס אין אָפּגרונט טיף געשטעלט,
אויף זייערע געקייטלט שטייפע רוקנס — פערד אויף פערד,
דאָרט וואַקסן סודות צו צעשטערן און באַשאַפן ביי אַ וועלט.

„סתם״ איז אַ זאַמלונג פון אַ זייטן 190. פאַרשטיין זי — נישט לייכט. אָבער די וועלט, אין וועלכער זי איז אַריינדערשינען — צום ערשטן מאָל אין קאַטערינאָסלאַוו, 1920 — האָט געבענקט נאָך היסטאָרישן פּאַטאָס, ווייל מיט קלאָרן שכל האָט מען דאַן גאָרנישט געקענט באַנעמען. און דערמיט איז עס צו דערקלערן, וואָס אַט די זאַמלונג איז דערשינען אַזש פיר מאָל, דערפון צוויי מאָל אין וואַרשע, 1922. מאַרקישעס פּאַטעטישער מהות איז שוין דאָ אָנגעצונדן ביז ווייס־גליען ממש. און ער זינגט:

טויזנט־אָטעמדיקער וויכער,
אויף מיין האַלדז אַ ווייסער שלייף איז,
פלאַקערט, פלאַקערט ווייסע שריפהס,
ווינטן גיכער, גיכער, גיכער,
וויכער — וויעס ווילד צענעם מיר,
ווינט — לבנות ווייסע צינד אָן —
גיסט פון מיילער, גיסט פון עמער,
שיט פון אויבן, שיט פון אונטן,
ווייסע בלאָז־זעק, ווייסע שמידער,
איך בין ווידער,
איך בין ווידער!

„פוסט און פּאַס״ איז נאָך צעלאָזענער און ווילדער ווי „סתם״, שוין אפילו אין טיטל. אין תוך ווי צוויי טראָפּן פון איין צעגליטער, פייערדיקער מאַסע. לאָמיר ציטירן:

מיר איז צו קליין דער וועג פאַר מיין נישט־וויסן וואו איך גיי דאָ,
און פאַר מיין איינשפּאַנען זיך ווילד איז פויל און שלעפעריק דער ווינט;
וואָס איז די וועלט קעגן מיין אייגן פירן זיך צו דער עקידה,
די אייביקייט וואָס איז קעגן מיין שטאַרביקן אַצינד?...
פאַר מיין נישט דאַרפן גאָרנישט — ווייניק איז מיר אַלץ, וואָס זען נאָר איך אַליין קאָן,
די גאַנצע טרוקעניש איז קאַרג פאַר מיין אָפּצאַס;
וואָס איז דען מיידליש לייב קעגן מיין פלאַקערן און בענקען,
וואָס איז מיין פלאַקערן און בענקען קעגן מיין פוסט־און־פּאַס!

„די קופּע״ איז אַ פּאָעמע פון 23 לידער, סך הכל אַ 35 בוכזייטן. זי איז דערשינען 1921 אין וואַרשע, איינמאָל פריער און איינמאָל שפּעטער אין רוסלאַנד, און איז פאַרשוואונדן פון די ווייטערדיקע אויסגאַבעס פון מאַרקישעס ווערק און חוץ לראַטן־פאַרבאַנד איז זי אויך מער נישט דער־שינען. די וואַרשעווער אויסגאַבע איז אַרויס אונטער מאַרקישעס אייגענער

האנט. ער האָט אינסיסטירט, אַז דאָס יאָר אויפן שער־בלאַט זאָל זיין דאָס יידישע יאָר ה׳תרפ״ב, אַז די נומעראַציע פון די זייטן זאָל זיין א, ב, ג, א. אַ. וו., און די גאַנצע פּאָעמע איז פּונקט אַזוי פול מיט קדיש־פּסוקים ווי מיט גאָט־לעסטערונגען. עס איז מאַרקישעס קדיש:

נאָך אייך, הרוגים פון אוקראַינע,
וואו פול מיט אייך די ערד איז,
און אויך נאָך אייך, געשאָכטענע אין קופּע,
אין האָראָדישטש, דער שטאָט ביים דניעפּער,
קדיש!

דאָס וואָרט „קופּע״ איז אין יענער גרויליקער צייט — 1917־1919 — געוועזן איינס פון די „טעכנישע״ (ווי איז אונדז!) פּאָגראָם־ווערטער, וואָס האָט באַצייכנט די קופּעס הרוגים, וואָס זיינען אומעטום אַרומגעלעגן און געוואַרט אויף קבר ישראל.

אָבער נישט נאָר טראַגישער פּאַטאָס, אָפטמאָל אפילו סתם ווילדער פּאַטאָס, האָט געשפּאַרט פון מאַרקישן אין זיינע ווילדע ריטמען, ווי אַ וואַסערפאַל אין הויכע בערג, נייערט אויך פּשוטע לעבנס־פרייד, יוגנטלעכקייט. אַ טאָפּל־שטראָם. אַ מין ליכט־ און שאָטן־שפּיל. אַן ערך ווי דער טאָפּל־שטראָם פון טראַגעדיעס און — גלייכצייטיק — קאָמעדיעס ביי גרויסע דראַמאַטורגן.

צווישן די יאָרן 1919 און 1922 זיינען דערשינען עטלעכע ווייטערע זאַמלונגען, לרוב באַשטימט פאַר קינדער און יוגנט. „וואָלין״ — אַן אידיליע פול מיט רו און ליכטיקייט און שבתדיקייט, „שטיפעריש״, קינדער־לידער וועגן די פיר צייטן פון יאָר, „זאַנג־געזאַנג״ און „גאָלאַגאַנער האָן״ — קינדער־זאַמלונגען. אָט אַזוי ווערט דער פרילינג באַשריבן:

וואַש זיך ערד און וואַש זיך הימל,
וואַשט זיך פעלדער און זייט ריין,
כאַפּט זיך אויף פון אייער דרימל
און דערקענט זיך נישט אַליין...
ווייגט זיך אויס, פאַרפוילטע דעכער,
קאָפּעט נאָך אַ טרער, אַ טרער;
הימלען ווערן איצטער העכער,
און מען דאַרף אייך שוין נישט מער.

„פאַרבייגייענדיק״ איז געוועזן אַ קליינע זאַמלונג פון עסייען, אַרויס אין ווילנע, 1921, 74 זייטלעך קליינע. אייגנטלעך איז דאָס געוועזן די אויפשריפט פון די געגרעדטע ליטעראַרישע רעפעראַטן, וואָס מאַרקיש פלעגט דעמאָלט האַלטן און מיט זיי פאַרצויבערן די דעמאָלטיקע יידישע יוגנט. אָט דאָס קליינע ביכל, ווי כאַאָטיש עס איז, איז אַ געהיים־שליסל צום גאַנצן שפּעטערדיקן מאַרקיש, מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות. כאָטש מאַרקיש האָט ליידנשאַפטלעך געשריבן עסייען און זיי געדרוקט ביי יעדער

געלעגנהייט, האָט ער לײדנשאַפטלעך פּאָלעמיזירט און אפילו געשריבן רעצענזיעס. אין ביכער האָט ער זיי נישט געזאַמלט. אָבער אויך דער טייל פון זיין אַרבעט וועט נישט טאָרן איגנאָרירט ווערן ביי אַ גאַנצער זאַמלונג, אָדער כאָטש אַ פולערן אויסקלייב.

„ראַדיאָ", 1922 — וואַרשע, איז דערשינען אין אַן אויסגעטראַכטן פאַרלאַג מיטן נאָמען „אַמבאַסאַדאָר". מאַרקיש האָט דעמאָלט געהיים מיט־געטיילט זיינע חברים — היינט מעג מען דעם סוד אויסזאָגן — אַז די מיטלען אויף דער אויסגאַבע האָט צוגעשטעלט די סאָוויעטישע אַמבאַסאַדע אין וואַרשע. און עס איז אַ דורכאויס רעוואָלוציאָנערע סאָוויעטישע פּאָעמע. אָט אַזוי שפּאַרט אין אָט דער פּאָעמע, אַרויסגעגעבן אין פּאָליאָ־פאָרמאַט, ווי „די קופּע", פון מאַרקישן דער באַרגשטראָם פון רעוואָלוציאָנערע בילדער:

אין קרוינשטאָט גלעקער אַלע גלעקערן!
טרומייטן־רוף איז שווינדלעך און גרויס:
— וועלט־איינס! וועלט־צוויי! וועלט־דריי!...
אומזיסט מיט ברענענדיקע הענט אין וועג אַריין!
קיין אָנגעצונדענער וועט נישט אַרויס,
קיין דורכגייער וועט נישט אַריין!

און עס קומט אַ קורצער פּעריאָד פון באַרואיקונג, אפשר שטילן צווייפל. מאַרקיש רעדאַגירט בשותפות מיט י. י. זינגערן (וואָס פאַר אַ פּאַראַדאָקס! זיי זיינען אָבער געווען פריינט — מיטגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס — נאָך פון קיעוו אויס) די „כאַלאַסטרע", 1922, שפּעטער 1924, מיט י. י. זינגער, נחמן מייזיל, אַלטער קאַציזנע און דעם שרייבער פון די שורות, אַ יאָר לאַנג „ליטעראַרישע בלעטער", ער מאַכט רייזעס איבער אייראָפּע, וואוינט אין בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן, פאַרפאָרט אפילו קיין ארץ ישראל, קומט צוריק קיין פּוילן אויף אַ שטיק צייט, פאָרט ווידער, באַזוכט געהיים דעם ראַטן־פאַרבאַנד, ער האָט עפּעס געהאַט אַ מאָדנעם כישוף־שפּרונג ביים גיין אַהין און אַהער איבער די „גרינע גרענעצן", אַ פאַס האָט ער געהאַט אַ פּוילישן; און אין יאָר 1928 באַזעצט ער זיך אויף שטענדיק אין ראַטן־פאַרבאַנד. זיין שטענדיקע אומרו און וואַנדער־לוסט מוז ער איצט שטילן אין כסדרדיק זיגזאַגישע רייזעס איבערן ריזיקן פאַרבאַנד. מערערע מאָל פאַרפאָרט ער ביז ביראָ־בידזשאַן. אַז רוסלאַנד נעמט איין עטלעכע לענדער צום מערב, אין יאָר 1939, איז מאַרקיש דאָרט גאַסט נומער איינס ביי די דאָרטיקע יידן און דער עיקר יידישע שרייבער.

באַלד אין די ערשטע יאָרן נאָך שטענדיק זיך באַזעצן אין ראַטן־פאַר־באַנד האָט מאַרקיש פאַרווירקלעכט זיין חלום, פאַרענדיקט און אַרויסגעגעבן זיין גרויסן ראָמאַן (אַרום 900 זייטן) אין צוויי בענד „דור אויס—דור איין" (1929). עס איז אַ געצווינגענער ראָמאַן פון די רעוואָלוציאָנערע יאָרן, 1917-1919, וואָס זיינען דעם דיכטער אַזוי גוט באַקאַנט געווען. דאָס ווערק איז פול מיט שאַרפער בילדערישקייט, ווי אַלץ, וואָס מאַרקיש שרייבט, און נישט

ווייניקער פול מיט אַגיטאַציע, מיט אויסטענהן זיך מיט די העלדן, קריגן זיך מיט די שלעכטע, קושן די גוטע. פאַראַנען אין בוך אַ סך שאַרפע סאַטירע איבער די אומאַנטשלאָסענע מענטשן צווישן צוויי דורות.

דער קורס אין דער ראַטן־פאַרבאַנדישער ליטעראַטור איז איצט: גלאָ־ריפיצירן די יאָרן פון דער רעוואָלוציע, אַראָפּרייסן דאָס אויסלענדישע, הייבן דעם אַרבעטס־גייסט אין לאַנד. עס זיינען די יאָרן פון די „פּיאַטילעטקעס", די יאָרן פון סטאַכאַנאָוויזם. מאַרקיש איז איינגעשפּאַנט מיטן גאַנצן ברען פון זיין טעמפּעראַמענט אין אָט דעם נייעם גאַנג. ער שרייבט אַ גרויסע פּאָעמע „ברידער" — נאָענט צו 300 זייטן — אויף צו באַטייליקן זיך אין דער גלאָריפיקאַציע פון דער מלחמה מיט די מערבֿ־מלוכות, וואָס האָבן געוואָלט אויסנוצן די שווערע צייט אין רוסלאַנד און האָבן אינטערווענירט קעגן דעם זיך אויסשפּרייטנדיקן באָלשעוויזם. אויך דער גאַנג פון די אַרמייען פון בודיאָני אויף פּוילן ביז וואַרשע געפאַלט אין יענער צייט. די דאָזיקע פּאָעמע איז מאַרקישעס דיכטערישע צוגרייטונג צו דעם קרוינווערק פון זיין שטראָמיקער שעפערישקייט, צו דער דריטהאַלב־מאָל אין פאַרנעם אַזאַ גרוי־סער פּאָעמע „מלחמה", וואָס וועט אַרויס אין יאָר 1948. די פּאָעמע „ברידער" איז אַרויס אין קיעוו, אין יאָר 1929. אויך דאָ אין דער געשיכטע פון די צוויי ברידער, פּונקט ווי אין דער שפּעטערדיקער פּאָעמע „מלחמה", איז דאָ אַ שלל מיט פאָלקסטימלעכער ייִדישקייט. דאָ אָבער זיינען נאָך דאָ און דאָרט פאַראַנען די באַוואוסטע יעווסעקישע אַנטיקלעריקאַלע באַמערקונגען, וואָס האָבן ביי מאַרקישן שפּעטער אינגאַנצן אויפגעהערט. די פּאָעמע איז די קריגסכראָניק פון צוויי ברידער, צוויי סאָלדאַטן:

זייט וויסן זיסע וויינגערטנער, ווייַנטרויבן און פערשקעס,
זייט וויסן טיפע ימען, זייט וויסן, הויכע בערג:
צוויי געטרייע זיין פאַרמאַגט מנחם הערש,
איינער הייסט עזריאל, דער צווייטער שלמה בער!

און אַז די זין קומען אום גייט אויך די מאַמע אוועק פון דער וועלט פון צער און אָט אַזוי זעט אויס די אַמאָל גליקלעכע שטוב פון מנחם הערשן:

לייכטער צוויי צוקאָפּנס, אומעטיקע, גלייכע,
ס׳וויינט אַראָפּ צום פאָל דער שבתדיקער טישטעך.
קיינער וועט דעם טייטש־חומש מער שוין נישט פאַרמאַכן,
מער שוין נישט פאַרמאַכן, מער שוין נישט קיין קוש טון.

צווישן די אומצאָליקע עפּיזאָדן אין דער פּאָעמע איז דאָ אויך אַ באַלאַדע וועגן דעם טויט פון דעם פּלאָצקער רבֿ, וועמען די פּוילישע לעגיאָ־נערן האָבן באַשולדיקט אין זיין אַ שפּיאָן לטובֿת די באָלשעוויקעס און אַ שפּעטערדיק געריכט האָט נישט געוואָלט רייניוואַשן . . . און אויך דער טראַגישער עפּיזאָד איז ווי אַ צוגרייטונג צו דער באַלאַדע פון דעם טויט פון דעם אַלטן שניצער לוי פּונקט צו כל נדרי (אין עפּאָס „מלחמה").

אויף דער יידישער גאַס פאַנגט זיך אָן דער גאַנג צום סטעפּ, ריכטיקער דער רוף צום סטעפּ. און מאַרקיש מאַכט ליטעראַריש מיט אַט דעם רוף אין דער פּולער מאָס. דער לענינישער „נ.ע.פּ." איז לאַנג שוין געענדיקט און די יידן דאַרפן דעפיניטיוו פאַרלאָזן די קראָמען און אָדער זיך אינדוסטריאַליזירן, אָדער זיך קאָלאָניזירן. קרימער קאָלאָניעס און ביראָבידזשאַנער טייגע — אַהין דאַרף איצט רופן דער דיכטער אויף דער יידישער גאַס. און — נאַטירלעך — מיטהעלפן שטאַרקן דעם טעמפּ פון דער ענערגיש אָנגעפירטער אינדוסטריאַליזאַציע.

עס אַנטשטייט די ממש שלום עליכמדיק טוביהדיקע פּאָעמע „ניט געדאַגהט" און שפּעטער די פּיעסע מיט דעם זעלבן נאָמען. מאַרקיש האָט בכלל אַ טבע צו באַאַרבעטן זיינע טעמעס אָפט אי אין פּאָעטישער, אי אין פּראָזאַישער און אין אין דראַמאַטישער פאָרם. ער נעמט אָפט אויך אַריבער זיינע העלדן פון איין בוך אין אַן אַנדערן אַריין. אייניקע באַגלייטן אים שוין צענדליקער יאָרן. אין דעם עפּאָס „מלחמה" האָט ער געמאַכט אַ מין אסיפה פון אַלע זיינע העלדן. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, פאַר זיין פאַמיליאַרישקייט און שטענדיקער וואַלט וויטמענישער ברידערלעכקייט. דער גרויסער אמת איז דאָך, אַז אַלע ביכער פון אַן אמתן דיכטער זיינען איין בוך, און אַלע העלדן און אַלע סצענעס אין זיי נישט מער ווי אַ שפּיגל פון אייגענעם לעבן און אייגענע פיזישע, אָדער גייסטיקע, איבערלעבונגען.

עס קומט פאַר די ראַדיקאַלע קאָלעקטיוויזאַציע פון דאָרף. אויף דער אַלגעמיינער סאָוויעטישער גאַס גייט אָן דער קאַמף מיט די א. ג. „קולאַקעס". אויף דער יידישער גאַס רופן זיך די „קולאַקעס" — „באַלעגופים". מאַרקיש מאַכט אויך דאָס מיט. ער שרייבט די פּאָעמע „אַנשל זאַליאַזניק". די פּאָעמע צעוואַקסט זיך ביז 230 זייטן און דערשיינט אין דער אַנטגילטיקער פאָרם אונטער דעם טיטל „דעם באַלעגופס טויט" אין יאָר 1935, אין פאַרלאַג „עמעס", אין מאָסקווע. די פּאָעמע פאַרענדיקט זיך מיט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע שורות אויפן חשבון פון באַלעגוף:

וואָס זעט זיך אָן אין אַ וואַלד פאַרפלאָנצן נאָך אַ בוים,
צי אויסהאַקן אַ בוים און אויסוואָרצלען אינגאַנצן ? . . .

מאַרקיש האָט אויך געשריבן אַ גאַנצע רייע פּיעסן, אַנדערע פון זיי זיינען בלויז דראַמאַטיזאַציעס פון זיינע פּאָעמעס. נישט אַלע פּיעסן זיינען געדרוקט געוואָרן, אייניקע בלויז געשפּילט, און אודאי נישט איינע בלויז אויפגעשריבן. די פּיעסן זיינען לכתחילה באַשטימט געוועזן פאַר טעאַטער, אַלע זיינע זיי אַקטועל. אין זיינע געזאַמלטע ווערק (יאָר 1933) איז דער זעקסטער באַנד אויסגעפילט מיט דריי פּיעסן. אַלע דריי סכעמאַטישע אַגיטאַציע-פּיעסן. „ערד" האָט אַן אונטערטיטל: דראַמאַטישער וואַריאַנט פון דער פּאָעמע „ניט געדאַגהט". „ווער ווּעמען" איז אַ פּיעסע וועגן דעם גאַנג פון יידן צו דער שווערער אינדוסטריע (אין דעם פאַל: קוילן-גרובן). „דער

פינפטער האָריזאָנט" איז אַ פּיעסע, וואָס האָט אַ שייכות צו אויסלענדישער פּאָליטיק פון דער ראַטן־מאַכט אין די דרייסיקער יאָרן. דאָס קלינגוואָרט איז דעמאָלט געווען: דעריאָגן און איבעריאָגן! מאַרקיש איז נעגאַנגען באַוואוסטזיניק אין שפּאַן.

זייענדיק איינער פון די יידישע שרייבער אין ראַטן־לאַנד, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג פאַרבראַכט אין מערב־אייראָפּע, האָט זיך שוין מאַרקיש אויך געהאַלטן פאַר אַ קענער פון אַמעריקעס יידן, כאָטש ער איז אין אַמעריקע קיינמאָל נישט געווען. דער ראָמאַן „איינס אויף איינס", קיעוו, 1934, איז די געשיכטע פון אַן אַמעריקאַנער ייד נייטן בעקער, וואָס איז אַוועק קיין רוסלאַנד זיך דאָרט נוצלעך צו מאַכן און צו לערנען די דאָרטיקע אַרבעטער דעם אַמעריקאַנער „האָרי אַפּ". ער בלייבט אָבער אַ באַזיגטער אין אַן ענדגילטיקן געוועט, מחמת די אַרבעט פון די דאָרטיקע סטאַכאַנאָווצעס איז אי אַ גיכע און אי אַ שכלדיקע. און דער אַמעריקאַנער סיסטעם איז טאַקע גיך, אָבער אָן שכל . . . דער ראָמאַן איז אויך דראַמאַטיזירט געוואָרן. געווען שטאַרק דערפאָלגרייך אין טעאַטער. די גאַנצע זאַך איז אַ הונדערט־פּראָצענטיקע אַגיטקע.

דער באַרימטער עלעקטרישער פּראָיעקט „דניעפּראָסטראָי" איז געוואָרן אַ סימבאָלישע טעמע פאַר אַלע סאָוויעטישע דיכטער. און אויך מאַרקיש איז נישט אָפּגעשטאַנען. דעם רעקאָרד אויף דעם געביט האָט אָבער געשלאָגן, דאַכט זיך, איציק פעפער. מאַרקישעס דניעפּראָסטראָי־פּאָעמע רופט זיך „אויפגאַנג אויפן דניעפּער", מאָסקווע, 1937, 320 זייטן. ווי אומעטום, אין די דאָזיקע פּראָגראַמאַטישע סאָוויעטישע דיכטונגען זיינע, פּירט אויך דאָ מאַרקיש אריין יידישע העלדן. עס שווימלט און גריבלט דאָ מיט פאַרשוינען און מיט אַקציע, מיט דראַמאַטישע געשעענישן, פאַרפלייצונג בשעתן גאַנג פון דער קריע, אָבער די פּאָעמע מאַכט מיד דעם לעזער, רייסט נישט מיט.

ו

שווער צו מאַכן אַ פול בילד פון דער שאַפונג פון אַ סאָוויעטישן שרייבער, נאָך שווערער פון אַ סאָוויעטיש־יידישן שרייבער און צום שווערסטן פון אַזאַ דינאַמישן סאָוויעטיש־יידישן שרייבער ווי עס איז פּרץ מאַרקיש, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, אַריבערגעטראָגן זיין דיכטערישן ווארשטאַט אין גאַנצן קיין פּוילן אויף אַ רייע יאָרן, דאָ קינסטלעריש געריפט, געוואַנדערט אַ ביסל אין מערב־לענדער, און סוף כל סוף פאַרבונדן זיין לעבנס גורל ווידער מיט דעם פאַרבאַנד. מיר האָבן שוין אין אָנהויב ציטירט זיינס אַ ליד, וואָס דערציילט אונדז אין אַ דיכטערישער פאָרם וועגן אָט די מעטאַמאָרפאָזעס. עס איז אָבער כדאי נאָך איין ציטאַט צו ברענגען, איצט אין פּשוטער און דייטלעכער

פּראָזע. אין בוך פּאָעמעס, צווייטער באַנד פון דער אויסגאַבע „געזאַמלטע ווערק", דאַסמאָל מינסק, 1936, שרייבט מאַרקיש אין „פּאַרוואָרט" כהאי לישנא:

> דער גרעסטער טייל פּאָעמעס, וואָס קומען אַריין אין דעם דאָזיקן באַנד, געהערן צו פאַרשידענע פּעריאָדן פון מיין קינסטלערישער און אידעאָלאָגישער פאָרמירונג. עס ליגט אויף זיי דער שטעמפּל פון אַלע שטרויכלונגען, וואָס זענען אייגנשאַפטלעך פאַר דעם גאַנצן דיכטערישן דור, צו וועלכן איך געהער. אין דער ערשטער ריי זענען דאָס שטרויכלונגען פון קולטור-באַלאַסט מיט וועלכן מיר האָבן זיך זייער שווער געשיידט, ווען מיר זענען לויטן באַפעל פון דער געשיכטע אויפגעפאָדערט געוואָרן אָפּרייניקן דעם אָרט פונעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן קולטור-באַלאַסט פאַר דער נייער סאָציאַליסטישער קולטור פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. פאַר דעם דאָזיקן קולטור-באַלאַסט האָבן מיר אָפּטמאָל געשטריטן ווי פאַר קולטור-ירושה. אויסערדעם האָבן זיך אונדז נאָכגעשלעפּט די איבערבלייבענישן פון דעקאַדאַנס. דאָס האָט אומפאַרמיידלעך געפירט צום נייטראַלן אינדיווידואַליזם. ביז נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט איז שוין געווען איין שפּאַן. א. אַ. וו.

אַט די ווערטער מאַרקישעס זיינען ממש אַ שליסל צו זיין גאַנצן גאַנג און געראַנגל אין אידעאישן זינען אין זיין ווערק, וואָס איז כמעט פון ערשטן מאָמענט אָן געווען סאָציאַל און נאַציאָנאַל. אויך זיינע ערשטע פּוסט־און־פּאַסע שריט אין דער דיכטונג זיינען געווען נאָר אַ סאָציאַלע אָפּשפּיגלונג פון דער צייט, אין וועלכער זיי זיינען געשאַפן געוואָרן.

זיין גאַנג און געראַנגל אין קינסטלערישן זינען ליגט פאַר אונדז אַזוי אָפן ווי אַלע זיינע ביכער, מחמת אויף דעם געביט איז זיין געראַנגל געווען דורכאויס זיינער. אויף דעם אידעאָלאָגישן געביט האָט ער כסדר געמוזט זיך רעכענען, ווי אַלע סאָוויעטישע שרייבער; אויף דעם קינסטלערישן געביט איז ער געווען אינגאַנצן ער: דער גרויסער מייסטער פון פאָרם און פון שפּראַך, דער מייסטער פון שטראָמיקן ריטם, פון קלאַנגיקן גראַם, פון קאַליידאָסקאָפּיש-פאַרביקן בילד, וואָס איז לרוב ביי אים מער אימאַזש ווי בילד.

מיר דאַרפן זיך, כדי גוט צו פאַרשטיין מאַרקישן, גוט אַריינגעמען אין קאָפּ אַריין די צוויי ווערטער „ירושה" און „באַלאַסט". אַט די צוויי ווערטער שטאַמען, אויב איך האָב קיין טעות נישט, פון לענין. זיי זיינען אָבער געוואָרן גאָר אַ וויכטיקער טייל פון די געראַנגלען אַרום דעם ענין נאַציאָנאַליזם ווערסוס סאָציאַליזם, און פאַרקערט, אין ראַטן־פאַרבאַנד. אַט דער געראַנגל האָט דאָך סוף כל סוף דערפירט צו דער גרויסער פאַרשטומעניש (מילד, זייער מילד גערעדט!), וואָס איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף דער גאַנצער יידישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. און זי איז דאָך שוין סיי־ווי געווען (אויך אין נאָוועמבער, 1948 — ווען דאָס גרויסע שטילשווייגן איז געפאַלן, געדיכט ווי דער חושך מצרים) גאַנץ היפּש איינגעשטילט „לויט דעם באַפעל פון דער געשיכטע", ווי עס זאָגט מאַרקיש אין דער נאָר וואָס

ציטירטער הקדמה. אין ראַטן־פאַרבאַנד איז געגוג צו ברענגען איבער די לעפצן דאָס וואָרט „באַלאַסט" בנוגע אַ וועלכן נישט איז ווערק און שוין ליגט עס אין ים פון פאַרגעסנקייט.

דער גאַנג איז איצט — מיר האַלטן ביי די יאָרן ערב דער גרויסער „פּאַטערלענדישער מלחמה" ווי מען רופט אין ראַטן־פאַרבאַנד אָפיציעל די קאָנטראַ־דייטשלאַנד מלחמה — 1938-1936 : ליבע צו סאָוויעטישער היים, סאָוויעטישער ערד, סאָוויעטישן מענטש. אַלע סאָוויעטישע פעלקער איין משפחה, וואָס האַלט זיך פעסט צוזאַמען אַרום דעם „גרויסמוטיקן און גרויסן" (אַזוי האָט מען עס אַלעמאָל גערופן אָפיציעל) גרויס־רוסישן פאָלק. און ביי דער געלעגנהייט ווערט דערלויבט אַ היפּשע דאָזע נאַציאָנאַלער פאָלקלאָר יעדן פון די צענדליקער סאָוויעטישע פעלקער. מאַרקישעס פּירהונדערט זייטיקע זעלבסטאַנטאָלאָגיע, וואָס דערשיינט אין יאָר 1938, אין קיעוו, רופט זיך „פּאַטערלעכע ערד" און זי אַנטהאַלט לידער וועגן זיינע משפחה־שטאַמען, זיין פּאָעמע „וואָלין, אָן אידיליע, געשריבן נאָך אין 1918, א. אַ. ו. די ליניע איז (זייט 246) :

ס'האָט געזאָגט אונדזער לאַנד,
און דאָס לאַנד האָט געהערט :
אַז קיין איינציקן שפּאַן
פון קיין שכנישער ערד
נים פאַרלאַנגט אונדזער האַנט,
נים פאַרלאַנגט אונדזער שווערט,
נאָר קיין איינציקן שפּאַן
פון סאָוויעטישער ערד
וועלן מיר נים אַוועקגעבן
אונדזערע פיינט.

קלאָר און דייטלעך, ווי פון אַלע ביכער מאַרקישעס, בפירוש אַלע, איז זיין ערלעכע כוונה אי צו הערן דעם אויסערלעכן „באַפעל פון דער געשיכטע" און אי דעם אינערלעכן רוף פון אומענדלעכער ליבע צו זיין יידיש פאָלק, צו די יידישע פאָלקס־מענטשן, יידישע היימישע טראַדיציעס, דעם אינערלעכן רוף פון דער יידישער געשיכטע. דערביי איז ער קיינמאָל נישט ווידער־שפּעניק געוואָרן דעם „באַפעל פון דער געשיכטע".

ז

עס קומט דאָס יאָר 1939, „דער שונא ביי די טויערן" (לויט אַ באַרימטן ליד פון אַ סאָוויעטישן דיכטער־פּאַרטיזאַן נאָך פון יאָר 1919 — אשר שוואַרצמאַן), אָבער עס זיינען יאָרן פון „פּאַקט" און מען מוז שווייגן. מען מעג נאָר באַזינגען די רויטע אַרמיי סתם און גלאָריפיצירן די איינשליסונג פון מערב־אוקראַינע אין ראַטן־פאַרבאַנד. אַ קליין ביכל „רויטאַרמייאישע באַלאַדעס", מיט בלויז אַ פּאָר לידער נייע און די איבעריקע איבערגעדרוקטע,

זאָגט עדות — מאָסקווע, „עמעס", 1940 — אַז מאַרקיש שטייט נישט אָפּ. אָבער זיין לײַדנדיק ייִדיש האַרץ איז ביי זיינע ברידער וווייט איבער דער איצטיקער דייטש־רוסישער גרענעץ. ער באַפרידיקט זיין בענקשאַפט אין אַרומרייזן איבער די ניי־דערוואָרבענע געביטן, מאַכן קאָנטאַקטן מיט ניי־צוגעקומענע ייִדישע שרייבער. טיילט אויס ברידערלעכע, חברישע הילף.

עס קומט דער 22טער יוני, 1941. ענדלעך איז אויסגעלייזט די צונג, וואָס איז דורך דעם „באַפעל פון דער געשיכטע" געוועזן צוגעשמידט צום גומען און איז שיר נישט פאַרברענט געוואָרן אין שווייגנדיקן האַס צום שונא פון אַלע פעלקער פון דער וועלט און צום גרעסטן שונא פון אַלע צייטן פון ייִדישן פאָלק.

און ווידער איז מאַרקיש אין זיינע אור־עלעמענטן. ער איז דורכאויס אין שפּאַן, אָבער ער ווייסט, אַז די ליניע איז איצט דורכאויס זיינע, זיינע אי אַלס ייִד און זיינע אַלס סאָוויעטישער בירגער. ער קען איצט פריילאָזן אַלע שליוזן פון זיין דיכטערישער נשמה און נישט מורא האָבן, אַז זי וועט פליִיצן אין נישט דערלויבטע געביטן. ער איז אין זיין סטיכיע. ער קען ווידער רעדן און זינגען אַזוי פריי ווי דעמאָלט אין ווילנע, מיט צוואַנציק יאָרן צוריק, ווען מען האָט אים גערופן „דער יונגער נביא". און עס טראָגט אים ווידער דער שטורעם און ער זינגט ייִדיש־סאָוויעטיש־נביאיש:

דעם ייִדישן שלאַכטמאַן

איך ווייס, דו האָסט געקושט די ביקס אין יענעם טאָג,
וואָס האָט אויף וואָגשאָלן געלייגט פון פאָלק דאָס לעבן,
און מיט יעדן שאָס, ווי מיט אַ דונערדיקן גלאָק,
האָסטו געבענטשט דאָס לאַנד, וואָס האָט זי דיר געגעבן.
האָסט אַ דערקלערונג מאַכן פייערלעך געהאַט
דורך פייער און דורך בלוט, דורך אויפשטייג און דורך ווייען:
דו! דער ייִד! דער בירגער! דער סאָלדאַט!
דו! דער ייִד! דער רויט-אַרמייער!
געהאַט האָסט אַ דערקלערונג מאַכן מיט דער ביקס,
אַזאַ, וואָס נישט פאַרוועלקן וועט זי ווי די שטערן —
דו ביזט געווען, וועסט זיין, דו ביזט
קעגן דער פינצטערניש און קנעכטשאַפט דער פאַרשווערער!
דו האָסט אַמאָל פון בערג געבאָטן צען דערקלערט,
אַז ס'זאָל מיט זיי דאָס האַרץ פון וועלט זיך פיטערן און פעסטן.
פאַרפאָלגטע, טראָגן מיר זיי שטאָלץ איבער דער ערד
דורך אַלע ארבע מיתות בית דין!
פון פאָלק צו פאָלק — מיט דערנער אויף די הענט,
פון לאַנד צו לאַנד — מיט וואָגל-ווינט געפּאַרט דאָרט.
מיר מעלדן זיי אויך דאַן, ווען אונדזער מויל איז שוין פאַרברענט!
מיר מעלדן זיי אויך דאַן, ווען אונדזער האַלדז איז שוין געשאָכטן!

די פּאָעמע האָט פינף לידער צו 7 סטראָפן. דער לעצטער, 35טער, סטראָף לעזט זיך:

איז נעם פון הארצן מיינעם אַט דאָס טיפסטע קול,
עס שיידט זיך נישט מיט טריט מיט דיינע ביי די ראַנדן!
דיך אין דער קייט דער גאָלדענער וועט איינשליסן דאָס פאָלק,
אַ שטערן אָנטאָן וועט אַ גאָלדענעם דאָס לאַנד דיר!

געדענקען דאַרף מען, ווייל אין דער סאָוויעטישער פּאָעזיע זיינען נישטאָ קיין צופעליקייטן, קיין סטיליסטישע, אַז דאָס גאַנצע בוך פון 128 זייטן, אין וועלכן די פּאָעמע איז דערשינען אויפן ערשטן אָרט, רופט זיך „פאָר פאָלק און היימלאַנד" (מאָסקווע, 1943). „פאָלק" מיינט אין דעם פאַל — יידיש פאָלק, און „היימלאַנד" — נאַטירלעך — ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס יידישע פאָלק וועט דעם יידישן שלאַכטמאַן פאַר זיין נקמה־נעמען פון די יידן־מערדער איינשליסן אין דער גאָלדענער קייט און דאָס לאַנד, וואָס האָט אים די ביקס געגעבן, וועט אים פאַר זיינע פּאַטריאָטישע העראָאישע טאַטן אָנטאָן אַ גאָלדענעם שטערן. דער גאַנג „פאָלק און היימלאַנד" האָט אָנגע־האַלטן נאָך ביזן יאָר 1948, מחמת אין דער אַנטאָלאָגיע „אויף נייע וועגן", צונויפגעשטעלט אין מאָסקווע אין יאָר 1948 און ארויסגעגעבן אין „איקוף", ניו יאָרק, איז דאָ דאָס נאָר וואָס ציטירטע ליד פון מאַרקישן (געקירצט, אָבער נישט וועזנטלעך).

אין יאָר 1943 און אין יאָר 1944 האָט מאַרקיש רעדאַגירט די באַדיי־טיקסטע צוויי זאַמלביכער, וואָס די יידישע ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט אין יענער צייט ארויסגעבראַכט. „היימלאַנד" און „צום זיג". אין ביידע די, פאַרנעמיקע אין איכות און אין כמות, ביכער זיינען אויך זייער שטאַרק פאַרטראָטן די יידישע שרייבער פון פּוילן, וואָס האָבן אין יענע יאָרן געוווילט אין ראַטן־פאַרבאַנד. מאַרקיש אינטעגרירט זיך אויף דעם אופן אין דער יידישער וועלט־ליטעראַטור און אינטעגרירט די יידישע וועלט־ליטעראַטור אין דעם ראַטן־פאַרבאַנדיקער. ער איז דורכאויס אין זיינע ביידע עלעמענטן — גאָלדענע קייט און גאָלדענער שטערן.

און ער איז איצט בראשו וברובו אריינגעטון אין דעם גרויס־ווערק פון זיין לעבן, אין די, נאָענט צו אַנדערטהאַלבן טויזנט, 16־שורהדיקע סטראָפן פון זיין עפּאָס „מלחמה", איינעם פון די גרעסטע אין איכות, און דעם גרעסטן אין כמות פּאָעטישן איינצל־ווערק, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אין איר גאַנצער פילהונדערטיאָריקער געשיכטע ארויסגעבראַכט. דאָס בוך, 668 זייטן, איז דערשינען אַרום דער מיט פון יאָר 1948, אין פאַרלאַג „עמעס", אין מאָסקווע. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין אַ פאָרהונדערט קליינע קאַפּיטלען און אין פיר גרויסע טיילן: 1) אָנהויב; 2) מאָסקווע; 3) סטאַלינגראַד; 4) אויף מערב.

באַטש עס זיינען אין דעם עפּאָס פאַראַנען עטלעכע הויפּט־העלדן און גוטע עטלעכע צענדליק געשטאַלטן פון אַלערליי סאָוויעטישע פעלקער — לרוב יידישע געשטאַלטן — איז אַן אויסגעשפּראָכענע פּאָבולע אין ווערק

נישטאָ. די צוויי צענטראַלע הויפּט־העלדן זיינען די צוויי פּאַרטיזאַנער גור־אַריה און סאַדאָווסקי. דער ערשטער איז אַרויס פון אַ טויטן־גרוב אין וועלכן די נאַציס האָבן פאַרשאָטן אַ גאַנץ יידיש שטעטל און זיך אָנגעשלאָסן אין אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וואו דער רוסישער אָפיציר, דער צווייטער הויפּט־העלד איז געווען קאָמאַנדיר. דורך אַלע שבעה מדורי גיהנום פון דער מלחמה גייען איצט ביידע דורך ביז זיי מאַרשירן אַריין קיין בערלין. דאָס בוך פירט אונדז דורך אַלע אינקוויזיציע־קאַמערן פון נאַצישער גרויזאַמקייט, דורך אַלע העלע ווינקלען פון העלדנטום פון סאָוויעטישע פעלקער און ווייזט אונדז אויך די פינצטערע הילן פון פּראַט מצד יחידים פון זעלבן פאָלק. דאָס בוך פירט אונדז באַזונדערס דורך אַלע גילגולים פון ספּעציפישע יידישע ליידן אין דעם גערוידנגל און אַנטפּלעקט אונדז אַלערליי צוגאַנגען צום פּראָב־לעם פון פּאַסיוון און אַקטיוון ווידערשטאַנד מצד די יידישע מאַסן און יידישע דענקענדיקע יחידים. רבנים קדושים און פּאַרטיזאַנער קדושים באַגעגענען זיך אויג אין אויג. עס איז אַ ווערק, וואָס שעפּט נישט נאָר פון היינטיקן אַרום, נאָר אויך פון טיפן יידישן אַמאָל.

אין אָט דעם ווערק אַנטפּלעקט זיך מאַרקיש מיט אַלע זיינע דיכטערישע מעלות. ער איז דאָ מיט דעם גאַנצן אומאויסשעפּיקן אוצר פון זיין, אָפּט אַ ביסל צו לאָקאַליסטישער וואָלינער, שפּראַך. ער איז דאָ מיט דער גאַנצער וואַסערפאַל־שטראָמיקייט פון זיין ריטם. ער איז דאָ מיט זיינע טויזנטער גראַמען און אַסאָנאַנסן (די אַסאָנאַנסן האָט ער דאָך דער ערשטער געגומען קולטיווירן אין אונדזער פּאָעזיע), נישטאָ גאָר קיין וואָרט, וואָס זאָל זיך ביי אים נישט קענען גראַמען. און ער איז אויך דאָ מיט זיינע אימאַזשן, וואָס זיינען ביי אים, ווי די שאַרפע בליצן, וואָס לויפן פאָראויס פאַר דעם דונער־דיקן וואָרט . . . און ער איז אויך דאָ מיט זיין אומאויסשעפּיקער ליבע צו די ליידנדיקע יידישע פאָלקסמאַסן. און — אחרון, אחרון — ער איז דאָ מיט זיין טיפן מעדיטירן וועגן ייד און מענטש אַמאָל און וועגן ייד און מענטש היינט. ער וואָגט אפילו אויף איין שטעלע אַרויסצוקומען מיט אַ וואָרט וועגן יידישער אַנדערשדיקער באַציאונג צום דייטש, אפילו אין ראַמען פון די סאָוויעטישע פעלקער (קאַפּיטל 39, 4טער טייל, „רוסישער חסד״).

נישט מעגלעך אפילו ווי געהעריק אינפאָרמירן וועגן אַזאַ ווערק, ווי „מלחמה״, אין אַזאַ קורצן אַרטיקל. דער עפּאָס פאָדערט אַן אויסשעפּיקן אַנאַליז אידעאיש און קינסטלעריש און אפילו פילאָלאָגיש. אויך דאָס וועט קומען מיט דער צייט, מחמת דאָס ווערק איז אפילו שוין היינט אינטעגרירט אין דער יידישער וועלט־ליטעראַטור ווי איינס פון די יסוד־ווערק. אגב איז עס, ביז איצט, דאָס פאַרנעמיקסטע בעלעטריסטישע ווערק וועגן דעם דריטן יידישן חורבן. אויב איך וואָלט געדאַרפט פון די נאָענט צו אַנדערטהאַלבן טויזנט סטראָפן פון טראַגישן עפּאָס, וואָס פאַרענדיקט זיך קוים, קוים מיט אַ שפּעלטל ליכט אויף דעם פינצטערן האָריזאָנט, אַרויסנעמען איין סטראָף, וואָס זאָל קענען דינען ווי אַ לייט־מאָטיוו פון דער אידעאָלאָגיע פון ווערק, וואָלט איך אָט דעם סטראָף ציטירט (זייט 555):

די ביקס ווערט אויס געזעץ און האָר,
וואָס רויבט די רעכט אַוועק, ביי וועמען נאָר איר ווילט זיך,
ווען קינד און קייט שטייט אויף, פאַראַכטנדיק געפאַר,
ווען דער געדאַנק איז קלאָר און לאָזט זיך נישט פאַרגרילצן!
כאָטש ווער האָט פון געגנוס זיך אָפּגעהאַלטן, ווער,
אויב נישט מיט פייער, איז מיט האָס פאַרשלייפן,
אַ פאָלק, וואָס האָט אָנשטאָט אַ לאַנד געהאַט אַ טאָרבע ערד,
אַ פאָלק, וואָס האָט אָנשטאָט אַ שווערט געהאַט אַ ספר?
דער לעצטער זאַסטעפּ ערד אויף טויזנט יאָר
מיט אַ געפייף פון שפּאָט און לעסטער שיט זיך!
נאָר אונטער אָט די חורבות אויך באַגראָבן ווערט דער יאָך
פון הפקר זיין פאַר יעדן קאָט און היצעל!
צעשיידן וועט אונדז נישט מיט אונדזער ספרדיק געווער,
נישט מאָרד, נישט טויט, נישט שוימערדיקע שריפה!
נאָר ס'וועט אין אונדזער ספר זיין די שווערט,
ווי אין אַ שווערד באַדאַרף צו זיין אַ ספר!

נאָך און פאַר דעם דערשיינען פון זיין גרויס ווערק איז מאַרקיש געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער מאָסקווער „אייניקייט", ער האָט אויך פון צייט צו צייט פּאָלעמיזירט (און ווי דער שטייגער — גאַנץ שאַרף) מיט די יידישע שרייבער אין אַמעריקע. אָבער וועגן זיין גרויסן ווערק איז אין דער „אייניקייט" דערשינען נאָר אַ קליינער און קאַלטער אַרטיקל, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער ווערט פון ווערק באַשטייט אין דעם, וואָס דאָרט איז דער הויפּטהעלד דאָס קאָלעקטיווע סאָוויעטישע פאָלק. דער ספּעציעל יידישער כאַראַקטער פון ווערק איז נישט דערמאָנט געוואָרן.

קען זיין, אַז מאַרקיש האָט זיך אָרומגעטראָגן מיט אַ וויזיע פון אַ צווייטן טייל פון זיין עפּאָס „מלחמה", וואָס ער זאָל רופן „שלום", פירן ווייטער דעם הויפּטהעלד גור־אריה אין אַ גליקלעכן יידישן לעבן און אויסלעבן זיך, אַלס ייד און בירגער. קען זיין — דערווייל אָבער איז, שוין זינט דעם 20טן נאָוועמבער, 1948, אַ מדבר פון טויטן שווייגן אַרום דעם זינגענדיקן ניאַגאַראַ־פאַל פון יידישער פּאָעזיע, וואָס זיין נאָמען איז פּרץ מאַרקיש.

פרץ מאַרקיש

לידער

פון בוך: „פאַרקלעפּטע ציפּערבלאַטן", מלוכה פאַרלאַג פון אוקראַינע, 1929

עס הויערט אויף מיר נאָך דער פּחד
פון אוראַלט,
דער פּחד פון נעכט און פון בערג און פון שטיינער,
איך זע נאָך אין יעטווידן זעמדל די שפּורן
פון מיינע, פון אַלע, פון יעדנס געביינען....
עס זיצט נאָך אויף אַקסל אויף מיינע די בושה,
די בושה פון קנעכט זיין,
די שאַנד פון פאַרגעבונג,
נאָר כ'טראָג אונטער פּאַכווע
אַ שטראַל, ווי אַ בושל,
—אים וועל איך צערייסן אויף טויזנטער הערצער
און זינגען מיט בלוט דאָס געזאַנג פונעם לעבן!

צייטיקע לעבנס פון ברידער און שוועסטער,
געשלייפטע דורך צאָל און דורך צייט און באַוועגונג
אויף דאָרשטן פון ד'רערד
און אויף אומרו פון וועגן,
אין איבערגעפּלום
און אין איבערגעלעסטונג
—צופּוס
און אויף פערד
און מיט פריידפולע צונגן
אריינרייס איך זיך מיטן רעשט פון מיין יוגנט
צו אייך אין די הערצער,
וואו ס'פרייען זיך פולסן דער זון אויף אַנטקעגן!

ס'באַגינט שוין אין מיר אַ געשטאַלטיקטע פרייד דאָ,
אַ פרייד פון געוואַג, פון פאַרמעסט און פון חשק,
ס'באַגינט שוין אין מיר... נאָר סע טוט עפּעס ווי נאָך...
איך זע שוין אין יעטווידן זעמדל די זאָמען
פון זוניקע מחנות און מענגעם געביינען

מיט אויגן פון שטערן,
מיט לייבער פון הימל,
— א יעטווידער טאָג איז דאָ בלוטיק און פליישיק,
אָט איז ער! ער גייט און פארגייט און גייט איבער:
— זאָל פרוכטפערונג זיין! און ס'זאָל זיין א פארמערונג
ביז וואונד און ביז ווייטיק
נ'ביז פאלן אין אָנמאכט!...

לויב צו אייך, לעבנס, אין הייסן געלאָקער
אין גיר נאָך באשאפונג, נאָך זיין און נאָך ווערן!
מיט שטאָלענע טריט, ווי מיט בשרוהקע גלאָקן, —
צו אייך גייען פריידיקע מחנות פארשווערער,
צו אייך, וואגאבונטן, פארליבטע זיך איילן
מיט זון און מיט היץ און מיט ווי זיך פארקניפן,
— מיילער צו מיילער
אין ריפן צו ריפן,
באטרינקען פון אייך, ווי פון בערג, זיך מיט גבורה,
זיך שפאנען אויף אויפגאנג אין אקער
פון שטורעמס,
און טאנצן מיט פולסן דער זון אויף אנטקעגן!
עס ווארט אויף געבורטן א ריי נאָך א ריי שוין!
פון אָט־אָ־די ברויטיק־געמוסקלטע חשקס,
פון אָט־אָ־די ברויזיק־צעפלאַקערטע הונגערס
געגורטע מיט לעכצונג,
געאָרעמט מיט טרויער, —
פון אָט־אָ־דער בלענדיק־געגארטער פארוועבונג,
פון אָט־אָ־די אָטעמס, פון אָט־די גערוישן
וועלן קומען געבורטן פון מיידן און יונגען, —
אזעלכע איינפאכע, פראָסטע גבורים,
וואָס וועלן מיט באָרוועסע טריט אויף דער זון גיין,
וואָס וועלן צעעפענען שטערן ווי הערצער
און זינגען מיט בלוט דאָס געזאנג פונעם לעבן!...

האָסט אַ שטיקל האָרץ?

האָסט א שטיקל הארץ? פארשוויג עס!
ווילט זיך שווייגן? שריי צום טויט!...
ערגעץ גרימפלען באלאלאיקעס
אויפן שטיין צעזעצטערהייט!...
האָסט א ווייטיק? נעם באשפיי אים!

זאָלץ אין אויג און לאַך זיך אויס...
ערגעץ טרינקען קען לחיים
אין אַ נאָרע, מיט אַ מויז!...
טו זיך אויס, די העמד צעכראַסטע,
שמאַטעס פונעם לייב אַראָפּ!...
איך בין אויך אַ שיינער גאַסט דאָ,
פאַר אַ גראָשן קויף מיין קאָפּ!...

כאַפּ אַ הונט און נעם פאַרטרוי אים,
און דערצייל אים שטילערהייט...
ערגעץ טאַנצן משוגעים
אין אַ ראָד אַרום דער פרייד...
האָסט אַ שטיקל האַרץ? פאַרשווייג עס,
ווילט זיך שווייגן? שריי צום טויט!...
ערגעץ גרימפּלען באַלאַלאַיקעס
אויפן שטיין צעזעצטערהייט!...

נישט אין קיין לאַנד...

נישט אין קיין לאַנד, נישט אין קיין היים, נישט אויף קיין אָפּגעקילט געלעגער,
נישט ביי צוקאָפּנדיקע לעכט, וואָס קלאָגן דורך די פענצטער, —
וועסט מיך באַגעגענען — אַ וואַלגערשטיין, אַליין, אינמיטן וועג,
און איבערפאָרן, טויט, מיך איבערפאָרן וועסטו....

נישט פון קיין שטוב, און נישט פון אונטער אויסגעהויכטן דאַך
און נישט געוויין וועט פאַר דעם טרויער זיין דער סימן, —
— אָט זיינען מיינע הויקערס טאַרבעדיק צעכמארעט,
אהערצו קום! עס שטערנט זיך נישט מער אויף זיי דער הימל....

פיר הויקערס פינצטערע, פאַרשעמטע מיינע טענות,
צום לעצטן מאָל גייט אויף פון לייב פון מיין געשלאָגענעם, —
גייט אויף אין לעצטן פיבער און אין לעצטע פיינען,
און טרוקנט אויס, ווי אין דער מדבר — לאָגלען....

ס'איז לייכט און זינגענדיק דער גאַנג צו שטערן,
ס'איז לייכט און זינגענדיק און העל;
דער גורל איז ביי ווינטמילן פאַרמשכנט אויף די הערנער
פאַר ווינטן פיר אין אַלע זייטן וועלט. —

לויהדיקע פערד! אין האַלבנאַכט שפּאַנט זיך!
— גייט! מיט תּפילות פול איז שוין די שוואַרצע קאַטאַפאַלקע;
— מיין פייל, מיין בויגן, מיין זעקסעקעדיקן פּאַנצער
איז שוין פאַרביטן אויף א שטערן א פינעפקוואַליקן!...

פיר קרייצוועגן געשלייפט — אַן אַנהייבן, אַן ענדן!
— קיין אויסוועג איז נישטאָ! עס יאָגט! נו, זאָל עס יאָגן, זאָל עס!
ווער וועט באַפעלן צו דער זון? ווער וועט דעם גאַנג פאַרענדערן?
ווער קאָן דען אויסשטרעקן די האַנט צו שטערן און מזלות?

געקעפּטע שטערנזעער, זקנים און פאַרטרויטע,
פאַרליבטע נאַכט־וואַנדלער, האַרבאַטע סאָוועס:
— פון יעדער הויקער הייבט זיך אויף אַן אַנדער טויט
און קיינער ווייסט נישט — וואו דער אַנהייב, וואו דער סוף איז!

פיר טויטן ליכטיקע, פיר הייליקע פאַרשווערונגען!
אויף לעצטן וועג מיינעם, אויף לעצטן מיין באַגינען
קלאַנגן קוואַלן איינזאַמע אַראָפּ פון בערג,
— אַ, ווער האָט זיי דעם דאָרשט פון הויכן נישט פאַרגינען?

עס קריגן זיך אויף מיר די הויקערס מיט די אַקסלען,
— אַ יעדער מאָנט דעם קאָפּ כאָטש איין מאָל צו דער זון,
נ'מיט צייט פאַרלאַטעט און מיט בערד פון מאָך באַוואַקסן —
טענהט זיין האַרבאַטע טענה — יעדער האַרב באַזונדער;

פאַרגין מיר, וועלט, דעם דאָרשט נאָך זיין און ווערן,
דאָס זשעדנע מויל, דאָס בלינדע גיריקייט, — פאַרגין;
עס נעסטיקן זיך שוין אין מיינע הויקערס — קברדיקע ווערים
און ס'נעענטערט זיך צו מיר נישט צו קיין אייגן קינד....

צו דיינע וואַרטנדיקע האַפנס שווימען ליכטיקע באַגינענס,
ווי לאַסטשיפן באַלאַדענע מיט פריידן און מיט יאָך, —
נאָר ס'שעמען מיינע אויגן זיך אַ בליק צו טאָן אַהין
און אויפהייבן נישט וואַגט מיין האַנט זיך מיט אַ פּאָך....

פאַרגין מיר, וועלט, אַ פראָסטן זאַסטוף אין דער האַנט
און נאָ דיר אָפּ מיין פאַלשן יחוס־בריוו פון נביא און פאַרשווער, —
מ'האָט אין מיין טאָרבע אים אריינגעלייגט אויף שפּאָט און שאַנד,
ווי מ'האָט אַריינגעלייגט אויף שאַנד בנימינען דעם בעכער!...

פארלייגט האָבן זיך שטיינער רופנדע, ווי פייערן
אויף וויסטעס פינצטערע,
— איך ווייס מע וועט מיין בראָך הײנט פייערן,
איך ווייס, כ'וועל היינט פון קיינעם נישט באַשיצט ווערן !...

עס עפנט זיך פאַנאַנדער מיר דער תהום,
חוץ מיר אַליין איז קיינער נישט פאַראַן דאָ,
ס'פארגיסט די ווייט, ס'פארגייט דער טאָג,
און ס'קומט אַ נייער אָן און ס'קומט אַן אַנדערער....

אַ ווינטמיל בענקט נאָך ווינטן ביי די נעכט,
און ס'שטאַרבט דער דאַרשט ביי פּולע ברונעמס, —
— פארגין מיר, וועלט, די שמחה פון אַ הירש, וואָס פאַלט אין אָפּגרונט,
טאַנצנדיק אויף בערג,
וואָס פאַלט אין תהום, נישט וויסנדיק וואוהין....

איך וועל אַ גאַנצע נאַכט

איך וועל אַ גאַנצע נאַכט נישט אָנצינדן קיין ליכט !...
אין בלויען טויבנשלאַק פון מיין פארדאַוונטן געזיכט
צעגייען, וויינענדיק, זיך שטיל די ווענט...
מיין ווילדע טויב ט'זיך אויסגעריסן פון די אויגן
און איז פאַרפלויגן...
און איבער מיין פאַרשעמטן קאָפּ
זיך דרייט אַ ראָב...
אָ, אָפּגעגנאַרטע מיינע הענט !...
איך וועל אונדז, עלנט,
אויסבעטן אַ בעט,
אונדז ביידע אויפן שוועל,
און ווילסט מיך גלעטן, גלעטן, גלעט . . .
זי ט'אינדערפרי זיך אומקערן די טויב,
איך גלויב !...

קומט צו מיר פאַרנאַכט אַ שאָף

קומט צו מיר פארנאכט אַ שאָף
אין שטילן טרויער
זוכן מיר אין צימער, צי כ'בין דאָ....
די פענצטער ווערן בלוי און בלויער,

דער צימער ווייט, און פול, און גרויס...
איך טו זיך באָרוועס אויס,
איך זאָל אליין נישט הערן, צי איך גיי....
איך עפן אויף די אויגן מיטאמאָל
און מיט א שטיק פארנאכט פארקלעפ איך זיי
און זאָג דער שאָף דער שטומער:
— טרויער כ׳בין נישטאָ!...

כ׳פארוק זיך אין א ווינקל צווישן ווענט
כ׳באהאלט די הענט...
און שפיר:
זי גייט פון אומעטום מיר לאנגזאם נאָך, זי זוכט,
זי טאַפּט דאָס פינצטערניש און טרעפט אין מיין געזיכט...
און נעמט מיר שטום
מיין האלדז ארום
און פאלן לאָזט איר קאָפּ צו מיר אויף ברוסט —
מיט הארץ זאָל איך זי שטיל פארזויגן...
איך ווער פארצויגן...
און שטעל זיך אויף און בייג זיך איין
און צו דער וואנט איך דריק זיך צו
און ווי א ווארגנדיקער דריי איך מיט די אויגן:
— טרויער, כ׳בין נישטאָ!...

נו, לאָז מיין גורל זיין

פון בוך „לידער", פארלאַג „עמעס", מאָסקווע 1933

—נו, לאָז מיין גורל זיין
אזוי, ווי זיין ער מוז,
דער גורל פון אראָפּגעפאלענעם, פארשעמטן רייטער!
—כ׳וועל גיין ביי זייט,
כ׳וועל גיין צופוס, —
כ׳וועל אָנקומען באצייטנס!
ס׳איז בלויז דאָס פערד דאָס פריידיקע אוועק,
ס׳איז בלויז דער שוים פון גריווע זארגלאָזער פארביי,
— געבליבן איז דער וועג
דער נאקעטער — געטריי!
ס׳מוז זיין א פרייד — אראָפּפאלן פון פערד
אינמיטן לויף,
ווי פריידיק ס׳איז דער לויף דער האסטיקער אליין...

און רייס זיך האַרץ! און רייס זיך אויף!
— און רייס זיך אויפגעלויכטן־ריין
מיט קלאָרער פרייד
פאַר ווייטערדיקן גיין!
ס'רופט אויף פון מאַלצייטן פון אָרעמע די שוועל,
ס'רופט אויף פון צייט דער הייסער, גלאָקנדיקער גאַס,
— און ווינט באַפעלט,
און ווינט איז באַלעבאָס!
— אָט איז די ערד,
אָט איז דער וועג, —
ס'איז בלויז דאָס פערד
דאָס פריידיקע אַוועק.
אויף טעג
אויף שוימיק־צעפּאַלאָכעטע, ווי הירשן,
רייטן פריידיק רייטער, רייטער מיט שטורקאַצן,
די גריוועס פלאַטערן, די טלאָען הירזשען,
און צוימען רייסן זיך און צוימען פּלאַצן, —
— נאָר אַלץ איז העל,
נאָר אַלץ איז ראָז,
און ווינט באַפעלט,
און ווינט איז באַלעבאָס!

פאַרזאָרגטע פּיס מיט גאַנג באַלעסטיקטע,
דער וועג מיט בראָך מיט פריידיקן זיך בעט שוין;
מיט בראָך, מיט בראָך — געדאַכטס און נישט געדאַכטס;
— אָט איז אַ האַרץ פון תּפילה און פון לעסטער,
אָט איז אַ רויטע פליענדיקע קרעטשמע —
און אָט די קרעטשמע איז מיין האַרץ
און אָט דאָס האַרץ — אינמיטן וועג.
מיט טירן אָפענע, מיט שרייענדיקע פענצטער
פאַר אורחים טייערע,
פאַר בלאָנדזשענדיקע געסט —
און ס'קומען נישט קיין ווינטן נעכטיקן קיין נעכט,
און ס'קומען קיין קאַיאָרן נישט צעליגן פייער,
און ס'שטעלט זיך נישט קיין רייטער אָנפּויען דאָס פערד
און אָפּווישן דעם שטויב און בענטשן זיך מיט רו....
אָט איז אַ קרענעצע, אָט איז אַ קרוג,
אָט איז דער וועג, דער וואַרטנדיקער וועג,
— ס'איז בלויז דאָס פערד דאָס ווינטיקע אַוועק!

און ס׳בענקט דער וועג, און ס׳בענקט דער סטעפּ,
עס שוועבן אומעטום פֿאַרביי
פֿאַרזאָרגטע רייטער מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ
און גריסן נישט צו קיינעם מיט קיין וואונק,
און דעקן זיך נישט אויף דאָס פּנים דאָס פֿאַרמאַכטע.
— נו, לאָזן פֿערד מיט טלאָען אויסשלאָגן אַ פֿונק,
נו, לאָזן זיי דעם דאַך דעם דאָרשטיקן צעפּלעטשן, —
וואָס קאָסט דען אָנצינדן אַ האַרץ?
וואָס קאָסט דען אָנצינדן אַ קרעטשמע?

— היי, זעצט די פֿענצטער אויס מיר, רייטער,
און קומט אַריין!
— ס׳אַ פֿרייד אַראָפּפֿאַלן פֿון פֿערד אינמיטן לויף,
ווי פֿריידיק ס׳איז דער לויף דער האַסטיקער אַליין!
— און רײַס זיך האַרץ! און רײַס זיך אויף!
און רײַס זיך אויפֿגעלויכטן־ריין
מיט קלאָרער פֿרייד
פֿאַר ווייטערדיקן גיין!...
אַ רייטער אַן אַראָפּגעפֿאַלענער פֿון דײַנע טעג,
פֿון דײַנע טעג צעפּענטעטע אין שומיקן געלאָף,
— וועל איך צופֿוס אַוועק
פֿון וועג צו וועג,
וועל איך צופֿוס אַוועק
פֿון לאַנד צו לאַנד,
וועל איך צופֿוס אַוועק
פֿון האָפֿן ביז צו האָפֿן
און אויסקלעפּן אויף טעג,
אויף דעמערדיק־געלאַטעטע,
דײַן פֿלאַקערדיקן וועג,
דײַנע צעזונגענע פֿלאַקאַטן.

— און לאָז זיך רײַסן פֿון מײַן לײַב
באַפֿליגלט כּתב
פֿון רויטן זאַפֿט
און לעבעדיקן בליי!...
עס איז אַ האַנט אַ בראָנזענע געשטרעקט צו ווייטן,
אַ האַנט אַ בראָנזענע אויף אייביק —
אַ האַנט אַ בראָנזענע אויף טייטן
און דערהייבן;
עס איז אַ מויל געווענדט צו דורות,

אַ מויל אַ פּלאַקערדיקס אין רוימען,
אַ מויל אויף אָטעמען אין הייכן
און אין תהומען.

איך זע די האַנט!
מיך יאָגט דער אָטעם
פון שטאָט צו שטאָט,
פון לאַנד צו לאַנד.

איז לאָז מיין גורל זיין אַזוי, ווי זיין ער מוז;
דער גורל פון אַראָפּגעפּאַלענעם פאַרשעמטן רייטער,
—כ'וועל גיין ביי זייט, כ'וועל גיין צופוס,
כ'וועל אָנקומען באַצייטנס!

יעקב גלאַטשטיין

איציק פעפער

דער טראַגישסטער פון אַלע סאָוויעטישע יידישע דיכטערס איז בלי ספק געווען איציק פעפער, און גראָד דערפאַר ווייל ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין ביסל טראַגיזם. ער האָט געהאַט אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן, אָבער זייער ווייניק גוטע מעלות. אָבער איין מעלה האָט ער יאָ געהאַט, פון שטאַנדפּונקט פון אידעאַליסטישער דינסט גרייטשאַפט — ער האָט אַלץ אָפּגעגעבן פון זיך פאַר דער זאַך און גאָרנישט אָפּגעשפּאָרט פאַר זיך אַליין. שווער צו געפינען ביי אים אַ שורה, וואָס זאָל ווייזן, אַז דאָס האָט ער באַהאַלטן אין אַ באַזונדערן שופלאָד — אַ קליין ביסל איינזאַמקייט פאַר זיך אַליין, פאַר די דורות וואָס וועלן אפשר אַמאָל קומען משפּטן; אַ שטיקל גרוס צו דער צוקונפט, אַ שטילן, אונטערטעניקן גרוס, אַ תמימותדיקן, נישט אַן אַלץ־וויסנדיקן, נישט קיין אויסגעשריי, נאָר אַן אומזיכערן פרעג־צייכן.

ביי איציק פעפערן איז נישט שייך צו געפינען אַזאַ רעזערווירטן ספק, ווייל ער האָט אָנגעטומלט אַזויפיל האָפערדיקע זיכערקייט און אַזאַ וואָל־קאָניש־שפּריצנדיקע און אָפּטמאָל פריקרע יונגשאַפט, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרטומלט, פאַרשוואַכט און פאַרשוועכט אַלע זיינע נאַטירלעכע פעאיקייטן און עס אַלץ אוועקגעגעבן דעם לאַנד פון די סאָוויעטן.

האָט ער עס געטאָן מיט ליבשאַפט? דאָס וואָס ער האָט געטאָן האָט מען בשום אופן נישט געקענט דורכפירן אָן אַ געוויסער מאָס ערלעכער ליבשאַפט, וואָס האָט אים ממש געצוואונגען צו אַנאָנימיזירן זיין גייסט. אַלץ וואָס איז אונדז געבליבן איז אַ גופיקער פּאָרטרעט פון אַ מענטשן, וואָס איז אויף קיין איין רגע נישט געבליבן מיט זיך אַליין און נישט אַריינגעאָטעמט צו זיך אין אַרבל אַ הויך פון אַ ביסל אַפּיקורסות. בלויז איין אַפּיקורסישן אַדיעקטיוו האָט ער דורכגעלאָזט אין אַ ליד זיינס, געווידמעט דזשערזשינ־סקים אָנדענק. „האַרטער פעליקס" רופט ער אים, אָבער באַלד פאַרווייכט ער עס צום גראַם — „צאַרטער פעליקס", אַזוי אַז די האַרטקייט ווערט גלייך פאַרוואַנדלט אין צאַרטקייט און פעפער ווערט אויס אַפּיקורס.

די אַלע וואָס ווילן אַנאַליזירן די סאָוויעטיש־יידישע דיכטונג און זוכן מאָמענטן פון מאַראַנענטום אין שיפרירטע טאָפּל־מיינען, אין מעכאַנישע און נישט־אָנגעוואָרעמטע רייד, אין די געצוואונגענע סטאַליניזאַציעס, וועלן געפינען גענוג שפּורן כמעט ביי אַלע אירע דיכטערס, וואָס האָבן ערגעץ וואו זיך פאָרט איבערגעלאָזט אַ שטיקל פאַרבינדונג מיט דער וועלט, זאָל זיין לכל הפחות אין שורות פון איינזאַמקייט, ווען מ'קען זיך פאַרשליסן מיטן

דיכטער, אונטער שלאָס און ריגל, און אים אָפּגעבן אַ פּריינטלעכן און אומסטאַליניסטישן שלום עליכם.

ביי פּעפערן זיינען אַזעלכע שורות נישטאָ. ער האָט זיין גאַנץ פאַרמעגן אַוועקגעשענקט דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד, מיט אַזאַ אַכזריותדיקער זעלבסט־פאַרניכטונג, אַז געמאָסטן מיט דער מאָס איז פּעפער בפרוש דער טראַגיש־סטער פון אַלע סאָוויעטישע פּאָעטן.

וואָס האָט אים געטריבן אַזוי צו דינען? אויף דעם געביט איז ער דאָך געווען אַ פּיאָנער. אין דער יידישער דיכטונג האָט נאָך אַ מענטש מיט זיינע גרויסע פעאיקייטן זיך נישט אויסגעטאָן אַזוי אַדם־נאַקעט און אַוועק־געגעבן פון זיך דאָס לעצטע דיכטערישע העמד צום לאַנד, ווי פּעפער האָט עס געטאָן. יעדער אמתער פּאָעט איז אויף אַזויפיל עגאָאיסטיש, אַז אפילו ווען ער „סלוזשעט" (און פּאָעטן „סלוזשען" גאַנץ אָפט), גנבעט ער עפּעס אַוועק פאַר זיך און פאַר דער אייביקייט, אָבער פּעפער האָט זיך לחלוטין נישט פאַרזאָרגט. ער איז געווען דער ערשטער יידישער פּאָעט, וואָס האָט פאַרקנעכט דאָס יידישע לשון און געמאַכט דערפון פּאָעזיע. ס'איז כדאי צו געדענקען, אַז דאָס יידישע לשון איז דורך אים געבייטשט געוואָרן צו אַזאַ טאַראַראַמיקן אימפּעט, אַז ס'האָט קוים געקענט דעם אָטעם אָפּכאַפּן. ער איז געווען אַן אויפטוער אויף זיין שטייגער. ער האָט גענומען אונדזער שטילן און טייערן ווערטער־אוצר, אונדזערע פּקחותדיקע און סקעפּטישע רייד, אונדזערע טרויער־וואָגיקע שורות און זיי געטריבן מיט אַזאַ נגישה־דיקער טרייבעניש, אַז זיי זיינען געפלויגן הענדום־פּענדום, געקלונגען, גע־זונגען, געבאַראַבאַנעוועט, געצימבלט און איבער אַלץ געזאָגט קאַטעגאָריש זאַכן מיט אַזאַ מעכאַנישער איינגעגלייבטקייט, אַז ס'איז אונדזער יידיש נישט געווען צו דערקענען.

די ווערטער האָבן שאָקירט מיט אַ שקאָצישער גשמיותדיקייט און ס'איז אין זיי ניט געווען קיין שאָטן פון אַ ספק. די מוזיקאַלישקייט איז געווען אַ נייע, אַ מאַטאָריזירטע. די שורות האָבן באמת געקלאַפּט ווי מאָטאָרן, ס'האָט נאָך קיינער אַזוי נישט פאַרגוואַלטיקט און אַזוי צעממזרט אונדזער לשון ווי פּעפער האָט עס געטאָן. ער האָט דורכגעפירט אַ גרויזאַמע צופּאַסונג־אָפּעראַציע, וואָס קיין סטודענט פון יידיש וועט נישט קענען פאַרבייגיין אָן שטוינען און אָן ווידערווילן. ער האָט אויף גיך צוגעפּאַסט יידיש צו דער אויסטעאָרעטיזירטער עפּאָכע. אַנדערע פאַר אים, ווי אשר שוואַרצמאַן, האָבן שוואַך פּאָראויסגעקרעכצט, וואָס ער האָט אַזוי גרויזאַם־מאַיעסטעטיש דורכגעפירט.

איציק פּעפערס מאָטאָרן האָבן פון אונדזער יידיש אַרויסגעיאָגט און אויך אַרויסגעטריבן די נשמה, אָבער דער נייער געקלאַפּ פון שפּראַך האָט פּאַרט געגעבן האַפּט צו דער טעאָרעטישער זייט פון אַ דור פּאָעטן, וואָס איז געקומען נישט נאָר פאַרלייקענען, נאָר אויך באַשפּייען די זיידעס. פּעפערס יידיש איז געוואָרן אַזאַ מוזיקאַלישער באַשפּיי־אינסטרומענט, וואָס האָט געאַרבעט מעשים. גענומען האָט ער דווקא פּשוטע, פּרוגישע רייד און זיי

אזוי פאַראימפּעטיקט, אַז ס'איז מיט זיי געעפנט געוואָרן אַ ניי קאַפּיטל אין דער סאָוויעטישער יידישער דיכטונג. נישט מאַרקיש, נישט האַלקין, נישט פינינבערג און זיכער נישט האָפשטיין האָבן אזוי צוגעפּאַסט זייער לשון צום געקלאַפּ פון דער צייט, בעסער און עלאַסטישער געזאָגט, צום געקלאַפּ פון די פאַרשיידענע צייטן, ווי דאָס האָט געטאָן פעפער. מיט אים הויבט זיך באמת אָן דאָס קאַפּיטל פון דער סאָוויעטישער יידישער דיכטונג, ווי מיר פאַרשטייען עס איצטער, און ווי פעפער האָט עס גלייך געוואָלט פאַרשטיין, ווען ער האָט גענומען איבערקלאַפּן פּרוגס יידיש אויף דעם ריטם פון סאָוויעטישער ווירקלעכקייט.

קיינער האָט דאָס נישט געטאָן צו דער רוסישער שפּראַך און צו דער רוסישער מוזיק פון שפּראַך, וואָס פעפער האָט געטאָן צו יידיש. נישט אַכמאַטאָווא, נישט יעסענין, נישט מאַיאַקאָווסקי, נישט פּאַסטערנאַק, און אפילו נישט דעמיאָן ביעדני האָבן אַזוינס געטאָן צו רוסיש, וואָס פעפער האָט צעטאָן מיט יידיש, כדי צו איבערציייגן זיך און אַנדערע, אַז אַ נייע עפּאָכע ווערט געעפנט אין דער יידישער דיכטונג, אַן עפּאָכע וואָס האָט אויסגעליידיקט איר יידישע נשמה און וואָס זינגט גלייך אין דעם אינטער־רעגנום, ווען מ'האָט נאָך אפילו קיין ערזאַץ־נשמה נישט געקראָגן.

די יונגע און די אינזיכיסטן האָבן געגנישטערט אין די טיפן פון לשון און אין זיינע נישט־אויסגענוצטע מוזיקאַלישע מעגלעכקייטן, בעת פעפער האָט אויף די פלאַכן געזוכט און געפונען עפּעס אַזוינס וואָס קיינער האָט נאָך פון יידיש נישט אַרויסגעקראָגן.

צו יענע, צו יענע, צו יענע, מיין ליד,
וואָס ווערן פון מי און פון אומרו נישט מיד,
און טרייהייט מיט פרייהייט איז נישט נאָר קיין גראַם,
אַ גראַם און אַ קלאַנג און אַ אויסגעשריי סתם —
צו יענע, צו יענע, צו יענע, מיין ליד!
ס'האָט יעדערער זיין חן,
ס'האָט יעדערער זיין ברען,
זאָל יעדערער הייבן דעם שטיין
וואָס ער קען!
צו אַלע, צו אַלע, צו אַלע מיין וואָרט,
צו די וואָס באַזינגען די מי פון מיין דור.

ער האָט אינדוסטריאַליזירט דעם יידישן ריטם און געשאָסן ווערטער, ווי דורך אַ קאָנווייער, וואָס האָבן ביי אים געקראָגן אַ מעכאַנישע וואָרעמקייט.

אויף ברענן, אויף הויכן,
אויף הונדערטער ווערסטן,
זאָל שמייסן אַ רויך
פונעם קוימען פון העכסטן,

די שליאַכן, די װעגן,
און אַלעס און אַלעס,
מײַן לאַנד און מײַן געגענט
אין שפּאַן פֿון די כװאַליעס.
די כװאַליעס די טיפֿע
זײ יאָגן, זײ שלינגען
און שטיפֿן און שטיפֿן
מיט שיפֿן מיט יונגע.
װי רײַטער געניטע,
אױף כװאַליעס מיר רײַטן,
פֿון שװאַרצקײט צעגליטער
פֿון הימלען, פֿון װײַטע
װי ליכטיקע ראָסע
די שטערנדלעך טריפֿן.
מיר זײַנען מאַטראָסן
און פֿירן די שיפֿן.

אַזױ האָט פֿעפֿער געזונגען אין זײַן בוך „געװעטן“, װאָס איז דער־שינען אין קיעװ אין 1930. אַנאַליזירט נישט יעדער באַזונדערע שורה װאָס איז גאַנץ אָפֿט זינלאָז, נאָר כאַפּט דעם צוזאַמענקלאַפּ פֿון דעם אינדוסטריאַ־ליזירטן לשון, װאָס האָט אים אױך געדינט פֿאַר זײַנע ברײט־שורהדיקע באַדיכטונגען פֿון דניעפּרבױ:

רױאיקע באַרזשעס פּאַרטראַכטע און ברײטע אױף רױאיקן דניעפּר,
גײען פּאַמעלעך און טרײַבן פּאַמעלעך די פּאַלדן פֿון װאַסערן קילע,
שמעקט פֿון די באַרזשעס מיט פֿײַכטע אוקראַיִנישע סטעפּעס.
רױאיקע באַרזשעס פּאַרטראַכטע און ברײטע אױף רױאיקן דניעפּר,
שלעפּן צעזעגענע דעמבעס און סאָסנעס פֿון װעלדער פֿון שטילע.
װאַסערן לױפֿן בײַ ברעגיקע קאַנטן און טרײַבן די שליופּקעס
און שיפֿן,
דרײען זיך כװאַליעס, הױבן זיך כװאַליעס און פֿאַלן אין
װאַסערן קלאָרע,
קנײטשן זיך כװאַליעס און שמײכלען מיט זון און מיט װינטן
געשליפֿן,
װאַסערן לױפֿן בײַ ברעגיקע קאַנטן און טרײַבן די שליופּקעס
און שיפֿן,
אָטעמען באַרזשעס מיט רו און מיט דעמבענער קאָרע.

איציק פֿעפֿער האָט פֿון זײַן סאָװיעטיזירטן יידיש אױך באַװיזן אַרױס־צושלאָגן לאָזונגען. יידיש האָט בײַ אים געקלונגען פּלאַקאַטיש װי אונדזער לשון װאָלט לכתּחילה געשאַפֿן געװאָרן צו באַדינען די מאַכט. אין אַ ליד

וואָס האָט טאַקע סטאַלינס אַן איינציקע פּראָזע — „קאָפּשווינדל פון דער־פאָלגן", פאַר אַ מאָטאָ, צעשפּריצט ער אַזעלכע לאָזונגען:

ניט קיין טאָפּאָלן זיך נויגן,
נישט קיין ווינט, ווי פייל פון בויגן,
טראָגט זיך איבער גאַס, —
היי, פּוילאַקיעס, היי, ליידאַקעס,
אין אַטאַקע! אין אַטאַקע!
קעגן פּוסט און פּאַס.
איבער שטעט און איבער סטעפּעס
שפּרייט זיך, הייבט זיך אונדזער עפּאָס,
דונערט אונדזער טראָט.
אין אַטאַקע! אין אַטאַקע
קעגן דחקות, קעגן נאַקעט,
קעגן קלויז און גאָט!

גאָט און די קלויז כאַפּן אויך אַריין אַז מ'דאַרף, און איציק פעפער איז געווען איינער פון די שאַרפסטע פאַראויסווייסערס פון וואָס און ווען מ'האָט באַדאַרפט.

פעפער איז מיט זיין ליד געוואָרן דער טעאָרעטיקער פון יידישן סאָוויע־טישן ליד. ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צו צעפּאַלמעסן די שיינקייט, כדי צו ווייזן, אַז ער גייט פאָראויס צו אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד און ער שלעפּט מיט דאָס יידיש לשון. אפילו ווען ער זינגט אַמאָל פון אַ בוים, ווייזט ער אַז מען מוז זינגען פון אים, ווען דער בוים ליגט אַ צעזעגטער און צעשני־טענער, ערשט ווען ער ווייסט אַז „אים איז שוין באַשערט שטיין שטאָלץ מיט ווייטע טעלעגראַפן־שטאַנגען און הויך פון רעשטאָוואַניעס דערלאַנגען."

שניידן מיר און שערן
אויסגעוועפּטע צייטן,
קאָן אונדז עפּעס שטערן
אַלטס אויף נייס פאַרבייטן?

פעפער איז נישט געווען קיין איבערשאַצער, נאָר אַן אונטערשטיצער. ער איז אַריינגעטאָן אין דער פּאָעטישער אונטערשטיצונג פון דער פּראָקלאַ־מירטער וועלט־איבערמאַכונג, און ווי אַ יידישער פּערזאָן־מייסטער האָט ער אַזוי געטריי און נאָוואָטאָריש געטאָן זיין פליכט, אַז ער האָט זיך דערפאַר נישט פאַרגונען קיין אינטימע מינוט. האָט ער פאַר אַזאַ מינוט מורא געהאַט? ווער ווייסט. אים האָט געטראָגן אַן אינערלעכער שולד־באַוואוסטזיין צו האַלטן אין איין צאָלן חובות. ערגעצוואו האָט ער זיך געפילט טיף פאַרשולדיקט און ער האָט געשטילט זיין געוויסן דורך צאָלן:

ס'איז דער הימל טונקל־בלוי־ווייס,
לעצטער וואָלקן לויפט צום ראַנד,
גיי איך צאָלן מיינע חובות,

מיינע חובות פאַרן לאַנד,
פון אָט־דאָ ביז ענדן עקסטע,
פון אָט־דאָרט ביז טיפסטן טאָל,
דאַרף איך דעקן מיינע וועקסלען
מיינע וועקסלען פון אַמאָל.
כ'האָב פאַרגעסן, וואו מיין הויף איז,
וואו מיין שטוב און וואו מיין פּלויט.
איינס געדענק איך: מיינע חובות
דאַרף איך צאָלן ביזן טויט.

זאָלן דאָס אפשר זיין די איינציקע מאַראַנישע שורות אין זיינע לידער? ער האָט פאַרגעסן זיין אייגענע שטוב און זיין פּלויט — און דערפאַר דאַרף ער צאָלן חובות ביזן טויט. צי אפשר מיינט ער, אַז צאָלנדיק זיינע חובות האָט ער דערווייל פאַרגעסן די שטוב און פּלויט. איז דאָס אויך אפשר די איינציקע טראַגישע פאַראָנונג זיינע, אַז ביזן טויט (מיטן טויט?) וועט ער כסדר צאָלן און צאָלן חובות און נישט האָבן קיין איין מינוט צייט זיך צו דערמאָנען אָן שטוב און פּלויט. דעמאָלט, אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט ער נאָך נישט געוואוסט, אַז ס'וועט קומען אַ טראַגישע צייט, ווען די עלאַס־טישע סאָוויעטישעווירקלעכקייט וועט אויך אים, דעם שטרענגסטן אָפּשאַצער פון סאָוויעטישע ווירקלעכקייטן, געבן אַ געלעגנהייט אַרויסצוקומען מיט אַ צו־לאַנג אונטערדריקטער פּראָקלאַמאַציע פון זיין יידישקייט.

ער, דער פּראַקטישסטער און עקשנותדיקסטער פּאָראָויסזעער, האָט פרי פּאָראָויסגעזען, וואָס עס וועט געשען מיט כאַריקן, ווען ער האָט אין זיין בוך פון 1930 געווידמעט אַ ליד, אַ ליד וואָס איז אפשר געווען אַ שטילע און פּראַקטישע וואָרנונג צו כאַריקן,* אָבער נאָך מער אַ וואָרנונג זיך אַליין:

* די וואָרנונגען זיינע צו איזי כאַריקן וואָלטן בכלל באַדאַרפט אונטערזוכט ווערן. ס'איז זייער מעגלעך, אַז פעפער האָט גוט געוואוסט וועגן כאַריקס ראַנגלע־נישן און וואַקלענישן, ווייל אין אַ ליד, וואָס איז אויך געווידמעט כאַריקן, גע־דרוקט אין פעפערס בוך „זאָל לעבן דאָס לעבן", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1934, זינגט פעפער צו זיין פריינט אַ ליד, וואָס טראָגט דעם באַטייטונגספולן נאָמען „מען טאָר זיך נישט פאַרהאַלטן". כאַריק איז געווען באַרימט און זיינע לידער זענען געווען שטאַרק פאַרשפּרייט. פעפער וואָרנט כאַריקן באַצייטנס קעגן לויב פון אויסלענדישע יידישע דיכטערס:

מיר געכאָוועטע אין אומרו פון אָקאָפּן,
מיר געפּעסטעטע מיט האַרטן טויט צוקאָפּנס,
מיר דאַרפן נישט קיין סאַכאַרין
פון „גוטע ברידער",
ער סמט דעם וואוקס, ווי סם פון שונאים,
און דער וואָס שטייט שוין פעסט ביים רודער,
דאַרף זען קלאָר
זיין אייגן פּנים,

און דער, וואָס גייט אַרום און שעלט
און ברעכט דעם בוים און רייסט דעם צווייט,
וועט שטאַרבן פריער פון אונדזער ליד,
וואָס טראָגט זיך האַסטיק אויף דער וועלט.

איציק פעפער איז אין דער סאָוויעטישער דיכטונג דערשינען ווי אַ יונג וואונדער מיט זיין פולער און צעזונגענער מייסטערשאַפט און מיט זיין פיאָנערישן און אימפּעטיקן איבערבוי פון דעם מעסיק־טריטיקן יידישן וואָרט. זיינע פעאיקייטן זיינען באמת געווען אומגעהייער, אָבער ער האָט גאַנץ אָפט, מער פון אַ סך אַנדערע סאָוויעטישע דיכטערס, פאַרשוועכט זיינע אייגענע פעאיקייטן מיט וואולגאַרע פּראָקלאַמאַציעס, ווייל ער האָט אויף זיך גענומען די מיסיע פון דעם פרומען אַפּהיטער פון דער ליניע און פון דעם אכזריותדיקסטן אַרויסטרעטער קעגן קעגנערס. ער האָט זיך אויף אַזויפיל עמאַנציפּירט פון אַ יידיש געוויסן, אַז ער האָט געקענט ווערן דער האַרבסטער שטראָפער, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט נאָך נישט גענוג געצאָלט זיינע וועקסלען. ווען אַש איז געוואָרן פופציק יאָר אַלט, אין יענע צייטן איידער אַש האָט זיך געהאַט משדך געווען מיט דער „פרייהייט", האָט אים פעפער דערלאַנגט אַ מי שברך מיט אַ ליד, — „אַש־שאַ!"

וואָס קלינגען די כוסות?
וואָס הודעט די ערד?
אַ יום טוב אַ גרויסער
איז יידן באַשערט!
שאַבשאָוויטשעס דיכטער,
דעם גאָבינערס פריינט,
איז היינט אימעניניק!
ווי פריילעך איז היינט!
איך וואָלט אייך באַהאַנגען
מיט אָרדנס (מיין וואָרט)
איר זאָלט זיך נישט קענען
אַ ריר טאָן פון אָרט.

מיין ברודער!
די גוטע רייד פון פריינט הער אויס,
די שנאה פון די פיינט הער אויס.
מע טאָר זיך נישט פאַרהאַלטן אינעם גאַנג.
מיט נייעם, מיט נאָך שטאַרקערן געזאַנג,
פאָראויס.

אָט די מוסר־רייד זיינען מסתמא געווען באַזירט אויף אַ שרעק, אַז דער חבר כאַריק פאַרהאַלט זיך אַ ביסל אויפן וועג, וואָס האָט אים גיך געפירט צום טויט. אין די פּראַקטישע מוסר־רייד זעט מען אַז פעפער האָט געהאַט אַ שולחן־ערוך וואָס פון אים האָט ער קיינמאָל נישט אָפּגעווייכט.

אײן אָרדן אײנגאַנצן ?
ס'איז גאָרנישט ! ס'איז מיסט !
איך װאָלט אײך געמאַכט פֿאַר אַן ערן־פּאַשיסט !
בײם שװאַרצן אַדאָלף
און בײ אַלע בײ זײ,
איך װאָלט אײך געמאַכט
פֿאַרן עלטסטן . . . לאַקײ !

בלױז אַ דיכטער װאָס האָט שױן נישט פֿאַרמאָגט קײן שװינונג פֿאַר זיך אַלײן, האָט געקענט אַזױ הפקר גראַמען. ער האָט אױך שױן, אין די דרײסיקער יאָרן, געשריבן זילזולים־לידער צו די „פּעטערס אין אַמעריקע", און צו די אינזיכיסטן, נאָכדעם װי ער האָט זיך געחנדלט צו זײ אין בריװ.

אָבער ער איז געװען הױך באַגאָבט מיט אַ פֿערד־אָטעם און פֿערד־אימפּעט, װאָס איז געװען אַ מערקװירדיקע דערשײנונג אין דער ײדישער דיכטונג, װאָס האָט זיך אַ דאַנק פּעפֿערן גענומען אָריענטירן אױף אַ נײעם ײדיש־דעראָבערטן קאָנטינענט. בײ קײנעם איז ײדיש נישט געװען אַזױ איבערצײגנד סאָװיעטיש, װי בײ פּעפֿערן. בײ קײנעם זענען די קאָנטורן פֿון אַ נײעם, קאָליע־געװאָרענעם, ײד נישט געװען אַזױ שפּראַכלעך און מוזי־קאַליש באַגרינדעט, װי אין פּעפֿערס ליד. די נײע ײדישע סאָװיעטישע פּער־זענלעכקײט, מיט אירע קאָלאָסאַלע און איבער־כוחותדיקע צופּאַסונג־פּעאי־קײטן, איז אין ערגעץ נישט אַזױ בולט װי אין פּעפֿערס גומע־רעדערדיקע לידער, דורך זײנע אַלע זיגזאַגישע פּעריאָדן. פּעפֿער איז געװען דער סאָװיע־טישער ײדישער דיכטער פֿאַר עקסעלאַנס, װײל ער האָט זיך דערזונגען צו אַן אײגן קאַפּיטל, װאָס ער האָט טריאומפֿאַל געעפֿנט מיט זײן ליד. זײן אָפּגעריסנקײט און זײן צוגעבונדנקײט צו טראַדיציע איז שטענדיק געקומען אין אײנקלאַנג מיט סטאַליניסטישע שטימונגען. ער איז געװען אַן אמת־סאָװיעטישער פּראָדוקט, ראַיעלער פֿאַר דער מאַכט און פּעאיקער פֿאַר דער דורכפֿירונג פֿון זײנע פּליכטן, װי אַלע אַנדערע סאָװיעטישע דיכטער. אין די לעצטע יאָרן האָט ער , אמת, באַנאַליזירט זײנע אײגענע פּעאיקײטן און זײ דערפֿירט צו דער שװעל פֿון אומבאַהאָלפֿענע קינדערײ.

אַז מען זאָל אים אַזױ אָפּדאַנקען, װי די סאָװיעטנמאַכט האָט אים אָפּגע־דאַנקט, האָט מען געקענט דערװאַרטן. דאָס אַלײן איז טראַגיש גענוג, אָבער נאָך טראַגישער פֿון דעם איז, װאָס פּעפֿער האָט אין זײן פֿאַרחיבטער דינסט־געטרײשאַפֿט אַזױ געצאָלט זײנע חובות און געדעקט זײנע װעקסלען, אַז ער האָט זיך אַלײן פֿאַרגעסן און אונדז איבערגעלאָזט לידער, װאָס װעלן נישט לעבן װי לידער, נאָר װי דאָקומענטן פֿון אַ באַזונדערער ײדיש־עפּאָכע און פֿון אַ טראַגישער פּערזענלעכקײט, װאָס האָט נישט פֿאַרמאָגט קײן ברעקל טראַגיזם. ער האָט אָפּגעטומלט, אָפּגעצימבלט און אָפּגעצאָלט חובות מיט זיך, ביז ער אַלײן איז געבליבן אַ ביטערער אָרימאַן און געגאַנגען צו דער ליקװידירונג אפֿשר מיט דעם שאַרפֿסטן װײטיק פֿון אַלע זײנע טראַגישע מיטגײער.

איציק פעפער

לידער

(פון זיינע ביכער: „וועגן זיך און אזוינע ווי איך", „געוועטן" און „לעבן זאָל דאָס לעבן")

איך בין נישט דער ערשטער

איך בין נישט דער ערשטער און בין נישט דער לעצטער,
ס'ווייסן שוין ווערסטן מיין טראָט און מיין ליד,
ביי טירן צעקלאַפּטע, ביי פענצטער צעזעצטע,
שטיי איך און היט.
דאָ דאַרף איך שטיין,
וואו מ'האָט מיך געשטעלט,
דאָ דאַרף איך היטן
מיין שטאָט און מיין פעלד.
אין דערפער, אין טונקעלע, אויף פעלדער פאַרשנייטע,
אַ מחנה געגאַנגען, אַ מחנה פאַרבליט.
ביי מילן פאַרלאָזטע, ביי וועגן פאַרדרייטע,
שטיי איך און היט.
כ'בין נישט אַליין דאָ
אין שנייאיקער וועלט,
דאָ האָט מיך נעכטן
מיין פירער געשטעלט.
דאָ איז מיין לאַנד, און מיין לאַנד איז מיר טייער.
אויף זוניקע חורבות, מיט יאַטישע טריט,
מעג האָגלען מיט שטיינער, מעג וויכרען מיט פייער,
שטיי איך און היט.
שטאָט איז צעשראָקן,
און פעלד איז פאַרשנייט.
דאָ בין איך שטענדיק
און דאָ בין איך גרייט!

לאָמיר זינגען

לאָמיר זינגען,
לאָמיר טראָגן די געזאַנגען,

לאָמיר גייען, לאָמיר גייען
אויף די העכסטע שווערסטע טרעפּ;
ס'איז נאָך קיינער נישט געגאַנגען
מיט אַזוינע טריט פאַרשייטע,
מיט אַזוינע בליקן ווייטע,
מיט אַזוינע שטאָלצע קעפּ.
לאָמיר גייען,
לאָמיר פּויקן אין די טאַצן,
אַז די ווייטן זאָלן שרייען,
אַז ס'זאָל בונטעווען דאָס בלוט.
און ביינאַכט אין וויכן טונקל
נאָכן אומרו וועל איך שטייען
און באַקוקן שטיל דאָס ווינקל,
וואו מיין ביקסל הענגט און רוט.
לאָמיר זינגען,
לאָמיר גייען,
ס'איז דער וועג מיט זון באַהאַנגען
און אויף אַלטע חורבות בליט.
ס'איז נאָך קיינער נישט געגאַנגען
אויף אַזוינע טרעפּ פאַרדרייטע
אויף אַזוינע פּלעצער ברייטע
מיט אַזוינע פעסטע טריט!

ס'איז יעדער שטיבל

ס'איז יעדער שטיבל גרייט פאַר נייע לידער,
פאַר נייעם גליק איז גרייט דאָ יעדער שטיין,
אַ מונטערער און מידער
בין איך אַוועק אַהיים.

אַ מוטנע ריטשקע רינט, ווי ביאַליקס מוטנע טרערן,
אַ זקן זיצט און זיפּט דעם ווייַנענדיקן פּרוג.
אין קאַסרילעווקע שפּאַצירן פּיאָנערן
און אויפן מאַרק האָט זיך צעזינגען דער קאָמיוג.

געסלעך זינגען היינטיקע פּאָעמעס,
קלינגט מיט זון און רענדלעך דער מעת לעת,
מיין טאַטע זיצט און לייענט דעם מאָסקווער „עמעס"
און טרוימט פון אַ קאָלאָניע לעם אַדעס.

נאָר וויפל

נאָר וויפל, וויפל שטעטלדיקע חורבות
ליגן נאָך פון יעדערן פאַרלאָזט,
איך האָב ליב, ווען ווערטער זיינען באָרוועס,
איך האָב ליב, ווען לידער זיינען פּראָסט.
צי האָב איך רעכט גאָר זינגען לידער,
צי האָב איך רעכט איצט קלינגען אויף פּאַפּיר,
מיט האַק און האַמער קלינגען מיינע ברידער,
און האַק און האַמער ווארטן שוין אויף מיר.
איך שפּאַן און מעסט די שטעטלדיקע פּלעצער,
סע הענגט נאָך דאָ דער אומרו פון די שטעט,
צי זאָל איך ווידער זיין אַ פּראָסטער זעצער,
צי זאָל איך שוין פאַרבלייבן אַ פּאָעט ?
וואָס קאָן איך טאָן מיט אייך, אָ, ליבע חורבות,
פון יעדערן פאַרגעסן און פאַרלאָזט.
איך האָב ליב ווען ווערטער זיינען באָרוועס,
איך האָב ליב, ווען לידער זיינען פּראָסט.

נו, איז וואָס

נו איז וואָס, אַז מ'האָט מיך געמלט
און געפּראוועט, ווי ביי יידן, אַ ברית.
ס'האָבן פעלדישע ווינטן פאַרסמאַליעט
מיינע ווייסע פאַרדרימלטע פיס.
דאָ טרוימען נאָך יידן פון טשאָלנט,
יאַטן בענקען נאָך רויך און נאָך פלאַם
אויף פעלדער און טאָלן
אונטער הימלשן בלויען ים.
מען קען מיך פאַר אַ גוטן און שטילן,
פאַר אַ סך איז מיין ערלעכקייט קאַרג.
כ'האָב קיינמאָל נישט געלייגט קיין תפילין
און קיינמאָל נישט געהאנדלט אין מארק.
און עפּעס טאַנצט אין מיר און פרייט זיך,
און מיין בליק צעהעלט
זעען יידן געזונטע און ווייצענע
יידן פון פראָנט און פון פעלד.

און גוט איז היינט און כסדר,
איך זע, אַז איך בין נישט אַליין,

אין קרעציקע ווענט פון חדר
זיינען מענטשן געבוירן ווי שטיין.

סיביר, אוראַל

סיביר,
אוראַל,
קאַלוגע און טריפּאָליע
מיט הייסן בלוט אין הייסן לייב צעבליט —
כ׳בין אומעטום
אַ הייסער קאָמסאָמאָליעץ
מיט יונגע
זינגענדיקע טריט.
אין פעלד, אין דאָרף, אין רויכן און אין שאַכטן,
וואו יעדער שעה איז גרייט פאַר נייעם גליק —
דער הייסטער מיטן שווערד אין יונגע שלאַכטן,
דער הייסטער
מיטן האמער אין פאַבריק.
אין טעג אַזוינע יונגע,
אין טעג פון פראָסטן וואונדער,
אין יעדער שפּאַן אויף אונדזער גרויסער ערד —
נאָר מיר, נאָר אונדז, נאָר באָרוועס־גרויע קינדער
דאָס נעכטיקע
צעשיסן איז באַשערט.
סיביר,
אוראַל,
קאַלוגע און טריפּאָליע
מיט הייסן בלוט אין הייסן לייב צעבליט —
כ׳בין אומעטום אַ הייסער קאָמסאָמאָליעץ
מיט יונגע זינגענדיקע טריט.

הוי, איר

הוי, איר, ווייטע, פאַרחלומטע ברידער
אין צעריסענע רעקלעך און שיך.
איך האָב אויף פּלויטן געשריבן מיינע לידער
וועגן זיך און אַזוינע ווי איך.
איבער בליאיקער ברייט פון אוקראַינע
האָט געטעמט מיין ראַשיקער גאַנג,

זיינען לידער איצט מער שוין נישט מיינע,
אַלע זינגען מיין גרויען געזאַנג.
אַלע, אַלע וואָס קאָנען זיך פרייען
אין שווערע, און רויִקע טעג.
אַלע זינגען. איך האָב זיי געזען
אין סטעפּעס, אין וועלדער, אין וועג.
זינגט־זשע, ווייטע פאַרחלומטע ברידער
אין צעריסענע רעקלעך און שיך,
מיינע גרויע פאַררויכערטע לידער
וועגן זיך און אַזוינע ווי איך.

אין האַרץ מיינעם

אין האַרץ מיינעם שמייכלט און טאָגט,
נאָר ליכטיק איז דאָ נאָך נישט שטענדיק.
גוט, וואָס אין האַרץ מיינעם טאָגט,
כ׳האָב נאָך מיין ליד נישט פאַרענדיקט.
כ׳האָב נאָך מיין וואָרט נישט דערזאָגט —

טרעפט זיך אַמאָל, אַז אַ ווינט
ברענגט מיר אַ גרוס פון מיין ווינטער.
מילא, וואָס אַרט מיך דער ווינט?
ווערן די יאָרן געזונטער,
זיינען די לידער געזונט. —

דאָרט וואו ס׳איז ליידיק און שווער
טראָגן זיך פריידיקע קלאַנגען.
גיי איך אַרום און איך הער,
ווער איך מיט יום טוב באַהאַנגען,
דאָרט וואו ס׳איז ליידיק און שווער.

אין לאַנד מיינעם שמייכלט און טאָגט,
נאָר ליכטיק איז דאָ נאָך נישט שטענדיק,
גוט, וואָס אין לאַנד מיינעם טאָגט.
כ׳האָב נאָך מיין ליד נישט פאַרענדיקט,
כ׳האָב נאָך מיין וואָרט נישט דערזאָגט.

אין שלאַכטן

אין שלאַכטן און אין ראַנגלעניש,
וואָס האָבן
מיר
געגעבן? —

א לעבן אזא לעבעדיקס,
אז לעבן זאָל דאָס לעבן!
און דעם, וואָס וויל נישט שלעפּן אונדזער וואָגן,
און דעם, וואָס וויל דעם עול מיט אונדז נישט טראָגן,
דעם וועל איך זאָגן:
פּלי!
מיר האָבן פיינט — אַט — די!

*****

און ווער עס האַלט די הענט אויף פּאַטשן „בראַוואָ"
בלויז!
און ווער ס'באַהאַלט די הענט פאַר קעפּלעך קוטשעראַווע
בלויז! —
און ווער עס היט די הענט פאַר זיך און פאַר זיין ליבן מאָגן
בלויז!
דעם וועל איך זאָגן:
— לויז!
— פּלי!
— מיר האָבן פיינט אַט־די!

מיר זיינען מאַטראָסן

מאַרש־ליד

אין שטורעמס, אין שטאָרמס מיר שווימען און שווימען
ביי ברעגן און שטעט אומבאַקאַנטע
און איבער די שיפן זיך בויגן די הימלען
פון ווייטע און פינצטערע קאַנטן. . . .
די שטורעם און שטאָרמס די שיפן פאַרשווענקען,
מיר שווימען
פון ברעגן צו ברעגן,
מיר טאָרן נישט בענקען, מיר דאַרפן געדענקען:
מיר פירן די גרעסטע פאַרמעגנס.
מיר פירן די שיפן און פירן די צייט,
גרוסן סאָוויעטישע פירן מיר ווייט,
מאַטראָסן־קאָמאַנדירן,
סטאַלינער מאַרשרוט,
מיר פאָרן, מיר פירן —
קאָמאַנדע,
סאַליוט!

א גוטער וועטער

איך קאָן זיך נאָך נישט אויפהויבן אויף ניינצן קילאָמעטער
און אַ ברייטן קוק טאָן פון דער בלוי צעווייגט,
ווי מע האָט געקלעטערט, ווי מע האָט געשמעטערט,
ווי מע האָט געשטורעמט, ווי מע האָט געזיגט!
איך קאָן זיך נאָך נישט אויפהויבן אויף ניינצן קילאָמעטער....

איך קאָן זיך נאָך נישט אויפהויבן, האַלט איך נאָך אין גייען,
שווימען מיט די ימען, פליען מיטן צוג
און אומעטום באַגעגענען און אומעטום דערפרייען,
וואו עס זאָל נישט אויסקומען אונדזער טראָט פאַרזייען,
אומעטום די יום טובדיקע אויגן פון קאָמיוג!

כ'קאָן זיך נאָך נישט אויפהויבן אויף ניינצן קילאָמעטער,
נאָר איך זע זיי אַלע לויטער ווי בורשטין,
ריזיקע און קלוגע, פרילינגדיק צעבלעטערט...
מיר זיינען געוואַקסן אין אַ גוטן וועטער
איבער אַלע לענדער סטאַלינישע זין!

אין אַ מוזיי (פראַגמענט)

איך זאָג אייך דעם אמת:
צו אַלטקייט כ'בין טויב שוין,
איך האַלט נישט פון טעמעס,
וואָס ליגן אין שטויב שוין....
איך זאָג נישט — ס'איז נייטיק
אַרכיוון, מוזייען,
און זאָלן די טויטע
אין ווינקלען זיך שטייען.
און זאָלן זיך וויגן
פּאָרטרעטן ביי טירן,
און זאָלן זיי ליגן
די אַלטע פּאַפּירן....

די זאָלן, די מיטן
איך וועל נישט באַריידן,
די אַלטקייט דאָ היטן
צוויי נאַקעטע מיידן...

BRANDEIS, CALIFORNIA 93064

אויף וועגט און אין ווינקלען,
אין אַלע פיר עקן
מצבהלעך טונקעלע
און פּרצעס שטעקן. . . .
אין אונטן קילע
מע האָט דאָ געכאָוועט
אי דינעזאַנס תפילין,
אי פּרוגס מגן דוד. . . .
מנורהלעך הויכע
און אַלעס און אַלעס,
דער עלטסטער פּרוכת
און מענדעלעס טלית. . . .
און ווידער דאָ פּינקלט
דאָס זילבערנע רעמל, —
דאָס הענגט אין אַ ווינקל
מיין זיידע אברהמל. . . .
איך פרעג אין מוזיי דאָ:
געווען זיינען שטרייטן,
אַז ס'זאָל דאָ מיין זיידע
הירש לעקערט פאַרבייטן?. . .
אַ בעבערל ביאַליקס
איז ליבער דאָ — כ'לאָך נישט —
פון ריזיקע כוואַליעס,
וואָס טראָגן די מחנות. . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ'וועל גאַנג מיינעם העלן
ביי שטויב נישט פאַרשקלאַפן,
און זאָל נישט געפעלן
אַ פאַרשער מיין שאַפן!

אויף שטיקעס (פראַגמענט)

די וואָלקנס, ווי מאַלפּעס,
זיך קרימען און דרייען,
עס רייסן די זאַלפּן
די וואָכן אויפצווייען. . . .
מיט בלוטיקע אייגעלעך
ווינקען די כמארעס,

און ס׳גרימפּלט דער שטייגער
אויף אַלטע גיטאַרעס. . . .
טשוהון־טעג געזונטע
פונווייטן שוין בליצן,
אוועק איז דער זונטיק
אויף קלויסטערישע שפּיצן. . . .
אויף מיסטישע מיטות,
אין אַלטיטשקע שקראַבעס,
אין שווייסיקן קיטל
זיך וואַלגערט דער שבת. . . .
און ס׳טראָגן זיך מוטיק
און ס׳הילכן באַפּעלן.
די טעג, אָט־די רו־טעג
צום װענטל זיי שטעלן!
די טעג נאָר אין נעכטיקע
ביכער געפינסטו . . .
עס טראָגן זיך מעכטיק
דער מאָנטיק, דער דינסטיק. . . .
אַ גליקלעכן שליטוועגס!
אין פרייִדיקע רויכן
זינגען די מיטוואָכס,
די דאָנערשטיקס אויכעט. . . .
דעם שבת צעשאָסן! . . .
פאַרלוירן און זייטיק
נאָך שלעפּט זיך דער יתום,
דער קורצינקער פרייטיק. . . .
מיט בלוטיקע אייגעלעך
ווינקען נאָך כמאַרעס.
און ס׳גרימפּעלט נאָך שטייגער
אויף אַלטע גיטאַרעס. . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ס׳רוקט זיך פון ווינקעלעך
זשאַווער און בליקן,
דאַרף מען איצט פלינקער נאָך
זאַלפּן צעשיקן!

מיט ווערטער און קוילן —
מיר שטייען, ווי ריזן.
די הוילקייט, די פוילקייט
אויף שטיקעס! אויף שפּיזן!

הייבט די העק

שווימט אַ וואָלקן, לויפֿט אַ וואָלקן,
אין דער הייך אַ רעגן הענגט,
הויכע, ברייטע שטייען ביימער,
און דער וואַלד נאָך העקער בענקט.
ווערט דער הימל גרוי און גרויער,
ליגט אַ וואָלקן ווי אַ פֿלעק,
— העקער, העקער,
הייבט די העק!
ס'איז דער וואַלד שוין הויך און ברייט,
ס'זיינען ביימער רייף און גרייט,
רוקט זיך, בייגט זיך שוין דער הימל
שטילער גרויער צו דער ערד.
און די ווינטן ווערן פֿייכטער,
און די קאָרע פֿייכטער ווערט. . . .
ביז דער רעגן וועט נאָך קומען
איז די העק אין הענט גענומען,
ביז דער וואָלקן וועט אַוועק,
— העקער, העקער,
הייבט די העק!

אויסגעשטאָרבן

אויסגעשטאָרבן
זיינען מיינע לעגנגען,
וועגן
האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ וואָלקן.
פֿאַרוואָס־זשע האָט אַ ליד
געוואָלט ביינאַכט
זיך הענגען,
און דערשראָקענע
זיך הוידען
אותיות אויף אַ באַלקן? . . .

חיים גינינגער

זלמן רייזען

זלמן רייזען איז פון יענע קלאָרע טעמעס, וואָס מיט יעדן ווייטערן אַקט פון תופס זיין זיי ווערן זיי רק טונקעלער און טונקעלער. דער רושם פון קלאָרקייט נעמט זיך, ווייזט אויס, דערפון, וואָס אַלץ איז דאָ פּשוט און אויסגעלייגט קלאַפּ און צייל, כל זמן איר באַקוקט די פּאַקטן איטלעכן פאַר זיך אויפן פּלאַץ וואָס איר טרעפט זיי. אַלדינג טונקט זיך אָבער איין אין פּראָבלעמאַטישקייט מיט דער מינוט, וואָס איר פּרוואווט די פּאַקטן איבער־שטעלן כדי צו באַקומען אַ באַזיניקטע גאַנצקייט. ס'איז אַ סימן, אַז די פּאַקטן שטייען שוין איצט אין אַ סדר, נאָר אין אַזאַ אויסטערלישן, אַז מיר דערקענען דאָס נישט. ס'איז אַמאָל דער סדר פון אַ שטיק לעבן, וואָס וויל זיך נישט באַווייזן, ווייל מע מעסט עס נישט מיט זיין אייגענער מאָס. זלמן רייזען איז אַזאַ שטיק לעבן. אַ שטיק פון אַ גאַנצקייט און דאָס גאַנצקייט איינס פון די גאַנצקייטן, וואָס אַלע אין איינעם זיינען זיי דאָס גאַנצקייט פונעם יידישן פאָלק. דאָס דאָזיקע גאַנצקייט פונעם יידישן לעבן, וואָס דאַרף אונדז אַנטפּלעקן זלמן רייזענען, איז דאָך באמת פול אייגענע פּראָבלעמאַטיק: ס'איז די פּראָבלעמאַטיק פון דער יידישער קולטור, איר שפּראַך, איר ליטע־ראַטור, אירע לעבנס־פאָרמען. אָבער אַן אייגענע פּראָבלעמאַטיק נייטיקט זיך אין אייגענע מאָסן אויף אָפּגעשאַצט צו ווערן. און מיר האָבן דאָך אַזוי וויניק אייגענע מאָסן. ביי אונדז איז דאָך אַזוי: וואו עס לאָזט זיך אַריבערטראָגן אַ מאָס פון דער פרעמד, ווערט נאָך עפּעס געטאָן. נאָר טאָמער איז אונדזערער אַן אָביעקט צו פיל אַ ספּעציפישער און פרעמדע מאָסן טויגן שוין לחלוטין נישט, בלייבן מיר אָפּהענטיק. וואָס מער ספּעציפיש אַ חלק אין אונדזער ירושה איז, אַלץ ווינציקער איז אונדז דעריבער אַנטפּלעקט זיין תוך. זלמן רייזען האָט אַריינגעטאָן זיינע כוחות דער עיקר אויף צוויי פעלדער: 1) יידישע גראַמאַטיק, 2) יידישע ביאָגראַפיק. איך ווייס, ער האָט אָפּגעטאָן אַ וועלט מיט אַרבעט אין דער יידישער זשורנאַליסטיק, אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג, אין דער פּעדאַגאָגיק — אָבער גראַמאַטיק און ביאָגראַפיק האָבן פאַרנומען דעם רוב פון זיינע טאַלאַנטן, צו זיי איז ער געווען פאַרקויפט. האָט ער דאָ אויפגעטאָן זאַכן, וואָס דעקן אויף שטיקער פון אונדזער באַזונדערקייט, במילא זיינען זיינע אויפטוען אויך אַ שטיק באַזונדערקייט. אָט דאָס מאַכט אים פאַר אַ סך אַ האַרבערער טעמע ווי עס ווייזט זיך אויס לכאורה.

עטלעכע ביאָגראַפישע דאַטעס

איז נישט טשיקאַווע: דער וואָס האָט פאַרזאָרגט די יידישע ליטעראַטור מיט ביאָגראַפיעס פון אירע באַשעפערס, און אויף וועלכן אופן געלערנט בלק מיט איטלעכן צו וויסן דעם פשט פון פּינקטלעכע ידיעות און אַז אַלדינג איז חשוב — זיך אַליין האָט ער אַרויסגעלאָזט פונעם קאָן. דאָס איז רייזעניש: דער עיקר איז די זאַך; איר קיום און איר בלי איז אַ גרעסערער תענוג ווי דער אייגענער שם. געווען אַזוי לאַנגסטיקע צייטן. איך מיין אַז קודם ביי יידן. נישטאָ שוין. דאָס איז דאָס אמתע ליבשאַפט צום לעבן: דער פענאָמען וואָס פאַרכאַפּט דיך איז דאָס לעבן אַליין. אין רייזענס פאַל: דאָס יידישע לעבן. און וואו איז דאָס לעבן? דאָרטן וואו די אויגן זעען עס: מחוץ זיך. און אין לעבן איז איטלעכס ברעקעלע פון גרויס חשיבות, מע טאָר קיין זאַך נישט מינערן. מ'איז אין אַ כסדרדיקער סכנה מיטן מינדסטן ריר צו פטרן דעם אויסזע פון דער גאַנצקייט — כאָטש נעם און שטעל אַריין די גאַנצע וועלט אין אַ קאַמער, ווי אין משה־ליב האַלפּערנס ליד. אָט אַזוי אַ טאָג ווי נאַכט אין אַלע ווינקעלעך רק גענישטערט און געקוקט — און אַליין געבליבן פאַרקוקט פון זיך און פון אַנדערע.

דער טאָג פון זלמן רייזענס געבוירן איז, ווייזט אויס, דער 6טער אָקטאָבער; אַזוי שטייט ביי שלמה וויניגערן אין זיין „נאַציאָנאַל־ביאָגראַפיע" און, איך רעכן אַז אין זייער לאַנגיאָריקן מגע־משא האָבן זיי זיך איינס דאָס אַנדערע איבערגעגעבן זייערע ביאָגראַפישע דאַטעס. דאָס יאָר איז באַוואוסט: 1887. דאָס אָרט איז דאָס שטעטל קאָידענאָוו לעבן מינסק. וועגן דער שטוב, דער צייט און דער סביבה קען מען לייענען אין זיינע ביאָגראַפיעס פון זיין פאָטער, זיין ברודער אברהם און זיין שוועסטער שרה. אַ וויכטיקער מקור זיינען אברהם רייזענס „עפּיזאָדן פון מיין לעבן" (3 בענד, ווילנע, 1929-1935). נאָר אין תוך איז אַלדינג וואָס ס'איז דאָ און דאָרט פאַרצייכנט וועגן זלמן רייזענען נישט מער ווי איזאָלירטע פּרטים און צו ווייניק צו ווייזן אים און זיין פּאָזיציע אין דער לעבנס גרייס. ברודער און שוועסטער און קינדער וואָלטן געדאַרפט זיין אונדזערע ערשטע וועגווייזערס אין די פאַרשוויגענע חדרי־חדרים פון רייזענס לעבנסוועג.

זיין קולטור־היסטאָרישער יחוס־בריוו איז אונדז באַקאַנט. די קינדער־יאָרן פאַלן אויס אין דער צייט פון גרויסן פרימאָרגן אין אונדזער לעצטן קולטורטאָג אין מזרח־אייראָפּע. פּרצעס גלעקער האָבן צעקלונגען אויף אַלע גאַסן און אין אַלע הערצער דעם אָנזאָג פון אַ פרישן לעבנס־טעם אין אַלע אברים פון אונדזער פאָלק. 'ער האָט דאָך עס אָפּגעזוכט, דאָס לעצטע קיניג־רייך אונדזערס: דעם לענדער־קאָמפּלעקס מיט די גערטנער און וועלדער פון אונדזער שפּאָגל נייעם פאָלקס פרימיטיוו. און וואָס האָט מען דערזען? שפּייכלערס מיט אוצרות פון נייער גייסטיקער ענערגיע. טאָג און נאַכט זיינען זיי געפאַלן פון די צווייגן די צייטיק געוואָרענע פּירות. גאָר שפּעדיק

איז געווען דער בלי אויפן צווייג פון שיינער ליטעראַטור. איז דען געווען מעגלעך, דער צווייג פון פילאָלאָגיע זאָל אָפּשטיין? אין דער עלטערער פילאָלאָגישער ליטעראַטור באַגעגנט מען אָפּט דעם געדאַנק, אַז די עובדא פון פילאָלאָגיע איז פּותר צו זיין דאָס דערקענטעניש; אויב ליטעראַטור איז דערקענטעניש, איז פילאָלאָגיע דערקענטעניש פון אָט דעם דערקענטעניש. במילא באַווייזט זיך פילאָלאָגיע ביי אַ פאָלק מיט דער מינוט וואָס די ליטע־ראַטור פון דעם פאָלק ווערט ראוי באַנומען צו ווערן ווי דערקענטעניש. אין דער יידישער ליטעראַטור איז דאָס נישט געווען אַנדערש. ווי קליין דער אָנהייב זאָל נישט געווען זיין, קוים האָט ער געהאַט אַ ממשות אין די אויגן פון דער וועלט, האָט ער אַרויסגערופן אַ פילאָלאָגישן אָפּקלאַנג. דער נאָמען דערפאַר איז זייער לאַנג געווען: קריטיק; און נישט אין איין פאַל און נישט זעלטן איז זי געמאַכט געוואָרן פון די באַשאַפערס פון דער ליטעראַטור גופא. צעצווייגונג איז אַ שפּעטערע זאַך. טיילונג אויף זשאַנערס און דיסציפּלינען אינעם שאַפן און אינעם באַנעמען ליטעראַטור איז אַ פועל־יוצא פון איר פאַרטיפערטער פּראָבלעמאַטיק; עס ווערט איבער די כוחות צו שטעקן מיטן גאַנצן קאָפּ און מיטן גאַנצן הארצן אין אַלע אירע ווינקעלעך. אָבער פונדעסטוועגן קומט אַ צעצווייגונג פון אַ ליטעראַטור נישט אָן גרינג. עס דאַרף פריער איינגעבראָכן ווערן די מענטאַליטעט אי פונעם שאַפער אי פונעם קאָנסומענט. ביז איצט זיינען זיי ענציקלאָפּעדיסטיש איינגעשטעלט: אַ מענטש דאַרף אַלדינג וויסן און פון אַלעמען נהנה זיין. מה דאָך דאָס גאַנצע וויסן, ווייסט דער ענציקלאָפּעדיסט, ברענגט נישט אַלעמאָל דאָס געגאַרטע ליכט, וואָס זשע קען שוין טויגן דאָס פּרט־וויסן? האָט ער אַ ביטול צום יונגן־מאַן מיטן „שמאָלן" אינטערעס. און אויך אַ כלי־זין דערצו: חוזק. ס'איז די באַוואוסטע איראָניע פונעם אוניווערסאַליסטישן משכיל. קומט טאַקע אויס: דער אָנהייב פון דער השכלה איז רייסן זיך צום אמת אָן אָן אָפּהאַלט, אָבער איר סוף איז אַליין אָן אָפּהאַלט. דער דאָזיקער גליוור־ פּראָצעס פונעם משכילישן געדאַנק ווערט ביי אונדז צום שטאַרקסטן אין דעם יאָרצענדלינג, וואָס פאַרבינדט דאָס 19טע מיט 20סטן יאָרהונדערט. ס'איז דער לעצטער לעבנסציטער פון דער השכלה בת שמים אין אונדזער מזרח־אייראָפּעאישן לעבן. הינטער אירע פּלייצעס האָט שוין לאַנג געלצעוועט דער שד פון די נייע צייטן און — נישט אָנגעזאָגט, נאָר באַלד אַרויפגעפּירט אויף דער ליטעראַרישער אַרענע מיטן גאַנצן טאַראַראַם אונדזער לעבנס־מאַשינעריע מיט אירע גאַסן און געסלעך און מיט דער נייער פּראָבלעמאַטיק אין זיי פון יחיד און כלל און זייערע וועגן צו גאולה. איצטער פורעמען זיך די ערשטע אמתע אינטעליגענטן פון אונדזער רענעסאַנס. און ביי זלמן רייזענען איז דאָך עס יענע תקופה אין זיין לעבן, וואָס גיט דעם מענטש זיין כשרון און זיין אינעווייניקסטע פּניה.

ביי אונדז איז דער היסטאָרישער כוח־הראיה נישט גאָר שטאַרק, ווייזט אויס. פאַר וואָס דען האָבן מיר אַזוי ווייניק קולטור־געשיכטע בכלל, פון די לעצטע יאָרצענדלינגער בפרט? און געשיכטע איז דאָך דער פּירוש

צו אַזוי פיל פאַקטן פונעם היינט. ווי פאַרבאָרגן עס זיינען אַ שטייגער די וועגן, וואָס האָבן לסוף אַנידערגעשטעלט אַ היפשן קאָדער אינטעליגענץ אין אונדזער קולטור־סעקטאָר אויף יידיש. ווער ווייסט, צי אַ בדיקה וואָלט נישט אַנטפּלעקט פאַר אונדז די היסטאָרישע חרפה, אַז דער רוב איז נאָר בעל־כרחו אויסגעוואַקסן ביי יידיש, לכתחילה האָט מען זיך געריסן ערגעץ אַנדערש. אפשר איז דאָס די סיבה וואָס אַזוי פיל פּאָזיציעס אין דער יידישער קולטור־סביבה זיינען איינגעשטאַנען און שטייען איין אין אומראווידיקע הענט. מיט אָט דעם געדאַנק לאָזט זיך כאַפּן אַ שטיק זלמן רייזען. ער איז געווען אַ זעלטענער עקזעמפּלאַר ביי אונדז פון אַ הויכן פאָלקס־אינטעליגענט, וואָס האָט זיין גייסט און זיין כאַראַקטער אויסגעשמידט אין די אויטאָכטאָנע פּייערן פון אונדזער פאָלקס לעבן ווי ס׳איז געוואָרן וואָר אין שפּראַך און אין שטייגער. זלמן רייזען איז דער ערשטער גרויסער בירגער פון אונדזער פּרץ־מדינה, וואָס האָט אָן פּניות געלעבט מיט אירע געזעצן. נישט גרויס איז געווען די מחנה פון די בירגער. איז ווי טייער זיינען זיי אונדז מיט דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן געוויזן אַ וועלט, געוויזן בולט, הויך און דעפיניטיוו, אַז אויך אין אונדזער יידיש־סביבה איז שייך און מעגלעך אַ לעבן אַן אָנגעזאַפּטס מיט די שענסטע אידעען און אידעאַלן, און דאָך אויפן יסוד פון אַן אייגענער טראַדיציע, און דאָס הייסט דאָך מיט דער אמונה, אַז מיר זיינען אַן אייגענער דרך אין דער וועלט מקיים צו זיין אידעען און אידעאַלן. דאָ איז יידישע קולטור געווען אַ פעסטשטאַמיקער בוים אין וואַלד פון קולטורן, מיט חיונה־וואָרצלען אין אַ נייעם עטנישן פאַקט ביי יידן, דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, און מיט צווייגן אין אַלע הימלען פון געדאַנק און חלום. אָט האָט איר רייזענען. נישט אַ ברעקל אַנדערש האָט זיך אים געלוינט. די עפּידעמיע פון אונדזער קולטור־עקלעקטיק אין אַלע עקן וועלט האָט אויף די אויטאָכטאָנע פּייערן קיין שליטה נישט געקענט האָבן. אמתע קולטורן לעבן נישט אין זכות פון אַרגומענטאַציע. אַרגומענטאַציע קומט אויף נאָר אונטערן געפּיל פון טאָלערירט זיין. און אַזאַ געפּיל באַקומט מען, אויב מע זאָגט זיך אָפּ פון טאַטע־מאַמע, פונעם אייגענעם לעבן, און מע בעט זיך איין ביי יענעם. היינט זיינען מיר שוין גאַנצע מחנות אַנגעבעטענע. אַזוי זעלטן איז אונדז באַשערט געווען צו לעבן אָן אַרגומענטאַציע! נאָר — אויף יענע קולטורהייכן אויפן אייגענעם חשבון, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אינעם האַרצן פונעם גרויסן יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע, אָט דאָרט וואו עס האָט געטאָן זיין שליחות אונדזער גלייכער, אונדזער געטרייער, אונדזער לייבלעכער זלמן רייזען.

דער גראַמאַטיקער

זלמן רייזען איז געווען דער ערשטער יידישער גראַמאַטיקער מיטן פּראָסטן פּשט. סטייטש, אין די טויזנט יאָר יידיש לשון און אין די איבער פיר הונדערט יאָר יידישע שפּראַכפאָרשונג? איך וועל דאָס מסביר זיין.

אַלע וואָס האָבן זיך דורך די יאָרהונדערטער מתעסק געווען מיטן פֿאָרשן די יידישע שפּראַך, האָבן אַקעגן איר געזינדיקט איין גרויסע זינד שלא כתובה בתורת הלשון, היינו: נישט איר טובה זיינען זיי אויסן געווען. זיי האָבן רעגיסטרירט און סומירט; איר דאַרפֿט אָבער ליב האָבן, איר זאָלט באַגליקן אויסצונאַרן ביים אָביעקט אַ חלק פֿון זיין טבע אין אַ סיסטעם אַריין. ס'איז די טייטש פֿון „ידע”: וויסן און ליב האָבן אין איינעם. אודאי האָט מען געפֿאָרשט יידיש הונדערטער יאָרן, און גרויסע פֿאָרשערס האָבן דערקענט גרויסע זאַכן אין אים. אָבער ס'איז קיין ספק נישט, אַז מיט אַ לייבלעבער ליבשאַפֿט וואָלטן זיי דערגאַנגען אי מער אי פֿאַרבאָרגענערס. און ערשט די טובה, וואָס האָט געדאַרפֿט אַרויסקומען פֿאַר דער שפּראַכס בלי־כוחות, אירע סטיליסטישע מעגלעכקייטן פֿאַר די פֿאָדערונגען פֿון אַ וואַקסנדיק לעבן. דאָ איז אַ נוגע בדבר דער נוצער פֿונעם לשון אין זיין גאָרער סאָציאַלער קאָמפּליצירטקייט. און דאָס פֿאָדערט אַנדערע באַהאַוונטקייטן. דאָס פֿאָדערט אויך, די דערגייאונגען זאָלן דערלאַנגט ווערן אין דעם געפֿאָרשטן לשון גופֿא. דאָס איז אַן עובדא פֿאַר זיך. דאָס לשון דאַרף מען מסוגל מאַכן דערצו. עס דאַרפֿן געשמידט ווערן ספּעציעלע שפּראַכיקע כלי־זין. דאָס איז אַ טייל פֿון דער גרויסער עובדא אין אונדזער לשון, וואָס ב. באָראָכאָוו האָט דערקענט ווי זיין הומאַניזאַציע. צו רעדן וועגן אַ שפּראַך אין איר אייגענער טערמינאָלאָגיע איז אַ בראשית אין איר וויסנשאַפֿט. אַזאַ זאַך קומט נישט אויף פֿון זיך. ס'איז נייטיק, עמעצער זאָל זיך אַריינמישן ביודעים. ביז ז. רייזענען זיינען געווען קליינע און איינגעהאַלטענע פּרוואון, מער נישט: אין דער סביבה און אונטער דער השפּעה פֿון דעם גרויסן יידיש־קענער און פּיאָנער אין דער יידיש־פֿאָרשונג יהושע־מרדכי ליפשיץ; ביי אַלכסנדר האַרקאַווין; עפּעס ביי שלום־עליכמען. ביי אַנדערע נאָך קאַרגער. זלמן רייזענס טריט פֿון 1908 מיט דער „פֿולשטענדיקער יידישער גראַמאַטיק” איז דער ערשטער מיט אַ יסוד אין סתם־לינגוויסטישע און אין יידיש־לינגוויסטישע הנחות מיטן אויסקוק צו העלפֿן דעם לשון אַרויפֿצוצו. דאָס איז דער נאָרמאַלער דרך אין דער אַרבעט איבער אַ נאָרמאַל פֿונקציאָנירנדיקער שפּראַך, וואָס גייט איינגעמען דאָס גאָרע גייסטיקע לעבן פֿונעם פֿאָלק אין איר שמידעריי. איר באַקומט ידיעות וועגן דער שפּראַך נישט נאָר ווי זי איז געוואָרן און ווי זי האָט זיך אָפּגעזעצט אין מאָנומענטן; איר באַקומט אויך דאָס לשון וואָס די סיטואַציע פֿונעם מאָנומענט האָט צוליב באַשטימטע קולטורהיסטאָרישע טעמים נישט געקענט הייליקן, אָבער וואָס בעט זיך צו דינען די נייע באַדערפֿענישן. דערמיט איז זלמן רייזען אַ ראשון ביי אונדז. ער האָט אין דער יידיש־סביבה און אויף יידיש דער ערשטער גערעדט ציטיקע רייד וועגן אונדזער לשון. ער איז דער פּונקט, וואו דער קאָנוואָי פֿון דער יידישער שפּראַך־פֿאָרשונג פֿאָרט אַריבער פֿון דער פֿרעמד אין דער אייגענער מדינה אַריין. ס'איז נישט גרינג געווען איינער אַליין אויסצולאָדן דעם קאָנוואָי און מאַכן די סחורה עובר לסוחר, ווער שמועסט אויסהאַקן נייע שטיינער און שטעלן זיך בויען דעם בנין. אָבער ער האָט זיך געשטעלט

און געטאָן. מע דאַרף אַריינקוקן ווי עס קער צו זיין אין רייזענס ערשטן לעקסיקאָן (1914), ווי אַזוי ער פאָרמולירט שוין דעמאָלט די לינגוויסטישע דערגרייכונגען בנוגע יידיש אין פריערע צייטן, און וואָס ער האָט נאָך אָפּגעטאָן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אַריינצוברענגען אַ סדר אין יידישן אויסלייג, כדי צו זען אַז ווערטער האָבן נישט קיין ברעקל מליצה אין זיך. און ער האָט נישט נאָך זיך געגרונטעוועט אין שפּראַכפאָרמען, ער האָט כסדר געדאַנגהט, זיין ווסן און זיין חוש זאָלן זיך שפּרייטן און וועקן צו דער אַרבעט אַנדערע. ער האָט רעדאַקטירט זשורנאַלן און צייטונגען, געמאַכט די פאַרשיידנסטע איבערזעצונגען, געאַרבעט אין טערמינאָלאָגישע קאָמיסיעס, מיטפאָרמולירט שולפּראָגראַמען, געשאַפן לערנביכלעך — זיכער מיט קינסט־לערישע, מיט פּעדאַגאָגישע, מיט אַנדערע קולטורעלע כוונות, נאָר איך דערוועג מיך צו זאָגן, אַז פריער פאַר אַלץ: מיט דער הייסער כוונה רייכער צו מאַכן יידיש.

און כסדר מיט דער האַנט אויפן דפק פון דער צייט, נישט צו פאַר־זאַמען חלילה. און נישט פאַרזאַמט. וואָס וואָלטן יידישע לערערס געוועט געטאָן אין די אימפּעט־יאָרן פון יידישער שולבויאונג אין אַלע יידישע ישובים אָן רייזענס „גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך" (ווילנע, 1920 און 1921)? מיר האָבן זיי דאָך געזען, די לערערס, יענע יאָרן, מיטן חיות אויף די פּנימער. און דאָס איז געוואַקסן פון זלמן רייזענס וואַרעמע און זיכערע רייד, וואָס האָבן געשפּייזט מיט ווסן און מיט אַרגומענטאַציע. און נאָר לערערס? אַלץ וואָס האָט געקראָגן וועג און גלאַנץ דורך יידיש האָט אָנגעשלאָגן ביי זלמן רייזענען: דער אַרטיקל־שרייבער, דער דיכטער, דער קולטור־טוער, דער מחבר פון לערנביכער.

מ'האָט זיך נישט גרינג מודה געווען אין דעם. ס'איז אַזוי דער גאַנג פון אַ צעשטורעמטער צייט. נישט זי ווייסט רעכט וואָס הייסט דאַנק, נישט זי איז גרייט דערצו. ערגער איז, וואָס ס'איז געווען אויך חוזק, אויך אומ־פאַרשטאַנד. איבער זלמן רייזענען איז דאָך נישטאָ קיין אייין אָפּהאַנדלונג קיין רעכטע. איין באַראַכאָוו האָט געוואוסט פונעם „גרויסן ווסנשאַפטלעכן ווערט" פון זיין ערשטער גראַמאַטיק, איז דאָס אויך מיט אַן „אָבער". אַנדערע האָבן געוואוסט, אַז עס קומט זיי אַ פּלאַץ ביי רייזענען. אַנדערע האָבן געשעפּט ווסן און אינספּיראַציע ביי אים, און זיך באַלד אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע. פאַראַן געווען אַ גרויסע שרייבערישע וועלט, וואָס האָט גוט געוואוסט פון וואַנעט זי האָט אירע שפּראַך־ידיעות און דורך אַלע די יאָרן האָט זיך קיין איין רעכטע אינסטיטוציע נישט אָנגערופן, אַז זי וועט אים אַרויסגעבן זיין גראַמאַטיק. שפּעטערצו האָט ער דאָס גענומען טאָן אויפן אייגענעם חשבון. עס זיינען שוין געווען אָפּגעדרוקט די ערשטע 50 זייטן. דאַנקען גאָט, וואָס שטיקער זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זשורנאַלן. זיי האָבן אַ גרויסע ווערט. אָבער אוצרות אין לשון זיינען פאַרלוירן געגאַנגען. און דאָס איז אַ גרויסער ווייטיק. ס'איז אַ ווייטיק אין דרייען: די יידישע

גראַמאַטיק איז אָרעמער מיט אַ סך קאַפּיטלעך רייזענישע בקיאות; שנית, איז פון אונדז צוגענומען געוואָרן איינער פון די געציילטע צנורות פון שפּראַכיקער השפּעה אויף אונדזער שרייבערישער וועלט (וואָרעם רייזען האָט געהאַט אַ ספּעציעלן כוח דערצו), און דער דריטער ווייטיק איז אויך אַ ווייטיק: פאַרוואָס האָט אַ מענטש מיט דער ראַווידיקייט נישט דערלאַנגט די גאַנצע זכיה וואָס איז אים געקומען? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

***

אַ צווייטער רייזענישער רשות איז געווען, ווי כ'האָב פאָרמולירט אין אָנהייב, יידישע ביאָגראַפיק. די טעמע איז שוין גאָר קאָמפּליצירט. באַרעכנט וועגן וואָס דאָ גייט, אויב מע האָט אין זינען דעם ענין נישט אין פּרינציפּ, נאָר ווי ער האָט אויסגעזען ביי ז. רייזענען. מע טאָר אויף רייזענס אויפטו אין זיינע ביידע לעקסיקאָנען (דעם איינבענדיקן פון 1914 אונטער ש. ניגערס רעדאַקציע און דעם פירבענדיקן פון 1926-1929) נישט קוקן ווי אויף אַ קאָנצענטראַציע פון פאַראַנענע ידיעות וועגן די פּני פון דער יידישער קולטורוועלט. חלילה! דאָס וואָלט ווידער באַטייט, ווי עס פירט זיך ביי אונדז, מעסטן מיט מעסטלעך פון דער פרעמד. אַ סך פאַקטאָרן דערלאָזן דאָס נישט. ערשטנס האָט זיך דאָ געפאָדערט אָן אַ שיעור מער בקיאות אין די פאַרשידנסטע ענינים, ווי ס'האָט וועו ס'איז געקענט האָבן אַ צונויפשטעלער פון אַ ביאָגראַפישן לעקסיקאָן. ביאָגראַפישע לעקסיקאָנען מיט אַ ווערט זיינען דאָך צונויפגעשטעלט געוואָרן פון קאָלעגיעס. אַ חוץ דעם איז פאַר אָן ערשטן לעקסיקאָן פון יידישע גדולים געשטאַנען אַ ספּעציעלע עובדא: אָפּצוטיילן זיי פון זייער אַריינגעטאָנענקייט אין אַ וועלט פון נישט-יידישע עסקים. און פון די יידישע האָט מען געדאַרפט אָפּזוכן דאָס שייכות צו דער יידישער שפּראַך-ספערע, דאָס — פון אירע אָנהייבן אָן. דערביי זיין דער ערשטער, וואָס דאָס שמעקט מיט איין קליניקייט: שאַפן די גאַרמע און דעם נוסח פאַר דער גאַרמע. פון די 1963 נעמען אין רייזענס צווייטן לעקסיקאָן וויים איך פון צוויי ענינים וואָס האָבן אַרויסגערופן טענות: א) עס זיינען אַריין מענטשן אין לעקסיקאָן וואָס זיינען נישט געווען ראוי דערצו; ב) אַ סך פון די אַריינגענומענע האָבן זיך געפילט געקריוודעט. גאָרנישט ווינציק שינאת חינם האָט דאָס געבראַכט זלמן רייזענען (אין ווילנע-וואַרשע איז אַרומגעגאַנגען אַ איראָניש ווערטל: יהללך זר ולא פּיך: זלמן רייזען זאָל דיך לויבן, נישט דיין מויל אַליין). אָבער מע טאָר דאָך נישט פאַרגעסן, אַז איין מענטש האָט געטאָן די גאַנצע אַרבעט: אי געבראַכט ליים, אי אויסגעקנעטן די ציגל, אי געווען אַליין דער אַרכיטעקט פונעם בנין. איין מענטש! איר קענט אָנציילן אַ סך ביאָגראַפישע לעקסיקאָנען אויף דער וועלט, וואָס ברענגען אַזוי פיל ידיעות דירעקט, פון דער אייגענער באַקאַנטשאַפט? און ביי איטלעכן טריט האָט כסדר געקאָרטעט אַריינצושטעלן וואָס מער פאַקטן, וואָרעם ווער נאָך האָט אַזוי גוט געוואוסט ווי זלמן רייזען, ווי ווינציק אַנדערע מעגלעכקייטן עס זיינען פאַראַן ביי אונדז פאַר פאַרשידענע

פרט־פאַרשונגען. זאָל כאָטש פאַרצייכנט ווערן וואָס מער פּרטים. דאָס איז אויך אַ טייל פון אונדזער ספּעציפישער סיטואַציע. דערפאַר אַ פּנים דער טיטל פון זיין צווייטן לעקסיקאָן אַזאַ מאָדנער: „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע". ס'איז אַן אייגענער נוסח פאַר אַן אייגענעם ענין, וואָס האָט זיין שורש אין אונדזער ספּעציפישער יידישער סיטואַציע. דאָס יידישקייט פון זלמן רייזענס דרכים וואַקסט פון זיין געטריי־שאַפט צום אָביעקט. אָט דאָס מאַכט אים דאָך עמינענט פאַר דער יידישער פּראָבלעמאַטיק. בפרט אַז מע נעמט אין חשבון אויך דאָס כמות: נאָר וויפל ביבליאָגראַפיע! וויפל ציטאַטן פון די פּאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך סיי פון ווערק סיי פון דער קריטיק אויף זיי! דאָס אַלץ אַרומצוכאַפּן מיטן אויג און עס אָפּצושאַצן פאָדערט אַ סך און ספּעציעלע אַרבעטן. מיר נייטיקן זיך אין זיי ווי אין לעבן. דאָס וואָלט אויך געווען דער אמתער מאָנומענט נאָך זלמן רייזענען. נאָר נישט אין אַ דערמאָן־אַרטיקל קען מען זיך צורירן דערצו. איך נעם זיך נישט אונטער. וואָס איך וויל דאָ בשייכות מיט רייזענס לעקסיקאָן, איז: איבערגעבן אַ פּרט, וואָס נאָר איך פאַרמאָג אים, זאָל ער נישט גיין לאיבוד.

אין דער יידישער שרייבערישער וועלט פון פאַר דער קאַטאַסטראָפע האָט מען שוין געוואוסט, אַז זלמן רייזען קלייבט זיך צו דרוקן הוספות צו זיין לעקסיקאָן. די הוספות האָבן גדאַרפט אַ אַריינגעמען נייע נעמען אי ברענגען מלואים צו די אַלטע. די אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן טאָן נאָך בשעתן דרוקן דעם לעקסיקאָן. ס'איז דאָך אַ טייל פון דער אַרבעט איבער אַזאַ לעקסיקאָן צו האַלטן אין איין קאָמפּלעטירן אים. אין די הקדמות צו אַלע פיר בענד פונעם לעקסיקאָן איז ער אויך בסדר צוגעשטאַנען צו דער שרייבערישער יידישער וועלט צו שיקן אים וואָס מער מלואים און נייע ביאָגראַפיעס. דער עיקר איז געווען, ווייזט אויס, וואָס ער האָט פּאַרוואָרפן די וועלט מיט פּרעגבויגנס. און מן הסתם דער סאַמע עיקר: וואָס געטאָן האָט די אַרבעט זלמן רייזען און נישט קיין אַנדערע. וואָרעם דער רעזולטאַט איז געווען זייער אַ גרויסער. איך האָב די קאַרטאָטעקע מיט די נעמען געזען אָנהייב 1938, האָט זי שוין דעמאָלט געהאַט אַרום טויזנט נייע פּאָזיציעס — לויט רייזענס אייגענע ווערטער. און ווייל אַ סך פון די פּאָזיציעס זיינען געווען מערנישט מלואים צו אַרטיקלען פון פריערדיקע בענד, האָט ער זיך אויסגערעכנט, אַז מער ווי איין באַנד וועט ער נישט באַדאַרפן פאַרן גאַנצן מאַטעריאַל. אויף דעם האָט ער געקענט דורכקומען מיט קלעצקינס דרוקעריי. אין אָנהייב 1939 האָט מען זיך גענומען זעצן דעם נייעם באַנד לעקסיקאָן. איך האָב אים געהאַט צוגעזאָגט צו העלפן ביי דער קאָרעקטור. 1939 בין איך אָבער שוין געווען אין טשערנאָוויץ. האָב איך די אַרבעט גענומען טאָן דורך פּאָסט. באַוויזן האָב איך צו האָבן אין מיינע הענט איין האַלבן בויגן צוויי־עמודימדיקע אָקטאַווזייטן, דאָס הייסט 16 עמודים לעקסיקאָן פאָרמאַט. איך האָב זיי תיכּף צוריקגעשיקט מיט מיינע קאָרעקטורן. אָבער אַזוי ווי דריי זייטן זיינען אָנגעקומען טאָפּל, איז איין קאָפּיע געבליבן

ביי מיר. איך האָב זי געהיט דורך אַלע וואָגלענישן און זי דערהיט ביזן היינטיקן טאָג. ווער ווייסט, צי פון דער גאַנצער זאַך איז חוץ דעם ברעקל עפּעס געבליבן? דער בריוו מיט די קאָרעקטורן איז אַרויסגעגאַנגען פון ווילנע קיין טשערנאָוויץ דעם 3טן יולי, 1939. גאָר אין גיכן האָט זיך אָנגעהויבן די ווילדע שטראָף איבער אונדזערע קעפּ און מיט איר ערשטן קלאַפּ דערגרייכט זלמן רייזענען. ביים אַריינקומען פון די באָלשעוויקעס קיין ווילנע אין 1939, איז זלמן רייזען תיכף אַרעסטירט געוואָרן, און שפּעטער, אָן אַ פּאַרוואָס און אָן אַ פּאַרוועז, אומגעבראַכט געוואָרן דורך זייערע הענט.

דאָ ווייטער — די רעפּראָדוקציע פון איינער פון די דריי זייטן. זאָל די לעצטע פּען (אויפן לשון פון ליובאַוויטשער חסידות) פון אַ ליכטיקן בעל־חלומות אונדזערן שטאַרצן אין דער וועלט אַריין אין איר אייגענער פאָרם.

ביסל געקומען צו זיך, אָבער אַ פּער=
זענלעכע טראַגעדיע האָט אים ווידער
פאַרוואָרפן קיין שיקאַגע, וווּ ער איז
אין אָנדערטהאַלבן יאָר אַרום געשטאָרבן.—
אַ' ווערט פון זײַנע חבֿרים כאַראַקטע=
ריזירט ווי אַ ראָמאַנטישע נאַטור מיט
לײַכטן איבערגאַנג פון דריקנדיקן אומעט
צו רוישנדיקער באַגײַסטערונג; שוואַך
ווי אַ לעקטאָר, אָן אַ טעאָרעטישן צו=
גאַנג צו פּראָבלעמען, האָט ער אָבער
ווי אַן אַגיטאַטאָר געמאַכט אַ רושם אויף
די מאַסן=פאַרזאַמלונגען, אַ דאַנק דעם
געפיל זײַנעם און דער מעכטיקער שטים.
— זײַן ברודער צבֿי אַבערסאָן צו=
זאַמען מיט לעאָן מאָצקינען און חיים
ווייצמאַנען פירער פון דער „דעמאָקראַ=
טישער פראַקציע" (אויפן 5טן ציונ'
קאָנגרעס), איר טעאָרעטיקער, איינער
פון די שעפערס פון ציונ'=סטודענטישע
קאָרפּאָראַציעס אין די שווייצערישע
אוניווערסיטעטן, האָט חתונה געהאַט
מיט דער פּיאָנירין פון „בונד" גרינ=
פעלד. אַ געוויסע צײַט — פאָרשטייער
פון קאָמיטעט פון די ייִד' דעלעגאַציעס
בײַ דער פעלקער=ליגע אין זשענעווע.

אַ', „אַ בלעטל זכרונות וועגן יהואשן" — ייִד' אַרבעטער=שטימע 1927, 2; ק. מרמר, פרײַהייט 1929. משה פּריליצקאַו, ייִד' אַרבעטער 6/XII/ 1929. אַרבעטער=שטימע.

אַבראַמאָוויטש איצעלע (12/II/1876[1] — 17/VIII/1932) געב' אין פּאָל=
טישען, רומעניע. זײַן פאָטער אַבֿרהם,
אַ בעל=קורא, האָט אים געגעבן לערנען
צו די בעסטע מלמדים, צו 15 יאָר איז
אַ' געוואָרן אַ מלמד אין אַ דאָרף און
צײַט געהאַט זיך צו באַקענען מיט דער
השׂכּלה=ליטעראַטור, צו 20 יאָר אָנגע=
הויבן צו שרײַבן שירים און פּראָזע אין
„היועץ". לויט די אינפאָרמאַציעס פון
לוי סג"ל — זינט 1892 געווען סופלער
און „שרײַבער" בײַ דער טרופּע פון דעם
באַוווּסטן ייִדיש=רומענישן אַקטיאָר מרדכי
סעגאַלעסקו, שפּעטער סעקרעטאַר בײַ
גאָלדפאַדענען, זינט 1903 לערער פון
העברעיִש אין דער מלבי"ם=שול אין
בוקאַרעשט. אַחוץ זײַן אָנטייל אין פאַר=
שיידענע ייִד' צ"ש האָט ער פאַרפאַסט,
איבערגעזעצט און באַאַרבעט אַ ריי
טעאַטער=שטיק, ווי „נס חנוכּה", „דער
פאַרפירטער שוויגער=פאָטער", „ישׂראל
און זײַן תּורה", „ד"ר שפּילמאַן", „דעם
רבֿ'ס קינדער", „וואָס אַ שדכן קאָן".

---

[1] לויט טעאַטער=לעקסיקאָן I 4—10/V/1873.

אַבראַמאָוויטש זינאַ (1891 —) געב'
אין מאַריופּאָל, קאַטערינאָסלאַווער געגנט,
אין דער לומדיש=מיוחסדיקער פאַמי=
ליע חפץ. געענדיקט מיט אויסצייכענונג
די מאַריופּאָלער
גימנאַזיע, העב=
רעיִש געלערנט
בײַ אַ פּריוואַטן
לערער, 1909 אָנ=
געקומען אויפן
נאַטורוויסנשאַפט=
לעכן פאַקולטעט
פון אָדעסער אוני=
ווערסיטעט, אָבער פאַרן אָנטייל אין
אַ סטודענטן=שטרײַק געוואָרן אַרעסטירט
און אַדמיניסטראַטיוו אַרויסגעשיקט אין
זײַן היימשטאָט, ממשיך געווען זײַן
שטודיום אין בריסלער אוניווערסיטעט,
1912 באַזוכט באָראָכאָוון אין ווין צו
באַקענען זיך גענויער מיט דער טעאָריע
פון פּ"צ און זינט דאַן אַקטיוו זיך באַ=
טייליקט אין דער באַוועגונג ווי אַ פּראָ=
פּאַגאַנדיסט צווישן די אַרבעטער=קרײַזן
אין בריסעל, 1916 אַהיימגעקומען, זיך
באַזעצט אין קיִעוו, וווּ אָנגעפירט די
אַרבעט פון דעם דרומדיקן קאָמיטעט
פון דער פּאַרטיי, רעדאַקטירט און אויס=

שלמה ביקל

יעקב שטערנבערג

אין דער גורלדיק אַנגעלאָדענער נאַכט פון 27טן אויפן 28טן דעצעמבער, 1937, ווען עס איז אומדערוואַרט געקומען צו דער מאַכט די ערשטע אָפיציעל־אַנטיסעמיטישע רעגירונג אין רומעניע, און דער נייער פּרעמיער, דער פּאָעט אָקטאַוויאַן גאָגאַ, האָט זיך, מיט רעכט, באַרימט, אַז ס׳איז איבערגעמישט געוואָרן אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון דער רומעניש׳ער מלוכה — אין יענער נאַכט זיינען עטלעכע הונדערט יידן געזעסן ביי געדעקטע טישן אין דעם גרויסן זאַל פון „באַראַשעאום״, אין סאַמע האַרץ פון דער יידישער בוקאַרעשט און האָבן געיום־טובט מיט אַ באַנקעט דעם דיכטער און רעזשי־סאָר יעקב שטערנבערג.

ס׳איז געווען אַ יום־טוב אין אַ פאַרנעם ווי איך געדענק נישט זיינס גליכן אין מיינע צוואַנציק יאָר רומעניע. דער גרעסטער — נישט בלויז מיט דער צאָל, נאָר אויך מיט דער פיל־פאַרשידנקייט פון די באַטייליקטע. עס זיינען געקומען צום שטערנבערג־יום־טוב חברים יידיש־שרייבער און יידישע קולטור־טוערס, עס זיינען געקומען אידייאיש־נאָענטע און אידייאישע קעגנער, יידישיסטן, ציוניסטן און אויך פאַרטרעטער פון דעם היפּש־אַסימילאַטאָרישן „פאַרבאַנד פון רומעניש יידן״, און עס האָבן זיך אין דעם אוונט באַטייליקט נישט בלויז בוקאַרעשטער תושבים, נאָר אויך אַ היפּש ביסל דעלעגאַטן פון די פּראָווינץ־שטעט, דערעיקרשט פון טשערנאָוויץ און פון קעשענעוו.

על פּי נגלה איז עס אודאי נישט מער ווי אַ צופאַל, וואָס די צוויי „אוונטן״, דער יובל־יום־טוב פונעם יידישן פּאָעט און די זאַלבונג־צערע־מאָניע פונעם אַנטיסעמיטישן פּרעמיער, זיינען זיך צונויפגעקומען אין איין און דער זעלבער סוף־יאָריקער ווינטער־נאַכט.

אָבער צופאַלן רעדן, ווייזט אויס, אויך מיט דער שפּראַך פון סימבאָליק און פון באַהאַלטענע מיינען, און על פּי דעם דאָזיקן לשון איז די באַגע־געניש פון יענע „צוויי אוונטן״ געווען אַ לאָגישע און מיט אַ היסטאָרישן טאָלק.

אין יענער ווינטער־נאַכט פון 1937, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס בלוטיקע קאַפּיטל: פאַליטישע דיקטאַטור אין רומעניע, האָט זיך פּאַקטיש פאַרענדיקט דאָס בלאַט פון יידישער שעפערישקייט אין לאַנד.

די אָנונג פון אָפּשלוס, פון סוף פּסוק, האָט דורכגעריזלט כמעט אַלע איבער אַ צענדליג רעדעס, וואָס זיינען ביים באַנקעט געהאַלטן געוואָרן,

אָבער דעם שטאַרקסטן און פּאַטעטישסטן אויסדרוק צו דער דאָזיקער שטימונג פון היסטאָרישן אָפּשייד האָט געגעבן יעקב שטערנבערג אַליין אין זיין מעמאָראַבעלער רעדע פון פּערזענלעכן ודוי און פון געזעלשאַפטלעכן סך־הכל.

דער דיכטער און רעזשיסאָר, וואָס זיין צוואַנציק־יעריקן טעאַטער־יובילייאום עס האָבן געיום־טובט די עטלעכע הונדערט יידן אין „באַראַ־שעאום״־זאַל, איז בלי ספק געווען דער באַרופנסטער צו אָט דעם סך־הכל. קיינער האָט פאַר די לעצטע פופציק יאָר נישט פאַרנומען אַזאַ צענטראַלע פּאָזיציע אין דער יידישער וואָרט־שעפערישקייט און אין דער יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט פון רומעניע ווי ער, און קיין שום נאָמען פון אַ יידיש־שעפער איז פאַר דער צייט נישט געווען פּאָפּולערער אין לאַנד ביי יידן און נישט־יידן ווי דער נאָמען פון יעקב שטערנבערג.

בלויז איינער האָט אין זיין צייט געשפּילט אַן ענלעכע ראָלע ווי יעקב שטערנבערג. דער איינער איז געווען אברהם גאָלדפאַדן. אמת איז, אַז די אַרבעט, וואָס דער גרויסער ראשון גאָלדפאַדן האָט אָפּגעטאָן אויפן געביט פון טעאַטער איז געווען אַ מער פונדאַמענטאַלע און האָט געהאַט מער אָפּ־קלאַנג אין דער יידישער וועלט אַריבער די גרענעצן.

אָבער גאָלדפאַדן, וואָס האָט געגרינדעט דעם יידישן טעאַטער אין זומער־גאָרטן „צום גרינעם בוים״ אין דער מאָלדאַווישער קרוינשטאָט יאַס, איז געבליבן נישט מער ווי אַ גאַסט אין רומעניע. שטערנבערג, וואָס האָט אין די גערטנער און אין די זאַלן פון דער וואַלאַכישער רעזידענץ־שטאָט בוקאַרעשט קינסטלעריש פונדאַסניי געשאַפן דאָס יידישע טעאַטער, איז שעפעריש און קולטור־בויעריש געוואָרן אַ תושב אין רומעניע.

אברהם גאָלדפאַדן, דער גאַסט, האָט זיין יידיש טעאַטער אַרויסגעפירט פון יאַס און אַליין אַרומגעפירט איבער די שטעט פון רוסלאַנד, עסטרייך און אַמעריקע און געוואונען אַנערקענונג פאַר זיך און פאַר זיין שאַפונג אין דער גאָרער יידישער וועלט.

יעקב שטערנבערג ,דער תושב, האָט זיך פון זיין שעפערישן וואָרשטאַט אין לאַנד נישט אַוועקגערירט. ער האָט געהאַט קודם אפשר בלויז דעם דיכטערישן קאַפּריז, אָבער דערנאָך די באַרעכטיקטע קולטור־אַמביציע און מאָראַלישע עקשנות צו רעדן און צו דעררעדן זיך צו דער יידישער וועלט דורך זיין ישוב: יידיש־רומעניע.

און די יידיש־רענדאַרסקע רומעניע, דאָס לאַנד פון פעטע אָקסן, פון גוטן וויין און פון מחיהדיקער הכנסת אורחים, איז אין משך פון די לעצטע צענדלינגער, ניין פון די לעצטע הונדערטער יאָרן, געלעגן ווי עפּעס אַ מדבר אין דער נידער הינטער די קולטור־בערג פון גאַליציע, פון רוסלאַנד און פון פּוילן.

די שעפערישע יידישע שטים האָט זיך פון דאָרט געהערט, ווי דאָס קול, וואָס רופט פון מדבר. מע האָט עס קוים אָדער איבערהויפּט נישט דערהערט.

יידישע בעל־תפילהס האָט רומעניע צווישןביידע וועלט־מלחמות געהאַט גרעסערע און גרויסע. פאַרפעלט האָט אַן עמוד, אַ באַלעמער צו דער וועלט, כדי מע זאָל דעם פּאָעט, דעם דערציילער, דעם טעאַטער־קינסטלער פון זיין אייגענער ווערק־שטוב אַרויס דערהערן.

שטערנבערג אַליין האָט וועגן דער באַלעמער־לאָזיקייט פון דער יידישער רומעניע געזונגען אין אַ טאָן פון מידן צער און פון אויטאָ־חוזק אין איינעם פון זיינע „קולטוריסטישע קופּלעטן" (זע: „שויבן", בוקארעשט, 10טן נאָוועמבער, 1937):

גיי איך מיר און זינג אַ זמר
פּאָיע ווערדע . . . פולע עמער
ווייַן פאַרמאָגט מיין לאַנד רומעניע.
מכות אָבער אַ באַלעמער!
וואַרטזשע נישט אומזיסט, אָ, קינדער,
אויף דעם פּאָקוסניק־צילינדער,
וואָס ער פליט נאָר פון באַלעמער צו באַלעמער.
ביז פאַר אונדז וועט קומען אויך די רייע —
לאָמיר טרינקען־זשע לחיים,
מיר אַליין מיט זיך כמו שנאמר:
פּאָיע ווערדע — גרינע בלעטער
משיח איז אונדזער פעטער.

אין דער דאָזיקער יידיש־עפּאָפּייע פון „מיר אַליין מיט זיך כמו שנאמר" איז שטערנבערג דער טעאַטעראַל, דער דיכטער, דער לעקטאָר, דער פּובלי־ציסט, דער רעדאַקטאָר און דער קולטור־טוער געוועזן דער הויפּט־העלד אין משך פון פולע פינף און צוואַנציק יאָר, אין משך פון אַ גאַנצן דור.

**
*

אָנהייב 1915 האָט זיך דער זון פונעם פאַרמעגלעכן אָקסן־סוחר משה שטערנבערג, פונעם צפון־בעסאַראַבישן שטעטל ליפּקאַן, אַריבערגעשמוגלט די רוסיש־רומעניש גרענעץ פון רעני קיין גאַלאַץ. ער איז אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר און איז אינאיינעם מיט אַנדערע זין פון יידישע טאַטעס אין בעסאַראַביע אַנטלאָפן פונעם צאַרס אַרמיי אין דער דעמאָלט נאָך נייטראַלער רומעניע.

די מייסטע פון די בעסאַראַבער דעזערטירן האָבן זיך פאַרקליבן אויף די יידישע גאַסן פון בוקארעשט און האָבן ווי די „גאַליציאַנער געסט" בשעתם דורכגעפירט אַ מין יידישע קולטור־אינוואַזיע אויף דער רומענישער הויפּט־שטאָט.

אויף וויפל מען איז נישט געווען פאַרנומען מיט אויסבאַהאַלטן זיך פאַר דער רומענישער פּאָליציי און מע האָט גובר געווען די מורא פאַר דעם וואַכן אויג פון די רוסישע שפּיצלען, האָט מען אין דער בוקארעשטער דעזערטירן־קאָלאָניע אָרגאַניזירט מוזיקאַליש־ליטעראַרישע אָוונטן און יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

ביי די דאָזיקע קולטור־אונטערנעמונגען איז דער יונגער יעקב שטערנ־בערג געווען איינער פון די הויפּט־מחותנים. ער האָט זיך דאָרט פּראָדוצירט ווי אַ רעדנער, ווי אַ רעזשיסאָר און שוישפּילער און ווי אַ פאָרלייענער פון אייגענע לידער און דערעיקרשט ווי אַ רעציטאַטאָר פון די משלים פון זיין עלטערן חבר און בן־עיר אליעזר שטיינבאַרג.

ביי יענע אָוונטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אַ קרעטשמע, אין אַ „טשאַינעריע" (טיי־הויז) אָדער אין אַ „טעאַטער־זאַל" ערגעץ אויף וואַקאַ־רעשט און דודעשט פלעג זיך אויך באַטייליקן יעקב באָטאָשאַנסקי, דעמאָלט באַגלייך מיט שטערנבערגן אַן אַנטלאָפענער פון פּאַניעס אַרמיי קיין רומעניע, און צו יענע אָוונטן פלעג פון צייט צו צייט פאַרבלאָנדזשען דער יידיש־רומענישער שרייבער באַרבו לאַזאַרעאַנו (היינט אַ מיטגליד אין פּרעזידיום פון דער רומענישער אַקאַדעמיע).

איך דערמאָן דאָ יעקב באָטאָשאַנסקין און באַרבו לאַזאַרעאַנון, ווייל מיט זייער הילף האָט שטערנבערג דערגרייכט זיין ערשטן שטורמישן טעאַטער־דערפאָלג אין רומעניע.

באָטאָשאַנסקי איז געווען דער מיט־מחבר און צום טייל אויך דער מיט־רעזשיסאָר פון יענע ניין קליינקונסט־פּיעסן, וואָס זיינען אין די זומער־חדשים פון 1917 און אין די ווינטער־חדשים פון 1918 אויפגעפירט געוואָרן אין די בוקאַרעשטער טעאַטער־זאַלן „טעאַטרול נאָו" און „דאַטשיאַ".

לאַזאַרעאַנו, ווידער, האָט מיט זיינע ענטוזיאַסטישע רעצענזיעס אין דער פיל געלייענטער רומענישער טעאַטער־צייטונג „ראַמפּאַ" פאַרשפּרייט דעם שם פון די שטערנבערג־באָטאָשאַנסקי ספּעקטאַקלען צווישן דער אָפּגעפרעמד־טער יידישער אינטעליגענץ און דערטראָגן זייער גלאָריע צו דער רומענישער שרייבער־ און לייענער־וועלט.

מיט וואָס האָבן די דאָזיקע טעאַטער־פאָרשטעלונגען אַזוי אויסגענומען? מיט וואָס האָבן זיי אַזוי פאַרכאַפּט דאָס געמיט פון „עמך" און פון אינטע־ליגענץ אין רומעניע?

פון מיין אייגענער דערפאַרונג ווייס איך דאָס נישט. איך בין צו יענער צייט נאָך געווען קירהס אַ געטרייער זעלנער און האָב גאָרנישט געחלומט, אַז מיר וועט אַמאָל אויסקומען צו וואוינען אַזש אין בוקאַרעשט. אָבער פון דעם וואָס איך האָב געהערט דערציילן, פון די לידער, וואָס איך האָב געהערט נאָכזינגען און פון די „ראַמפּאַ"־רעצענזיעס, וואָס איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט נאָכצולייענען, איז מיר קלאָר, אַז די ניין קליינקונסט־פּיעסן, וואָס מע האָט זיי אויף רומעניש און רומעניש־יידיש גערופן „רעוויסטעס", זיינען געווען אַ גליקלעכער סצענישער געפלעכט פון אַ פּרשה יידישע גע־שיכטע, אַ סדרה יידיש־ליטעראַטור און אַ קאַפּיטל יידישער פאָלקלאָר מיט בילדער פון אַקטועלער געזעלשאַפטלעכער סאַטירע.

א גרויסער טייל פון רומעניע איז אין יענע יאָרן 1917 און 1918 געווען מיליטעריש אָקופּירט פון דייטשלאַנד און די יידן דאָרט זיינען נאָך מער ווי פריער געווען אָפּגעריסן פון דער גרויסער יידישער וועלט.

און די קאַפּיטלען יידישע געשיכטע און ליטעראַטור, וואָס שטערנבערג און באָטאָשאַנסקי האָבן דעמאָלט אין די סוף יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אינסצענירט אין בוקאַרעשט, האָבן ווי די חומש־געשטאַלטן, וואָס אברהם גאָלדפאַדן האָט אַרויסגעפירט אויף די יאַסער בינע־ברעטער ביים סוף פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה, שפּילעריש און נאַציאָנאַל אָנגע־וואַרעמט און באַגייסטערט דעם יידישן עולם אין רומעניע.

די ניין „רעוויסטעס" זיינען פון שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלער קולטור־פּראָפּאַגאַנדע געווען אַ גוואַלדאָווגער אויפטו פאַר דער יידישער רומעניע. די מוזיקאַנטן אין די קרעטשמעס און אין די טיי־הייזער פון בוקאַרעשט האָבן נאָך יאָרנלאַנג געשפּילט „אויף אַלגעמיינעם פאַרלאַנגען" אינאייינעם מיט ניגונים פון גאָלדפאַדן־פּיעסעס און מיט לידער פון וועלוועל זבאַרזשער אויך קופּלעטן פון די שטערנבערג־באָטאָשאַנסקי־„רעוויסטעס". און צוואַנציק יאָר שפּעטער, ערב מיין אָפּפאָר פון רומעניע, איז מיר נאָך אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט יידיש־יידישע און גויאיש־יידישע יידן, וואָס האָבן געהאַט דעם טעם פון יענעם רעווי־טעאַטער אין זייער געמיט. היימישע און אסימי־לירטע יידן האָבן נישט בלויז געדענקט און נאָכגעזונגען קופּלעטן און פאָלקס־לידער פון די „רעוויסטעס", נאָר עס זיינען ביי זיי פון דאָרט אויך פאַרבליבן אין זכרון נעמען און דערמאָנונגען פון יידיש־היסטאָרישע און יידיש־ליטעראַרישע געשטאַלטן און מאָמענטן.

אין קינסטלערישן זינען זיינען די ניין קליינקונסט־פּיעסן געווען דער אָנהייב פון שטערנבערגס רעזשיסאָרישע און דראַמאַטורגישע דערגרייכונגען פאַר די וייטערע איבער צוויי צענדלינג יאָר פון זיין טעאַטער־אַרבעט אין רומעניע. אין די „רעוויסטעס" פון 1917 און 1918 זיינען שוין געווען בנמצא די היפּוכדיקע עלעמענטן פון מיסטעריע און ווירקלעכקייט אין דער אַטמאָספער פון רעאַליזם און סטיליזירטקייט אין די באַוועגונגען, וואָס זייער וואונדערלעך־סצענישע מזיגה האָט אַרויסגעבראַכט יענעם שטריך פון צויבער און פון אָריגינעלקייט אין שטערנבערגס רעזשי פון דימאָווס „יאָשקע מוזי־קאַנט", פון פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", פון שלום־עליכמס „אוצר" און פון גאָרדאָלס „חתונה".

„יאָשקע מוזיקאַנט" איז מיט שטערנבערגס רעזשי־העפט, וואָס איז נאָכרעזשיסירט געוואָרן אין אַלע יידישע טעאַטער־צענטערן (די נאָך־רעזשי־סאָרן האָבן זיך נישט אַלעמאָל גענומען די מי צו דערמאָנען שטערנבערגס נאָמען) געוואָרן אַ טעאַטראַלישער וועלט־דערפאָלג. שטערנבערגס אויפ־פירונגען ווידער פון גאָרדאָלס „חתונה" מיט דער „ווילנער טרופּע" און פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", מיט דער בוקאַרעשטער יידישער טעאַטער־שטודיע (ביטס) האָבן מיט זייער קינסטלערישער נייקייט און געוואַגטקייט אויפגערודערט די שוישפּילערישע און שרייבערישע וועלט אין רומעניע.

אין דער וואָכנשריפט „קיווינטול ליבער" (דאָס פּרייע וואָרט), וואָס איז אין דער מיט פון די צוואַנציקער יאָרן געווען דער אָרגאַן פון דער דעמאָקראַטיש געשטימטער רומענישער, און פאַרשטייט זיך, אויך יידיש־רומענישער, אינטעליגענציע, איז רומעניעס גרעסטער דיכטער פון צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט, דער סובטילער, שאַרפזיניקער און שאַרפוואָרטיקער טודאָר אַרגעזי אַרויסגעקומען מיט אַ לויבגעזאַנג אָן רעזערוואַציעס צו שטערנבערגן און צו זיינע רעזשי־עקספּערימענטן. אים האָט ביי דער אויפ־פירונג פון דער „חתונה" — האָט אַרגעזי געשריבן — פאַרכאַפּט נישט גאָגאָל, דער מחבר, נאָר שטערנבערג, דער רעזשיסאָר, נישט דער קלאַסישער קאָמעדיע־טעקסט, נאָר דער מאָדערנער רעזשי־העפט, וואָס האָט מיט זיינע מיטלען באַוויזן אַרויסצוזיען פון דער קאָמעדיע דאָס אייביק טראַגישע, דאָס מיינט, דאָס אַקטועל־צאַפּלדיקע און עס צו געשטאַלטיקן אויף דער בינע.

שטערנבערג, דער טעאַטראַל, איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון באַוואונדערונג אין דער יידישער און אין דער נישט־יידישער רומעניע. אָבער אויך שטערנבערגן, דעם יידיש־דיכטער האָט נישט אויסגעפעלט קיין פאַרערונג און אָנערקענונג.

עס האָבן שטערנבערגן באַוואונדערט און גענומען פאַר אַ מוסטער כמעט אַלע יונגע דיכטער אין לאַנד אויף יידיש, און נישט וויניקער אויך עלטערע און יונגערע פּאָעטן אויף רומעניש, אַ שפּאַר ביסל צווישן זיי, פאַר־שטייט זיך, יידן.

די רומעניש־פּאָעטן האָבן געליבט שטערנבערגס לידער, אויף וויפל זיי זיינען איבערזעצט אין רומעניש ; האָבן זיך געלאָזט פאַרלייענען שטערנ־בערג־לידער אין יידישן אָריגינאַל און זיינען דורכאויס געווען באַגייסטערט.

עס האָט צו זיי, און צום גרעסטן טייל פון זייערע יידיש־קאָלעגן, אַפּעלירט דער נביאיש־סאָציאַלער טאָן פון שטערנבערגס ליד, די דרייסטקייט פון זיין פּאָעטיש־גראָטעסקן בילד און דער טעאַטראַלישער ריטם פון זיינע ברייט־שורהדיקע אורבאַניסטישע פּאָעמען.

און מיר דאַכט, אַז נאָך מער פון אַלעמען האָט אַריינגעבראַכט אין התפּעלות די רומענער און די יידן די לעבעדיקע דיכטער־געשטאַלט יעקב שטערנבערג.

שטערנבערג, דאָס אייניקל פון דורות בעסאַראַבער אָקסן־סוחרים, וועגן וועלכע ער אַליין דערציילט אַז :

> שטאָט כאָטש נאָכן טויט אין קלויז צו גיין,
> וואו אַ ניגונדל דאָרט ברענט זיך שיין,
> וואַנדערן זיי אום אין סטעפּ מיט וועלף
> מיינע טויטע זיידעס — דורות צוועלף,

ער איז על פּי אויסזע און געמיט באַגליך מיט זיינע זיידעס נישט געווען קיין „קלויז־גייער", אָבער נאָך וויניקער „אַ וואַנדערער איבערן סטעפּ

מיט וועלף". ער איז לויט זיין געמיט געווען אַ מאַן פון מאָדערנעם קולטור־ישוב, אַ וועלטלעכער, אַ גרויסשטאָטישער.

שטערנבערגס עלעגאַנטע, לייכט געבויגענע מאַנסביל־געשטאַלט מיט די גרויסע אויגן פול חלום, מיט דעם שיינעם, אַביסל מידן פּנים פון אַ פילם־שוישפּילער און מיט די לאַנגע אַריסטאָקראַטיש־שמאָלע הענט, וואָס יעדער באַוועג זייערער האָט געפּלאָנטערט מיט סוד פון שווערער איבערלעבונג און מיט אַנוואונק אויף זעלישע פּלאָנטערנישן און קאָמפּליצירטקייטן, האָט אַרום זיך געשפּרייט די אַטמאָספערע פון גרויסשטאָטישקייט און פון אייראָפּעאי־שער גרויסקינסטלערישקייט.

אפילו אין די היימישע בעסאַראַבער שטעטל־לידער פונעם יונגען שטערנ־בערג, וואָס בלויז אַ קליינער טייל פון זיי איז דערנאָך אריין אין דעם איין און איינציקן בוך זיינעם (שטאָט אין פּראָפּיל, ליד און גראָטעסק, בוקאַרעשט, 1935) אונטערן כּולדיקן נאָמען „לאַנדשאַפט־כראָניק", זיינען דער טאָן, די זעאונג און דאָס בילד אין עצם ווייט פון שטעטלדיקייט.

די פויערישע פערדלעך, ווי שטערנבערג האָט זיי געזען אויפן בעסאַראַ־בער סטעפּ זיינען —

צום כאָאָס אַדאָ איינגעשפּאַנטע —
פאַרלוירן שוין ביידע קאָפּעסטרעס,
און זיינען אַ זעאונג פון דאַנטע . . .

און די דערמאָנונג וועגן די אָקסן־סוחרים און אָקסן־טרייבער פון זיין היים־שטעטל ליפּקאַן, ווי זי איז געבליבן הענגען אין שטערנבערגס ליד „אויף די קלאָרע הערנער פונעם זומער צאַרטן" איז —

און נישטאָ איצט נישט קיין יידן, נישט קיין גויים —
געצן־דינער בלויז פּאַראַנען . . .

די געשטאַלט פונעם אינדיווידואַליסטיש־ראַפינירטן „פּען די סיעקל"־דיכטער, וואָס שטערנבערג איז געווען על פּי זיין געמיט, צייכנט זיך בולט אָן אין זיינע ערשטלינג־לידער.

און ווען איך נעם איצט דורך אין זכרון, אונטערן אַספּעקט פון אַ צעוועלף־יעריקער דיסטאַנץ, די כמעט צוויי צענדלינג יאָר פון מיין נאָענטער פּערזענלעכער פריינטשאַפט מיט שטערנבערגן און לייען נאָכאַמאָל און איבער־אַמאָל די צונויפגעזאַמלטע לידער זיינע, קומט מיר אויס, אַז שטערנבערג איז אין זיין לעבן און אין זיין דיכטונג געווען אַ טיף טראַגישע געשטאַלט.

דאָס טראַגישע פון שטערנבערגן, דעם פּאָעט, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך געראַנגלט, געהאַלטן אין איין ראַנגלען און האָט צום טייל אויך אויסגעפירט, אַז ער זאָל נישט זיין דער, וואָס ער איז אין סאַמע טיפסטן עצם געווען, נאָר אַן אַנדערער, אַ מין אַלטער עגאָ, וועלכען ער האָט באַשאַפן מיטן כּוח פון זיין קינסטלערישן טאַלאַנט און פון זיין עטישער איבערצייגונג.

שטערנבערג, דער היפּער־ראַפינירטער אינדיווידואַליסט, וואָס —

מיין פרוי און איך —
מיר לייענען נאָך באָדלער.
און וואָס עס קומט פאָר אין אונדז,
איז מער
אפילו פונעם זונפאַרגאַנג
(איך זאָג אַליין: מיר זיינען קראַנק . . .)
איז מער,

האָט מיט קינסטלערישן איבערגעוואַלט געפּרואווט גובר צו זיין אין זיך דעם „מאַן פון סוף יאָרהונדערט" און ווערן אַזוי צונויפגעוואַקסן מיטן המון, אַזוי, איינס מיט דער קעמפערישער מאַסע ווי אַ דימיטראָוו, וואָס וועגן אים האָט ער געזונגען מיט התפעלות:

דו,
וואָס האָסט די גאַנצע צייט פון פּראָצעס
נישט פאַרלוירן
איין וואָרט אַזאַ, וואָס זאָל אין די אויערן
קלינגען,
זינגען
מיט די אַלע דינגען,
וואָס איז כולל אונדזער יחסן „איך":
שיינגייסט, רעטאָריק און „פאַרגעסט נישט מיך" . . .

שטערנבערג, וואָס איז על פּי זיין פּאַטעטישן געמיט געווען אַ מאַן פון מערב־אייראָפּעאישער שטאָט־קולטור און איר זינגער, אויב נישט איר באַ־זינגער, האָט זיין דיכטערישן מאָטיוו איבערגעוואַלט סאָציאַליזירט און געוואָרן דער שטאָטס בייזער מוסר־זאָגער און אריינזאָגער.

פון וואַנעט האָט זיך גענומען וואָס דער „באָדלעריאַנער" פון דער יידיש־פּאָעזיע האָט געגאַרט צו ווערן איר „דימיטראָוויסט"?

שטערנבערגס דאָזיקע לײַדנשאַפט האָט, ווי איך זע עס, געשטאַמט פון צוויי קוואַלן, איינעם אַ טעאַטראַליש־עסטעטישן און דעם אַנדערן, אַ געזעל־שאַפטלעך־מאָראַלישן.

דער רעזשיסאָר שטערנבערג איז געווען דער געשטאַלטער פון דער מאַסן־סצענע אויף דער בינע. בלויז אַ געזעמל מענטשן, בלויז אַ בינטל מיט פאַרשידן־מענטשלעכע תנועות און העוויות האָט לויטן שטערנבערגישן רעזשי־העפט געהאַט שפּילעריש, סצעניש ווערט. די עסענץ פון טעאַטראַלישקייט און אויך איר פאַרנעם און איר שוואונג ליגט נישט אין „הדרת מלך", נאָר אַלעמאָל אין „רב עם".

די מאַסן־סצענע איז דאָס עסטעטיש־העכסטע אויף דער בינע. אַזוי האָט געזען דער רעזשיסאָר און די דאָזיקע רעזשיסאָרישע זעאונג האָט אויך

אָפּט באַווירקט דאָס ליד פונעם אינדיווידואַליסטישן דיכטער. נישט איינמאָל איז שטערנבערגס ליד אויפגעקומען ווי דער טעקסט פאַר זיין רעזשיסאָרישער וויזיע.

אָט איז, למשל, דאָס ליד „פראַנקרייך אויף דער גאַס", געשריבן אונטערן איינדרוק פון דעם נישט געלונגענעם פּוטש, וואָס די רעגאַליסטן האָבן געפּראַוווט דורכפירן אין פּאַריז אַרום דער מיט פון די דרייסיקער יאָרן, און שוין די אָנהייב־שורות לייענען זיך ווי אָנצייכנונגען צו אַ מאַסן־סצענע אין אַ רעזשי־העפט:

> פראַנקרייך אויף דער גאַס . . .
> פונקט ווי אויף אַ טיש אַ ברענענדיקער לאָמפּ מיט גאַז
> אויסגעגאָסן זיך די רעגאַליסטן אויף די מאַרקן און בולוואַרן
> וואו אויף אַלע ראָגן שטייען פאַרשטיינערטע די שאָטנס פון די
> קאָמונאַרן.

„פראַנקרייך אויף דער גאַס" איז דעם רעזשיסאָר שטערנבערגס אַ דראַמאַטיש מאַסן־בילד אויף דער בינע און שפּילן, שפּילן דאָרט ווי אַלעמאָל ביי אים טויטע און לעבעדיקע, בלוט־און־פלייש־יקע און שאָטנדיקע מיט גלייכע רעכט.

די עסטעטישע קאָנצעפּציעס פונעם רעזשיסאָר שטערנבערג האָבן משפּיע געווען אויפן דיכטער שטערנבערג אין זינען פון טעאַטראַליזירונג פון זיין ליד און במילא, אין זינען, אַזוי צו זאָגן, פון קאָלעקטיוויזירונג פון זיין פּאָעטישן מאָטיוו.

אָבער דער עיקר כוח, וואָס האָט געשטויסן שטערנבערגן צו דעם טראַגישן פּרואוו צו באַשאַפן אין זיך אויף די פעלדער פון זיין באַדלערישן געמיט אַ קעמפערישן פּאָעטישן דימיטראָוו, איז געווען זיין ברענענדיקער געזעלשאַפטלעכער געוויסן.

> איך שטאַם פון אַ פאָלק, וואָס סע שטייט אויף ביינאַכט
> און זעצט זיך אויף ד'ערד, פאַר דער נאַכט וויינט און קלאָגט.

נישט פון דרויסן איז צו שטערנבערגן געקומען די סאָציאַלע ליידנשאַפט, כ'מיין, נישט דערפון, וואָס „ער איז אַרויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער און האָט זיך צוגעקוקט צו זייער לאַסט־אַרבעט", נאָר זי איז איבער אים געקומען ווי אַ פּלוצימדיקער אויפברויז פון אומצופרידנקייט מיט זיך און מיט זיין ליד, ווי עפּעס אַ טיף געפיל פון זעלבסט־באַשולדיקונג און פון גאַרונג נאָך תשובה.

וואָס זיינען די זינד? די זינד זיינען דאָס שעפערישע וואָרט גופא, די גאווה פון באַהעפטונג מיט אים און דער תענוג פון זיין געטלעכער פרייהייט.

שטערנבערג, ווי איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט אים מהדר צו זיין אין משך פון די צוואַנציק יאָר פון אונדזער נאָענטער פריינטשאַפט, איז

געווען דער קינסטלער, וואָס האָט געגאַרט זיך אָפּצושיידן פון דער קונסט, דער מאַן פון פרייען געדאַנק, וואָס האָט געזוכט אָפּצושטויסן פון זיך מחשבה־פרייקייט.

דער קונסט זיינער האָט ער פאַרשריבן די תשובה פון סאָציאַלן מאָטיוו, פון געזאַנג צו דימיטראָוון; דעם סימבאָלישן פאַרניינער פונעם „יחסן: איך" און זיין פרייען געדאַנק האָט ער אויסגעקויפט דערמיט, וואָס ער האָט אים אַכזריותדיק איבערגעענטפערט צו דער פרום־קאָמוניסטישער פאַרטייַ־דאָגמע פון וועלט־באַפרייאונג.

דער עול פון תשובה איז געווען אַ שווערער. דער קולטור־שעפער איז געוואָרן אין ערשטער ריי אַ קולטור־טרעגער. די כתב־ידן זיינען געבליבן ליגן אין שופלאָד און דער דיכטער האָט געקנעלט מיט „עמך" הלכות פראָ־לעטאַרישע ליטעראַטור, און פון צייט צו צייט געלייענט אויך זיין אייגען ליד און איינקאַסירט מער אָדער ווייניקער פּראָלעטאַרישן אַפּלאָדז.

איך זאָג: מער אָדער ווייניקער, ווייל אין תוך האָט דער פּראָלעטאַרי־שער געשמאַק נישט אָנערקענט און נישט געסמאַקעוועט שטערנבערגס ליד. די ראַפינירטקייט פון שטערנבערגס פּאָעטישן אימאַזש און די דינקייט פון זיינע אינטעלעקטועלע אַסאָסיאַציעס האָבן צווישן דעם דיכטער און זיינע פּראָלעטאַרישע צוהערער געשאַפן אַ מחיצה, וואָס מע האָט איבער איר נישט געקענט אַריבערשפּאַנען אפילו מיט דער הילף פון סאָציאַלן מאָטיוו.

אָבער דער סאַמע ביטערסטער עונש, וואָס שטערנבערג האָט אויף זיך גענומען פאַר אָפּגיין פונעם אייגענעם פּאָעטישן „סוף יאָרהונדערט"־געמיט, איז געווען דער קינסטלערישער שאָדן, וואָס ס'האָט געליטן זיין ווערק. דער־עיקר איז דערפון געשעדיקט געוואָרן די שפּראַך פון שטערנבערגס ליד. די שפּראַך־כלים פון אַ דיכטער מיט אַזאַ אינדיווידואַליסטישן געמיט ווי שטערנבערג האָבן אין זיך נישט געקענט אויפנעמען יענע מאָטיוון פון מוסר און פון סאָציאַלער פּאַמפּלעטאַרישקייט, וואָס דער פּאָעט האָט אין זיי אַריינגעלייגט.

שטערנבערג האָט זיך פּאָעטיש אָפּגעשיידט פון זיך און פון זיין געמיט, און איז זיך דערביי געווען באַוואוסט פון דער שטראָף, וואָס ער האָט דערמיט אויף זיך אַרויפגעצוואונגען.

נאָר וואָדען? ווי יעדער אַסקעט האָט אויך שטערנבערג אַרויסגעשלאָגן פון דעם זעלבסט־שטראָף אַ היפּש ביסל גייסטיק־מאָראַלישע הנאה פאַר זיך. ער האָט זיך פריוויליק ביז זעלבסט־פאַרקריפּלונג פּאָעטיש באַהעפט מיט מאָטיוו און אידיי פון מאַסע און ער האָט זיך ביז זעלבסט־פאַרלייקענונג קולטור־געזעלשאַפטלעך אידענטיפיצירט מיטן יידיש־רומענישן רעגיאָנאַליזם — און וואָס איז געווען זיין לוין?

וועגן דעם לוין האָט ער געזונגען אין זיינע „לידער צו מיין יידיש פאָלק אין דער וואַלאַכיי", וואָס צוויי אָדער דריי פון זיי האָט ער אָפּגעדרוקט אין

דער בוקאַרעשטער צייטשריפט „שויבן”, און וועגן דעם לוין האָט ער דער־ציילט אין זיין מעמאָראַבעלער סך־הכל־רעדע ביי דעם שוין דערמאָנטן יובל און אָפּשייד־באַנקעט פון סוף דעצעמבער, 1937.

אין ליד האָט שטערנבערג אַזוי פאָרמולירט זיין גייסטיק־מאָראַלישן שכר:

איך, ווען איך טראַכט דאָ צו מיין לוין,
וויל פאַרזאַמלען אַ־דעם היגן יידישן המון,
אים דערציילן פון זיין שלעכטן שם אויף גאָרער וועלט
אַז ער איז ביז היינט נאָך דער פאַרשעמטסטער העלד
פון די אַלע בבא־מעשיות און לעגענדן, וואָס זיי גייען אום אין אונדזער פאָלק,
דער פאַרשעמטסטער ברודער צווישן אַלע מיט אַ תכלית, מיט אַ טאָלק.
אַז עס האָט נאָך קיינער מיט מסירת נפש זיך פאַר אים נישט אָנגענעמען
אים דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעבן און זאָל זיך דערפאַר נישט שעמען.

און דאָס זאָל זיין מיין לוין.

וואָס שייך ווידער די גרויסע קאָלעקטיווע גאולה, וואָס איז אויפגע־גאַנגען און האָט געפלאַקערט אין דעם גרויסן לאַנד אויף יענער זייט פון דער רומענישער גרענעץ, די גאולה, צו וועלכער ער האָט מקריב געווען זיין „יחידישע גאולה” און דעם אוראייגענעם ניגון פון זיין ליד און פון זיין נעמיט — דעם חלום וועגן איר מאָראַלישער גרויסקייט און וועגן דעם שכר, וואָס זי האָט אָנגעברייט פאַר אירע געטרייע, האָט שטערנבערג איבערגעגעבן אין אַ וואונדערלעכער פאָלקס־מעשה וועגן אור־החיים און דעם האָלצהעקער.

דער אור־החיים — האָט שטערנבערג דערציילט — האָט זיך פאַרבענקט נאָך אונדזערע ברידער פון יענער זייט סמבטיון. האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין און האָט אויסגערעכנט, אַז ער זאָל אָנקומען צום סמבטיון פּרייטיק פונקט צוועלף דעם זייגער, ווען אָט דער אומרואיקער טייך הערט אויף לכבוד שבת צו וואַרפן מיט שטיינער.

אַז דער אור־החיים איז אַריבער דעם טייך און איז אָנגעקומען אין לאַנד פון די רויטע יידן איז אים אין אַ וואַלד אַנטקעגנגעקומען אַ ייד אַ ריז, אַ האָלצהעקער, וואָס אין זיינע אויגן האָט דער גרויסער אור־החיים אויס־געזען ווי עפּעס אַ שרעטל.

דער האָלצהעקער האָט זיך, ווייזט אויס, נישט געוואָלט לאָזן שטערן ביי דער אַרבעט דורך דעם אויסטערלישן אורח, וואָס האָט זיך אים געפּלאָנ־טעט ביי די פיס, האָט ער אויפגעהויבן פונעם גראָז דעם אור־החיים און אים אויף דערווייל אַריינגעלייגט אין דער קעשענע פון זיין סורדוט, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ בוים.

נאָך דער אַרבעט אין דער היים האָט זיך דער האָלצהעקער אַרומגע־וואַשן, האָט איבערגעביטן דעם וואָכעדיקן סורדוט אויף אַ שבתדיקער קאַפּאָטע, האָט אָפּגעדאַווענט און גענומען זינגען „מלאכי השרת", האָט ער פּלוצים דערהערט אַ זיס קול מיטזינגען וואָרט ביי וואָרט „מלאכי השלום, מלאכי השרת". נאָכגייענדיק דעם קול איז דער האָלצהעקער אָנגעקומען צום וואָכעדיקן סורדוט, וואָס אין זיין קעשענע איז געלעגן דער אור־החיים. דער האָלצהעקער האָט דעם אורח זיינעם אַרויסגענומען פון דער קעשענע, אים פאַרבעטן צום טיש, און — ס'איז אַוועק אַ געזאַנג אַ בשותפותער, אַן איינ־איינעמדיקער, איין געזאַנג.

אַזוי האָט דער דיכטער געטרוימט וועגן ראַטן־רוסלאַנד און וועגן זיין באַגעגעניש מיט איר.

***

בלויז צוויי יאָר שפּעטער נאָך יענער חברים־מסיבה האָט שטערנבערגס פאַנטאַסטישע מעשה געהאַט איר עפּילאָג אויף דער וואָר.

זומער 1940 איז געשען יענער ערב־שבת, ווען דער אומרואיקער סמבטיון האָט אויפגעהערט צו וואַרפן מיט שטיינער און צווישן אַזויפיל אַנדערע איז אויך שטערנבערג, אַ געטריבענער פון בענקשאַפט, אַריבער דעם טייך און אָנגעקומען אין לאַנד פון די רויטע יידן.

אָבער זיין קול האָט קיינער נישט דערהערט און צום טיש האָט אים קיינער נישט פאַרבעטן. און אַז דער ריז האָט אים ערגעצוואו אַנטדעקט, האָט ער מיט אים, מיט זיינע מוסר־מאַטערנישן און מיט זיינע גאולה־חלומות אַ שליידער געטאָן איבער פעלדער און וועלדער אין כף הקלע אַריין...
דאָס איז געווען זיין לוין.

יעקב שטערנבערג

לידער

אַנגעפּעלצטע שאָטנס

אָנגעפּעלצטע שאָטנס אויפן שניי
— מיינע טויטע זיידעס זענען זיי,
וואָס אין שאָפּן־פּעלצן דיק און גרויס,
מיט לבֿנה אויף די פּיס, אויף שויס
מיט אַן אייגענעם שליטן, שוואַרצע פערד
גאַנצע נעכט געפאָרן. זייערע בערד
לאָפּעטעס געוואָרן — האַרטער שטיין.
אָט אַזוי נאָר סוחרים רייזן שיין.
בייטן נישט די פערד און פליען, ווי מיט פּאָסט,
אין די נעכט די סוחרישע, נעכט ־פראָסט.
טויטע, בלויז נאָר שאָטנס אויפן שניי —
נאָך עד־היום אָקסן־סוחרים זיי --
אין די שאָפּן־פּעלצן דיק און גרויס,
מיט לבֿנה אויף די פּיס, אויף שויס.
שטאָט כּאָטש נאָכן טויט אין קלויז צו גיין,
וואו אַ ניגונדל דאָרט ברענט זיך שיין,
וואַנדערן זיי אום אין סטעפּ מיט וועלף
מיינע טויטע זיידעס — דורות צוועלף.
אָנגעפּעלצטע שאָטנס אויפן שניי —
זאָל מיין ליד אַ תיקון געבן זיי.

פּיס

שטעל דיך,
יונג,
אויף אַלע זייערע ראָגן.
און אויף אַלע זייערע וועגן,
שטעל דיך זיי אַקעגן.
מאַך דיין שטים אַ ווינט,
און פייף זיי נאָך,
און שנייד אין זייערע טאָגן,
און אין גיפּס פון זייערע אויערן,
ווי מיט זעגן.

יעדער טאָג —
ביי זיי אַ חגא.
יעדער טאָג —
אויסגעפּוצט,
אַ קאַלירן־וואָיענדיקע קלאָג.
זאָג:
זייערע ליאַלקעס־ווייבער
גאַנצע טעג נאָר גליטשן,
טראָגן אום און פירן
אין קארעטעס און אין אויטאָס
ווייך־געבעטע
זייערע וואוילטאָג־פיס שפּאַצירן.
זייערע פיס,
וואָס איינער אופן צווייטן
זיצן הויך און רייטן שלאַנקע.
פיס פון וועג אַראָפּגעפירטע,
דול־משוגענע און תאוה־קראַנקע.
אָפּגרונט־מיילער —
זייערע אָפענע טריט,
וואָס גאַליק זינגען.
שלינגען
אין זיך איין אויך אונדזערע
שוועסטער, כלות, פרויען, טעכטער.

אָט —
אויף קאַפּריז פון די מאַטראָנעס,
וואָס אויף זיי אין שפּיצפינגער־טאַנץ
זיך טראָגן —
וועלן אַלע פיס, ווי גלייך געשטעלטע זייגערס,
וואָס אינאיינעם שלאָגן,
איינער —
בלייבן אויף אספאַלט פון גאַסן
בינעש,
און דער צווייטער —
פון אַ קלאַפּ אין זומער־הימל
באַלעריניש.
אַלע (גאָר אָן בושה, ציניש) —
ציגל פון איין פורעם.
יעדן פוס — דאָך טויזנט בליק כאַטש גיט אים!
זינק, זינק איין אינאיינעם מיט דיין ריטם —
זיידענער פלייש־און־שמאַטעס־טורעם!

צווישן נאַכט און טאָג

ווען וועל איך אַליין די קייטן אָנטאָן אויף מיין האַנט,
און ווי מיט דעם שונאס שטים זיך זאָגן קלאָר: רעשטאַנט.
גיבן זיך א הארטן קלאַפּ אין פּלייצע מיטן הילצערנעם פּריקלאַד:
— נו, געגאַנגען, הייסט עס, נו געגאַן, מיין פּיינער יאַט!
און אזוי אין ליכט ביזארן פון צווישן נאַכט און טאָג,
יאָגן מיך אין אייביק־שטומען ארעסטאַנטישן געיאָג.
מיך דורכפירן די שטאָט אין גוט־באַקאַנטן הינטערגאַסן־דעפעליר,
אין דער שעה פון פריש־צעבליטן זיך געשפּענסטישן דעליר.
שעה ווען באָרוועסע מענטשן לויפן גיך —
דער גאַנצער באָרוועסער, אָפּגעריסענער קינד און קייט —
האַלב אין איידלען, גרין־שטיל־וואַקסנדיקן דעמער־ליכט,
און האַלב אין טונקלקייט
נאָך פיל געפּלאָנטער... — לויפן ווי אינזעקטן פונעם ווינט צעוויט,
איינציקוויז אויף ברוק צעשפּרייט
כאַפּן די שיריים פון דער נאַכט אין קינדער־סטאַן, אין באָבע־קליידּ.
פרומע צום אספאַלט זיך בוקן, קלויבן,
קלויבן אויף א יעדעס שפּענדל, שטיקל שאָלעכץ, ביסל אש
און מיט הייסן גלויבן,
ווי אין וואַנזין, שטופּן דאָס אין טאָרבעס, זאַק און טאַש...
העלע, בלייך־געוואָרענע שטילקייט... שטילקייט, וואָס זי שרייט אין מיר
מיט ראַש.

ווען וועל איך אַליין די קייטן אָנטאָן אויף מיין האַנט,
און ווי מיט א פרעמדער שטים זיך זאָגן קלאָר: רעשטאַנט.
גיבן זיך א הארטן קלאַפּ אין פּלייצע מיטן הילצערנעם פּריקלאַד:
— נו, געגאַנגען, הייסט עס, נו געגאַן, מיין פּיינער יאַט!
און אזוי אין ליכט ביזארן פון צווישן נאַכט און טאָג,
יאָגן מיך אין אייביק־שטומען ארעסטאַנטישן געיאָג.
טיפער, טיפער אַלץ אין מיין געשפּענסטישן סיביר,
דורך אַלע מדורי גיהנום פון קאָשמאַרישן דעליר,
מיט די אַלע שאָטנס, וואָס געשלאָגן מיך אין דער היים, אין גאַס, אויף
טראָטואַר,
און ווי זעלנער, ווי זאַקיציעס זיי באַזעצט זיך אין מיין צער.
נאָר ווען גאָלדענע, ווייכע, טרייסטנדיקע מוסר־שיין צעקושט זיך מיט
מיין בליק,
אויף דעם זעלבן וועג פון קנעכטשאַפט א דערלייזטער גיין צוריק.
אָט אזוי אין ליכט ביזארן פון צווישן נאַכט און טאָג,
האָט א חלום מיך געוואַשן ווי א רעגן, ווי א צוואָג.

י. אָפּאַטאָשו

דריי העברעער

א

צווישן פינף און זעקס פאַרנאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר פון מיין האָטעל־צימער. אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען אַ פעסט געבויטער מאַן אין די דרייסיקער, אָנגעטאָן אין אַן אויסגעגנייט העמדל, פאַרשנירלט מיט טראָלדן. ווען איך וואָלט נישט געוואוסט, אַז ס'דאַרף צו מיר קומען א. פריימאַן, דער איינציקער העברעאישער שרייבער, וואָס איז געבליבן אין אָדעס, וואָלט איך אים אָנגענומען פאַר אַן אוקראַאינער. די האָר — העלע, זאַמדיקע. די אויגן — בלווילעכע און די נאָז פאַרשאַרצט, ווי ביי אַ דאָרף־שייגעץ. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אויסגעריבענע, געשוואָלענע טעקע.

ער האָט אַוועקגעלייגט די אָנגעפּראָפּטע טעקע אויפן טיש, איז געזעסן אַ וויילע אויף דער שטול, וואָס איך האָב אים צוגערוקט, און האָט זיך אומדערוואַרט אַ שטעל געטאָן:

— האָט מען אייך שוין געפירט, חבר אָפּאַטאָשו, אין מענדעלע־מוזעי, אין די האַנטווערקער־שול, אין דער שוך־פאַבריק, אין דער מיליץ, וואו מען רעדט יידיש, אין די אַרבעטער־קלובן ?

— געפירט, געפירט — האָב איך אים איבערגעריסן דעם לאַנגן צעטל און זיך געכאַפּט, אַז זיינע בלויע אויגן קוקן מיט ביטול.

— איצט, ח' אָפּאַטאָשו, אויב איר ווילט, וועל איך אייך פירן צו דער „גאַלגאָטע״ — האָט ער זיך קריקגעזעצט, אַ רוק געטאָן זיין שטול אַזוי נאָענט צו מיינער, אַז אונדזערע קני האָבן זיך כמעט אָנגערירט — איך וועל אייך ווייזן, ווי מען האָט איבערגעשניטן די חוט־השדרה ביי דעם יידישן קליין־הענדלער, ביים קרעמער, ביים העברעאישן שרייבער און אפילו ביים בעל מלאכה . . . זיי וועלן אייך דאָס נישט ווייזן ! איר אַלע, לייוויק, שלום אַש — פּאַרט קיין מאָסקווע ,קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס, איר אַלע לויפט אין די קאָלאָניעס . . . טויזנטער יאָרן, ווי מיר יידן זענען קיין ערד־אַרבעטער נישט און מיר וועלן עס מער נישט זיין . . . דאָס שטעטל, דאָס יידישע שטעטל, פאַרזעט מען אינגאַנצן. אויב עס איז פאַראַן אַ יידישע קולטור, אַ יידישער לעבן־שטייגער, איז עס געווען אין שטעטל. די באָבע, דער זיידע, דער קלעזמער, די טוקערין, דאָס בית־המדרש, דער מגיד, די ישיבה־בחורים, די קליין־שטעטלדיקע שוסטערס און שניידערס, וואָס האָבן צווישן מנחה

און מעריב געלערנט אין בית־המדרש „משניות", געלערנט „חיי־אדם", דאָס אַלץ, וואָס האָט הונדערטער יאָרן געשלאָגן וואָרצלען, איז אויסגעריסן, איז אָפּגעמעקט פון דער ערד און קיין נייער יידישער שטייגער איז נישטאָ. איך ווייס וואָס איך רעד. איך האָב דורכגעמאַכט די מלחמה, איבערגעלעבט פּאָגראָמען, דורכגעשניטן דעם יידישן תחום אין דער לענג, אין דער ברייט. דער קאַצאַפּ, דער אוקראַינער, דער ווייס־רוס, שלינגען אונדז איין אינגאַנצן. און דער ייד ווערט זיך נישט מער, שטעלט זיך נישט אַנטקעגן, האָט נישט מער די אַמאָליקע עקשנות. און דער ערשטער צו פאַראַטן, דער ערשטער בוגד איז דער יידישער אינטעליגענט, דער קאַריעריסט־אינטעליגענט. דער שוסטער, דער שניידער, דער סטאָליאַר, ביי זיי טליעט נאָך דאָס „פּינטעלע־ייד", צווישן זיי לערן איך נאָך מיט זייער קינדער, בגנבה, אַ פּרשה־חומש, אַ פּסוק נ"ך. נעמט אַזאַ שטאָט ווי אַדעס, וואָס ביי איר גאַנצער וועלטלעכ־קייט איז זי פול געווען מיט תורה, מיט לומדים. איצט זענען זיי זיך אַלע צעלאָפן. אפילו ביאַליק. איבערגעלאָזט אַדעס אויף הפקר. אָט דריי איך זיך אַרום איבער אַדעסער גאַסן. דאָס יידישע לעבן ליגט אַ נישט־דערקוויקעטס און מען קען צומאָל קיין געשריי נישט טאָן — פאַרוואַקסן די אויערן־הייטלעך ביי אַלעמען. אָט האָב איך אָנגעשריבן אַ ראָמאַן — האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די טעקע ביים רוקן און אויסגעשאָטן אויפן טיש איבער אַ טוץ דיקע, פאַר־שריבענע העפטן און געוויזן מיט דער האַנט — איבער פופציק קאַפּיטלעך, וואו איך מאָל דעם יידישן חורבן, איז נישטאָ פאַר וועמען קיין שורה איבערצולייענען. . . .

מיין אַדעסער קאָלעגע הערט נישט וואָס איך זאָג אים, וואָס איך פרעג אים. ער נעמט דעם ערשטן העפט און לייענט מיט אַ וואָלינער אויסשפּראַך זיין סטיליזירטן העברעאיש.

די אויגן פינקלען ביי מיין אַדעסער קאָלעגע, די ליפּן שוימען זיך, באַקומען מראה און מיט דעם לייענען וואַקסט דער הונגער אין די אויגן.

עס ווערט טונקעלער. מיר רוקן זיך אַלץ נענטער צום פענצטער, וואָס גייט אַרויס צום שווארצן ים. פריימאַן האָט שוין געענדיקט ס'צווייטע קאַ־פּיטל, ס'דריטע. איך רייס אים איבער:

— פאַרוואָס שיקט איר נישט אייער ראָמאַן אין דער „התקופה"?

— איר זעט? — נעמט ער אַרויס אַ צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר — דאָ האָב איך אַ בריוו פון טשערניכאָווסקין. אים איז שטאַרק געפעלען ס'ערשטע קאַפּיטל, וויל נאָך. איך האַלט אין איין שיקן, אין איין שרייבן און איך באַקום קיין ענטפער נישט. עס קומט אוודאי נישט אָן. איך האָב שוין יאָרן קיין העברעאיש בוך נישט געזען, ווייס נישט ווי די „התקופה" זעט אויס. עס דערגייט נישט, מען באַמיט זיך שוין אַזוי, אַז קיין זאַך זאָל צו מיר נישט דערגיין . . . דאָס יידישע לעבן, ח' אַפּאַטאַשו, גייט ביי אונדז אונטער. און אַז ס'גייט שוין אונטער, איז אַלץ איינס, צי „בנשיקה", צי מיט אַ שווערער גסיסה.

— ס'גייט נישט אונטער, ס'גייט נישט — האָב איך אים געפּרוּווט טרייסטן.

אין האָטעל־צימער ווערט טונקעלער. מיין קאָלעגע לייענט ווייטער. פון ים, וואו דער טאָג זעצט זיך, קומט אָן אַ פּאַסיקל ליכט, טיילט אָפּ ביים לייענער דעם קאָפּ פון גוף און איך דערמאָן זיך שאַגאַלס אַ בילד, וואו דער קאָפּ שאַרט זיך אוועק פון גוף, הייבט זיך איבער דעכער, איבער הייזער, האָט מער קיין שייכות נישט מיט אונדזער וועלט.

ב

אַ לערער אין די זעכציקער, אַ הויכער, אַ דינער, מיט אַ פּאָר פּענסנע אויף אַ ברייטער, שוואַרצער שנור. אַנגעטאָן איז ער כמעט עלעגאַנט און רעדט יידיש מיט פּסוקים — מיט העברעאישע, מיט פראַנצויזישע — יאָרן האָט ער געלערנט אין פּאַריז.

ער האָט מיך אָפּגעוואַרט ביים וואָקזאַל און ביי דער ערשטער געלעגנהייט מיר איינגערוימט:

—ווי איך הייס? נישט וויכטיק! ברוך שפּילבערג . . . כ'האָב פאַר אייך, ח' אָפּאַטאָשו, אַ זעלטענע מתנה.

— וואָס פאַרא מתנה?

— ליפשיצעס יידיש־רוסישן ווערטערבוך.

צומאָרגנס, פרייטיק נאָכמיטאָג, האָט ער מיך געפירט צו זיך. איך האָב זיך געהויבן נאָך אים אויף אַ געדרייטער טרעפּ, בין געגאַנגען פון איין פינצטערן קאָרידאָר אין אַ צווייטן, פאַרבייגייענדיק אָן אַ שיעור אָפענע טירן, וואו די ריחות פון שבתדיקע מאכלים האָבן פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

שפּילבערג האָט אויפגעשלאָסן אַ זייטיקע טיר און מיך אַריינגעפירט אין אַ בוידעם־אַלקערל מיט דריי ווענט, וואו אָן אויוון פון רויע ציגל האָט כמעט פאַרנומען ס'גאַנצע אַלקערל. ס'בעט איז געווען צונויפגעשלאָגן פון נישט געהובלטע ברעטער. דער טיש, די פּאָליצעס אָנגעפּיקעוועט מיט ביכער, מיט „שמות". אין צימער איז געשטאַנען אַ טוכלע קילקייט פון אַ קעלער. אויף די אָפּגעקראָכענע ווענט זענען געהאַנגען פאָטאָגראַפיעס. איך האָב זיך איינגעקוקט. ער האָט עס באַמערקט און גענומען שלעפּן פון דער וואַנט איין פאָטאָגראַפיע נאָך דער אַנדערער:

—איר דערקענט מיך? דאָ בין איך פאָטאָגראַפירט מיט דר. הערצלען און דאָ, איר זעט, מיט אחד העמען . . . און ווער דאָס איז, ווייסט איר? ס'איז דאָך דער זיידע, מענדעלע מוכר־ספרים!

דער אויסגעצערטער גוף איז געוואָרן העכער. ער האָט מיך אַ נעם געטאָן פאַר אַ האַנט און מיר איינגערוימט אין אויער:

—כ׳בין אַ ציוניסט געווען, פון די אָנגעזעענע, זיך געקענט מיט הערצלען פון ווין . . . געוואוינט לאַנגע יאָרן אין אדעס, פּאַרקערט מיט אחד־העמען, מיט מענדעלען, מיט אַלע . . . געשריבן העברעאיש און געדרוקט פון מאָל צו מאָל אַ מאמר, אַן אָפּהאַנדלונג . . . דער ציוניזם און די אַרטיקלען אין העברעאיש, דאָס זענען מיינע איינציקע חטאים. ווען נישט דאָס וואָלט איך היינט־צו־טאָג געווען דער פּאַרוואַלטער איבער אַלע יידישע שולן, ווייל כ׳בין אַ געענדיקטער פּעדאַגאָג און אין תוך בין איך אַ סאָוויעטישער מענטש, האָב גאָרנישט צו דער נייער „וולאַסט״ . . . מיך באַהאַנדלט מען זייער גוט . . . כ׳האָב זיך נישט וואָס צו קלאָגן . . . מען „אוואַזשאַיעט״ מיך . . . כ׳לעב פאַר מיר, כ׳מיש זיך נישט . . . און דער עיקר, קען מיך די גאַנצע שטאָט . . . אַז כ׳ווער אַמאָל שלאַף, קומט האַלב בערדיטשעוו מיך מבקר־חולה־זיין . . . נאָר וואָס אמת, ח׳ אָפּאַטאַשו, אייך זאָג איך עס, אַז כ׳קריג אַמאָל פּערציק גראַד היץ און כ׳קוק, אַז כ׳האָב נישט ווער איבערצולאָזן דאָס ביסל ספרים, אַז איך בין דער לעצטער . . . ווערט מיר קאַלעמוטנע . . . שרייבסט עפּעס אָן אין העברעאיש, ביסט עפּעס מחדש — איז נישטאָ מער וועמען עס צו ווייזן, נישטאָ קיין „יודע ספר״ אין בערדיטשעוו . . . אָט האָב איך אַ יקר־המציאות, אַ ירושה נאָך פון מיין זיידן, אַ בערלינער אויסגאַבע פון „מאור עינים״ . . . אַ טיפער מענטש געווען דער־ראָסי, דער ערשטער יידישער היסטאָריקער אין אייראָפּעאישן זין. . . .

ברוך שפּילבערג האָט אַרויסגעשלעפּט פון די „שמות״, וואָס זענען געלעגן אין קעסטלעך, נישט געשטאַנען אויף די פּאָליצעס דעם „מאור עינים״, אים אַן עפּן געטאָן און אַ טוכלער ריח האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין, אין מוח.

— אַז כ׳וועל שטאַרבן, וועט מען דאָס ביסל ספרים פאַרקויפן אויף פּאַק־פּאַפּיר צו וויקלען הערינג — האָט שפּילבערג, אַ געבויגענער, מיך אַרומגענומען — נעמט עס מיט, ח׳ אָפּאַטאַשו, לאָז דאָס פאַרבלייבן צווישן יידן . . . כ׳מיין עס טאַקע . . . כאָטש צו דער נייער „וולאַסט״ האָב איך גאָרנישט . . . מיך באַהאַנדלען זיי גוט, זייער גוט . . . און אין תוך בין איך אַ סאָוויעטישער מענטש. . . .

ג

צוויי מאָל אַ טאָג פלעגט ער אַריינפאַלן צו מיר אין האָטעל. שטענדיק האָט ער געהאַט עפּעס צו דערציילן, שטענדיק האָט ער געהאַט מיט זיך אַ זשורנאַל, אַ בוך, וואָס איז נאָר וואָס דערשינען, אָדער גאָר מיטגעבראַכט אַ דאָקומענט פון „גירוש מלאָווע״ אין יאָר 1914.

— גוט וואָס מען האָט סוף־כל־סוף פאַרמאַכט דעם פּועלי־ציוניסטישן קלוב — האָט ער אַן עפּן געטאָן די טיר און זיך אַריינגעקייקלט אין זיין גרוי־רוסיש העמד, פאַרצויגן מיט אַ פּאַסעק.

— וואָס איז די שמחה? — פרעג איך אים.

— זיי פּלעגן אונדז דערגיין די יאָרן, די „פּעצעקעס״ — האָט ער געשלעפּט פון דער קעשענע אויסשניטן פון וואַרשעווער און ניו־יאָרקער צייטונגען — וואו אַ פאַרזאַמלונג וועגן ביראָ־בידזשאַן, — די דריטהאַלבן פּועלי־ציוניסטן זענען נישט מסכים, שטערן . . . ווי לאַנג איז דער שיעור צו דולדן? האָט מען צוגענומען ביי זיי דעם קלוב און אויס פּאַרטיי, אויס פּאַלעסטינער אידעאָלאָגיע. . . .

—ווער האָט פאַרמאַכט דעם קלוב? — פרעג איך אים.

— די „גפּאו״, די אַמאָליקע „טשעקאַ״ — שטייט ער אין אַ ווינקל, אַ קליינער, אַ גרויער און אין די אויגן וואַרפט זיך דאָס לעדערנע פּאַסעקל מיט די בלעכלעך, וואָס פּאַסט גאָר נישט צו זיין הילוך, צו זיין גאַנצן אויסזען — ווייסט איר, ח׳ אַפּאַטאַשו, אַז איך האָב פינף יאָר געדינט אין „טשעקאַ״?

— איר, ניעפּאָמניאַשטשי, אין דער „טשעקאַ״?

זיין לינק אויג פאַרמאַכט זיך עטוואָס און ס׳רעכטע — שמייכלט, צעטיילט ס׳פּנים אין צווייען.

— און אין דער מלחמה זענט איר אויך געווען? — פרעג איך אים סתם אַזוי און זוך אַ שייכות צווישן דעם קליין־געוויקסיקן, גרויען בחור און דער „טשעקאַ״.

— געווען, נאָך ווי געווען — שמייכלען שוין ביי איםביידע אויגן און דאָס פּנים בלייבט אומבאַוועגלעך — פון יפוער גימנאַזיע בין איך אַריין אין דער רויטער אַרמיי, האָב דורכגעמאַכט אַלע פראָנטן.

— פון דער העברעאישער גימנאַזיע אין יפו? — פרעג איך אַ פאַרחידושטער.

— יאָ, יאָ.

— קענט איר דאָך העברעאיש?

— אוודאי קען איך — און די גרויע אויגן לייכטן אויף, ווערן גרעסער און איך ווייס נישט צי ער נעמט זיך איבער מיטן העברעאיש, צי ער מאכט חוזק.

עס קומט אַריין אַ העברעאישער דיכטער, אַ מיטאַרבעטער פון זאַמלבוך „בראשית״.

דער טשעקיסט פאַלט אָן אויפן העברעער, קלאָגט זיך פאַר מיר אויף אים:

— בטלנים, די העברעער, פּוליאַקעס, אַרויסגעגעבן אַ העפטל „בראשית״ און זענען מיד געוואָרן!

— זאָגט אייער „טשעקאַ״ — רופט זיך אָפּ דער העברעער — מען זאָל אונדז געבן פּאַפּיר, וועט מען ווייטער אַרויסגעבן. אַז איר אַלע זענט געגן אונדז!

— נישט איך, נישט איך — שאָקלט דער טשעקיסט אַראָפּ פון זיך די שולד — כ׳האָב געהאָלפן אייך קריגן פּאַפּיר. כ׳האָב געקויפט ביי אייך

אַן עקזאַמפּלאַר, אַ געבונדענעם, באַצאָלט . . . נישט געוואָלט קיין מתנה — „שונא מתנות יחיה”, אַ יאָ?

— ער קויפט דאָך יעדעס בוך, וואָס גייט אַרויס אין העברעאיש — צעלאַכט זיך דער העברעער אויף דעם טשעקיסטס חשבון.

— זענט איר גאָר אַ העברעער? — פרעג איך דעם טשעקיסט.

— ניין, כ'בין אַ יידישיסט. ווי קום איך צו העברעאיש? — און די אויגן זיינע צינדן זיך, מאַכן שענער דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע פּנים.

דעם זעלבן אָוונט בין איך געזעסן ביים טשעקיסט אין צימער, וואו מען האָט קיין וועגט נישט אַרויסגעזען. שאַנקען, פּאָליצעס, שטויסן ביכער האָבן פאַרשטעלט יעדעס פּיצל וואַנט.

ער האָט פאַר מיר געלייענט זיינס אַ לירישע עסעי אין העברעאיש. ער האָט פאַר מיר געלייענט אין העברעאיש דעם ערשטן אַקט פון לייוויקס „למד־וואָו”, וואָס ער האָט איבערגעזעצט.

— און איר ניעפּאָמניאַשטשי, זענט טאַקע אַ יידישיסט? — צעלאַך איך זיך.

— אַ יידישיסט — קוקט ער מיר גלייך אין די אויגן אַריין און דער שמייכל אין רעכטן אויג שפּאַלט ס'פּנים אין צוויי.

— פאַרוואָס שרייבט איר העברעאיש און רעדאַקטירט די „טריבונע” אין רוסיש?

— דאָס העברעאיש שרייבן, ח' אָפּאַטאָשו, איז אַ פּריוואַט זאַך, ווי למשל אַ געליבטע . . . דאָס וואָס די געליבטע איז אַ בלאָנדע, צי אַ ברו־נעטקע, האָט קיין שייכות נישט צו מיין אידעאָלאָגיע. איר קריגט מיר בעסער ביאַליקס ליד, וואָס איז געדרוקט געווען אין „הדואר”, בשעת ביאַליק איז געווען אין ניו־יאָרק. יע, טייערער אָפּאַטאָשו, אַ בקשה (זעט איר, גאָר אַ גראַם פּלוצים!) גאָר אַ האַרציקע בקשה, שאַפט מיר איין אפרים דיינאַרדס פּאַשקווילן. ביי אונדז זעט מען זיי נישט אָן. באַזונדער וויכטיק איז דער „דבור אפרים”. זאָגט איר מיר צו, „מאַרקס מיינער”? (אין 1917 פלעגט מען זיך ווייזלען, אַז דער דייטש זאָגט: „מיין ליבער גאָט” און דער רוס: „דאָן־ליבער־גאָץ”, דאָס זענען די דריי מענשעוויסטיש־עסערישע קנאַקערס, וואָס האָבן געקנאַקט ביז אָקטאָבער 1917) — האָט זיך אַ האַלב פּנים ביי אים צעלאַכט — זאָגט איר מיר צו? יאָ, כ'האָב זיך נישט לאַנג צוריק אַ גריבל געטאָן אין דער לענינגראַדער גניזה. איך האָב דאָרט אָפּגעזוכט אַ טשעקאַוועען מאַטעריאַל וועגן דעם „מיימאַניסט” פון אייער „1863”, וועגן ר' זלמן פּאָזנער. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער זלמן פּאָזנער איז גאָרנישט געווען אַזאַ „ענגעל”. יידן האָבן אפילו נישט געוואָלט נעמען פון זיינע הענט מאַיאָנטקעס, אַבי נישט צו זיין געצוואונגען צו נעמען „פּראָפּוסקן” אויף אַרויס צו גיין פון דאָרף ווייטער פון אַ „תחום־שבת”... ווייסט איר דערפון?

ער האָט גערעדט און איך האָב זיך אַרומגעקוקט איבער די פּאָליצעס, וואָס זענען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט ספרים. גאַנץ ביאַליק, געבונדן אין פּאַרמעט. אַלע „השלוח"ס, אַלע „התקופות", וואָס א. פרײמאַן פון אָדעס האָט אַזוי געבענקט נאָך זיי, און מיר איז אײַנגעפאַלן, אַז מען דאַרף דאָ איבערלאָזן דעם „מאור־עינים", וואָס איך האָב באַקומען אין בערדיטשעװ פון ברוך שפּילבערגן, נישט אַרויספירן אים פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

— הערט, ח' ניעפּאָמניאַשטשי, האָט איר דעם „מאור־עינים"?

— וואָס דען, נישט? — האָט דאָס פּנים ביי אים אויפגעשיינט — אָט האָט איר די ערשטע אויסגאַבע, געדרוקט אין מנטובה, אין 1574. איר זענט אַ מבין אויף אַזאַ עקזאַמפּליאַר? ווי מען וואָלט אים איצט פון דרוק אַרויסגעלאָזט — און ער האָט פון גרויס שמחה פאַרצויגן דאָס פּאַסקעל מיט די בלעכלעך אַרום די הויזן און ס'צעשפּאָלטענע פּנים איז פאַרשוואונדן.

גבריאל פרייל

חיים לענסקי

די קוואַלן פונעם רוסישן יידנטום זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן; אַ ריזיק־גרויס לאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַזוי גערופענער קיין־מאַנס לאַנד פאַרן עכטן, שפּרודלדיקן שעפערישן גייסט און האָט אָפּגעווישט, צווישן אַנדערע גיטער, די העברעאישע ליטעראַטור דאָרט.

עס איז אפשר איבעריק צו באַמערקן, אַז ווען נישט די פּאָעטן, עסייאיסטן און דערציילער, וואָס זיינען אויפגעקומען אין רוסלאַנד שוין אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פונעם נייַנצעטן יאָרהונדערט, וואָלט אָט די ליטעראַטור געהאַט היינט גאָר אַן אַנדער, ניט איבעריק קינסטלעריש, פּנים. דאָס איז אַ ליטעראַריש־היסטאָרישע, היפּש ספּעקולאַטיווע פּראָבלעם, וואָס האָט אייגנטלעך נישט קיין דירעקטע שייכות מיטן ענין וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ, אָבער דאָך אינטריגירט עס אונדז זייער.

ווייטער ווילט זיך פרעגן: ווי אַזוי, צום ביישפּיל, וואָלט זיך פאָרמירט און אויסגעקריסטאַליזירט די העברעאישע ליטעראַטור אין אַ פרייער רוסלאַנד היינט צו טאָג? וואָלטן די פאַרגאַנגענע דרייסיק יאָר אַרויסגעבראַכט דאָרט וויכטיקע ליטעראַרישע פּערזענלעכקייטן? אורטיילנדיק לויט דאָס שוין־לאַנג־צוריק־געשאַפענע, — און אויך אונטער זייער ניט גינסטיקע אומשטענדן, — איז דער ענטפער אַ סקאַרבאָווער, אַלגעמיין־אָנגענומענער „יאָ". וואָס עס רעגט באַזונדער אָן דעם פאָרשער איז אַן אַנדערע, מער אַבסטראַקטע פראַגע: קאָן מען משער זיין, אויפן סמך פון די דערגרייכונגען פון די יונגע העברעאישע שרייבער קורץ פאַרן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, אַז מיט דער צייט וואָלטן אויפגעבליט אויפן העברעאישן בוים אין רוסלאַנד נייע, רייכע פּירות? דאָ איז דער ענטפער, נאָך אַ געהעריקן וועגן־און־מעסטן, ווידער אַ יאָ. גענוג נאָר צו דערמאָנען אַזעלכע פּראָזאַאיקער ווי אברהם פרייִמאַן און צבי פרייגערזאָן, אַזאַ דיכטערין ווי יוכבד בת־מרים, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַ העברעאיש־פיינטלעכן מלוכה־רעזשים און לעבט איצט אין ישראל, און אַ גאַנצע ריי אַנדערע ווי אלישע רודין, מ. חיוג און, אים צו לאַנגע יאָר, יצחק נאָרמאַן קומען אויך אויפן זינען.

איצט אָבער ווילן מיר זיך אָפּשטעלן אויפן יינגסטן אפשר פון אָט דער גרופּע, וועמעס גורל אילוסטרירט שאַרף און שניידיק דעם גורל פון אַ גאַנצער ליטעראַטור, פון אַ דור פאַרשטומטע מענטשן — דעם פּאָעט חיים לענסקי.

געבוירן אין 1905, אין ליטע, האָט ער שוין אין זיין פריער יוגנט אָנגענומען די מאַרקסיסטישע לערע. אַז ער איז געוועז אירער אַ הייסער

אַנהייבגער קאָן באַשטעטיקט ווערן דורכדעם וואָס ער איז פּריווויליק אַריבער דעם גרענעץ כדי זיך צו באַזעצן אין אַ וואונדער־אַנזאָגנדיקער רוסלאַנד. ער האָט אויך, ווי פיל אַנדערע יונגע יידישע אינטעלעקטואַלן אומעטום, פאַראויסגעזען אַ גרעאַטענע סינטעזע צווישן יידישקייט און דער סאָציאַ־ליסטישער דאָגמע. ער איז אָבער, ווייזט אויס, נישט געווען גרייט אינגאַנצן אָפּצואוואַרפן דאָס ערשטע; אַ טיף געגערטע, איינגעוואָרצלטע יידישע ירושה האָט אים ניט אָפּגעלאָזט אויך אין אַ סביבה פון מאַנאַליטישן מאַטעריאַליזם.

נאָר וואָס לענסקים איינשטעלונג זאָל ניט האָבן געווען, איינס איז יאָ זיכער: ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז שרייבן לידער אין העברעאיש וועט אָן־און־פאַר־זיך באַטראַכט ווערן ווי אַ קאָרדי־נאַלע זינד; ער האָט דעריבער אויך נישט געוואוסט, אַז ווי אַ רעזולטאַט פון דעם איז דאָס אָפּריכטן גלות אין סיביר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. על כל פּנים איז לענסקי, פאַר זיין אַ העברעאישער דיכטער, פאַרשיקט געוואָרן אויפן ווייטן צפון, וואו ער האָט געמוזט דורכמאַכן אַלע עינויים פון קאַטאָרזשנער אַרבעט. ער איז שוין נישטאָ. דאָס איז אַ פאַקט וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק דורך פאַרלעסלעכע ליטעראַרישע קרייזן אין ישראל.

די לידער פון חיים לענסקי זיינען צוערשט בגנבה דורכגעשמוגלט געוואָרן קיין ארץ ישראל און פאַרעפנטלעכט אין דאָרטיקע זשורנאַלן, הויפּטזעכלעך אין „גליונות" און „כתובים". אין די ערשטע דרייסיקער יאָרן פלעגט דער רעדאַקטאָר פון „גליונות", דער באַוואוסטער העברעאישער דיכטער, יצחק למדן, קריגן בריוו, געשריבענע אויף קליינע, שמאָלע זייטלעך פאַפּיר, צווישן וועלכע ער האָט געפונען באַהאַלטן לידער (איינגעשלאָסן איז אויך געווען דער מאַנוסקריפּט פון לענסקים איבערזעצונג פון דעם „טונדראַ־בוך", אַ פאַרצייטיק עפּיש ווערק וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן פון דעם רוסישן געלערנטן פּלאַטניקאָוו ביים וואָגול־שבט. ער, פּלאַטניקאָוו, האָט געשאַפן די רוסישע איבערדיכטונג). מען דערציילט, אַז אויך אַנדערע מעטאָדעס זיינען באַנוצט געוואָרן כדי צו ברענגען לענסקים לידער צו דער געהעריקער אויפ־מערקזאַמקייט אין דער אויסערלעכער וועלט.

ער איז אַרעסטירט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין 1935. פיר יאָר שפּעטער, אין תל אביב, האָט דער פאַרלאַג „דבר" אַרויסגעגעבן אַ געזאַמלטן באַנד פון זיינע לידער, מיט אַן אויספירלעכן אַריינפיר פון אברהם קריב. עס איז, פאַרשטייט זיך פּראָבלעמאַטיש צי דאָס בוך האָט לענסקין דער־גרייכט, צי ער האָט בכלל געוואוסט וועגן דעם. איינס איז אָבער יאָ זיכער: דאָס בוך „שירי חיים לנסקי" (חיים לענסקים לידער) שטעלט מיט זיך פאָר אַ געווינס פאַר דער העברעאישער ליטעראַטור; אַן עכטער ליריקער זינגט דאָ מיט אַ פרישן טאָן.

אויב מען וויל, קאָן מען מאַכן די הנחה, ווי באַנאַל עס זאָל נישט קלינגען, אַז לענסקים עיקרדיקע פונקציע איז געווען די אַלטע פונקציע פון

א זינג־פויגל: לויטער געזאנג. עס מיינט נישט, אז זיין ליד פארמאגט נישט יענע ניכטערע הארבקייט, וואס איז אפט כאראקטעריסטיש פאר די מער קאנסערוואטיווע מאדערנע דיכטער; אבער „הארטקייט", אויף ווי ווייט עס איז בכלל פאראן ביי לענסקין, דינט בפירוש א העכערן, מען קען זאגן פונדאמענטאלן לירישן צוועק (נישט קוקנדיק, אדער אפשר טאקע דערפאר, וואס דאס טאג־טעגלעך לעבן האט געהאט אזא אינקוויזיטארישע שטרענג־קייט). זיין פייאיקייט איינצוהאלטן פערזענלעכן צער, און דערביי נישט לאזן פארשווענקן דאס ריינע פאעטישע גאלד, איז א סימן פון אינערלעכער קראפט. עס איז אויך קיין וואונדער נישט, וואס לענסקין האבן קיינמאל נישט געצויגן די קינסטלעך־סטימולירטע ליטעראַרישע „איזמען". ער איז נישט געווען קיין בלינד־נאכפאלגנדיקער תלמיד, כאטש עס פילן זיך ביי אים איינפלוסן פון אזעלכע דיכטער ווי ביאליק און פיכמאן. אין אלגעמיין אבער איז לענסקי געווען א זוכער: ער האט זיך באמיט צו דערגרונטעווען צום מיין פון וויטיקדיקן ווארט וואס פארטראגט נישט קיין סוראגאטן. ער מיידט אויך אוים צו שפילן די ראלע פון א העלד, — א ראלע וואס אנדערע וואלטן, אונטער ענלעכע באדינגונגען, יא געשפילט. סיי קליינלעכער אנשטעל, סיי בלויזע אבסטראקציע באדייטן ביי אים נישט פיל. דער עיקר איז נאך אלץ דער „כאר פון קליינע שטימען", וואס שפרודלט אזוי שפאנטאן, צו וועלכן עס האט זיך צוגעהערט דער פראנצויזישער פאעט פאול ווערלעין. אויף ווי ווייט לענסקי איז צייטמעסיק, איז עס א צייטמעסיקייט פון א כמעט נאאיוון מין, וואס איז גלייכצייטיק אויך דין און סענסיטיוו.

אט די שטריכן זיינע קען מען באנעמען נישט נאר אין די קירצערע זאכן, נאר אויך אין א לאנגער, נאראטיווער פאעמע, וואו ער מאלט די סביבה פון זיין קינדהייט, זיין ליטווישע היים. אויף א שטייגער וואס דער־מאנט אין דעם פוילישן דיכטער אדאם מיצקיעוויטש, נעמט אויך לענסקי אונטער א רייזע וואס קען באצייכנט ווערן ווי סענטימענטאל און טיף־מענטשלעך. אמת, דא און דארט איז דאס ליד שוין צופיל באזיסט, אבער קיין אויבערפלעכלעכקייט איז נישטא אין דעם. די עכטקייט פון דער מוזיק ווערט נישט געשטערט. פאראן אויך א צארטער הומאר, א רירנדיקע, לויטערע בענקשאפט. אין די שפעטערע ביטערע יארן האט אט דער צוריקקער צו די טעג פון פריי־יוגנט צוגעגעבן לענסקים שורות א נייע אינטענסיוויקייט, א נישט געאנטע לײדנשאפט. אפילו ווען ער איז פארשלונגען געווארן אין קעסל פון דער שווערער אינדוסטריע (לענסקי איז געווען אן ארבעטער אין א פאבריק) האט דער סמבטיון, ווי ער רופט עס אן, ניט געקענט אפווישן פון זיין געדעכעניש דאס יידיליש היימלאנד. די ריחות פון די ליטווישע הארבסטיקע סעדער באזיגן די קנוילן רויך וואס שפארן ארויס פון די לעגינגראדער פאבריק־קוימענס. דאס מיינט נישט, אז דער דיכטער גיט א מין הסכמה צו זאכן ווי זיי זיינען, אז ער איז נאכגעביק און פארשלעפערט. פארקערט, ער ווייסט אז ער לעבט אין א קאשמארן־וועלט און אז דאס לעבן איז, דעקלאראטיוו רעדנדיק:

שוואַרצע אַרבעט ווי אַ פּענעץ שוואַרץ־ברויט,
דער לוין געמינערט צענפאַך, צען מאָל!
צוזאָגן, איבערבעטן, נעכטיקער טאָג פֿאַרגאַנגענער,
און מיר מוזן אַלץ בויען, בויען, בויען . . .

„פּעטראָפּאָליס" רופט לענסקי אָן די שטאָט פֿון פּעטער דעם גרויסן. דאָרט זעט ער קלאָר די מוראדיקע אומפּערזענלעכקייט פֿון מענטשלעכע אָטאָמאַטאָנען ביי דער אַרבעט, און אויך דאָס וואָס איז אַ טייל פֿון דער גראָטעסקער, דורך־מאַשינען־געשאַפענער לאַנדשאַפט. עס וואַקסט, צום ביישפּיל, אַ בוים, און —
צווייג צו צווייג גיט איבער זון
ווי אַ גרוים, רויט ציגל . . .

מען דערשפּירט דאָ נאָך אָן עלעמענט: אַ זויערלעך־איראָנישן אונטערטאָן, אַ נישט אינגאַנצן קאָנטראָלירטע אַנטוישונג. אין אַנדערע לידער ווידער הערט זיך קוים דער ווײ־געשריי פֿון אַ מענטשן הינטער גראַטעס. דער לייענער שטויסט זיך אָן אָן אַ רייכן וואַלד פֿון אָנצוהערענישן. ווי צעבראָכענע, שטאַרע פֿליגלען וואָלטן געוואָרפֿן לאַנגע שאָטנס אויף די פּערזן. אַזוי אַרום ווערט לענסקי, דער צאַרטער אינדיווידואַליסט, אומבאַוואוסזיניק דער פֿאַרשפּרעכער און טרעגער פֿון אַן אינטעלעקטועל־פּאַרוויסטער יידישער וועלט. אין „נדון לשנות טלטול" (צו וואַנגל־יאָרן פֿאַרמשפּט) זיינען זיינע ווערטער שאָקירנדיק איינפאַך. עפּעס אַ קין־מעסיקע קללה רייסט זיך דאָ צום אויסדרוך.

אָפּטמאָל באַפֿאַלט דעם פּאָעט אַ גוואַלדיקע פּיזישע מידקייט. און פֿון אָט דער מידקייט ווערט געבוירן אַ סאָרט קוראַזש וואָס איז נישט גלאַט באַרעדעוודיקייט אָדער דעקלאַמאַציע, נאָר נישט־געפּוצטער אמת:
אין דער סיבירער האַרץ, אין לויטער פֿון אירע שנייען,
וואָס האָסטו, גורל, פֿאַרבאָרגן נאָך פֿאַר מיר? —
ווידער אַן אָנשיק? — אַהער! אַן אומגליק — שיק עס אָן!
און איך וועל שוין מער נישט פֿרעגן: פֿון וואַנען.
כ'בין גרייט, גרייט, גרייט!

דאָס איז אפשר אַ כמעט תנ"כישע דעקלאַראַציע פֿון אָפֿנקייט, אַ גאַנץ ווייטער מהלך פֿון דער שפּילעוודיקער לייכטקייט פֿון זיינע מער יוגנטלעכע פּערזן. זיין פּנים, זאָגט לענסקי, ווערט „גראָ ווי דער נייך ניעוואַ"; זיינע ברעמען „געוועלבט מיט אַ מעכטיק ביטערניש". פֿאַרשידענע מעטאַמאָרפֿאָזן מאַכט לענסקי דורך ביז זיין יאוש ווערט ווי פֿאַרשטילט און שטופּנווייז פֿאַרוואַנדלט אין אַ כמעט פּראָזאַאישן מאָנאָלאָג וואָס באַקלאָגט זיך:
„וואָס טו איך דאָ אויפֿן ברעג פֿון דער ניעוואַ, אין שטאָט לענינגראַד?"
און דער זינגער וואָס איז אַמאָל געקומען אָנקוקן די „בלומען־רויטע פֿעלדער, נישט קיין זיך ראַנגלענדיקע ווילד־גראָז" האָט ווי געהעריק געשטעלט זיין פֿראַגע. אַז עס איז אַזוי קען מען אַרויסלייענען אויך פֿון אַזעלכע דעליקאַטנערוועאישע באַלאַדעס ווי „סטאַך" און „אַרום דער מיל". דאָ זיינען זאַכן

קאָנקרעט און פּאַסטאַראַל; זיי אָטעמען מיט בילדלעכער, דערציילערישער פּשטות. וואָס דער דיכטער האָט געזען אין די טיגל־אויוונס ביי דער אַרבעט אין פאַבריק, איז נישט געווען זיין רעאַליטעט, כאָטש ער איז אויך אַ גאַנץ באַהאַוונטער אויסטייטשער פון וועניגער „פּאָעטישע" אַספּעקטן פון לעבן; נאָר דוקא די אַכזריותדיקע ממשותדיקייט זעט ער אָפּט ווי אַ צעשוואָומענעם באַגריף.

לענסקי פאַרמאָגט אויך אַ פיינע וויציקייט. ער קאָן זיין בייסיק און סאַטיריש (זע דאָס ליד „בשער הגלבים" — אינעם טויער פון די האָר־שערער). אָבער באמת ליב האָט ער די ווינטן און פויגלען. זיי זיינען דער צענטער פון זיין וועלט. ח. נ. ביאַליק, אין אַ בריוו צו לענסקין, אין 1932, מאַכט די פאָלגנדע וואויל־קענעוודיקע באַמערקונג: „. . . עס שפּירט זיך ווי אַנגענעמע, זיסע דופטן וואָלטן געשוועבט איבער אייערע לידער . . . ווידער אַמאָל שפּאַציר איך אויף פריש גראָז, נישט אויף שטיינערנע טראָ־טואַרן". מע וויל גלויבן, אַז דער יונגער דיכטער האָט דערהאַלטן ביאַליקס זייער וואַרעמע עטלעכע ווערטער. דער לייענער קען זיי געפינען אין „אגרות ביאַליק", פינפטער באַנד.

זיכער איז אַז לענסקי האָט געליטן פון אַ שרעקלעכער איינזאַמקייט, וואָס האָט לייכט געקענט פירן צו ניהיליסטישע אָפּוויכונגען אָדער גאָר צו פּאַטאָלאָגישער מיזאַנטראָפּיע. אַ צאָל פון זיינע לידער זאָגן עדות אויף דעם פאַקט. אַז ער האָט דאָך אויפגעהאַלטן זיין גלייכגעוויכט קאָן מען צושרייבן צו אַ ליבע — די ליבע צו דער העברעאישער שפּראַך. אין אַ כמעט ממשותדיקן זין איז העברעאיש געווען זיין אינזל. אינעם ליד „בצפונו של עולם" (אינעם צפון פון דער וועלט) שרייבט ער:

> אינעם צפון פון דער וועלט זיינען דאָ די נעכט פון וועלדער
> אָנגעשטאָלטע מיט סאָסנע־צווייגן און קאָמעטן־ליכטער . . .
> אין אָט דעם אָרט פאַרוויסטן, אָן אַ מוטער, אָן פריינטלעכן דאַך,
> האָסטו דיין טריישאַפט מיר געבראַכט, מיין דרומדיקע שפּראַך.

„דער צפון", זאָגט ער דאָרט ווייטער, „האָט דיך (העבראַיש) אַרומ־גענומען. נאָר עס קען דיך נישט ווייטיקן . . . פאַרטרייבנדיק זיינע פייגל פון קוסט און בוים, האָט ער (דער צפון) דאָך נישט פאַרטראָגן דיינע נאַכטיגאַלן פון מיין האַרץ."

ווי אַזוי זאָלן מיר אָנרופן די רייד — אומגעצוימטע סענטימענטאַלי־טעט? אַן אָפּקלאַנג פון ליבע־דערקלערונגען, וואָס אַן עלטערער דור דיכטער האָט געמאַכט דער וואונדערלעכער „האַרינטע" העבראַיש? אפשר יאָ. נאָר מיר פאַרשטייען, אַז אין ערטער וואו עס איז

> נישטאָ קיין שטיין אָן וועלכן אַ מעסער האָט זיך נישט געשאַרפט,
> נישטאָ קיין ליגן אָן וועלכן אַ צונג האָט זיך נישט געשליפן.

איז אָט די דערקלערונג רירנד מענטשלעך. אַזוי האָט געטראַכט און געפילט אַן אומשולדיק פאַרטריבענער דיכטער.

חיים לענסקי

לידער

מה זועמים פני

19 מה זועמים פני — כמי נבה היאור,
ופני נבה — כמצח מיכאל בקונין.
לא בן אני לפיטר ולא לעיר בקונין —
שלשלת יחוסי היום זכר אזכר.

ליער ליטא — בן, ואח צעיר לתור
מבלובז'. עודני ילד, היניקוני
לבנים בשרף נוטף, זקני אוגים חנכוני.
ומה לי כאן על גדות נבה היאור?...

וכך אני עומד — וכמו שואל לפשר,
אל מול הנכר מתקמרות במרי כביר
גבות עיני ושתי קשתות הגשר:

מה לי על שפת נבה בלנינגרד העיר?
אם לחמם — רק נכח מדורת הקשר,
ואם לקפא — רק בן שלגי סביר....

1928

ווי באַטריבט עס איז מיין פּנים

ווי באַטריבט עס איז מיין פּנים, אַזוי ווי דער ניעוואַ-טייך; און דאָס פּנים פון דעם ניעוואַ-טייך, איז ווי מיכאַאיל באַקונינס שטערן. איך בין נישט קיין זון פעטערס און אויך נישט פון באַקונינס שטאָט. היינט געדענק איך גוט מיין יחוס-קייט: אַ זון פון ליטעס וואַלד, און אַ יינגערער ברודער פון דעם טירטלטויב פון ביעלאַוועזש. ווען כ'בין נאָך אַ קינד געווען, האָבן מיר בעריאָזעס געגעבן צו זויגן טריפנדיק סאָק, אַלטע דעמבן האָבן מיך דערצויגן. איז וואָס זשע טו איך דאָ אויף די ברעגעס פון דעם ניעוואַ-טייך? — און כ'שטיי מיר אַזוי, פּונקט ווי כ'וואָלט אַ לייזונג געזוכט; אַנטקעגן דער פרעמדקייט וועלבן זיך מיט מעכטיקער ביטערניש מיינע ברעמען און די ביידע בויגנס פונעם בריק: וואָס טו איך דאָ אויפן ברעג פון דער ניעוואַ-טייך אין לענינגראַד דער שטאָט? אויב זיך וואַרעמען — נאָר קעגן דעם פייער פון רעוואָלט, און אויב פרירן — בלויז צווישן די סיבירער שנייען.

אין זה כלל סיעה

אין זה כלל סיעה של יוני־צחר —
ישנות בחורי יצאו לערוך גולה.
עופו, עלומי, אל נוף השחר,
שם חולמה דבדרניה כלה.

מסרו לה שלש בשורות הללו:
הראשונה — כי אהבתיה מאד,
השניה — שערי יום תמול ננעלו,
השלישית — כי לא אראנה עוד.

דאָס איז גאָרנישט קיין סטאַיע

דאָס איז גאָרנישט קיין סטאַיע ווייסע טויבן — דאָס זייגען מיינע בחורשע יאָרן אַרוים גלות אָפּריכטן. פלי, מיין יוגנט, צו דער לאַנדשאַפט פון זון־אויפגאַנג, דאָרט חלומט אַ קאַרשנבוים־כלה. גיט איר זשע איבער אָט די דריי בשורות: ערשטנס, אַז איך האָב זי זייער ליב, צווייטנס, אַז די טויערן פון נעכטיקן טאָג זייגען פאַרשלאָסן, און דריטנס, — אַז כ׳וועל זי שוין מער קיינמאָל נישט זען.

נדון לשנות טלטול

נדון לשנות טלטול וטרח,
נדח, כקין, כמקלל,
על מה לסמוך, על מי לבטוח?
מאחורי פסגות אורל
הולכים שוקעים ימי הנער.
ומה מחר עלי יוטל?
בלב סביר, בזך שלגיה
מה לי צפנת, הגורל?
עוד פגע? הב! תלאה — שלחה!
ולא אשאל עוד מהיכן:
אני מוכן, מוכן, מוכן....

צו וואָגלען פאַרמשפּט

פאַרמשפט צו יאָרן וואָגלעניש און שווערער מי, פאַרוואָרלאָזט ווי קין, ווי אַ פאַרשאָלטענער, אויף וועמען זאָל איך מיך שטיצן, מיט וועמען זיכער זיין? הינטער די אוראַלע הויכן פאַרזינקן די יוגנט־יאָרן. און וואָס וועט דער מאָרגן אויף מיר אָנלאָדן? אין דער סיבירער האַרץ, אינם לויטער פון אירע שנייען, וואָס האָסטו פאַר מיינטוועגן פאַרבאָרגן, דו גורל? נאָך אַ פלאָג? גיב זשע! נאָך אַן אָנשיקעניש — שיק עס אָן! און כ׳וועל שוין מער נישט פרעגן פון וואַנען: כ׳בין גרייט, גרייט, גרייט . . .

צבאים ואילות

חרשה, בין ערבים, אני ועצבי.
לוחש לי הרוח מעשה בצבי.
באשמרת הבקר ירד ליאור
לחזות הוד קרניו, צמאונו לשבור.
ראתו ריבה־ערבה על החוף
(אהבה־אתחלתא, התחלת הסוף).
יתומה היתה וקרובה הסתו,
קשטה פארה בתורי זהב.
הניחה על קרן הצבי הנדן,
פרח נעלם החתן דנן.
מטה היא לנחל עירם ועריה,
מבקעת קלפה וחשופת דליה.
וצופה למורד — בפתול השביל
עוממים דינרים — זהב עקבות הצבי.

הירשן און הינדינס

אַ װעלדל, פֿאַרנאַכט, איך און מײַן טרויער. עס דערצײלט מיר דער װינט אַ געשיכטע מיט אַ הירש. באַגינען איז ער צו דער אָזיערע אַראָפּ אָנקוקן דעם פּראַכט פון זײַנע הערנער, זײַן דורשט צו שטילן. האָט אים אויפן ברעג דערזען אַ װערבע־מײדל (אָנפאַנג פון ליבע איז אָנפאַנג פון סוף). אַ יתומה איז זי געװען און איר קרוב איז געװען דער האַרבסט. האָט זי איר קרוין נאָך באַפּוצט מיט גאָלדענע טירטלטויבן און איר נדן אַרויפגעלײגט אויפן האָרן פונעם הירש: און דאַן איז בליץ־שנעל פֿאַרשװאונדן דער חתן. און זי איז נעבעך געבליבן אַן אַראָפּגעבויגענע בײַם טײַכל, אַ נאַקעטע און באָרװעסע, מיט אַ צעשפּאַלטענער קאָרע און אַנטבלױזטע צװײַגן. און קוקן קוקט זי בלויז צום באַרג־אַראָפּ: אין געשלענגל פון שטעג טונקלען זיך נאָך אַלץ רענדלעך, — די גאָלדענע שפּורן פונעם הירש.

תבל משלגת

כלום שבט רבי או סבכים חובטים? —
אני רץ ועובר למדינת „שופטים".
במער החרש על קוץ וקמשון
מזהיבים גזוזים תלתלי שמשון.
השמש באפק תבלול חור...
אים פורץ נהם הענק העור.
כרכב על שכב גוש עב על גוש עב...
ישבוי הדני, לא ישבר נחשתיו.
אך עוד לילה, עוד מעט ושמשון הטוחן
ילבין את הארץ בקמח צונן.

די פאַרשנייטע וועלט

צי דעם רבינס רימען, אָדער גאָר וועלדלעך שמייסן ? — איך לויף מיך אַריבער צו דער מדינה פון די שופטים (אין תנ״ך). אין דעם אַנטבלויזטן וועלדל, צווישן די דערנער, גאָלדיקן זיך שמשונס אָפּגעשאָרענע לאָקן. די זון איז אַ בלאַסע בעלמע אויפן האָריזאָנט . . . גרויזאַם שאַלט אַרויס דער ברום פונעם בלינדן ריז. ווי מילשטיין אויף מילשטיין ליגט שטיק וואָלקן אויף שטיק וואָלקן . . . געפאַנגענע אין דער מאַן פון שבט דן (שמשון), ער וועט שוין זיינע קייטן נישט קענען צערייסן. נאָר עס איז נאָך נאַכט; ווען עס וועט טאָגן, וועט שמשון דער מילנער ווייס מאַכן די ערד מיט קאַלטן מעל.

שער הגלבים

צלצל מטר, מטר טרם בקר
כתערי זילט דקי להב,
צלצל ונשתתק.
ומתחת לשלט „קואופ־גלב״
בחלון הראוה נשתקף
רקיע גלוח עד לתכלת.
הדליק ראש חדש מאי בבואות דגליו
בחלון הראוה שמתחת לשלט
„קואופ־גלב״.
ישרי טור הלכו גיסוח מפגינים,
נפגשו, התלכדו עבר ונהר;
המטירו שכמיהם לרקיע מטר־אור —
קלוחי פגיונים.
הרעים הטנבור, הבריקה חצוצרה
בפליז גרגרתה הקולנית...
דהרה הקולריה בשעטה עצורה
דקת־רגל, קלת ניד....

ביים טויער פון די שערער

קלאַנג פון רעגן, פאַר-פרימאָרגן-רעגן; ווי די דינע זשילעט-מעסערלעך האָט ער געקלונגען און איז אַנטשוויגן געוואָרן. און אונטערן „קאָאָפּ-שערער״ שילד, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין שוי-פענצטער אַ הימל אַן אָפּגעגאָלטער ביז בלוי. דער ערשטער מאַי האָט זיינע פאָנען-שפּיגלען געצונדן אין שוי-פענצטער וואָס אונטערן שילד: „קאָאָפּ-שערער״; אין גלייכע רייען זיינען געגאַנגען דעמאָנסטרירנדע מחנות, זיך באַגעגנט, צוזאַמענגעשמאָלצן און ווייטער געפלאָסן. עס האָבן זייערע פּלייצעס צום הימל גערעגנט מיט אַ ליכט-רעגן — פון פּיקעס די שפּריצן. עס האָט געדונערט די טאַנבורע, געגלאַנצט דער טרומפּייט מיט זיין שרייעדיקן, מעשענעם גאָרגל . . . עס האָט גאַלאָפּירט די קאַוואַלעריע מיט איינגעהאַלטענעם טראָט, דין-פיסיק, לייכט-באַוועגלעך.

ב. גראַבאַרד

א. קיפּניס

„חדשים און טעג" (אַ כראָניק, קולטור־ליגע, קיעוו, 1926) פליסט אין אַ זייטיק וואַסערל פון דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור. אַ ליכטיק, יידיש טייכל. עס פליסט נישט אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם, וואו די פאָר־מולע איז געווען — נאַציאָנאַל אין פאָרמע, סאָציאַל אין אינהאַלט. און „די אינזשינערן פון דער מענטשלעכער נשמה", ווי סטאַלין האָט גערופן די שריפטשטעלער, האָבן זיך געבויגן אויפצובאַפן דעם אַלגעמיינעם פּלוס פון סאָוויעטישן לעבן. זיי האָבן אָפּטמאָל פאַרנייגט סיי פאָרמע און סיי אינהאַלט פון אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער און איבערגעלאָזט אַ מין „זשאַרגאָן" פון אויפבוי און נייקייט. אפילו די ערשט ראַנגיקע יידישע שריפטשטעלער האָבן געזינדיקט קעגן זייער קינסטלערישן איך און זיך געווידמעט אַ באַרוף צו וועלכן זיי זיינען קינסטלעריש נישט געווען באַרופן. א. קיפּניס האָט אין „חדשים און טעג" געשאַפן אַ ווערק אין שטראָם פון די קלאָרסטע וואַסערן פון דער טראַדיציאָנעל־יידישער ליטעראַטור. עס פילן זיך אין זיין ווערק מאָטיוון און טענער פון שלום עליכם און בערגעלסאָן. עס איז אַ ניי קינסט־לערישע געשטאַלטונג פונעם שטעטל. אַ שטעטל, וואָס כאַפּט זיך אויף פון אַ לאַנגן, נאָרמאַלן, איינגעשטעלטן לעבן. דערזעט פלוצלונג נייע שייכותן צווישן מענטש און מענטש, ייד און גוי, דערשרעקט זיך, ווערט אויפגע־טרייסלט און באַרואיקט זיך.

קולטור היסטאָריקער באַצייכענען די צייטן ווען אַרכיטעקטור און סקולפּטור האָבן געבליט ווי אַ צייט פון קאָלעקטיוויזם. די צייט פון די פּלאַסטישע קונסטן — ווי אַ נייטראַלע סאָציאַלע עפּאָכע. און די בלי־צייט פון מאַלעריי ווי די צייט פון אינדיווידואַליזם. אויב די טעאָריע איז אַ ריכטיקע איז א. קיפּניס אַן אויסנאַם. לעבנדיק אין אַ קאָלעקטיווער צייט איז ער אַ מייסטער פון מאַלעריי, פון שטילע אינטימע קאָלירן. זיין ווערק איז איינס פון די פיינסטע, וואָס מאָלט עלעמענטישע, פּרימיטיווע נשמה־צושטאַנדן פון אַ שטעטל פּשוטע בעל־מלאכות אין אַן איבערגאַנגס צייט. געזען דורכן פּראָזשעקטאָר פון אַ גליקלעך פאַרהייראַטן יונגנמאַן. געזען פּשוט און איינפאַך, ווי ער זעט דעם שמייכל פון זיין פאַרליבט ווייבל. דורך זיינע אויגן זעט מען דאָס שטעטל אָן וועלכע ס'איז דיאַלעקטישע טערמינען און אָן אַ באַגאַזש פון וועלט איבערבוי־טערמינען. עס איז גיכער אַן אידיליע פון אַ לעבן, וואָס פירט אַ יחוס פון הונדערטער יאָרן. עס פילט זיך נישט אין ערגעץ קיין דרוק פון אַן אידעאָלאָגיע, אָדער דער פאַנאַטיזם פון אַ

מיסיע. עס איז נישטאָ אין ערגעץ קיין רמז וועגן עפּעס מתקן צו זיין. און אין דער סאָוויעטישער אַטמאָספער איז דאָס אַ סימן פון אַ שטאַרקער ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט.

דאָס שטעטל וואָס איציק קיפּנים מאָלט, איז נישט קיין קאַפּרילעווקע, אָדער מאַזעפּעווקע. עס איז אַ שטעטל געאָגראַפיש פיקסירט, און די מענטשן וועלכע ער מאָלט זיינען אַזוי אָפּגעטאָקט און אָפּגעצירט, אַזוי פּשוט פאַר־צייכנט, אַז זיי מאַכן אָפּטמאָל דעם איינדרוק פון פאַנטאַסטישע געשטאַלטן וואָס הענגען אין אַ חלל צווישן הימל און ערד. דאָס גאַנצע שטעטל קוקט אָפּטמאָל אויס, ווי מ'וואָלט עס אַרויסגענומען פון אַ מעשה ביכל, עס אַרומ־געוואַשן און אויסגעפּוצט פאַר חשובע געסט. דאָס קוקווינקל, פון וואַנען עס ציען זיך אַלע פּעדים און שפּינען און פלעכטן דאָס געוועב פונעם שטעטל, זיינען אייזיק און בוזי, אַ יונג פאַרהייראַט שיר־השירימדיק פּאָרל. זיי וואַרפן זייער חן און געמיט אויפן שטעטל, הילן עס איין אין וואַרעמקייט און ליבע. זיי וואַרפן אפילו אַ מיסטישן שלייער אויפן שטעטל. מיט זיינע פאַרליבטע אויגן קוקט ער, דער צוויי און צוואַנציק יעריקער אייזיק, אויף זיין שטעטל סלאַוועשנע, און באַשרייבט עס אָן אַ שטאַנדפּונקט און אָן דיאַלעקטיק. יעדער מענטש, יעדע שטוב קומט אַרויס אַזוי פריש און וואַרעם, ווי ער וואָלט זיי אַלע אויסגעבריט ביי זיך אין בוזעם און זיי דערנאָך געוויזן דער וועלט: נאָט, זעט מיין עשירות.

ער מאָלט דאָס שטעטל פרייטיק. „ווער האָט עס נישט ליב אַ פרייטיק אין אַ קליין שטעטל? די קוימענס פון די נידעריקע הייזלעך באַשמעקן די געסלעך מיט ווייצנס, מיט וואַרעמען קיצלדיקן ריח פון קיכלעך מיט צימרינג באַשאָטן און פון פאַרטיקע געפּרעגלטע קאַשינקעס צום אָנבייסן . . . און ביי אונדז דורכן קליינעם קיך־פענצטערל זעט מען אַלע פרייטיק ווי ס'הייצט זיך די באָד. פריילעך און צוזאַגנדיק הייצט זיך ביי אונדז פרייטיק די באָד. אַ סך זאָגט זי צו אונדזער דאָרפסגייער, דעם שוסטער, דעם שניידער, דעם טעפּער; די קלייטניקעס אפילו דאַרפן צו איר אָנקומען. בפרט מיר האָר־באַרעס. אונדזער מלאכה שמירט דאָך שטאַרק די הענט, די וועש, דאָס פּנים און דאָס גאַנצע לייב.”

אָט דאָס גאַרבערישע שטעטל מאָלט פאַר אונדז איציק קיפּנים מיט אַלע חנען, נאַאיווקייטן און תמימות. אמת. עס איז אַ יאָר נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע, אָבער דערווייל האָט זיך אין סלאַוועשנע קיין זאַך נישט געביטן. מ'רעדט וועגן ישועות אויף יידן, אָבער דאָס שטעטל לעבט ווייטער זיין איינגעחזרט לעבן, גרייט לעדער פאַר עקספּאָרט, נעמט אויף נייעסן וועגן בירגער קריג, שלעכטס אויף יידן ווי עס וואָלט זיך אָנגעקערט מיט אַן אַנדער וועלט, נישט מיט זיי. אין סלאַוועשנע קאָן זיך קיין זאַך נישט בייטן, ווייל דער סדר העולם קאָן דאָך נישט געביטן ווערן. אָט דאָס פונדאַמענטאַלע, דאָס אייביקע איז דער לייט־מאָטיוו וואָס באַגלייט אונדז בשעת מיר לייענען די כראָניק פון „חדשים און טעג”. מיט אַ צייטווייליקן איבעררייס, וואָס

די שטעטלשע יידן באטראכטן פאר אן אומגליק, ווי אן ערדציטערניש, צי א מבול. גאָט האָט אָפּגעקערט זיין פּנים אויף א ווײַלע פון זייער שטעטל סלאָוועשנע.

אָנהייבן, הייבט ער אָן אידיליש, כמעט תנ"כיש. „צוויי טויזנט טעג זיינען אדורך פון דעמאָלט — צוויי טויזנט טעג און צוויי טויזנט נעכט. טעג ווי אויסגעריבענע טאצן אנטקעגן דער זון. און נעכט ווי הירשן צוגע־שטילטע אין שעהן פון זעט. און אפשר פארקערט: טעג ווי שטערנס צעביילטע, צעקלאַפּטע; און נעכט ווי כוסות אָליעם אויף טוכן אויסגעקערטע — אָליעם וואָס איז פליסיק און גיפטיק — וואָס באקט און ס'איז טויט."
דאָס איז געווען די צייט ווען אייזיק האָט חתונה געהאט מיט בוזין, און עס האָט זיך איינגעשטעלט ביי זיי א שלום בית וואָס שפּרייט זיין ריח אויפן גאנצן שטעטל און גיט אים טעם און געשמאַק. אַלץ האָט דעם אָפּשיין פון זייער צוזאַמענלעבן. דאָס גאַנצע שטעטל קוקט אויף זיי און קוועלט, שמעלצט זיך פון נחת. דאָס שטעטל פאָלגט נאָך אייזיקס גיין אין זאוואָד און זיין אהיימקומען. מען פרייט זיך ווען אייזיק קויפט א קו און טרייבט זי אַהיים. מען לאכט מיטן אָפענעם פענצטער אין פאַרפאַלקישן צימער. אין זייער צימער ליגט בוזי אוועק א שאַל אויפן דיל, און אייזיק דערציילט איר מעשיות וועגן א קליין מיידעלע. מ'שטיפט, זי דרייט אים פאַרן אויער, און מ'מעסט זיך די נעזער. אָט מיט דעם אידילישן פאָדעם וויקלט מען איין דאָס גאַנצע שטעטל.

מע ווייסט אין שטעטל אַז ס'איז א יאָר נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע, אָבער אין סלאָוועשנע איז גאָר נישט פאָרגעקומען. אין דער האַרבאַרניע זינגען זיי די מארסעליעזע אָבער ס'קלינגט ביי זיי ווי א מעשה. מ'לערנט זיך גיך אויס די נייע שפּראַך מיט וועלכער מ'דאַרף רעדן צו דער נייער מלוכה, מ'מאַכט די נייטיקע ענדערונגען ביי דער ארבעט, אָבער די פעלן, די יוכטן און דאָס לעדער בלייבן די זעלבע. דאָס לעבן איז געוואָרן א ביסל לייכטער, אָבער אין תוך האָט זיך גאָרנישט געביטן.

אייזיק באַשרייבט פאר אונדז דאָס גאַנצע שטעטל. אָנהייבנדיק פון בוזים מאַמע, חיה, ביזן לעצטן שטיבל אין עק שטאָט. קיין זאַך איז פון אונדז נישט פאַרהוילן. בוזים מאַמע וואוינט בשכנות ביי א שוחט, א קרוב. זיין זון האַלט פון דריי זאַכן: פון פידל, פון דער העברעאישער שפּראַך און פון ציון. ער אַרבעט אויף אַן אָריגינעלן אַלף בית פאַר קינדער. ער פאַר־שפרייט צווישן דער יוגנט בילדער פון דר. הערצל אין אַלערליי פּאָזעס, און אויך בילדער פון יידישע שרייבער. ער פאַרקויפט אויך שקלים. ביים שוחט אין הויז קומט מען זיך צוזאַמען — אַרבעטער און באַלעבאַטישע בחורים און מ'לערנט און מ'לייענט און מ'שמועסט. דורכן שוחטס הויז באַקענען מיר זיך מיט דער יוגנט פון סלאָוועשנע. מיר זעען ווי אַזוי זיי לעבן זיך אויס און מיט וואָס זיי פאַרברענגען זייער פרייע צייט. מיר קריגן אויך גלייכצייטיק א בילד פון כייטשיקס, בוזים מאַמעס שטוב. ער גיט אונדז

אויך אַ דעטאַליזירט בילד פון זיין טאַטנס הויז, מיט זיין הארבאַרניע און מיט זיין הויזיקער רחבות. אַלע אַרבעטן זיי שווער. ביי ביידע פאַמיליעס איז פּראַצע און דאגות פּרנסה דער פונדאַמענט פון זייער לעבן. אייזיק גיט איבער אין אַ נאַאיוון טאָן זיינע באַציאונגען מיט ביידע משפּחות און עס טויכט פאַר אונדז אויף אַ ראָמאַנטיש רעאַל בילד פון אַ געזעצט לעבן, וואָס איז מער אין ערגעץ נישטאָ.

נאָכדעם ווי מיר קריגן אַ בילד פונעם גייסטיקן לעבן פון דער יוגנט, נעמט אייזיק פאַר אונדז מאָלן ברייטלעך, אויף אַ גרויסער קאַנווע, דעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט פון סלאָוועשנע — די הארבאַרנים. ער הייבט אָן מיט זיין טאַטנס זאַוואָד. צוזאַמען מיט זיין טאַטנס פאַרמעג מאָלט ער פאַר אונדז די גויאישע שכנים. זיי זיינען נישט קיין מלאכים. אָבער זיי זיינען אויך נישט קיין רוצחים. מיר קריגן אַ גענוי בילד פון זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, זייער קליידונג, זייערע תנועות און געוואוינהייטן. אַ קולטור היס־טאָריקער וועט זיך קענען באַנוצן מיט אָט די שילדערונגען צו קריגן אַן אויטענטיש בילד פון יידיש לעבן און די שייכותן פון יידן מיט זייערע שכנים. נאָכן טאַטנס הארבאַרני מאָלט ער פאַר אונדז זיידלס הארבאַרני, וועלכע ליגט פון צפון צו מערב. אַ הארבאַרני מיט אַ שטוב, מיט אַ ברונעם, מיט שאַפּעס, מיט שטאַלן און מיט אַ הויף. אַ חוץ די הארבאַרנים מאָלט ער די מענטשן מיט יעדער בראַדעווקע אָדער שראַם, אַזוי אַז מ'קען זיי נישט פאַרלירן פונעם אויג. ביים מזרח ברעג פון שטעטל געפינט זיך די דאַמף־מיל און וויטער אַ ביסל דעם ספּעקוליאַנטס נייע הארבאַרני. „צוויי רייכע אַנשטאַלטן לעבן בעלגופיש בשלום צווישן זיך. זיי לעבן אויך בשלום מיט די אַרומיקע פּויערים, די שכנים און אויך מיט די פּויערים, די באַלעבאַטים אויף וועמעס פּלעצער ס'געפינען זיך פון איין זייט די מיל, פון דער צווייטער — די הארבאַרני, די גרעסטע אין שטאָט, מיט דער שיינער געפּאַרבטער שטוב אין פראָנט צום וואוינען". נאָך דער הארבאַרני הייבט זיך אָן די שיניצע. דאָרט וואוינען פּויערים, וואָס לעבן בשלום מיט די יידן. און דאָ לויפט דער שליאַך אין שטעטל אַריין. און מיט דעם שליאַך גרייכט מען שוין די וועלט.

פון דער וועלט הערט זיך נישט קיין גוטע נייעס. פּעטליורעס באַנדע קאָמאַנדעוועט אין דער געגנט. די רוצחישע קלעפּ קומען אַלץ נעענטער און נעענטער קיין סלאָוועשנע. אַזוי ווי כראָניק איז די פּשוטסטע פּראָזע־פאָרמע און זי האַלט זיך נישט ביי דעם נאַטירלעכן פּראָצעס פון דער פּאָבולאַרער אַנטוויקלונג, שפּרינגט קיפּנים זייער אָפּט איבער פון די פּאַסירונגען אין סלאָוועשנע צו געשעעניש אין אייזיקס לעבן. פון די „בעזשענצעס", די אוריטשער יידן, גייט ער איבער צו זיך און דערציילט, אַז פון בוזין האָט ער באַקומען צוויי בריוו, אַ העברעאישן און אַ יידישן. און וויטער דערציילט ער ווי די אוריטשער יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון פּעטליורעס פּאָגראָמ־טשיקעס, האָבן זיך איינגעאָרדנט אין סלאָוועשנע. אין אָנהייב פון פּעטליורעס

מעשים פילט זיך ביי קיפּניסן דער טאָן פון שלום עליכם, ווען די הראַמאַדע קומט זיך אָפּרעכענען מיט טביהן, ווייל נאַטשאַלסטווע הייסט. שפּעטער הייבט אָן די כראָניק לעבן איר אייגן לעבן און יידן הייבן אָן צו לויפן פון איין אָרט צום אנדערן, שליסן ציטווייליקע אָפּמאַכן מיט פּעטליורען, כדי איבערצוקומען ביז די רויטע אַרמיי וועט קומען צו הילף. די פּאָגראָמען־בהלה ווערט פּשוט שרעקעדיק געמאָלן. ווי מע באַהאַלט זיך אויס נעכט, מ׳לאָזט די הייזער אויף הפקר, ווי די פּויערן ליידיקן אויס די יידישע הייזער מיט אומשולדיקע מינעס, ווי זיי וואָלטן זייער נדן אָפּגענומען.

מיט דעם אימפּעט פון דער כראָניק וואַקסט דער גרויל און פּחד פון די יידן. די גוטע שכנים ווערן פאַרוואַנדלט אין היישעריקן, אין רויב־פייגל. זיי רויבן און הרגענען, ווי עס וואָלט געווען אַ נאַטור־דערשיינונג. דאָס פליסן פון טייכן, דאָס אויפגיין פון דער זון. עס קוקט אויס ווי די יידישע הייזער וואָלטן זיך ממש געבעטן: קומט און נעמט. קיפּניס גיט איבער די וואַנדערונגען פון יידישע משפחות פון שטאָט צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט. דאָ צעוואַקסט זיך די כראָניק און ווערט אַ היסטאָרישע זאַגע. עס ווערט אייגנטלעך איבערדערציילט אַן אַלטע יידישע געשיכטע פון שרעק און מורא, פון ראַנגלענישן מיטן טויט, מיט אַלע גרוילטאַטן פון נעכטן, אייערנעכטן און פאַראײַאָרן.

אַן אייביקע געשיכטע. בלעטער געשיכטע, וואָס האָבן זיך איבערגע־חזרט אין ווילנע, וואַרשע, לובלין און ביאַליסטאָק ערשט נעכטן אין די היטלער־טעג. עס איז שוין כמעט אַ וויג־ליד.

אמת, דאָרט אין סלאָוועשנע האָבן מיר געהאַט אַ טרייסט. די באַל־שעוויקעס זיינען געקומען און געמאַכט די פּאָגראָמטשיקעס באַצאָלן מיט פּראָצענט פאַר זייערע שחיטות. אָבער דער גרויל און דער שוידער פון די שילדערונגען פון די באַנדיטערייען בלייבט מיט אייך און לאָזט אייך נישט זיך בארואיקן.

די סטרוקטור פון „חדשים און טעג” איז די איינפאַכסטע פאָרמע — די כראָניק. פון די אינטענסיווע שילדערונגען פון זיין באַציאונג צו בוזין, צו איר משפּחה און ספּעציעל צו איר מוטער, איז שווער צונויפצושטעלן אַ המשך פון פּאַסירונגען, וואָס זאָלן זיך קייטלען און פלעכטן. גיכער זיינען אַלע געשעענישן פאַרבונדן מיט אייזיקס סענסיטיווקייט צו דעם אָרום. קיפּניס גיט אונדז גיכער אַן אָפּשיין פון אייזיקס אינערלעכע וועלט. עס איז זיין פּאָעטישער אָפּשיין וואָס פאַלט אויף בוזין, אויף די קרעמער און בעל־מלאָכות פון סלאָוועשנע. דערפאַר קומען זיי אַרויס אַזוי גאַנץ און פול פאַרביק. ער זעט אַלץ און אַלעמען דורך אימאַזשן, וואונטשן און ענטוזיאַזמס. ער ווערט באַגייסטערט פון יעדער דערשיינונג אין שטעטל, פון יעדן סימן פון גוטסקייט אין מענטשן. אפילו די רציחות זעט ער ווי אַ ציטווייליקע חולאת, אַ פאַראיבערגייענדיקע משוגעת. כאָטש זיין שילדערונג נאַרט אים אָפּטמאָל אָפּ און גיט אונדז אַבסאָלוטע מענטשלעכע רשעות.

אייזיקס אינערלעכע פּאָעטישע וועלט איז אפשר נייטיק געווען כדי אָפּצוהיטן קיפּניסן פון ווערן אַן אָנגעשטעלטער „אינזשינער פון דער מענטשלעכער נשמה".

„חדשים און טעג" איז געבויט אויף אַ פּשוטן כראָנאָלאָגישן רעקאָרד פון האַנדלונגען, וואָס וועקן אונדזער נייגער. כראָניק ווערט דערהויבן צו אַ קונסט־ווערק. כאָטש עס הערן זיך אינעם ווערק שטאַרקע עכאָס פון שלום עליכם־סטיל, איז עס אין תוך איינע פון די אָריגינעלסטע שילדערונגען פון אַ רוסיש שטעטל. ער מאָלט באַזונדערס שטאַרק מאַסן־סצענעס. ווידער אַמאָל וואַרפט אייזיק זיין פּאָעטיש ליכט אויף דעם געזעגענען זיך פון דער אָוריטשער קהילה־דעלעגאַציע מיטן אַטאַמאַן קאַזיר־זירקאַ, אויך אַזוי אויף דעם באַזוך פון די סלאָוועשנער הארבאַרניקעס ביים אַטאַמאַן קאַזיר־זירקאַ כדי זיך שטעלן צום פּריזיוו.

דורך דעם שיר השירים פון אייזיקס און בוזים ליבע־לעבן קומען אַרויס בולטער און טראַגישער די פּעטליורע־פּאָגראָמען. דאָס יאָר 1919, וואָס האָט איינגעשלונגען אַזוי פיל יידישע לעבנס, ווערט מילדער און אייביקער דורך דער אַקצעפּטירונג, מיט וועלכער אייזיק נעמט אויף די פּאַסירונגען. די צרות און ווייטיקן זיינען ביי אים לאָקאַליזירט, דעריבער נעמען זיי נישט אָן קיין פּראָבלעמאַטישע פאָרמע. זיי זיינען פון נאָרמאַלן יידישן לעבן, וואָס איז פול מיט בלוטיקע איבעררייסן און זיינען אַ טייל פון יידישן המשך. די אַלע פאַרצייכענונגען פון רעוואָלוציע און בירגער־קריג, וואָס איז פאַר אַ צייט געווען אין סאָוויעט רוסלאַנד דער הויפּט שטאָף פון באַשטעלטע „קונסט" ווערק, קומען אַרויס ביי קיפּניסן ווי אינטעגראַלע טיילן פון יידישן לעבן. עס זיינען גורלדיקע בלוטיקע עפּיזאָדן. דאָס שטעטל סלאָוועשנע, וואָס לעבט אַ פּאַטריאַרכאַל לעבן, ווערט אַריינגעשלעפּט אין דעם ווירוואַר פון ווידעראַנאַנדיקע כוחות. עס ווערט צעקאַליעטשעט. צי פּאַלעסיע איז געשטאַנען אויסער דעם תהום פון איינפלוסן, אָדער עס איז געבענטשט געוואָרן מיט אימוניטעט קעגן אידעאָלאָגישע איינפלוסן, דער רעזולטאַט איז אַז דער קאָמינטערן איז ווייניק אַריינגעדרונגען אין דעם נשמה־לעבן פון סלאָוועשנע, און עס האָט אויך כמעט נישט באַרירט דעם לויטערן נוסח פון קיפּניסעס שילדערונגען. די גויים ווי די יידן ווערן קוים, קוים אָנגערירט פון אַלערליי פּראָקלאַמאַציעס און מעשה־בראשיתדיקע בראַשורן, וואָס ווערן פאַרשפּרייט צווישן דער באַפעלקערונג, כדי צו באַקענען זיי מיט דער נייער וועלט, וואָס ווערט געבוירן.

איצט, אין צייט פון כינוס פון אַן אומגעבראַכטער יידישער וועלט אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, דאַרף אַזאַ ווערק ווי „חדשים און טעג" אַריינגענומען ווערן ווי אַ זוניק בינטל קונסט־בילדער פון גאַנצע, שיינע יידן, איינגעוואָרצלטע אין פּאַלעסיע. ווער ווייסט, צי מ'וועט נאָך אַמאָל דאָרט אַזוי פּשוט און טיפּיש באַשרייבן יידן אין זייער טאָג־טעגלעך יידיש לעבן. די בילדער וואָס קיפּניס האָט פיקסירט פון יידן, יידענעס און קינדער מיט

זייערע חלומות און זאָרגן און אויך דער נוסח פון די שילדערונגען, דאַרף ביי אונדז פאַרבלייבן לדורות. קיפּניס אַליין דאַרף ביי אונדז פאַראייביקט ווערן ווי אַ שרייבער, וואָס האָט געשריבן מיט קינסטלערישער וויזיע און עכט קינסטלערישער אוממיטלבאַרקייט. אויב ער האָט נישט פאַרצייכנט קיין באַזונדערע כאַראַקטערס, אָדער אייגנאַרטיקע קאָנפליקטן, האָט ער אָבער אויף אַ ברייטער קאַנווע פון אַ שטעטל געמאָלן אַן אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער אין קלאָרע לירישע בילדער און אין סענסיטיווע אימאַזשן. דאָס שטעטל סלאָוועשנע וועט אַרויסלייכטן ווי אַ העלער זונפלעק אין אַ קאַזיאַנער וועלט פון פויק מיטן באַראַבאַן־ווערק.

אין קיפּניסעס שטעטל פילט מען אַ וויטאַלן קלימאַט. מען הערט אַן איידל געזאַנג פון אַלע יידן אין שטעטל. זייער געזאַנג רייסט זיך אַריין אין אונדזער וועזן און דערפרייט אונדז. יעדער זאַץ און פאַראַגראַף באַ־רייכערט אונדז מיט וויכטיקע קליייניקייטן. דאָס גאַנצע בוך איז איינגעהילט אין אַ וואָאַל פון סימפּאַטיע און ליבע צום מענטש און זיין אַרבעט.

„חדשים און טעג" איז אַן אוממיטלבאַר ווערק פון אַן ערלעכן און טאַלאַנטפולן שרייבער. דאָס בוך האָט פאַרשפּראָכן אַ סך גרעסערע און ברייטערע נאָכפאָלגנדיקע ווערק. אויב די ווערק זיינען נישט געקומען, ווייזט עס בלויז דעם טויטנדיקן איינפלוס פון טאָטאַליטאַרישקייט.

דאָס ווערק אָבער בלייבט סיי ווי אַ מאָנומענט פון אַ וויכטיקן אייגנ־אַרטיקן שריפטשטעלער. מיט דער בילדערלעכקייט און פּאָעטישן ריטם פון אַ פאַרליבטן גיט אונדז איציק קיפּניס אַן אינטים בילד פון אַ שטעטל, וואָס שטייט אין איין ריי מיט די שטעטלעך פון אַש, ווייסענבערג און בערגעלסאָן. עס איבערשטייגט זיי נאָך אָפּטמאָל מיט דער מוזיקאַליש־קייט פון זיין וואָרט.

וואו זיינען די יידן? וואָס טוען זיי היינט? ווער ווייסט?

און וואו איז היינט איציק קיפּניס אַליין? וואָס טוט ער היינט? ווער ווייסט?

ל. פיינבערג

ש. האַלקין

פאַראַן דיכטער, וואָס מען דאַרף זיי מעסטן נישט לויט דעם סכום פון זייערע דערגרייכונגען סיי אין כמות, סיי אין איכות, נאָר לויט דעם ספּעציפישן טאָן, לויטן באַזונדערן אייגנאַרטיקן לירישן, אָדער עפּישן טעמבר פון זייער קול, וואָס הערט זיך אַרויס פון די לידער, וואָס זיי שרייבן.

באַזונדערס איז דער דאָזיקער קריטישער צוגאַנג חל אויף די אַזוי־גערופענע ריין־לירישע דיכטער, וועמעס געזאַנג פליסט, ווי אַ שטילער זומער־קוואַל אין די טיפענישן פון אַן אַלטן וואַלד.

און אויב אַזעלכע לירישע דיכטער ווערן דורך די אָביעקטיווע באַדינגונגען פון דער געשיכטע אַוועקגעשטעלט אין אַ לאַגע, ווען זייער לירישער טאָן מוז פאַרשטילט ווערן, אָדער אינגאַנצן איבערגעריסן ווערן, קאָן מען באַשײַנפּערלעך פילן און זען אין זייערע לידער דעם אַנטי־פּאָעטישן גוואַלדריס, וואָס די דאָזיקע געשאַפענע „באַדינגונגען" האָבן גורם געווען.

צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע לירישע דיכטער געהערט דער סאָוויעטיש־יידישער דיכטער ש. האַלקין, וועלכער איז אין 1948 שפּורלאָז פאַרשוואונדען צוזאַמען מיט דער גאַנצער פּלעיאַדע יידישע דיכטער, פעפער, מאַרקיש, בערגעלסאָן, און צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

אין די 25 יאָר פון ש. האַלקינס ליטעראַרישן שאַפן זיינען דערשינען זיינע דריי קליינע לידער־ביכער: „ווײַ און מוט" — 1929; „קאָנטאַקט" — 1935; און „ערדישע וועגן" — 1945.

און כאָטש עס איז אויבנאויפיק קלאָר, אַז די דאָזיקע דריי לידער־ביכער געהערן צו פאַרשיידענע פעריאָדן פון דיכטערס אינערלעכן געמיט און פון די דרויסנדיקע „אָביעקטיווע באַדינגונגען", וואָס האָבן געהערשט אין סאָוויעט־רוסלאַנד אין לויף פון די 25 יאָר, איז אָבער ניכר, אַז איין־און־דערזעלבער דיכטערישער אונטערטאָן פאַרבינדט אַלע לידער האַלקינס מיט איין רויטן פאָדעם פון דינער, שטילער ליריק. עס שפּראָצט פון זיינע לידער אָפּט אַרויס אַ פאַטאַלע, כמעט מיסטישע פאַראויסשפּירונג פון יענע אומבאַשרייבלעכע גרוילן, צו וואָס די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז דערגאַנגען און פון וועלכע ער, האַלקין, דער לירישסטער פון אַלע סאָוויעט־יידישע דיכטער, איז אַליין געווען אַזאַ טראַגישער קרבן.

עס איז אַן אַלטער אמת, אַז אין קיין לאַנד און אין קיין עפּאָכע האָט מען דעם דינסטן לירעקער נישט געקענט אָפּטיילן פון זיין סביבה, און פון

יענע היסטאָרישע באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אַרום אים. דער דאָזיקער אמת ווייזט זיך אַרויס פיל ברוטאַלער, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די דאָליע פון אַ לירישן דיכטער אין דער מסיבה פון דעם טומלדיקן, גאַלאָפּירנדיקן צייט־אָפּשניט 1920—1945 אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

ווען מען לייענט איצט האַלקינס לירישע געזאַנגען, וואָס זיינען צעוואָרפן, ווי פּערל, איבער אַלע דריי ביכער זיינע, וואונדערט מען זיך אָפּט, ווי אַזוי איז אים, דעם ריינעם ליריקער, דאָך געלונגען אַרויסצוזינגען זיין געמיט אין דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, וואָס איז געפּאָרן רייטנדיק אויף אַ טאַנק, בעת ער איז גאָר געווען מסוגל צו גיין זיין דיכטערישן וועג, אַנהאַלטנדיק זיך אָן אַ פּאַמעלעכדיקן אַלט־מאָדישן פערד־און־וואָגן?

אמת, ער האָט אָפּטמאָל געמוזט צאָלן צינדזן — און גאַנץ שווערע צינדזן! — דעם שווערן, שטאַלענעם גאַנג פון זיין צייט, אונטער וועמעס רעדער ער איז שיער נישט דערדריקט געוואָרן אַלס דיכטער. דאָך איז אים געלונגען צו לאָזן הערן, פון אונטער די רעדער אַרויס, דאָס שטילע אייביקע געזאַנג פון לירישן געמיט.

אין איינעם פון זיינע לידער רייסט זיך ביים דיכטער אַרויס:

כ'האָב אָפּטער געזונגען פון דעם, וואָס גייט־אָפּ,
געגאַן דאָס געזאַנג איז פון אָפּגרונטן טיפע.

אָך, לפי דעתי, וואָלטן די דאָזיקע צוויי שורות געדאַרפט אַוועקגעשטעלט ווערן אַלס דער לייט־מאָטיוו צו דער גאַנצער שטילער סימפאָניע פון ש. האַלקינס דיכטונג.

שוין אין זיין ערשטער לידער־זאַמלונג „ווײ און מוט" זיינען פאַראַן אַלע שפּורן, אָדער בעסער געזאָגט, אַלע גאַמעס פון דעם פיל־סטרוניקן אָרקעסטער, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר זיין פּאָעטישער גאַנג אין אונדזער פּאָעזיע: א) דער אונטערגאַנג פון דעם טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן אונטער די רעדער פון דער רעוואָלוציע; ב) פאַרשפּירונג פון דעם גרויל און שוידער, וואָס האָט געלויערט אויף דעם יידישן דיכטער און אויף דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד; ג) דער פּאַטאַליזם פון דער רעוואָלוציע, וואָס ער האָט פּרובירט פאַרשלייערן אין אַבסטראַקטן מיסטיציזם; ד) ליבע־לידער, פון וועלכע עס לויכט אַרויס די גרויסע ליבשאַפט צום ווייב און קינד; ה) נאַציאָנאַלע לידער, אָדער בעסער געזאָגט: לידער מיט אַ פאַרהוילענעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט און ו) לידער, אָנגעזאַפּטע מיט טרויער און עלנט אין סאַמע מיטן פון דעם גרויסן יום־טוב פון דער אויפגייענדיקער גאולה־רעוואָלוציע.

אַזוי, למשל, הערן מיר דעם דיכטערס פיל־באַדייטנדיקן, כמעט מיסטישן אויסגעשריי אינמיטן דער פרייד פון גאולה־יום־טוב:

אַז אונדזער פרייד איז טויזנט מאָל אַן אַנדערע פון אַלע,
אַז אונדזער פרייד איז קאַלטער גלאַנץ אויף אָפּגעשלייפטן חלף.

און ווי אמתדיק־נביאיש עס קלינגט היינט, אין יאָר 1951, האַלקינס אויסרוף צו רוסלאַנד אין 1923:

רוסלאַנד! ווען נישט מיין גלויבן, מיין שטאַרקער אין דיר,
איך וואָלט איצטער אַנדערש געטענהט.
כ׳וואָלט אפשר געזאָגט: דו האָסט אונדז פאַרפירט,
פאַרבלענדט האָסט אונדז, יונגע ציגיינער.

און נאָך טראַגישער און נביאותדיקער קלינגען די ווייטערדיקע שורות פון זעלבן ליד:

גליקלעכע רוסלענדער גאַסן,
אין אייך מיר וועלן זיך ענדיקן....

און ווי דער דיכטער וואָלט זיך מיטאַמאָל דערשראָקן פאַר דער אייגענער שרעק, פּרובירט ער איינהילן דעם פאַטאַליזם פון דער זיגרייכער רעוואָלוציע אין אַ שלייער פון מיסטישע און אַלעגאָרישע אימאַזשן:

ווען ס׳פּלאַצט אַ צווייג אין בוים־געפלעכט,
וואָס קאָן מען טאָן מיט ווינטן?
זיי זיינען טויזנט מאָל גערעכט,
טויזנט מאָל — די ווינטן!

דער דיכטער רעזיגנירט דאָ נישט אונטער דעם גערויש פון די „גערעכטע ווינטן". ער שטעלט בלויז פעסט אַז: דער דיכטער איז הילפלאָז קעגן דעם פאַטאַלן לויף פון די „גערעכטע ווינטן", וואָס פאַרניכטן אַלץ אויף זייער וועג.

דעמזעלבן מעטאָד פון פאַרשלייערטן אַבסטראַקטן מיסטיציזם נוצט דער דיכטער, ווען ער זוכט צו פאַרדעקן דעם ווייטיק פון דעם אונטערגאַנג פון דעם יידישן לעבנסשטייגער אונטער די רעדער פון דער רעוואָלוציע. אַלס בולטסטער ביישפּיל קאָן דינען זיין באמת מערקווירדיק ליד „דעם זיידנס כוס", אין וועלכן דער דיכטער שילדערט אַ שטוב פון אַ יידישן אַרבעטער אין זיין היים־שטעטל יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע. חוץ די אמת־יידישע פּאַטראָנעס, איז דעם אַרבעטערס שטוב אויסגעליידיקט פון יידישן אינהאַלט. דעם אַרבעטערס יינגעלע הייסט אפילו נאָך זיין זיידן ר׳ מאָטעלע, אָבער טאַטע־מאַמע רופן אים „מאַראַט" אויפן נאָמען פון דעם באַרימטן העלד פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער יידישער אַרבעטער איז אינגאַנצן אַ סאָוויעטישער מענטש. ער קוקט אויף דעם יידישן עבר מיט די אָפיציעלע אויגן און רעדט די אָפיציעלע רייד פון דער קאָמפּאַרטיי. אָבער נאָכדעם ווי דער יידישער אַרבעטער און דער יידישער דיכטער נעמען אַ פּאָר איבעריקע כוסות, צעבראַסטעט זיך דער יידישער אַרבעטער — און פון זיין אָפענעם האַרצן שטראָמען אַרויס גאָר אַנדערע ווערטער:

דער ערשטער מאַי — געוויס,
מיין יום־טוב איז,

נאָר איין זאַך מיר פאַרדריסט:
דער יום־טובדיקער טיש,
דאָס ווייסע סערוועטל, וואָס דעקט די חלות צו, ווי בריסט,
און דאָס געזאַנג —
עס טוט מיר באַנג.
און וואָס איז דאָ דער חטא?
און וואו איז דער פאַראַט?
פאַרוואָס זאָל עס נישט וויסן מיין מאַראַט,
אַז ער האָט יאָ אַמאָל אַ זיידן,
אַ רב מאָטעלע געהאַט?
אַ ייד האָט אָפּגעלעבט אַ וועלט
און קיינעם נישט געשאַדט —
איז וואָס איז דאָ דער חטא?
און וואו איז דער פאַראַט?

מאַכט נישט אויס, וואָס מאַראַט שטעלט־אָפּ דעם טאַטנס רייד און דער דיכטער שטראָפט דעם יידישן אַרבעטער, אַז ער „איז פול מיטן סם פון זיידנס כוס". דער פאַקט בלייבט, אַז איין מח פון אַ יידישן אַרבעטער 15 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע ראַיען נאָך אַזעלכע „קראַמאָלנע, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע" געדאַנקען — און האַלקין פאַרצייכנט זיי און ברענגט זיי אַרויס פאַר דער גאַנצער וועלט: נאַט, זעט, מען קאָן נישט אויסמעקן דעם יידישן עבר מיט אַ רעגירונגס־דעקרעט.

און געטריי זיך אַליין, געטריי דעם אינערלעכן רוף צו זיין דער זינגער פון „דעם וואָס גייט־אָפּ", דרייט זיך אַרום אַ יידישער דיכטער אין סאַמע מאָסקווע און שרעקט זיך נישט צו לאָזן וויסן דער וועלט אין סאַמע מיטן פון פרייד־געפילדער און „ס'איז־אונדז־גוט־געליאַרם" אַזעלכע „אַפּיקורסישע" שורות, ווי:

נישט אַלעמאָל יום־טוב ביי מיר,
נישט אַלעמאָל קאָן איך זיך פרייען.

אָדער אַזעלכע דינע, ממש דורכלויכטנדיקע שורות, ווי:

אָוונטיקער אומעט,
אָוונטיק שיין —
וואו איך זאָל נישט קומען,
וואו איך זאָל נישט זיין.

מיר געפינען ביי האַלקינען אָפטמאָל גאַנץ־אָפענע נאַציאָנאַלע לידער און אָפטמאָל אַזעלכע נאַציאָנאַלע לידער, וואָס ער פּרובירט פאַרשלייערן אין ביבלישע סימבאָלן.

דאָס ליד „דעם ניי־געבוירענעם״ איז אַן אָפּן נאַציאָנאַל ליד:

דאָס ניי־געבוירן קינד — עס זאָל געבענטשט זיין:
ס׳זאָל מיט דער מוטערס מילך אין אים אריין
דער דאָרשט צו טראָגן ליכט פאַר גאָר דער מענטשהייט,
די שיין זאָל אָבער פאַר זיין פאָלק אויך זיין.
ווען ער וועט אויפדעקן דער וועלט אַ נייעם שטערן —
זאָל פאַר זיין פאָלק כאָטש פינצטערער נישט ווערן.

און דאָס ליד „חושן״:

שטיינער צוועלף, געפּאַסט אין חושן —
אַך ס׳איז געפּאַנצערט כוהנס בריסט:
אין יעדן שטיין פאַרפלאַנצט אַ שבט,
און יעדער שטיין — ביז האַרץ אַ קריץ.
כ׳האָב אָנגעפילט מיין האַנט מיט די וואָס העלפן מיר
מיין חושן גאָלדענעם פאַרגאַנצן —
מיט די, וואָס לייגן זיך, ווי שטיינער צוועלף,
אין נייעם פּאַנצער.

צווישן האַלקינס בעסטע און וואַרעמסטע לידער זיינען זיינע ליבע־געזאַנגען, וואָס האָבן וויניק גלייכן צו זיך אין דער יידישער פּאָעזיע. מיר וועלן דאָ ברענגען ווי אַ מוסטער בלויז איין קליין ליד פון דער גרויסער צאָל ליבע־לידער:

אַך, דו פּאָהאַנע האַרץ, פּאָהאַנע!
און לייט זיינען נאָך דיר מקנא...
וואָס וויסן לייט? נישט מער אַ קרענק:
אַ האַרץ, וואָס טוט נאָר איינס — עס בענקט.
וואוהין? נאָכוואָס? נאָך וועמען?
נאָך אַלץ, וואָס האָט נאָך נישט קיין נעמען,
און ליגט פאַר טויזנט מייל פונדאַנען,
און ס׳איז צו דעם קיין וועג, קיין שטעג פאַראַנען....
און אויב אַפילו דאָ, אין שטאָט,
אויף צווייטן שטאָק, אַהינטער וואַנט, דערנעבן?
אַז שווער צו מאַכן איז דעם ערשטן טראָט,
אַז יעדער נאָר איין לעבן האָט,
און יעדער טראָט עס קאָסט אַ לעבן....

אין דעם צייט־אָפּשניט צווישן האַלקינס ערשטן בוך לידער „ווי און מוט״ (1929) און „קאָנטאַקט״ (1935) האָט די שטאָלענע שרויף פון דער דיקטאַטור גענומען שטאַרקער דריקן די הערצער און מוחות פון דער גאַנצער

רוסישער ליטעראַטור און במילא אויך אויף דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור.

האַלקין האָט, פּונקט ווי אַלע אַנדערע סאָוויעטיש־יידישע דיכטער און דערציילער, דערפילט אַז ס'איז ממש סכנות־נפשות צו געבן פרייען אויסדרוק יעדן לירישן געפיל, וואָס קאָן און וועט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אָפּנייג, וואָס שמעקט מיט ליקווידאַציע.

דעריבער זעען מיר טאַקע, ווי אין זיין צווייטן לידער־בוך „קאָנטאַקט", צאָלט דער דיכטער צינדז דער צייט. כמעט אין אַלע לידער פון אָט־דעם צווייטן בוך האַלקינס הערט זיך דאָס טראַסקנדיקע קלאַפּער־געצייג, וואָס איז געווען דער קען־צייכן פון אַלע לידער ביי אַלע סאָוויעטיש־יידישע דיכטער אין די דרייסיקער יאָרן. און מען קאָן זיי דאָס נישט פאַרדענקן, ווייל אָן דעם, וואָלטן זיי זיכער זיך נישט געקאָנט אויפהאַלטן אויף דער אייבערפלאַך — און זייער ליקווידאַציע וואָלט געווען געקומען מיט אַ צענדלינג יאָר פריער ווי אין יאָר 1948, ווען זיי זיינען פאַרשוואונדען פון אונטער רוסלאַנדס הימלען.

אין האַלקינס בוך „קאָנטאַקט" געפינען מיר טאַקע די וואויל־באַקאַנטע לויב־געזאַנגען צו איִם, דעם פאָטער פון די פעלקער, און דעם האַר פון דער וועלט (דאָס ליד „באַריכט", ז. 66 און דאָס ליד „דער 4טער מאַי", ז. 69), וואו מיר געפינען אַזעלכע שורות:

איך האָב געזען דעם פירער שטיין
אויף ברוינעם שטיין פון מאַוזאָליי,
ער האָט מיט עמיצן גערעדט און מיט דער האַנט
געוויזן אין דער וויט.

אָדער אַזאַ באַצייכענונג פון סטאַלינען:

דער גרעסטער פּאָעט,
דער פירער דער גרויסער פון ריזיקן לאַנד!
ווען ס'איז אין דער דיכטונג אַזאַ טאַלאַנט,
מיר וואָלטן פאַרמאָגט דאַן שעקספּירן און געטען.

ער שרייבט אויך אַ ליד אויפן טויט פון קיראָוון, וואו ער דערקלערט, אַז:

און נישט דער נאָמען בלויז,
דער דריק פון זיינע הענט,
פון אויג דאָס שמייכעלע, די קורץ־געדיכטע האָר,
די דרייסיק פרוכטבאַרע, פאַרצווייגטע יאָר,
וואָס האָבן אפשר אויף אַ גאַנצן דור
די צוקונפט ווייטער באַלויכטן און דערנענט.

ווי טראַגיש און גרויליהאַפט איז באמת געווען דער גורל פון די סאָ־וויעטיש־יידישע דיכטער, אַז אפילו די אַלע צינדז־צאַלונגען און די זשאַבע־שלינגעניש האָבן נישט געהאָלפן — און די שאַרפע האַק פון דער דיקטאַטור איז געפאַלן אויף די קעפּ פון אירע נעכטיקע באַזינגער.

אָבער אפילו אין זיין בוך „קאָנטאַקט" רייסט זיך ביים דיכטער וואו־נישט־וואו אַרויס אַ שורה, אָדער אַ גאַנצער פערז, אין וועלכן מען דערקענט דעם לירישן צווייפלער און פאַרצווייפלער:

איך האָב נישט געוואוסט, צי קניפּט זיך
מיין אומרו מיט אַלעמענס יום־טוב....
אָדער:
פאַרלאָשן דאָס פייער — געבליבן דער בליי,
פאַרשוואונדן דער גלאַנץ — און געבליבן די שווערד.

אין זיינע לידער וועגן בירָאבידזשאַן שלאָגט דער דיכטער אָפּט אַרויס פון זיין האַרצן לויכטנדיקע פונקען פון פּרעכטיקע נאַטור־מאַלערישע פערזן:

אַ רחבות אַזאַ מין — אַרום און אַרום,
עס גרייכט קוים דאָס אויג ביז דעם בלוילעכן בערג־קרייז:
פון רעכטס און פון לינקס — אָט דער ריזיקער רונד
מיט הויכן, מיט זוניקן הימל באַדעקט איז....
באַוואַקסן די סאָפּקע מיט דערנער און גראָז,
צעקאַנטיקטע שטיינער פון אינווייניק שטאַרצן,
פאַררויכערט־געפלעקטע, באַדעקטע מיט ראָסט,
און פלאַסטן, ווי מרעפּ אין אַ חרובן שלאָס.
און שפּירן דאָ זאָל זיך דער ווילן, די האַנט
וואָס גרענעצן שאַפט־אָפּ, וואָס וואַסערן שפּאַנט,
וואָס האָט דאָ באַפוילן צו בויען אַ לאַנד
אויף וויסטסטן, אויף שענסטן, אויף הערלעכסטן ראַנד.

און פונקט ווי דער הערלעכער גלויבן אין דער רעוואָלוציע האָט אָפּגע־נאַרט, אַזוי האָט אויך די גרויסע דערוואַרטונג פון אַ „יידישער מלוכה" אין בירָאבידזשאַן געפעלשט און אָפּגענאַרט די סאָוויעטיש־יידישע דיכטער און זיך אויסגעלאַכט פון אַלע זייערע האָפענונגען.

אין זיין דריטן בוך „ערדישע וועגן" (1945) דערשיינט פאַר אונדז ש. האַלקין אַלס רייפער, געלייטערטער דיכטער.

די מערסטע לידער זיינען געשריבן געוואָרן אין די גרויליקע טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די סאָוויעטישע יידן צוזאַמען מיט אַלע סאָוויעטישע פעלקער זיינען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אונטער דער האַק פון דעם נאַצישן רוצח.

אין האַלקינס ליד „טיפע גריבער, רויטער ליים" דערשפּירט מען דעם גרויסן גרויל פון יענע פּחדימדיקע יאָרן:

טיפע גריבער, רויטער ליים —
כ'האָב אַמאָל געהאַט אַ היים.
ס'האָט מיין היים אַ בראָך געטראָפן:
טיר און טויער זיינען אָפן
פאַר די רוצחים, פאַר די שינדער,
די, וואָס קוילן קליינע קינדער,
די, וואָס הענגען אויף די זקנים,
די, וואָס שאַנעווען נישט קיינעם.

אין דעם ליד „נקמה" שילדערט האַלקין דעם גרויל פון אומקום פון אַ גרופּע יידישע קינדער „פון דריי יאָר ביז אַכט", וועמען אַ סאַדיסטישער נאַצישער יעפרעיטאָר האָט אומגעבראַכט דורך אַ פלעשל מיט סם:

דאָס שטעטל פאַרוויסט, נאָר געבליבן דער נאָמען,
אויף אייביק און אייביק דער נאָמען: נקמה!

גרויס איז געווען די האָפענונג ביי די סאָוויעטיש־יידישע דיכטער, אַז דער ים פון יידיש בלוט, וואָס די נאַצישע רוצחים האָבן פאַרגאָסן, וועט עטוואָס נאָכלאָזן די שרויף פון דער אייזערנער דיקטאַטור — און אַז נאָך דער מלחמה וועט מען קאָנען אָפּאָטעמען פרייער. אין אָנהויב, אין סאַמע היץ פון די שלאַכטן, ווען יידישע דיכטער זיינען מיט ליד און מיט ביקס געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען פון די לאַנד־פאַרטיידיקער, האָט זיך טאַקע אויסגעדוכט, אַז אַזוי וועט עס געשען.

אָבער אויך די דאָזיקע האָפענונג איז אויסגערונען — און באַלד נאָכן גרויסן זיג פון די סאָוויעטישע אַרמייען האָט זיך אָנגעהויבן די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פון די יידישע שרייבער.

דער פאַרגעפיל פון דיכטער אין זיין ערשטן לידער־בוך איז טראַגיש מקוים־געוואָרן:

גליקלעכע רוסלענדער גאַסן,
אין אייך מיר וועלן זיך ענדיקן....

אָבער דאָס צאַרטע פליט־געזאַנג פון דעם דינעם ליריקער ש. האַלקין וועט זיך נישט „ענדיקן", ווייל, ווי ער אַליין האָט אין איינעם פון זיינע צאַרטסטע לידער געזונגען:

די שטילסטע ליד — זי ברעכט דורך ווענט
און רייסט זיך דורך טויזנט טויערן.

ש. האַלקין

לידער

(פון בוך „קאָנטאַקט", 1935, מאָסקווע)

פון אהינטער, פון א זייט־וואו
קומט די יוגנט אָן צו רייטן.
און פאַרשיכורט און פאַרבלענדט דיך
פריי צעפּענטעט פּיס און הענט דיר.
און אין האַרץ — אַ פרישער האַמער,
אויף די אַקסל — נישט קיין צאַמען,
אין די פויסטן — נייע קרעפטן
און די אויגן — ברייט צעעפנט...
און דו רוימסט דיר אויפן אויער,
אַז אַ פרייד אַזאַ געדויערט,
אַז אַ בונד אַזאַ אויף לאַנג איז:
„מיט די יינגסטע פון די יינגסטע"...
און דו גלויבסט איר און דו טרויסט איר,
און ביסט גרייט פון זאָרג זיך אויסטאָן,
און דערציילן פונעם וואונדער
יעדן איינציקן באַזונדער...
פּלוצעם ווערט די פרייד צעשטערט דיר,
און צערונען אַלע ווערטער,
און די ליפּן נאָר באַווייזן,
אַז די יוגנט קאָן נישט טריי זיין,
אַז דאָס פייער איז פאַרלאָשן,
אַז א שפּור פאַראַט איז דאָ שוין,
אַז אַ פלעק איז דאָ אין וואונדער,
אַז דער קנופּ איז נישט פאַרבונדן,
אַז ביים ערשטן, בעסטן אָטעם —
ווערט דאָס אָפּבילד באַלד צעשאָטן,
און פאַרשווינדט ווי זונען־העזל, —
אָט געוועזן, ווי ניט געוועזן.

יעדעס מאָל

יעדעס מאָל, ווען כ׳לייג זיך שלאָפֿן,
האָב איך מורא לאָזן אָפֿן
אַלע דרויסנדיקע פֿענצטער,
און איך שליס זיי פֿעסטער צו.
נישט פֿאַר גנבֿות מורא האָב איך,
נישט אַז עמעצער בעאַבאַכט,
ווי איך היים דעם קינד מיר בויען
פֿאַרן שלאָפֿן גיין אַ צוג.
זעכצן יאָר איך בין פֿון דאָרטן,
יעדעס יאָר איך מוז אַ פּאָר טאָן
נאָר אַ קוק טאָן, נאָר אַ פֿרעג טאָן,
נאָר אַ טראַט טאָן אויפֿן שוועל.
און וואָס פֿריידיקער דאָס קומען, —
אַלץ פֿאַרביסענער דער אומעט
ביים אוועקגיין פֿונעם שטיבל,
וואָס בלייבט איבער אויפֿן פֿעלד.
מיט אַ האַרץ נישט אויסגערעדטן
גייט די מאַמע מיך באַגלייטן —
ווער קאָן אָפּוועגן דעם ווייטיק,
ווער קאָן אויסמעסטן די טיף?
און זי זאָגט מיר: גאָט ווייס ווען נאָך,
צי איך וועל אַמאָל דיך זען נאָך,
נו, וואָס קאָן איך זאָגן מער נאָך —
זע, מיין זון, זאָלסט שרייבן בריוו.
בלייב איך שטיין — מיט האַרץ פֿאַרקלעמטן...
כּחות ריזיקע וואו נעמט מען
אויף אַ וואונק טאָן צו די שוועסטער
און זיי בעטן: — נעמט זי צו.
נאָר זי בייגט זיך איין נאָך מערער
און זי וויל זיי גאָר נישט הערן:
כ׳וועל זיך ווי עס איז דערשלעפּן
אים באַגלייטן ביזן צוג....
יעדעס מאָל, ווען כ׳לייג זיך שלאָפֿן,
האָב איך מורא לאָזן אָפֿן
אויך די אינעווייניקסטע פֿענצטער —
און איך שליס זיי פֿעסטער צו.
נישט פֿאַר גנבֿות, נישט פֿאַר רויבער —
ס׳וועט זיך קיינער נישט דערלויבן;
כ׳האָב נאָר מורא: איך וועל אויפֿשטיין —
מער נישט טרעפֿן זי ביים צוג.

ברודער

ברודער טייערער מיינער,
נאָך אַנוּוער נאָך גרויסן, נאָך שווערן —
גאָרנישט דאָס רעדן, דאָס טענהן,
לאָמיר כאָטש אָפּטער זיך הערן....
צען קינדער געבליבן מיר זיינען —
פינף שוועסטער און ברידער אַזויפיל;
עס איז דער יינגסטער שוין קיין עופל,
דער עלטסטער האָט אייניקלעך זיינע.
אויך איך האָב אַ קינד און אַ צווייטן,
און שמייכל שוין זעלטענער, שטילער;
און ס'קינדערשע זאָרגלאָזע שפּילן
פאַרשאַפט שוין מיר אָפּטער אַ ווייטיק.
אין גאָס — איך גיי אום נאָך אַ שלאַנקער,
מיט יונגע, מיט גלויביקע טריט.
נאָר ס'טרעפט — איך בלייב שטיין פאַרציטערט:
כ'בין שוין, דאַכט זיך, געבויגן געגאַנגען.
געמיינט — זי וועט קיינמאָל נישט קומען —
די פריע, די זאָרגפולע עלטער,
וואָס שפּילט נאָך דערווייל אין באַהעלטעניש,
וואָס האָט שוין אַ ווינקל פאַרנומען.
איך גיי, איך טרעף אָן אַ באַקאַנטן:
ווי לעבט מען? צי איז מען באַנוגנט?
איך הער, און דאָס רעדן דערמאָנט מיך
אַמאָל די פאַרגאַנגענע יוגנט.
טייערער, האַרציקער, ליבער,
זאָל כאָטש לעבן די מאַמע די אַלטע —
וועט אפשר זיך לענגער פאַרהאַלטן
די יוגנט, וואָס שפּאַנט שוין אַריבער.

אין דער דאָזיקער נאַכט

פון בוך „ערדישע וועגן", מאָסקווע, 1945

דו מיינסט, איך געדענק, וואָס איז דעמאָלט געווען?
מיר דאַכט, אַז ס'איז דעמאָלט קיין טאָג נישט געווען.
אַזוי־זיך — אַ פּאַסיקל טונקעלע שיין
מיט ברעג מיטן שוואַרצן אין האַרצן אַריין.
די טעג — נישט קיין טעג, און די נעכט — נישט קיין נעכט,
אין חושך פון הימל אַ פייער־געפלעכט,

אַן אויסגוס פון ליכטיקע וועגן פון לאַנגע,
וואָס טיף ביזן האַרץ פון דער וועלט זיי דערלאַנגען.
דו מיינסט, איך געדענק, וואָס איז דעמאָלט געווען?
מיר דאַכט, אַז ס'איז דעמאָלט קיין וועלט נישט געווען.
אַזוי־זיך — אַן אויסטויש פון שוואַרץ און פון רויט,
אַזוי־זיך — אַן אומבייט פון לעבן און טויט.
נאָר איינס מיר געדענקט זיך פון דעמאָלט ביז איצט,
נאָר איינס האָט אין מוח פאַרקאַרבט זיך, פאַרקריצט:
אַ זילבערנער פויגל פליט דורך און פאַרשווינדט,
אין חרובע גאַסן — דאָס קול פון אַ קינד,
און שטאָקן, וואָס האָבן געפּלאַצט און געקראַכט,
מיין מענטשלעך געוויין אין דער דאָזיקער נאַכט.

טיפע גריבער, רויטער ליים

טיפע גריבער, רויטער ליים —
כ'האָב אַמאָל געהאַט אַ היים.
פרילינג פלעגן סעדער בליען,
האַרבסט־צייט פלעגן פויגלעך ציען,
ווינטער פלעגט דאָרט פאַלן שניי, —
איצטער בליט דאָרט ווינד און וויי.
ס'האָט מיין היים אַ בראָך געטראָפן:
טיר און טויער זיינען אָפן
פאַר די רוצחים, פאַר די שינדער,
די, וואָס קוילן קליינע קינדער,
די, וואָס הענגען אויף די זקנים,
די, וואָס שאַנעווען נישט קיינעם.
טיפע גריבער, רויטער ליים —
כ'האָב אַמאָל געהאַט אַ היים.
יאָר נאָך יאָר זיינען אַריבער,
פולע זיינען יענע גריבער,
און נאָך רויטער איז דער ליים,
יענער ליים איז איצט מיין היים:
דאָרטן ליגן מיינע ברידער
די צעריסענע אויף גלידער,
די געשאָכטענע אין שטוב,
די געשאָסענע ביים גרוב.
טיפע גריבער, רויטער ליים —
כ'האָב אַמאָל געהאַט אַ היים.

קומען וועלן גוטע צייטן —
וועט דאָס מזל אויך זיך בייטן,
וועלן ווייען ווערן לינדער,
וועלן ווידער וואַקסן קינדער,
וועלן קינדער שפּילן, רוישן
ביי די קברים פון די קדושים,
ביי די טיפע, פולע גריבער
אַז דער וויי זאָל ווען אַריבער.
טיפע גריבער, רויטער ליים —
כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ היים.

צוועלף אַזייגער — האַלבע נאַכט

צוועלף אַזייגער — האַלבע נאַכט
האָט אַ חלום מיר געדאַכט:
פליִיצט אַ טייך, אויף צוויי צעשניטן,
און אַ קאָפּ עס שווימט אינמיטן.
און דער קאָפּ איז גראָ און גרייז,
ווי אַ פרילינג אַ שטיק אייז.
„גרייזער קאָפּ, דו זאָג, פונוואַנען
שווימסט און שווימען וועסט פונדאַנען?"
פייפט דער ווינט, דאָס קול פאַרשרייט ער.
און דער קאָפּ — ער שווימט זיך ווייטער....
כאַפּ איך גיכער שיף און רודער:
אפשר שווימט עס גאָר מיין ברודער?
„יונגער ברודער — גרייזער קאָפּ,
ברודער, וויִיז זיך, רוף זיך אָפּ."
ברומט דער טייך, דאָס קול פאַרבייט ער.
און דער קאָפּ — ער שווימט זיך ווייטער....
און וואָס ווייטער — קלענער ווערט ער,
און עס קלעקן שוין קיין ווערטער.
וויל איך שרייען, בעטן, מאָנען,
און איך קאָן זיך נישט דערמאָנען.
פלוצעם ווערט דער טייך צערודערט —
ס׳גייט צו גרונט אַראָפּ מיין ברודער.
פונעם שלאָף איך כאַפּ זיך אויף, —
רואיק קוקט דער טייך אַרויף.
פליִיצט און שטעלט זיך גאָר נישט אָפּ,
און פונווייטן — נאָך אַ קאָפּ.

די שטילע שעה

דאָס אויג, דער אויער איז איצט אָנגעשטרענגט
אַזוי, אַז דאָס געהער, וואָס איז באַשרענקט
געווען, איז וואַקזאַם איצט צו יעדן ריר,
צו מינדסטן שטילקייט־פּיר אינעם עפּיר,
און נישט צו דונערן און נישט צום בליץ
דאָס אויג, דער אויער איז איצט אָנגעשפּיצט.
מע זאָגט, אַז גאָר אַמאָל — אין אַלט, אין אור,
אין מדבר האָט באַוויזן די נאַטור
איר וואונדער־קראַפט אַ יונג־באַפרייטן פאָלק:
דערזען האָט עס באַשיינפּערלעך אַ קול,
און ליכט און שיין דערהערט ביים ווערן פריי....
ווייזט אויס, פון צייט צו צייט דערוואַכט אויפסניי
דער נס . . . אַמאָל אין טויזנט יאָר, צי מער
דאָס אויג עס מוז פאַרבייטן דעם געהער,
וויילביידע ווערן מיד פון דינען טריי
דעם איינציקן באַרוף, און ווערן פריי
אַ וויל פון ז י י ע ר שטרענגער פליכט:
צו קאָנען הערן רויש און זען ליכט.
און נאָך דעם קורצן בייט זיי הייבן אָן
געוועלטיקן אין זייער קרייז באַניים אַ קאָן,
מיט מערער פרישקייט נאָך, מיט מערער ברען,
און ס'זעט דאָס אויג פיל מער, ווי ס'האָט געזען,
דער אויער הערט אַזוינס, וואָס ביז אַהער
האָט קיינמאָל נישט געהערט נאָך צום געהער....
און גאָר די גרויסע וועלט גאָר אַנדערש שיינט
און אַנדערש רוישט . . . פאַרוואָס זשע זאָל אויך היינט
דער וואונדער נישט געשען? ער מוז, ער דאַרף!
צו שאַרף דאָס אויג, און דאָס געהער צו שאַרף!
און אויב עס וועט נישט פאָרקומען דער בייט,
דער אויער טויב ווערן קאָן פאַר דער צייט,
צי טיף פאַרזונקען ווערן דער פאַרשטאַנד,
צי אָט אויף דעם פּאַפּיר זיך אָפּשטעלן די האַנט....
נאָר אפשר וואָלט גאָר עפּעס אַנדערש טרעפן!
דאָס אויג וועט פּלוצעם געבן זיך אַן עפן
און דערזען פאַראויס אויף וויפל יאָר,
ווען פונעם שענסטן טרוים וועט ווערן וואָר.
און אפשר . . . וואָלט דער אויער דאַן דערהערט
די שטילע שעה פון שלום אויף דער ערד....

1942

און פרעגן איך קאָן נישט ביי קיינעם

נישט גרינג איז צו זינגען פון דעם, וואָס דו זעסט:
באַקרוינען די רומפּולע נעמען.
אַ נס דאַרף זיך טרעפן, אַן אמתער נס —
דאָס וואָרט זאָל דאָס בלוט נישט פאַרשעמען.
נאָך שווערער באַזינגען די שרעקלעכע שטראָף,
וואָס העל ווי די זון און גערעכט איז, —
פאַר אויסקוילענען שוצלאָזע קינדער, ווי שאָף,
און פרויען, ווי רינדער אין שעכטהויז.
געפּרוווט האָב איך זינגען פון דרייסטקייט, פון מוט,
וואָס פעלקער און לענדער פאַרוואונדערט,
וואָס ווערן וועט שפּעטער די קרוין און די רוט,
דער וואונדער פון אונדזער יאָרהונדערט.
און, דאַכט זיך, איך זינג דאָס פון דעם, וואָס עס ווייסט
פון עופּל אין וויג און ביז זקנים,
נאָר איינער איך וויים נישט ביז היינט, ווי עס הייסט —
און פרעגן איך קאָן נישט ביי קיינעם.
פאַרוואָס קאָן איך נישט זינגען פון דעם, וואָס מיך רופט,
פון דעם, וואָס מיך ציט — סכנות,
פון דעם, וואָס איך אָטעם אריין, ווי לופט,
און ארויסאָטעמען איך קאָן נישט? — — —

ווען וועט ווערן ליכטיק

צווישן וואַנט און וואַנט צעווישן
ליגט מיין האַנט אויף קאַלטן קישן,
און דער קאָפּ ליגט אויף דער האַנט
צווישן קאַלטער וואַנט און וואַנט.
לאַנג די נאַכט און האָט קיין סוף נישט,
קאַלט די נאַכט, און ס'נעמט קיין שלאָף נישט!
און פון אָוונט ביז פרימאָרגן —
טויזנט פּלאָגן, טויזנט זאָרגן.
יענע ליד וועט שוין אויף שטענדיק
ביזן טויט נישט זיין פאַרענדיקט.
און איך טראַכט: מע מוז זיין טיכטיק —
אוי, ווען וועט ווערן ליכטיק?
אין דער פינצטער איך פּרוּוו באַשליסן,
צי ס'איז ציכטיק מיין געוויסן.

און ס'איז איצט, ווי קיינמאָל, וויכטיק. —
אוי, ווען וועט ווערן ליכטיק?
כ'האָב אַ נאָנטסטן פריינד פאַראַטן?
כ'האָב באַוויינענדיק מיין טאַטן
אויך געטרייסט זיך, אַז ס'איז דיכטונג? —
אוי, ווען וועט ווערן ליכטיק?
ס'איז אַ ברודער אָפּגעקומען,
ס'איז אַ צווייטער אומגעקומען,
איך — געווען בין אַלץ פאַרנומען
מיט מיין דיכטונג, מיט מיין ריכטונג.
גאָט מיינער, ס'וועט ווערן ליכטיק?!

דער וואָלקן

ס'איז מיר אַזוי גוט צו טראַכטן וועגן דיר,
ס'איז מיר אַזוי ליב אויף דיר זיך ריכטן;
מיר דאַכט, איך וואָלט איצט אַלע קרומקייטן פאַריכטן
און שטרענג באַטראַכטן יעדן קער און ריר.
דער וואָלקן, וואָס פון טונקלקייט הייבט אָן זיין לעבן,
און וואָגלענדיק בלייבט יונג, און בלאָנדזשענדיק ווערט אַלט,
ווען ער פאַרשלינגט דעם מולד און אין זיך באַהאַלט
אינאיינעם מיטן וואַך־שטערן, וואָס ברענט דערנעבן, —
ווער וועט דעם וואָלקן חושד זיין אין דעם,
אַז ליב איז אים צו האַלטן זיי אַ נאַכט אין קלעם?
אַ קינד אין וויג, מיר דאַכט, עס ווייסט:
דאָס זוכט דער וואָלקן זיך ביינאַכט אַ טרייסט.
ווייל ווי טונקלקייט זאָל אים נישט וויכטיק זיין —
ער וויל, אַז ערגעץ טיף אין אים זאָל ליכטיק זיין....
איז ווער וועט זאָגן מיר: דו טוסט נישט רעכט.
איך זוך דאָך אויך, ווי ער, אַ טרייסט זיך אין די נעכט.

א. גאָלאָמב

פון זייער אָנהייב

זכרונות

דער נסתר. עס איז געווען אין יאָר 1912. איך בין דעמאָלט געווען א לערער אין דעם שטעטל גאָלטע, כערסאָנער־גובערניע, אין דער דעמאָלט באַרימטער מיידלשול פון ט. ג. מאַרגאָליס. איז צו אונדז אין שול געקומען א יונגע לערערין רחל זילבערבערג. צוזאַמען מיט איר איז אויך געקומען איר מאַן, א פעך־שוואַרצער יונגער מאַן פינע קאַהאַנאָוויטש פון בערדיטשעוו. אין קליינעם שטעטל זיינען די עטלעכע יידישע אינטעליגענטן געווען באַפריינדעט און מען פלעגט זיך טרעפן זייער אָפט, אויב ניט אַלע טאָג. מיר האָבן געוואוסט אַז אָט דער פינע קאַהאַנאָוויטש איז דער שרייבער „דער נסתר", וואָס האָט שוין דעמאָלט פאַרעפנטלעכט עטלעכע פון זיינע זאַכן: „העכער פון דער ערד", „דער קדמון", און דאַכט זיך אַז נאָך עפּעס. אַלץ וואָס ער האָט געשריבן איז געווען א מין סתרי תורה, שווער צו פאַרשטיין, טאַקע א מין תורת הנסתר, אָבער ריידן מיט אים וועגן זיין שרייבן, וועגן זיינע ווערק איז אונדז קיינמאָל נישט געלונגען. ער פלעגט תמיד איבערהאַקן, א לאַך טאָן און ריידן וועגן אַנדערע זאַכן. מיר איז — נישט פריער נישט שפּעטער — קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו טרעפן א שרייבער, וואָס זאָל אַזוי אויסמיידן צו רעדן וועגן זיין שרייבן. מיר האָבן געוואוסט אַז ער שרייבט א סך, אָבער ווי נאָר מען פלעגט אַן עפן טאָן די טיר, אַזוי באַלד פלעגט ער באַהאַלטן דאָס פּאַפּיר, און גלייך געפינען אַן אַנדער טעמע וועגן וואָס צו ריידן, און באַריידעוודיק איז ער געווען, און האָט גערן געפירט דיסקוסיעס, און ער האָט געקענט איבערצייגן אויך, פלעגט ער ריידן ליידנשאַפטלעך, מיט היץ און לאָגיק. געווען א שטאַרקער יידישיסט הגם ער האָט געקענט גוט לערנען און, ווי מען זאָגט, אפילו א בקי אין ש"ס. נאָר וועגן זיך, וועגן זיין אייגענעם שרייבן — נישט קיין וואָרט און קיינמאָל נישט. ער איז איינמאָל געזעסן ביי מיר אין צימער, איז אַריין א ייד און א פרעג געטאָן: מען זאָגט, אַז איר זייט דער שרייבער נסתר, איז עס טאַקע אמת?

— ניין, עס איז מיין ברודער, — האָט ער געענטפערט און גלייך אַריבער צו דער פריערדיקער טעמע. עס איז דעמאָלט געווען געדרוקט אין דער „יידישע וועלט", וואָס ב. קלעצקין האָט אַרויסגעגעבן אין ווילנע, אונטער דעם רעדאַקציע פון ש. ניגער, דעם נסתרס א מעשה. דעם גענויעם נאָמען קען איך זיך איצט נישט דערמאָנען. ווי אַלץ וואָס ער האָט דעמאָלט גע־

שריבן איז אויך די מעשה געווען אַ מין „קבלה״, שווער צו פאַרשטיין פּשוט. וויפל מיר האָבן זיך ניט באַמיט אַרויסצוקריגן ביי אונדזער פריינט פּינע קאַהאַנאָוויטש אַ פּירוש אויף דער מעשה פון דעם נסתר, איז עס אונדז נישט געלונגען. — ער האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט אַריינציען אין אַ שמועס אויף דער טעמע פון זיין שרייבן.

עפּעס האָט עמיצער דעמאָלט אָפּגעדרוקט אין אַ זשורנאַל אַ קריטיק אויף זיין שרייבן. מיר האָבן געוואוסט אַז ער ליידט דערפון, אָבער ווי אַלע מאָל האָבן מיר נישט געקענט אים אַריינציען אין אַ שמועס אויף די טעמעס. אַן אמתער נסתר, אין דעם טראַדיציאָנעלן זינען, איז ער געווען אין אונדזער ליטעראַטור.

ער האָט געהערט צו דעם פריערדיקן דור יידישע שרייבער וואָס זיינען געקומען צו יידיש און צו דער ליטעראַטור פון בית מדרש, פון דער גמרא, פון דער גאַנצער רעליגיעזער ליטעראַטור. געווען איז ער אַ „נעלם״, נישט פאַרשריבן אין מעטריקאַלישע ביכער. יידן פלעגן אָפט נישט פאַרשרייבן זייערע קינדער, כדי אויסצומיידן מיליטער־דינסט. דאָס אַלץ האָט קענטיק געווירקט אויף זיין כאַראַקטער, אויף זיין צוריקגעהאַלטנקייט. עס איז דעמאָלט אויך אַרום זיין ביכל „מעשהלעך אין פערזן״ פאַר קינדער. איך בין געווען באַגייסטערט פון אָט דעם זשאַנער. דער אינהאַלט, די פאָרעם, די שפּראַך — אַלץ האָט געשמעקט מיט דורות און דורות פאָלקסטימלעכקייט. די קינדער, וואָס מיר דאָ אויף דעם קאָנטינענט קענען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן אַזאַ ליבע צו קונסט פון וואָרט, האָבן אויפגענומען די מעשיות מיט אַ באַזונדערער סימפּאַטיע, האָבן אָפט צוגעפּאַסט צו זיי ניגונים צו קענען דאָס זינגען סתם אַזוי צוליב דעם אייגענעם פאַרגעניגן. ווען ער איז איין מאָל אַריין צו מיר האָב איך אים געטראָגן אַנטקעגן דאָס ביכעלע מיט אַ צושריפט: „פּינע, זו הדרך!״ מער ווי אַ שמייכל האָב איך נישט געקענט אַרויסקריגן פון אים.

מיט יאָרן שפּעטער, אין קיעוו, אין די יאָרן פון רעוואָלוציע, איז ער געווען שוין מער אָפן, מער „נגלה״, אָבער אויך שטאַרק אין זיך, פאַר זיך. אויך דאָ זיינען מיר געווען שכנים און איך האָב אָפט געזען זיינע כתב־ידן. געשריבן און איבערגעשריבן, און צוגעשריבן — ער האָט שטאַרק געהאָרעוועט אויף זיין שרייבן. עס איז געווען אַ באַציאונג פון אַ באַזונדערער, אייגנאַרטיקער אָפּגעהיטקייט. — איך האָב אַלעמאָל געטראַכט, אַז עס איז דער גורל פון דעם נסתר אַריינצוברענגען אין יידיש, אין דער יידישער וועלטלעכער ליטעראַטור אָט דעם מין „סתרי תורה״ וואָס מען דאַרף נישט לייענען סתם, נאָר לערנען על פּי „פּרד״ס״, זוכן דעם רמז און דעם סוד. ווען איך האָב אין יאָרן אַרום דערזען נסתרס אַ גראָבן ראָמאַן „די משפּחה מאַשבער״, האָב איך זיך שטאַרק פאַרוואונדערט. אַזאַ ווייטער מהלך, אַזאַ ענדערונג. איבערהויפּט האָט מיך פאַרוואונדערט איין זאַץ אין דער הקדמה, וואו ער שרייבט אַז ער האָט מיט דעם ראָמאַן געוואָלט אונטערפירן אַ סך הכל אונטער דער אַלטער וועלט . . . ער, וואָס איז מיט אַלע זיינע חושים

און מיט זיין גאַנצער אינטעליגענץ געווען אַריינגעוואַקסן אין אַט יענער „אַלטער" וועלט, ער האָט עס געדאַרפט זיך פאַרענטפערן, אַרויסווייזן זיין האַס צום אַלטן און זיין געטרייקייט צו דער נייער וועלט! איך בין זיכער, אַז אַט די צופּאַסונג האָט אים זייער פיל געקאָסט. און, אודאי, עס האָט אים נישט געהאָלפן.

***

גאָר אַנדערש האָט אָנגעהויבן לייב קוויטקאָ. אין 1914 צי אין 1915 איז צו אונדז קיין גאַלטע (דאָס שטעטל האָט זוכה געווען באַשריבן צו ווערן פון שלום עליכמען אין זיין מעשה „הונדערט איינס") געקומען אַ יונג בחורל, במעט אַ יינגל, פון אַ שכנישן שטעטל גאַלאַוואַנעווסק אָדער פון גאַלאַסקאַווע, ווער געדענקט עס. אַ שעמעוודיקער פלעגט ער זיך אַרומדרייען צווישן אונדז, פאַרלייענען זיינע לידער, געחלומט ווי עס איז זיך צו דערשלאָגן קיין קיעוו, וואו עס איז שוין געווען אַ וויכטיקער קרייז יידישע שרייבער מיט אַ „קיעווער פאַרלאַג". ווען איך בין אין 1917 געקומען קיין קיעוו איז שוין קוויטקאָ געווען אַן איינגעבירגערטער תושב אין דער יידישער ליטעראַטור.

קוויטקאָ געהערט צו דעם טיפּ יידישע דיכטער, וואָס זיינען אויסגע־וואַקסן פון זיך אַליין. אַט ווי אַ ווילדער עפּלבוים אין וואַלד. האָט ער פאַרמאָגט ניט קיין צו גרויסן קולטור־באַגאַזש, ווייניק געלערנט, איז אויך זיין גייסטיקער האָריזאָנט געווען ניט קיין ברייטער. דער באָדן איז אָבער געווען אַ פרוכטבאַרער, דאָס יידישע לעבן האָט געהאַט אין זיך גענוג אייגענע און אייגנטימלעכע זאַפטן, — און מיר האָבן געהאַט אַ סך אַזוינע שרייבער, וואָס זיינען אויפגעקומען פון זיך אַליין. פונקט דער היפּוך איז עס ביי אונדז איצטער.

***

פון ווידער אַ צווייטער סביבה איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַ־טור אַריין דוד האָפשטיין. איך געדענק זייער גוט ווי אין איינעם אַ שבת־צו־נאַכט זיינען מיר געגאַנגען אין דער קיעווער יידישער סטודענטן־קיך אויף קוזנעטשנע 25 הערן אַ נייעם יונגן יידישן דיכטער. אַ דעביו. אַגב, די סטודענטן־קיך. איך געדענק נישט און איך קען זיך נישט דערמאָנען ווי, וואָס און ווען מיר האָבן געגעסן דאָרטן, — איך געדענק אָבער זייער און זייער די פאַרזאַמלונגען, רעדעס, פאַרווייילונגען, דיסקוסיעס, וואָס פלעגן דאָרטן כסדר פאָרקומען. אַט דאַכט זיך, נעכטן איז עס געווען. אַט טאַנצן אוים אַ קינאָ־בילד בערגעלסאָן, ליטוואַקאָוו און יעקב לעשטשינסקי, צו לענגערע יאָר; אַט דרייט מיט דעם גראָבן פינגער אַ קונציקן פּשטל דער ניי געבאַקענער קאָמוניסט יודע נאַוואַקאָווסקי; אַט היצט זיך דער דר. משה זילבערפאַרב און עס שטילט אים איין דער געלאַסענער שמעון דאַבין. — הונדערטער און הונדערטער גייען זיי איצט דורך און דורך מיין זכרון, אַן

אַנדער וועלט, און אַנדערע מענטשן מיט אַנדערע השגות . . . אָבער צוריק, צו יענעם שבת־צו־נאַכט, ווען עס האָט זיך פאַר אונדז געשטעלט אַ יונגער סטודענט אין זיין סטודענטישן מונדיר, פאַררויטלט, שעמעוודיק ציט ער פּאַמעלעך:

אין ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער
וואו קען מען זיין עלנטער, וואו קען מען זיין עלנטער . . .

דער סטודענטישער דיכטער איז געווען דוד האָפּשטיין. ער האָט שטאַרק אויסגענומען יענעם אָוונט.

אין גיכן איז אַרויס די ערשטע זאַמלונג פון זיינע פּאָעמעס „ביי וועגן", (דאַכט זיך). מיין מאָס פאַר פּאָעזיע זיינען דעמאָלט געווען די יידישע קינדער. זייער אויפנעמען אַ פּאָעמע, אַ ליד, זייער צופרידנקייט אָדער אומ־צופרידנקייט איז פאַר מיר געווען מאָסגיביק. זיי, די יידישע קינדער אין אייראָפּע, האָבן פאַרמאָגט דעם נאַטירלעכן חוש צו אַ שפּראַך און צו דער שפּראַכלעכער קונסט פון וואָרט. האָבן זיי געקענט אויפנעמען ניט בלויז דעם אינהאַלט, ווי עס איז מיט יידישע קינדער אין די אַמעריקעס, נאָר אויך די פאָרעם, די אויסדרוקן, די בילדערישקייט פון דער שפּראַך און די אי־דעאָמען. גלייך ווי דאָס ביכל לידער איז אַרויס, האָב איך זיך אָנגעמערקט אַ צאָל לידער פאַר די קינדער, און איך האָב זיך נישט אָפּגענאַרט: קינדער האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון אַזוינע בילדער ווי למשל:

די בייטש איז אויסגערוט,
דאָרט, צווישן אויוון
איז זי מיט טונקלקייט,
מיט טיש פאַרוועבט.
אָדער —
אין תהום פון נאַכט,
אין לאַנד פון שניי
איז איינס אַ דערפעלע פאַרזונקען.
אָדער גאָר —
איבער אַלע וועגן
פון דיין וואָגלען,
איבער גאָרער וועלט
שטייען דיינע לאַגלען
ברייט און ווייט צעשטעלט.

האָפּשטיין איז אין זיין שרייבן זייער בילדעריש. אָבער דאָך רעכן איך אים צו צו אונדזערע אינטעלעקטועלע דיכטער. אויסגעוואַקסן אין דאָרפישער שטילקייט ביי טראַדיציאָנעלע יידישע עלטערן איז ער געווען אַריינגעטראַכט, אין זיך, מער געטראַכט ווי גערעדט, אַ שטילער. קיינמאָל דערמאָן איך זיך נישט ער זאָל זיך היצן, הגם מיר פלעגן זיך אָפּט טרעפן און אַ סך שמועסן,— און די צייט איז דאָך געווען אַזאַ שטורמישע. ער האָט

געהאַט אַ גוטע יידישע דערציאונג, איז געווען שטאַרק יידישלעך געשטימט, געהאַט אַ וואַרעמע באַציאונג צו העברעאיש, געפּרובירט נישט איין מאָל שרייבן העברעאיש.

אין דער צייט ווען מיר אַלע האָבן זיך אויף פאַרשיידענע וועגן אַרויס־געכאַפּט פון רוסלאַנד, און צווישן אונדז אויך כמעט אַלע איצט אומגע־בראַכטע שרייבער, האָט זיך האַפּשטיין מיט אַמאָל באַוויזן אין ארץ ישראל. אָבער צום באַדויערן האָט ער זיך נישט געקענט צופּאַסן און איז שטיל אָפּגע־פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד. ווי עס האָט מיר שפּעטער אַמאָל דערציילט דער איצטיקער פּראָפעסאָר בן ציון דינאַבורג, האָט קיינער פון די באַקאַנטע נישט געוואוסט פון זיין אָפּפאָרן צוריק. זיי האָבן קיינער נישט געזאָגט, זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן וואָס עס וואַרט אויף זיי אין לאַנד פון די סאָוויעטן.

*

מיט דעם גרעסטן ווייטיק האָבן מיר אַלע, ווילנער, אויפגענומען די טראַגעדיע קולבאַק. אַליין פון סמאַרגאָן, גאָר ווייניק געווען פאַרבונדן מיט רוסלאַנד, אַ ליטוואַק מיט אַלע חושים, האָט עס אים געצויגן צו קרובים, צו משפּחה אין רוסלאַנד. אגב, האָט ער געהאַט שוועריקייטן מיט בירגער־שאַפט אין פּוילן. און ער האָט שוין יאָ געוואוסט ווי עס איז שווער זיך אַריינצופּאַסן אין יענעם לאַנד. דאָך האָט עס אים נישט אָפּגעהאַלטן. פאַר זיין אָפּפאָרן האָט ער מיר געזאָגט: „וואָס־וואָס, אָבער אַליין זיך לייגן אויפן בענקל מען זאָל מיר שמייסן — דאָס וועל איך נישט טאָן". אָבער דאָך, שוין אין עטלעכע וואָכן אַרום נאָך זיין קומען אַהין, קיין מינסק, האָט ער אונדז געשריבן ביים ראַנד פון אַ פּאָסט־קאַרטל בזה הלשון: „זאָגט מיר צו רפואה, איך גיי פון באָד, מען דאַרף זיך דאָ גוט וואַשן און רייניקן אויב מען וויל נישט גיין ביים ראַנד פון לעבן". דאָס איז געווען דער „גוטער" אָנזאָג.

עס זיינען שוין געווען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן די שוועריקייטן אין רוסלאַנד, וואָס עס האָט מאַקס עריק, וואָס איז אַוועקגעפאָרן פון ווילנע מיט אַזוי פיל האָפערדיקע האָפענונגען אויף אַ ברייטער וויסנשאַפטלעכער קאַריער. אָבער די אויסזיכטסלאָזיקייט פאַר דער יידישער יוגנט אין פּוילן איז געווען אַזוי גרויס, דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַ סך, אפילו נישט קיין קאָמוניסטן, האָבן זיך געלאָזט גנבענען די גרענעץ קיין רוסלאַנד. פון פייער אין פלאַם. צווישן זיי אויך דער ליבער און דער אויסערגעוויינלעך פעאיקער משה קולבאַק, דער פיקח, דער תלמיד חכם (געווען אַ תלמיד אין וואָלאָזשין) — און אַזוי זיך באַנאַרישט!

איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט אין 1922, ווען ער איז געקומען צוריק פון בערלין. דאָרטן איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער ווילנער טרופּע ווי אַ סופלאָר (געווען אַ פּראַקטיקער רעציטאַטאָר און פאָרלייענער). ער האָט דאָרטן אָבער אַ סך געלערנט, און ווי אַ יעדערער פון אונדזערע אינטעליגענטן פון פריערדיקן דור, האָט ער געקענט אַ סך לערנען אָן לערער, אָן פּראָפעסאָרן.

אין א זומערדיק פּאַרנאַכט האָט ער זיך באַוויזן מיט עטלעכע בחורים אין דעם זומער־קעמפּ פון דעם יידישן לערער־סעמינאַר אין פּושקאַרניע (פינף קילאָמעטער ביי ווילנע). מיט דעם „קאָפּ דעם באַטשופּרינעטן", מיט דעם קלוגן שמייכל, מיט דעם שאַרפן יידישן וויץ, האָט ער ביי דער אָרעמער וועטשערע אונדזערער עפּעס רעציטירט און האָט גלייך געוואונען די ליבע פון אַלע סעמינאַריסטן, צעבראָכן די הערצער פון אַלע מיידלעך. עס איז געווען א לעבעדיקע אילוסטראַציע צו „איך בין א בחור א הולטיי".

אָבער דאָס „הולטייעווען" האָט ביי קולבאַקן גאָר נישט לאַנג געדויערט. ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין זעלדען, געוואָרן א לערער פון יידישער ליטעראַטור צו ערשט אין דער יידישער גימנאַזיע פון סאָפיע גורעוויטש און שפּעטער אויך ביי אונדז, אין דעם יידישן לערער־סעמינאַר. די תלמידים האָבן אים פאַרגעטערט. יעדער לעקציע זיינע איז געווען א שטיק קונסט. א קינסטלער ווי א לערער איז אויך געווען דער פריערדיקער לערער פון ליטע־ראַטור אין סעמינאַר, מאַקס עריק, אָבער גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער. מיר פלעגן מיט ראָזע סימכאָוויטש לאַכן, אַז ווען עריק גייט אין קלאַס אריין ווייס ער נאָך נישט וואָס ער וועט דאָרטן ריידן. ער איז געווען א מייסטער אויף עקספּראָמטן, פלעגט ער שפּאַצירן איבערן קלאַס און ריידן וועגן דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, און די פאַרגלאָצטע אויגן פון די מיידלעך פלעגן נאָכוואַנדערן נאָך אים.

גאָר אַנדערש איז עס געווען קולבאַק. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער נייער ליטעראַטור. ער פלעגט קענען געבן אַזוינע בולטע און שאַרפזיניקע כאַראַקטעריסטיקעס פון א שרייבער אַז אַלץ פלעגט ווערן קלאָר. ער האָט נישט געדאַרפט מיטנעמען אין קלאַס קיין ביכער צו ברענגען ציטאַטן, ער האָט אַלץ געדענקט אויסווייניק. א פּאָעמע — איין מאָל איבערגעלייענט און ער קען שוין זי אויסווייניק. איך פלעג אָפט ליב האָבן צו שטיין ביי דער טיר פון זיין קלאַס און זיך צוהערן, ווי קולבאַק לערנט. ער איז נישט געווען קיין מעטאָדיסט, האָט פיינט געהאַט שריפטלעכע ארבעטן, אָבער א גרויסע ליבע צום יידישן וואָרט פלעגט ער איינפלאַנצן. ווען ער האָט גע־שאַפן זיין וואונדערבאַרע פּאָעמע „בונע און בערע אויפן שליאַך", האָט ער מיך אַליין איין מאָל גערופן שפּאַצירן און אויפן וועג רעציטירט פאַר מיר די גאַנצע פּאָעמע. „איצט וועל איך זיך זעצן און פאַרשרייבן עס". ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער זעצט זיך קיינמאָל נישט שרייבן קיין אָנהייב, וואו ער האָט נאָך נישט אין קאָפּ דאָס גאַנצע. ער האָט אָפט רעציטירט אויף פאַר־זאַמלונגען, אין טעאַטער, און אַלעמאָל אויסווייניק. אגב, האָט די פּאָעמע לכתחילה געזאָלט הייסן „יאָלדיאַדע", וואָס איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן, אָבער ליעסין, וואָס האָט די פּאָעמע אָפּגעדרוקט אין „צוקונפט", האָט דעם נאָמען געביטן. קולבאַק האָט מיר געוויזן דעם באַגייסטערטן בריוו וואָס ער האָט געקראָגן פון ליעסינען. ליעסין האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די פּאָעמע. אַלע זיינע תלמידים, סיי אין גימנאַזיע און סיי די מער דערוואַקסענע, אין

סעמינאַר, האָבן קולבאַקן, ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, שטאַרק ליב געהאַט, געווען אים דאַנקבאַר. און יענע יידישע יוגנטלעכע האָבן זיך געקענט צובינדן צו אַ מענטשן. מע האָט זיינע לידער געקענט אויסווייניק. מע האָט זיי רעציטירט גייענדיק אין גאַס, מע האָט זיך פאַרמאָסטן ווער עס קען מער, מ'האָט צוגעטראַכט ניגונים און זיי געזונגען. עס איז נישט געווען מעגלעך אַ קינדערשע פאַרוויילונג אָן קולבאַקס אַ פּאָעמע. אין זיינע לעקציעס אין סעמינאַר פלעגט קולבאַק באַהאַנדלען די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, אַלע שרייבער. איינעם פלעגט ער אָבער תמיד דורכלאָזן — קולבאַקן. ער איז נישט געווען אַזוי פאַרבאַהאַלטן ווי דער נסתר, ער האָט אָבער אויך נישט אָנגעטאָן זיך קיין שליפעס: היט זיך, איך בין אַ דיכטער! אויף אַלע ווענדונגען פון די תלמידים ער זאָל ווען עס איז ריידן וועגן זיין אייגענעם שרייבן, האָט ער מיט זיין שטענדיקן קלוגן שמייכל געענטפערט, אַז ער קען נישט אַזאַ שרייבער.

געווען אין אים אַ שטילע זיכערקייט אין אייגענעם כוח. און באמת, איז ער געווען גאָר אַ גרויסער כוח. אַליין אויסגעבונדן אין דער נייער און אין דער אַלטער יידישער קולטור האָט קולבאַק געקאָנט נעמען טיף און טיפער. ער איז איין מאָל געקומען צו מיר אויף אַ לעקציע פּסיכאָלאָגיע, מען האָט גערעדט וועגן דעטערמיניזם. ער בעט אויך אַ וואָרט, און אַזוי עקספּראָמט געגעבן אַן איבערבליק איבער דער פּראָבלעם פון בחירה חפשית ביים רמב"ם, ווי ער וואָלט זיך אָן אוונט צייט געגרייט צו דעם. דער איבערזעצער פון יידיש אויף העברעאיש, דר. גרינשפּאַן, מיט וועמען מיר זיינען אַ צייט געווען שכנים אין ישראל, פלעגט טענהן אַז קולבאַק איז טיפער און יידישער פון ביאַליקן. והא ראיה, אָט נעמט ביאַליקס פּאָעמע צו אחד העמען און אָט נעמט קולבאַקס, — ווער איז טיפער? זאָגט אַליין. איך האַלט נישט פון מעסטן די גריים פון שרייבערס, איך ברענג עס נאָר כדי צו ווייזן די אמתע קאַטעגאָריע פון דעם דיכטער קולבאַק, וואוהין ער האָט געהערט.

ווען קולבאַק האָט געזאָלט אָפּפאָרן אין אַן אומגליקלעכער שעה קיין רוסלאַנד איז פאָרגעקומען אַ געזעגענונגס-קאָנצערט אין דעם יידישן פאָלקס-טעאַטער, וואָס האָט געהאַט אָרט פאַר טויזנט אַכט הונדערט מענטשן. מען האָט קיין בילעטן נישט געדאַרפט פאַרקויפן. דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט. די גאַס איז געווען געפּראָפּט מיט מענטשן, בלויז רייטער-פּאָליציי האָט געקענט מאַכן אַ וועג דורכצופאָרן. קולבאַק אַליין האָט זיך קוים אַריינ-געקוועטשט אין טעאַטער אַריין. און יוגנט, יוגנט!!! איך געדענק ווי היינט, ווי קולבאַק דעקלאַמירט אויף יענעם אָוונט זיין „שטאָט", וואָס דאַכט זיך אַלע האָבן עס געקענט אויסווייניק: „היי, לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע, — און עס האָבן די גלעקער געקלונגען". אַ שוואַרצער לאָק האָר טאַנצט ביי אים אויפן שטערן, און ער פאַרריכט עס מיט אַ מאַך מיטן קאָפּ . . . מע הערט, דאַכט זיך, ווי דער עולם אָטעמט, ווי עס רייסט זיך אַרויס ביים עולם דער עקסטאַז. נישט געווען קיין געמאַכטע אונטערנעמונג. אַזוי געזעגנט זיך אַ פאָלק מיט זיין באַליבטן דיכטער.

דאָס איז געווען ווילנע, און דאָס איז געווען איר דיכטער קולבאַק.

ביידע האָט מען מיט אַ בייזער רוצחישער האַנט אומגעבראַכט. איין חורבן!

אַ קורצער צייט נאָך קולבאַקס אָנקומען קיין מינסק האָט זיך אין מינסקער „אָקטיאַבער" באַוויזן אַ בריוו אין רעדאַקציע מיט אַן אָנפאַל אויף קולבאַקן: „ער האָט געאַרבעט ווי אַ לערער אין דער ווילנער „יידישיסטישער ישיבה" (געמיינט דעם לערער־סעמינאַר), וואו מען האָט גערודפט קאָמו־ניסטן און מען האָט זיי געצוואונגען דווקא צו נעמען חופה ביי אַ רב".

ס'איז טאַקע אין סעמינאַר געווען אַזאַ פאַל און די מערהייט פון פּעדאַגאָ־גישן ראַט איז טאַקע געווען דערפאַר אַז דאָס פּאָרל מוז חתונה האָבן אָפּיציעל (אין פּוילן איז געווען אוממעגלעך צו קריגן אַ ציווילע חתונה אָן אַ רעלי־גיעזער). קולבאַק האָט טאַקע געשטימט מיט דער מערהייט. גראָד בין איך און דער עלטערער פאַלק האַלפּערין, אַליין אַ פאָטער פון אַ דערוואַקסענער טאָכטער, געווען אין דער מינדערהייט.

מינסק אָבער האָט באַדאַרפט אַן אַנדער „אמת". אין אַ חודש אַרום איז געקומען קולבאַקס ענטפער: עס איז טאַקע אמת אַז אין סעמינאַר פלעגט מען רודפן קאָמוניסטן, אָבער אין אַלץ איז געווען שולדיק גאָלאָמב, ער, קולבאַק, פלעגט זיך שטענדיק איינשטעלן פאַר די קאָמוניסטישע תלמידים... לכתחילה האָט מיך דער ענטפער קולבאַקס שטאַרק אויפגעבראַכט. איך האָב אפילו געוואָלט אָפּלייקענען זיין באַהויפּטונג, באַשר זלמן רייזען האָט מיט כעס צעריסן מיין ענטפער. און געבענטשט זאָל זיין זיין אָנדענק דערפאַר: וויפל דער שטאָלצער קולבאַק האָט עס זיכער איבערגעליטן ווען ער האָט געדאַרפט אָנשרייבן דעם ליגן! אין אַ צייט אַרום איז פון זיין פרוי, פון זעלדע קולבאַק, אָנגעקומען אַ בריוו צו אירע עלטערן, אַז „פון משהן האָט זי גרוסן" . . . מע האָט שוין גוט געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט. דער אומגליק איז שוין געשען.

מיט יאָרן אַרום, ווען פעפער און מיכאָעלס זיינען געווען אין אַמעריקע, האָב איך אין וויניפּעגער „דאָס יידישע וואָרט" אָפּגעדרוקט אַ בריוו און געפרעגט: וואו איז קולבאַק? דערויף האָט מיר אַ קאָמוניסטישער קולטור־טוער געענטפערט אין צייטונג, אַז איך בין . . . נישט בעסער פון געבעלסן. מילא, ווען די מעקסיקאַנער יידישע קאָמוניסטן זיינען געווען גאָר פריינטלעך מיט דעם אַמבאַסאַדאָר קאָנסטאַנטין אומאַנסקי, האָב איך איין מאָל זיי פאַרגעלייגט זיי זאָלן מיט זיין הילף קלאָר מאַכן וואָס עס איז געוואָרן מיט קולבאַקן. נו, האָבן זיי זיך שפּעטער גאָר ריכטיק זיך אָפּגערעכנט מיט מיר. נאָר איין גליק, וואָס מען האָט מיך נישט געקאָנט שטעלן „צום ווענטל", אָדער אָוועקשיקן צו אַל די רוחות ווי זיי האָבן אָוועקגעשיקט אַלע יידישע שרייבער. . . .

דוד האָפּשטיין

לידער

פון בוך „געקליבענע לידער", (צענטראַלער פאַרלאַג, כאַרקאָוו, 1931)

שנייען

גערדיכטער! גערדיכטער פאַלט, שנייען!
איילט גיכער פאַרדעקן
די פלעקן
פון בלוטיקע ווייען
מיט דעקן פון טויט....
איילט, שנייען, אַלצדינג צו פאַרגלייכן,
איילט אַלץ צו פאַרבייטן:
די בלייערנע ווייטן,
די וויסטיקע שליאַכן,
פאַרחושכט פון קויט....
און איידער דער מענטש וועט דערוועגן
זיך דורכשניידן וועגן
אין לויטערן שוים —
פאַרבלענדט אים מיט לויטערער ריינקייט,
פאַרבלענדט אים מיט אייביקער שיינקייט
און לייטערט אים אויס....
גערדיכטער!
גערדיכטער פאַלט, שנייען!
פאַרדעקט אים, דעם ערדישן קויט....
אויף קאַלטע אויף שנייאיקע דעקן
צו היים זיינען מענטשלעכע ווייען,
צו רויט זיינען בלוטיקע פלעקן,
צו רויט!

היימקער

ס'איז דורך אַ זונענגאַנג:
אַ זומער און אַ ווינטער און אַ פרילינג און אַ האַרבסט,
און ווידער, ווידער פלייצט אויף מיר דיין גרויע גרויסקייט,
און ווידער פול מיט מיטלייד און מיט מיטפרייד איז מיין האַרץ.

ערגעץ ווייט פארגייען זיי, די ווייען, די פארדראָסן,
פארשעמטע, טיף פארנויגן זיך די אוראַלטע פארלאַנגען,
און אַ קלאָרע ליכטיקייט איז אויסגעגאָסן
איבער אַלע, איבער דיינע ווירבלענדיקע דראַנגען....
אַ קול אַ שטרענגער מונטערט ווידער:
איינמאָל, איינמאָל פאַלט אוים אַזאַ אַצינד,
כדאי איז וועגן דעם צו קריצן לידער
פאַר קינדערס קינדס קינד.
כדאי זיך אָנקניפּן אין יעדן פּיצל שטריקל,
וואָס באַמבלט זיך אויף דיין פארשווייסטן שפּאַן,
אין יעדן קנאַל פון בייטש דערזען אַ פּאָך פון פליגל:
פאַראַן נאָך פרייד, פאַראַן!

**
*

ס'איז הארבסט. אַ זיי־געזונט — אַ קלאָרער טאָג....
ווי יעדער בוים, ווי יעדער וואַנדער־פויגל, פילט דאָס לייב
דעם ווי פון מינערונג, דעם ווי פון לעצטן טרייב,
נאָר אויך די גרויסע פרייד פון מענטש, וואָס אַלץ פארמאָגט.
פון מענטש פון דרייסטן לאַנד — דעם איינציקן אויף ערדן,
וואו יעדער פּיין ווערט טויזנטמאָל באַרעכטיקט,
וואו זים איז זייען ברויט און שלייפן שווערדן,
וואו אומעט טאָגט נישט דאָרטן וואו ער נעכטיקט.
אָ, ניין, כ'האָב נישט פארלאָרן זי, די פרייד די טיפע,
די פרייד פון ערשטן זיין, די פרייד פון זיין אַליין.
פון לייב די פרייד, די פרייד פון בלוט, וואָס אין מיר טריפט,
די פרייד פון אייגענעם געביין.
נאָר כ'האָב פארמערט פילפאַכיק אָט די פרייד,
כ'האָב פריידן טויזנטער דערמיט געוואונען,
וואָס כ'בין פארקניפּט צום גאַנצן לעבן־שפּאַן, וואָס גייט,
און כ'קאָן אַזויפיל טריט, דעם גאַנצן גאַנג באַזינען.

**
*

דער האר פון גרויסן לאַנד, —
ער מעג עס און ער קען עס:
דער אויסוואַל פון קרבנות —
ביי אים אַליין אין האַנט.
נישט זין, נאָר בני־יחידים
דאָ פאַר קרבנות טויגן.
און לאָמיר רייען שמידן,
און שטרענג און שטיל זיך נויגן.

און אויפהייבן די האַנט.
און טרייהייט מוטיק שווערן —
דעם האַר פון גרויסן לאַנד
צו פאָלגן, צו געהערן....

1926

מיין גאָב

1

מיין גאָב, מיין דיכטערישע גאָב,
מיין שווער געשאַנק!
ווי שווער איז דיך צו גרייפן,
ווי שווער איז דיך צו האַלטן און צו טראָגן,
אַך, ווי שווער!
צי בין איך נישט דער יעגער
פון יענעם אומגליקלעכן פאַנג,
ווען ס'איז נישט קלאָר געווען — ווועמען ווער:
דער בער דעם יעגער אָדער גאָר פאַרקערט:
דעם יעגער האָט דער בער.
איך זוך, איך לאָקער און איך נישטער,
איך בענק, איך לעכץ, כ'גיי אויס נאָך דיר,
און דו? — דו ביסט אין מיר און האַלטסט מיך שטום,
און פּלוצים:
ווען אַלץ ארום מיך צווינגט פאַרגעסן,
ווען כ'וויל פון ליכטקייט אויף דער וועלט געניסן,
ווען כ'וויל ווי אַלע האָבן און פאַרמאָגן
דאָס ניכטערע, דאָס נייטיק ביסל וויסן,
דאַן קומסטו פּלוצים אָן,
ברויזט אויף מיט פלאַמען דורך נעפּל
מיט לויכטנדיקן רויך,
און מיין באַוואוסטזיין ווערט פאַרפלייצט
פון שוימנדיקן פייער;
פון גומען,
פון די ליפּן שווימען הייסע רייד,
מיין אויער הערט זיי קוים.
ער פורעמט הייסערהייט אין רייען שטאָלענע
געקייטלטע געשרייען
און טיפע בענקשאַפט טרעט ארויס
דורך בלויען גלאַנץ פון שטאָל,
און קרעפטן פעסט געבונדענע

אומזיסט זיך רייסן
דורך דעם קלונג פון אייזן,
און ס'ווערט געקייטלט און געשמידט
אַט דאָס, וואָס הייסט דאָ „ליד".

2

וואָס דאַרף איך זי, מיין שיינע גאָב,
אַז איך בין איר אַוועקגעגעבן?
זי צערט מיין קערפּער, ווי אַ ראָב,
און פון מיין טויט זי שעפּט זיך לעבן.
וואָס דאַרף איך זי, די שיינע קראַפט,
אַז כ'קען זי זעלטן נאָר באַצווינגען?
און ווען זי וויל, זי קומט און שאַפט
און מיינע ביינער ריידן, זינגען.
ווען ס'איז דער קאָפּ אין יאָך גענויגט —
אין שווערע שורות לייכטקייט שפּרייטן!
און וואוילקלאַנג וועגן אויפן לויט,
ווען רעש מיר שפּאַלט די אויער־הויטן!
וואָס דאַרף איך שאַרפן יעדן קאַנט,
וואָס דאַרף איך איצט די ווערטער מעסטן,
ווען ס'ברעכט די האַנט די פעסט פאַרפּרעסטע
צעשפּרייזטע פענעס נאָכאַנאַנד?

3

אין דיין זעל,
אין דיין זעל,
פון געהיים,
פון טיל־טעל
מיט ווייסקייט פון וואַנט,
מיט בלאַסקייט פון ליים
קוקט אַרויס נאָך אַ ווינקל,
וואָס ווינקט און דערמאָנט
אין אַ הויז,
אין אַ היים.
ציט אַ שאַר טאָן
אין אַש,
ציט אַ זוך טאָן
אַ שוועל
אין אַן אייגענער זעל,

ציט אַ שטעק טאָן אַ האַנט
צו דעם שאָטן, וואָס שלייכט דורך אויף גיך
צווישן קויל פון טיל־טעל,
צו דעם שאָטן פון אייגענעם איך,
וואָס גערדרייט אין אַ קנוילכן
באַוואוינט אָט דעם ווינקל פון וואַנט
אויף טיל־טעל
פון דיין אייגענער זעל.

4

איך בין מיט זיי געוואַקסן,
געלעבט מיט זיי
אין וויי, אין האַס,
אין גרויסע פריידן....
זאָל זיין פאַרשיידענע —
דאָך יעדער,
דאָך ביידע.
און איך, ווי זיי —
רעדער
אויף איינער
אַ גרויסער אַקס,
געהעפט, געטריבן
דורך איינעם אַ מעכטיקן
אַ ברייטן פּאַס,
אין איין געביין
געבונדן
מיט האַרט געשניצטע
ציין....
און איצט
בין איך
אין לעבן
אַליין
געבליבן....

עס ברענט דער לאָמפּ.
דאָרט הינטער טיר און טויער
די שטאָט אין טומל הויערט.
ס'איז צופיל שטיל געוואָרן
אין מיין ווינקל,
אַ שאָטן־דאָרן

וואקסט דאָרט אין דער טונקל....
אָט איז זי דאָ,
די בייזע שעה.
אָט איז זי ווידער,
און בינדט
און גליווערט מיר די גלידער....
מיך ווארגט,
מיך שטיקט
א י ע נ ע מ ס ש ט ר י ק....
איך ווער אין גליווער ווי דערוואָרגן,
נאָר אָט א שטים
און ס׳עקבערן צוויי ווערטער:
ד ע ר . . . נ ע כ ט ן . . .

רויך . . .
דאמף . . .
א קויל;
מיך ווארפט
אין גרויל
אין לעצטן קראמף.
און ווידער שטיל....
אויף דער טויטער וואנט דער בלייכער
פון די שאָטנס אין די ווינקלען
פונעם גאנצן טונקל,
וואָס געווען איז דאָ פארבאָרגן,
וואקסט א צייכן,
וואקסט א פראגע,
און צו מיר זיך קערט:
מ אָ ר ג ן ?
ו ו ע ר ?...

5

ניין, ניין, ניין.
איך בין נישט אליין.
איך בין דאָ מיט אלע
פעסט געבונדן —
ס׳איז א בייזע שעה
אָנגעשוואומען און פארשוואונדן.
כ׳וויים שוין לאנג נישט,
וואָס איז דאָס באזונדער.

מײן „אַלײן"
קאָן פֿאַר זיך באַשטײן,
מײן „אַלײן"
הײסט —
אין פֿאַרלעגנהײט
אַ רגע
שטײן.
זאָלן גײן פֿאַרבײ, פֿאַרבײ,
די װאָס אײלן,
די װאָס מײַדן
מיט אַ קורצן אָטעם.
כ'שטײ אַ רגע,
כ'דאַרף דעם װעג נישט פֿרעגן —
דאָ פֿון אונטן
כ'בין פֿאַרבונדן
מיט אַ פֿעסטן פֿאָדים,
װאָס מיך פֿירט
אין אַלע לאַבירינטן.
קײן לאַמטערנדלעך
איך דאַרף נישט צינדן:
פֿון הױך
מיר לױכט
די ליכט,
װאָס מיליאָנען
האָבן אָנגעצונדן.

לאַנד, מײַן לאַנד,
װאָס מיט דערהױבנקײט
אין צוקונפֿט שפּרײזט!
כ'באַפֿעל מײן גײסט,
מײן ליב,
מײן זעל
בײ דיר אין האַנט.
מײן טאָג,
מײן נאַכט,
מײן טרױער
און מײן פֿרײד —
פֿאַרטרױ איך דיר,
איך בין קײנמאָל נישט אַלײן
אױף דײן באַנײטן פּלאַן.

און אַלע מײַנע װעלטן
שלים איך אײַן
אין דײַן צעברױװזטער שײַן.
דו האָסט צו שאַפֿן
אױף שװערער מי
אױף מײַנער,
װאָס װײַזט זיך פֿאַר דער װעלט
אין פֿליגלדיקן שפּילעװדיקן שאַפֿן.
און ביז דו האָסט אַלײן
דעם פּאָדעם מײַנעם נישט פֿאַרניטן,
בין איך מיט אַלע דאָ
אױף אָט דער גרױסער ברײט,
װאו אומעטום איז מיט
און אומעטום — א י נ מ י ט ן,
װאו יעדער מי איז שײַן,
װאו יעדער מי פֿון הײַנט
מיט חן פֿון מאָרגן איז באַשײַנט.
לאַנד, מײַן לאַנד,
װאָס מיט דערהױבנקײט
אין צוקונפֿט שפּרײַזט.
כ׳באַפֿעל
מײַן גײַסט,
מײַן לײַב, מײַן זעל
בײַ דיר אין האַנט!

14 אַפּריל, 1930

צווייטע טייל

יעקב גלאַנץ

נסיון

פּאָעמע אין פיר געזאַנגען

מה תשתוחחי נפשי ותהמי עלי . . .
(תהלים מ"ב, ז.)

פּרעליודיע

א בוים בין איך —
ארויסגעוואקסן פון מיין באָדן.
און דו — א צווייגל ביסט,
וואָס ווינט האָט מיר צעבראָכן.
ביסט געווען פאַר מיר דער טייערסטער פּקדון,
דאָס שענסטע ליד פון מיין בטחון.
א בוים אָן שלאָף בין איך;
א בוים מיט לערע נעסטן.
א וויינענדיקער בוים אין אָונט־ווינט געבויגן.
ציינערדיקער טרויער עסט אים:
די פייגעלעך, וואו זיינען זיי פארפלויגן?
און כאָטש א בוים בין איך
אין שטורעמדיקן וועטער,
פלאָטערט איטלעך צווייגל מיט
די פיבערן פון שפּעטער.
נישט געווען נאָך אזא בוים
וואָס שטורעם האָט ארויסגעריסן,
ווען זאט מיט שווארצערד איז
זיין וואָרצלדיקער שטאָם.
זעטיק מיך מיט טרויער אָן,
פארוואונדיקטער געוויסן,
ביז לעצטן טראָפּן טרינק דעם גורלדיקן סם.
א בוים בין איך —
אָן עלטער בוים פון בליצן אָנגעצונדן.
און ברענט מיין הארץ
מיט בליענדיקע וואונדן.
דו ברעכסט מיך, גאָט,
דו בויגסט מיך איין,
און טרינקסט מיך אין בזיון.

גע‏האָרכזאַם ווי אַ קנעכט,
וויפל ס'איז באַשערט,
וועל איך טראָגן דיין נסיון.
דו מאָנסט מיך, גאָט, דו מאָנסט —
דערמאָנסט מיר דיינע עולן.
וועל איך בלייבן אַ בעל־חוב —
און וועל דיר נישט באַצאָלן?

ערשט געזאַנג

צום פעלדזן דיינעם שווים איך,
פונעם שיפברוך פון מיין גלויבן.
און איך בעט דיך דערימעך:
העלף מיר דערהויבן
מיין שיף וואָס צעבראָכן,
מיין שיף וואָס אין זאַמדן.
ביים באָרט פון בטחון,
לאָז מיך נאָך לאַנדן.
דען איך האָב באַווײנט מיין הארצנס פקדון;
מיין אינגעווייד בענקט
און גאַרט דיינע גנאָדן.

**

אין דממה־דקה פון די ווענט פיר,
אויסגעשטומטער רעיון
פון מיין פרעגן אָן אַן ענטפער.
אין זיך אַליין מעיין
אין דער פינצטערניש פאַרפירטער.
דען אַליין בין איך דער ריכטער,
און אַליין דער עדות
פונעם בלוטגעשריי פון מיינע טאַטן.
נישט פאַרירשנט, נישט דערפאַרן
שטומע שטאַמיקייט פון טאַטן
און נישט די גזע־גזרן
פון די זיידעס —
אַלטע סטאָאיקער.
איך בין דער וואַקסנדיקער הויקער
פון די שטאַלטנע שטייפע אבות
אין זייער גאַנג פאַרעקשנטן צו לעתיד־לבואס;
נישט איבערגענומען זייער מסורה. —
איך בין איינגעטונקט אין מורא
פאַרן מרחק, —

אין שרעק פאַר דויערדיקן גיין.
און איך בין ברעכיק,
קליינמוטיק.
וויין —
און בלוטיק.

*

וואַרט אין געטלעכן אָפּשטאָם
פרייזן וועל איך דעם גייסט
וואָס צערייסן קען — און צערייסט
נישט גורלס טונקעלע געוועבן.
נאָר דו, מיין האַר,
דו לאָזט מיך לעבן
אין אַ ים
פון אָפּגרונטן אָן שטערן.
אַ דאַנק דיר כאָטש דערפאַר
וואָס שענקסט דאָס ביסל ליכט
דעם קוואַל פון מיינע טרערן.
דו האָסט מיך פאַרלאָזן.
און איך בין גלייך צום אָפּגעברענטן גראָז
וואָס דער ווינט טוט צעבלאָזן.
נישטאָ די האַנט וואָס זאָל נעמען צוזאַמען
דאָס אַש פון פאַרנאַכטיקע פלאַמען.

איך אַליין נאָר אָפּגענאַרטער
זוך נאָך פונקען
אין די אויסגעברענטע קוילן.
און איך וואַרט —
די זון וואָס פאַרזונקען
זאָל קומען מיך היילן.
פון פאַרגאַנגענהייט־הײלן
דעמער־געשטאַלטן זיך שיילן
דערמאָנונגען אויס. —
דערמאָנונגען שאַרע
זיך שאַרען פאַרביי מיך געשווינד.
ווי זונשיין דורך כמאַרע
אין בלענדיקן בלאָנד נאָך — איך זע מיך אַ קינד.
גרינזומערדיקער וואַלד. און
אין זונבאַגער פאַרנאַכטיקן ער ברענט.
פייגלשער טרילן און אָפּשאַל פון גוואַלדן

הייבן זיך, פֿאַלן
און ווערן פֿאַרפֿאַלן
אין בלויער אומענד.
פֿאַרנאַכטנגאָלד
באַגילדט די בלעטער.
דער אָוונט ראָלט
אויף הויכע רעדער.
ביימער שלאַנק, מיט דינע הענט.
יעדער בוים — אַדאָלאָסצענט.
בלעטער ריידן, קוים מע הערט.
אַ רייטער פֿליט אויף רויטן פֿערד.
ווי אויף שאַרף פֿון אַ שווערט
טראָגט אַוועק דעם קאָפּ
פֿון זון אין גאַלאָפּ.
צויבער־שיין פֿון דעמער־פֿאַל.
אין וויינרויט גליט מיין מאַמעס שאַל
וואָס טוליעט זי אַ קראַנקע.
בלייבן בלייבן נאָך די שייבלעך צאַנקען
פֿון מיין היים אין זונגעבראַנד.
און ביימלעך טשאַכלע ביי דער וואַנט
ברעכן זיך די פֿינגער דאַרע,
און ווי זיי וואָלטן זאָגן :
— אַ שאָד, אַ שאָד,
וואָס דער רייטער האָט זיי נישט אַוועקגעטראָגן.

אין פֿוסטרירט גיי איך פֿון דער נאַכט.
קינדהייט־שטערנדיקער טאָל. —
פֿונסניי דעם רייטער אויסגעדאַכט.
פֿליט דער רייטער פֿון אַמאָל
אויף זיין פֿליגלדיקן פֿערד. פֿליט און פֿליט
אין ווייטן אָפּהילך פֿון מיין ליד.

***

פֿון גרונט פֿון שטילקייט אַ נישט היגער
פֿויגל זינגט — אַ פּייל אין שטח.
די נאַכט וויגט לידיקע וויגן
אויפֿן שטערנדיקן טעפּיך.
נאָר ווער ס׳קען הערן הערט
אין דעם פֿלאַטערן פֿון פֿליגל
ווי עס זינגט די גאָרע ערד

אין די רינגען פונעם ניגון.
ניגון וועקט פון דרעמל וועזנס,
אָטעמט־אויף די טויטע גראָזן.
און ווער אין אומעט איז געוועזן
טיף פאַרזונקען און פאַרלאָזן —
עפנט אויף די אויגן מידע,
קלאָרסטע ווייט דערבליקט אין נעבל.
און אין ניגונדיקן ציטער
פלאַטערט אויף די בלוט פון לעבן.
און דער פויגל דער נישט היגער
טוט די נאַכט אויף פליגל טראָגן.
און ס'טרעפט די פייל פון שאַרפן ניגון
אין די פאַלבן פון פאַרטאָגן.

***

פריפרימאָרגנדיקער זוימען
אויפגעגאַנגען און צעבליט.
צאַרטע ציטערדיקע שעהן
פון מיין טרויעריקן ליד.
אייך האָבן טלאָען נישט צעטראָטן,
געוויטערס נישט פאַרשאָטן.
ווער וועט קומען אייך באַוואונדערן,
זוימען אויפגעבליטע!
נישט דער בלויער וואַנדערער,
נישט דער גרויער היטער.
און איך בין עס דער גערטנער
וואָס האָט געזייט די זוימען.
פרימאָרגן איז פאַרגאַנגען —
גרינער רויך פון קוימען.
פרימאָרגן מיינער ווייטער,
מיין ליד וואָס נישט דערזונגען
אינעם נאָכקלאַנג פונעם רייטער
אין ווייטסטער ווייט פאַרקלונגען.

צווייט געזאַנג

— דו שלאָפסט ? נו, שלאָף, שלאָף איין. —
לבנה גיסט איבער איר זילבערנעם וויין
אין קרוגן פון רו. —

פליגל פון חלום, דינער פון זייד,
דעקן דיך צו. —
כ'וויג און פאַרוויג דיך אויף קני פון דער צייט.
נעכטן ערשט דיין שלאָף געהיט
און געזונגען דיר אַ ליד.
אַ ליד פון ווייט,
אַ ליד פון נאָנט.
אַ רייטער פליט פון יענער זייט פון האָריזאָנט.
צווישן נאַכט און אָנהייב טאָגן. אַ רייטער יאָגט
און בשורות ברענגט. — איך וואַרט. —
(איך וויג דיך נאָך אויף קני פון צייט)
נאָר צייט האָט אָפּגענאַרט. —

נו, איך האָב געמיינט —
עס וויינט אַ קינד איז וואָס?
(אַ קינד איז עס נישט מער)
באַהאַלט דעם פּערל פון זיין טרער
און זינג! —
רוען דאַרף דיין איטלעך גליד, מיין קינד,
רו אָפּ!
וויג איך דיך אין וויג
און וויג דיין קינדהייט איין צוריק.
און איך זינג דאָס אַלטע ליד
פון לבנהדיקן שיין. —
שאַ און שטיל. דו שלאָפסט? שלאָף איין!
שלאָפן שלאָפט שוין אויך די גריל.
די לבנה פון אַמאָל
שלאָפט שוין אויך אין הימל־טאָל.

און ס'וויינט נישט מער דאָס קינד אין נאַכט.
עס בילן הינט. און ס'וואַכט מיין האַרץ
און פילט־פאַר שרעק. —
אַ שלאַנג פון פינצטערניש — אַ וועג,
ווי פון היילן קריכט אַרויס, און פירט אוועק
דאָס קינד. איך בלייב אַליין. —
און וואָלקנס מערן זיך. ס'וועט רעגענען.
וואו זאָל איך גיין מיין קינד באַגעגענען? —

*
**

אויף שפּיצפינגער גיי איך אום
אין שטילקייטן פון טרויער.

איך זוך דיך. נאָר כ׳טרעף אומעטום
אַ פאַררינגלטן טויער.
— זוך זי נישט, זוך נישט. —
בינדט צו דיין צונג
צו דעם גומען
און פלוך נישט; פלוך נישט
דאָס קינד ווען ס׳איז יונג —
עס וועט קומען.

**

נישטאָ מיין קינד. די שטילקייט רעדט
וואָס זי האָט אויסגעשוויגן. —
אַ שטערן ליינט זיך אין איר בעט
נאָך האַלבער נאַכט. נו, זאָל ער ליגן.
ער וועט נישט שטערן מער איר שלאָפן.
זי איז נישטאָ; די פענצטער אָפן.
אַ שפּעטער גייער, קריכט דער ווייזער
אויף און אָפּ. איך קען זיין גאַנג שוין.
נישט אַריבער וועט זיין קרייז ער. —
און איך וואַרט און איך בין קראַנק שוין.
וואָסזשע וועט דערפון אַלץ ווערן,
אַז אָט גייט אויף דער מאָרגנשטערן.
און פון אַ בילד דאָ פון אַן אַלטן
אַ דאַרער שאָטן קריכט אַרונטער
און באַהאַלט זיך אין די שפּאַלטן
פון די ווענט. — דער שאָטן פון מיין מוטער.
באַוועגט דאָס בילד זיך אין דער ראַמע.
וואָסזשע וויל פון מיר מיין מאַמע? —
די מאַמע ווייסט איך וואַרט און וואַך דאָ,
און אַז מיין קינד איז מיר פאַרגאַנגען.
ביים סאַמע שאַרף פון שפּעטער נאַכט דאָ
איז זי פון בילד אַראָפּגעגאַנגען. —
אָ, מיין מאַמע ווייסט מיין בענקען
און זי וועט מיין קינד מיר ברענגען.

**

מיט אויפגעוועקטער אויפגעהייטערטקייט
פלעגן זינגען דיינע פינגער אויף קלאַווישן.
היינט ווייגט די פרייד אַ קאַלט־דערווייטערטע
אויף דיין איינזאַמען פאַרלאָזטן קישן.

די עבאָס ווייכע פון עלעגישן שאָפּענען
מיט איכה־קלאָג באַווײנען מײנע בראָכן. —
וואו איז דער טעפּער זאָל פאַרהײלן קענען
קראַנקן קרוג? — אַ קרוג וואָס איז צעבראָכן.

**

די צייט, אַ היילערן אַ זקנה,
רעדט מיט מילדקייט פון אַ מאַמען:
— וואָס וועט העלפן, קינד, דיין וויינען, —
וואַרט! זי וועט נישט פאַרזאַמען. —
זי שלאָפט אוודאי ערגעץ־וואו
ווי אַ שלאָפערן אין וואַלד דאָרט;
טאָ זאָל איר זיס זיין פריד און רו.
— נאָר ס׳איז מסתמא קאַלט דאָרט?
— עס דאַרף אין וואַלד אַ שטיבל זיין!
— אוודאי איז דאָרט אַ שטוב פאַראַנען.
נאָר ס׳קומט דאָרט קיינער נישט אַריין;
ס׳זיינען צו דאָרט אַלע טירן
און דאָס שליסל איז פאַרוואָרפן. —
— טאָ ווער זשע וועט אַהין זי פירן
און זי אויפוועקן פון שלאָפן? —

— שלאָף מיין קינד, איך וועל דיך היטן,
פון בייזע חיות, בייזע צינגער. —
ס׳האָט אַ וואונד מיין האַרץ געשניטן,
נאָר דער ווייטיק איז שוין לינדער.
וואָרן זע גאָר זע דיין יונגער שטערן
איז צו דיר אַוועקגעפלויגן! —
ס׳האָט גאָט געמוזט מיין האַרץ דערהערן
און אויפגעעפנט מיינע אויגן. —
און איך זע אין קלאָר פון וויטן,
אינעם אויפליכט פון די ספערן, —
אויף אַ וואָלקנדל צו רייטן
קומט דיין בלויער גוטער שטערן.
ער האָט דיך אין וואַלד געפונען,
אינעם שלאָף דיינעם דעם זיסן.
געזען דיין פּנים — זיבן זונען —
און ער גיט דאָס מיר צו וויסן.
כ׳זאָל נישט אויסגיין דאָ חלילה
אין מיין בענקען ביז דיין קומען.

און דער חלום זאָל פאַרשטילן
ס'האַרץ פון לעכצעניש און אומעט.
נאָר דער חלום איז פאַרשוואונדן
אין טיף פון נאַכט, פאַרטריפט מיט שרעקן;
און אויף דעם בלויען הימל רונדן
זונגעשטאַלט גייט אויף אין פלעקן.

**

— דאָס וואָס די צייט אין ליבשאַפט דערציילט דיר,
קאָן איך דערציילן אין כישוף דער ווינט. —
און אויב אַזאַ מעשהלע היילט דיך,
אַ סימן דו ביסט נאָך אַ קינד. —
מיושב אַזוי האָט גערעדט די דערפאַרונג. —
דערפאַרונג אין זיידע־געשטאַלט.
— אויב ס'קאָן נאָך ווער לעבן אין נאַרונג,
ווערט נאַרונג נישט מאַכן אים אַלט.
די צייט פאַרגייט אין נעבל.
און איך גיי מיט, גיי מיט. —
אָן מעשהלעך איז שווער צו לעבן,
שווערער נאָך אָן ליד.

דריט געזאַנג

אַ ליד געזונגען דיר פון רייטער. —
קינדהייט־זעאונג מיך פאַרפאָלגט.
דער אָוונט־ בראַנד האָט נאָך געשייטערט
איבער גייערס פונעם טאָל,
וואו געוואַנדערט האָט מיין פאָלק.
און דער רייטער איבער פלוינען
אויף זיין שוימענדיקן פערד
האָט געטראָגן אין די רוימען
רויטן אָפּשיין פון דער ערד —
פון דער זון וואָס איז פאַרגאַנגען.
אויפן שפּינוועבס צווישן ווענט
איז מיין קינדהייט שוין געהאַנגען
פונעם אונטערגאַנג פאַרברענט.

אוי די טריט פון אָוונט־רייטער
פון מיין בלוטנדיקער ערד דאָרט!

דורכגעהילכט און דורכגעשייטערט
אין מיין ליד וואָס דיך געצערטלט
אין די נעכט דאָ פון נישט שלאָפן.
ליד פון לויף אין ווייטסטע שטרעקן,
ליד פון נאַכט און וויסטע שטרעקן
וואָס פאַרוואַנדלט כ'האָב אין האָפן.

היינט בליפעט אין מיר אַ געוויין,
אַ קוואַל נישט אויפגעשטאָפּטער.
ווי אַ שטראָם אונטער אַ שטיין
ריזלט ער און גראָבט ער.
ער קומט פון ווייטע בערג,
פון דורותדיקע טייכן.
עס ווײנט אין מיר גאָטס ווערק
וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן.

***

איך בין אין גאַס געגאַנגען
און געפרעגט זיך אויף דיין נאָמען.
דורכגייער לאַכן פון מיר: —
אַ ווינט זיך פרעגט אויף זאָמען.
וואָס זאָל איך זאָגן דורכגייער ?
פאַרשעמט בין איך, פאַרוואָגלט.
געהאַט אַ דימענט־רינגעלע,
האָט דער ווינט פאַרטראָגן.
אַ דימענט אין די מיסטן,
ווער וועט אים געפינען ? —
כ'ווער פרייליכער אומיסטן,
נאָר די טרערן רינען.
מיינען דורכגייער :
געווירט בין איך פון זינען.

***

כ'פיל דעם עלנט פון די שטיינער,
ווען דורכגייער זיי טרעטן. —
כ'וואָלט געפאַלן אויף די קני
און מחילה ביי זיי בעטן :

— שטיינער עלנטע און ברודיק
אין די ברוקן איינגעמויערט;
ווי פיל איך אייער ווייטיק,
ווי פיל איך אייער טרויער!
און איך בין עלנט,
עלנט ווי א שטיין!
כ'ווייס נישט וואו דיך זוכן,
ווייס נישט וואו צו גיין.
אוועקגעפאלן אין דער נאכט —
א בוים אַן צווייגן. —
די שטאָט איז איינגעשלאָפן,
נאָר געשרייען שטייגן.
און מיר דאכט,
אז איך בין נישט א י ד,
וואָס איז מיט מיר אַצינדער. —
אָ, נעם מיך, דורכגייער, און פיר.
איך בין א בלינדער.

*****

בלינד אין מיין קליינגלויביקייט,
א שטומער און באזיגט. —
זיך אליין אוממאכטיקן
אויף מיין געלעגער נאכטיקן
רחמנותדיק איך וויג.
דורך דורכזיכטיקער שוויביקייט
ווייס אַזוי און כלהדיק
לבנהדיקער בליק.

ס'טויבט מיר אין די אויערן
די שטילקייט פון מינוט. —
טרויער — נאכטיק לויערער —
ער צינדט מיר אַן דאָס בלוט.
איך שטארק מיך אין אוממאכטיקייט —
אוממאכטיקייט איז בלינד. —
כ'וואָלט געלאָפן זוכן דיך,
געלאָפן מיטן ווינט. — —

— זוך דיין קינד נישט אויסער זיך
און פרעג נישט וואו זי איז: —
דיין אָטעם אין איר אומרו איז;
דיין אומרו איר געביין —
און דיין שיקזאַל טראָגט זי;
אַנטלויפט פון זיך אַליין
און זיך אַליין דעריאָגט זי
אין גורל־לאַבירינט —
פון ליכט פון אייגן בלינד.

רופט אַ קול אַ וואַסערדיקס,
רופט אַ קול מבשרדיק —
רופט און ווערט צערינט. — —
און ס'ווערט דאָס קול נישט איינגעשטילט
אין כוואַליעקן נאָכקלאַנג צעציטערט.
אַ פידל דאָס האַרץ איז און שפּילט
פון פינגער פון וויטיק באַרירט
און וויברירט
פון נשמה־געוויטערס.
און ס'טוט דאָס קול אין מיר רייסן,
דאָס קול פון אומזיכטיקן גאַסט.
און אין אייזנרייפן
קלאַמערט מיך די לאַסט.
די לאַסט פון נישט גליייבן און וואַרטן
אַז קומען מוז קומען דער נס.
אָ, האַרץ מיינס אין פּרואוו אָפּגעגאַרטע,
דו ברעכסט זיך ווי אַ קרוכיק געפעס.
עס וויסט נישט דעם וועג פון מחשבה —
אַ האַרץ איז אַן אייביקער נאַר. —
ברומט אין דער נאַכט ווי אַ סאָווע,
זינגט ווי אַ נאַכטיגאַל צאַרט.
קלאָגט זיך און בויגט זיך און וואַרט.

**

אַלץ וואָס פאַרהילונג איז — צעפאַלט.
וויינען טוט וויינען די זעל אַן אַנטבלויזטע.
פון לייבן־הייל פון דיין באַהאַלט,
מיין קינד, אַנטלויפסטו.

און דיין אויג — אַ לייכטנדיקער צייכן
פון טיפסטע טונקלקייטן שטראַלט אַרויס.
און פאַר דיין קומען אַלע שאָטנס ווייכן
פאַר מיין הויז.
מיט טריט פאַמעלעכע
דו קומסט צוריק.
און פון וועלעכל — אַ וועל.
שטילע שורשנדיקע טריט דיינע איך שפיר ;
נאָר דו עפנסט נישט די טיר. — —

פערט געזאַנג

אויף דינע הויכע זיילן
הענגט די נאַכט — אַ ברוינע.
דו שיקסט מיר דיינע פיילן,
דו מיינסט איך בין דיין שונא.
נאָר די פיילן פאַלן
איידער נאָך זיי גרייכן.
און איך זע דיך שטראַלן,
און איך זע דיך שמייכלען.
אין שפיגל־שיין פון מיין אַליינקייט
פון אָפּגרונטן פון נאַכט, —
גייט אויף פאַר מיר דיין שיינקייט —
צוויבער־צניעותדיקע פראַכט.
דיין שיינקייט ווי די לופט איז,
מע זעט זי נישט אין ליכט.
ווי זויבער און ווי דופטיק,
דיין זעלישע געזיכט. — —
כ'האָב געזען דיין פנים
אין זעאונג פון מיין פיין.
זיי ווייסן נישט, נאַראָנים,
דעם חסד פון דיין שיין.

**

דיין שיינקייט איז, פאַרהימלטע געשטאַלט.
דיין האַרץ, פון גינגאָלד ריינעם אָן געמיש.
דיין קול, אַ קוואַליקער געשאַל ;
דיין אויג, מיט טויבנצערטלעכקייט דערפרישט.
צערטלעכקייט וואָס אייגן איז אַ קינד

אין לייטערניש פון זינד נאָך נישט באַגאַנגענע.
און ווי עס טראָגט א זוימען־קנויל דער ווינט
נישט ווויסנדיק פאַרוואָס — עול פון דער פאַרגאַנגענהייט
נאָך לאַסטיקט דיך, דורך וויסטע זינד פון סדום
אַדורכגעגליט און אויפגעשיינט מיט מאָרגנטרוים.
פאַרצוקנדיקע ליידנשאַפט אין טיגל פון דיין בלוט
האָט אָפּגעלענקט דיין טראָט פון אַלטן הויקערדיקן גאַנג.
און ווי מע בייט א גאָלדשטיק אויס — פאַרביטן האָסטו דעם מאַרשרוט
דעם אייביקן אויף שמאָלן שטעגעלע פון קינדערשן פאַרלאַנג.
נאָר וויסט א שמעטערלינג אין לויערדיקן ליכט,
אין וואונדערלעכן בלענד פון פייערדיקן עיגול?
אין מיט פון פליטער־פלאַטערן, אַזוי־אָ אומגעריכט
ווי גרעזעלעך אין זון, זיך צינדן זיינע פליגל.

**

א שמעטערל ביסטו פאַרבייגעפלויגן,
נעכטן ערשט, מיר דאַכט. —
דער טאָג האָט זיך פאַרבויגן
דורכן טירל פון פאַרנאַכט.
דער אָוונט האָט זיך שעמעוודיק געררויטלט און געצונדן.
און דו ביסט מיטן אָוונט אָנגעקומען שעמעוודיק ווי ער.
אויף דיין פנים אויפגעליכטענעם און רונדן
האָט געפינקלט, דוכט זיך מיר, א טרער.
די ליפּען דיינע צוגעשלאָסן און די אַפּלען
ווי די אָזיערעס אין רעגן. —
כ'האָב געזען די ברעמען דיינע צאַפּלען.
געוואָלט דיך עפּעס פרעגן —
און נישט געפרעגט.
אויסטערליש דיין פנים האָט געשרעקט.
שפּעטער האָט א האַנט געהיימע
דיינע ליפּן שטומע אויפגעשלאָסן.
כ'האָב געקוקט, מיין קינד, מיט אימה:
די ברעמען דיינע ציטערן ווי גראָזן.
האָסט אויפגעטויכט
פון בלויע פרילינגדיקע טאָלן
און אַוועקגעשלייכט
צום טייך פון די אַמאָלן.
מיט זונפאַרגאַנג געברענט
האָבן די הויכן. —
כ'האָב אַוועקגענומען מיט די הענט

די זיילן רויכן —
און געזען: מיט גרויען פעלדוועג
פונעם וואַלד דו גייסט אַוועק. — —

*****

און דו ביסט נישטאָ. איך וואַרט.
איך וויג דיך אַלץ אויף קני
פון אַלטער הייליקער צייט. —
דער פויגל פון נישט־הי
זינגט זיין רינגענדיקן ניגון
און אין גרונט פון שטילקייט
וויגט די נאַכט לידיקע וויגן.
פלייצט מיט ליכטיקייט
דאָס וואַסערדיקע קול
פון גאַסט אומזיכטיקן;
און דער רייטער פון אַמאָל
נאָך רייט פון יענער זייט
פון האָריזאָנט.
און דו ביסט וויט און דו ביסט נאָנט.
און דאָרטן וואו דו האָסט דעם ראַנד
פון פּרואוו
אַריבערגעשפּאַנט;
אַ־דאָרט וואו ס׳דאַכט עס בליט כל־טוב
אויף וויסטעניש פון זאַמד;
און ס׳בלאָזט אַ קאַלטער, פרעמדער ווינט, —
אויך דאָרט, מיין קינד —
ביי אָפּגרונטן פאַרוואַונדעטע גאַזעל —
דאָס גרויסע וואונדער וועט געשען:
און דו וועסט אין טרוים אומשטערבלעכן דערזען
מיט אויגן פון דיין זעל: —
מיט בליטן נייע בליט דער אַלטער מאַנדלשטעקן.
און מיט הירשנטריט צעשראָקענע פון יענער זייט
פון וויטסטע שרעקנדיקע שטרעקן, —
דו וועסט צוריקקומען, מיין וואַנדער־בלוט!
און איך וועל רופן א י י ב י ק י י ט
יענע גליקלעכע מינוט.
נאָר דערווייל ביסטו נישטאָ; איך וואַרט.
דער טאָג האָט זיך פאַרבויגן
דורכן טירל פון דער נאַכט. — —
אַ שמעטערלינג — ביסטו פאַרבייגעפלויגן.

פינאַלע

א שמעטערל, יונג און קאַלירִיק,
מיט פליגל אָפּגעבריט אין פייער. —
איך ברענג דיר דאָ מיין ציטערדיקע ליריק,
מיין ליד פון וויימוט דיר צושטייער.
און אפשר צו אַלטמאָדישער ליריזם דורכגעשליפן
אין דער דינסטער איידלקייט פון צער. —
נישט פאַרוועלקנדיקע ווערטער פון אייביקע באַגריפן,
פון מיין אָפּגעלעבטן אַלטן דיקציאָנאַר.
און אפשר גאָר א קרוין, מיין קינד,
וועט זיין פאַר דיר דאָס פשוטע געשאַנק: —
מיין הארבסטיק וואָרט אין שווינדנדיקן ווינט,
דאָס וואָרט פון הארץ ארויסגעריסן קראַנק.
קראַנקע ווערטער, יאָ, נאָר צאַרט ווי חושים,
און ווי ליבשאַפט אייביק; אייביק ווי דער טויט.
איך קרוין דיין קאָפּ און קוש אים,
זעטיק מיך מיט ווייטיק ווי מיט ברויט.
און דו, אין דיין שגעון שוימענדיקן שוואונג,
אין גליאונג פלאַטערסטו — און שטראַלסט. —
ברענסט די פליגל אָפּ, ביזט יונג, —
און איך, מיין קינד, בין אַלט, אַלט. . . .
אַלט בין איך, יאָ, אַלט ווי די וועלט;
מיין זיין איז וואָלקנדיק פון דרויסן. —
און דו, — דו ביסט א לײדנשאַפטלעך פעלד:
ערשט פאַרזייט — און שוין צעבליטע רויזן.
דו ביסט אוועק פון מיין געצעלט
און האָסט נישט צוגעמאַכט די טיר;
און נישט געזעגנט זיך; אַן אויפגעהעלטע,
אַן אויפגעפלאַטערטע פון זוניקן באַריר.
און ס'האָט מיין וועלט פאַרדעמערט זיך,
כאָטש אינעווייניק רוט די שכינה א צעשטראַלטע.
און דאָרטן זיינען — ד ו און א י ך
און אונדזער א י י ב י ק י י ט באַהאַלטן.

פרילינג, 1950, מעקסיקע, ד. פ.

בעריש ווײַנשטײַן

געטיסבורג

פּאָעמע

א

ווער עס האָט דיך, געטיסבורג, אין דער געשיכטע בלויז געזען,
איך, דער אימיגראַנט, בין מיט די אײגענע פּיס ביי דיר געווען.
כ'האָב קיינמאָל נישט געחלומט אויף דיין פּאַרעקשנטער ערד צו זיין.
ביי דיר הייבט זיך אַמעריקע אָן מיט לינקאָלן — אויסגעהאַקט פון שטיין;
דאָס בלוט פון פאַרביסענעם בירגער־קריג איז ער אַליין.
איך בין אַרומגעגאַנגען אין דיר ווי אַ יינגל אין דער פרעמד;
געזוכט די פערדישע קלאָען, וואָס האָבן דיין שטויב געברענט,
און האָבן יענעם געיעג, יענעם פייער אויסשטיין געקענט.
דאָ איז עס געבליבן שטיין, דאָ איז עס געבליבן באַגראָבן,
דאָ האָט די „נאָרד" איר פעסטע שבועה אויפגעשלאָגן,
דעם צאָרן אויפן פּנים, דעם טויט אין די הענט געטראָגן.
כ'האָב זיך געזען אין יענעם שרויטיקן ווינט פאַרלוירן;
יענע דוירנדיקע שלאַכט אַראָפּגעלייענט פון דיינע מויערן:
מען גייט און מען ווייסט — אַז מען וועט שטאַרבן,
מען גייט און מען ווייסט — אַז מען וועט עפּעס אַרבן. —
אויף די וואַסערן טראָגן זיך בריקן; זיי שווימען;
די וועגענער, ווי אין זאַמד, קענען איבערן ריווער נישט קומען.
האָסט געשוואוירן ביי דער ביקס צו ווערן אַ לאַנד,
גייסטו געדיכטער אין פייער און ווערסט פאַרפלאַמט;
לויפסט אַן אָנגעכאַפּטער מיט אַן אָנגעצונדענער האַנט.

ב

דאָ איז עס געבליבן שטיין, דאָ איז עס געבליבן באַגראָבן.
מ'לאָזט די בערגלעך נישט זינקען, די געשיכטע דאַרף עס האָבן.
נאָר די אויפגעריסענע ערד שרימפּט איין פון יאָר צו יאָר.
דאָ איז לינקאָלן געשטאַנען אַ געבראָכענער אויף דער וואָר, —
מיטן תנ"ך אין האַרץ, אין נביאישן הספּד,
האָט ער צו דער ערד מיט אַ געפּרעסט קול גערעדט;
מיט שטייענדיקע טרערן, אין פאַריסענעם מוט,

די לעבעדיקע געוועקט, די טויטע באַקלאָגט.
נישט פון דער זון איז זיין פּנים שוואַרץ געווען,
נאָר פון דעם, וואָס ער האָט פאַר זיך אַליין געזען.
פון די צעשאָסענע, פון די פאַרבונדענע — אַרום,
האָט קיינער קיין בליק נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים.
ווען ער האָט געזען וואָס פונעם שלאַכט־פעלד איז געוואָרן,
איז לינקאָלן געזונקען ווי אין גאָטס צאָרן;
רעדער, זאָטלען זיינען ווי אין בלאָטעס געבליבן שטעקן; —
גיי, נעם זיך אָן מיט כּוח אַזאַ נידערלאַגע צו וועקן,
אַז אונטער אַלץ איז פאַראַן אַזאַ בלוט,
וואָס נישט עס שטאַרבט און נישט עס רוט
אין דער געטיסבורגער שטאָט.

ג

זעסטו די אַכט און פערציק שטערן אויף אַמעריקעס פאָן?
פון יענער ביטערער ערד אין פּענסילווייניע הייבט זיך עס אָן.
נישט די פאַרשקלאַפטע באַוול־פעלדער פון אונטער דער זון,
און נישט דער „גאָלד־ראַש" קיין קאַליפאָרניע, האָט עס געטאָן —
נאָר זיי, די געשוואוירענע פאַטערס פון דער נאָרד,
זיינען פון זייערע שטיבער אַרויס, פון זייער דאָרף,
מיט זייערע יינגלעך, מיט זייערע קליידער, מיט זייערע פערד.
זאָלן אָפן בלייבן די טירן פון די שטאַלן, פון די שייערן,
ווי שטרוי זאָלן אַוועק די תּבואות אין די פייערן,
און ווי קויל זאָלן בלייבן הויל די פאַרשרפעטע ווענט,
איידער ס'זאָל גאַנץ אַריין אינעם „סאַוטערנערס" הענט!
דאָס זיינען די אַכט און פערציק שטערן אויף אַמעריקעס פאָן —
נישט פון לינקאָלן אַליין הייבט זיך עס אָן:
וואַשינגטאָן, דזשעפערסאָן, דזשעקסאָן, דזשאָן בראַון,
האָבן „אויך" געהאַט דערמיט „עפּעס" צו טאָן.
נישט לייכט איז געווען פונעם נעגער די קייטן אַראָפּצואוואַרפן, —
אויף שיפן מיט זיי, ווי פון פייער, צו אַנטלויפן,
און דערנאָך מיטן אייגענעם טויט זיך צו טרעפן, —
פאַר אַזעלכעס וועט גאָט קיינמאָל נישט שטראָפן.

ד

אין ביכער ביסטו, געטיסבורג, ווי אַ לעגענדע אויף דער ערד;
ווי אַ מעשה פון אַ חלום וואָס מ'האָט אַמאָל ערגעץ געהערט
און געמיינט, אַז ביסט פון מענטשן ווייט, פון באַנען, —
אין דער אמתן איז גרינג צו דיר צו קומען,

דיך צו זען פונדאַסניי אין יענעם שווערן גרוי,
ווען נעפּל איז געווען רויך, בלוט איז געווען טוי:
פונעם בירגער־קריג דאָס פעלד האָט געבריט
מיט טויטע בערגלעך, ווי פון קאָסעדיקן שניט.
דאָס וועט דאַרפן זיין די בראַווע געשיכטע פון פענסילוויניע,
דער געשטרייפטער בלאָער הימל פון סאַוט קאַראָליינע,
וואו ס'נעגערישע ליב האָט זיך געצונדן אין דער זון,
און איבער זיי די ווייסע בייטש האָט געבליצט דערפון.
רויט איז דער מערב געווען, רויט דער טויט,
וואָס האָט וואָלקנדיק אין געטיסבורג געבלויט.
פאַרוואָס זאָל דאָס נישט טרויעריק זיין,
און טרויעריק זאָל לינקאָלן נישט זיין?
אַז ס'וואַקסן געפאַלענע, ווי בערג, ווי שטיינער —
און לינקאָלן פון די געשוואוירענע קען נאָך בלייבן איינער!
עס וועט אים קיינער נישט העלפן,
בלויז אַ קויל אין די שלייפן.

ה

ס'איז שווער אפילו זיך אַליין צו גלויבן,
אַז האָסט געזען מיט די אייגענע אויגן
די שטעטלדיקע שטאָט פון יענער ערד,
וואו לינקאָלן האָט דורך דער אייגענער שווערד,
דורך אייגענעם פייער — אַ פאָלק אויסגעטרערט,
און פאַר דיר, פאַר מיר, דאָס לאַנד באַשערט.
גייסט אַרום ווי אַלץ וואָלט געווען דיין,
ווילסט אומעטום בלייבן, אומעטום זיין —
ווי זיי, די איינגעגראָבענע אין די געזונטע שטאָטן
מיט דער ברוינער גבורה פון פישערדיקע יאַכטן,
טראָגסטו אין האַרץ די ברכה פון אַמעריקעס געבאָטן,
וואָס אירע אור־פאָטערס האָבן פאַר דיר אויסגעפאַכטן:
אין פרייהייט זאָלסטו לעבן, אין פרייהייט זאָלסטו שטאַרבן!
דאָס זאָגן דיר די דרייצן־שטרייפיקע פאַרבן,
וואָס זיינען נאָך פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן אָן
פאַרבליבן עד היום — אויף אַמעריקעס פאָן.
גאָטס אויסגעשפרייטע ימען ווייסן עס,
און גאָטס אַלע לשונות דאָ — האָבן עס.
שפּירסט עס אין לינקאָלנס אויסגעטראָטענע טריט,
אַז נישט איך אַליין —
דו, ביסט אויך פון געטיסבורג דאָס ליד!

ו

נישט דו, אמעריקע, אליין —
איך פון דער פרעמד, בין אויך פון געטיסבורג דאָס ליד,
וואָס סע זינגט צו דיר איצט אַ פּראָסטער אימיגראַנטישער יונג
אויף דער שפּראַך פון יידישן אלף־בית, פון יידישן כתב, —
דאָ בין איך געבליבן, דאָ האָב איך טאַטע־מאַמע באַגראָבן,
די זין מיינע — און די דורות נאָך זיי —
וועלן אויף מיר אַזוי זאָגן. —
וואָרעם נישט פאר זיך און נישט פאר די אומות העולם בלויז,
אויך פאר מיין פאָלק — ביסטו געטיסבורג, דער נס געווען.
אין דיין לאַנד האָבן זיך מיינע פאָר־פאָטערס איינגעזאַמלט,
און מיט זייער האָב־און־גוטס זיך אין דיר איינגעגראָבן.
און פרעמד און ווייט ביסט פאר זיי געווען,
און דורך זיי — ביסטו מיר היימישער געוואָרן,
און ליכטיקער האָב איך דאָ מיינע זין געבוירן,
ווי זאָל איך דיך, געטיסבורג, דערפאר נישט בענטשן?

ז

ווי זאָל איך דיך, געטיסבורג, דערפאר נישט בענטשן —
אַז האָסט מיר די ערד געגעבן, די שטעט, די באַנען, די שיפן
צו קענען פריי ארומגיין, פריי אויף דיינע וואַסערן זעגלען.
מער פון אַלע פעלקער, וואָס האָבן דיך באַשריבן, באַזונגען,
קען איך, דער שייטערדיקער ייד, דיך, אמעריקע, דערפילן!
אַזאַ לאַנד ביסטו מיר, אַזוי זיינען מיר דיינע געבאָטן.
פון די נביאים איז אַ תנ׳כישער לינקאָלן געבליבן,
מיט זייער פייער האָט ער די געטיסבורגער רייד געשריבן.
די פעלדער זיינען פאר דיר, ווי זיי זיינען פאר מיר:
— פון אייערע שווערדן זאָלט איר אַקער־אייזנס שמידן. —
ויתן לך האלהים מטל השמים —
גאָט זאָל דיר געבן פונעם טוי פון הימל;
ומשמני הארץ —
און פון דער פעטקייט פון דער ערד.
נישט אַנדערש, ווי ר׳האָט עס אין הארץ געטראָגן פון בראשית אָן,
און איז נאָכגעגאַנגען משהס פערציק טעג פון הונגער און דורשט —
בעסער דער מדבר איידער די קנעכטשאַפט פון פרעהס מצרים.
ווי אין כנען איז ער מיטן אייגענעם צאָרן אריין אין יענעם פייער,
און שטאַרקער פון אַלעמענס שווערד פארבליבן זיינען זיינע רייד
צו די נאָך אים, צו די נאָך מיר און צו די נאָך דיר!

ח

צו די נאָך אים, צו די נאָך מיר און צו די נאָך דיר,
האָט אַ בלעטל־געטיסבורג זיך פאַרוואַלגערט אויף פראָסט פּאַפּיר;
ווי דאָס מויל האָט עס גערעדט, פּשוט אַזוי איז עס געבליבן,
און אַ וועלט האָט ביכער שוין וועגן דעם געשריבן;
וואָלט עס געווען אין ירושלים — וואָלט עס אין תנ״ך פאַרבליבן.
איצט איז עס אויף קופּער, אויף בראָנדז, אויף בראַווע מויערן.
לינקאָלן פון אויסגעהאַקטן שטיין וועט אַם־לענגסטן דאָ דויערן.
נישט ווייל ער איז פאַרהערלעכט, נישט ווייל ער איז באַזונגען,
— אַזעלכעס טרעפט אַמאָל מיט די נאַרישסטע יונגען —
נאָר ווייל ער האָט אויפגעריסן די ערד פון דעם דרום.
אין קריג האָבן זיי מיט דער נאָרד געוואָלט לעבן,
אין יאָך האָבן זיי מיט דער נאָרד געוואָלט האַנדלען;
אין שקלאַפעריי דיך און מיך געוואָלט פאַרוואַנדלען,
ווי ביי זיך אויף די שיפן ביים מיסיסיפּי,
ווי ביי זיך אויף די פעלדער — דעם נעגער.

ט

די באַוול־פעלדער פון קאַראָליינע, די טאָלן פון טענעסי;
די טאַבאַק־פעלדער פון ווירדזשיניע, דער פלייצנדיקער מיסיסיפּי;
די פּריירים פון אַלאַבאַמאַ ביז די בערג פון צעבליטן טעקסאַס —
זיינען אַרויס ווי אַ שווערד קעגן לינקאָלנס נאָרדישער ערד.
ס׳איז דאָ נאַפט, ס׳איז דאָ שוועבל און ס׳איז דאָ שרויט;
ס׳זיינען דאָ טאַטעס, מאַמעס, טעכטער און זין;
גאָרנישט האָט קיינעם אָפּגעשטעלט צו פלאַקערן ווי קין!
נישט די ערד פון דער סאַוט, נישט די ערד פון דער נאָרד —
פון ביידע זייטן — די זעלנערישע מענטשן האָבן געברענט.
האָסט געמעגט זיין אַ ברודער, אַ זון — אויב פון דאָרט,
האָט איינער דעם אַנדערן אין די שלייפן אַריינגעיאָגט אַ קויל.
האָט אַן אייגענעם טאָטן דערשטאָכן אויפן אָרט.
אַזעלכע זיינען געווען די זין פון אַמעריקעס בירגערלעכן צאָרן,
און אַזעלכע די פּאַטערס, וואָס האָבן אין יענעם פייער זיך פאַרלוירן —
זייערע פעלדער און זייערע שטיבער האָבן זיי אָנגעוואוירן;
אין זייער טויט האָט אַמעריקע איר פרייהייט געבוירן.

י

אין זייער טויט האָט אַמעריקע איר פרייהייט געבוירן,
ווייל מ׳האָט פרידלעך די נאָרד־שיפן נישט געלאָזט זעגלען;
ווייל מ׳האָט די מאַסטן צעריסן, די סחורות געזונקען. —
די סאָוט האָט עס געוואָלט, צו „פּאָרט־סאָמטער" האָט מען עס געטאָן,
און עס האָט זיך אָנגעהויבן פון דער צעשאָסענער פאָן:
די זעגלען האָבן זיך לייוונטיק אויפן וואַסער געטראָגן,
פון שקיעה אין פאַרפלאַמטן שוים זיך אויפגעבלאָזן
און ווי אַ גייענדיק פייער זיך געטרונקען, זיך געוויקלט.
פון אַזאַ פלוצימדיקער שרפה אויפן ים
האָט זיך אָנגעצונדן דער „בירגערלעכער" פלאַם.
אַ מאַנשאַפט איינצושטעלן איז געווען ווי אויף אַ ברעט צו שווימען;
ס׳איז גרינגער געווען איבערן וואַסער צו שיסן, ווי אַהין צו קומען.
נאָר דאָס איז בלויז אַזאַ רויך פון קאַנאָנען געווען,
נאָר דאָס האָט בלויז ווי ציִענדיקע וואָלקנס אויסגעזען —
פון ביידע זייטן דער זעלבער טויט, דער זעלבער צאָרן.

יא

ווער וועט ביישטיין, אַז דאָס לאַנד זאָל אין זיכערע הענט זיין,
מ׳זאָל פון שטיבער נישט טרייבן צו דאַרפן מיט אַנדערע שקלאַפן,
מ׳זאָל אין האַנדל אַ שטאַט זיין מיט אַלע אַנדערע שטאַטן? —
ווער וועט ביישטיין, אַז די בהמות זאָלן רואיק זיך פּאַשען;
ס׳דאַרף נישט באַפאַלן, די תבואות נישט צינדן אין פלאַמען?
ווער וועט ביישטיין, אַז דו זאָלסט אַ זיכערער קענען ארומגיין,
רעדן וואָס דו ווילסט, זיין אין שטעט וואו דו ווילסט,
און אַ האָפערדיקער מיט מענטשן זיך קענען באַגריסן? —
ווער וועט ביישטיין, אַז די ימען און די טייכן זאָלן זיין אָפן,
זאָלסט פרידלעך אויף זיי מיט דיינע שיפן שווימען,
איבער דיר די זון זאָל אויפגיין ווי גאָט האָט זי באַשאַפן? —
ווער וועט ביישטיין, אַז בראשית זאָל ווי אין חומש בלייבן,
ווי גאָט האָט געוואָלט, ווי משה האָט עס דיר געגעבן;
אויפן זיבעטן טאָג זאָלן די מענטשן אויף דער ערד רוען? —
ווער וועט עס אָננעמען און ווער וועט עס היטן?
ווער וועט אַמעריקע לערנען די לוחותדיקע געבאָטן? —
נישט זיי — וואָס ווילן זיך פאַרשעלטן מיט דער שווערד,
נאָר לינקאָלן — די ברכה פון אַמעריקעס ערד.

יב

זעסט די ברייטע ווייט פון אַמעריקעס געזונטער שפע,
דעם ציִענדיקן טוי פון אירע פעלדער,
דעם גשמדיקן הימל פון אירע טייכן, פון אירע ימען,
די געדיכטע ערד פון קאָרנדיקן ווינט, פון ווייצנדיקן ווינט,
די בערג פון קוילנדיקן גריז, פון קוילנדיקע פעלדזן? —
אַנדערש האָט גאָט די וועלט נישט געקענט באַשאַפן.
איצט ווילן עס מענטשן פאַרשעלטן מיט דער שווערד,
קאַליע מאַכן אַזאַ לאַנד מיט דער אייגענער האַנט:
די פעטע קוואַלן זאָלן מיט אַמאָל בלייבן שטיין
און זאָלן פון די בערג זיך נישט גיסן אַראָפּ, —
נישט אין אייל, נישט אין נאַפט, נישט אין שוועבל.
פאַר דער זאַטער ערד אין טעקסאַס,
פאַר דער קוילנדיקער פּענסילווייניע,
פאַר דער זאַמדיקער אַריזאָנאַ,
פאַר די טאַבאַק־בלעטער פון ווירדזשיניע
און פאַר דער באַוולדיקער קאַראָליינע
וועט גאָט אַליין לינקאָלן ביישטיין,
וואָרעם אויף איר ערד איז ער געוואַקסן
און פאַר איר וועט גאָט אים הייסן שטאַרבן.

יג

— זאָל איך קעגן די פּלישתּים אַרויס?
— וועסט דו זיי אין מיין האַנט געבן?
און לינקאָלן איז קעגן דער סאָוט אַרויס
און ווי דוד צו גאָט געזאָגט:
האָסט דורכגעבראָכן מיינע פיינט פאַר מיר!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון לינקאָלנס שווער האַרץ אַרויסצוגיין מיט דער שווערד
האָט זיך פאַר אַלע פעלקער אָנגעהויבן אַמעריקעס פרייע ערד.
עס האָבן אים געהאָלפן די ימען און די שיפן אויף זיי; —
די טאַטעס, די מאַמעס, זייערע זין און זייערע טעכטער;
די אָקסן, די אייזלען האָט מען אין וועגענער געשפּאַנט,
געזאָטלט און געריטערט זיינען די פערד אַרויס פאַרן לאַנד.
פאַר יעדן שפּאַן ערד האָט מען מיט פייער און בלוט באַצאָלט.
ווען מ'וויל דיך באַלאַגערן, ווי די פּלישתּים — די שטעט פון ישׂראל,
אויף שטעכיקע מויערן דיך וואַרפן מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ, —
זאָלסטו, ווי שאול מיט די זין, אַרויס פאַר דער פרייהייט שטאַרבן!
יאָ, אין ווינט פאַראויס טראָג זיך מיט דער געשוואוירענער פאָן, —
שלאַכטן ווי אין דער „נאָרד" הייבן זיך נאָך פון שופטים אָן.

יד

לינקאָלן טוט בעטן: ס'האַרץ זאָל אים ווערן ווי שטיין,
ער זאָל מענטשן קענען הייסן דעם טויט אַקעגן גיין, —
ס'איז אַ ביטערע תּפילה, נאָר גאָט וועט אים פאַרגעבן.
און די וואָס אַכטן אים וועלן אים פאַרשטיין און גלייבן.
זאָל די נאַכט נאָר קיין רחמנות פון אים נישט מאָנען,
ווען אַמעריקעס זין וועלן אין פייערדיקן שטויב זינקען.
דאָ, ווי ער שטייט, וועט ער ביים שטיקל ערד זיך באַשווערן:
קיינמאָל דזשאָדזש וואַשינגטאָן נישט צו פאַראַטן,
נישט זיינע שטרייפן און נישט זיינע שטערן.
דורך דער זון פון מזרח, דורך דער זון פון מערב
אויפשיינען וועלן די ימען אין זייער שוים, אין זייער גרין
און טראָגן די וואַסערן פון מיסיסיפּי, די טייכן פון מיזורי,
מיט לינקאָלנס צוויי שטילע טרערן צו גאָט,
און קיינער וועט דערפון נישט וויסן.
וואָלקנס שטייען נישט אויף איין אָרט, נאָר שווימען אין צאָרן;
נישט די ערד — לינקאָלן איז דערפון טרויעריק געוואָרן.

טו

— אין דער ביטערער שעה, גאָט,
שטאַרק די טרערן זיי זאָלן אין די אויגן שטיין;
פאַרהאַרטעווע דאָס האַרץ און דאָס געזיכט,
כ'זאָל קענען זען בלוט, כ'זאָל קענען זען טויט;
אַזוי־אַ שיק מיך קעגן די שקלאַפן־שטאַטן אַרויס!
הייס מיך גיין און הייס מיך פירן,
וואָרעם נאָר צו דיר גיב איך זיך איבער.
פאַר די, וואָס וועלן לעבעדיק אויפן אָרט זינקען,
פאַר די, וואָס די וואַסערן וועלן דערטרינקען
און פאַר די, וואָס וועלן אין פלאַמען זיך וויקלען,
זאָל די געשיכטע די פאַרענטפערונג געבן. —
פאַר מיינע אויגן, וואָס האָבן פאַרקלעמט זיך געגאָסן
ווען מען האָט אויף „פאָרט סאָמטער" געשאָסן,
זאָלסטו, גאָט, די פאַרענטפערונג געבן;
דיך זעט מען נישט, דיר וועט מען גלויבן,
אַז צוויי שטילע, ערלעכע טרערן
קענען אַמאָל דורות איבערלעבן.

נחום באָמזע

לידער

איך בין מיד און אומעטיק

איך בין מיד און אומעטיק, אָ גאָט, —
דער טאָג איז פול מיט זון און מיר טוט באנג,
וואָס איך מוז אַלץ נאָך זיין ביי דיר אין שול —
א שלעכטער תּלמיד אויף דער באנק.

אַלע האָפערדיקע יינגלעך אַרום מיר
ווייסן אַלץ און קענען טיילן יעדע צאָל.
נאָר איך באַנעם נישט, אַז צווויימאָל צוויי איז פיר,
און דעם צווישנשייד פון א בארג און טאָל.

למאי האָב איך אַזאַ מין פלאַטער־קאָפּ,
נישט צו געדענקען די צאָלן און די מאָס,
נאָר צו טרויערן אויפן זונפארגאנג, בארג אַראָפּ
פון הימל, צום אוּונטיקן גראָז — —

פון אָנהייב איז געווען די פינצטערניש
און דאַן דאָס ליכט,
און איבער זיי האָט געהויערט דיין געזיכט.
נאָר אויף מיין וועג פון פינצטערניש
צו פינצטערניש —
האָב איך נישט געזען און נישט געפילט
דאָס ליכט.

אָ, גאָט, איך בין שוין גרויס,
נאָר אַלץ פול מיט שרעק — א קינד,
וואָס האָט צעבראָכן א כלי אינעם הויז
און וואַרט אויף קלעפּ פאַר זיינע זינד.

זון־פאַרגאַנג אין שטאָט

צווישן דער נייִנטער און צענטער גאַס, אין שטאָט,
פאַרנאַכט, איז די זון געהאַנגען —
אַ ריזיק ראָד,
נאָענט צו דער ערד.
און ס'איז געשען, וואָס גראָד אין דער רגע אימה
האָבן אַלע טויערן זיך אויפגעמאַכט,
און מענטשן אין געיעג זענען געלאָפן צום וועג
פון זייערע היימען.

נאָר איך אין מיין טרויער און אַ קינד אין גאַנג
האָבן באַוואונדערט דעם מאָדנעם זון־פאַרגאַנג.

אין דער רגע דויער, ווי אין לאַנגע יאָרן,
בין איך אַזוי געשטאַן —
ביז איבער דער עוועניו די אויבער־באַן
איז די זון איבערגעפאָרן.
געטויט און אַוועק, און שוין נישטאָ
די זון אין שרעק פון אָוונט־שעה.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נאָך געקלערט
וועגן טויט פון דער זון אויף ניו יאָרקער ערד.

איך טראָג שוין העלע הויזן

איך טראָג שוין העלע הויזן, אַ טונקל רעקל
און אַ געשטרייפטן קראַוואַט.
נאָר אַלע מיינע קליידער זענען אָנגעטאָן
אין טרויער.
פאַר מיין טויער לויערן אַלע שרעקן
פון דער נאַכט.
פון אַלע מיינע גענג, אין דער ברייט און לענג,
בין איך מיד און מאַט
און וויל זיך אויסטאָן פון מיין קליידער־האַפט.
נאָר דער סאָסנע־בוים אין פאַרנאַכט,
וואָס שטייט אין חלום פאַר מיין פענצטער,
און אויפן גראָז די קראַסע קו —
טראָגן אין זיך נאָך אַלץ די רו
פון מיין היימישן וועלט־באַשאַף.

ליד

אַלע בריקן זענען מיד פון הענגען
איבער די וואַסערן און בענקען
צו די גרונטן פון דער ערד.

אַלע ביימער זענען מיד פון וואַקסן
און בענקען, אַז די שטורעם־שלאַקסן
זאָלן זיי וואַלגערן אויף דער ערד.

אַלע הייזער זענען מיד פון זייערע דעכער
און וואַרטן אויף אַ ציטער־פעכער
פון דער ערד.

איך בין אויכעט מיד און וואָלט וועלן
אין מיטן טאָג דעם העלן
אַנידערפאַלן אויף דער ערד.

נאָר די ערד אַליין וויל זיך אויפהויבן
אַרויף צו די הימלען אויבן —
העכער פון דער ערד.

מיינע עלטער־זיידעס און זיידעס

מיינע עלטער־זיידעס און זיידעס אין גן עדן
פון יענער וועלט, לויבן גאָט:
הללויה דיר, גאָט, באַשעפער,
וואָס דו האָסט אונדזער אָטעם פאַרשניטן אין צייט
און מיר האָבן נאָך געהערט דאָס געוויין
פון קינדער, קינדס־קינדער און שכנים,
און גערוט אין אַן ערדישן קבר,
ווען די ערד איז געווען נאָך ערד.
הללויה דיר, גאָט, —
מיר האָבן געלעבט אין גן עדן אַמאָל
אין זכות פון די יידן אין ערדישן טאָל.
הללויה,
דער הימל איז דיינער,
און מיר מוזן דיך לויבן,
נאָר ס'וואַרגט אונדז די בענקשאַפט אויבן
נאָך דער ערד, —
דער חרובער היימישער ערד.

אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד

א גאַנצן טאָג אין וואַלד, צווישן טיפע גראָזן,
געפּיטערט די פייגל, די וועווריקעס, די פּיש ביים ברעג,
און געזען פונדערווייט דעם גייעג פון האָזן
מיט אויפגעשפּיצטע אויערן פון פּאַרכטיקער שרעק.

א גאַנצן טאָג אליין געשווינגן און קינדיש געלאַכט
צום וואַלד, צום באַרג, צום טייך — און מיטאַמאָל
דערפילט, ווי ביים זון־פאַרגאַנג אין טאָל,
מיט א מעסער גרייט וואַרט די נאַכט

און בין אַוועק אין מיין נאָרע, ווי די יונגע האָזן,
אין דער שעה דער שפּעטער, נאָכן זון־פאַרגאַנג.
אָ, וויפל לעבנס האָב איך אין וואַלד צעטרעטן
אויפן וועג אהיים אין מיין אָוונט־גאַנג. —

אַ תפילה

גאָט, שיכור זיך נישט אָן.
דו פירסט דאָך אַזויפיל מענטשן
אויף דיינע בוידן,
דורך פינצטערע וועלדער,
דורך שאַלקהאַפטיקע חיות,
דורך בייזע עקדישן.
ס'איז פאַרנאַכט —
די וואַסערן ווילן אַרויס
פון די ברעגעס
און דיין בייטש סוויסטשעט
איבער אונדזערע קעפּ.
זיי ניכטער, גאָט,
ווייל איך האָב מורא — — —

מיינע יונגע פריינט מיט די גראָע קעפּ

געווידמעט די יידישע
דיכטער אין ניו יאָרק

מיינע יונגע פריינט מיט די גראָע קעפּ
האָבן ווייבער, קינדער און אייניקלעך אפילו.
נאָר דער טרויער קומט צו זיי דורך אַלע טרעפּ
און שעפּטשעט שטיל פאַר זיי די אָוונט־תפילה.
זייערע אויגן — גלי־ווערים אין אָוונטיקן גראָז —
ווערן אָפּטמאָל טרויעריק אַן א פּאַרוואָס.
אין מיטן העלן טאָג ביי דער מאַשין,
דערפילן זיי דעם ריח פון פייכטן גרינס
און בלייבן שטיין לעמישקעוואַטע פארזאָרגט
אין מיטן גרויסן טומל פון ניו יאָרק.
מיינע יונגע פריינט בלייבן אָפּט אַליין
און דאַרפן ווערים־פּלעצלעך פאַרן בענקען.
זיי זענען טרויעריק — זיי קרענקען
פון ליבשאַפט צו דער חרובער היים.
זיי גיבן אָפּטמאָל זיך אַליין א נדר,
זיך אויסצוטאָן פון אַלע נייע קליידער.
אין חלום שווימען זיי אין טייכל ביי דער יאַטקע
און כאַפּן ביי די בינען אוים די שענסטע מאַטקע.
מיינע יונגע פריינט שטייען שטיל, פאַרקלערט:
האזינו — פאַרנעמט, שמים — איר הימלען,
והארץ — דו ערד!
זיי שפּאַצירן אויף די גאַסן פון דער איסט סייד
און רעדן נאַרישע יינגל־רייד:
ויתן לך — קיין געלט איז נישטאָ,
מטל השמים — נישטאָ וואו צו לייען.
מיינע יונגע פריינט מיט די גראָע קעפּ —
געווינען אין חלום די שענסטע פּערלמוטער קנעפּ.

אָ, פּריינט מיינע, אין גרויסן, רוישיקן ניו יאָרק

אָ, פּריינט מיינע, אין גרויסן, רוישיקן ניו יאָרק,
איבער אַלע גאַסן, עוועניוס און סקווערן,
אין מיטן טאָג דעם העלן
לאָמיר זיך אָפּשטעלן
און באַערן
די לוויה פון אַ מענטש
איציע קלמן —
דער עלטסטער פון אַ ברענטש,
אויפן וועג צום הר כרמל בית עלמן.

אָ, וויפל טרויערן ער האָט אויסגעטרויערט
איבער שטעט, לענדער און ימען.
אָ, וויפל טויטן האָבן אויף אים געהויערט
אין יעדער רגע פון אַ שעה, אין יעדער שעה פון מעת לעת,
אין גרויסן, רוישיקן ניו יאָרק.

איז לאָמיר שווייגן פאַר זיין ארון,
פאַר די אָפּגעלעבטע ניינציק יאָרן
פון דעם מת
איזי טשאַרלס (פון דער היים — איציע קלמן)
אויף זיין וועג צום הר כרמל בית עלמן.

אָ, פּריינט מיינע, אין גרויסן, רוישיקן ניו יאָרק,
לאָמיר תפילה טאָן, אַז ס'זאָל דעם טויטן זיין באַשערט,
אין דער לעצטער רגע דורך ניו יאָרקער וועגן
אָן אַ מכשול דורכצוגיין זיין לעצטן גאַנג צו ערד.

די עובר־בטלניצע

גיטעלע, די זקנה פון נײַנציק יאָר,
גייט אַרום אין חלום ווי אויף דער וואָר.
זי שפּילט זיך מיט טשייכן ביי דער באָד
און וויל אויכעט טרעפן: אום צי גראָד?
זי שפּאַנט איבער געסלעך שלינג און שלאַנג
און זאָגט, אַז אַ שטראָל פון זון איז אַ זאַנג,
וואָס מ׳קען אויסמלויצען, ער זאָל ווערן ברויט,
אַלעמען צו האָדעווען, להכעיס דעם טויט.
גיטעלע, די זקנה, ווערט אַמאָל אויך פאַרשייט:
מאַמעלעך, לאָמיר שפּילן זיך אין יונגע לייט!
לאָמיר חתונה האָבן, געבירן קינדערלעך אַ סך
און אויסבייטן אויף אַ זומער־טאָג די ווינטער־נאַכט.
זי פאַרטשעפּעט אַ ייִנגעלע: ווער ביסטו, ווער,
צאַפּ־צי־בע, צי לעקיש בער?
זי קנייפּט אים אין בעקל: איך האָב דיך האָלד,
און טיילט אים בלאָטע, עלעהיי ס׳איז גאָלד.
גיטעלע, די זקנה, וואָס זשיפּיעט קוים,
גייט אַרום אויף דער וואָר ווי אין אַ טרוים.

איך האָב היינט פּלוצים פון איר זיך צעלאַכט —
זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר אַזאַ מין זאַך.

גיב מיר, גאָט

גיב מיר, גאָט, די קלאָרקייט און דעם מיין,
וואָס זאָלן אויסגעשליפן זיין — אַ מעסער־שאַרף —
צו קענען זאָגן מיין שכן, ווען מען דאַרף —
אַ העלן יאָ און אַ טונקעלן ניין!

יוסף רובינשטיין

פאריז — 1947

פלאַס דע לאַ קאָנקאָרד*

א קיילעכדיקע, געלבלעכע לבנה
קוקט אראָפּ
מיט אויסגעקרימטן פּנים —
א הוילער, אָפּגעהאַקטער קאָפּ.

איך ציטער אויף. איך פּרואוו זיך פאָרט דערמאָנען,
צי בין איך שוין אמאָל דאָ נישט געווען ?
דער פּלאַטער פון צעפאָכטע, הענגענדיקע פאָנען,
דער יום־טובדיקער רויש, דער שווערער אומרו־ברום
פון שטראָמיקן המון, — זיי פּרואוון מיר דערמאָנען,
אַז איך בין שוין אמאָל אויף זיכער דאָ געווען.
כאָטש אַנדערש איז דאָ איצט דער אָוונטיקער זשום
און אַנדערש זיינען דאָ די פייערן אַרום,
צעפינקלטע, מיט מילדן שיין, זיי גרינען,
זיי פּרואוון איצט דאָ כשופדיק פאַרשפּינען
די אַלטע, גרויע ווענט,
דעם שאָטנדיקן ברוק . . .

א מיידל שטעלט זיך אָפּ,
פאַרייסט דעם קאָפּ
און קוקט.
איר נייגעריקער שאַרף־פאַרשפּיצטער פּנים
איז ווי צו מיר דאָ שטוינענדיק געווענדט.

* דער שענסטער פּלאַץ אין פּאריז, וואו בעת דער רעוואָלוציע איז געשטאַנען די גילאָטינע.

מיט רויטן קופּער־בלענד
עם פלאַקערן די פלעכט פון אירע האָר,
און אירע אויגן נאָר
זיי גרינען שפּיזיק־דין און דורכדרינגלעך אַזוי
מיט קאַלטן גלי;
און פּלוצלונג ווערט מיר קלאָר,
גענוי,
ס'איז זי,
ס'איז זי!
איך האָב זי שוין געזען
אָט דאָ.
ווי מיין געדאַנק
וואָלט אויפגעוואַכט און קען שוין איצט דערקאָנען:
—יאָ כ'בין דאָ געווען!
שוין לאַנג,
שוין זייער לאַנג.
אַמאָל גאָר אין אַן אַנדערן, פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט,
פאַרבלאָנדזשעט, אָן אַ זייט דאָ, אָפּגעזונדערט,
אַזוי בין איך געשטאַנען אויף דעם „פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד",
אַ ייד מיט פּאותן מסתמא און אַ באָרד,
אָט דאָ בין איך געשטאַנען, אויף דעמזעלבן אָרט,
ווען יובלענדיק אַ שכורער פון בלוט שוין און פון מאָרד
אַרום האָט דער המון, אַ טויזנטפּוסיקער, געטראָטן,
אויסגעמישט אין ווירבל־קאַראַהאָר,
צונויפגעדרייט,
צונויפגעקנאָטן —
קיילערס,
סאַנקיולאָטן,
אַרום דעם הויכן, שוואַרצן עשאַפאָט.

און דורך דעם קנויל צונויפגעפּרעסטע לייבער,
און אין דעם יובל־שריי פון וואַנזיניקע ווייבער,
מיט דולע הענט,
מיט אויסגעקרימטע, קוויטשענדיקע מיילער,
וואָס וואַרטן גיריקע אויף קעפּ,
אויף אָפּגעהאַקטע קעפּ, —
אַריבער זיי,
אַריבער שאָטנדיקע טרעפּ,
מיט פלאַקערדיקע קופּער־פלעכט פון צעפּ,
מיט אויגן אויפגעריסן גרינע —

זי!
אַט זי —
מיט קאַלטן גלי
פון וואַנזיניקער שנאה, —
זי רופט און שלעפּט
זיי אַלעמען צום ראַנד פון גילאָטינע,
מיט פרייד צו אָפּגעהאַקטע, בלוט־באַשפּריצטע קעפּ.

- -

א קיילעכדיקע, בלאַסלעכע לבנה
קוקט אַראָפּ,
מיט אויסגעקרימטן פּנים. —
א הוילער אָפּגעהאַקטער קאָפּ.

גאַר דע נאָרד*

פון אינדערפרי,
ווי נאָר דער טאָג הויבט אָן צו רייפן,
אָפּגעפליקטע, גרילצנדיקע פייפן
טויכן אויף, צעשווימען זיך אין נעפלדיקער ווייט. —
עס בלייבט נאָר הינטער זיי אַזאַ מין נאָגנדיקער טרויער,
ווי יעדער פייף וואָלט גרילצנדיק די לופט אַדורכגעבויערט,
מיט אימה און מיט שרעק.

אויף „גאַר דע נאָרד"
קומען צוגן אָן פון וועג.
זיי שטעלן זיך פּאַמעלעך אָפּ, פאַרסאָפּעט —
זיי טראָגן אום
אין זייער־ברום
דעם אומרו־רויש פון נאַכטיקער אייראָפּע,
און אין וואַגאָנען־גלאַנץ אין קאַלטן
עס טונקלען זיך די שאָטנס פון אויף קויל פאַרברענטע שטעט;
און שפּיגל־שויבן האַלטן
טיף אין זיך באַהאַלטן
דעם נעפּל־גרוי פון אומרואיקן באַלטיק,

---

* דער צפון וואָקזאַל אין פּאַריז, וואו עס קומען אָן די צוגן פון צענטראַל און צפון אייראָפּע.

דעם דעמער־שיין פון האַמבורגער וואָקזאַל,
פאַרנאַכט,
וואו ערגעץ אויפן ראַנד פון טונקעלן פעראָן
אַ ניכנעדיקער דייטש, — ער קניט,
ער בויגט זיך אָן,
אַלץ זוכנדיק אויף דר׳ערד אַ שטיקל סיגאַרעט —
זיין הויקערדיקע פּלייצע דוכט זיך בעטלט נאָך און בעט,
נאָר פון זיין בליק,
נקמהדיק צעגליט,
גייט אויף אַ גרינע קעלט,
וואָס וואַרט אויף בלוט,
אויף חשבון מיט דער וועלט.

פון צוג,
דורך האַסטיק־אויפגעמאַכטע טירן,
קומען אייליקע אַרויס די פּאַסאַזשירן:
יונגעלייט און מיידלעך — סקאַנדינאַווער,
הויכגעוויקסיקע און בלאָנדע,
די האָר באַהויכט מיט געלבלעך־רויטן זשאַווער;
עס שמעקט פון זיי מיט ווייסע נעכט און צפון־קעלטן,
אַט וועלן זיי, מיט אויגן־בלאָ צעהעלטן,
נאָך היינט באַגייסטערטע אין „לואווער" שטיין אַנטקעגן „דזשיאָקאָנדע",
דערווייל אײלן זיי שוין אומגעדולדיק, שנעל,
האַפּערדיק און פריילעך, צו דעם ליכטיקן האָטעל.

נאָר אָן אַ זייט
פאַרלאָרן,
הילפלאָז־מיד —
אַ ייד,
מיט שרעק
ער קוקט זיך אום
אַרום —
זיין ווייב און קינד פאַרטולעט צום געפּעק —
אַ ייד פון לאַגערן, וואָס זוכט אַ היים, אַ ברעג, —
אַט וועט מען באַלד דאָ אויסרופן די נעמען
און ס׳וועט אַ קהלשער מענטש זיי באַלד פון דאַנענט נעמען,
און פירן צו אַ שוועל זיי דורך צעליאַרעמטער פּאַריז,
כאַטש אויף אַ רגע קריגן אָן אָפּרו פאַר די פיס.

אין אָוונט שפּעט,
אין האַלבער נאַכט,
ווען לוסטיקע טוריסטן מאַכן פריילעך מאַנפּאַרנאַס,
אין קאַבאַרעט
ביים שוימיקן שאַמפּאַן
צעשפּאַסט,
צעלאַכט —
אויף „גאַר דע נאָרד“ שוין פינצטער און פאַרמאַכט
אַ לעצטער פייף פון באַן
וועט דורכגרילצן די נאַכט
און לעשן זיך און אויסגיין ציטערדיק און דין . . .
און ערגעץ, ווי אַן עכאָ, אויף דעם שטרויענעם געלעגער
וועט קרעכצנדיק דאָרט ענטפערן אַ וואַגל־ייד, אַ פרעגער:
— וואו־הין ? !
— וואו־אַ־הין ? ! . . .

ניין רי ג׳י־פּאַטען*

פאַר ליבעלע קאַטשערגינסקי

דאָס איז געווען אויף ניין רי ג׳י־פּאַטען.
אַ גרויסע הויז, פירקאַנטיק צעצימערט, —
אַ פלאַטערדיקער, בלייכער שימער
האָט מאָדנע דאַ צעהעלט די אָפּגעקראַצטע ווענט.
אַ שיין איז דאָס געווען,
וואָס האָט דורך שטעט און לענדער
אונדז יום־טובדיק באַגלייט
אין וואָגל־טעג געהיים —
און ס׳איז דאָס פרעמדע הויז געוואָרן אונדז אַ היים.

אַ גרויסע הויז,
אַ פעלדז אינמיטן ים,
אַן אָפּרו־פּלאַץ אין בייזע שטורעם טעג
פאַר מידע פייגל אין דער צייט פון וואַנדער־פלי,
ביז קומען וועט אַ רגע מן הסתם

---

* דאָס הויז, וואָס די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין פאַריז האָבן אָפּגעגעבן די שרייבער־פּליטים.

די זון וועט מילד אַ שיין טאָן אינדערפרי
און ס'וועלן אַלע פייגל זיך צעפליען צו אַ ברעג.

דאָס איז געווען אויף ניין רי גי־פּאַטען.
דורך פענצטער אויפגעמאַכטע דאָרטן
מיר פלעגן זען :
אַ שמאַלע גאַס,
און אויפגעגרינטן גאָרטן,
אויף יענעם זייט פון פּאַרקאַן — אַ שפּיטאָל.
און שטיל איז דאָרט געווען,
צומאָל
דער וייטער ברום פון רוישיקע בולוואַרן,
דער אומרו פון מאָנטמאַרטער פלעגט אַהינצו נישט דערגיין.
מיר פלעגן אַלע טאָג אויף עפּעס וואַרטן, וואַרטן
און לאַנגע שעהן ביי די פענצטער דאָרטן שטיין,
פאַרגליווערטע,
אין זיך פאַרקלערט,
אָט שטיין אַזוי און שווייגן ;
אין גאָרטן פלעגט דער ווינט זיך שפּילן מיט די צווייגן,
די זון מיט גאָלד געלאַטעט האָט די דעכלעך פון שפּיטאָל . . .
אין זיך פאַרהערט,
מיר פלעגן שטיין און טראַכטן פון דעם ליכטיקן אַמאָל
זיך פאָרשטעלן דעם נעפּלדיקן, אומבאַקאַנטן מאָרגן,
און יעדערער געטראָגן האָט זיין וואָרט אין זיך פאַרבאָרגן,
און שפּעט עס אין דער נאַכט פאַרצייכנט אויף פּאַפּיר.
און יעדעס וואָרט,
און יעדער מינדסטער שפּיר
האָט דאָרט
אַזוי אָרום פאַרפלאָכטן זיך אין שורהיקן געפלעכט.

אין שפּעטע נעכט
מיר פלעגן זיך צונויפקומען צוזאַמען
און ביי אַ גלעזל טיי
זיך קריגן פאַר אַ וואָרט, צי וועגן גראַמען,
מיט ליידנשאַפט און ווי
און אָפטמאָל מיט פאַרדראָס,
און מיט דעם רויך פון שטאַרקן פּאַפּיראָס
די שעהן זיינען אימפּעטיק און אומבאַמערקט געלאָפן ;
אָרום איז שוין פּאַריז פון לאַנג אין נאַכט געשלאָפן,
נאָר ערגעץ אויף מאָנמאַרטער, אויף די ליכטיקע בולוואַרן
האָט אַלץ נאָך אַ צערווישטער דאָרט דער אומרו זיך געיאָגט.

און מיר פֿאַרעקשנטע,
צעשריענע,
מיר פּלעגן אַלץ זיך שפּאַרן
מיט יעדן צי פֿון שלעכטן פּאַפּיראָס,
פֿאַר יעדן מינדסטן זאָג,
פֿאַר יעדן אות,
ביז צו דעם ראַנד פֿון רוישיקן פֿאַרטאָג.

און אָט אַזוי אויף ניין רי גי־פּאַטען
איז מיט דער צייט אַ קינד שוין אויך געווען —
אַ מיידעלע, וואָס שמייכלענדיק האָט אויפֿגעהעלט די ווענט.
זי האָט געהייסן ליבעלע און גיין נאָך נישט געקענט;
מיר האָבן אַלע אָפּגעוואַרט איר ערשטן קינדער־טראָט,
איר ערשטן שפּרייז,
מיט נייגער און מיט שרעק —
ביז זי איז אַוועק,
אַוועק אַריבער ימען,
צוזאַמען מיט איר טאַטן,
צוזאַמען מיט איר מאַמען
און מיר זײַנען אַוועק —
צעפֿאָרן זיך, צעפֿלויגן,
מיט אומעט אין די הערצער,
מיט טרויער אין די אויגן
אַ יעדערער באַזונדער, מיט זײַן גורלדיקן וועג, —
צעפֿלויגן זיך, צעשוואומען, וואו די וועלט האָט נאָר אַן עק.

נאָר טרעפֿט אַמאָל אַן אומגעריכטע שעה,
ווען ס'טויכט אַלץ ווידער אויף, וואָס איז שוין לאַנג נישטאָ,
און פֿולער ווערט דאָס האַרץ מיט טרויער און מיט זאָרג —
אויף גאַסן רוישיקע פֿון נאַכטיקן ניו יאָרק
דערזע איך פּלוצלונג אונדזער ווייטע, גרויע הויז
אויף ניין רי גי־פּאַטען,
וואָס איז נישטאָ שוין — אויס . . .

יעקב פרידמאַן (ישראל)

לידער

פונעם ציקל: „מיינע זיידעס"

משה־לייב דער נסתר

כ׳טו, האַר, פאַר דיך זיך פעדערן,
כאָטש ווער בין איך אין יצירה,
מער ווי דער פויגל אין ווייסע פעדערן
מיט אַ ליכטיק זערנעלע שירה?
נאָר אַז דער פויגל מעג, מעג אויך משה־לייב,
אַ ייד אַ שוסטערל, אַ פּראָסטער חי וקים,
שרייען: „איך האָב דיך ליב!" כאָטש די רייד
קענען פאַר אַ ברעקל ליבעניש נישט סטייען.
כ׳האָב דיך ליב, כאָטש ס׳מעג איבער מיר
דונערן דיין דונער און האָגלען דיין האָגל.
בשעת איך עפן מיין אָרעמע טיר
הכנעהדיק צו מיין יידישן וואָגל.
אזוי טענהעט משה־לייב אַ שוסטערל צו גאָט,
און מאַכט זיין טיר אויף אין נעפּל געדיכטן.
קושט די מזוזה און מיט הכנעהדיקן טראָט
לאָזט ער זיך גלות אָפּריכטן.
טלית און תפילין, און אַ לאַבן ברויט
ס׳איז דיינו לעת־עתה.
און אַז דאָס האַרץ שאַלט נאָך מיט שירה און לויב,
וואָסזשע האָב איך טענות נאָך, טאַטע?
ניין, כ׳האָב קיין טענות נישט, אסור און אַן עק,
און משה־לייב נעמט מיט אַ זמרל שפּאַנען.
ווי מקובלים אין דבקות דאַוונען בערג
פאַרהילטע אין בלויע טומאַנען.
טייעט משה־לייב: אפילו אַ שוסטער אַ ייד
מעג אויך באַגאַפן דיין וועלט, קיין עין־הרע.
און ער זעט, אַ האָזל מיט זונגאָלד באַשיט
שמייכלט צו אים פון דער נאָרע.

טפו, טפו . . . קיין בייז אויג זאָל נישט זיין,
וועפּל מערעשקעס איילן צום בויען!
לעבן טייך בלייבט משה־לייב אַ רגעלע שטיין
צווישן לעמעלעך ווייסע וואָס פּויען.
ער שטייט און ער גאַפט, און ס'דוכט זיך אים אויס,
ס'רעגנט די שיינקייט מיט שלאַקסן.
און ער הערט ביי גאָט אין ליכטיקן שויס
די וועלט ווי אַ קינדעלע וואַקסן.
אַ קינד איז די וועלט . . . וואָסזשע פּלוצים אַזוי
האָט משה־לייב צעעפנט די אויגן?
דורך שטילעניש אין הייליקן בלוי
איז אַ שפּאַרבער אַדורכגעפלויגן.
אַ שפּאַרבער? נו, מילא, וואָסזשע איז דער רעש?
און משה־לייב עפנט די לעפצן:
„איך קען נישט, טאַטעלע נאַש,
הערן דאָס טייבעלע קרעכצן
אין פּיסק פונעם שפּאַרבער, און ס'זאָל שאַלן מיין מויל,
בענטשן און לויבן תפארת . . .
תפארת נאַקעט און הויל,
אָן רחמנות, איז פּשוט הפקרות.
תפארת אָן רחמים . . . טאַטעלע מיין,
הערסט ווי ס'וויינט די יצירה?
הערסט פון באַפּאַלענע שאָף דאָס געוויין
דערשטיקן פון פייגל די שירה?
באַפּאַלענע שאָף זיי שרייען צו דיר,
און וועלף וואָיען תאווהדיק שיכור.
הערסט ווי ס'שרייען טויבן צו דיר
שרייען אין פּיסק פון פּאַרציקער?
וואָסזשע בין איך שולדיק, באַשעפערל, האַר,
אַז ס'וויינט אין מיין האַרצן רחמנות?
ניין, איך האָב קיין תרעומות נישט, האַר,
איך פּאַרלאָז זיך אויף דיינע כוונות.
איך ווייס: דיין כוונה פירט די דרכים מיט ליכט
און ס'איז נישט משה־לייבס עסק.
כ'ווייס: ס'אַרט דיך נישט וואָס אַ שוסטערל, אַ ייד
איז דאָס, אָדער יענעם נישט משיג.
איך פרעג נישט קיין שאלות, נאָר מתפּלל איך בין,
פּאַרנעם, באַשעפער, מיין תפילה:
כ'וויל זיין אַ שותף צום צער פון אַ שפּין,
צום צער פון אַ מילבל אפילו.

און ווערט אַ טייבעלע ערגעץ פּאַרציקט
זאָל אויך רינען דאָס בלוט מיינס מיט אירן.
און ווערט אַ מערעשקע ערגעץ דערדריקט
זאָל מיין פלייש ליידן מיט אירן."
אַזוי טענהט משה־לייב אַ שוסטערל צו גאָט,
און די באַרג־וואַסערן צעשאַלן זיך מיט שירה:
געלויבט זיין ליבער נאָמען וואָס האָט
צום בן־אדם געשאָנקען בחירה.

רי אהרן קאַרלינער איז מזווג זיווגים

מיטן ליולקע־ציבעק פון בורשטין
זיצט מיין זיידע פון קאַרלין.
אויפן טיש — דער זוהר אָפן.
אין די שויבן — די אין־סופן.
דרינגט דער זיידע: סע פרעגט זיך, נו —
פריער לערנען דאָרט צי דאָ?...
פּופּקעט דער זיידע דעם ליולקע־ציבעק:
אפשר מזווג זיין דעם זיווג,
דעם דאָ און דאָרט?... הייליקער סוד:
פון כפלען און כפלען קען ווערן אחד....

שטייט אויף דער זיידע און פּופּקעט צופרידן,
עפנט פון חדר מיוחד די טיר צו די יידן.
טוען אַ פלאַטער, ווי פייגל, פאות און בערד.
דוכט זיך דעם זיידן קוואַלרויש ער הערט.
ציט ער די ליולקע: „כ'בין מגלה דעם סוד,
ייד מאָל ייד קען ווערן אחד"...
טוט עולם אַ ציטער פון הייליקנס וואָרט,
טוען זיך יושבים אַ ריר פונעם אָרט.

ציט דער זיידע די ליולקע און זיין קול איז צעגליט:
„צו אַ באַרגקוואַל געגליכן איז איטלעכער ייד.
נו, און שליחות? וואו איז שליחות פאַראַן?
שליחות פון קוואַלן איז באַהעפטונג אין ים"...
טוט עולם אַ ציטער. דער הייליקער שטראַלט.
און ס'בייגן זיך יושבים ווי ביימער אין וואַלד,
צווייגן צו צווייגן, אַן איינציק געפלעכט:
ס'האָבן זיך יידן אין אַ ריקוד באַהעפט.

פּופּקעט דער זיידע, און דער הייליקער ריח
גייט ווי קטרות אַרויף פון מזבח.
אַ מזבח — די וועלט . . . און אין ליכטיקן גלאַנץ
זעט ער די יושבים אין צעפלאַקערטן טאַנץ.

טייעט דער זיידע: קיין טייך מער פאַראַן —
אַלע טייכן באַהאַפטן אין איינציקן ים.
און ער נעמט פון נחת
פּופּקען דעם ליולקע־ציבעק:
געלויבט זיין ליבער נאָמען!
מזווג געווען דעם זיווג.

פונעם אַפּטער רבס גוזמאות

פון כמה יאָרן, צו מלוה־מלכה, ווי זיין טבע,
פלעג ליב האָבן פון אַפּטע דער הייליקער זיידע
גוזמאות דערציילן פאַר חסידים מקורבים.
אַ סך פון די גוזמאס פאַראַן אין כתבים.

. . . זיצט אַזוי זיך ביים טיש, דער הייליקער אַפּטער,
מיטן גאָלדענעם פּושקעלע אַ פאַרדבקהטער קלאַפּט ער.
קלאַפּט ער און ברומט צו פאַרטייעט אַ ניגון.
און פּלוצים . . . אַ שמייכל . . . און ער זאָגט צו די יידן:
„עץ ווייסט, כ׳דערמאָן זיך, אַ מעשה פאַרלאָפן,
מיט אַ יידל, אַ יושב, האָט די מעשה געטראָפן.
מיט אַ יידל, אַ יושב,ביים מגיד זכותו יגן.
און ס׳האָט אַ מאָל דאָס יידל זיך ביזן הימל דערטראָגן,
אין איינער אַ נאַכט, בשעת קידוש־לבנה.
געהייסן האָט דאָס יידל, פּשוט זיך, חנא.
. . . אַ לבנה־נאַכט געוועזן, אַ זילבערנע ערד,
און סע שוועבן די יושבים, צעפּאַטלטע בערד,
מיט ליכט אין די הענט צום נאַכטישן פליין
די הייליקע לבנה מהדש צו זיין.
און צווישן די יושבים, ווי אַ נר־תמיד צעפלאַמט,
חנא דאָס יידל אַ ליכטיקער שפּאַנט.
די אויגן פאַרגלאָצט. ער באַגאַפט דאָס געוועלק.
און פּלוצים דערזעט ער: צווישן כמאַרעס־געבערג,
ווי אַ לאַמעדוואָווניקל פון אַ טונקעלער קלויז,
שאַרט זיך לבנה פאַרדבקהט אַרויס. . . .

„שלום־עליכם", שטרעקט ער אוים זיינע הענט.
„עליכם־שלום" . . . האָט אים לבנה דערקענט?
וואָרעם ער זעט, פון ליכטיקן זילבער
שטרעקט לבנה צו אים אירע פינגער....
„שלום־עליכם", און ער טוט זיך א צי:
„ברוך־השם", מ'זעט ווידער זיך הי.
„ברוך־השם" . . . און ער הייבט די אויגן פאַרטרערט.
זעט ער: א זילבערנע וויג איז די ערד.
וויגן זיך הייזער, וויגט זיך דער מאַרק,
און הינטערן שטעטל דער וואַלד אויפן באַרג.
און איבער זיי אַלע לבנה ציט אוים
רצועות פון זילבער, און וויקלט זיי אוים
אויף די הענט פון די וועגן, און וויקלט אויך איין
די זקנים די יושבים אין ליכטיקער שיין.

„שלום־עליכם", שרייט א טאָל צונעם וואַלד,
„עליכם־שלום", ענטפערט א טייכל צעשאַלט.
„שלום־עליכם", רופט א שטערן צום מאַרק.
„עליכם־שלום", ענטפערט א שפיץ פון א באַרג.
„שלום־עליכם", שפרינגט א וועוועריק אַרויס.
„עליכם־שלום", ענטפערט א בין פון א רויז.
און חנא דערזעט: אין נאַכטישן ים
בינדט לבנה מיט זילבער־רצועות זיי אַלע צוזאַם.
אַלע ברואים און צמחים, גרויס און קליינס,
און ס'ווערט פון זיי אַלע אין־סופיקער איינס....
שרייט חנא דאָס יידל: „טאַטעלע, גאָט,
ס'איז גאָרנישט קיין וועלט — ס'איז גאַלע אחד"...
ציטערן יושבים. און אין הייליקן טומל,
הייבט זיך ר' חנא אַרויף צונעם הימל.
א רגע איז דער הימל נאָך אָפן געווען,
און ס'האָבן די יושבים אין הימל דערזען:
אין דער מרכבה פון גאָטס ליכטיקן שוים
שמייכלט ר' חנא ווי א בן־יחיד אַרוים....

אַזוינע גוזמאות פלעגט האָבן א טבע
פאַר מקורבים דערציילן פון אַפּטע דער זיידע.

מיין מאַמעס חלום

מיין מאַמע, אַ זעקסיעריק מיידעלע צווישן חסידים־עדה
שטייט און ווייסט: ס׳גיט אַפּ צו גאָט די נשמה דער ראַכמיסטריווקער זיידע.
און זי זעט: מיט אַ פּראָסטן בעל־עגלהשן היטל,
שטייט גאָט אים צוקאָפּנס און נעמט אָפּעט זיין קוויטל,
וואָס ער דער ראַכמיסטריווקער זיידע האָט אין די לעצטע רגעס אָנגעשריבן.
ווי שוואַרצע אותיות האָבן זיך די ראָבן אין שניי צונויפגעקליבן.
און דער שניי דער ווייסער ווערט אַליין אַ הייליק ווייס קוויטל.
צעשמייכלט גאָט זיך מיטן פּראָסטע בעל־עגלה היטל,
זעצט זיך אויף דער קאָטש און נעמט טרייבן די פערד,
און פאָרט מיטן גאַנצענעם הויף אַוועק פון דער ערד....
וויינט מיין מאַמע און כאַפּט זיך אויף פון שלאָפן.
אויף איר שרייען זענען אַלע מקורבים צונויף זיך געלאָפן:
„גאָט איז מיט דיר, קינד" . . . די מאַמע עפנט די אויגן.
די זון זעצט זיך אין די קליינע פאַרפרוירענע שויבן.
פון הויף טראָגט זיך געיאָמער. אויף דער שוועל שטייט די אַלטע שרה־ברכה:
„ברוך דין אמת . . . דער רבי זכרונו לברכה" . . .
וואָראָנעס פליען קראַקנדיק. די מאַמע פאַרנורעט אין קישן דאָס
קינדישע קעפּל.
און זעט: גאָט טרייבט ווייטער די קאָטש דורך נאַכטיקן נעפּל.
אין קאָטש ליגט דער זיידע . . . סאַראַ שנייאיק געווימל —
גאָט פאָרט מיטן קאָטש אַריין אין אָפענעם הימל.

פעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנץ

לידער

צו אַן אָפּגעפאַלן בלאַט

דורך דיינע דינסטע אָדערלעך
איז יחוס־בלוט געפלאָסן,
ביז ס'האָט מיט גרינקייט זוניקער
דיין הויט זיך אָנגעגאָסן.

ביינאַכט האָט דיר אַ שטערן־ליכט
געשיקט אַ קוש אַ בלויען,
קאַיאָר האָט ערשטע פלאַטער־רויט
געטאָן זיך דיר פאַרטרויען.

נאָר ס'האָט אַ מאָביק ווערעמל,
גערולדיק, דורך מעת־לעתן,
אין סאַמע האַרץ דיינס סאַמעטנס
זיך טיף אַריינגעגעסן.

זיך איינגעפרעסט, צעפרעסן דיך,
ביז ס'האָט אַ ריס געגעבן
אַ ווינטל דיך אין האַרבסטיקייט
און אָפּגעהאַקט דיין לעבן.

אָ, בלאַט אַראָפּגעפאַלענער,
דו וועסט שוין מער נישט גרינען,
כ'וועל אויך ווי דו נישט אויסמיידן
מיין לעצט אָרט צו געפינען.

געקוילעטער נעכטן

צו רייזל זשיכלינסקי

דער טאָל האָט געגרינט
אונדז צופוסנס
ביים שוועל פון ווייסן שטיבל.
א פלאַטערל האָט זיך
געדרייט אַרום דיר
באַגריסט דיך מיט ליכטיקע פליגל.

דער טאָג האָט געזונגען
א העל־זוניקן ניגון,
און מיר — מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען,
מיר האָבן געשוויגן.

האָסט א בינטל בלומען
געבראַכט מיר פון וואַלד —
געלע מיט שוואַרצע אויגן;
איז דער צער געקומען צו גאַסט
און זיי מיט טרויער פאַרצויגן.

מיר האָבן געשוויגן.
גערעדט האָבן די רגעס אַליין,
גענומען זיך אין פּחד פלעכטן.
אונדזערע מחשבות
האָבן זיך צעקושט
מיט ציטער פאַרן געקוילעטן נעכטן.

שרעק

זי איז געקומען צו מיר
אין א האַרבסטיקער נאַכט —
מיך געהיט, מיך באַוואַכט,
און מיט פינצטערע אויגן
געלויערט אויף מיר
אויף מיין מינדעסטן ריר.

זי איז געקומען צו מיר
אומגעריכט אויף מיין שוועל
און פאַרשווערט מיינע טריט,
און געלאָזט מיר אַן אָנדענק —
א פלאַמיקע קרעל
אויף א בלוטיקן שניט.

א צושויערין ביים זייט

דער טרויער פונעם שפּעטן האַרבסט
ברענט אין געלע און רויטע פלאַמען,
עס פיבערט דער וואַלד אין זון־פאַרגאַנג,
עס וויינען שטום די שטאַמען.

א טשאַטע פייגל ציט פאַרביי —
ווי שפּילצייג־עראָפּלאַנען,
מיט א געצוויטשער נידערן זיי
אויף ציטרין־געלע לאַנען.

און איך, א צושויערין ביים זייט —
כ'פאַרנעם מיט דינעם ציטער
אין שטורעם פונעם שפּעטן האַרבסט
מיין אייגענעם געוויטער.

דיינע לידער

צו רחל ה. קארן

דיינע לידער — זאַנגען פול מיט טרויער
נייגן זיך צו מיר אין אָוונטיקער שעה;
שטומט מיין וואָרט אין מיר אין טיפער ליבשאַפט
פאַר דיין דוכגעלעבטער פּיין, וואָס איז נאָך דאָ.

ברענגט די וויים מיר אָן בית עולם שטילקייט,
און א פויגל ברענגט א קינדס געוויין,
און די לידער דיינע, רחל, ברענגען
טרערן, וואָס פאַרגאָסן האָט זיי גאָט אליין.

שיק איך איצטער דיר מיין שטומע ליבשאַפט, —
וועט זי זיין א טרייסטונג פאַר דיין מידער שעה?
בעט איך אַז דיין אייגן וואָרט זאָל זיין דיין טרייסטונג
פאַר דיין דורכגעלעבטער פּיין, וואָס איז נאָך דאָ.

ביים קבר פון חנה סענעש

פון מזרח און מערב
פון צפון און דרום
ציען זיך ווינטן
אהער צו די קברים.

די זון היט דיין קבר
מיט פלאַמיקע פליגל,
און לייגט דיר צופוסנס
אַ גאָלדענעם זיגל.

אַ ביימל צעשויבערט,
צעקוועלט זיך מיט גרינקייט,
און איבער דיין קבר
דערציילט פון דיין יינגקייט.

ווי דו ביסט דורך שטורעם
געפלויגן צום פייער,
פאַר פאָלק און פאַר היים
זיך געגעבן צו שטייער.

זינגען די סטעזשקעס
אין ניי־טאָג אין ראָזן
פון טריט דיינע העלע
אויף שטיינער און גראָזן.

און דאָ, ביי דיין קבר
אין פלאַטער פון ווינטן
דיין נאָמען — אַ נגון
אויף ביימל צעגרינטן.

יצחק מאָרגנשטערן

לידער

איך טו דערמאָנען

איך טו דערמאָנען
יענע שווארצע הימלען
און די קאַלטע ווינטער־טעג;
די טיפע רעגנדיקע בלאָטעם
מיט די באָרוועסע פיס.

איך טו דערמאָנען
דיין געל־גרין לייב,
דיין דורכגעפרוירן לייב:
מיר זיינען געלעגן אויף דער ערד,
אויף דער קאַלטער טרויעריקער ערד.
דער קאָפּ האָט געשווידערט,
דיינע גרינע אויגן האָבן געשווידערט
פון אַלע גרינע נאַסעביימער ארום.
און דער רעגן איז גערונען אויף אונדז.

איך טו דערמאָנען:
דער פּראָסט האָט געברענט.
ס'איז געווען צוועלף־האַלב־איינס ביינאַכט.
מיר האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט
און געגאַנגען הויך און געלאַכט.
אויפן וועג האָבן לאָמפּן געפלאַמט.
מיט רויט און געל, בלאָ און גרין.
און מיר זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט
מיט רויט און געל, בלאָ און גרין.
דער וועג איז געווען לאַנג און ווייס.
מיר זיינען געווען קאַלט געשטייפט ווי אייז;
צוויי שטיקער אייז האָבן שפּאַצירט ביינאַכט אין שניי.
צוויי מענטשן זיינען געגאַנגען ביינאַכט אַליין
און געשניטן דעם ווייסן שניי.

אין אַלע טעג און נעכט,
איך טו דערמאָנען,
דיינע פעסטע גרויסע הענט;
דיין פּלייצע — אַ ליכטיקע מויער,
דאָס איז געווען דיין טרויער.
איך טו דערמאָנען,
ווי דו ביסט געלאָפן אין ווייסן העמד
מיך ראַטעווען פון זייערע הענט....

איך האָב שוין אַ ווייב מיט קינדער
און בענק נאָך אַלץ צו דיין ווייסן שניי!

פון דעמאָלט אָן

דו ביסט געשטאַנען אין אַ פינצטערער שטוב
מיטן פּנים צום אויוון.
דו האָסט דיך פאַרשטעלט
פאַר מיר,
ווי אַ מויער.
שפּעטער זיינען מיר געלעגן,
און די נאַכט איז פול געוואָרן
מיט דיר.
פאַרטאָג
האָט עמיצער פון יענער זייט
אָנגעקלאַפּט ביי דער טיר. —
מיין טאַטע — אַ ווייסער,
איז געשטאַנען הינטער אים
און מיך גערופן
ציטערדיק און שטום.
איך האָב זיך אויפגעהויבן —
אַ גרייטער,
איך האָב אַ לעצטן קוק געגעבן
אויף דיר,
און דיך מער נישט געזען
פון דעמאָלט אָן.

צו דער באָבע

די נאַכט איז פינצטער
ביי יעדער טיר.
אַלע וועגן גייען אַראָפּ
אין דער טונקל
צו יעדנס שוועל.
די הייזלעך שטייען אָפן,
געבויגן
מיט די בלאָע דעכער
אַראָפּ.
אַ הווילקייט אויפן מארק,
די בלאָ פאַרדעקט יעדנס טיר.
אין די בלאָע לעכער
קריכן אַרום אַלטע ווייבער —
דאַרע באָבעס
אין שוואַרצע קליידער,
און די נאַכט — ליגט זיי —
ביי די פיס.

מיין באָבע האָט געהאַט בלאָע אויגן.
אַ ווייסע האָר ביי איר
איז געפלויגן
צו דער בלאָ.
מיין באָבע האָט געהאַט
אַ דאַרן טונקלען האַלדז
און אַ לאַנגע שפּיציקע נאָז.
מיין באָבע האָט געהאַט בלאָע ליפּן
און אַ פולן מארק מיט שטערן
אויף איר קאָפּ.

באָבע,
נעם מיך אָן ביי דער האַנט,
און פיר מיך צוריק
אין פאַרנאַכט
צו דער שוועל —
צו דער טיר,
ביי דיינע פיס.

אין אַ לאַגער־עטאַפּ

אונטער אָפֿענע הימלען
טרעטן יונגע פֿרויען
אין טיפֿע שנייען —
מיט די קעפּ געזונקען אַראָפּ.
זיי שטעלן לאַנגע טריט
און טרייסלען מיט די באַקעס
ווי געיאָגטע פֿערד.
יונגע פֿרויען קוקן שטאַר
און שפּייען מיט בלוט אין די שנייען.
פֿרויען גייען מיט געשלאָגענע טריט
גלייכע מיט דער ערד. —
איינס, צוויי; איינס, צוויי,
און רויטער ווערט און רויטער דער שניי.

צו דער „בעזפּריזאָרניצע“

איך וויל אָנהייבן פּשוט מיין ליד:
צי קומסטו —
צי קומסטו נאָך צוריק?
צי וועל איך נאָך פֿילן דעם טעם
פֿון דיינע אויגן?
אויב דו געדענקסט נאָך דיינע אויגן. —
איך וויל וויסן
צי לעבסטו נאָך וואו?
צי פֿילסטו נאָך אויף דיינע באַקן
דעם שטילסטן ווינט?
צי גייסטו נאָך אַרום פֿאַרלוירן
ווי אַ קינד?
איך וויל וויסן
צי גייסטו נאָך אין די שמאַטעס
אויף דיינע פֿיס?

מיר, געדענק איך,
האָבן דיינע פּלייצעס געשמעקט
ווי דאָס פֿעלד;
דו ביסט אַזוי גוט געווען
ווי דאָס פֿעלד;

דו ביסט געלעגן אונטערן הימל
ווי דאָס פעלד,
און דיינע ליפּן זיינען געווען פאַרמאַכט
און בלאָ ווי דער הימל.

הער, —
וואָלט דען נישט קיין יושר געווען
אַז איך זאָל דיך ווידער אַזוי זען
אונטערן בלאָען הימל —
מיט די שמאַטעס
אויף דיינע פּיס? —
גלויב מיר,
אַז ס'איז נישטאָ קיין שענערס פון דעם
אויף דער גאָרער וועלט.

פּייער

ס'וועט בליצן פּייער צו פּייער,
ס'וועט זיך שטויסן פּייער אָן פּייער,
ס'וועט זיך באַגעגענען פּייער מיט פּייער,
און אַזאַ געוויין וועט זיין.
און אַזאַ ליכטיקייט.
דערנאָך וועט אַזאַ שטילקייט זיין.
אַזאַ שטילקייט.

וואָס וואָלט גאָט געפעלט

וואָס וואָלט גאָט געפעלט
ווען זי — די ווייסע, די ריינע,
מיט די גרויסע אויגן —
ווען אויך זי זאָל אַ גאָט זיין?
זי זאָל לעבן
און זי זאָל אַרומפליען
מיט אירע גאָלדענע האָר,
און אַלץ וויסן, און אַלץ פאַרשטיין —
זי, מיט די בלאָע גרויסע אויגן.

וואָס וואָלט גאָט געפעלט?

י. פריליך

פייגל

דערציילונג

די פאַטיאָ האָט אויסגעזען ווי אַ פּירקאַנטיקער קאַסטן. איין וואַנט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער שכנותדיקער פאַטיאָ, איז געווען געדיכט באַהאַנגען מיט בלומען־טעפּ, מיט קריך פלאַנצן, מיט קאָלירדרייכע אויסגע־האַפטענע און אויסגענייטע טיכער און טיכלעך. אַ גאָלדן־געלער שפּיל־פויגל איז געזעסן אין אַ שטייגל, געמאַכט פון דינע שטעקעלעך, און איז זיך פאַר־גאַנגען אין אַ בענקענדיקן געצוויטשער.

אין סאַמע צענטער פון דער פאַטיאָ איז געשטאַנען אַן אַלטער, געבויר־געַנער בוים, וואָס האָט געשפּרייט אַרום זיך אַ נעץ פון קלענערע און גרעסערע שאָטנס. אונטערן בוים איז געשטאַנען אַ ווייס־געדעקטער טיש, וואָס איז געווען פול מיט שפּייזן, מיט רויטן ווײַן און קאַראַפינקעס, מיט סאָפּאָנדלעך סאָדע־וואַסער, מיט פלעשלעך ביר.

סעניאָר כאַסינטאָ מאַרקוס, אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער ייִד מיט אַ צעפלאַמטן פּנים, מיט אַ צעאַקערטן שטערן, מיט אַ פּאָר וואָנסעס שאַרפע, שפּיזיקע ווי ציין בערשטלעך, האָט זיך נערוועז אַרומגעשפּאַצירט איבער דער פאַטיאָ, האָט אַלע מאָל אָנגעשטעלט די אויערן, ווי ער וואָלט געהערט טריט, וואָס דערנעענטערן זיך צו זײַן הויז. ער האָט געטראָגן אַ פּאָר ווייכע, געשטריקטע שיך, ברייטע, לייוונטענע הויזן און אַ ווייס העמד, וואָס איז געווען אָפן, צעבראַשטשעט. געלבלעך גרויע האָר, ווי אַן אינדזל אויף זײַן ברוסט, האָבן אַרויסגעקוקט פון זײַן העמד. אַרום האַלדז איז בײַ אים געווען אַרומגעשנורעוועט אַ ווייס נאָזטיכל, וואָס האָט ווי אַ שוואָם אײַנגע־זאַפּט אין זיך די טראָפּנס שווייס גרויס ווי קרעלן, וואָס האָבן זיך אַראָפּ־געקייקלט פון זײַן צעקאַרבטן שטערן, פון זײַנע צעפּאַסעוועטע באַקן, פון זײַן הויכן, צעקנייטשטן האַלדז. ער האָט פון צייט צו צייט אַ הייב געטאָן די אויגן צום אייבערשטן גאָרן פון זײַן הויז, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער דעם אַרײַנגאַנג צו דער פאַטיאָ, און אַז ס'האָט זיך פון דאָרט דערטראָגן צו אים אַ סקריפּעדיקער וואָרטש, אַ גרילציקער קוויטש, אַ בייז וואָרקן, האָט ער פאַרביסן די ליפּן, פאַרשטייפט די פויסטן און צום חלל אַ ברום געטאָן: „גוואַלד, וואָס טוט מען מיט זיי?"

ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן שנעלער, איז פאַרפאַרן מיט זײַנע פינגער אין די אָפּגעבלאַקעוועטע האָר, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אויסגע־

טרוקנטער טיטון, און זיינע בלוילעך גרויע אויגן האָבן זיך פאַרזשמורעט, ווי זיי וואָלטן געזוכט עפּעס אַן עצה, וואָס צו טאָן מיט „זיי" דאָרט אויפן גאָרן־שטיבל.

דער האַנט קנאַקער אויף דער טיר פון דער פּאַטיאָ האָט אַ הילך געטאָן, האָט צעפּליקט די שטילקייט פונעם אַרום. סעניאָר מאַרקוסעס האַרץ האָט אַ פלאַטער געטאָן אין אים. ער האָט צום לעצטן מאָל געוואָרפן אַ בליק צום גאָרן און זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט מיט געבעט: „הלואי זאָלט איר דאָרט איינגעמען אַ שטומעניש אויף היינט". פלינק אויף די פיס ווי אַ קינד איז ער אַוועק צו דער טיר. ער האָט אויפן וועג פאַרהאַלטן זיין שוואַרץ־האָריק, ברוין־הויטיק איינקל, וואָס האָט אים געוואָלט איבעריאָגן, געוואָלט זיין פריער ביי דער טיר. ער האָט געטאָן אַ פּראַל אויף די טיר און האָט פאַר זיך דערזען דעם גאַסט, דעם יונגנמאַן, וואָס האָט דעם פרימאָרגן געהאַט אָנגעקלונגען אויפן טעלעפאָן און אים אָנגעזאָגט, אַז ער איז ערשט נעכטן שפּעט ביינאַכט אָנגעקומען מיט דער שיף „וואולקאַן" פון אייראָפּע, פון וואַרשע.

סעניאָר כאַסינטאָ האָט פאַרפעלט אָטעם ווען ער האָט דערזען לעבן זיך דעם יונגנמאַן, וואָס האָט איבערן טעלעפאָן זיך פאָרגעשטעלט פאַר אים ווי זיין שוועסטערס אַ זון. ער האָט ערשט פאַר זיך געזען נישט סתם אַ בחור, וואָס זאָגט, אַז ער איז זיין לייבלעכער שוועסטערס אַ קינד, נאָר ער האָט געזען שטיין לעבן זיך זיין שוועסטער אַליין, זיין שוועסטער ליבע, ווי ער האָט זי דערקענט ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל מיט לאַנגע, געדיכטע צעפּ, וואָס האָבן זיך שטענדיק געבאָמבלט ביי אירע אַקסלען.

„מוישל, מוישעלע הייסטו, דאַכט זיך?" האָט אַ קוואַליקע פרייד זיך געריסן פון אים און ער האָט אויסגעשטרעקט ביידע ציטערנדיקע הענט צום בחור, וואָס האָט אויסגעזען אַביסל פאַרלוירן. סעניאָר כאַסינטאָ האָט אימ־פּעטיק אַ נעם געטאָן מוישלען אין זיינע אָרעמס אריין ווי אין קלאַמערן און ער האָט אים געדריקט צו זיין האָריקער ברוסט, צו זיין פייכטן האַלדז. זיינע בערשטלדיקע וואָנסעס האָבן זיך איינגעפּרעסט אין משהס באַקן און משה האָט מורא געהאַט, אַז די נאָדלען האָר וועלן דורכלעכערן די הויט פון זיין פּנים. משה האָט געפילט ווי הייסע טראָפּנס טרערן קייקלען זיך פון זיין פעטערס באַקן צו אים אויפן פּנים. ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון פעטער, אים זען, וויסן ווער עס האַלדזט אים אַזוי שטאַרק און קושט אַזוי הייס, האָט געוואָלט נאָכאַמאָל זען צי דער מענטש אין וועמענס אָרעמס ער איז איינגעקלאַמערט איז טאַקע זיין פעטער, דער פעטער וועגן וועלכן די מאַמע האָט שטענדיק געהאַט צו דערציילן אַזויפיל מעשיות, אָבער ער איז געדולדיק געבליבן אין פעטערס קלאַמערן און האָט געוואַרט ביז דער פעטער וועט אים באַפרייען.

„טאַקע מיין שוועסטערס זון מוישעלע!" האָט מיט אַ וואַרשעווער אויסשפּראַך סעניאָר כאַסינטאָ כסדר געשעפּטשעט, דאָ אָפּגעלאָזט דעם בחור,

אים אַ שטעל געטאָן פאַר זיך, אים באַקוקט, און דאָ אים ווידער אַ שלעפּ געטאָן צו זיך.

משה איז ערשט געשטאַנען אַ באַפרייטער. ער האָט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געקוקט אויפן צעשטראַלטן פעטער, אויף זיינע פייכט רויטע אויגן און ער האָט קיין שום שייכות נישט געקענט געפינען צווישן אים און זיין מוטער, צווישן דעם פעטער און דעם זיידן, דעם זיידן דעם געווער חסיד, דעם תלמיד חכם, דעם אייזערנעם קאָפּ, דעם זיידן ר' הערש לייזער בראָקער. ער האָט פאַר זיך געזען אַ צעאַקערטן, אַ צערונצלטן פּנים, אַ פּנים, וואָס איז געווען ענלעך צו די פּנימער פון די פּוילישע פּויערים, וואָס שטייען גאַנצע טעג אונטער דער ברענענדיקער זון, וואָס זיינען צעבייטשט פון שניידנדיקע ווינטן, אַ פּנים מיט שטעכעדיקע, שאַרפע, שמאָלע וואָנסעס, וואָס זיינען אָפּגעקראָכן פונעם שטענדיקן רויך פון מאַכאָרקע.

פון די אָפענע טירן פון הויז, פון די צימערן ווי קעמערלעך אַרום פּאַטיאָ האָבן זיך באַוויזן פלאַקסן־האָריקע יונגעליית, שוואַרץ־ברוינע ווייב־לעך און קליינע קינדער.

„פּאַקיטאַ, זע, אָט דאָס איז דאָך מיין שוועסטער ליבעס זון!" האָט מיט צעלויכטענע אויגן ווי בליץ־לאָמפּן כאַסינטאָ זיך געווענדט צו אַ נידער־ריקער פול־בוזעמדיקער פרוי, וואָס איז געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט און האָט זיך געווישט די הענט אין פאַרטעך. „מיין שוועסטער ליבעס זון, ווי מיין שוועסטער פון אויג אַרויס!" האָט כאַסינטאָ נישט אויפגעהערט צו שוימען מיט פרייד.

משה האָט דערלאַנגט דער פרוי די האַנט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז אוודאי זיין זיין מומע. זי איז געווען די עלטסטע צווישן די פרויען, וואָס זיינען ערשט געשטאַנען אַרום אים. זי האָט אויסגעזען ווי וועלכע עס איז אַנדערע יידישע מאַמע. משה האָט ערשט אַ טראַכט געטאָן, אַז ווען דער פעטער וואָלט זי נישט גערופן מיט דעם מאָדנעם פרעמדן נאָמען פּאַקיטאַ, וואָלט ער זי געקענט רופן שרה, חיה, ביילע אָדער אפילו פּשוט בריינע. אירע קליינע אויגן זיינען געווען אומעטיקע, באַצויגענע מיט יידישן מאַמע־צער און אויף איר פּנים האָט געלויכטן אַן ערב־שבתדיקע צניעות, אַ רואיקייט פון פאַר ליכט בענטשן. משה האָט לאַנג געהאַלטן דער מומעס האַנט אין זיינער, ווי ער וואָלט אין איר האַנט געזוכט און געפונען אביסל היימישקייט, אביסל וואַרעמקייט, אביסל שוץ אין דער פרעמדער קאַלטקייט אַרום אים.

די זין, די שנורן, די אייניקלעך זיינען געשטאַנען אין אַ קרייז אַרום פּאַטער, מוטער און גאַסט. זיי האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך. דער פעטער האָט פאָרגעשטעלט יעדן באַזונדער, נאָר זיי זיינען געשטאַנען, האָבן געקוקט און זיך געוויטלט.

"קענען נישט אויסריידן קיין יידיש וואָרט!" האָט סעניאָר מאַרקוס זיך באַגאַסן מיט שוויים פאַר חרפּה פאַרוואָס די קינדער שטייען ווי שטומע. „אַ וויסט לאַנד", האָט ער צוגעגעבן. באַלד האָט ער מיט אַ צאַרטער, געענ־

דערטער שטימע א זאָג געטאָן: „ביסט אודאי הונגעריק, מוישעלע?" ער האָט משהן א כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, אים געצויגן צום וויס־געדעקטן טיש אונטערן בוים אין דער פאַטיאָ און האָט א רוף געטאָן: „וואַמאָס א קאָמער!" ער האָט א שמייכל געטאָן צו משהן און איבערגעזעצט אויף יידיש, דאָס וואָס ער האָט נאָרוואָס געזאָגט די קינדער: „קומט עסן, האָב איך זיי געזאָגט".

ער האָט אוועקגעזעצט משהן אויף א שטול לעבן זיך אויבן אָן פון טיש. ער האָט אים צערטלעך א גלעט געטאָן די האַנט און ער האָט אים געבעטן: „עס, מוישעלע, עס!"

משה האָט דערפילט ווי עס וויקלט זיך און שפּרייט זיך א נאָענטע היימישקייט אַרום אים, כאָטש אים האָט ווי געטאָן פאַרוואָס די קינדער אַרום מוזן צוליב אים זיצן ווי טויב־שטומע. ער האָט ביסלעכווייז אָנגע־הויבן צו באַטראַכטן די קינדער און ער האָט דערזען, אַז זייערע פּנימער זיינען באמת גאַרנישט אַזוי גויאיש־פרעמד ווי זיי האָבן זיך אים אויסגעוויזן בעת ער האָט זיי נאָרוואָס געהאַט דערזען. ער האָט ערשט אפילו באַמערקט, אַז דער עלטסטער זון, וואָס איז געזעסן ביים טאַטנס רעכטער האַנט און איז שטאַרק געווען גערעאָטן אין טאַטן, אַז דער עלטסטער זון האָט א פּאָר אויגן, וואָס זיינען אַזוי טיף, אַזוי געדיכט באַברעמט ווי דעם זיידן הערש לייזערס אויגן. אפילו דער גלאַנץ אויף זיי איז שיר נישט דערזעלביקער גלאַנץ, וואָס הויערט שטענדיק איבערן זיידנס אויגן. די שוואַרץ־חנעוודיקע שנורן האָבן אויך געהאַט אויסגעגאָסן אויף זייערע פּנימער א מין יידישע צניעות, וואָס האָט צוגעגעבן היימישקייט דעם אַרום. אים האָט ערשט פאַרדראָסן פאַרוואָס ער קען זיך מיט זיי אַלע נישט צערעדן ווי מיט אייגענע. אים האָט זיך גערדאַכט, אַז ווען ער קען זייער שפּראַך אָדער זיי זיין שפּראַך וואָלט דאָס ביסל פרעמדקייט אַרום אים אינגאַנצן צערונען געוואָרן. ער וואָלט באַלד געוואָרן אָן אייגענער צווישן אייגענע.

דער פעטער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, האָט אים אַלעמאָל דערמאָנט: „עס, מוישעלע, עס!" ער האָט אָנגעגאָסן א גלאָז ווייַן מיט סאָדע־וואַסער, געמישט פאַר משהן; ער האָט אָנגעפילט אַלע גלעזער, אפילו די קינדערס, מיט ווייַן און סאָדע־וואַסער און האָט זיך געווענדט צו משהן: „טרינק, מוישעלע, ס'איז גוט צום אַפּעטיט!"

משה האָט א צי געטאָן פונעם גלאָז. דער ביטערער ווייַן האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז, אים געשטיקט, געוואָרגן ווי מ'וואָלט דאָרט אַריינגעשטופּט א בינטל פינגער. ער האָט זיך צעהוסט, איז רויט געוואָרן און האָט זיך אַנטשולדיקט: „נישט געוואוינט צו קיין געטראַנקען!"

„וועסט זיך צוגעוואוינען. אָן ווייַן האָט ס'עסן קיין שום טעם נישט", האָט דער פעטער אים געגלעט די האַנט.

די מומע האָט אַרויסגעטראָגן פון א זייטיק צימערל אין פאַטיאָ פול־מעסן פאַרשיידענע געקעכצן. משה האָט באַמערקט ווי זי טראָגט צו הכנעה־

דיק דאָס עסן צום טיש און שטעלט אַוועק די מאכלים לעבן איר מאַן. ער שטעלט זיך אויף פאַר יעדן פּולמעס, פאַר יעדן באַלאַדענעם טעלער ווי פאַר אַן עלטסטן און פאַרטיילט פּאַרציעס מיט אַזאַ מינע ווי ער וואָלט להבדיל געווען אַ כהן ביי דער עבודה. אַלע אַרום טיש האָבן געגעסן מיט דרך ארץ און אין אַ מוראדיקער שווייגעניש. מ'האָט בלויז געהערט דעם געקלימפּער פון לעפל, גאָפּל, מעסערס און טעלערס.

„נאָך אַ שטיקעלע פליש?" האָט די מומע ס'ערשטע מאָל אַריינגע־וואָרפן אַ וואָרט.

„אַ דאַנק, אַ דאַנק", האָט משה זיך אָפּגעבעטן.

„אַז דו וועסט נישט אַריינלייגן וועסטו נישט אַרויסנעמען", איז דער פעטער צוגעשטאַנען, אַז משה זאָל פון זיך נישט אַוועקשאַרן דאָס עסן. „זעסט דאָך אויס ווי אַן אויסגעצויגענער דראָנג", האָט ער צוגעגעבן. זיין פּנים האָט זיך געשמאָלצן פאַר פרייד.

„הערסט, מוישעלע, דראָנג האָב איך געזאָגט. כ'שוועד דיר, אַז שוין אודאי דרייסיק יאָר איז דאָס וואָרט דראָנג נישט געקומען אויף מיינע ליפּן. אַז מ'לעבט שטענדיק צווישן גוים", האָט זיין שטימע געטאָן אַ פאַל אַראָפּ מיטאַמאָל און ער האָט אַ שטילן זיפץ געטאָן.

די פּאָרציעס פליש האָבן געבראָכן די טעלערס. משה האָט געזען ווי דער פעטער טרינקט דאָ אַ גלאָז וויין מיט סאָדע־וואַסער און אָט גיסט ער אין זיך אַריין אַ פול גלאָז בלויז וויין און זיין פּנים טוט זיך דערביי אפילו נישט קיין קרום. משה איז געזעסן און האָט געטראַכט וויפל פּויליש־יידישע פאַמיליעס ס'וואָלטן געקענט מאַכן שבתדיקע און יום־טובדיקע מאָלצייטן, גאַנצע חתונות פון דעם ביסל פליש. „ווען די מאַמע, ווען דער זיידע קריגן אַריין אַזאַ אוצר פליש וואָלטן זיי דאָך עס געגוג געהאַט אויף אַ קיילעכדיק יאָר", האָט אַ בענקשאַפט אַ שפּאַר געטאָן משהן ביים האַרץ.

„דאָ איז קיין עין הרע דאָ געגוג צום עסן!" האָט משה נישט געקענט טאַמעווען די באַוואונדערונג אין זיך.

„עסן, ס'הייסט עסן!" האָט דער פעטער אָפּגערוקט דעם ליידיקן טעלער פון זיך. ער האָט מיט אַן אויסגעהאָפטענער סערוועטקע געווישט די בערשטל־דיקע וואָנסעס, די רויטע, פולע ליפּן, דעם שווייס פון זיין פּנים און ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל פּאַפּיראָסן פון קעשענע.

„רויכערסט?" האָט ער משהן אַ פרעג געטאָן און האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַפּיראָס. ער האָט אַ רייב געטאָן אַ שוועבעלע און האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דערלאַנגען משהן פייער. אַ גריליציקער וואָרטש האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער דער שטילקייט פון פּאַטיאָ, אַ קוויטש אַזאַ ווי ס'וואָלט אַ משונהדיק ווילדע מויד זיך געריסן פון פענטעס, וואָס האַלטן זי געבונדן. סעניאָר כאָסינטאָ מאַרקוסעס האַנט מיטן שוועבעלע האָט זיך אַ טרייסל געטאָן ווי פון אַן ערד ציטערניש. דאָס פייער האָט זיך אויסגעלאָשן. זיין

האנט איז געבליבן הענגען אַ געליימטע אין דער לופטן. דער קוויטש איז זיך פאַרגאַנגען העכער און העכער. נאָך שטימען, אַלע מאַנאָטאָנע, אַלע גרילציק־גרוויליקע האָבן אין איין כאָר זיך צעוואָרטשעט.

משה איז געזעסן אַ פאַרציטערטער. ער האָט געוואונדעט די אויגן צום גאָרן, פונוואַנען דאָס וואָרטשען איז געקומען, פונוואַנען די קולות ווי פון אַ משוגעים הויז האָבן זיך געטראָגן צו אים. דאָס וואָרטשען האָט זיך פאַרוואַנדלט אין קלאַנגען, אין ווערטער. ער האָט די ווערטער נישט געקענט פאַרשטיין, ער האָט אָבער דייטלעך געהערט די קלאַנגען: „טשע, ווען אקי!" די שטימען האָבן כסדר איבערגעחזרט די זעלביקע קלאַנגען, איינטאָניק, ריטמיש, גרילציק און בייסנדיק. משה האָט אין שטוינונג, אין פּחד געוואָרפן די אויגן אַרום זיך, האָט געזען די פּנימער פון די זין און שנורן, רויטע, פאַרשעמטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פעטערס פּנים, האָט געזען ווי דעם פעטערס פּנים איז געלבלעך־בלאַס, די פריערדיקע רויטקייט איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. די שטייפע וואָנסעס האָבן אויסגעזען גרוי, אָפּגעלאָזן.

„שרעק זיך נישט, מוישעלע!" האָט דער פעטער געשטאַמלט. ס'איז חלילה גאָרנישט. כ'מיין, פאַרשטייסט, דאָס זיינען פייגל, די פייגל דאָרט, אַזוינע מינים פייגל!"

מיט אַ ציטערנדיקער האַנט האָט ער געטייטלט צום גאָרן. „אָט דאָרט, אין יענע בוידעם־שטיבלעך כאָוועט מיין זון, דער־אָ", האָט ער אָנגעוויזן אויפן יינגסטן זון, „ער האָדעוועט דאָרט פייגל, האָדעוועט ער, איז צעשרייען זיי זיך אויף ווייסטע קולות ווען די ריחות פון עסן דערגרייכן זיי אהין."

„פייגל גאָר", האָט משה ערשט אָפּגעאָטעמט פרייער, כאָטש ס'איז אים נאָך אַלץ געווען קשה פון וואַנען פייגל האָבן אַזאַ ווייסטן און דאָך מענטש־לעכן קול.

„ספּעציעלע פייגל אַזעלכע!" האָט דער פעטער שוין אביסל אַ באַרואיק־טער גענומען משהן פאַרטייטשן ווי ער וואָלט געלייענט זיינע געדאַנקען. „פייגל, וואָס קענען ריידן".

ער האָט ווידער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און דערלאַנגט משהן פּייער. משה האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן פון טיש. די שווערע משא, וואָס איז אויף אַלע געפאַלן ווען די פייגל האָבן זיך צעוואָרטשעט, האָט ערשט אָנגעהויבן זיך אַראָפּצוגליטשן פון זייערע אַקסלען. די שנורן און פּאַקיטאַ האָבן זיך אַ הייב געטאָן פון זייערע ערטער און זיי האָבן זיך אַ נעם געטאָן אָפּצורייניקן דעם טיש. זיי האָבן אוועקגעטראָגן די כלים און פּאַקיטאַ האָט באַצויגן דעם טיש מיט אַ פרישן, ווייסן טישטעך. סעניאָר כאַסינטאָ מאַרקוס האָט פאַרבעטן משהן זיך צו זעצן מיט אים אויף דער ווייכער וויג־קאַנאַפּע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט פון פּאַטיאָ, וואו דער געלער שפּיל־פויגל איז געזעסן אין זיין שטייגל און האָט ערשט בענקענדיק געזונגען.

„בוענאָ, מוישעלע, ערשט דערצייל עפּעס וועגן טאַטן, וועגן דיין זיידן מיין איך און וועגן מיין שוועסטער, מיין איין־און־איינציק שטיקל שוועס־טער!" האָט ער אַ זיפץ געטאָן.

„פּאַקיטאַ, כּאָסע, איסאַק!" האָט ער גערופן ס'ווייב, די קינדער. „קומט אַהער וועט איר הערן, וואָס מוישעלע וועט דערציילן וועגן מיין טאַטן!"

ער האָט געבעטן משהן ער זאָל רעדן פּאַמעלעך אַזוי, אַז די זין זאָלן אויך כאַפּן עפּעס וועגן זייער זיידן.

„איר וועט באַלד הערן וואָסער זיידן איר האָט!" האָט ער צוריקגע־קראָגן זיין פריערדיקן שטעל. ער האָט די זין צום ערשטן אויף שפּאַניש איבערגעגעבן, אַז דאָ גייען זיי הערן אַ גרוס פון זייער זיידן, וואָס איז אַזאַ גרויסער מאַן ווי לאַמיר זאָגן סאַן מאַרטין און באָליוואַר זיינען געווען.

ווען אַלע זיינען שוין געזעסן אַרום אים האָט סעניאָר כאַסינטאָ זיך געווענדט צו משהן: „בוענאָ, מוישעלע, דערצייל, דערצייל מיט אַלע 'פּאַר־טיקולאַרעס', זאָלן זיי וויסן ווער זיי זיינען, די גויים מיינע!"

משה איז געזעסן און האָט אָנגעקוקט זיין פעטער. ער האָט געזען ווי דעם פעטערס אויגן צעשטראַלן זיך, צעגלאַנצן זיך, באַדעקן זיך מיט אַזאַ מין פייכטקייט, וואָס האָט ערגעץ וואו אַ שטיקל שייכות מיטן גלאַנץ אין די אויגן פון זיין זיידן ר' הערש לייזער. ער האָט געזוכט ווערטער, נישט גע־וואוסט וואָס צו דערציילן, ווי אַזוי אָנצוהויבן.

„דער זיידע איז אַלט, לייגט צוויי פּאָר תפילין יעדן פרימאָרגן, וויקלט זיך איין אין טלית מיט דער שווערער גאָלדענער עטרה און שטייט ווי אַ ווירע און ווײנט אַריין זיין בענקשאַפט נאָך דער באָבען אין דאַווענען אַריין!" האָט משה געזעדט ווי ער וואָלט שוין פריער געהאַט אַלץ דערציילט וועגן זיידן און ערשט גיט ער בלויז צו אַ פּאָר איינצלהייטן.

„ער איז גרויס, אינגאַנצן גרוי, דער טאַטע?" האָט סעניאָר מאַרקוסעס שטימע געציטערט, זיך געבראָכן.

„גרוי ווי אַ טויב און די צוויי שפּיצן פון זיין צעקעמטער באָרד זיינען נאָך לענגער און שאַרפער געוואָרן ווי אַמאָל", האָבן משהס אויגן אַוועק־געוואַנדערט קיין וואַרשע. ער האָט ערשט געזען דעם זיידן אין דער געהאַק־טער קאַפּאָטע, ווי ער זיצט שטענדיק איבער ספרים, דער שטערן קנייטשט זיך ביי אים און אויף זיין דיקלעכער נאָז זיצן צוויי פּאָר ברילן, איינע צוגע־שנורעוועט צו דער צווייטער.

„דער זיידע לערנט, זינגט מיט זיין וויטן, אומעטיקן ניגון און פון צייט־צו־צייט כאַפּט ער טינט און פעדער און שרייבט עפּעס צו אויף די זייטן פון די בלעטער. שרייבט מיט זיין דראָבנעם, מיט זיין קלאָרן רש"י־כּתב!" די בענקשאַפט האָט זיך אין משהן שטאַרק צעוויגט. ער האָט גאָר־נישט באַמערקט ווי זיין פעטער האָט זיך נעענטער און נעענטער צוגערוקט צו אים. ער האָט דערפילט דעם פעטערס אָטעמען אויף זיין פּנים. ער האָט

אויפגעהויבן די אויגן, דערזען ווי דעם פעטערס בליק איז איינגעגעסן אין אים. דעם פעטערס מויל איז אָפן און ווי אַ פיש אויף דער טריקעניש אַזוי זוכט ער אָטעם.

„ער דערמאָנט אַמאָל מיין נאָמען?" האָט דער פעטער אַ פרעג געטאָן מיט אַ מאָדנער שטימע, וואָס האָט משהן אַ ברי געטאָן.

„לעצטנס, די לעצטע יאָרן יאָ. צייט איך בין אויפגעוואַקסן האָט דער זיידע מער אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז כ'האָב אַ פעטער, ערגעץ ווייט איז ער דאָ. ער איז שוין אַוועק פון דער היים לאַנג, גאָר לאַנג!"

„אַזוי, ער דערמאָנט מיך? ער רופט מיך אָן ביים נאָמען אויך?" האָט אַ נייגער געברענט אין פעטערס אויגן, וואָס זיינען ערשט געווען רויט־לעך צעפלאָמט.

פון גאָרן איבער דער פּאַטיאָ האָט זיך געהערט אָן איינזאַם, אָן אָפּגע־ריסן קול וואָס האָט זיך ווי געבעטן: „טשע, ווען אַקי!" סעניאָר כאַסינטאָ מאַרקוסעס פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט. זיינע הענט האָבן ווידער אַ פלאַטער געטאָן. ער האָט געשטאַרט צום גאָרן, און די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגע־שפּיזט מיט חרפּה און ווייטיק.

„פּאַקיטאַ, פּאַקיטאַ!" האָט ער זיך געבעטן ביים ווייב. „אפשר וועסטו זיי פאָרט איינשטילן דאָרט?" ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו משהן און האָט זיך פאַר אים אַנטשולדיקט. „הערסט, מוישעלע, די פייגל זיינען אָן אָנשיקעניש אויף מיינע יאָרן! זיי טוען מיר אָן חרפות". ער האָט נאָך אַ פּאָר מאָל אַ וואָרף געטאָן בייזע בליקן צום גאָרן און האָט אַ זאָג געטאָן צו די קינדער אויף שפּאַניש: „כ'האָב אייך געזאָגט, אַז אייער זיידע איז אַ גרויסער מאַן, הערט, מוישעלע דערציילט, אַז ער איז אַ שרייבער אויך. ער איז נאָך אודאי גרעסער פאַר סאַן מאַרטינען, פאַר באָליוואַרן, פאַר סאַר־מיענטאָן!"

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו משהן: „אָמברע, בוענאָ, דערצייל! יאָ, ער רופט מיך ביים נאָמען, זאָגסטו. ווי רופט ער מיך, ווי?"

„חזקיה, חזקיה רופט ער דעם פעטער!"

„איר הערט, דער טאַטע רופט מיך חזקיה! שוין באַלד פאַרגעסן, אָמברע, גאָר פאַרגעסן אַז כ'היים חזקיה. אַזוי היים איך טאַקע אין כודיאָ!" האָט ער זיך באַרימט פאַר די קינדער.

ווי ער וואָלט ערשט געקייט עפּעס אַ געשמאַקן ביסן אַזוי האָט ער דאָס וואָרט חזקיה נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל. משה האָט אים אָנגעקוקט און האָט געזען ווי ס'פּנים ביים פעטער האָט זיך מיטאַמאָל כמעט ווי פאַרענ־דערט. ער האָט אויסגעזען יינגער, שפּילעוודיק־קינדעריש, פאַרבענקט און ווי ער וואָלט זיך געפּעשטעט פאַר דער מאַמען, ווי ער וואָלט זיך געטוליעט צו איר. אַזוי האָט ער מיט אַ מאָדנער צאַרטקייט אין דער שטימע איבער־געזאָגט: „דער טאַטע רופט מיך חזקיה, איר הערט, קינדער?"

פּאַקיטאַ האָט אַרויסגעטראָגן אַ קופּערנע באַנקע געקאָכט וואַסער. נאָך איר איז געקומען די שנור מיט אַ זילבערנער צוקער־פּושקע, מיט אַ קעסטעלע גראָזן, מיט אַ טעפּעלע אַזעלכעס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ באַרנע ביי וועלכער מ׳האָט אָפּגעשניטן דעם עק און אַ שטיקל פון שפּיץ. אין טעפּעלע איז געזעסן אַ רערל, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ מויל־שטיקל, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער פּה פון אַ שופר.

„מיר טרינקען מאַטע, מוישעלע! מאַטע. דאָס איז אַ טייערער געטראַנק. באַלד וועסטו עס פּאַרזוכן", האָט דער פּעטער געצערטלט משהן מיט די ווערטער. ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס טעפּעלע, האָט אַריינגעטאָן אַהין אַ פּאָר גראָזן, עטלעכע שטיקלעך צוקער, עס באַגאָסן מיט הייסע וואַסער און האָט מיטן רערל אַ מיש געטאָן אין טעפּעלע. ווי מ׳ציט אַ ליולקע אַזוי האָט ער אַ צי געטאָן דאָס רערל צווישן זיינע פלייִשיקע ליפּן. ער האָט מיט גרויס הנאה געהאַלטן אין איין ציען און האָט זיך דערוויַיל געבעטן ביי משהן: „דערציַיל נאָך עפּעס וועגן טאַטן, וועגן דיין מאַמען!" ער האָט אָנגעפילט דאָס טעפּעלע מיט וואַסער, צוגעטאָן נאָך גראָזן און צוקער און עס דערלאַנגט משהן: „נעם דו די ׳באָמבישע׳ און פּאַרזוך אונדזער מאַטע!"

משה האָט געזען, אַז דער פּעטער גיט אים דאָס זעלביקע רערל מיט וועלכן ער האָט נאָר וואָס געזויגן די מאַטע. ער האָט זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט געוואָרט, אַז עמיצער זאָל זיך כאַפּן אַז מ׳האָט דאָ געמאַכט אַ טעות, אים געגעבן דאָס רערל וואָס דער פּעטער האָט נאָרוואָס געהאַלטן אין מויל. אַז ער האָט געזען, אַז קיינער רירט זיך נישט פון אָרט, אַז מער קיין רערלעך זיינען אויפן טיש נישטאָ, האָט ער האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן די באָמבישע מיטן רערל, עס צוגעלייגט צו די ליפּן און ווי מ׳שלינגט אַראָפּ ריצן־אויל אַזוי האָט ער אַ צי געטאָן דערפון. די צונג האָט אים אַ ברי געטאָן אי פון די הייסע וואַסער אי פון די ביטערע גרעזער, וואָס האָבן זיך געשוואַנקען אין וואַסער. ער האָט אַ שלונג געטאָן, געפילט ווי די קעל איז ביי אים אין פלאַמען און ער האָט אַרויסגעלאָזט דאָס רערל פון מויל.

„ביטער, גאַל!" האָט ער זיך געררויטלט. אַלע אַרום טיש האָבן זיך צעשמייכלט. „נישט געוואוינט!" האָט אים דער פּעטער געטרייסט. וואַרט, אַז דו וועסט זיין אין לאַנד אַזוי לאַנג ווי איך, וועסטו גיסן אין זיך אַזוי פיל מאַטע ווי מיר אַלע", האָט אים דער פּעטער פּאַרזיכערט.

די באָמבישע איז ערשט געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און ווען דער לעצטער אַרום טיש האָט פּאַרענדיקט האָט די באָמבישע אָנגעהויבן אַרומ־צוגיין נאָכאַמאָל פון האַנט צו האַנט. משה איז מיד געוואָרן צו ציילן וויפל טעפּלעך יעדערער פון די אַרומיקע האָט אויסגעטרונקען. ער איז געזעסן און האָט גערעדט דאָ מיטן פּעטער, דאָ מיט דער מומע פּאַקיטאַ, וואָס האָט אַריינגעוואָרפן בלויז געציילטע ווערטער, און אַפילו די פּאָר ווערטער האָט זי גערעדט מיט אַזאַ הכנעה, מיט אַזאַ שעפּטשעדיקן קול, אַז משהן האָט זיך געדאַכט, אַז עס פּאַרפעלט איר אָטעם. איר יידיש איז געווען געמישט מיט

אזוי פיל שפּאַנישע ווערטער, אַז משהן איז אָנגעקומען מיט קריעת ים סוף צו פאַרשטיין וואָס זי וויל.

דער אָוונט האָט אָנגעהויבן צוצופאַלן. דער הימל אַרום זוים פון דער פּאַטיאָ האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרבן דאָ אין בלוילעך גרוי, דאָ אין פּורפּור רויט. אַ לייכט ווינטל, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך דאָס שעפּטשען פון די וואַסערן פון לאַ פּלאַטאַ טייך, האָט זיך געשפּילט מיט די בלעטער אויפן בוים. דאָס שפּיל־פייגעלע אין דער שטייג אויף דער וואַנט פון דער פּאַטיאָ האָט זיך בענקענדיק צעזונגען, און דער בוים האָט זיך אָנגעהויבן צו סודן מיט דער שטילקייט אַרום.

„כ'דאַרף שוין גיין אין הויז אַריין!" האָט משה זיך געכאַפּט, אַז ס'איז שוין שפּעט און ער וועט דאַרפן אין דער פינצטער אין אַ פרעמדער שטאָט זוכן דאָס עמיגראַנטן־הויז, וואָס ליגט ערגעץ ביים ברעג פון טייך לאַ פּלאַטאַ, וואָס זעט אויס ווי אַ ים.

„וואָסער גיין, אַמבּרע, וואוהין גייסטו גאָר!" איז דער פּעטער אויפגעשפּרונגען. ער האָט זיך ערשט דערמאָנט, אַז ער האָט געהאַט בדעה אויסצוזידלען משהן פאַרוואָס ער האָט גאָרנישט געלאָזט וויסן ווען ער קומט אָן, פאַרוואָס ער איז געבליבן אין עמיגראַנטן־הויז ווי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער אין לאַנד און וואָלט קיין ליבלעכן פּעטער דאָ נישט געהאַט.

„מירן באַלד צופאָרן און ברענגען דיין „באַגאַזשע'!" האָט דער פּעטער געטאָן אַ שפּרונג אויף. „כאָסע, וואַמאָס!" האָט ער זיך געווענדט צום עלטסטן זון.

„ניין, פּעטער, ניין! איך דאַנק אייך זייער. איך וועל אַליין, כ'מיין, כ'וויל זיך בעסער אויסגרינגען, כ'האָב אָפּגעמאַכט, אַז גאָרנישט, קומען צום פּעטער יאָ, אָבער!" האָט משה געשטאַמלט. דער פּעטער האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן.

„מוישעלע, אַמבּרע, וואָס רעדסטו, ווייסט כ'וועל דערלאָזן, מיין שוועסטערס קינד! פּאַקיטאַ!" האָט ער געזוכט הילף ביי דער ווייב.

אָבער אַז משה איז באַשטאַנען, אַז ער מוז, ער וועט בלייבן אין עמיגראַנטן־הויז ביז ער וועט פאַר זיך קריגן אַ צימער, זיך איינאָרדענען, זיך אויסגרינגען, ערשט דעמאָלט וועט אים נישט אַרן צו קומען וואוינען ביים פּעטער, האָט סעניאָר כאַסינטאָ מאַרקוס פּאַריתומט אים באַגלייט אַזש ביז דעם עמיגראַנטן־הויז, האָט אים איבערגעלאָזט אַ פּעקעלע באַנקנאָטן, אים געבעטן ער זאָל אַלע טאָג צוקומען און איז אַוועק אַהיים.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז ער אַריין אין פּאַטיאָ, האָט דערהערט דאָס גרילציקע רופן פון די פייגל אויפן גאָרן, האָט אַ קוק געטאָן אַהין מיט אַ פּאָר פאַרגלייזטע אויגן און האָט אַ רוף געטאָן אין חלל אַריין: „טאַטע!"

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער אויף דער געבעטענער קאַנאַפּע אין פּאַטיאָ און ער האָט געשטאַרט אין דער נאַכט אַריין, וואָס איז ערשט געהאַנגען אַ שווערע, אַ דערדריקנדיק־שטילע.

***

כאסינטאַ מאַרקוס איז געזעסן אויפן באַלקאָן פון זיין גאָרן שטוב, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט אויף דער פּאַטיאָ. אויף אַ טיש לעבן אים זיינען געשטאַנען אָנגעשטעלט קעסטלעך, שמאָלע, לאַנגע, הילצערנע קעסטלעך אין וועלכע עס זיינען געלעגן קאָנווערטן פאַרזיגלטע מיט טריוואַקס. לעבן די קעסטלעך זיינען געלעגן לײדיקע קאָנווערטן און שאַכטלעך מיט קרעלן, אווירינגלעך, פינגערלעך, בראַסלעטן, קייטלעך מיט צלמים, מיט בילדלעך פון יעזוסן, פון הייליקע, פון פּרעזידענטן פון אַרגענטינע, פון לעצטן פּרעזידענט איריגאָזשען.

כאסינטאַ מאַרקוס האָט געטאַלירט, געציילט די פולע קאָנווערטן אין די קעסטלעך. ער האָט זיי אויסגעלייגט לויט די נומערן, געזען וואָסער נומער עס פעלט אין יעדעם קעסטעלע, אַ כאַפּ געטאָן אַ לײדיקן קאָנווערט, אַריינגעוואָרפן אַ זאַך, אַ שטיקל פאַלשע צירונג אויף וועלכן זיין אויג איז געפאַלן, פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט און מיט אַ טראָפּן טריוואַקס, מיט זיין שטעמפּעלע פאַרזיגלט דעם קאָנווערט, אָנגעשריבן דעם נומער וואָס האָט געפעלט און דעם קאָנווערט אַריינגעשטופּט אין קעסטעלע אין זיין רייע.

ער האָט געטאָן די אַרבעט געשיקט, כמעט ווי מעכאַניש.

„דער בלינדער הונט איז אַ גנב!" האָט ער אַ מורמל געטאָן ווען ער האָט באַמערקט, אַז אין קעסטל פעלן פיר און צוואַנציק נומערן אַנשטאָט די אַכצן, וואָס ער האָט אָנגעגעבן אין חשבון אַריין. ער האָט געוואָרפן צלמים, פּאַטשערקעס, פינגערלעך און קייטלעך אין די קאָנווערטן אַריין און ער האָט אָנגעשטעלט לעבן זיך שטויסן און שטויסן קעסטלעך, וואָס זיינען גרייט געווען צו דער אַרבעט.

פון די אָפענע טירן אויף ביידע זייטן פון זיין טיש האָט זיך געהערט אַ שטיל געגודעריי, אַ מין געפליסטער ווי מ'וואָלט זיך דאָרט געסודעט, ווי מ'וואָלט גערעדט מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס. באַלד האָט איין שטימע, אַ מער דרייסטערע, מיט אַ בענקענדיקן טאָן זיך אַ בעט געטאָן: „טשע, ווען אַקי! טשע, ווען אַקי!"

כאסינטאַ מאַרקוס האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צו דער טיר פון וואַנען ס'העכערע קול האָט זיך געהערט. „קע איי?" האָט ער זיך אַ פרעג געטאָן און זיינע בערשטלדיקע וואָנסעס האָבן זיך פאַרשפּיצט. דאָס קול האָט זיך באַלד אָפּגעהאַקט. אפילו דאָס שטילע שעפּטשען איז פאַרשטומט געוואָרן. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום.

„איין־און־פערציק, צוויי־און־פערציק, פופציק!" האָבן זיינע ליפּן זיך מעכאַניש באַוועגט. „עס פעלט דער נומער איין־און־פופציק!" האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געכאַפּט אַ קאָנווערט און אַריינגעוואָרפן אין אים אַן אויסגעדאַרט יעזוסל.

„יעזוסלעך, פּאַטשערקעס, כאסינטאַ חזקיה!" האָבן זיינע אויגן זיך פאַרזשמורעט און זיינע ליפּן האָבן זיך פאַרשנורעוועט. „ר' הערש לייזער,

כאַסינטאַ, חזקיה!" האָט ער געשעפּטשעט צו דער פּאַטיאָ. „אַ שיינער נחת וועט עס זיין פאַרן טאַטן!" האָט ער זיך אַ ריס געטאָן. אויף זיינע פלאַמיקע ליפּן האָט זיך געוויקלט אַ מאָדנער שמייכל, דער שמייכל איז פאַרקראָכן צו די אויגן, איז שטיין געבליבן אין די פאַלדן ביי זיין שטערן און האָט זיך דאָרט פאַרענדערט, געוואָרן אַ מין פאַרגליווערטער גרעאַמער.

„טויבן־כאַפּער!" האָט ערגעץ פון זיין מוח אַ בליץ געטאָן אַ וואָרט. דאָס וואָרט האָט זיך איבערגעחזרט, האָט דערמאָנט אַ ווייטע, אַ נאָענטע שטימע, דעם טאַטנס שטימע. „טויבן־כאַפּער!" יאָ, אַזוי האָט אים דער טאַטע גערופן מיט פּיין, מיט ווייטיק דעמאָלט, דאָרט, מיט יאָרן, מיט דורות צוריק. „און היינט ביסטו בעסער?" האָט אַ ווייסט קול אַ ברום געטאָן אין אים. זיינע אויגן זיינען געוואָרן צוויי שפּעלטעלעך אין זיין גערונצלטן פּנים וואָס איז געווען צעפּאַטשט פון ווינט, צעברענט פון דער זון. די קאָנווערטן זיינען געבליבן ליגן אויפן טיש און כאַסינטאַ־חזקיה האָט דורך די שפּאַרעס פון די אויגן געקוקט ווייט אַוועק, איבער טייכן, איבער ימען, איבער יאָרן, צוואַנציק, דרייסיק, מער? ווער ווייס?

גענשע אכצן. צוויי שטובן און אַ קיך. דער טאַטע, די מאַמע, דאָס קליינע שוועסטערל. דער מאַמעס זיידן־גלעטנדיקע אויגן זיינען פאַרצויגן מיט מאָדנע פּלעמלעך. דער טאַטע שפּרייזט איבערן הויז. זיין ברייטער שטערן איז צעקנייטשט. זיינע טיפע, גלאַנציקע אויגן זיינען נאָך שיינענדי־קער ווי שטענדיק, זיין באָרד מיט די צוויי שאַרפע שפּיצן זעט עפּעס אויס צעשויבערט, צעפּאַטלט. ער זוכט דאָס רויטע נאָזטיכל אין דער הינטערשטער קעשענע פון דער געהאַקטער קאַפּאָטע. זיינע הענט ציטערן און ער שנייצט די נאָז. טרוקענע, יתומדיקע שנייצן טראָגן זיך אין לופט. ער שטעלט זיך אָפּ ביים פענצטער, וואָס גייט אַרויס צו דער גענשע גאַס, ער בייסט אַ פינגער. ער דרייט זיך פּלוצלונג אויס און ווענדט זיך צו דער שטילקייט אין שטוב, צום שווייגנדיקן אַרום: „איז וואָס וועט זיין?" ער ווערט שטיל ווי די וואַנט. וואַרט נישט אויף קיין ענטפער און הייבט אָן ראַפּטום צו שפּרייזן איבערן הויז.

כאַסינטאַ־חזקיה זעט ערשט פאַר זיך דעם טאַטן, די מאַמען. דער מאַמעס אויגן לויפן מיט פראַגע־צייכנס דאָ צום טאַטן און דאָ צו אים, צו חזקיהן. איר אונטערשטע ליפּ ציטערט.

„באַרואיק זיך, הערש לייזער לעבן, ער איז דאָך נאָך אַ קינד!" בעט זי זיך מיט אַ תחינהדיקן קול און זי ווישט די אויגן מיט איר פאַרטעך, וואָס איז שטענדיק געווען אַזוי ריין ווי זי וואָלט אים ערשט נאָרוואָס אַרויסגע־נומען פון די פרישע וועש אין אַלמער.

„אַזוינע חרפּות, אַזוינע בושות!" האָט דער טאַטע זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן צימער. זיין קול האָט געציטערט, זיך געבראָכן. „טאָקע דערפאַר ווייל ער איז נאָך אַ קינד, איז ווי קומט ער צו דער מויד, צו דער, צו דער — אַ!" האָט דער טאַטע געזוכט אַ וואָרט, עס נישט געוואָגט אַרויסצוברענגען

פּאַר די ליפּן און לסוף אַרויסגעפּלאַצט שיר נישט מיט שוים אויף די ליפּן:
„ווי קומסטו צו דער זונה, צו דער גאַסן־פּרוי?"

דעם טאַטנס ווערטער האָבן אַ שפּיז געטאָן, אַ ברי געטאָן אַזש ביזן מאַרך אין די ביינער. ער, חזקיה, האָט אַ שפּרונג געטאָן פון אָרט, זיך אַ שטעל געטאָן קעגן טאַטן, פאַרשטייפט די פויסטן, איז גרייט געווען דעם טאַטן דורס צו זיין פאַרן באַליידיקן זיין אסתרן, וועמען ער האָט ליב געהאַט מיט זיינע אַלע רמ"ח אברים. זיין אסתר אַ זונה, אַ גאַסן־פּרוי? ער וועט נישט דערלאָזן דער טאַטע זאָל זי אַזוי באַליידיקן, דערנידעריקן, באַוואַרפן מיט שמוץ. די פויסטן זיינען ביי אים געווען געבײלט, די ציין פאַרקריצט, די ליפּן פאַרשנורעוועט. דער טאַטע איז געשטאַנען פאַר אים אַ גלייכער, אַן אויסגעצויגענער, דאָס פּנים פאַרצויגן מיט אַ וואַקסענער געלקייט. אויף די ליפּן האָט געבלאָנדזשעט אַ פרעמדער שמייכל אַזאַ, וואָס חזקיה האָט פריער קיינמאָל נישט געהאַט געזען אויפן טאַטנס פּנים.

די מאַמע איז געשטאַנען צווישן אים און טאַטן. זי האָט זיך געבעטן דאָ ביים טאַטן, דאָ ביי אים. „קינדערלעך, קינדער טייערע, הערשעלע, חזקיה, מיין זון, ווי איז מיר, ווינד איז מיר!" זי האָט זיי געשלעפּט פאַר די הענט, געגלעט די באַקן; בעכן טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן, וואָס האָבן זיך געבעטן, געצערטלט, געגלעט. זיינע פויסטן האָבן זיך צעעפנט, זיינע קני זיינען לויזער געוואָרן, זיי האָבן זיך ערשט צעשאָקלט ווי בלעטער אין ווינט. דער טאַטע האָט זיך געטאָן אַ קער אָפּ פון אים, האָט מיט אַ ביטול אַ זאָג געטאָן, צום לעצטן מאָל אים אַ וואָרף געטאָן אין פּנים אַריין דאָס וואָרט „טויבן־כאַפּער!" און האָט זיך פאַרמאַכט ביי זיך אין צימער.

נאָך יענעם טאָג איז אַלץ געגאַנגען מיט ראַשיקער אימפּעטיקייט. ער איז אַוועק צו אסתרן, איר געהייסן זיך גרייטן אין וועג אַריין. איר צוגעזאָגט אַז אין אַ טאָג, צוויי, וועט אַלץ זיין פאַרטיק, און נאָך די זעלביקע וואָך האָט ער מיט אַ ציגיינער מעסערל אין האַנט זיך אַריינגעכאַפּט צום טאַטן אין שלאָף צימער, האָט אָנגעהויבן צו רייסן דעם שופלאָד פון דער קאָמאָדע. מיטן מעסערל האָט ער דעם שלאָס געעפנט. האָט דערזען ווי דער טאַטע שטייט איבער אים. ער האָט שוין אין האַנט געהאַט די הונדערט און פופציק רובל. דער טאַטע האָט אים אַ נעם געטאָן ביי דער האַנט, האָט זי אַ דריי געטאָן. דער ווייטיק האָט געשניטן, די ביינער האָבן זיך געבראָכן. חזקיה האָט מיט דער אַנדערער האַנט אַ כאַפּ געטאָן דעם טאַטן. ס'מעסערל איז געווען אָפן. ס'האָט דעם טאַטן אַ שניט געטאָן אין דער האַנט, וואָס איז געווען איינגעביסן אין זיינער! דער טאַטע האָט געטאָן אַ מאָדנעם שפּרונג. בלוט האָט אַ שפּריץ געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע און . . .

כאַסינטאָ־חזקיהס אַקסלען האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן. ער האָט ערשט פאַר זיך געזען דעם טאַטנס פּנים. ער האָט פאַרקלאַמערט די אויגן. פייער־טראָפּנס האָבן אַ שטראָם געטאָן פון זיינע אויגן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט; האָט זיך אָנגעכאַפּט אין טיש. זיין רעכטע האַנט איז געפאַלן אויף אַ שאַכ־

טעלע צלמים. ער האָט צעעפנט די אויגן. האָט אַ שליידער געטאָן דאָס שאַכטל צלמים צו דער ערד. איבערן באַלקאָן האָט זיך צעטראָגן אַ געקלימפּער; אין די צימערן אויף ביידע זייטן טיש האָט זיך דערהערט אַ פליגל־געפּאָך, וואָס איז געווען באַגלייט מיט אַ ווילד־צעשראָקן געוואָרקעריי: „קע איי! קע איי!‟ האָט כאַסינטאָ מיט צאָרן געטאָן אַ ברום אַריין דאָ אין דעם צימער, דאָ אין צווייטן. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן איבערן באַלקאָן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט צו דער פּאַטיאָ, צום בוים, וואָס האָט זיך געצירט אין זון־שטראַלן. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די עלנבויגנס, געוואָלט ווייטער ציען דעם פאָדים פון זיינע פריערדיקע געדאַנקען, געוואָלט זען נאָכאַמאָל דעם טאַטן, וויסן וואָס איז דעמאָלט געוואָרן מיטן פאַרבלוטיקטן ציגיינער־מעסערל. די געדאַנקען האָבן זיך נישט געוואָלט פורעמען, זיך נישט געוואָלט אויסשטעלן אין אַ רייע. אָפּגעריסענע, שטיקלעך זיינען זיי געפלויגן פאַר אים, פאַרבייגעשוועבט, זיך באַוויזן ווי אונטער אַ טיפן וואַסער.

בוענאָס־איירעס. פרעמדע גאַסן, פרעמדע מענטשן, קיין יידישן פּנים זעט מען נישט. אסתר שלייכט זיך מיט אים איבער די גאַסן. זי זעט אויס מגושמדיק־גרויס קעגן אים. ווי אַ מאַמע מיט אַ זון דרייען זיי זיך אַרום. הונגער. נישטאָ וואו צו נעכטיקן. ער אַרבעט שווין, טראָגט אַרום סאַפּאָנען סאָדע־וואַסער אויף די פּלייצעס; אסתר ווערט פאַרפאַלען; באַווייזט זיך; לאַכט מיט אַ מאָדנעם געלעכטער; רויכערט, פּלוידערט; ווערט ווידער פאַרפאַלען; קומט ווידער. און אָט, ווי אין וואַסער אַריין! יאָ, וואו האָט ער זי געטראָפן? איינמאָל אין דער „קאָנוועטיזשע‟ אויף לאַוואַזשע גאַס. איז געקומען זען לאַנדסלייט; ער האָט זי קוים דערקענט; נישט געוואָלט אפילו ריידן מיט איר. צוליב איר דעם טאַטנס בלוט אויף אַ ציגיינער מעסערל! וויפל יאָרן? ווען? און ער, כאַסינטאָ־חזקיה? האַ? פייגל, פּאַפּוגעס, קאַטערינקעס! טויבן־כאַפּער, קאַטערינקעס, פּאַפּוגעס, קאָנווערטן. אַ רייכער ייד געוואָרן, אייגענע הייזער, זין, שנורן, אייניקלעך און זין, זין גויים, פרעמדע, שעמען זיך אפשר מיטן טאַטנס פּאַפּוגעס, מיט זיינע קאַטערינקעס?

כאַסינטאָ־חזקיה איז געשטאַנען ערשט ווי פאַרגליווערט. ער האָט געביסן די אונטערשטע ליפּ: „שעמען זיך מיטן טאַטן! וואָס דען, אָמברע, טשע, קלאַראָ קע סי!‟ האָט ער אָנגעהויבן זיך צו עסן און ער האָט נישט געפילט, נישט געוואוסט, אַז ער רעדט שפּאַניש צו זיך.

„יאָ, טאַטע, אַ טויבן־כאַפּער!‟ האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו די ווייטקייטן אַרום.

ער וועט וועלן קומען צו מיר? מוישעלע זאָגט דאָך, אַז צייט די מאַמע איז געשטאָרבן דערמאָנט ער מיין נאָמען אָפּט, רופט מיך חזקיה, הערסט — חזקיה רופט ער מיך, חזקיה טאַקע, און נישט טויבן־כאַפּער!‟ ער האָט זיך צעשמייכלט ווי אַ קינד. ער האָט געפילט ווי די גלידער לאָזן זיך אָפּ אין אים, ווערן לויז. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו די צימערן אויף ביידע זייטן

טיש. ער איז אריין אין איין צימער. ער איז געשטאנען ביי דער טיר. די פייגל אויף די שטייגן, אויף די שטעקנס האבן צעפּאַכעט פריידיק די פליגל, זיי האבן זיך צעגאַדערט, ס'האט אויסגעזען ווי זיי וואלטן געלאַכט מיט געטאַמעוועטער פרייד. זיי האבן געקוקט אויפן באַלעבאָס און נישט געקענט פאַרשטיין דעם מאָדנעם בליק אין זיינע אויגן. אים האט אָנגענומען א רחמנות אויף זייער מאָדנעם שווייגן. „אַלע, טשעקאַס!" האט ער מיט א מאָדנעם פּייף אין דער שטימע זיי א רוף געטאָן. די פּאַפּוגעס האבן זיך א שטעל געטאָן אויף די פיס, זיך איינגעקלאַמערט אין די שטאַנגען. א פּאַכע געטאָן די פליגל און אין איין כאָר ארויסגעלאָזט א ווייטן, א פריידיקן רוף „אַלע!" זיי זיינען געבליבן שטיין שטייף, צעעפנט די צעגרייצערטע שנאָבלען און פריידיק געשמייכלט. זיי האבן זיך באַוויזן מיט זייערע פלאַמעדיק-רויטע פעדערן, מיט זייערע זילבער גרויע פעדערן, מיט זייערע לאַנגע ווידלען. יעדע פּאַפּוגע האט געוואָלט אויסנעמען ביים באַלעבאָס, געוואָלט ער זאָל זי א גלעט טאָן. עס זיינען געשטאַנען פּאַפּוגעס פון גאַמביא, פון צייל‏אָן, פון בורמאַ, פּאַפּוגעס פון טענאַסערין, פון אַלע עקן וועלט. זיי זיינען געשטאַנען אין פּאָרן, א מאַן לעבן זיין ווייב, א ווייב לעבן איר מאַן. אין א ווינקל איז געשטאַנען א פּאַפּוגע מיט גרויע פעדערן מיט א לאַנגן רויטן עק. זי איז געשטאַנען איינזאַם, אַליין, פאַרבענקט. אירע אויגן זיינען געווען אומעטיק, פאַרטרויערט.

„בענקסט, בענקסט נאָכן אַלטן?" האט כאַסינטאַ זי א צערטל געטאָן. „קענסט זיך נישט צוקלייבן קיין אַנדערן?" האט ער צו איר א שמייכל געטאָן. ביסט געטרייער דיין פאַרשטאָרבענעם ווי א סך פון אונדזערע ווייבער!" האט ער זי גענומען אויף די הענט, זי געטוליעט צו זיך און זי לאַנג געהאַלטן אין זיינע אָרימס. ער האט זיך ארומגעדרייט איבערן צימער. ער איז ארויס מיט דער אַלטער פּאַפּוגע אויף דער האַנט, איז אריין מיט איר אין אַנדערן צימער, האט א זאָג געטאָן צו די פּאַפּוגעס „אַלע, טשקאַס!" און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער איז ער ארויס אויפן באַלקאָן. „הערסט, באָניטאַ!" האט ער א דריק געטאָן די אַלטע פּאַפּוגע צו זיך. „הערסט, באָניטאַ מיאַ, מיין טאַטע, מיין טאַטע ר' הערשל לייזער וועט נאָך אפשר קומען אהער, דאָ צו אונדז!"

די פּאַפּוגע האט אָנגעשטעלט אויף אים אירע פאַרווײנטע אויגן. זי האט עפּעס געשטאַמלט, זי האט א צעשטראָלטע א גרילץ געטאָן מיט איר שטימע: „טשע, ווען אקי!"

„ניין, זאָלסט נישט דערוועגן, זאָג נישט 'טשע, ווען אקי!' זאָג, לערן זיך צו זאָגן 'שלום עליכם, טאַטע!' זאָג, זאָג, 'שלום עליכם, טאַטע!' אזוי, אזוי שטעל אָן דיין שנאָבל!"

די פּאַפּוגע האט זיך געמאַטערט, האט געדרייט דעם שנאָבל, געזוכט קלאַנגען, עפּעס ארויסגעלאָזט א קלאַנג, נישט געקענט ארויסברענגען דעם שין און האט א פאַרצווייפלטע געפלוידערט: „סלעם, טאַ־טאַ־טאַ!"

„וועסט זיך אויסלערנען, באַניטאַ מיאַ, וועסט זיך אויסלערנען!" האָט כּאַסינטאַ זי געטרייסט. ער האָט דערזען ווי די טיר פון פּאַטיאָ האָט זיך צעעפנט און כּואַן מאַרטינעז, כּואַן על לאָקאָ, מיט די ווילדע אויגן, האָט זיך באַוויזן אין הויף.

„שוין געקומען די ערשטע שוואַלב!" האָט זיך ביי כּאַסינטאָן צעקרימט דאָס פּנים. ער האָט אריינגעלאָזט די אַלטע פּאַפּוגע אין צימער און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די טרעפּ.

ווי זיי וואָלטן זיך אַלע אָפּגערעדט צו קומען במעט אין דער זעלביקער צייט, אַזוי האָט די פּאַטיאָ זיך אָנגעהויבן אָנצופילן יעדן פרימאָרגן מיט מאָדנע, אויסטערלישע פּאַרשוינען. דאָ האָט זיך באַוויזן אַ יונג מיט אַ פּאָר ברייטע הויזן, מיט אַ רויט געקעסטלט העמד, מיט אַ קוליע אונטערן אָרים, דאָרט אַ מענטשל ווי אַ קאַרליקל מיט אַ פּאָר וואָנסעס, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט אַזש ביי די סאַמע עקן פון זיין גאָמבע. דאָס מענטשל איז אונטערגעשפּרונגען ווי אַ פויגל און האָט דערביי עפּעס געצוויטשערט אַזוינע אומקלאָרע טענער, וואָס נאָר כּאַסינטאָ האָט זיי געקענט פאַרשטיין. עס איז אויך געווען אַ בלינדער אויףביידע אויגן, וואָס איז אַרומגעגאַנגען צווישן אַלע מיט אַזאַ זיכערקייט אין זיין גאַנג ווי ער וואָלט געהאַט די מאַפּע פון דער פּאַטיאָ אין דער האַנט. עס האָט זיך באַוויזן אַ ברייט-ביי־ניקער, אַ פּעסלדיקער איטאַליענער, וואָס האָט כּסדר געקלאַפּערט, געמאַכט מיט די הענט, זיך געהיצט און געוויזן צום גאָרן. זיין פּנים איז געווען צעפּלאַמט, די אויגן פאַרלאָפן און ווי אַן אומרו האָט ער נישט געקענט איינשטיין אויף קיין אָרט. מענטשן מיט צעקרימטע פּנימער, מיט צעדרייטע הענט, מיט צרעתן אויף הענט, פיס, פּנימער האָבן געדולדיק געוואַרט אויף זייער רייע.

סעניאָר כּאַסינטאָ מאַרקוס האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן עולם. מיט אַ וואונק פון אַן אויג, מיט אַ מאַך פון דער האַנט האָט ער צו זיך צוגערופן דאָ איינעם, דאָ אַן אַנדערן פון די פּאַרשוינען, האָט זיי דערלאַנגט יעדן אַ קוויטל מיט אַ נומער, אַ קעסטעלע קאָנווערטן, און האָט דערביי אַ זאָג געטאָן: „נעם די רויטע מיטן געשטרייפטן עק", „נעם די גרויע מיטן רויטן עק", „נעם דעם אויסטראַליער", „דעם ציילאָנער", „דעם גאַמביער".

מיט די קעסטלעך אונטער די אָרימס, מיטן קוויטל אויף וועלכן ס'איז געווען פאַרשריבן דער נומער פון דער קאַטערינקע, וואָס זיי האָבן געדאַרפט קריגן אין שפּייכלער, זיינען די פּאַרשוינען אַרויף אויפן גאָרן, אָפּגעזוכט זייער פּאַפּוגע, אַראָפּ פון די טרעפּ און אַ זאָג געטאָן: „אַסטאַ לאַ וויסטאַ, דאָן כּאַסינטאָ!"

אין אַ שעה, צוויי האָט די פּאַטיאָ זיך אָנגעהויבן אָפּצולייזדיקן. באַלד איז געוואָרן שטיל און שטילער אַרום. עס האָט זיך אויפן גאָרן נישט געהערט קיין פלאַטער פון קיין פליגל, קיין רוף פון די פייגל, קיין שום געגודעריי.

דעם פרימאָרגן איז סעניאָר כּאַסינטאָ מאַרקוס געבליבן פריער ווי שטענדיק אַליין אין דער פּאַטיאָ. ער האָט געהערט ווי ס'ווייב רופט אים:

„עסן, איבערבייסן, כאַסינטאַ, שוין צייט!" ס'ווייב האָט אים אַ פּאָר מאָל גערופן. ער האָט איר נישט געענטפערט, איז אַרומגעגאַנגען אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן די בלומען־טעפּ אויף די ווענט, לעבן גאָלדן־געלן שפּיל־פייגעלע אין שטייגל און איז געשטאַנען דערביי ווי אין אַ הינערפּלעט.

„סלעם אַלכעם, טאַטע!" האָט אַן אומעטיק קול אים געטאָן אַ וועק. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום גאָרן, זיך געחידושט פון וואַנען ס'קול קומט. זיך דערמאָנט, אַז די אַלטע פּאַפּוגע איז געבליבן אַליין אויבן. זיצט דאָרט איינזאַם, אַ וויסטע אַלמנה, בענקט נאָך איר מאַן און לערנט זיך אַרויסצוזאָגן „שלום עליכם, טאַטע!"

ווי לאַנג, וויפל מאָל האָט ער שוין מיט איר איינגעחזרט די דריי ווערטער? ס'קומט איר נעבעך אָן שווער אויף דער עלטער צו לערנען אַזעלכע מאָדנע קלאַנגען, פרעמדע קלאַנגען. ווען זי וואָלט געווען יונגער וואָלט זי שנעלער אויפגעכאַפּט די ווערטער, זיי גיכער אויסגעלערנט. ערשט אויף דער עלטער מאָרדעווועט זי זיך, מסתמא גאַנצע נעכט געחזרט און ערשט, אַז זי זעט, אַז קיינער איז מיט איר נישטאָ, וויל זי אויספּרובירן אויפן קול, וואָס זי האָט אויסגעלערנט. אים האָט ערשט אָנגענומען אַ בענקשאַפט אַרויפצוגיין, נעמען באַניטאַן אויף די הענט, זי גלעטן און צערטלען און פּאָר איר אויסגיסן זיין ביטער האַרץ. ער האָט געפילט ווי דאָס געמיט האָט זיך געלייגט דעם פרימאָרגן אויף זיינע אַקסלען מיט אַזאַ שווערקייט ווי בעלקעס וואָלטן אים געדריקט.

„סלאָם אַלעק, טאַטאַ, טאַטאַ, טאַטאַ" האָט די פּאַפּוגע זיך געקרעקט מיט די ווערטער. זי האָט אַרויסגעלאָזט די ערשטע צוויי ווערטער און זי האָט מיט אַ מאָדנער פרייד אין איר שטימע געפּלאַפּלט בלויז איין וואָרט: „טאַטאַ, טאַטאַ, טאַטאַ, טאַטאַ!"

„ער וועט קומען צו מיר, אַ, וואָס זאָגסטו, באַניטאַ?" האָט כאַסינטאַ אַרויפגעריסן די אויגן צום גאָרן.

„קום עסן!" האָט ס'ווייב שוין מיט אַ העכערער, ברוגזער שטימע גערופן.

כאַסינטאַ האָט מיט געליימטע פיס זיך געשאַרט צו דער קיך. דער אַפּעטיט איז ביי אים געווען געשלאָגן, אין מויל האָט געאיבלט און דאָס רעכטע אויג האָט ביי אים נערוועז געציטערט. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אַ שווינדליקער ביים טיש, האָט אַ ביס געטאָן פון דעם, אַ זופּ געטאָן פון טעפּל די קאַווע, געטאָן אַ פּאָר הוסטן און זיך אויפגעהויבן פון טיש. „עפּעס נישט מיט אַלעמען", האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַרן ווייב.

מיט אַ פּראַל פון דער טיר האָט זיך באַוויזן דער יונג קיטאַ, קיטאָ לאָפּעז, דער אויפזעער איבער די קאַטערינקעס, דער וואָס האָט זיך יעדן טאָג געדאַרפט אַרויסלאָזן איבער די גאַסן און סקווערן פון בוענאָס איירעס און קאָנטראָלירן די קאַטערינשטשיקעס צי זיי שטייען אויף די פּלעצער וואו

זיי דאַרפֿן שטיין. ער האָט אויך געדאַרפֿט אין מיטן טאָג, אין מיטן דער אַרבעט צו גיין צו די קאַטערינשטשיקעס, זען צי זיי האָבן נישט קיין אייגענע, פֿאַלשע קאַנווערטלעך, וואָס זיי שטעקן אַריין אין די קעסטלעך און גיבן דעם באַלעבאָס נישט אָפּ קיין חשבון פֿון די פּלעטן, וואָס די פּאַפּוגעס ציען אַרויס פֿאַר די קונים.

קיטאָ איז געווען הויך, שטײַף ווי אַ זעלנער, ברייט־פּלייציק און די הענט זײַנען בײַ אים אַראָפּגעהאַנגען בײַ די זײַטן ווי צוויי דרענגער. די אויגן זײַנען בײַ אים געלאָפֿן פֿלינק אין די שלעסער, זײַנען שוין באַלד פֿון פּרימאָרגן געווען גלאַנציק און ער האָט גערעדט מיט אַ פּולער מויל צונג.

קיטאָ האָט געקענט יעדעס פֿאַרוואָרפֿן ווינקל פֿון שטאָט, האָט זיך געיאָגט איבער דער שטאָט ווי אַ טײַוול, אַרויף פֿון איין טראַמוויי אויפֿן צווייטן, געפֿלויגן מיט די אונטערערדישע באַנען און אויסגעוואַקסן אין צען פּלעצער כמעט ווי אויף אַמאָל. אָט איז ער געווען אין טשאַקאַריטאַ, באַלד אויף ריוואַדאַוויאַ און שוין האָט מען אים געזען אין באַלנעאַריאָ. די קאַ־טערינשטשיקעס האָבן פֿאַר אים געציטערט אימת מות, געשטאַנען פֿאַר אים ווי פֿאַר אַ גענעראַל און אַז ער האָט געפּאַקט עמיצן בײַ אַ לינק שטיקל אַרבעט האָט יענער געוואוסט, אַז די ביינער זײַנע וועלן צעמאָלט ווערן אונטער קיטאָס הענט ווי ווייץ צווישן די וואַלצן פֿון מיל.

„אָלע! דאָן כאַסינטאָ!" האָט קיטאָ באַגריסט זײַן באַלעבאָס, האָט באַמערקט אַ מאָדנע געלקייט אויף זײַן פּנים און האָט זיך דערשראָקן. זײַנע פֿלינקע אויגן האָבן געפֿינטלט מיט פֿראַגע־צייכנס.

כאַסינטאָ האָט זיך אויסגעגלייכט, פֿאַרצויגן אַ שמייכל אויפֿן פּנים און אַ זאָג געטאָן „אָלע!"

„וואוהין גיי איך היינט?" האָט קיטאָ געפֿרעגט נישט דרייסט.

כאַסינטאָ האָט זיך פֿאַרטראַכט. קיטאָן איז נישט געפֿעלן געוואָרן זײַן באַלעבאָסעס לאַנגע שטילקייט. ער האָט זיך געשאַרט פֿון איין פֿוס אויפֿן אַנדערן, געווען אומרואיק־צעשראָקן און אַ שנייץ געטאָן די נאָז סתם אזוי.

„טויבן־כאַפּער, קאַטערינשטשיק!" האָט כאַסינטאָ געהערט דעם טאַטנס קול איבער זיך. ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּ־טרייבן די קלאַנגען פֿון טאַטנס שטימע פֿון זיך, האָט אַ קוק געטאָן אויף קיטאָן און האָט אָנגעהויבן אויסצורעכענען גאַסן און געסלעך פֿון בוענאָס איירעס, געסלעך און סקווערן וואו עס האָבן היינטיקן טאָג געדאַרפֿט שטיין זײַנע קאַטערינקעס, זײַנע פֿייגל, וואו עס געפֿינען זיך זײַנע קעסטעלעך מיט קאָנווערטן, און אין די קאָנווערטן פּאַטשערקעס, צלמים, יעזוסלעך, פֿינגער־לעך, אוירינגלעך און קייטעלעך.

די קאַטערינקעס שפּילן. מענטשן שטעלן זיך אָפּ, הערן זיך אײַן, די פּאַפּוגעס, איין פּיסל צוגעטשעפּעט מיט אַ קייטעלע צו דער קאַטערינקע, שטייען און קוקן אויפֿן עולם, רופֿן מיט זייערע קוויטשיק־גרילציקע שטימען,

לאדן איין: „טשע, ווען אקי!" אַלע פּאַפּוגעס זיינע רופן מיטן זעלביקן נוסח, כמעט מיטן זעלביקן קול. די מענטשן באַצאָלן דעם קאַטערינשטשיק פאַרן פּלעט, די פּאַפּוגע צעפּאָכעט זיך גרויסהאַלטעריש, צעעפנט איר גרייצער שנאָבל, שלעפּט אַרויס אַ קאָנווערטל, גיט עס דעם קונה און אין אָוונט, פּאַרנאַכט־צייט ברענגען די קאַטערינשטשיקעס די קאַטערינקעס צוריק צו קיטאָן אין שפּייכלער אַריין און צו אים, צו דאָן כאַסינטאָ, ברענגען זיי צוריק די פייגל, די קעסטעלעך קאָנווערטן און זיי טיילן זיך מיט אים גלייך אויף גלייך, וויפל קאָנווערטן עס פעלן אַזוי פיל צוועלף־און־אַ־האַלב סענטיקעס קריגט ער.

וויפל אַזוינע קאָנווערטלעך האָבן שוין זיינע פּאַפּוגעס אַרויסגעצויגן? וויפל פּאַפּוגעס האָט ער שוין געהאַט?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך, נישט געהערט וואָס קיטאָ האָט צו אים גערעדט, בלויז אים צוגעגעבן „סי, קיטאָ, סי!" ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער רחבותדיקער פּאַטיאָ, אויף די שטובן אַרום און ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ ווי ער וואָלט ערשט געוואָלט אויסחשבונען וויפל טויזנטער קאָנווערטלעך זיינע פּאַפּוגעס האָבן געדאַרפט אַרויסציען כדי ער זאָל פאַר דעם געלט קענען קויפן דאָס הויז, אויפברענגען די קינדער, זיי שיקן לערנען און נאָך האָבן דאָ אין דער באַנק און דאָ אין יענער באַנק גאַנצע פאַרמעגנס מיט געלט.

„זאָלסט כאַפּן אַן אויג אויפן בלינדן, אַ ניכפּה אים אין די זייטן", האָט כאַסינטאָ אַ זאָג געטאָן קיטאָן אין מיטן דרינען. „זעקס נומערן האָבן נעכטן געפעלט אין זיין קעסטעלע. אַ יונג אַ גנב. אויף קאַזשאַאָ איז ער היינט!"

קיטאָס אויגן האָבן אויפגעלויכטן. ער האָט ערשט צום ערשטן מאָל דערהערט דעם באַלעבאָס ריידן מיט זיין געוויינטלעכער שטימע, מיט זיין אַמאָליקן טאָן.

„איז לויף איך!" האָט ער זיך אַ ריס געטאָן. „אַדיאָס, דאָן כאַסינטאָ!"

„אַדיאָס, קיטאָ!"

***

פון לאַ פּלאַטאַ טייך האָט זיך געטראָגן אַ פייכקייט וואָס האָט ווי מיט הייסע, אויסגענעצטע פּלאַכטעס איינגעוויקלט די שטאָט. דער אָטעם איז געווען שווער ווי בליי. ביי כאַסינטאָ מאַרקוס אין פּאַטיאָ איז דער טיש נאָך געווען באַשטעלט מיט ליידיקע שיסלען און שיסלעך, מיט טעלער, לעפל, גאָפּל און מעסער. די הענט האָבן זיך ביי קיינעם נישט געלייגט צו דער אַרבעט.

אויף דער וויג־קאַנאַפּע ביי דער וואַנט פון פּאַטיאָ איז געזעסן כאַסינטאָ און לעבן אים איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אין אָנלען זיין שוועסטער קינד מוישעלע. אויף שטולן און אויף דער אויסגעפּלאַסטערטער פּאָדלאָגע זיינען

געלעגן און געזעסן די גאַנצע משפחה. קיינער האָט ערשט נישט געקענט, נישט געוואָלט ריידן. מ'איז פויל געווען צו באַוועגן מיט די ליפּן, מיטן מויל. די פרייד, וואָס האָט ביי אַלעמען געהאַט אויפגעטויכט מיט דער לעצטער נייעס, וואָס מוישעלע האָט געבראַכט, אַז דער זיידע, די מאַמע וועלן קומען קיין בוענאָס איירעס, די פרייד, וואָס האָט זיך שוין וואָכן געוויקלט אין כאַסינטאָס האַרץ, נאָך פון יענעם טאָג אָן ווען דער טאַטע האָט צום ערשטן מאָל אין דרייסיק יאָר אים געשריבן אַ בריוו און אים גערופן „ליבער זון חזקיה!" די פרייד איז ערשט געלעגן אַ פאַרגליווערטע אויף אַלעמען.

גלייך פון טאָג ווען דער טאַטע האָט אים געשריבן דעם בריוו און אים אָנגערופן „ליבער זון חזקיה" האָט כאַסינטאָ איינגענומען אַ מוראַדיקע שוויַיגעניש. אָט איז ער אַרומגעגאַנגען איבער דער פּאַטיאָ און זיין פּנים איז געווען פאַרצויגן מיט אַן אומעט, ווי אַ שווערער וואָלקן, און באַלד האָבן זיך זיינע אויגן צעבלישטשעט, זיין פּנים צעשטראַלט און ער האָט אויס־געזען ווי אַ יינגל, פריש און צאַפּלדיק. פון זיינע ליפּן האָבן זיך אָבער נישט געהערט נישט קיין קלאַנג פון פרייד, נישט פון אומעט.

ווען מוישעלע איז געקומען אין הויז אַריין אויף זיינע וויזיטן האָט כאַסינטאָ זיך אַוועקגעזעצט מיט אים, גערעדט וועגן זיידן, און האָט די קלאַנגען איז זיך נישט געקענט איינהאַלטן. ער האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ אַזאַ וואָס האָט אָפּגעעכאָט איבערן גאַנצן אַרום: „די פייגל", האָט איין וואָרט אַלע מאָל אַ שפּאַר געטאָן פון אים.

משה האָט דעם פעטער שוין מער נישט געפרעגט קיין פראַגעס וועגן די „פייגל". ער האָט שוין געוואוסט צו וואָס דער פעטער האַלט אַזוינע צוויי שיינע צימערן אויפן גאָרן פאַר די דאָזיקע פייגל. ער האָט אַליין נישט איינמאָל געטראַכט וואָס ס'וועט זיין ווען דער זיידע וועט קומען. וואו וועט ער וואוינען? מיט וועמען וועט ער זיין?

„זיי וועלן וואוינען מיט מיר, נישט ביים זון נאָר ביי מיר וועט דער זיידע זיין!" האָט זיך משה געטרייסט.

אַזוי האָט ער געטראַכט ווען דאָס קומען פון זיידן, פון דער מאַמען איז נאָך געווען בלויז אַ חלום, אַ האָפענונג, אָבער ערשט, ערשט, אַז דער זיידע דערוואַרט שוין די שיף־קאַרטע, גרייט זיך אין וועג אַריין, ערשט האָט משה דערפילט, אַז ער איז אַ גזלן, אַ מערדער, פּירט דעם זיידן בידים צו דער שחיטה. „ווי אַזוי וועל איך קענען האַלטן דעם זיידן מיט זיך? פונ־וואַנען וועל איך נעמען אויף דירה געלט, אויף עסן פאַר אַלע? מיינע פאַרדינסטן ביי טריקאָטאַזש סטייען מיר קוים אויף אַ צימערל, אויף אַ מאָלצייט אַ טאָג, און נעמען ביים פעטער? ניין, דאָס וועל איך נישט טאָן, איך קען עס נישט טאָן", האָט משה זיך געבראָכן דעם קאָפּ.

ערשט איז ער געזעסן לעבן פעטער, האָט געפילט ווי די היץ דריקט און שטיקט, ווי די געדאַנקען מאַטערן און ער האָט געהערט דעם פעטערס קרעכצן, פאַרשטאַנען זיינע געדאַנקען און נישט געוואוסט וואָס דעם פעטער

צו ענטפערן אויפן קרעכץ וואָס איז געווען באַגלייט מיט די ווערטער: „די פייגל״.

די פאַרנאַכטיקע זון האָט געגלעט ווי מיט הייסע קוילן. די פייכקייט, וואָס האָט זיך געשפּרייט פון טייך לאַ פּלאַטאַ, איז געוואָרן אַלץ מער שטיקנ־דיק, אַפילו דער שאָטן אונטערן בוים אין מיטן דער פּאַטיאָ, אַפילו דער שאָטן האָט געפּליצט מיט פאַרעדיקער היץ און אין דער שטייג, אויף דער וואַנט צווישן די בלומען־טעפּ, האָט דער זינג־פויגל כסדר געצויגן טראָפּנס וואַסער אין זיך אַריין און דאָס זינגען איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.

סעניאָר כאַסינטאָ מאַרקוס האָט אַרומגעבונדן אַ ניי, ווייס טיכל אַרום האַלדז און איידער ער האָט עס נאָך צוגעקנופּט איז עס שוין געווען אויס־געווייקט ביי די ראַנדן.

זיינע געדאַנקען, קליינע, רירעוודיקע ווי מוראַשקעס, זיינען געלאָפן דאָ אַהער, דאָ אַהין, האָבן זיך געיאָגט אָן אַ סדר און האָבן זיך אין ערגעץ נישט געקענט אָפּשטעלן. ער האָט מיד אַ קוק געטאָן צום גאָרן, האָט די אויגן צוריק אַראָפּגעלאָזט און האָט סתם אַ זאָג געטאָן: „אַמברע״. ער האָט מיט אַ מאָדנער צאַרטקייט אַ גלעט געטאָן משהס האַנט, זיך איינגע־קנאָדערט אין זיך און געשוויגן ווי אַלע אַרום אים. און ווען משה איז אוועק צו זיך אין צימער און ווען די משפּחה האָט זיך צעלייגט ווער אויף אַ מאַטראַץ אין דער אָפענער פּאַטיאָ, ווער אויף אַ קאָלדערע און ווער אויף אַן אויפגעלייגטער ים־שטול, האָט כאַסינטאָ זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט, איז אַרויס אין גאַס און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ ווייטן, אַ לאַנגן שפּאַציר.

„איז קומט ער טאַקע, אָט, איידער וואָס ווען וועט ער זיין דאָ, איז, אַמברע, טשע, וואָס שווייגסטו?״ האָט די פריערדיקע פרייד זיך צוריק אָנגעהויבן צו וועקן אין אים. „און די פייגל? צו וואָס דאַרפסטו די פייגל? שוין גענוג געפייגלט, שוין צייט פּטור צו ווערן פון זיי!״ האָט אַ צאַרטער קול אים געשעפּטשעט אין אויער אַריין. „איז וואָס ועסטו טאָן, אַז די פייגל וועלן נישט זיין, די קאַנווערטן וועלן נישט זיין, די קאַטערינקעס וועלן נישט זיין?״

אים האָט זיך געדאַכט, אַז קיטאָ, קיטאָ לאָפּעז פון דער פּאַמפּאַ, רעדט אים אַריין אין אויער. ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון קיטאָן, נישט געוואָלט זען דעם יונג ערשט לעבן זיך, מיט זיך, אים נישט געוואָלט האָבן פאַר קיין חבר ערשט ווען ער טראַכט וועגן טאַטן, וועגן ר׳ הערש לייזערן. „וואַמאָס, קיטאָ, טראָג זיך אָפּ פון מיר!״ האָט ער אויפן קול אַ זאָג געטאָן צו קיטאָן. „אָן פייגל וועל איך אויך לעבן, כ׳האָב ב״ה גענוג; הייזער, געלט אין די בענק. און וואָס איז וועגן קריגן עפּעס אַ נייע פּרנסה?״ האָט אַ נייע פראַגע זיך אַ שטעל געטאָן פאַר אים.

כאַסינטאָ האָט פאַרגעסן די שטיקנדיקע היץ, די פּלאַכטעס פייכקייט, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום אים. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן גיך,

גיכער, איז געגאַנגען גאַס־איין, גאַס־אויס, געשניטן דורך זייטיקע, אומבאַקאַנטע געסלעך, אַרויסגעקומען אויף קאַריענטעס, אויף לאַוואַזשע, פאַרבייגעשניטן בולוואַרן וואו מענטשן זיינען געזעסן און געפּרייכט. ער האָט אַלעמען אויסגעמיטן, נישט געזען דעם אַרום, נישט געוואוסט ווען און ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרקערעוועט אַהיים, זיך געפונען ביי זיין הויז, איז אַריין אין פאַטיאָ, זיך אַוועקגעלייגט אויף דער וויג־קאַנאַפּע און איז אַ מידער איינגעשלאָפן.

מיטן טאָג צוגלייך איז ער שוין געווען אויפן גאָרן. די פאַפּוגעס האָבן דערקענט זיינע טריט, האָבן זיך פריידיק צעגודערט, געוואָרט דער באַלעבאָס זאָל זיי אַריינברענגען שיסלען קרויט, מערן, זאָל זיי אַריינברענגען פריש, קאַלט וואַסער, האָבן געוואַרט אויף זיין „אָלע, טשיקאַס!״ ווי ער האָט זיי יעדן פרימאָרגן באַגריסט. זיי האָבן פאַר זיך געזען דעם באַלעבאָס אַ צעקנייטשטן, אַ צעקנאָדערטן, די האָר אויפן קאָפּ, די האָר ווי אויסגעטריקנטער טאַבעק, צעפּאַטלט, די שאַרפע וואָנסעס ווי ציין בערשטלעך איינגעפאַלן, נעבעכדיקע, און די אויגן רויטע, צעפּיבערטע. זייער פרייד איז פאַרשטומט געוואָרן אין זיי. זיי זיינען געשטאַנען אויף די שטאַנגען און געשוויגן ווי פאַרגליווערטע. בלויז די אַלטע פאַפּוגע, די אַלמנה, האָט פון איר איינזאַמען ווינקל עפּעס אַ מורמל געטאָן: „שלום, אלך, טאַטאַ, טאַטאַ!״ די פייגל האָבן זיך מיט וואונדער אַ ווענד געטאָן צו דער אַלטער, געמיינט זי איז געווירט, איינגעהאַלטן דעם שמייכל אין זיך און צוריק געווענדט די שטאַרנדיקע אויגן צום באַלעבאָס.

כאַסינטאָ איז געגאַנגען דאָ צו דעם צימער, דאָ צום צווייטן, זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף די פאַפּוגעס, אַראָפּ פון די טרעפּ, געהערט ווי די פאַפּוגעס האָבן זיך מיטאַמאָל צעגודערט ווי זיי וואָלטן איינע דער אַנדערער געפרעגט צי זיי ווייסן וואָס מיטן באַלעבאָס איז געשען. זייערע קולות, הונגעריקע, מאָנענדיקע קולות האָבן זיך אָנגעהויבן צו הייבן העכער און העכער. גרילצנדיקע ווערטער האָבן זיך געטראָגן איבער דער שטילקייט פון דער פאַטיאָ: „טשע, ווען אַקי!״ האָבן זיי אַלע גערופן. כאַסינטאָ האָבן זייערע קולות ערשט געגעבערט אין האַרץ, אין אַלע זיינע אברים.

„וויפל חרפות, וויפל בלוט פאַרצאַפּעניש האָבן די שטימעס פון די פייגל מיר שוין פאַרשאַפט ווען זיי האָבן זיך אַזוי צעגודערט ווען געסט זיינען געווען?״ האָט ער געטראַכט. ער האָט זיי שוין נישט איינמאָל איבערגעשיקט אין שפּיכלער, זיי איבערגעגעבן אין קיטאָס הענט, אין כאָרכעס הענט. זיי האָבן אָנגעהויבן אויסצושטאַרבן ווי די פליגן; נאָר ער, נאָר ביי אים אין הויז האָבן זיי זיך געהאַלטן, ער האָט זיי אַלע מאָל צוריק גענומען, זיי געגעבן צוריק דעם גאָרן, די פּראַכטיקע צוויי צימערן, וואו זיי לעבן זיך ווי פּרינצן, ווי גראַפן; וואַקסן, האַלטן זיך לאַנג און עסן אים די לעבער, גליווערן זיין בלוט, און ערשט — ערשט קומט דער טאַטע, דער טאַטע קומט.

דאָס גודערן פון די פייגל האָט זיך געשטאַרקט. אפילו די אַלטע, איר קול האָט זיך ערשט אויך געהערט אין כאָר פון די שטימעס. זי האָט גערופן: „שלום טאַטע! שלום טאַטע!"

„זי איז אַלט, קען קיין זאַץ נישט אויסלערנען!" האָט כאַסינטאַ אַ מורמל געטאָן.

ער האָט פאַררימן דעם קאָפּ צום באַלקאָן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאַטע, ר' הערש לייזער שטייט דאָרט אויבן, קוקט אַראָפּ צום זון, שעפּ־טשעט עפּעס מיט די ליפּן און גייט אַריין אין איין צימער, אין צווייטן. די פייגל ווערן שטיל און באַלד צעטראָגט זיך דעם טאַטנס קול איבער דער פּאַטיאָ, אַן איידל, אַ בענקענדיק־וויינענדיק קול. דאָס קול זינגט, דאָס קול שפּרייט ווייטע און דאָך נאָענטע קלאַנגען, טענער, וואָס פליסן פון ערגעץ ווייט פון פאַרגאַנגענע טעג, פון יינגלשע טעג ווען דער טאַטע פלעגט באַגינען זיצן און לערנען און ס'האָט זיך געוואָלט איינטוליען טיף, טיפער אין קאָלדרע און הערן דעם טאַטנס ניגון שטענדיק, ביז אין דער אייביקער אייביקייט אַריין. אָט די טענער, יענע געזאַנגען טראָגן זיך ערשט פון באַלקאָן, פון די צימערן וואו די פּאַפּוגעס, מיט זייער גרילציקן „טשע, ווען אַקי", זיינען ערשט דאָ. אַנשטאָט די חרפּות, וואָס דאָס וואָרטשען פון די פייגל פאַרשאַפט אים, טראָגט זיך ערשט דעם טאַטנס געזאַנג איבער דער פּאַטיאָ. דעם טאַטנס זינגען היילט ווי אַ באַלזאַם, פאַרוויגט לולודיק. עס קומען געסט, זיצן אין שאָטן פון בוים אין דער פּאַטיאָ, הערן זיך איין פאַרגאַפטע צום טאַטנס געזאַנג; זייערע אויגן זיינען פייכט, זיי שעפּטשען צו אים, צו כאַסינטאָן, דעם געוועזענעם קאַטערינשטשיק: „אַזאַ טאַטע, אַזאַ טאַטע, ס'איז דאָך אַ צירונג, אַ קרוין אין קאָפּ!"

ווי אין חלום האָט זיך סעניאָר כאַסינטאָ מאַרקוס געשאַרט צו די טרעפּ, זיך געצויגן צום טאַטנס זינגען, איז צוגעקומען צו די צימערן, דערזען די פייגל. דעם טאַטנס זינגען האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. ס'גרילצן פון די פייגל האָט אים פאַרטויבט. ער האָט אויפגעציטערט, האָט אַ הייב געטאָן די הענט ווי צוויי גיגאַנטישע פליגל, פון זיין האַלדז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ מוראַדיק ווילדער געשריי: „אַרויס! אַרויס! אַרויס!" די פּאַפּוגעס זיינען פאַרציטערט געוואָרן. זיי האָבן זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער, געזוכט ערטער וואו זיך צו באַהאַלטן. כאַסינטאָ האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ שטעקן, געפאָכעט אין דער לופטן, געהאַקט איבער די פליגל, געשריגן „אַרויס! אַרויס! אַרויס פון מיין הויז!" און האָט די פּאַפּוגעס אַרויסגעיאָגט פון איין צימער, פון צווייטן, זיי געטריבן פון באַלקאָן, פון די דעכער אַרום און כסדר געשריגן: „אַרויס! אַרויס! אַ סוף זאָל נעמען, אַרויס!" די פּאַ־פּוגעס האָבן געפּאַטשט מיט די פליגל, זיך נישט געקענט אויפהייבן הויך, שנעל מיד געוואָרן, זיך אַראָפּגעלאָזט דאָ אויף דעם דאַך דאָ אויף יענעם און מיט פחד אין זייערע אויגן, מיט אַ מוראַדיק וואָרקן האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט איבער די גאַסן פון בוענאָס איירעס.

און ווען די קינדער, די אייניקלעך, ס'ווייב זיינען ארוים פארשלאפענע פון די צימערן און געזען ווי דער טאטע שטייט מיט א שטעקן אין דער האנט, מיט ווילדע אויגן, מיט וויסטע קולות און טרייבט די פאפוגעס, האבן זיי געגלאצט די אויגן אויף אים, נישט געוואוסט, וואס מיט אים איז געשען. ער האט דערזען ס'ווייב אין פאטיא, די קינדער ארום איר. ער האט אוועקגעלייגט דעם שטעקן, האט א קעם געטאן די האר מיט זיינע צענומענע פינגער און האט זיך געווענדט צום ווייב, צו די קינדער:

„לאמיר זיך א נעם טאן, טאקע שוין, אויפרוימען די צימערן, זיי אויסוואשן, אויסלופטערן, צוגרייטן פארן טאטן, ער קומט דאך די טעג!"

ער איז אריין אין ערשטן צימער, געזען באניטאס, דער אלטער פאפוגעס פינצטערע, צעשראקענע אויגן, געהערט ווי זי בעט זיך ביי אים „שלום, טאטע, אלעך!" ער האט זי אראפגענומען פון שטאנג, זי געטוליעט צו זיך און איר געזאגט: „בלייב, בלייב, אלטיטשקע. בלייב, מיר ביידע, איך און דו וועלן דעם טאטן גריסן, דעם ערשטן שלום עליכם אפגעבן!"

יחיאל האָפּער (ישראל)

מנחם באַריישאַ

זיין וועג צום מענטש

(אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט)

„זאוול רימער", אַ פריערדיק ווערק פון מנחם באַריישאַ, איז דער עפּאָס פון חומר. אָבער נישט קיין היידנישער עפּאָס, נאָר אַ יידישער. זאוול איז נישט קיין אַפּאָלאָן, נאָר אַ רימער; ער איז נישט דער טרעגער פון דער גריכישער קערפּערלעכער שיינקייט, נאָר פון יידישער קערפּערלעכער געשלאָגקייט, וואָס איז אַ פּועל־יוצא פון לאַנגע דורות אָרעמקייט און שווערער אַרבעט.

„זאוול רימער" איז דערפאַר אַן עפּאָס, ווייל אין דעם פּרימיטיוון גוף, וואָס הייסט זאוול, שפּילן זיך אָפּ געשעענישן, וואָס זענען פול מיט העלדיש־קייטן (פּונקט ווי ביים מהר"לס גולם). אָבער ער אַליין, זאוול, איז נישט קיין העלד. ער האָט נישט קיין ווילן. עפּעס טוט זיך מיט אים — נאָר נישט ער טוט דאָס.

זאוול (ווי דער גולם פון מהר"ל) האָט נישט קיין בחירה. ער אונטער־ליגט נישט די געזעצן פון בחירה, און דערפאַר שטעלט זיך ביי אונדז די פראַגע: צי איז זאוול רימער אַ דורכאויס יידישער העלד? צי איז דאָס אַ דורך און דורך יידיש ווערק? (ווי דאָס איז אָן שום ספק „דער גייער").

חומר איז אוניווערסאַל. נשמה איז אינדיווידועל. פון דעם זעלבן שטיק חומר, פון וועלכן ס'ווערט אויסגעקנעטן דער יידישער מענטש, ווערן אויסגעקנעטן אַלע מענטשן. אָבער נשמה — איז פאַר יעדן מענטש פאַראַן אַ באַזונדערע, וואָס ווערט אַרויסגענומען פון אוצר הנשמות. — אויף וויפל חומר בכלל איז אוניווערסאַל, אויף אַזויפיל איז „זאוול רימער" אַן אוני־ווערסאַל ווערק. נאָר אויף וויפל דער חומר פון זאוול רימער איז געקומען אויף דער וועלט ביי יידישע (און נאָך וואָסערע יידישע!) טאַטע־מאַמע, אויף וויפל ער איז פון דורות איינגעטונקען אין יידישן צער, — אויף וויפל ער טראָגט אין זיך דעם יידישן עול, — אויף אַזויפיל איז „זאוול רימער" אַן אַבסאָלוט יידיש ווערק.

אַזוי ווי נוח, „דער גייער", איז צוריקגעקומען פון דאָרט פון וואַנען ער איז אַרויסגעגאַנגען, אַזוי איז זאוול, דער עומד, געבליבן צוריק שטיין דאָרטן, וואו ער איז די ערשטע רגע פון זיין אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדז געשטאַנען. סיי „זאוול רימער" און סיי „דער גייער" זענען ווערק פון גרויסע דורכפאַלן, ווייל זיי זענען ביידע ווערק פון גרויסע נסיונות.

זאָל זיך קיינעם נישט אויסדאַכטן, אַז „זאַוול רימער" איז אין גאַנצן פון געדאַנק שוואַכער פון „דעם גייער". זאָל זיך קיינער נישט לאָזן פאַרפירן דורך דער כּלומרשטער פּרימיטיוויקייט פונעם העלד (זאַוול), צי דורך דער נאַאיווער פאַבולע פון ווערק; זאָל קיינער זיך נישט לאָזן פאַרפירן מיט פאַרגלייכן פון אַנדערע ליטעראַטורן, וואו די איבערראַפינירטקייט האָט דערפירט צו דער מאַניע זיך צו באַשעפטיקן און אַריינפירן אין דער ליטעראַטור (ווי אין דער קונסט בכלל און אפילו אין פּריוואַטן לעבן, למשל, די „לודאַמאַניע" אין פּוילן) קינדער פון פאָלק. זאַוול רימער האָט מיט דעם אַלעם גאָרנישט צו טאָן. „זאַוול רימער" — דאָס זענען סודות פון קבלה איבערגעגעבן אין אַ פּאָעטישן עברי־טייטש. „זאַוול רימער" איז ווייניק צו לייענען, זאַוול רימער דאַרף מען לערנען.

אין „זאַוול רימער" האָט מנחם באָריישאָ אַרויסגעוויזן זיין גרויסע שפּראַך־מייסטערשאַפט. יעדער געדאַנק איז ניואַנסירט, יעדעס געפיל איז אויסגעפילט מיט ווערטער (און פאַרקערט). אינעם גאַנצן ווערק איז נישטאָ קיין איין לער אָרט, וואו די ווערטער זענען זיך סתם אַזוי. צי דאָס רעדט בעקאַ, צי ליזאַ, צי מישאַ, צי חיה־ריווע, צי פריידע, צי גאָר זאַוול אַליין — איז די שפּראַך זייערע, נישט קיין געבאָרגטע. די שפּראַך איז קלאָר, לויטער, דורכזיכטיק. די שפּראַך איז אַן אינעוווייניקסטע; זי איז נישט קיין אַרויסגערעדטע, נאָר, אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אַן אַריינגערעדטע.

מנחם באָריישאָ האָט מיט נשמה געמאַכט אַ טיפע און ברייטע עקסקורסיע אין שטח פון גוף. און כאָטש זיין העלד איז דורכגעפאַלן, האָט עס מנחמען קינסטלעריש אָנגעגורטן. זאַוול רימער איז געווען מנחמס גרויסער קינסטלערישער טרענינג, בכדי זיך גרייט צו מאַכן צום וועג, אויף וועלכן ס'האָט מיט יאָרן שפּעטער געגומען שפּרייזן זיין „גייער".

מנחם באַנוצט זיך אין זאַוול רימער מיטן ברייטן און ווייסן פערז. אָבער דווקא דאָ, אין דעם ווערק, איז ער דערגאַנגען צו אַ געוואַגטן צמצום־הלשון. דאָס עפּישע פונעם ברייטן פערז — דאָס איז אַלץ, וואָס ס'לעבט איבער, טוט און רעדט זאַוול רימער, דער גולם, און דאָס לירישע פון די שמאָלע, פיר־שורהדיקע פערזן, איז דאָס, וואָס ס'טראַכט און ס'זינגט אין אים אַריין דער מהר"ל זיינער (מנחם). אָבער זאָגן דאַרף מען, אַז מנחמס עפּאָס איז ליריק — ווי זיין ליריק איז עפּאָס. און ביידע צוזאַמען זענען זיי דאָס געזאַנג פון אַ יידישן גוף, וואָס דורך פינצטערע און לייכטנדיקע וועגן רייסט עס זיך צו דער לויטערקייט פון דער נשמה.

***

„דער גייער" איז, להיפוך צו „זאַוול רימער", אַ כראָניק פון דער יידישער נשמה. נישט דווקא פון נוחם (דער העלד פון מנחמס „דער גייער") נשמה, נאָר פון דער יידישער נשמה בכלל. נוח איז נאָר אַ סימבאָל און במילא אַ דורכשניט — סיי אַ ווערטיקאַלער, סיי אַ האָריזאָנטאַלער — פון דער יידישער גייסטיקייט פאַר אַ משך פון כמעט טויזנט יאָר.

ס'זענען געווען גרויסע דיכטער, אין וועמענס שאַפונגען ס'האָבן זיך געניי אָפּגעשפּיגלט דער גערדאַנקען־געראַנגל און געדאַנקען־אַנטוויקלונג פון זייער דור, אָדער פון גאַנצע דורות. למשל, אויף איבסענס דראַמאַטישע שאַפונגען האָט געהאַט אין אָנהייב אַ געוואַלטיקע השפּעה דער וועג און די וואָג פון דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע. דערנאָך איז ער אַרונטערגעפאַלן אונטערן איינפלוס פון פּאָזיטיוויסטישן געדאַנק און לסוף צוריקגעקומען צום אידעאַליזם (נעאָ־קאַנטיאַניזם). פרידריך שילער האָט ממש געשאַפן אונטערן גייסטיקן דרוק פון קאַנטס פילאָזאָפיע. מע קאָן אויסרעכענען אַ גאַנצע ריי גרויסע שרייבער און קינסטלער, וואָס האָבן זיך געפונען און געשאַפן אונטערן איינפלוס פון פאַרשידענע גייסטיקע און אינטעלעקטועלע שטרעמונגען פון זייער צייט.

אָבער מנחם באָריישאָ איז געווען אַ ייִד. אַ ייִד, אַ תורה־לשמהניק. און תורה־לשמה איז אַ־געשיכטלעך. אין ניינצנטן (און אין צוואַנציקסטן) יאָרהונדערט האָבן ייִדן געטראָגן אין זיך און לגמרי אויסגעלעבט זיך אין געדאַנקען, אידייען, וועלט־אָנשויאונגען פון פאַר טויזנט יאָר צוריק, און אפשר גאָר פון פאַר טויזנט יאָר פאַראויס. זינט דעם חורבן בית־שני האָבן די ייִדן בכלל איבערגעריסן מיט געשיכטע. זיי האָבן געלעבט למעלה מן הזמן. דאָס האָבן נאָר די גויים, די גויאישע וועלט געגייט די ייִדן צו מאַכן געשיכטע. דאָס האָט נאָר די גואישע וועלט זיי גענייט און אַריינגעצויגן דורך בלוטיקע וועגן פון פּאָגראָמען, רדיפות און גזירות אין דעם, וואָס האָט געהייסן און הייסט אויך היינט — וועלט־געשיכטע (מיאוסע וועלט־געשיכטע).

דער ייִדישער געדאַנק האָט זיך באַפרייט פון נאָך איין דימענס — פון צייט־אויסמעסט. דעריבער איז ער געוואָרן אַבסטראַקט, געוואָרן אַ סימבאָל. און ווייל ער איז געוואָרן אַ סימבאָל, טראָגט ער אין זיך אַזויפיל אַטריבוטן פון אייביקייט. און ווייל ער טראָגט אין זיך אַזויפיל אַטריבוטן פון אייבי־קייט, איז ער געווען און איז אַזוי לאָקנדיק, אַז אַלע ייִדן זענען געווען און זענען איצט אויך גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אים.

מנחם איז געווען אַ סימבאָליקער. ער האָט זיך באַפרייט פונעם צייט־אויסמעסט. כאָטש ס'דאַכט זיך אויס, אַז ער האָט אַזוי ליב געהאַט כראָנאָ־לאָגישן סדר; כאָטש ער האָט אַזוי ליב געהאַט די ברייטע היסטאָרישע קאַנווע. דאָס איז אָבער מער נישט ווי אַן איינדרוק, אַן אילוזאָרישער. סוף־כל־סוף פאַרלאַנגט אפילו דאָס סימבאָלישע — אויסגעלייגט צו ווערן אין לאָגישע כללים און פאַרטייטשט צו ווערן מיט קלאָרע ווערטער. מנחם האָט זיך נישט געוואָלט אַרויסדרייען פון ·זיינע פליכטן אַלס קינסטלער. קיינער איז אים אין דעם אפילו נישט חושד. אָבער מנחם האָט נישט געמיינט דעם נוח, דעם מלמד, צי דעם פלעטער. ער האָט געמיינט טאַקע דעם נוח פון דער תיבה, וואָס כאָטש ער איז געווען אַ שליח פון גאָט אין דער צייט פון מבול, איז אים, ווי מיר זעען איצט, נישט באַשערט געווען צו ראַטעווען די וועלט פון רישעות און פאַרדאָרבנקייט.

נוח דארף עס זיין דער יידישער פּאַוסט. ער זוכט אָבער נישט די ערדישע יונגקייט, נאָר די אייביקע. די אייביקע וועלט פון יושר, שיינקייט און טיפן זין. נוח איז דער „גייער" נאָכן טיפן זין פון לעבן און פון דער וועלט. ער טראָגט אין זיך די בענקשאַפט צו שלימות, צו אינערלעכער פרייהייט. נוח איז נישט קיין דאָקטאָר — ווי פּאַוסט. ער וויל ווערן אַ תלמיד אין ראַבינער־שול און אויך דאָס געלינגט אים נישט. ער איז נישט, ווי פּאַוסט, קיין אַלמעכטיקער, ער איז אַ יתום. ער איז דער אייביקער יידישער יתום פון דעם שוין לײדער נישט אייביקן, קליינעם, יידישן שטעטל.

זאָל מיר דערלויבט זיין אויף אַ דיגרעסיע. כ'האָב היינט — נאָכן חורבן — אַזוי שטאַרק ליב דאָס יידישע שטעטל (ווען ס'איז שוין נישטאָ) ווי איך האָב עס אַמאָל (פאַרן חורבן) פיינט געהאַט. כ'ווייס נישט פאַרוואָס דאַרף עס ביי אונדז דער טרעגער פון אַלע הויכע און טיפע געדאַנקען, פון אַלע עטישע ווערטן — זיין דווקא דער יתום, דער אָרעמאַן? פאַרוואָס איז עס דער גביר ר' מרדכי נישט געשטעלט געוואָרן פאַרן נסיון און נישט געניית געוואָרן צו פאַרלאָזן די היים און משפחה און צו ווערן אַ „גייער"? צי איז טאַקע דער עושר נישט מסוגל צו עפּעס העכערס? צי פּרעדיספּאָנירט טאַקע רחבות צו גאָרנישט?

דאָס צושרייבן דווקא דעם אָרעמאַן די מעגלעכקייט פון דערהייבונג איז אַ שטריך אַ כאַראַקטעריסטישער פאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. ס'איז אַ שטריך פון יידישן פאָלקס־כאַראַקטער, פון זיין פאַרשטעלונג־קראַפט און פון זיינע אָנגעווייטיקטע געפילן. לאָמיר צוליב דעם נישט האָבן קיין טענות צו באַריישאָן.

און אפשר איז דער יידישער אַבסטראַקטער געדאַנק נישט נאָר אַ־היסטאָריש, נאָר אויך אַ־עקאָנאָמיש. דווקא די יידן, וואָס האָבן זיך געמאַטערט פאַר אַ שאָטן און אָפּשיין פון עולם־הזה, די האָבן זיך אויך געמאַטערט פאַר אַ שאָטן פון עולם־הבא. אפשר זענען טאַקע אונדזערע גבירים נאָר פּעאיק פון אונדז אַוועקצוגיין, און אין בעסטן פאַל, זענען זיי טראָגער אַלע ספקות און מאַטערנישן, וואָס נאָגן זיי — פּעאיק בלויז צו בלייבן, אָבער קיינמאָל נישט צו גיין. ווי זאָגט עס נוח צו ר' מרדכין:

איר זענט אַ ייד אַ גביר,\
איר האָט גרויסע עסקים צו פירן און מוזט נעמען אייער אמונה\
ווי זי גייט, צי ווי אייך איז גרינגער.\
איך בין אַן אביון, איך דאַרף נישט מער\
ווי דאָס ברויט פאַר מיין ווייב און קינדער און ביי מיר\
איז אמונה דאָס לעבן. (זייט 115)

וואָלט ר' מרדכי איינגעהאַלטן די גאַנצקייט פון זיין שטוב, פון זיין לעבנסציל, פון זיין דרך, וואָלט ביי אים אין הויז געהערשט דער סינטעז פון רעליגיעזער התנהגות, פון לומדות און עשירות און וואָלט דאָס געווען

דער פונדאַמענט פאַר זיינע ווייטערדיקע דורות — וואָלט עס אפשר מנחמען געלאָקט. מנחם וואָלט דעמאָלט אַרויסבאַקומען פון ר׳ מרדכין עפּעס שלימות־דיקס, אפשר נישט אין זין פון פולקאָמענקייט, אָבער לכל־הפּחות אין זין פון גאַנצקייט. (גאַנצקייט איז נישט אַלעמאָל פולקאָם, פונקט ווי פולקאָ־מענקייט איז נישט שטענדיק גאַנצקייט.) אָבער ביי ר׳ מרדכים טיש איז געזעסן זיין זון, דאָס גימנאַזיסטל, דער אײדעם, וואָס האָט געשטעקט ראשו ורובו אין ספרים חצוניים, זיי זענען שוין ווייט געווען פון דעם אַלעם, וואָס איז פאַר ר׳ מרדכין געווען טייער און וואָס ער וואָלט געוואָלט פאַר יעדן פּריז איינהאַלטן. אַזאַ ר׳ מרדכי, וואָס האָט מער נישט געהאַט ווי פאַר זיך, וועמענס גייסטיקער קנין האָט מער נישט אויסגעשטראַלט, איראַדירט; אַזאַ ר׳ מרדכי האָט מנחמען נישט געקענט באַגייגענען. ער האָט אים נישט געקענט מאַכן פאַר קיין „גייער״. ער האָט אים נישט געקענט אָנפאַרטרויען קיין שליחות.

נוח איז גאָר עפּעס אַנדערש. נוח האָט געמוזט קומען אויף דער וועלט אַ „באַפרייטער״ פון אַלעם, בכדי זיך קענען פאַרקנסן צו דער וועלט; ער האָט געמוזט זיין אפילו פריי פון טאַטע־מאַמע־ליבע, בכדי גאָרנישט צו האָבן אין זיך פון אייגן־ליבע. ער האָט געמוזט זיין פון אַלעם אויסגעטאָן, בכדי קאָנען אויף זיך אַלץ אָנטאָן; ער האָט געמוזט אָפּט זיין אַליין, בכדי קאָנען זיין מיט אַ סך; ער האָט נישט געקאָנט זיין אין „ערגעץ״, בכדי קאָנען זיין אומעטום; ער האָט געמוזט זיין אָרעם, בכדי צו פאַרשטיין די קנעכטשאַפט פון גבירים. די אַלע מענטשלעכע קנינים האָט מנחם ביי נוחן צוגענומען, ווען ער האָט אים געשיקט אין דער וועלט אַריין אַלס „גייער״. נאָר איין קנין האָט ער אים איבערגעלאָזט: זיין גאָט. מנחם האָט נוחן קיינמאָל נישט צעשיידט, נישט צעקריגט מיט גאָט. וואָלט עס מנחם יאָ געוועז געטאָן, וואָלט נוח ממילא אַרויסגעפאַלן פון דער קאָנסטעלאַציע פון געזעצן, וואָס פאַרפליכטן דעם מענטש צו באַשטימען זיין באַציאונג צו דער וועלט און זענען דער יסוד פאַרן זין פון מענטשלעכן לעבן אויף דער ערד. וואָלט נוח אַרויסגעפאַלן, אַזוי צו זאָגן, פון דער קאָנסטעלאַציע, פון זיין באַציאונג צו גאָט, וואָלט זיין גאַנץ „גיין״ נישט געווען מער ווי איין לאַנג בלאָנדזשע־ניש צווישן תוהו־ובוהו. מנחם האָט דאָס נישט נאָר תופס געווען מיט זיין געדאַנק, נאָר אויך, און דער עיקר, מיט זיין קאָמפּאָזיציאָנעלן חוש, און אַזוי אָרום געראַטעוועט דאָס ווערק פון אַ גרויסער סכנה.

אפילו אין אַקאָרד־אַקט, ווען נוח קומט צוריק און וויל נישט מער גיין אין דער וועלט אַריין, און אַנטלויפט פאַר זיין שליחות ווי יונה־הנביא — בלייבט ער אויך מיט גאָט. יונה־הנביא האָט געקענט אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן פון גאָט, אָבער ער האָט זיין גאָט קיינמאָל נישט פאַרלייקנט.

דער „גייער״ דאַרף עס זיין דער ידישער „פאַאוסט״. ווי פאַאוסט זוכט נוח כסדר און געפינט נישט. אָבער זיין נישט געפינען איז נישט קיין קאַטאַסטראָפע, ווייל ער פאַרלירט זיך קיינמאָל נישט אינגאַנצן. ער גיט נישט איבער אויף קיין איין רגע זיין נשמה דעם טייוול. ס׳איז אין אים

גאַרנישט פאַראַן פונעם נישט־יידישן דואַליזם (כ׳שטרייך אונטער אין איס, ווייל אויסער אים איז שוין דוקא יאָ דאָ גוטס און שלעכטס). עפּעס אַ גוטע יידישע מאַניסטישע רואיקייט ליגט אויף אים, אויף נוחן. ער האָט אפילו נישט קיין יצר־הרע, וואָלט איך געזאָגט. זיינע אַלע ערדישע גלוסטונגען ווערן פריער אַדורכגעברענט אין קאַלכאַויוון פון חקירה.

צי קלינגען נישט פאַאוסטיש די ווערטער:

ווייסן וואַקסט און נייע קלאָרקייט ווישט די אַלטע אָפּ, נאָר
ס׳זענען דאָ
אַזעלכע קלאָרקייטן, וואָס זעען זיך מיט אויגן פון דורות.

(זייט 196)

ווער זאָגט עס? נוח דער פּלעטער, דער וועכטער? ניין. דאָס זאָגט נוח דער אייביקער ייד, וואָס לעבט איבער מבולען, דער ייד, וועלכן, וואָס מער מע זאָגט אים אָפּ די וועלט, אַלץ טיפער זוכט ער זי אין זיך.

***

נוחן זעט מען נישט, מען הערט אים נאָר. ער איז נישט געמאָלן. אין פאַרשידענע סיטואַציעס זעט זיך אַמאָל זיינס „אַ באָרד“, „אַ ווייכע האַנט“, „פאַרשטייפטע ברעמען“. געמאָלן אינגאַנצן איז ער נישט, נאָר איינצלנע שטריכן קוים אָנגעצייכנט. ניין, צומאָל נישט קיין שטריכן, נאָר פּלוצים אָפּגעדעקטע שטיקלעך פון דעם, וואָס געהער זיך אָן זיין קערפּער. אפילו דוואָשע, זיין שפּעטערדיק ווייב, שילדערט אים אָט אַזוי, ווען זי איז צוריק־געקומען פון אַ „זעעכץ“ אין מאַלטש:

צוויי זענען זיי דאָרטן געווען, מאַמע!
איז איינער אַ שיינער ווי אַ רויטער עפּל
און כסדר געקוקט, זיך נישט אָפּצוטשעפּן,
דער צווייטער — אַ קוק געטאָן איינמאָל און פּטור
און איז דאַר און קליין!

(זייט 25)

דער דאַרער און קליינער — דאָס איז נוח. פאַרשטייט זיך, אַז זי קלייבט שוין דוקא אים אויס פאַר אַ מאַן. אָבער נישט אין דעם גייט עס. ס׳גייט אין דעם, אַז נוח איז נישט געמאָלן, נישט געשילדערט פּלאַסטיש, ווייל איר וועט סיי־ווי־סיי גאָרנישט אַראָפּלערנען, אָדער אַראָפּלייענען פון זיין פּנים, צי פון זיין גוף. פון זיין פּנים, צי פון זיין גוף קאָן מען נאָר עפּעס אַראָפּוויקלען. דאָס איז דער סוד פון דער סימבאָליסטישער טעכניק. דער סימבאָליקער פאַרוויקלט, בכדי צו קאָנען פונאַנדערוויקלען. ביי יעדן פונאַנ־דערוויקלען אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַלעמאָל עפּעס אַנדערש פון דער ברילע, פונעם חומר. דער סימבאָליזם, מער ווי אַלע אַנדערע ריכ־טונגען, פאַרשטייט קונסט ווי אַן אַנטפּלעקונג נישט נאָר פון זיך אַליין (פון

דעם קונסט גופא), נאָר פון די טיפעניש‏ן פון דער וועלט און פון דעם אַלעם וואָס רינגלט אונדז און די וועלט אַרום מיט סוד. דער סימבאָליקער פאַר־וויקלט, פאַרדעקט, בכדי צו קאָנען אַנטפּלעקן, ווייל מיט זיין יעדער נייער אַנטפּלעקונג דעקט דער קינסטלער אַלעמאָל מער אָפּ (זאָל זיין מיט איין טפח, צי אפילו מיט איין צענטימעטער), ווי ער האָט פאַרדעקט, פאַרוויקלט. דאָס איז אויך דער ענין פון נפילה ביים צדיק. נאָך יעדן נייעם פאַלן הייבט ער זיך אויף צו וואָס אַמאָל אַ העכערער מדרגה.

נוח איז אין אָנהייב געגאַנגען נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געטריבן געוואָרן פון אַן אייגענעם, אינערלעכן, גורלדיקן כוח, נישט מער. דערין ליגט אויך דער טיפער זין פון זיין יתומדיקייט. דערפאַר מוז נוח זיין אַ יתום, בכדי ער זאָל נישט האָבן אין וואָס אָנצובינדן, אָדער צו וועמען צושטיין נאָך אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין זיין אויף דער וועלט — אויסער צו זיך אַליין. נאָר מיטן מאָמענט, ווען נוח האָט געמוזט אַנטלויפן אין מיטן וועג, ווייל פלוצים ליגט אויף אים אַ גרויסער זעלנער אַרויף אַ שווערע האַנט און זאָגט: „מען דאַרף דיך”, ער וויל אים נעמען אין די סאָלדאַטן, דאַמאָלט דערפילט נוח די נאַקעטע ברוטאַלקייט פון דער פרעמדער וועלט. נוח דרייט זיך אַרויס פון זעלנערס הענט מיט חכמה, מיט ערמה. ער לויפט צו צום ערשטן אַנגעטראָפענעם זקן און פרעגט אים: „רבי, וואָס זאָל איך טאָן?” און דער זקן ענטפערט אים:

וועד עס קאָן מקבל זיין באהבה,
נעמט אָן דעם עול און דורך רציחה און אכזריות
צו זיך און יענעם גייט ער אַלץ דעם גאַנג צום יחוד.
נאָר ווען ס'וואָלט יעדער פשוטער בשר־ודם געקענט זיין לייב
פון פחד אויסלייזן און גיין מיט פרייד מקדש זיין דעם נאָמען.
וואָלט די אכזריות פון דער וועלט און אונדזער קדושה
שוין לאַנג די רעשט פון אונדז פאַרטיליקט. האָט דער פחד
געבוירן דאָס געגאָד צו קענען די אכזריות איבערקליגן
ווי דו — דעם זעלנער. לויף און ראַטעווע דיין לייב.

(זייט 24)

פון דעמאָלט אָן טרייבן נוחן שוין נישט בלויז זיין אייגענער כוח, נישט בלויז דאָס, וואָס איז אין אים, נאָר אויך דאָס פרעמדע, וואָס איז אויסער אים. ער ווערט אַ „גייער” נישט בלויז אין זיין וועג, נאָר אויף אַלע וועגן, סיי גוטע סיי שלעכטע, סיי הייליקע און סיי פאַרדאָרבענע, אויף אַלע וועגן אויף וועלכע אַ יידיש נפש האָט נאָר געקענט צי געמוזט טרעטן.

*
**

אונדזער יידישע ליטעראַטור־קריטיק איז כמעט אויסשליסלעך איינ־געשטעלט אויף אידעאישן אַנאַליז פון ליטעראַרישע ווערק און וויניק נאָך

אויף פאָרמעלן אַנאַליז. די קריטיקער אונדזערע פאָלגן און פאָרשן קודם־כל די אידייע פון ווערק און נישט זייער קאָנסטרוקציע. עס קומט דעריבער אויס, אַז די קריטיק איז אַ ליטעראַריש־פּובליציסטישע און נישט קיין פאָר־מעל־עסטעטישע. וועגן די סיבות פון אַזאַ צושטאַנד אין אונדזער ליטעראַטור־קריטיק איז נישט דאָ דאָס אָרט צו רעדן. די קריטיקער פאָלגן נאָך דעם שרייבערס אידייע, איר אַנטוויקלונג, איר קאָנסעקווענטע דורכפירונג אין ווערק, אָדער איר נישט פולקאָמענקייט. לויט זיי קומט אויס, אַז די גאַנצ־קייט פון אַ קינסטלעריש ווערק איז אָפּהענגיק דערפון, צי און אויף וויפל דעם שרייבער איז געלינגען צו ברענגען צום אויסדרוק אין זיין ווערק די אידייע, וואָס איז געוואָרן דורך אים פאַרטראַכט, אָדער צוגעשריבן אים דורך די קריטיקער.

וואָסערע איז די קאָנסטרוקציע גופא פונעם ווערק? צי איז זי גליקלעך געוואָרן צוגעקליבן פאַר דער אידייע? צי איז זי (די קאָנסטרוקציע) בכוח אויסצוטראָגן אויף זיך די אידייע וועלכע זי וויל, אָדער וועלכע דער מחבר וויל פּרעזענטירן? צי איז דאָס ווערק געבויט שטאַרק קינסטלעריש, אַז די אידייע זאָל קאָנען, אָדער זאָל וועלן זיך באַהעפטן מיט דער קאָנסטרוקציע? די אַלע פראַגן מאַטערן נישט געוויינטלעך אונדזערע קריטיקער.

מע דאַרף זאָגן אָפן. אַ קינסטלעריש, צי בכלל אַ ליטעראַריש ווערק, איז נישט קיין פילאָזאָפישע, צי היסטאָריאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג, און איז גאָרנישט מחויב צו לייזן וועלט־ און מענטש־פּראָבלעמען. דער מחבר האָט דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו דיספּאָנירן מיט זיין טאַלאַנט און אויסקלייבן די טעמע, וועלכע ער וויל. דאָס איז זיין אומבאַשטרייטבאַרע רעכט. דאָס מעסטן די גרויסקייט פון אַ ווערק מיט דער וויכטיקייט פון אָנגעשטעלטן פּראָבלעם איז אַ קוואַל פון אַ שיעור מיספאַרשטייענישן. ס'זענען פאַראַן מחברים, וואָס שטעלן אַוועק אַזעלכע הארבע פּראָבלעמען, אַז ס'וואָלט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז זיי וועלן וועלטן אונטערצינדן און לסוף זענען די ווערק זייערע נישט מסוגל אַפילו קיין שוועבעלע אָנצוצינדן. און פאַרקערט, זענען פאַראַן מחברים, וואָס אַפילו זייערע קליינע ווערק זענען בכוח עוקר־הרים צו זיין (כאָטש מע דאַרף נישט איבערשאַצן די גרוים פון דער השפעה פון קינסטלערישע ווערק אויפן לעבן פון מענטשלעכן כלל).

אמת, דער קינסטלער, דער שרייבער האָט דאָס רעכט אויסצוקלייבן זיך אַ טעמע, צי אַן אידייע, וואָס פאַרא ער וויל. ס'זענען אָבער פאַראַן אידייען, וואָס מאַטערן אַזוי דעם קינסטלער, לאָזן אים נישט צורו, אַז זיי ווערן זיין גורל. אַן אמתער קינסטלער זוכט קיינמאָל נישט קיין תוך פאַר זיינע קינסטלערישע קאָנסטרוקציעס און זוכט קיינמאָל נישט קיין קינסטלע־רישע קאָנסטרוקציעס פאַר זיינע תוכן. זיי ווערן ביי אים געבוירן בנשימה אחת. מיטן קינסטלערישן פּראָצעס איז פּונקט אַזוי ווי מיטן כעמישן פּראָצעס. דאָס אַריינפירן יעדן נייעם עלעמענט אין דער קונסט ענדערט נישט נאָר די גאַנצע קוואַליטעט פון ווערק, נאָר אויך די קוואַליטאַטיווע באַציאונג פון

איין עלעמענט צום צווייטן. אזוי ארום, קאָן מען זאָגן, אז יעדעס באמת קינסטלערישע ווערק איז אייגנטלעך א נייע קאָנסטרוקציע פאַר זיך. ס'זענען נאָר פאַראַן קאָמפּלעקסן פון קינסטלערישע קאָנסטרוקציעס, למשל, דער קלאַסישער קאָמפּלעקס, דער ראָמאַנטישער קאָמפּלעקס, דער רעאַליסטישער קאָמפּלעקס, אאַ"וו.

מנחמס „דער גייער" איז אויך א באַזונדערע קאָנסטרוקציע, וואָס געהער צום סימבאָליסטישן קאָמפּלעקס. מע קאָן קיינמאָל נישט זאָגן, אז א ווערק איז אידייאיש נישט פּולקאָם, נישט אויסגעהאַלטן. נישט צום דאָזיקן צוועק ווערט א קינסטלעריש ווערק בכלל געבוירן. מע קאָן נאָר זאָגן, אז א ליטעראַריש ווערק איז קינסטלעריש יאָ אָדער נישט אויסגעהאַלטן. טאָמער איז עס נישט קינסטלעריש אויסגעהאַלטן, פאַלט במילא צוזאַמען מיטן ווערק אויך זיין אידייע. פאַרקערט, איז דאָס ווערק קינסטלעריש גאַנץ — מעג די אידייע נישט זיין קאָנסעקווענט דורכגעפירט — איז דאָס ווערק גאַנץ, ווייל די וועלט פון מחשבה וועט קיינמאָל נישט זיין פולקאָם און אין דער וועלט פון קונסט איז שוין נישט איינמאָל געווען שלימותדיקע ווערק. די וועלט פון מחשבה ווייסט נישט פון קיין נאָרמע, אין דער צייט, ווען קונסט איז נאָר און אויסשליסלעך: נארעם. די וועלט פון מחשבה ווייסט נישט פון קיין צוים, אין דער צייט, ווען קונסט איז געבוירן געוואָרן דורך צמצום. דערפאַר איז די וועלט אָפט אזוי שיין און אזוי זעלטן גוט.

ס'מאַכט נישט אויס, וואָס דער „גייער" קומט צוריק; ס'מאַכט נישט אויס, וואָס ער אליין איז נישט פריי פון שאָטן-זייטן. דער „גייער" דאַרף נישט זיין גאַנץ אין זיין מהות, ער דאַרף נאָר זיין גאַנץ אין זיין גיין. און אויב זיין ערדיש גיין האָט זיך געענדיקט, איז דאָ, איז געווען און געבליבן דאָס נשמהדיקע, דאָס גייסטיקע גיין. דער „גייער" האָט נישט בלויז אַן עטישע, נאָר אויך א גייסטיקע, פילאָזאָפישע שליחות.

ווען ס'רעדט זיך וועגן עטישער שליחות, דאַרף מען אויך זאָגן, אז דער סימבאָליזם האָט אָפּגעהיטן א גרויסן טייל פון דער ליטעראַטור פון אריינצופאַלן אין דעקאַדענס.

דעקאַדענס דאַרף מען דעפינירן, ווי א ברוך, א ריס, א שפּאַלט צווישן דעם עטישן און עסטעטישן אין דער קונסט. דער נאַטוראַליזם, וואָס האָט אויפגעדעקט פּלוצים פאַר דער וועלט די אייטערדיקע וואונדן אירע, האָט געמוזט פירן די קונסט צו דעקאַדענס. דאַקעגן דער סימבאָליזם, וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פון דער אויסערלעכער וועלט און זיך געוואָנדן בלויז צו דער אינערלעכער, האָט ווייטער געקענט אָנהאַלטן און אפילו פאַרשטאַרקן דעם בונד צווישן עטיק און עסטעטיק און זיך ראַטעווען פון דעקאַדענס.

דער יידישער סימבאָליזם האָט זיך זיין אייגענעם וועג. דער נישט-יידישער סימבאָליזם האָט געהאַט א פאַרזיכערטע אויסערלעכע וועלט און זיך געקאָנט אָן געפאַר פון איר אָפּרייסן. דער יידישער סימבאָליקער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין זיכערע אויסערלעכע וועלט און דערפאַר נישט

געקאָנט אײַנגאַנצן אין איר פאַרגעסן. נישט ווײַל ער האָט נישט געוואָלט פאַרגעסן, נאָר ווי שוין אויבן געזאָגט, ווײַל די גויאישע וועלט האָט אים כסדר אין איר דערמאָנט. דאָס דאָזיקע בילד, דעם מאָדנעם בונד צווישן רעאַליזם (צי אפילו נאַטוראַליזם) מיט סימבאָליזם, זעען מיר טאַקע אין מנחמס „דער גייער".

אויב ס'קומט שוין אין „גייער" פאַר אַ געראַנגל צווישן עטישן און עסטעטישן, איז דער רעזולטאַט לטובת דעם עטישן (און נישט ווי אין דער דעקאַדענס לטובת דעם עסטעטישן). דערמאָנט אײַך דאָס בילד (זײַטן 245-246):

אַרײַנגעקומען אסתּר־תּענית נאָכן האַלבן טאָג,
האָט נוח אויפֿן טראָגעדיקן ווײַב דערזען אַ זײַדן קאַפּטל,
ביים בעט האָט פֿון דער וואַנט אַראָפּ געמיניעט אַ ראַטאָנדע
פֿון ברוינעם פּליוש, און אויך די ייִנגלעך־מאַנטעלעך
פֿון פּרעמדע פּלייצעס.

ער האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין טענות מיט דער טראָגעדיקער פרוי זײַנער. אָבער ביי קאָרנפעלדן, ביים סוחר, ביי ר' מרדכים איידעם, מיט וועמען ער איז זיך געקומען אָפּרעכענען פֿון די פּלעטן, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זײַן ווײַב פּלעגט דאָרטן נעמען געלט. ער וויל צוריקגעבן דאָס געלט, אָבער יענער ווייסט נישט וויפֿל ס'קומט, ווײַל ער האָט עס געגעבן בתורת מתנה צי נדבה, און נישט פאַרשריבן. נוח צעשרייט זיך און באַצאָלט מיט געוואַלד אַ קיילעכיקן פינפער. ווען ער קומט אַהיים, פאַרגעסט ער:

„די שוואַנגערשאַפט פֿון ווײַב": — וואָס קדיכסטו דאָרט צו זיי?
וואָס דאַרפסטו ווייערע זײַדנס מיט זייערע פּליושן? און וואָס לערנסטו
די קינדער אויך צו קליידן זיך פֿון פּרעמדע פּלייצעס?
. . . זינט מ'איז מאַן און ווײַב
האָט ער אויף איר קיין קול אַזוי נישט אויפגעהויבן.

— — —

— — — . . . ער האָט אויף דער נאַכט
פאַר איר געלייענט די מגילה און דערנאָך אוועקגעזעצט
און שטיל מיט רייד פֿון מוסר־ספרים אײַנגעטענהט
ווי ליב ס'איז דעם אייבערשטן די אָרעמקייט, ווי פּוסט
דער פּוץ פֿון שיינע בגדים און ווי זייער אָפּגעהיט
אַ מענטש דאַרף זײַן מיט נעמען פֿון אַ צווייטן. ווער עס נעמט
צום לעבן בלויז — דינט גאָט מיט אויפהאַלטן דאָס לעבן
נאָר נעמען לוקסוס־זאַכן, מיינט זיך אונטערגעבן
דעם יצר־הרע . . . האָט זי זיך צעוויינט און גרייט געווען
די זאַכן אָפּטראָגן. — דאָס טוט מען נישט. נאָר נוץ זיי נישט,
די זאַכן. זאָלן זיי דאָ הענגען — וועסטו זיך דערמאָנען —
מען דאַרף נישט אָנקומען צו מענטשן נאָך אַזוינס.

זי פאַרשטייט אים, זי פילט, אַז ער איז גערעכט: מע טאָר גאָרנישט מוותר זיין פון עטישן צוליב דעם עסטעטישן.

**

לאָמיר זיך איצטער גענויער צוקוקן צו דער קאָנסטרוקציע פון „גייער". דאָס רעאַליסטישע מיטן סימבאָליש־מיסטישן זענען דאָ כסדר רעגלמעסיק און קאָנסעקווענט אדורכגעפלאָכטן. הייבן הייבט זיך דער „גייער" אָן רעאַליסטיש, דאָך באַלד קאַטאַסטראָפיש, גורלדיק. אַ בחור פון שניפּישאָק האָט פאַרבלאָנדזשעט אין מאַלטשער ישיבה, דאָ געגעסן „טעג" ביי אַ ייד ר' שלמה. ביי דעם ייד איז געווען אַ שוועסטער, אַ יתומה, פלעגט זי טראָגן דעם בחור טעפּלעך קאַרטאָפל און הירזש. ס'איז געוואָרן אַ שידוך. צום יאָר האָט דאָס ווייבל געבוירן אַ זון און געשטאָרבן אין קימפּעט (דאָס קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן, איז דער שפּעטערדיקער „גייער"). די געשיכטע גייט ווייטער. דער אַלמן נעמט זיין קינד, ווי נאָר מ'האָט עס אַנטוויינט, לייגט עס אַריין אין אַ זאַק אַריין, פאַרלייגט זיך דעם זאַק אויפן האַלדז און גייט צו אייגענער משפּחה.

אַזוי אויפן פאָטערס קאַרק אין אַ זאַק
איז נוח אַוועק מיטן ערשטן טראַקט. (זייט 15)

נוחס פאָטער האָט חתונה מיט אַן אַלמנה. זי גיט נישט אַכטונג אויפן יתום, זי האָט אים נישט אין זינען. דער פאָטער האָט דערפון פאַרדרוס און שטאַרק חרטה, פאַרוואָס ער האָט נוחן צוגענומען פון זיין מאַמעס משפּחה. לסוף שיקט ער אים צו זיי צוריק. נוח איז ביי זיין פעטער ביז נאָך דער בר־מצוה. „פלוצים" איז ער זיך מיישב און וויל גיין אין דער וועלט לערנען תורה. ער פאָרט צוערשט נאָך סלאָנים. דאָ הייבן זיך אָן די ערשטע טריט פון זיין אייגענעם „גיין".

דאָס אַלץ ווערט דורכן מחבר געשילדערט קורץ, טיילמאָל כמעט מיט איינצלנע ווערטער. יעדעס וואָרט איז אַזוי ווי געחתמעט. די קאַרגשאַפט פון אַן אויסדרוק שפּיגלט אין זיך אָפּ די אומברחמנותדיקייט פון גורל. אַזוי איז דאָס! איר וועט גאָרנישט אָפּבעטן, נישט אָפּשרייען פונעם גורל וואָס איז נוחן באַשערט. די שאַרפקייט און האַרבקייט פון געשילדערטן גורל האָט אין זיך מער פונעם גריכישן, אַנטיקישן פאַטאַליזם (פון סאָפאָקלעס, למשל), ווי פון דעם ווייכן, סובטעלן, פראַנצויזישן, סימבאָליסטישן פאַטאַליזם (פון מעטערלינקס, למשל). אָבער דאָס איז נאָר אין קינסטלערישן זין, ווייל אין עטיש־פילאָזאָפישן זין איז דאָך נוח אַ ייד, און אַ ייד איז אַ בעל־בחירה. נוח שטייט טאַקע ביי אַ סך פון זיינע נסיונות, און ווען ער קומט צוריק און ברענגט צוריק זיין טעכטערל שפרה צום לעבן, בלייבט אים אויף די ליפּן הענגען אַ פּסוק: „האָסט געשטריטן מיט גאָט און מענטש און ביסט זיי ביינעקומען".

דער גריכישער („קעניג עדיפּוס“), צי אפילו דער שעקספּירישער פּאטאַליזם („לײדי מאַקבעט“) האָט זײַן יסוד אין פאַרברעכן, אין נאָכגעבן און בלינד נאָכגײן פינצטערע פאַרהוילענע כוחות, — אין דער צײַט, ווען נוחם גורל איז, פאַרקערט, אַן אַדורכלויכטנדיקער, אַ הונגער צו וועלן אַלץ וויסן און גיט זיך קײנמאָל בלינד נישט אונטער קײן שום אומבאַוואוסטן כוח. דער גריכישער גורל, ווען אפילו ער שטראָפט פאַר עבירות, איז ער אויך אַמאָראַליש, ווײַל ער שטראָפט אַ יחיד פאַר די עבירות, וואָס ער האָט געטאָן צוליב זײַן גורל, — אין דער צײַט, ווען דער יידישער גורל שטראָפט אפילו אַ צדיק, איז ער אויך מאָראַליש, ווײַל ער גלייבט אַזוי אַרום אויס דעם געשטערטן עטישן באַלאַנס אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

יאַ. בסך־הכל אויף פיר זײַטלעך פון בוך (פון זײַט 9 ביז 13) שילדערט דער מחבר די ערשטע דרײַצן יאָר פון נוחם לעבן. און אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר דער צו רעאַליסטישער שילדערונג, הויבט ער אָן די פינפטע זײַט מיט אַן אַריינגעהעפטן ליד, וואָס דאַרף זײַן דער לייטמאָטיוו פון ישיבה־בחורישן לעבן, פון טעג־עסנדיקן לעבן:

עסערל גאָלד־פּאַהדיקער!
דו אין דײַנע אויגן
ביסט אַן אָרעם בחורל, אַ שלעפּערל,
נאָר ביי די, וואָס נעמען דיך צו זייער טיש,
דאַרפסטו ווי די אורחים זײַן ביי אברהם־אבינו —.

דאָס ליד „גאָט“ איז געהאַלטן אין אַ האַלבער גראָטעסק־פאָרעם. די קינסטלערישע כוונה פון דעם איז — אָפּצורייסן זיך פון דעם רעאַליסטישן אופן, און נישט לאָזן פאַרגליווערט ווערן די פאָרעם. באַלד אויף דער ווייטערדיקער זײַט האָבן מיר ווידער אַ ליד (זײַט 14). אַ ליד פאַר זיך, אַ געענדיקטס, הערמעטיש פאַרמאַכט, און דאָך גוט אַריינגעפלאָכטן אין שטראָם פון דער שילדערונג. דאָס ליד גיט איבער אין געדיכטע, טונקלטאָניקע פאַרבן די מיסטישע אַטמאָספער אַרום דעם קלויז און קלויזניק. שוואַרץ ברויט און אין טונקעלן לייוונט אײַנגעבונדענע מוסר־ספרים; עלנט, הכנעה און דאָס רײַסן זיך צו נביאישקייט, סוד פון גאָט און נאָגנדיקע תאווה; מאַרק־יידן און מלאכים, וואָס גייען צוזאַמען אויף יעקבס לייטער. מנחם, וואָס שרײַבט אַזוי שווער און פאַמעלעך, איז זייער אַ געשיקטער און פלינקער מייסטער פון קאָמפּאָזיציע.

און ווידער שילדערט דער מחבר אין אַ רעאַליסטישן אופן צוויי זמנים פון נוחם לעבן אין דער ישיבה. ער גייט ווייטער. ער גייט אין שטאָט, וואו ס׳זענען פאַראַן די לײַט מיט אַלמערם פולע מיט חקירה־ספרים. ס׳געשעט מיט אים אויפן וועג אַ קאַטאַסטראָפע. ער ווערט קוים געזונט. ער האָט שוין אונטער זיך 16 יאָר לעבן. מע מאַכט אים שיעור נישט חתונה. ער לויפט אָבער ווייטער.

און בכדי די רעאַליסטישע שילדערונג זאָל נישט אָנהאַלטן צו לאַנג, פּלעכט דער מחבר אַריין אויף דעם אָרט אַ ליד וועגן איליער מתמיד. דאָס איז אייגנטלעך אַ באַלאַדע, וואָס איז נאָר לויז צוזאַמענגעהאָפטן מיטן ווערק גופא. די באַלאַדע, ווי יעדער באַלאַדע, האָט זיך איר באַזונדערן מוסר־השכל. זי דאַרף אָנווייזן אויף דער „אייביקער" יידישער הכנעהדיקייט און אויף דער „אייביקער" גויאישער נשמה, וואָס וועט קיינמאָל נישט זיין ריין פון שנאה. מיטן ווערק גופא האָט די באַלאַדע נישט קיין סך געמיינ־זאַמס, זי איז ווידער נאָר צוליב דער קינסטלערישער קאָמפּאָזיציע אַריינגע־פירט געוואָרן.

די קינסטלערישע מיטלען וואָס זענען אַריינגעפירט בכדי אויפצוהאַלטן די קאָמפּאָזיציאָנעלע גאַנצקייט פונעם ווערק אין די ראַמען פון „סימבאָלישן קאָמפּלעקס", זענען זייער גוט צוגעקליבן און גוט דורכגעטראַכט. אַנט־שפּרעכן די אינערלעכע גאַנצקייט אין נוחס גייסטיק, אינטעלעקטועל לעבן. ווען נוח איז געגאַנגען פון חקירה צו קבלה איז עס ביי אים נישט געווען קיין סתירה, פּונקט ווי ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם האַס פון די משכילים צום חסידיזם. ער האָט אין ביידע שטרעמונגען נישט געזען קיין שום סתירה. נוח, ווי מנחם באָרישאַ, געהערן צו די, וואָס זאַפּן אין זיך אַלץ איין און פאַרלירן נישט קיין איין טראָפּן. אַזוי זעט ער זיין וועג אין יידיש־קייט — אַלץ צונויפקלייבן, אַלץ צוזאַמעננעמען, אַלץ צוזאַמענבינדן, צוזאַ־מענהעפטן אין איין גרויסער טיפזיניקער פילפאַרביקייט. כ'וויל נישט ברענגען קיין סך ציטאַטן, זייט אַזוי גוט און לייענט איבער אויף זייט 29 די ווערטער, וואָס הייבן זיך אָן אַזוי:

איז מעג ער דאָך איבערשפּאַנען
און זעען וואָס זאָגן יענע — אאַ"ו.

ווי שוין געזאָגט, ווייל איך נישט מרבה זיין קיין ציטאַטן. כ'וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך צענדליקער, וואָס זאָלן באַשטעטיקן דעם, דורך אונדז דאָ אָנגעוויזענעם, קאָמפּאָזיציאָנעלן אופן פון פאַררייבן די גרענעץ צווישן רעאַליזם און סימבאָליזם. כ'וויל נאָר אָנווייזן אויף נאָך עטלעכע אַזעלכע שטעלן, כאָטש זיי חזרן זיך סיסטעמאַטיש איבער אויף כמעט יעדן פּערטן, פינפטן, צי זעקסטן זייטל.

נעמט למשל זייט 21. ר' שניאור־זלמן פון לאַדי רעדט פון תפיסה־צעלע צום גאון, וואָס איז שוין אויפן עולם־האמת. נעמט די באַלאַדע (אויף זייט 46) ווי די צוויי חומש־מלמדים גייען זוכן גערעכטיקייט. אָדער (אויף זייט 50) דאָס ליד, וואָס הייבט זיך אָן כמעט מאָנומענטאַל:

ר' יחיאל ראַטעוועט זיך פון מחשבות זרות
אין די ווענט פון בית־המקדש.
נאַכט, און די כהנים האַלטן וואַך
אין די הייזער ביי די טויערן פון דער עזרה.

אָדער (אויף זייט 56) די אימפּראָוויזאַציע פון נוחן, ווען ער שטייט און טענהט זײַנע טענות, וואָס הייבן זיך אָן מיט די ווערטער:

וואָס האָסטו אַלע שטעגן מיר פאַרשטעלט
מיט בייזע וועכטער — דײַנע יאושדיקע נישטן?

מישט אויף די זייט 197, ווען נוח גייט שבת פאַרנאַכט אַרום אַביסל זיך דורכגיין. עס פאַרשווינדט בײַ אים די גרענעץ פון צײַט, ער דערזעט, אַז דער גאַנצער חשבון מיט „געווען" און „איז" איז אויסגעטראַכט. ער שפּירט, אַז ער איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ תחום־שבת. ווער האָט עס געזאָגט די זעלבע ווערטער? ער דערמאָנט זיך, ס'טויכט אויף אַ בילד פון אַ מאַרק אין טבריה שבת פאַרנאַכט און ס'קומט דער וואונדערבאַרער דיאַלאָג צווישן ר' מאירן און אלישען. טיילמאָל דאַכט זיך אויס, אַז אין אלישעס ווערטער איז דאָ אַ סך, וואָס איז נאָענט נוחן. קאָן זײַן, נוח ווייסט נישט אייגנטלעך פון קיין סתירות. אים איז אַלץ נאָענט, וואָס פירט נאָר דעם ייד אין דער הויך.

ס'איז אויך דאָ אין בוך אַ ריי ריין לירישע פּאַרטיעס, וואָס דערשיטערן מיט זייער עכטקייט. נעמט, למשל, אויף זייט 72, די פּאַרטיע, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

אין איינעם פון די טעג האָט מען צוגענומען
בײַ דוואָשען דעם ערשטן מת.

אָדער אויף זייט 195, וואָס הייבט זיך אָן:

— דו האָסט זיך אַ נדר געגעבן, מײַן מאַן,
אַז כל־זמן אין שטוב איז קיין ברויט נישט פאַראַן,
זאָלסטו צו מיר נישט גענענען.

ס'איז דאָ נאָך און נאָך אַזעלכע לירישע שטעלן, וואָס מאַכן דאָס מיסטישע, צי נאָך מער, דאָס אַבסטראַקטע אַזוי מענטשלעך נאָענט, ווי נאָענט ס'איז גאָט, ווען דער מענטש איז מענטש.

***

ס'וועלן זײַן אַזעלכע, וואָס וועלן זאָגן, אַז בכדי צו באַשטימען די קינסטלערישע ווערט פון מנחמס ווערק, דאַרף מען האָבן אַ נײַע קריטעריע פאַר קונסט. ס'וועלן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן פּרוּוון זאָגן, אַז מנחמס ווערק „דער גייער" פאַלט בכלל נישט אַרונטער אונטער דער קאַטעגאָריע פון קונסט־ווערק. זיי וועלן טענהן, אַז „דער גייער" איז צו אַבסטראַקט, צו רעזאָנעריש, צו ראַציאָנאַליסטיש, און אפשר גאָר פאַרשפּעטיקט, פאַר־עלטערט. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון זיי וועט נישט אָפּפרעגן די אידייִשע און אינטעלעקטועלע ווערט פון מנחמס ווערק.

אמת, „דער גייער" געהער צו די ווערק, וואָס צווינגען אונדז ווידער אוועקצושטעלן די אייביק־נישט־פאַרענטפערטע פראַגע: וואָס איז דאָס אַזוינס קונסט? אָבער נישט־אַריינלאָזנדיק זיך אין קיין דעפיניציעס, דאַרפן מיר אויפקלערן אָט וואָס: פאַר די, וואָס האַלטן, אַז די יידישע קונסט דאַרף גיין אויפן וועג פון „ככל הגויים", פאַר די איז מנחמס „דער גייער" צו אַבסטראַקט, פאַר די איז זיין רעאַליזם צו סימבאָליסטיש און זיין סימבאָליזם צו רעאַליסטיש. זיי, די פאָרשטייער פון „ככל־הגויים"־קונסט, וועלן פאָדערן פאַר מנחמס ווערק לכל־הפּחות אַ נייע קריטעריע. די, אָבער, וואָס האַלטן, אַז דער וועג פון דער יידישער קונסט, ווי דער וועג פון יידישן פאָלק, איז נישט ככל הגויים — וועלן פאַרשטיין, אַז אַ יידיש קונסטווערק — אויב ס'געהער נישט אינגאַנצן צו די ספרי־קודש — געהער עס אָבער אויך נישט צו די ספרי־חול. זיי וועלן פאַרשטיין, אַז דער וועג פון יידישן געדאַנק און לעבנס־באַנעם הייבט זיך נישט אָן פון היינט, אַז אין יידישן רעאַליזם איז דאָ אַ סך פון אייביקן יידישן סימבאָל. זיי וועלן פאַרשטיין, אַז אַ יידישער מענטש איז נישט דער, וואָס האָט געלעבט, נאָר דער וואָס האָט אַדורכ־געלעבט; נישט דער וואָס האָט געטראַכט, נאָר דער וואָס האָט אַדורכגע־טראַכט. דעריבער דערשיטערט אַזוי „דער גייער". ער איז מאָנומענטאַל נישט אין זיין אויסערלעכער פאָרעם, נאָר אין זיין אינערלעכער (זיין פאָרעם קומט פון „אינעווייניק"). „דער גייער" איז אַ קאָנדענסירונג פון פאַרשידענע יידישע פאָרמען און אין דער גרויסער פאָרעם פון יידישקייט.

אויב טייל וועלן זאָגן, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט, באַציט זיך נאָר צו דער אידייע, צום אינהאַלט פון ווערק און נישט צו זיין פאָרעם, וועלן זיי מאַכן אַ טעות. אין לעצטן סך־הכל גייט עס אין „גייער" און נישט אין אינהאַלט. „דער גייער" פאַרענטפערט דאָך נישט קיין איין גרונטפראַגע, צוליב וועלכער ער איז אייגנטלעך געוואָרן אַ „גייער". נוחס, ווי מנחמס שליחות אויף דער וועלט, איז געווען אַ קינסטלעריש שליחות. נישט ענטפערן, נאָר אָנווייזן, אַנטפּלעקן; נישט איבערצייגן — נאָר דערשיטערן; נישט דינען גאָט, וואָס איז אויסער אונדז, און נישט דינען דער קונסט, וואָס איז נישט קיין חלק פון אונדזער אייגענער אינערלעכער שיינקייט. און ווייל מנחם האָט אַזוי אוועקגעשטעלט דעם פּראָבלעם פון „גייער", ווייל ער האָט געגעבן נוחן דעם כוח פון פאָדערן, פון דערשיטערן, און נישט געגעבן די שוואַכקייט פון ענטפערן (ווייל יעדער ענטפער וואָלט סיי ווי געבליבן נישט פאַרענטפערט), האָט ער זיך געשטעלט אַ קינסטלערישע אויפגאַבע. עס שפּירט זיך אַזוי שטאַרק אַרויס פון ווערק — גורל, יידישער גורל; און ווייל ס'איז יידישער גורל, איז עס עטישער גורל. עטיק. וואָס קומט נישט פון חקירה, נאָר פון אינערלעכער שיינקייט און האַרמאָניע. און ווייל נוח דער גייער קומט צוריק (אייגנטלעך קומט ער צוריק דאָרט פון וואַנען ער איז אַרויסגעגאַנגען), איז דאָס ווערק אַזוי קאָמפּאָזיציאָנעל, שטאַרק, שלימותדיק, פאַרקייַלעכיקט, איז דאָס ווערק אַזוי דינאַמיש. עפּעס טוט זיך אין אים אָפּ, דאָס וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין משך פון דורות. דער מענטש ווערט צוריק

דער נאַפּל פון דער וועלט, און אַלץ דרייט זיך אַרום אים, ווי די ערד אַרום איר אייגענער אַקס.

מיר זענען זייער ווייט פון האַלטן, אַז די וואָס שאַפן יידישע קונסט „ככל הגויים", טוען אַ מינדערוואַרטיקע אַרבעט. פאַרקערט, טוען זיי זייער זאַך בשלימות, איז זייער שאַפונג אַזוי גרויס, ווי אַלץ וואָס איז גרויס. און אפשר האָט דאָס מנחם דערפאַר אין „גייער" אַנגעטאָן אין חומר פון קונסט אַזויפיל יידישע דורות פון געדאַנק, אידייע, מחשבה, בכדי דער יידישער שרייבער זאָל האָבן פאַר זיך אַ מער פרייען וועג, אַן אָפּגערייניקטן פון דער ירושה פון פאַרגאַנגענע דורות. אויב דאָס זאָל אַזוי זיין, אויב דאָס איז אויך געווען אַ טייל פון מנחמס שליחות, איז עס געווען אַ הויכקינסטלערישע מיסיע.

טייל קאָנען האָבן טענות, אַז „דער גייער" איז צופיל ראַציאָנאַליסטיש, צופיל מוח איז אין אים פאַראַן, ער איז כמעט ליטוויש־טרוקן, בכלל צו דורכזיכטיק, אַז ס'זאָל קאָנען פאַרעכנט ווערן פאַר אַ סימבאָליסטיש ווערק. וועלן זיי ווידער מאַכן אַ טעות. מיסבאָליזם, אפילו דער נישט־יידישער, באַשטייט דאָך נישט בלויז אין אַריינפירן אין ווערק סימבאָליש אַלעגאָרישע פיגורן (דאָס האָבן דאָך אגב אויך געטאָן די ראָמאַנטיקער), סימבאָליזם איז דאָך אויך נישט דאָס צודעקן מיט אַ טונקעלער פאַרב דאָס, וואָס האָט געקאָנט זיין אַזוי העל, קלאָר. סימבאָליזם איז דער וועג פון אַלע „דרויסנס" — צו זיך, פון אַלע אויסערלעכע „צעבראָכנקייטן" צו אינערלעכער גאַנצקייט. דאָס איז אויך דער וועג פון „גייער", דער וועג פון יידישן סימבאָליזם, און זאָל עס טייל אויסזען ווי רעזיגנאַציע, ווי אָפּזאָגן זיך פון קאַמף, אָבער סוף־כל־סוף איז דאָך דער גרעסטער קאַמף דער וואָס ווערט געפירט מיט זיך.

ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס דער סימבאָליזם און דער נאַטוראַליזם — דער וועג צו זיך און דער וועג פון זיך — זענען געקומען אויף דער וועלט איינציייטיק. צווישן זיי איז געלעגן אַ צעשמעטערטער דער „דעקאַדענץ". מנחם באַריישאַ האָט ביידע ריכטונגען אין זיך פאַראייניקט און אַרויס קינסט־לעריש גאַנץ און געשטאַרקט. די וועלט פון מחשבה און די אויסערלעכע וועלט פון מעשה האָט מנחם נישט געקאָנט פאַראייניקן. דאָס איז נישט זיין דורכפאַל. ס'איז דער וועלטס דורכפאַל. אָבער די וועלט פון מחשבה מיט אינערלעכער מעשה האָט ער יאָ פאַראייניקט. — ווייל אינערלעך איז יעדע מחשבה כמעשה. נוחס שאָטן־זייטן, זיינע שוואַכקייטן, זיין נישט־ברוטאַלע, נאָר דאָך בלינדע באַציאונג צו די נאָענטסטע דאַרף פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון די שטרויכלונגען פון נוחס גורל — אָבער נוח און זיין אינערלעכע וועלט, פונקט אַזוי ווי באַריישאַ און זיין קינסטלערישע וועלט — זענען שטאַרק, גרויס און גאַנץ.

גערעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פּרעס, אינק.,
228 איסט 45 סט., ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאַנדאַן
488

PROPERTY OF
HOUSE OF THE BOOK
THE BRANDEIS INSTITUTE
BRANDEIS, CALIFORNIA 93064